This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש היימלאַנד

3

1978

31-528

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש־קינסטלערישער
כוידעש־זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

מאַרטש

3

1978

אינהאלט

טעאָרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאנד“ איבער פראגן פון דער נײַער קאָנסטיטוציע פון פססר. ג. פראוואָטאָראָוו. א געזעלשאפט פון באפרײַטער מי; פ. סימוש. די סאָציִאלע און אידייִשע איינהײַט פון דער סאָוועטישער געזעלשאפט; נ. לייזעראָוו, נ. קיִאשטשענקאָ. די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע און די גײַסטיקע אוצרעס פונעם סאָוועטישן פאָלק 3

ריווע באליאסנע. פאר אלעמען אויסשפרייטן וועגן (לידער) 16

אלעקסאנדער ליזען. נאָכעמקע עסרעג (ראָמאן. סאָף). צייכענונגען פון אי. מאסטבאום 17

אווראָם גאָנטאר. פונעם בוך „דער מאָרגנשטערן“ (לידער) 65

געדאליע קאָסאָי. צוויי ווידעס (דערציילונג) . 71

אונדזערע מיטצײַטלער. בראָכע און ארן בורשטיין. פאָדפאָלקאָווניק פון מיליציע באָריס קריס; צוגאסט בא די קאָמי־פערמיאקעס (פארצייכענונגען) 87

כאַיםביידער. גוואָזדיקעס אפן שניי (לידער) . . 93

מוישע אלטמאן. זקײנישע נאָטיצן 98

ווערק פון אונדזערע לייענער. לידער פון שלוימע ראפאָפּאָרט, מאָניע מיניעוויטש, הערשל באראז, איציק בעקער; דערציילונגען און פארצייכענונגען פון ארן זײַטשיק, דאָוויד פײַנשטיין, הערש געליבטערמאן, בינ־יאָמין בראנד 105

שיקע דריז. פאר קליין און גרויס (לידער) . . . 120

ליטעראַרישע געדענק־דאטעס. מוישע אָלגין (1878—1939). די, וואָס שטייען פונווײַטן; אהין, אין דער הייך (פארצייכענונגען) 124

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. זאלמען קאהאן. דעם טאטנס שטעמפל 127

נאָכעם אלפערט. א זעלנער פון ערשטן עשעלאָן 131

הײַנטצײַטיקע רוסישע זינגלידער אין דער איבערזעצונג פון ארן ווערגעליס 134

מאניע לאנדמאן. זיכרוינעס פון א מאשיניסטקע 140

ליטעראטור־קריטיק. ביבליִאָגראפיע. פראגן פון קונסט

הערש רעמעניק. נאָטיצן וועגן דער הײַנטצײַטיקער נאָוועלע 145

אירמע דרוקער. איציק פעפער פון דער נאָענט 152

זאיִר אזגור. דאָס, וואָס ס׳געדענקט זיך (צום 70־טן געבורטסטאָג פונעם סקולפּטאָר) 161

זינאָווי קאָמפאנייעץ. מײַנע באגעגענישן מיט דמיטרי שאָסטאקאָוויטשן 169

פון דער פארגאנגענהײַט. יעשוע ליובאָמירסקי. שונד־טעאטער 172

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען. פאָרטרעטן אין הומאָריסטישע פארבן. (פאמפלעטן) 177

פארשיידנס 184

די יִדישע אווטאָנאָמע געגנט מיט 50 יאָר צוריק און הײַנט (פאָטאָרעפּאָרטאזשן) 186

כראָניק 97, 104, 123, 160, 176, 190

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור 191

פאר די, וואָס לערנען יִדיש 194

רעזומע לויט די מאטעריאלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), א. גאָנטאר,

ש. גאָרדאָן, ט. גען,

נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,

ב. מילער, כ. מעלאמוד,

ה. פאָליאנקער,

ס. פרײַ, ה. רעמעניק,

י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר)

טעאָרעטישע קאָנפערענץ
פון „סאָוועטיש היימלאַנד״
איבער פראַגן פון דער נייַער
קאָנסטיטוציע פון פססר

ג. פּראָוואָטאָראָוו,
דאָקטאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן

א געזעלשאַפט פון באַפרייַטער מי

די דערפאַרונג פון אונדזער לאַנד, וואָס גייט שוין זעקס צענדליק יאָר מיטן אָקטיאַבער־וועג, האָט באַוויזן דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייַט, אַז דער רעאַלער סאָציאַליזם איז א לעבעדיקער בייַשפּיל, וויאַזוי צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אַף דעם סאַמע יוישערדיקן אויפן, אין די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע. ווי מאַרקס האָט דאָס פאָרויסגעזען, איז די מי, א באַפרייַטע פון עקספּלואַטאַציע, געוואָרן די הערשערן פון דער נייַער וועלט.

„דער סאָציאַליזם,— איז א לעבעדיקער בייַשפּיל, וויאַזוי צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אַף דעם סאַמע יוישערדיקן אויפן, אין די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע. ווי מאַרקס האָט דאָס פאָרויסגעזען, איז די מי, א באַפרייַטע פון עקספּלואַטאַציע, געוואָרן די הערשערן פון דער נייַער וועלט.

„דער סאָציאַליזם,— ווערט געזאָגט אין דער באַשטימונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד וועגן דעם 60־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע,— דאָס איז א געזעלשאַפט פון באַפרייַטער מי, פון עכטער דעמאָקראַטיע, פון ווירקלעכער פרייַהייַט פון דער פּערזענלעכקייַט, פון דער סאַמע פּאָרגעשריטענער וויסנשאַפט און קולטור. דער סאָציאַליזם ליקווידירט אַלע פאָרמען פון דרוק, ער זיכערט דאָס רעכט אַף אַרבעט, בילדונג און אָפּרו, די פולע באַשעפטיקטקייַט פון די אַרבעטנדיקע, ער שאַפט רעאַלע מעגלעכקייַטן פאַר דעם אַלזייַטיקן שעפערישן וווּקס פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט״. די דאָזיקע היסטאָרישע דערגרייכונגען זייַנען געזעצגע־בעריש פאַרפיקסירט אין דער נייַער קאָנסטיטוציע פון פססר — אין דער קאָנסטיטוציע פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם.

1

די אידעאָלאָגן פונעם קאַפּיטאַליזם, זייַנע פּריסטערס און באַלמאָפּסים, סטאַרען זיך באַוויַזן פאַרן האַמוין, ווי ער, דער קאַפּיטאַליזם, ווערט אומגעריכט פאַרוואַנדלט אין אַן אומשולדיק שעפעלע. נאָר זיי שטעלן אַרויס בלויז די אויסערלעכע, די ריין אילוזאָרישע זייַט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וווּ אַלץ איז צוגעפּוצט, שיין און פייַן. עס גייט א מעקעך־אומעמקער פון אַרבעטס־קראַפט. דער פאַרקויפער איז דער לוין־אַרבעטער, דער קויפער — דער קאַפּיטאַליסט. קלוימערשט צוויי צדאָדים שליסן צווישן זיך אַן אָפּמאַך, זייַענדיק יורידיש פולשטענדיק

גלײַכבארעכטיקט. ווען מע גיט אָבער א הייב אונטער דעם פּאָרהאנג איבער די רעאלע קאפּיטאליסטישע פאַרהעלטענישן, בלײַבט קיין זייכער ניט פונעם מיראזש פון פרײַהײַט און גלײַכהײַט. מע דערזעט אין דער גאנצער נאקעטקײַט דעם ביטערן עמעס, דעםווירקלעכן טײַטש פון אייגנטום: פאַרן קאפּיטאליסט — ארײַנכאפּן וואָס מער פרעמדע מי, ניט באצאָלנדיק פאַר איר מיט יושער; פאַרן ארבעטער — די אומעגלעכקײַט צו געניסן פונעם פּראָדוקט פון דער אייגענער מי.

דאָרט, ווו די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָבן ניט קיין גלײַכע שײַכעס צו די גרונט־מיטלען פון דער פּראָדוקציע, דאָרט, ווו די דאָזיקע גרונט־מיטלען זײַנען פּריוואט־אייגנטום, — ווערט דער הויכער באגריף פרײַהײַט פאַרוואנדלט אין זײַן קעגנזאַץ, אין א פּראַזע פון הוילער צוזאָגעס.

וואָס שײַעך צו ריידן, אין דער בורזשואזער געזעלשאַפט, צום אונטערשייד פון דער שקלאַפנבאַזיצערישער אָדער פעאָדאַלער, קאָן דער ארבעטער טאָן וואָס ער וויל מיט זײַן ארבעטס־קראַפט, ער איז איר אייגנטימער, קיינער קאָן אים ניט אָנבינדן קיין צוואַנג־ארבעט. דאָס איז אָבער בלויז פאָרמעל. פאַקטיש איז די „פרײַע וועלט" טאַקע א געזעלשאַפט פון צוואַנג־ארבעט, ווו דער לוין־ארבעטער האָט די פולע מעגלעכקײַט אויסצוקלײַבן איינס פון די צוויי: אָדער שטאַרבן פון הונגער, אָדער מײַען זיך פאַרן עקספּלואַטאַטאָר. דער קאפּיטאליסט, ווידער, איז פרײַ צו שטילן זײַן עכט וואָלפישע גיריקײַט צו פרעמדער ניט באצאָלטער מי. „אלס א קאַפּיטאליסט, — האָט געשריבן קארל מאַרקס, — שטעלט ער מיט זיך פאָר בלויז דעם פּערזאָניפיצירטן קאפּיטאל. זײַן נעשאָמע איז די נעשאָמע פונעם קאפּיטאל... קאפּיטאל איז די טויטע מי, וועלכע ווערט, ווי א וואַמפּיר, לעבעדיק בלויז דעמלט, ווען זי זאַפּט אײַן אין זיך די לעבעדיקע מי, און זי לעבט אַלץ פולער, וואָס מער לעבעדיקע מי זי שלינגט אײַן" (ק. מאַרקס און פ. ענגעלס. ווערק, ב. 23, ז. 244). ווי עס שרײַבט דער אמעריקאַנער זשורנאַל „פאָרטשון", האָט אין 1976, לעמאָשל, באַטראָפן דער רעווע֞ך פון 500 גרעסטע אינדוסטריעלע קאָרפּאָראַציעס 49,4 מיליארד דאָלער קעגן די 37,8 מיליארד אין 1975. אינעם זעלבן צײַט־אָפּשניט האָבן די רעאַלע האַכנאָסעס פון די ארבעטנדיקע זיך פאַרקלענערט. די אמעריקאַנער צײַטונגען טיילן מיט, אז דער געברויך פון שפּײַז־פּראָדוקטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע דערגרייכט אין 1976 דעם סאַמע נידעריקן פּונקט פאַר די לעצטע זיבן יאָר. לויט די אָנגאַבן פון דער בורזשואזער סטאַטיסטיק לעבן אין נויט און אין דאַכקעס מער ווי צען פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פון די אַנטוויקלטע קאפּיטאליסטישע לענדער.

דער סאָציאַליזם נעמט ניט אָפּ באַם ארבעטער זײַן אייגנטום אויף דער ארבעטס־קראַפט, דאָס רעכט פרײַ צו באַגיין זיך מיט דער פעיִקײַט זיך מײַען. דאָס דאָזיקע רעכט ווערט רעאליזירט ניט דורך פאַרקויפן די אייגענע ארבעטס־קראַפט, ווי דאָס קומט פאָר באַם קאפּיטאליזם, נאָר דורך דעם, וואָס דער ארבעטס־מאַן טרעט פרײַוויליק ארײַן אינעם פּראָדוצירישן קאָלעקטיוו ווי א גלײַכבארעכטיקטער מיטגליד. אין אזא קאָלעקטיוו הערשט עמעסע סאָציאַלע גלײַכהײַט, דה. גלײַכהײַט פון מענטשן, וועלכע זײַנען פרײַ פון עקספּלואַטאַציע. באַם סאָציאַליזם, האָט וו. אי. לענין געזאָגט, „באַווײַזט זיך צום ערשטן מאָל נאָך יאָרהונדערטער ארבעט אויף פרעמדע, נאָך געצוווּנגענער ארבעט פאַר עקספּלואַטאַטאָרן, די מעגלעכקײַט פון ארבעט פאַר זיך"[1].

דער רײַפער סאָציאַליזם צייכנט זיך אויס מיט דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער פרײַער מי. דער סאַמע בוילעטער באַווײַז איז דאָס, וואָס אין דער נײַער קאָנסטיטוציע פון פססר איז אײַנגעשלאָסן אן ארטיקל, ווו עס רעדט זיך וועגן דער גאַראַנטירטער רעכט פון די בירגער אויף ארבעט, דערגאַנצט מיט דעם רעכט צו אויסקלײַבן א פּראָפעסיע, א באַשעפטיקונג און אן ארבעט אין העסקעם מיטן באַרוף, מיט די פעיִקײַטן, פּראָפעסיאָנעלער צוגרייטונג, בילדונג, געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן.

די דאָזיקע דערגאַנצונג האָט א קאָלאָסאַלע פּרינציפּיעלע באַדײַטונג. די קוואַליטעט פון דער פּראָדוצירטעטיקײַט, איר עפעקטיווקײַט איז דאָך דירעקט אָפּהענגיק פון דער פעיִקײַט פונעם מענטשן צו ארבעט. די אַלזײַטיקע אַנטוויקלונג פון אזא פעיִקײַט פאָדערט, מע זאָל פרײַער צוגרייטן זיך צו דער ארבעט, ווײַל איר דערפאָלג איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן ריכטיקן אויסוואַל פון דער פּראָפעסיע, מיט דעם, ווי די פּראָפעסיע אַנטשפּרעכט די נאַטירלעכע נייגונגען.

דאָס איז באַזונדערס וויכטיק אין דער אַנטוויקלטער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ווו אָפּן סמאַך פון דער טיפער געזעלשאַפטלעכער ארבעט־צעטיילונג וואַקסט אויס אין א גרויסער מאָס די צאָל מענטשן פון פאַרשיידענע פאַכן, וועלכע נעמען אן אָנטייל אינעם שאַפן דעם פּאַרטיקן

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 35, стр. 196.

פראָדוקט, עס פארשטארקט זיך זייער פראָדוצירישע קעגנזייַטיקע אָפּהענגיקייַט, בעמיילע אויך די ווירקונג פון יעדן ארבעטער אף די ענדגילטיקע רעזולטאטן פון דער געמיינזאמער ארבעט. די מאשין־אינדוסטריע געבוירט א גרויסע צאָל פראָפעסיעס און פאכן, דערבייַ האלט די צאָל אין איין וואקסן. אין 1920, לעמאָשל, האָט בא אונדז אין לאנד דאָס ווערטערבוך פון באשעפטיקונגען אָנגעציילט 5.496 פאכן און ספעציאליטעטן, אין 1969 — בערעך 29 טויזנט. פארשטייט זיך, אז אין אזא סיטואציע האָט דער ארבעטער די בעסטע שאנסן צו מאכן א ריכטיקן פראָפעסיאָנעלן אויסוואל.

ביז גאָר וויכטיק איז אויך דאָס, וואָס די פרייַהייט צו אויסווייַלן א פראָפעסיע ווערט גאראנטירט דורך דער עצעם סיסטעם פון דער ווירטשאפט, דורך דעם קעסיידערדיקן וווּקס פון די פראָדוציר־קרעפטן, דורך באקומען בילדונג אָן געצאָלטס, אייַנגעשלאָסן די פראָפעסיאָנעלע לער, דורך דער העכערונג פון דער ארבעטס־קוואליפיקאציע און דורכן דערלערנען נייַע פאכן דורך דער אנטוויקלונג פון דער סיסטעם פון פראָפעסיאָנעלער אָריענטאציע און פון ארבעט־אייַנאָרדענונג.

די היסטאָרישע דערפארונג פונעם סאָוועטנפארבאנד באווייַזט, אז די עכט פרייַע מי איז ניט אָפּצוטיילן פון דער פרייַער אנטוויקלונג פון די פייִקייַטן צו ארבעט. בא אונדז אין לאנד טרעפט מען ניט אָן אף קיינע סאָציאל־אנטאגאָניסטישע מעכיצעס באם פראקטישן באנוצן זיך מיט די דאָזיקע פייִקייַטן. אלס איינציקע באגרענעצונג קאָן דינען די פראָפעסיאָנעלע צוגרייטונג, די בילדונג און די געזעלשאפטלעכע באדערפענישן.

מיר זעען אזויארום, אז די געזעלשאפט פון באפרייַטער מי איז א געזעלשאפט פון מענטשן, וועלכע פילן, אז זיי זייַנען די באלעבאטים פון דער פראָדוקציע און פון אירע רעזולטאטן.

2

עס איז גוט באוווּסט, אז די פראָדוקציע פון מאטעריעלע ווערטן איז דער לעבנס־יעסאָד פון יעטווידער געזעלשאפט, די אנטשיידנדיקע ספער פון אָנווענדן דעם מענטשנס ארבעט. דערפון איז אָבער געדרונגען, אז האלטן זיך אלס א פרייַע קאָן בלויז אזא געזעלשאפט, וועמעס עקאָנאָמישער באזיס שליסט אויס ניט בלויז עקספּלואטאציע, נאָר אויך דעם סטיכייִשן כאַראקטער פון די פראָדוציר־באדינגונגען.

און בעעמעס, צי קאָן מען האלטן די מי פאר א פרייַער, ווען די מענטשן געפינען זיך אונטער דער מאכט פון סטיכייִשע געזעלשאפטלעכע באציִונגען, ווען מע ווייסט ניט, וואָס פאר א נוצן מע וועט האָבן פון דער מי און צי זי וועט ביכלאל ברענגען נוצן. צענדליקער טויזנטער ניט פארקויפטע אויטאָמאָבילן, פארפראָפטע סקלאדן מיט סכוירעס פון פאָלקס־געברויך, ווייַל די באפעלקערונג האָט ניט קיין געלט אף צו קויפן זיי; פרוכט און גרינס, וועלכע די פויערים אליין פארניכטן, — אזעלכע הימלשרייַענדיקע פאקטן פון דער קאפיטאליסטישער ווירקלעכקייַט זייַנען איידעס פון דעם, וויאזוי עס ווערט אין א ריזיקן מאסשטאב צעגאנווערט די געזעלשאפטלעכע מי, ווי גרויס עס זייַנען אירע פארלוסטן.

בלויז באם סאָציאליזם, ווו ס׳איז מעגלעך צו פירן די ווירטשאפט פלאנמעסיק, אין מאסשטאב פון דער גאנצער געזעלשאפט, ווערט די מי פון יעדן איינעם, פונקט ווי פון גאנצע פראָדוציר־קאָלעקטיוון, באוווּסטזיניק אייַנגעשלאָסן אינעם סכום פון דער מי פון דער געזעלשאפט. דער געפיל, אז דו ביסט דער עמעסער באלעבאָס פונעם לעבן, דער באוווּסטזייַן, אז דייַן ארבעט האָט א וויכטיקע ווערט (ווי עס האָט געזאָגט דער דיכטער: „איך פריי זיך — דאָס גיסט זיך מייַן מי אריַין אין דער מי פון מייַן רעפּובליק”) — פילט אָן דעם מענטשן מיט שטאָלץ פון א שעפער, געבוירט סאָציאלן אָפּטימיזם.

די אָביעקטיווע נייטיקייַט, אז יעדער מענטש זאָל ארבעטן פאר דער געזעלשאפט, די אָביעקטיווע פארינטערעסירטקייַט פון דער געזעלשאפט אין דער אָבליגאטאָרישער פרייַוויליקער מי פון אלע אירע מיטגלידער, ווערן קאָנקרעט אויסגעדריקט דערין, וואָס אונדזער מעלוכע נעמט אוועק בלויז איין מין „פרייַהייט” — צו זייַן פרייַ פון ארבעט. דעריבער איז באם סאָציאליזם די עמעסע, רעאל־גאראנטירטע רעכט אף פרייַער ארבעט ניט אָפּצוטיילן פון דער פליכט צו ארבעטן. דער סאָציאליזם איז א געזעלשאפט פון באפרייַטער מי און פון אלגעמיינער מי. די ליקווידאציע פון דער עקספּלואטאציע פון מענטש דורך מענטש פאָדערט, אז יעדער ביר־

גער, וואָס איז פייִק צו ארבעט, זאָל ארבעטן פארן ווילזײַן פון דער געזעלשאפט. דאָס איז א נייטיקער באַדינג אַף צו קענען באַוואָרענען דעם שנעלן וווּקס פונעם געזעלשאפטלעכן רײַכטום, פונעם לעבנס־ניוואָ פון די ארבעטנדיקע. צוזאמען דערמיט איז דאָס א באַדינג פאר דער אלזײַטיקער, הארמאָנישער אַנטוויקלונג פונעם מענטשן גופא. „קיין שום אנדער קראפט מאכט ניט דעם מענטשן גרויס און קלוג, — האָט געשריבן מ. גאָרקי, — ווי דאָס טוט די קראפט פון מי — פון קאָלעקטיווער, פרײַנטלעכער, פרײַער ארבעט".

באַפרײַט פון דער קאפיטאליסטישער עקספּלואטאציע, האָבן די ארבעטנדיקע אופגעהערט צו מיִען זיך אונטערן קאָנטראָל פון די קאפּיטאליסטן, זיי האָבן זיך אליין געשטעלט באַם רודער פונעם פּראָדוציר־פּראָצעס און שארף א קערעווע געטאָן אים אַף א נײַעם סאָציאלן קורס, שטעלנדיק פאר דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע דעם שענסטן און סאמע הומאנעם ציל — וואָס פולער באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די מענטשן. דערמיט גופא זײַנען אומגעפאלן די אַנטאגאָניסטישע באַריערן, וועלכע האָבן צעטײלט די מי פונעם ארבעטס־מאַן אַף א מי פאר זיך און א מי פאר אנדערע. אין די באַדינגונגען פונעם סאָציאליזם ווערן זיי ביידע אָרגאניש צונויפגעגאָסן אין אַן איינהײַטלעכן מעכטיקן שטראָם פון דעם מענטשנס ענערגיע, וואָס שאפט די מאטעריעלע און גײַסטיקע רײַכטימער, וועלכע געהערן די ארבעטנדיקע גופא און ווערן אויסגענוצט פאר דעם סיסטעמאטישן אופשטײַג פון זייער לעבנס־ניוואָ. די רעזולטאטן פון אָט דער ארבעט רופן ארויס אַנציקונג באַ אלע פּראָגרעסיווע מענטשן פון דער וועלט. אין 1977, אשטייגער, איז דער געזעלשאפטלעכער הורט־פּראָדוקט באַ אונדז אין לאַנד אויסגעוואקסן אין פארגלײַך מיטן יאָר 1917 אין 96 מאָל, די נאציאָנאלע האכנאָסע — אין 103 מאָל, די פּראָדוקציע פון דער אינדוסטריע — אין 225 מאָל און פון דער לאַנדווירטשאפט — אין 4,7 מאָל.

דאָס געזעלשאפטלעכע אייגנטום, וואָס איז לויטן מעהוס א פאָרם פון ארבעטס־אייגנטום, איז דער יעסאָד פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם פונעם סאָציאליזם. עס ווערט פארמערט און קרעפטיקער, אָפּהענגיק פון דער צאָל און קוואליטעט פון דער ארבעט פון אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. די געוויסנהאפטיקע, הויכקוואליטאטיווע ארבעט איז דעריבער באַזונדערס וויכטיק באַם סאָציאליזם. זי באַשטימט די לאַגע פונעם מענטשן אין אונדזער געזעלשאפט.

דאָס זיכערן די פולע באַשעפטיקטקײַט פון דער ארבעטספייִקער באַפעלקערונג מאכט פאר באַזונדערס וויכטיק דעם זאָרגזאמען דיסקאָנט פון יעדער מינוט פון דער ארבעטס־צײַט, קעדיי דערגרייכן א מאקסימאלן עקאָנאָמישן און סאָציאלן עפעקט. פרײַע מי פאָדערט פולע אָנשטרענגונג פון די קויכעס, פונעם שעפערישן אימפעט, פונעם ווירטשאפטלעכן זעלבסטקאָנטראָל. „די בעמעס פרײַע מי, — האָט געשריבן ק. מארקס, — ...איז א טײַוולאָניש ערנסטע זאַך, די אינטענסיווסטע אָנשטרענגונג" (ב. 46, טייל II, ז. 110).

די פראַגן וועגן פארגיכערן דעם וווּקס פון דער ארבעטס־פּראָדוקטיווקײַט, וועגן העכערן די עפעקטיווקײַט פון אויסנוצן די ארבעטס־רעסורסן פון דער געזעלשאפט, וועגן פארפולקומען די ארבעטס־אָרגאניזאציע אין אלע רינגען פון דער פּראָדוקציע און פארוואלטונג — ווײַטער העכערן די פּראָדוציר־דיסציפּלין, פארפולקומען דאָס גרייטן קאדרען און העכערן זייער קוואַליפיקאציע אין העסקעם מיט די פאָדערונגען פונעם וויסנשאפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס, — די דאָזיקע פראַגן זײַנען דורכן XXV פארטיי־צוזאמענפאָר דעפינירט אלס די גרונט־אופגאַבן פון דער אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָלקסווירטשאפט.

3

די געזעלשאפט פון באַפרײַטער מי היט אָפּ די פרײַהײַט, גלײַכהײַט און דעמאָקראַטיע פארן גאַנצן פאָלק, ניט פאר די באַזיצער פונעם געלט־זאַק. „די פרײַהײַט באַשטייט אינעם רעכט צו טאָן אַלץ, וואָס פארשאפט ניט קיין שאָדן אַנדערע", — האָט ריכטיק באַמערקט דער דײַטשישער דיכטער פון פאַריקן יאָרהונדערט קלאַודיוס. פרעגט זיך: צי קאָן די עקספּלואטאטאָרישע געזעלשאפט, ווו דאָס גליק פון איינע איז געבויט אַפן אומגליק פון אנדערע, אָנרופן זיך מיטן נאָמען פרײַע וועלט? דער עפּיטעט „פרײַע" געהערט מיט רעכט בלויז דער וועלט פון סאָציאליזם.

די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטלעכע פֿאַרהעלטענישן גיבן צו דעם באַגריף פֿרײַהײט אַ נײַעם, פֿריִער ניט קיין געזעענעם אינהאַלט. דער דאָזיקער באַגריף באַטײַט אין דער ערשטער ריי פֿרײַען צוטריט פֿון די אַרבעטנדיקע צו מיִען זיך אין די אונטערנעמונגען, וועלכע זײַנען אַ געזעלשאַפֿטלעך אייגנטום. די אַרבעטנדיקע זײַנען פֿרײַ פֿון דער נייטיקײַט צו פֿאַרקויפֿן זייער אַרבעטס־קראַפֿט, זיי זײַנען פֿרײַ צו באַהאַנדלען אַלע פּראָדוציר־פֿראַגן דורך נעמען אַ פֿרײַוויליקן אָנטייל אין די פֿאַרשיידנסטע פֿאַרוואַלטונגס־פֿאָרמען. וועגן דעם מאַסן־אָנטייל פֿון די אַרבעטער אינעם פֿאַרוואַלטן מיט דער פּראָדוקציע זאָגט אײדעס, לעמאָשל, אַזאַ פֿאַקט: אין 1976 האָבן בײַ אונדז אין לאַנד אין די שטענדיק פֿונקציאָנירנדיקע פּראָדוציר־באַראַטונגען אָנטיילגענומען 50 מיליאָן מענטשן. עס זײַנען פֿאַרגעלייגט און אײַנגעגלידערט געוואָרן אין דער פּראָדוקציע העכער 100 מיליאָן פֿאָרשלאָגן, וועלכע האָבן געגעבן אַ היפּשן עקאָנאָמישן עפֿעקט.

אונדזער געזעלשאַפֿט — ניט בלויז, וואָס זי פּראָקלאַמירט ברייטע דעמאָקראַטישע פֿרײַהײַטן, נאָר זי גאַראַנטירט זיי אויך רעאַל מיט דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזירונג פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע, מיט אַ סיסטעם פֿון צענטראַליזירטער פּלאַנירונג, מיט אַ קעסיידערדיקן און שנעלן וווּקס פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט. די דאָזיקע גאַראַנטיע איז געזעצגעבעריש פֿאַרפֿיקסירט אין דער קאָנסטיטוציע פֿון פֿססר.

די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט איז אַ געזעלשאַפֿט פֿון אַרבעטסלײַט. עס זײַנען איר פֿרעמד ליידיקגייערײַ, נאַכלעסיקײַט אין פֿירן די ווירטשאַפֿט. וועגן דעם האָט גלענצנדיק געזאָגט אויפֿן XVI צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטישע פּראָפֿאַריינען דער כאַווער ל. אי. ברעזשנעוו: „דער סאָוועטישער מענטש איז דער באַלעבאָס פֿון זײַן לאַנד. ער איז דער איינציקער שעפֿער פֿון דער מעכטיקײַט און רײַכקײַט פֿון דער געזעלשאַפֿט. קיינער, אויסער דעם פֿאָלק, קאָן בײַ אונדז ניט באַנוצן זיך מיט די רעזולטאַטן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער מי. עס איז אָבער אויך ניטאָ, ווער עס זאָל אַרבעטן אָנשטאָט אונדז. דאָס באַטײַט, אַז יעדערער דאַרף זיך מיִען אַזוי, אַז אים זאָל ניט זײַן קיין כאַרפּע פֿאַר זיך אַליין, אַז ער זאָל קאָנען מיט אַ רויִק געוויסן קוקן די כאַוויירים אין די אויגן אַרײַן”.

מיליאָנען סאָוועטישע מענטשן באַווײַזן מוסטערן פֿון פֿאַרשטיין דעם געזעלשאַפֿטלעכן כיוּוו, פֿון קאָמוניסטישער באַציִונג צו דער אַרבעט. דערשלאָגן זיך דערצו, אַז די דערפֿאַרונג פֿון די אַוואַנגאַרדיסטן זאָל געפֿינען אַן אַלגעמיינע פֿאַרשפּרייטונג — אַזאַ איז די פֿאָדערונג פֿונעם הײַנטיקן טאָג.

די געזעלשאַפֿט פֿון רײַפֿן סאָציאַליזם איז אַ געזעלשאַפֿט, וואָס האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען, ווערט אַלץ קרעפֿטיקער סײַ מאַטעריעל, סײַ גײַסטיק. און דער יעסאָד פֿון איר פֿאָרויסגאַנג צום קאָמוניזם איז די פֿרײַע שעפֿערישע מי פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק.

פ. סימוש,
קאנדידאט פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן

די סאָציאַלע און אידייִשע אייניקייט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט

די סאָציאַלע אייניקייט פון אונדזער געזעלשאַפט איז דערגרייכט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ציוויליזאַציע. דער דאָזיקער היסטאָרישער פאַקט, וואָס איז פאַרפיקסירט אין דער נײַער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, באַווײַזט קלאָר און בולעט אײַנעם פון די וויכטיקסטע רעאַלע פאָרצוגן פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם אין פאַרגלײַך מיטן קאַפּיטאַליזם. פאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפט זײַנען כאַראַקטעריסטיש פּאָליטישע, סאָציאַלע און אידייִשע אָפּגעזונדערטקײַט, טיפע, אומבאַשאָלעמדיקע ווידערשפּרוכן צווישן די קלאַסן און סאָציאַלע גרופּעס. אין דער געזעלשאַפט פון רײַפן סאָציאַליזם הערשט די אידייִש־פּאָליטישע און סאָציאַלע אייניקײַט פון די אַרבעטנדיקע. זי קומט אַלס סאַכאַקל פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער איבערגעשטאַלטונגס־טעטיקײַט פונעם סאָוועטישן פאָלק און זעצט פאָר צו אַנטוויקלען זיך אין פּראָצעס פונעם בײַקומען די ניט־אַנטאַגאָניסטישע ווידערשפּרוכן און סאָציאַלע אונטערשיידן, אין קאַמף קעגן די אַרכאַישע טראַדיציעס און געוווינהײַטן.

די ווײַטערדיקע פאַרפעסטיקונג פון דער סאָציאַלער אייניקײַט איז פאַרבונדן מיטן לייזן אַ רײ קאָמפּלעקסאַרטיקע קנופּ־פּראָבלעמען, צווישן זיי: די פּלאַנמעסיקע איבערגעשטאַלטונג פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, די קאָנסעקווענטע אַנטוויקלונג פונעם סאָציאַליסטישן לעבנס־אופן; דער וווּקס פון די גײַסטיקע רײַכקײַטן פון די סאָוועטישע מענטשן, פון זייער באַוווּסטזיניקײַט און אידייִשקײַט; די פּראָפּאָרציאָנעלע, באַלאַנסירטע אַנטוויקלונג פון פאַרשיידנערליי ספערן אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אפן עטאַפּ פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם פאַרבלײַבן נאָך וועזנטלעכע סאָציאַלע אונטערשיידן צווישן די מענטשן, וואָס געהערן צו פאַרשיידענע קלאַסן און שיכטן פון דער געזעלשאַפט. צוזאַמען דערמיט ווערט אַלץ שטאַרקער דער פּראָצעס פון אָפּווישן די קלאַסן־גרענעצן און סאָציאַלע מעכיצעס. דער וויכטיקסטער באַדינג פאַר דעם איז די באַהעפטונג פון אַלע סאָציאַלע גרופּעס און שיכטן אַרום דעם אַרבעטער־קלאַס און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער אַרבעטער־קלאַס איז הײַנט דער גרעסטער אין צאָל: זײַן ספּעציפיש געוויכט צווישן דער באַפעלקערונג פונעם לאַנד באַטרעפט מער פון 61 פּראָצענט. צוזאַמען מיטן קוואַנטיטאַטיוון וווּקס קומען פאָר אויך קוואַליטאַטיווע ענדערונגען. באַזונדערס שנעל פאַרגרעסערן זיך די שיכטן, וואָס זײַנען פאַרנומען אין די פירנדיקע צווײַגן, פאַרבונדענע מיט דעם וויסנשאַפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס. עס לאָזט זיך מערקן אויך אַ נײַע טענדענץ — אַלץ אַ גרעסערע צאָל אַרבעטנדיקע זײַנען באַשעפטיקט אין די צווײַגן, וואָס גיבן ניט אַרויס קיין פּראָדוקציע, קאָנקרעט — אין דער באַדינונגס־ספער. עס וואַקסט קעסיידער די אָרגאַניזירטקײַט און באַוווּסטזיניקײַט פונעם אַרבעטער־קלאַס, זײַן בילדונג און קולטור. הײַנט־צו־טאָג זײַנען צווישן יעדע טויזנט אַרבעטער פאַראַן 715 מיט הויך־ און מיטל־בילדונג.

די אידייִש־מאָראַלישע און סאָציאַלע אייגנשאַפטן, וועלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר די פאָרגעשריטענע אַרבעטער, — די באַהעפטקײַט, באַוווּסטזיניקע דיסציפּלין, הויכע אַקטיווקײַט אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט און אין דער אַרבעט, קאָלעקטיוויזם, אידייִשקײַט — דאָס אַלץ זײַנען געוואָרן שטריכן פון דער מערהײַט סאָוועטישע מענטשן.

די וואַקסנדיקע ענלעכקײַט צווישן דער סאָציאַלער סטרוקטור פון שטאָט און דאָרף האָט געבראַכט צו אַן ענדערונג פונעם סאָציאַלן און אינטעלעקטועלן אויסזען פון די האָרעפּאַשניקעס פונעם דאָרף. אויב אין 1959 זײַנען דרײַ פינפטל פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון דאָרף געווען פאַרבונדן מיט דער קאָלווירטישער אייגנטום־פאָרם, זײַנען איצט דרײַ פינפטל אומיטלבאַר פאַרבונדן מיט דער מעלוכישער אַלפאָלקישער אייגנטום־פאָרם. אַרום דרײַ פינפטל אײַנוווינער פון דאָרף זײַנען אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

אונדזער געזעלשאַפט האָט געמאַכט אַ ריזן־טראָט פאָרויס צו דער סאָציאַלער אייניקײַט…

טיקײַט, צום בײַקומען די וועזנטלעכע אונטערשיידן צווישן מענטשן פון פיזישער און אינטעלעקטועלער מי. די סאָציִאַליסטישע אינטעליגענץ, וואָס איז געוואָרן א מאַסן־קאַטעגאָריע צווישן די ארבעטנדיקע (הײַנט־צו־טאָג פארנעמען זיך בא אונדז מיט אינטעלעקטועלער מי ארום 37 מיליִאָן מענטשן), שטעלט מיט זיך ניט פאָר עפּעס אן אָפּגעזונדערטע סאָציִאַלע געמיינשאַפט. א היפּשער טייל אירער איז צוזאַמען מיט די ארבעטער און קאָלווירטניקעס אומיטלבאַר באַשעפטיקט אין דער ספער פון מאַטעריעלער פּראָדוקציע און אינטעגרירט זיך אינטענסיוו מיטן ארבעטער־קלאַס און מיטן קאָלווירטישן פּויערטום. די מיינונג, אַז די ארבעטער און קאָלווירטניקעס שטעלן מיט זיך פאָר בלויז טוער פון פיזישער מי, איז הײַנט שוין פאַרעלטערט. די אינטעלעקטועלע מי האָט אויפגעהערט צו זײַן די פּריווילעגיע פון דער אינטעליגענץ. די מי פון די ארבעטער און קאָלווירטניקעס ווערט אלץ מער אָנגעזעטיקט מיט אינטעלעקטועלע מאָמענטן. עס וואַקסט די צאָל הויכקוואַליפיצירטע טוער, וועלכע מע קאָן באַצייכענען ווי ארבעטער־אינטעליגענטן, קאָלווירטניקעס־אינטעליגענטן. ס׳ווערט שטאַרקער די טענדענץ צו פארייניקן פיזישע און אינטעלעקטועלע מי.

א טיפן זין באַקומט דער פּראָגרעסירנדיקער פּראָצעס פון בײַקומען די קולטור־אונטערשיידן צווישן קלאַסן און סאָציִאַלע שיכטן, זייער דערנענטערונג לויטן בילדונגס־ניוואָ. קעדייַ דערפילן דעם פארנעם פון דער אינטעגראַציע פון די קלאַסן, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין אונדזער געזעלשאַפט, איז גענוג צו זען, ווי מענטשן גייען אינטענסיוו אריבער פון איינע סאָציִאַלע גרופּעס אין אנדערע (עס איז באַוווּסט, אַז די סאָוועטישע אינטעליגענץ שטאַמט אין איר גרעסטער מערהײַט פון ארבעטער און פּויערים), אויך ווי א קאָלאָסאַלע צאָל סאָוועטישע מישפּאָכעס זײַנען, אזוי צו זאָגן, ניט קיין „מאָנאָסאָציִאַלע״: אין איין און דער זעלבער מישפּאָכע טרעפן זיך פאָרשטייער פון פארשיידענע סאָציִאַלע גרופּעס. עס איז צו מערקן אן איינהײַט פונעם לעבנס־אויפן פון אלע קלאַסן און גרופּעס אין אונדזער געזעלשאַפט. אידענטיש זײַנען די הויפּט־שטריכן פונעם סאָוועטישן לעבנס־אַרט: די פאָרמען פון דער ארבעטס־טעטיקײַט און איר אָרגאַניזירונג, די טיפּישע דערשײַנונגען פונעם שטייגער־לעבן פון די מענטשן אויסער דער פּראָדוקציע, די ווערטן פון קולטור און מאָראַל, וועלכע פאָרמירן דאָס גײַסטיקע געשטאַלט פון די מענטשן.

די סאָציִאַליע קלאַסן־סטרוקטור פון דער רײַפער סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפט אַנטשפּרעכט דעם הויכן אַנטוויקלונגס־ניוואָ פון דער פּאָליטישער סיסטעם, וועלכע שפּילט די וויכטיקסטע ראָליע אינעם באַהעפטן די געזעלשאַפט, אינעם פארשטאַרקן די איינהײַט צווישן דער פּאַרטיי און דעם פאָלק. די באַגריפן „געזעלשאַפט״, „פאָלק״, „ארבעטנדיקע מאַסן״ האָבן בא אונדז פאַקטיש באַקומען איין טײַטש, איין זין. דאָס סאָוועטישע פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר א פעסטן בונד פון אלע ארבעטנדיקע — טוער פון דער אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט, באַדינונגס־ספער און קולטור, א בונד פון אלע סאָציִאַלע גרופּעס, פון אלע נאַציִעס און פעלקערשאַפטן, וועלכע זײַנען פאַראייניקט מיט די פעדעם פון פרײַנטשאַפט און מיטאַרבעט אונטער דער אָנפירונג פונעם ארבעטער־קלאַס און זײַן קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די סאָציִאַליסטישע סאָוועטן־מעלוכע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אלס א דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריִאַט און איז אין גאַנג פונעם בויען דעם אַנטוויקלטן סאָציִאַליזם, ווען אלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג זײַנען אריבער אַף די אידייִש־פּאָליטישע פּאָזיציעס פונעם ארבעטער־קלאַס, געוואָרן אַן אַלפאָלקישע, זיכערט אלע באַדינגונגען פאַר דער ווײַטערדיקער פאַרפעסטיקונג פונעם בונד צווישן די קלאַסן און שיכטן פון דער געזעלשאַפט. די סאָציִאַלע דעמאָקראַטיע, וועלכע גיט יעדן סאָוועטישן בירגער ברייטע מעגלעכקײַטן צו אָנטיילנעמען אינעם פאַרוואַלטן מיט די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע איניִאָנים, העלפט מיט צו אַנטפּלעקן די שעפערישע פּאָטענצן פון אלע סאָציִאַלע גרופּעס, זייער איינהײַט אינעם לייזן די שעפערישע בוי־אויפגאַבן.

די אלגעמיינע און ספּעציפישע אינטערעסן פון די קלאַסן, פון די פּראָפעסיִאָנעלע, דעמאָגראַפישע, סאָציִאַלע גרופּעס געפינען זייער אויסדרוק אין דער סאָוועטישער פּאָליטישער סיסטעם — אינעם לעבן פון די פּילאַרטיקע מעלוכישע, געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, מאַסן־געזעלשאַפטן, שעפערישע פארבאַנדן. אלע סאָציִאַליסטישע קלאַסן און סאָציִאַלע שיכטן באַהעפטן זיך, ווירקן אין איין ריכטונג אַדאַנק דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איר ראָליע איז קלאָר און בוילעט אויסגעדריקט אין דער נײַער קאָנסטיטוציע פון פּססר. די לענינישע פּאַרטיי קאָמוניסטן פאַראייניקט און פאַרווירקלעכט אין איר טעטיקײַט דעם ווילן, די אינטערעסן און די שעפערישע באַמיִונגען פון אלע קלאַסן און סאָציִאַלע גרופּעס, נאַציִעס און פעלקערשאַפטן, פון אלע ארבעטנדיקע פון אונדזער לאַנד.

אין אונדזער געזעלשאַפט הערשן בלויז די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע אידעאָלאָגיע און די קאָמוניסטישע מאָראַל, זיי בילדן דעם הויפּט־קוואַל פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן באַוווּסטזײַן באַם פֿילנאַציִאָנאַלן סאָוועטישן פֿאָלק. און האָגאַם פֿאַרן סאָציִאַליזם איז כאַראַקטעריסטיש די ניט־גלײַכמעסיקײַט אין דער אַנטוויקלונג פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָרמען באַוווּסטזײַן און פֿונעם גראַד באַוווּסטזיניקײַט בײַ פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, דינט די אויסגעבילדעטע סאָציִאַלע איינהײַט פֿונעם פֿאָלק אַלס פֿעסטער פֿונדאַמענט דערצו, אַז דאָס גײַסטיקע לעבן פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט זאָל זיך אַנטוויקלען אין אַן איינהײַטלעכער ריכטונג.

די קאַרדינאַלע אינטערעסן פֿון אַלע קלאַסן און סאָציִאַלע גרופּעס, פֿון אַלע נאַציעס און פֿעלקערשאַפֿטן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד פֿאַלן צונויף; אַלע האָרעפּאַשניקעס האַלטן די סאָציִאַליסטישע אינטערעסן און די קאָמוניסטישע אידעאַלן פֿונעם אַרבעטער־קלאַס פֿאַר זייערע אייגענע, לײַבלעכע. דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציִאָנאַליזם האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ טיפֿער איבערצײַגונג, אין אַן אויפֿירונג־נאָרמע פֿון מיליאָנען און מיליאָנען סאָוועטישע מענטשן פֿון אַלע נאַציעס און פֿעלקערשאַפֿטן. די רעאַלע פֿאַרקערפּערונג, די אייגנאַרטיקע „מאַטעריִאַליזירונג" פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער אידעאָלאָגיע העלפֿט מיט אין דער פּראַקטיק, אין אַלע ספֿערן פֿונעם סאָציִאַלן לעבן דער ווײַטערדיקער פֿאַנאַנדערוויקלונג פֿון די אידייִש־מאָראַלישע קרעפֿטן פֿונעם אַנטוויקלטן סאָציִאַליזם. אַפֿילו די בורזשואַזע אידעאָלאָגן זײַנען אָפֿט געצוווּנגען צו אָנערקענען די באַדײַטונג פֿון דעם דאָזיקן פֿאַקט. אַשטייגער, דער פּראָפֿעסאָר פֿונעם הײַדעלבערגער אוניווערסיטעט (פֿעדעראַטיווע דײַטשישע רעפּובליק) ק. פֿאָן ביימע אָנערקענט אין זײַן בוך „די עקאָנאָמיק און פּאָליטיק באַם סאָציִאַליזם" די „אינטעגרירנדיקע ראָליע פֿון דער אידעאָלאָגיע, וועלכע העלפֿט מיט צו באַהעפֿטן די פֿאָלקסמאַסן צום אויספֿילן באַשטימטע אויפֿגאַבן".

די נײַע קאָנסטיטוציע פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד באַנוגנט זיך ניט מיט געבן די בירגער ברייטע רעכט און פֿרײַהײַטן אין דער ספֿער פֿונעם גײַסטיקן לעבן, זי שאַפֿט די נייטיקע באַדינגונגען, אַז די געזעלשאַפֿט זאָל אַלזײַטיק אונטערהאַלטן און אַנטוויקלען די פּילאַרטיקע נייגונגען, אינטערעסן, טאַלאַנטן פֿון די מענטשן, די זעלבשטענדיקײַט פֿון זייער געדאַנקענגאַנג, זייער אָנטייל אין דער סאָציִאַלער שאַפֿונג. די דאָזיקע רײַכקײַט פֿון מענטשלעכע כאַראַקטערן, טאַלאַנטן, אינדיווידועלע פֿייִקײַטן האָט, פֿאַרשטייט זיך, קיין שום געמיינזאַמס ניט מיטן אַזויגערופֿענעם „פּליוראַליזם" (פּילצאָליקײַט) פֿון פּאָליטישע אָנשויונגען, וואָס וואַקסט אויס בלויז אויפֿן באָדן פֿון די כאַראַקטעריסטישע באַם קאַפּיטאַליזם ווידערשפּרוכן צווישן די אינטערעסן פֿון פֿאַרשיידענע קלאַסן און סאָציִאַלע גרופּעס.

דער וויסנשאַפֿטלעכער קאָמוניזם לערנט, אַז סאָציִאַלע איינהײַט באַטײַט — זיכערן דעם פּריִאָריטעט פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן לעגאַבע די קאָלעקטיווע און פּערזענלעכע. אין די הײַנטיקע באַדינגונגען פֿאַרבלײַבט אַקטועל פֿאָלגנדיקע לעניניסטישע מעטאָדאָלאָגישע האַנאָכע וועגן דער קעגנזײַטיקער פֿאַרהעלטעניש צווישן די אינטערעסן פֿון אַ פֿאַרשיידענעם כאַראַקטער: „...פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון די גרונט־אידייען פֿון דעם מאַרקסיזם זײַנען די אינטערעסן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג העכער פֿון די אינטערעסן פֿונעם פּראָלעטאַריִאַט, — די אינטערעסן פֿון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אַלס גאַנצעס זײַנען העכער פֿון די אינטערעסן פֿון אַ באַזונדערן שיכט אַרבעטער אָדער פֿון באַזונדערע מאָמענטן פֿון דער באַוועגונג..."[1]. אַרויסשטעלן אין פֿאָדערגרונט די גרופּן־אינטערעסן, די אָרטיקע אָדער אַמטלעכע, צום שאָדן פֿון די אַלפֿאָלקישע, איז ניט דערלאָזבאַר. בלויז דער פּרימאַט פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע צילן, וועלכע אַנטשפּרעכן די באַדערפֿענישן פֿונעם אַנטוויקלטן סאָציִאַליזם, גיט אַ רעאַלן גרונט ריכטיק צו באַזאָרגן דעם גאַנצן סכום אינטערעסן ביז די, וואָס זײַנען נעגייע דער פּערזענלעכקײַט, איר אַלזײַטיקער, האַרמאָנישער אַנטוויקלונג.

די דאָזיקע דיִאַלעקטיק האָט געפֿונען איר אָפּשפּיגלונג אין דער נײַער קאָנסטיטוציע פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. אין איר איז פֿאַרפֿיקסירט די פּראַקטיק, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן דעם אויספּרוּוו פֿון דער צײַט, — די פּראַקטיק פֿון אָפּטימאַלן צונויפֿפּאָרן די איינהײַטלעכע אָנפֿירונג, די צענטראַליזירטע פּלאַנירונג מיט דער מאַקסימאַלער איניציִאַטיוו און שעפֿערישער אַקטיווקײַט אויף די ערטער, מיט דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿון יעדן מלוכה־אָרגאַן און אַמטפּערזאָן פֿאַר דער אָנפֿאַרטרויטער זאַך. אין דעם באַשטייט דער טאָך פֿונעם דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. וואָס אָנבאַלאַנגט די פּאָליטישע רעכט און פֿרײַהײַטן פֿון דער פּערזענלעכקײַט, טאָרן די בירגער באַם אויסנוצן זיי ניט פֿאַרשאַפֿן קיין שאָדן די אינטערעסן פֿון דער געזעלשאַפֿט און פֿון דער מלוכה, די רעכט פֿון אַנדערע בירגער. די קאָנסטיטוציע האַלט זיך בײַ דער האַנאָכע, אַז די רעכט און די פֿרײַהײַטן פֿון די בירגער ווערן געזיכערט און רעאַליזירט

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 4, стр. 220.

בעסער און פולער, בייס עס ווערן שטרענגער אָפגעהיט די אינטערעסן פון דער גאנצער געזעלשאפט, פונעם גאנצן פאָלק.

די זאָרג פון די סאָוועטישע מענטשן וועגן די אינטערעסן פון דער מעלוכע ווי וועגן זייערע אייגענע אינטערעסן, זייער וואקסנדיקע שײַכעס צו דער אלגעמיינער זאך, זייער שטרעבונג באוווּסטזיניק, מיט זאך־קענטעניש, אפן סמאך פון דער וויסנשאפט, אָנטיילצונעמען אינעם לייזן די אופגאבן פון א גרויסן היסטאָרישן מאסשטאב, — **דאָס איז א מערקווירדיקער שטריך פון אונדזער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט. דער דאָזיקער שטריך האָט זיך ארויסגעוויזן מיט א באזונדערער קראפט באם אלפאָלקישן באהאנדלען דעם פּראָיעקט פונעם נײַעם גרונט־געזעץ פון פססר, וועלכער איז דעם 7 אָקטיאבער 1977 ענדגילטיק אָנגענומען געוואָרן דורך דער אויסעראָרדנטלעכער סעסיע פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר.**

אין דער רײַפער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט אנטוויקלט זיך דער קאָנטאקט, די קעגנזײַטיקע אנטשפּרעכיקײַט צווישן די פארשיידענע ספערן פונעם סאָציאַלן לעבן, צווישן זייערע טיילן און עלעמענטן. גראָד איצט ווײַזט זיך ארויס מיט א באזונדערער קראפט די טענדענץ, וועלכע ק. מארקס האָט כאראקטעריזירט אלס די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפטלעכער סיסטעם „אין דער ריכטונג פון פארגאנצטקײַט"[1]. די דאָזיקע טענדענץ אנטשפּרעכט פולשטענדיק דעם הײַנטיקן עטאפ פון פארגיכערן די פּראָצעסן, פון פארגעזעלשאפטלעכן די ארבעט און די פּראָדוקציע, דערנעענטערן צווישן זיך די אלפאָלקישע און קאָאָפּעראטיווע אייגנטום־פארמען, בײַקומען די וועזנטלעכע סאָציאַלע אונטערשיידן.

די סטראטעגיע פון דער ווײַטערדיקער באוועגונג אפן וועג פון קאָמוניסטישער בויונג איז אויסגעארבעט געוואָרן דורכן XXIV און XXV פּארטיי־צוזאמענפאָרן. כאראקטעריזירנדיק דעם פארנעם און די פילארטיקײַט פון די אופגאבן, וועלכע ווערן איצט געלייזט, האָט כאווער ל. אי. ברעזשנעוו אָפּגעמערקט אין זײַן רעדע אפן XVI צוזאמענפאָר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען פון פססר, אז „דאָס שאפן דעם רײַפן, אנטוויקלטן סאָציאַליזם האָט אף א נײַעם אופן געשטעלט א סאך אופגאבן פון עקאָנאָמישער, סאָציאַל־פּאָליטישער און אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג פונעם לאנד". די רײַף געוואָרענע פּראָבלעמען פאָדערן לויט זייער עצעם מעהוס, מע זאָל זיי באזיניקן און לייזן קאָמפּלעקסארטיק.

אין פּראָצעס פון שאפן די מאטעריעל־טעכנישע באזע פונעם קאָמוניזם ווערן דערפאָלגרײַך באזײַטיקט די וועזנטלעכע סאָציאַלע אונטערשיידן. דער דערפאָלג, ווידער, אינעם פארווירקלעכן די עקאָנאָמישע און סאָציאַל־פּאָליטישע איבערגעשטאלטונגען ווערט אין פיל הינזיכטן געזיכערט דורך דער אידייִש־דערציִערישער טעטיקײַט פון דער פּארטיי, דורך דער טעטיקײַט, וואָס איר ציל איז פאָרמירן די קאָמוניסטישע וועלט־אָנשויונג בא אלע סאָוועטישע מענטשן, אלזײַטיק אנטוויקלען די פערזענלעכקײַט.

די דאָקומענטן פונעם XXV צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, די אידייען און אויספירן, וועלכע עס אנטהאלטן אין זיך די ארויסטרעטונגען פונעם כאווער ל. אי. ברעזשנעוו, זײַנען א מוסטער פון שעפערישן צוגאנג, פון קאָמפּלעקסארטיק לייזן די קאָמפּליצירטע פראגן. אזא איז, לעמאָשל, די אָנווײַזונג פונעם XXV צוזאמענפאָר וועגן דעם, אז דער וווּקס פונעם מאטעריעלן וווילשטאנד זאָל קעסיידער באגלייט ווערן מיט העכערן דעם אידייִש־מאָראלישן און קולטור־ניוואָ פון די מענטשן, ווײַל אין קעגנפאל קאָנען אויסקומען רעצידיוון פון באלעבעסלדיקער, קליינבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע.

די הויכע סאָציאַל־פּאָליטישע און אידייִש־מאָראלישע אנטוויקלונג, וועלכע דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט דערגרייכט, איז א וויכטיקער וועג־צייכן אין גאנג פון דערגרייכן די פולע סאָציאַלע איינארטיקײַט. די באוועגונג צו אָט דעם ציל איז אלץ קענטיקער, וואָס מער עס דרינגען ארײַן אינעם באוווּסטזײַן פון די ארבעטנדיקע די פּרינציפּן און נאָרמעס פון דער קאָמוניסטישער אופירונג, וואָס גרינגטלעכער עס איז זייער אידייִשקײַט, בילדונג, קולטור. דערצו איז געצילט די פילארטיקע טעטיקײַט פון די פּאָליטישע אינסטיטוטן פונעם אנטוויקלטן סאָציאַליזם, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער עכטער דעמאָקראטישקײַט און אלפאָלקישקײַט, די טעטיקײַט פון די סיסטעמען פון בילדונג, דערציִונג, קולטור.

די סאָציאַל־פּאָליטישע און אידייִשע איינהײַט — דאָס איז א מעכטיקער פאקטאָר פונעם דערפאָלגרײַכן גאנג פון דעם סאָוועטישן פאָלק אפן וועג צום קאָמוניזם.

---

[1] К. Маркс и Ф. Энгельс. Соч., т. 46, ч. 1, стр. 229.

ב. ל ײ ז ע ר אָ װ, דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע װיסנשאַפטן;

ב. ק י ׳ א ש ט ש ע נ ק אָ, קאַנדידאַט פון פילאָסאָפישע װיסנשאַפטן

די סאָװעטישע קאָנסטיטוציע און די גײַסטיקע אוצרות פונעם סאָװעטישן פאָלק

אין דער צײַט, װען דאָס גאַנצע פאָלק האָט באַהאַנדלט דעם פּראָיעקט פון דער נײַער קאָנסטיטוציע, האָט זיך מיט אַ באַזונדער קראַפט אַרויסגעװיזן דער פּאַטריאָטיזם פון די בירגער פון אונדזער לאַנד, זײער טיפע איבערגעגעבנקײַט די אידײען פונעם קאָמוניזם, די אָרגאַנישע באַװוסטזיניקײַט און קולטור, די בירגערלעכע רײַפקײַט, — דאָס אַלץ, װאָס מיר רופן גײַסטיקע אוצרות פונעם סאָװעטישן מענטשן. די נײַע קאָנסטיטוציע שאַפט אַלע באַדינגונגען פאַר זײער װײַטערדיקן װוּקס און פאַרפולקומונג.

דורכן גאַנצן ערשטן קאַפּיטל פון דער קאָנסטיטוציע פון פססר — „די פּאָליטישע סיסטעם" — גײט דורך, װי אַ רויטער פאָדעם, דער הויפּט־געדאַנק: אונדזער לאַנד איז אַן אַלפאָלקישע סאָציאַליסטישע מלוכה, װוּ די מאַכט פאַרװירקלעכט דאָס פאָלק דורך די סאָװעטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן. הײַנט האָבן מיר דעם פולן גרונט צו זאָגן, אַז דער אָנטײל אינעם פאַרװאַלטן מיט דער מלוכה איז געװאָרן אײנע פון די גײַסטיקע באַדערפענישן פון די סאָװעטישע מענטשן. אין אויספילן זײערע פאַראַנטװאָרטלעכע מלוכה־פונקציעס געפינען די סאָװעטישע מענטשן אַ מאָראַלישן און עסטעטישן נאַכעס־רועך. און אַנדערש קאָן עס גאָר ניט זײַן. דאָס לעבן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט װערט דאָך איצט כאַראַקטעריזירט ניט דורך דער פּאַשעטער שטרעבונג צו אוטיליטאַרער צװעקמעסיקײַט, נאָר, װי ק. מאַרקס האָט געזאָגט, דורך די געזעצן פון שײנקײַט. און אין דער דירעקטער פאַרװאַלטונג מיט דער מלוכה נעמען אָן אָנטײל, אויסער די קימאַט 2 מיליאָן 300 טויזנט דעפּוטאַטן, בערעך 30 מיליאָן מענטשן פונעם סאָװעטישן אַקטיװ — מיטגלידער פון די פאַרשײדנאַרטיקע קאָמיסיעס בײַ די סאָװעטן און געזעלשאַפטן, אויך 9 מיליאָן אָנטײלנעמער אין די אָרגאַנען פונעם פאָלקס־קאָנטראָל. דאָס באַטרעפט שוין קימאַט אַ זעקסטכײלעק פון דער באַפעלקערונג פון אונדזער ריזיק לאַנד.

דאָס צװײטע קאַפּיטל הײסט „די עקאָנאָמישע סיסטעם". װען מע לײענט עס אויפמערקזאַם, זעט מען, אַז דער הויפּט־טראָפּ איז דאָ געשטעלט ניט בלויז אויף דער אויפגאַבע צו העכערן דעם מאַטעריעלן װוילשטאַנד פון די אַרבעטנדיקע. די עקאָנאָמיק און די קולטור — דאָס זײַנען צװײ ריגען פונעם געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס, װעלכע זײַנען דיאַלעקטיש קעגנזײַטיק פאַרבונדן. נעמענדיק אין אַכט אָט דעם אומשטאַנד, שטיצט זיך די קאָנסטיטוציע אויף דער דערפאַרונג און אויף די דערגרײכונגען פון דער סאָציאַליסטישער בויונג און רופט אונדז, מיר זאָלן בויען דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן פונעם לאַנד אַזוי, אַז עס זאָל דינען אַלס מיטל פאַר דער אינטעלעקטועלער באַרײַכערונג פון דעם מענטשן.

„די געזעלשאַפטלעך נוצלעכע אַרבעט און אירע רעזולטאַטן באַשטימען די לאַגע פונעם מענטשן אין דער געזעלשאַפט", — איז פאַרשריבן אינעם אַרטיקל 14 פון דער נײַער קאָנסטיטוציע. אַזאַ אויפפאַסונג פון דעם באַגריף אַרבעט נעמט אין זיך אָרגאַניש אַרײַן די מאָראַליש־עסטעטישע, עכט הומאַניסטישע פאַקטאָרן. אָט דער גײַסטיקער און עסטעטישער טאָך פון דער אַרבעט איז אין די בורזשואַזע קאָנסטיטוציעס ניט באַװיזן. דאָס, װאָס עס איז פאַר די סאָװעטישע מענטשן זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז אינעם קיניגרײַך פון די נאַקעטע מעזומאָנים בלויז אַ פוסטער קלאַנג. איז דען ניט כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, װאָס מערסטנס פאָרשלאָגן, װעלכע זײַנען געמאַכט געװאָרן אין גאַנג פון באַהאַנדלען דעם פּראָיעקט פונעם גרונט־געזעץ, האָבן געהאַט אַ שײַכעס גראָד צו דער ראָליע, װאָס די אַרבעט שפּילט בײַם סאָציאַליזם, און צו דער פאַראַנטװאָרטלעכקײַט פון יעדן בירגער פאַר דער אַרבעט, װאָס אים איז אָנפאַרטרויט. דערבײַ איז אין דער מערהײַט פאָרשלאָגן דער טראָפּ געשטעלט געװאָרן אויף פאַרגרעסערן די שע־

פערישע אימפולסן אינעם פּראָדוציר־פּראָצעס, וועלכע דריקן אויס אַמפּולסטן די פֿײַקײַטן פון דער פּערזענלעכקײַט און דערלויבן צו אַנטפּלעקן איר גײַסטיקע רײַכקײַט. ס'איז אויך וויכטיק, וואָס אין באַשטאַנד פון דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע זײַנען אַרײַן אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, אינזשעניערן, געלערנטע.

אַלע אַרטיקלען פון אָט דעם קאַפּיטל אין אונדזער נײַער קאָנסטיטוציע זײַנען געווידמעט דער זייער וויכטיקער אויפגאַבע פון קאָמוניסטישער בוידונג — פאָרמירן בײַ די סאָוועטישע מענטשן אַ קאָמוניסטישע באַציִונג צו דער אַרבעט, ווי צו דער ערשטער לעבנס־באַדערפעניש, ווי צו אַ זאַך, וואָס ברענגט דעם מענטשן פרייד און פאַרגעניגן, דאָס הייסט דער אויפגאַבע צו אַנטפּלעקן דעם רײַכן גײַסטיקן אינהאַלט פון דער פרײַער מי.

אויף דעם זעלבן אויפן אַנטפּלעקן זיך די גײַסטיקע אוצרות פונעם מענטשן אין זײַן באַציִונג צו דער נאַטור. דער פאַרלאַנג צו פאַרהיטן אין ריינקײַט די לופט און דאָס וואַסער, צו זיכערן די רעפּראָדוקציע און די פאַרמערונג פון די נאַטור־רײַכטימער איז אויסגעדריקט אין אַ קאָלאָסאַלער צאָל פאָרשלאָגן, וועלכע זײַנען טיילווײַז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אונדזער פּרעסע. די מערהײַט סאָוועטישע מענטשן פאַרשטייען אויסגעצייכנט, אַז אַן אוטיליטאַרע באַציִונג צו דער נאַטור וועט ניט פאַרוואַנדלען אונדזער ערד אין אַ גאַניידן. פאַר אַ פולווערטיק לעבן איז דעם מענטשן, צוזאַמען מיט די קענטענישן און דער טעכניק, נייטיק צו אויפהאַלטן זײַנע נאַטירלעכע באַציִונגען מיט דער נאַטור.

די מאַרקסיסטיש־לענינישע לערע באַשטייט קאַטעגאָריש דערויף, אַז קאָלזמאַן עס ווערט ניט געלייזט די אויפגאַבע צו אַנטפּלעקן און פאַרפולקומען די שעפערישע מעגלעכקײַטן פונעם מענטשן, קאָלזמאַן עס ווערן ניט מאָביליזירט אויף דער באַזע פון אָט די מעגלעכקײַטן די פֿײַקײַט פון די מענטשן צו שאַפן און איבערגעשטאַלטן די וועלט לויט די געזעצן פון שיינקײַט, זײַנען אויך ניטאָ קיין אוצרות פונעם אינטעלעקטועלן לעבן פון דער פּערזענלעכקײַט. מיט איר קאָנסעקווענטן פאַרלאַנג צו באַרײַכערן דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פונעם מענטשן זיכערט די נײַע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע די אָביעקטיווע פּערספּעקטיוו פון אונדזער פּראָגרעסיווער באַוועגונג פאָרויס. וואָס אָנבאַלאַנגט דער עסטעטישער קולטור, באַטײַט לויט דער קאָנסטיטוציע דאָס דעראָבערן זי ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דער מאַטעריעלער אויסדרוק פון דעם מענטשנס פֿײַקײַטן צו באַהערשן, שאַפן אַפּסנײַ די נאַטור, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און זיך זעלבסט לויט די געזעצן פון שיינקײַט, וועלכע פאַלן צונויף מיט די אידעאַלן פונעם קאָמוניזם. גראָד אָט דעם מאָמענט זײַנען איצט בײַ אונדז אין לאַנד אונטערגעאָרדנט אַלע פּראָצעסן פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג און פון דער קולטור־אַנטוויקלונג, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין די אַרטיקלען 20, 23, 25, 27 פון דער נײַער קאָנסטיטוציע.

אינעם אַרטיקל 27 פון דער קאָנסטיטוציע ווערט אָפּגעשפּיגלט די זאָרג פון דער מעלוכע וועגן פּראַקטיש לייזן אַזאַ קאָמפּליצירטע און וויכטיקע אויפגאַבע, ווי העלפן די מענטשן צו באַהערשן, שאַפן קונסט־ווערטן און געניסן פון זיי. און דאָס, וואָס עס איז פאַרפיקסירט אין דער קאָנסטיטוציע, שטיצט זיך אויף דעם, וואָס אין פיל הינזיכטן איז שוין דערגרייכט. לויט די אָנגאַבן פון „יונעסקאָ" לייענט מען אין סאָוועטנפאַרבאַנד מערער ביכער, צײַטונגען, זשורנאַלן, איידער אין אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט. די סאָוועטישע מענטשן באַזוכן מער איידער די בירגער פון אַן אַנדער לאַנד קינאָ, טעאַטער, מוזייען, קאָנצערטן. בײַ אונדז פאַרנעמען זיך 25 מיליאָן מענטשן, דאָס הייסט יעדער צענטער, מיט קינסטלערישער שאַפונג.

ערעוו דער אויסעראָרדנטלעכער סעסיע פונעם אויבער־סאָוועט פון ססר זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן סטאַטיסטישע אָנגאַבן וועגן דער אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד פאַר די 60 יאָר. צווישן זיי ריידן באַזונדערס פיל די אָנגאַבן וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור. אונדזער לאַנד פאַרמאָגט, לעמאָשל, 350 טויזנט ביבליאָטעקן, ניט גערעכנט די מיליאָנען פּערזענלעכע ביבליאָטעקן פון די בירגער, 154.200 קינאָ־אינסטאַליאַציעס, 573 פּראָפעסיאָנעלע סטאַציאָנאַרע טעאַטערס און העכער טויזנט אַמאַטאָרישע פאָלקס־טעאַטערס. אַזאַ צאָל סטאַציאָנאַרע פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס איז ניט צו טרעפן אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. בעמעשעך בלויז פון איין יאָר האָבן 133 מיליאָן מענטשן באַזוכט 1.323 מוזייען פון לאַנד. אָט די שטענדיקע דאָרשט נאָך קינסטלערישער באַרײַכערונג רופט שוין פון לאַנג אַרויס אַנציקונג בײַ אונדזערע אויסלענדישע פרײַנט און אַפילע אומפרײַנט. עס געדענקט זיך, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט איינער אַן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט, וואָס איז נאָרוואָס געקומען קיין מאָסקווע אַלס אַ פאָרשטייער פון אַ צײַטונג, מיט קינע געשריבן וועגן די רייען אין אונדזערע מוזייען, בײַ די קאַסעס פון די טעאַטערס און קינאָ־טעאַטערס.

אין דער זעלבער צײַט איז צו זען, לעמאָשל, פון דער סטאַטיסטיק פון פראַנקרײַך, אַז 58 פּראָצענט פראַנצויזישע אַרבעטער לייענען ניט קיין ביכער, העכער 70 פּראָצענט פראַנצויזן

האָבן קיינמאָל ניט אריבערגעטראָטן די שוועל פון א טעאַטער און פילן דערין קיין באַדערפעניש ניט. סיבעס זײַנען פאַראַן א סאך. און קימאט די הויפּט־סיבע איז — דער טרויעריק־באַרימטער בורזשואַזער לעבנסשטייגער, וואָס נעמט אָפּ בא די ברייטע שיכטן פונעם פאָלק די פרייד פון גײַסטיקן לעבן, די פרייד פון יעדן אינדיווידו צו אנטפּלעקן זײַן מענטשלעכן מעהוס. אויב מע זאָל נעמען אין אכט, אז די בורזשואַזע אַזויגערופענע „מאַסן״־קונסט פאַרלירט פון יאָר צו יאָר אַלץ מער איר מענטשלעך פּאָנעם, ווערט ברוטאַל, אַמאָראַליש, גײַסטלאָז, ווערט פון זיך אַליין ווערן פאַרשטענדלעך, ווי אנטיהומאַניש עס איז די קולטור־פּאָליטיק פון יעטווידער מעלוכע פון דער טרויעריק־באַרימטער „פרײַער וועלט״. דערבײַ דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אז די הייסע קעמפער פאַר די בורזשואַזע פרײַהײַטן רײַסן אַרונטער אָף קאָלערלײַ אויפאַנים די אַנטוויקלונג פון דער עכט דעמאָקראַטישער און ביפּראַט נאָך סאָציאַליסטישער קונסט. שיר ניט יעדן טאָג קומען פאָר אָפן מײַרעוו געריכטן איבער פּראָגרעסיווע קינעמאַטאָגראַפיסטן און שרײַבער, איבער טעאַטער־טוער. די פּאָגראָמען באַם פּאָטאָגראַפירן קינאָ־פילמען, די אָפענע העצע אָדער דאָס פולע פאַרשווײַגן דורך דער פּרעסע נײַע שטעלונגען — אַזאַ איז דער ווײַט ניט פולער אַרסענאַל פון קאַמף קעגן די ערלעכע, פּראָגרעסיווע קינסטלער.

אין דער זעלבער צײַט זאָרגט די סאָוועטן־רעגירונג, ווי עס איז פאַרשריבן אינעם אַרטיקל 27 פון דער קאָנסטיטוציע פון פּססר, וועגן סטימולירן אָף אַלערלײַ אויפאַנים די אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער און אַמאַטאָרישער קינסטלערישער שאַפונג. קעדײַ פאַרווירקלעכן אין דער פּראַקטיק אַזעלכע צילן, איז נייטיק, ווי עס באַווײַזט די רײַכע דערפאַרונג פון דורכפירן אין לאַנד די לענינישע קולטור־רעוואָליוציע, א שטענדיקע באַהעפטונג פון די מענטשן מיט דער קונסט.

אין פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אויפגאַבע שפּילן א וויכטיקע ראָליע די שעפערישע פאַרבאַנדן, די פּראָפעסיאָנעלע קונסט־טוער, וועלכע פירן אָן אין דעם גאַנצן לאַנד מיט די אַמאַטאָרישע קינסטלערישע קאָלעקטיוון, מיט די פאָלקס־טעאַטערס, קינסטלער־סטודיעס. די קעגנזײַטיקע פאַרבינדונג צווישן די פּראָפעסיאָנאַלן און ניט־פּראָפעסיאָנאַלן העלפט מיט דעם צופלוס פון נײַע קרעפטן אין דער קונסט, דעם וווּקס פון דער קינסטלערישער און עסטעטישער קולטור פון די סאָוועטישע מענטשן.

ס'איז גוט באַוווּסט, אז עס איז פרעמד דער קונסט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם די שילדערונג פון גוואַלד־אַקטן, פּאָרנאָגראַפיע, ברוטאַליטעט. דאָס וואָלט ווידערשפּרעכט אונדזערע מאָראַלישע נאָרמעס, און ס'ווערט פאַרורטיילט דורכן געזעץ. אַזעלכע פאָדערונגען שטאַמען פון אונדזער לעבנס־אַרט, פון דער שטענדיקער זאָרג וועגן דער גײַסטיקער באַרײַכערונג און עכטער פרײַהײַט פונעם מענטשן. וועגן אַזאַ פרײַהײַט פון הומאַניזם טרוימען די פּראָגרעסיווע קינסטלער אין אויסלאַנד, וועלכע קוקן מיט עקל אָף דער צעיושעטער אַנאַרכישער העפקײרעס פון גײַסטלאָזיקײַט און אַנטיקונסט, וואָס ווערט סטימולירט דורך די מאַכטהאָבערישע קלאַסן אין זייערע לענדער.

„אין העסקעם מיט די באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט זיכערט די מעלוכע די פּלאַנמעסיקע אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט און די צוגרייטונג פון וויסנשאַפט־קאַדרען, זי אָרגאַניזירט דעם פּראָצעס פון אײַנגלידערן אין דער פאָלקסווירטשאַפט און אין די אַנדערע לעבנס־ספערן די רעזולטאַטן פון די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען״ — אַזוי ווערט געזאָגט אינעם אַרטיקל 26 פון דער קאָנסטיטוציע פון פּססר. אין 1976 האָבן בא אונדז אין לאַנד געאַרבעט 1.253.500 וויסנשאַפט־טוער, אָדער א פערטל־טייל פון אַלע וויסנשאַפט־טוער אין דער וועלט. כּוץ דעם ציילט דער סאָוועטנפאַרבאַנד 4.444.000 אַקטיווע דערפינדער און ראַציאָנאַליזאַטאָרן, זיי האָבן אין 1976 אַרײַנגעטראָגן 4.030.000 פאָרשלאָגן, וועלכע האָבן אַרײַנגעבראַכט עקאָנאָמיע אָף א סומע פון 4.910.000.000 רובל. אָף דערציִען אַזאַ גיגאַנטישע אַרמיי וויסנשאַפט־טוער און זעלבסטעטיקע שעפער אין דער וויסנשאַפט און טעכניק פאָדערט זיך, אז דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק זאָל פאַרמאָגן א גרענעצלאָזע גײַסטיקע באַדערפעניש צו אַנטוויקלען און פאַרפולקומען די קענטענישן, ווי אויך דעם טיפסטן פאַרשטאַנד פאַר דער געזעלשאַפטלעכער נוץ פון דער וויסנשאַפט און טעכניק.

די סאָוועטישע מענטשן לייגט זיך ניט אָפּן זינען דאָס, וואָס אין די לענדער פון קאַפּיטאַליזם גיט אויס די געזעלשאַפט גרויסע געלטער אָף צוגרייטן ספּעציאַליסטן און וויסנשאַפט־טוער, אָבער צו דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע לאָזט מען זיי פּאַקטיש ניט צו. פון דער סטאַטיסטיק איז צו זען, אז אין דער מעכטיקסטער אינדוסטריעלער מעלוכע פון דער וועלט — אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זײַנען אין 1972 געווען 11 טויזנט אַרבעטסלאָזע פיזיקער; העכער 2 מיליאָן יונגע ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן צום יאָר 1976 געענדיקט די קאָלעדזשן פון די פאַרייניקטע שטאַטן, קאָנען ניט אויסנוצן זייערע קענטענישן אין די אינטע־

רעסן פון דער געזעלשאַפט. צי דען דינט ניט אָט דער פאקט, ווי אויך די אלץ וואקסנדיקע אין די מײַרעוו-לענדער ארמיי פון ארבעטסלאָזע, אלס בוילעטסטער באווײַז, וויאַזוי עס ווערן געטראָטן מיט די פיס די עלעמענטארע רעכט פונעם מענטשן אף ארבעט, אף שאפונג.

מע דארף, ענדלעך, באזונדערס אָפּמערקן אויך אזא וויכטיקן שטריך אינעם גײַסטיקן לעבן פון די סאָוועטישע מענטשן, ווי דעם קאמף פאר שאָלעם, דעם אקטיוון אָנטייל אין אויסערנפּאָליטישן לעבן פונעם לאנד. די דאָזיקע טעטיקײַט איז אויך פארפיקסירט אין דער נײַער קאָנסטיטוציע, וועלכע איז באוויליקט געוואָרן דורכן גאנצן פאָלק.

עס איז גענוג צו לייענען אופמערקזאם דעם צווייטן אָפּטייל פון דער קאָנסטיטוציע — „די מעלוכע און די פּערזענלעכקײַט", — קעדיי צו פארשטיין, ווי טיף עס איז דער טהאָם צווישן דעם גרונט-געזעץ פון דער סאָציִאליסטישער אלפאָלקישער מעלוכע און די אנאלאָגישע דאָקומענטן פון א באליביק בורזשואזן לאנד. אין דער קאָנסטיטוציע פון פססר איז פארפיקסירט די רעאלע גלײַכבארעכטיקונג פון די בירגער אין אלע לעבנס-געביטן פון דער געזעלשאפט. די מעלוכע שאפט קאָנסעקווענט די נייטיקע באדינגונגען, אז יעדער מענטש זאָל אקטיוו רעאליזירן אין לעבן אָט די גלײַכבארעכטיקונג, וועלכע איז דעראָבערט געוואָרן אין קאמף פאר אויסבויען דעם סאָציִאליזם.

די מארקסיסטן-לענינצעס, ווי באוווּסט, פארשטייען אונטערן באגריף פרײַהײַט דאָס צונויפפאָרן די פּערזענלעכע אינטערעסן מיט די געזעלשאפטלעכע באם אומבאדינגטן דיסקאָנט פון די רעאלע היסטאָרישע באדינגונגען און פאָדערונגען פון דער צײַט. פרײַהײַט פאָדערט, ענדלעך, די אָרגאנישע צונויפפאָרונג פון רעכט און פליכטן. בלויז דאן, ווען יעדער בירגער פאסט אזוי אוף דעם באגריף פרײַהײַט, געפינט זי (די פרײַהײַט) איר רעאליסטישע פארקערפערונג. ניט די פוסטע דראָשעס וועגן פרײַהײַט, נאָר די עמעסע פרײַהײַט איז א גאראנטיע, אז די מענטשן באקומען דאָס, וואָס עס איז זיי טאָגטעגלעך נייטיק — די רעכט, אָן וועלכע ס'איז אוממעגלעך ניט בלויז דער אופבלי פון דער קולטור, נאָר אפילע די עצעם עקזיסטענץ פון דער פּערזענלעכקײַט. דאָס אלץ שפּיגלט אָפּ דאָס ארטיקל 40 פון דער קאָנסטיטוציע פון פססר. דאָס דאָזיקע ארטיקל פארפיקסירט דאָס וויכטיקסטע, וואָס איז פאר דעם מענטשן געוווּנטשן און נייטיק, גאראנטירט דאָס, וואָס עס האָט ניט פאָרויסגעזען און ניט געקאָנט אפילע צוזאָגן קיין איין בורזשואזע קאָנסטיטוציע, — רעכט אף ארבעט. דערבײַ אף ארבעט אין העסקעם מיטן בארוף, מיט די פייִקײַטן, מיט דער פּראָפעסיאָנעלער צוגרייטונג, מיטן בילדונגס-ניוואָ, נעמענדיק אויך אין אכט די אלץ ברייטער ווערנדיקע קולטור און די געזעלשאפטלעכע באדערפענישן פון די סאָוועטישע מענטשן.

אונדזער קאָנסטיטוציע באגרענעצט זיך אָבער ניט אפילע מיט דעם דאָזיקן רעכט. זי זיכערט דאָס רעכט אף באקומען בילדונג אָן געצאָלט, דאָס רעכט אף אָפּרו, אף אָפּהיטן דאָס געזונט, אף מאטעריעלער באזאָרגונג אין דער עלטער, דאָס רעכט אף וווינונג, דאָס רעכט צו געניסן פון אלע דערגרייכונגען פון דער קולטור, אף שאפונג אין אלע לעבנס-ספערן, אָפּהענגיק בלויז פון די פייִקײַטן פונעם מענטשן, דאָס רעכט צו פארוואלטן מיט די געזעלשאפטלעכע און מעלוכישע איניאָנים. עס איז זייער וויכטיק אָפּצומערקן, אז אין יעדן ארטיקל, ווו עס רעדט זיך וועגן רעכט, ווערן געגעבן גאראנטיעס און עס ווערן אָנגעוויזן די מיטלען, וויאזוי צו גאראנטירן די רעכט מאטעריעל און גײַסטיק.

די גאנצע סיסטעם פון געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן, וועלכע זײַנען פארפיקסירט אין אונדזער קאָנסטיטוציע, ווי דער גאנצער סאָציִאליסטישער לעבנס-אויפן, האָבן דעם ציל צו אויסארבעטן בא יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאפט די אָרגאנישע פארייניקונג פון ראציִאָנעלן און פילבארן, אינטעלעקטועלן און עמאָציִאָנעלן אינעם צוגאנג צו די אייגענע רעכט און פליכטן, אינעם פארשטיין דעם טאָך פון דער עכט מענטשלעכער פרײַהײַט.

פאר אלעמען אויסשפרייטן וועגן

מיר גייען די ערשטע

אַף אונדזערע פּאַנעץ
פון אייביקע זונען די שטראַלן.
אין אונדזערע הערצער
אַקטאוועס פון הימנען, וואָס שאַלן.
זיי פירן פאָרויס אונדז אין הייכן,
ווי מעכטיקע ריזן,
מיר גייען די ערשטע
צו הייכן פון קאָמוניזם.

דער אויצער בא אונדז
איז דער מענטש און די היים און די פעלקער,
דער אויצער בא אונדז איז די פאָן,
וואָס וועט קיינמאָל ניט וועלקן, —
מיר זאָלן יאָרהונדערטער קאָנען זיך מײַנען
אין פרידן,
מיר, רוסן און שפּאַניער, אראַבער און טערקן
און יידן.

וועגן זיך

פאַר קיינעם איך דאַרף ניט באַהאַלטן זיך, ניין,
מײַן לעבן אַנטבלויזט איז פאַר אַלעמען, ריין,
איך דאַרף ניט פאַרעדן דעם לייגענער די ציין,
כ׳בין אופריכטיק פונקט ווי מיט זיך נאָר אליין.
צי לאַשטשעט דער רעגן, צי בריט מיך די
קעלט,
איך לעב דאָ אַן טומל, איך לעב דאָ אַן ראַש,

איך פיל דאָ זיך היימיש אין סעדער, אין גאַס,
אַט דאָ האָב איך טריט מײַנע ערשטע געשטעלט,
כ׳פאַרמאָג ניט קיין פּאַלאַצן, זוך ניט קיין
שלעסער,
נאָר וואָס איז פון היים און פון היימלאַנד
נאָך בעסער?

דער יאַם

איך הער דיך, מײַן אייביקער יאַם,
איך פיל אים, דײַן אייביקן פיבער.
און ווײַט איז געבליבן דער שטאַם
פון טאָפּאָל בא שטעטלשע שטיבער.
דער יאַם, ער דערמאָנט מיר דעם סטעפּ,
דער סטעפּ איז דאָך אויכעט אומברעגיק,
און ס׳נייגן די זאַנגען די קעפּ,
ווען ס׳ווינטעווען ווינטן מיט רעגנס.
דער יאַם, ווען סע רעגנט, איז שוואַרץ
און גרוי, און ער שלאָגט זיך בא ברעגן.

מיר דוכט, אַז ער רופט מיך און וואַרט,
כ׳זאָל לאָזן זיך ווײַט איבער וועגן.
אַליין איז ער שטענדיק אין גאַנג,
ער לעבט, ווען ס׳איז אַלץ אין באַוועגונג.
פאַרשטיי איך זײַן גרויסן פאַרלאַנג:
פאַר אַלעמען אויסשפּרייטן וועגן.

פאַרליבט כ׳בין אַף אייביק אין יאַם,
אין רײַכעס פון פיש און פון זאַלצן.
ס׳איז אַלץ אַרום מיר דאָ צום גראַם,
די וואַסערן זײַנע מיך האַלדזן.

אלעקסאנדער ליזען

נאָכעמקע עברעג

ראָמאַן

IV. לאַטאָפּאַגיע

1

שוין לאַנג, ווי די קאָפּינער טרוימען פון א זאַט און רויִק לעבן. ס'איז זיי נימעס געוואָרן די מילכאָמע, די גוואַלדטאַטן, די מעהומעס. טיף אין הארצן האָבן פיל פון זיי געכאָלעמט וועגן א מין לאַטאָפּאַגיע, וועגן עפּעס א ווײַט אָפּגעזונדערט לאַנד, וווּ די אײַנוווינער מיִען זיך אין פרידן, עסן זיסן לאָטאָס און האַלטן ניט קיין מילכאָמע.

די געשעענישן פון דער לעצטער צײַט האָבן איבערגעפּולט דעם בעכער. אַלע זײַנען ארומ־געבלאָנקעט מיט אַרײַנגעצויגענע אקסלען, גלײַך ווי מע וואָלט זיך געגרייט צו א נײַעם קלאַפּ איבערן קאָפּ. די פּאָליאַקן האָבן אונטערגעצויגן פרישע כאַיאָלעס און ארויסגעיאָגט די פּאַרטיזאַנער פונעם שטעטל. די קאָפּינער האָבן מיט שרעק געוואַרט אַף נײַע צאָרעס. כוץ דעם,

---

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 2, 1978.

וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרשטײַנערט אַ פּוילישן סאָלדאַט, האָבן נאָך די פּאַרטיזאַנער דער־שאָסן דעם קאָמאַנדיר פונעם פּאָלק, פּאַלקאָווניק סלאַוויצקין, און פֿיל סאָלדאַטן און אָפֿיצערן. די כמאַרעס אויפֿן קאַפּינער שטיקל הימל זײַנען געוואָרן שוואַרצער און געדיכטער. מע האָט געוואָרט, אַז סלאַוויצקיס דראַגוג — אַפּוילישן קאַפּין פֿון דער ערד — וועט היינט־מאָרגן אויסגע־פּילט ווערן. עמעס, מע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער „רעדלפֿירער", נאָכעם עסרעג, איז דערהאַרגעט געוואָרן צוזאַמען מיט זײַן פֿאָטער בעשאַס דעם צוזאַמענשטויס פֿון די פּאָ־ליאַקן מיט די פּאַרטיזאַנער.

טאָר מען זיך, הייסט עס, ניט הײַען. מע דאַרף זיך ראַטעווען. דורכשלאָגן זיך אום יעדער פּרײַז קיין אָדעס, צום יאַם. און דאָרטן וועלן שוין אַכיינו־בנײ־יִסראָעל העלפֿן אַוועקזעצן זיך אויף אַ שיף און אַרויספֿאָרן אין עפּעס אַ לאַטאַפּאַגיע.

אַמעריקע איז געווען פּאָפּולער אין קאַפּין — אורוגווײַ. פּאַרוואָס — ווייסט מען ניט פּינקט־לעך, וואָרעם קיינער פֿון די קאַפּינער אײַנוווינער האָט קיין שום אָנונג ניט געהאַט, מיט וואָס מע עסט עס, אַ־דעם אורוגווײַ. ניט מער, וואָס אַלע פֿלעגן זיך פֿאַרופֿן אויף דזשאָנאַטאַן טראַכ־טערמאַנס בריוו, וואָס ער האָט געשיקט זײַן שוועסטער, ציפּען. דער בריוו האָט געוואַנדערט איבער דער וועלט זיבן כאַדאָשים און אַלפֿי־נעס איז ער טאַקע דערקראָכן צו קאַפּין. דער בריוו איז געווען אָנגעשריבן אויף זייער אַ ווײַסן און גלאַנציקן פּאַפּיר־בויגן. אינעם לינקן ווינקל איז געווען אָפּגעדרוקט מיט לאַטײַנישע אויסיעס — „דזשאָנאַטאַן טראַכטערמאַן". האָבן די קאַפּינער אויסגעבריעט, אַז ניט אַנדערש ווי דזשאָנאַטאַן האָט זײַן אייגענע היפּשע פֿירמע. כוץ דעם איז אין דעם בריוו געווען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע: אַליין דזשאָנאַטאַן, זײַן פֿרוי און צוויי קינדער. זיי זײַנען געווען אָנגעטאָן אין גוטע העלע אָנצוגן און געהאַט אַ צופֿרידענעם אויסזען. אַ־דאָס איז כײַ־געלעבט!

ציפּע טראַכטערמאַן, אַן אָרעמע אַלמאָנע, נעבעך, פֿון וועלכער אַלע האָבן זיך אָפּגעקערט איבער דער געשיכטע מיט ביירעש דובערן, פֿון וועלכן זי איז שוואַנגער געוואָרן, איז אַצינד געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט בא די קאַפּינער. מע האָט זי פֿאַרבעטן מיטן גרעסטן קאָוועד און אַלע מאָל אָנגעזאָגט איר, אַז זי זאָל, לעמאַנאַשעם, ניט פֿאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך דעם באַרימטן בריוו מיט דער פֿאָטאָגראַפֿיע. אַפֿילע ביירעש אַליין פֿלעגט איצט שוין ניט אַרויס פֿון די קיילים, ווען מע פֿלעגט אים אייצענען כאַסענע האָבן מיט ציפּען. אַמאָל פֿלעגט ער שרײַען אין אַזאַ פֿאַל: „וואַסי, איר ווילט מיך, הייסט עס, קוילען מיט אַ טעמפּ מעסער! זי איז דאָך עלטער פֿון מיר אויף אַ צענדליק יאָר און האָט צוויי קינדער". אַצינד אָבער טוט ער פֿאַר־טראַכט אַ קראַץ דעם גאָרגל־קנאָפּ און זאָגט עפּעס אַזוי טאַמעוואַטע: עמעס, זי איז עלטער פֿון אים אויף אַ קנאַפּע פֿינף יאָר, נאָר ס'איז עפּשער קעדײַ אַ קלער טאָן וועגן דעם...

ציפּע, אַ דאַרע, אַ פֿאַרזעעניש, מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, האַלט זיך איצטער גרויס בא זיך. זי זאָגט אַלעמען, אַז איר ברודער דזשאָנאַטאַן הייסט איר פֿאָרן דורך אורוגווײַ. פּאַרוואָס עפּעס דורך? דערפֿאַר, וואָס אויב איר, ציפּען, וועט אורוגווײַ ניט געפֿעלן, קאָן זי זיך פֿון דאָרטן אַריבערפּעקלען קיין אַרגענטינע, מעקסיקע, אָדער אַפֿילע קיין ניו־יאָרק. וואָרעם אורוגווײַ איז אַזאַ לאַנד, וואָס לאָזט אַרײַן און לאָזט אַרויס ייִדן אָן באַגרענעצונגען.

פּערעץ דער שוואַרצער האָט מעסוקן ערנסט געפֿרעגט בא ציפּען:

— געערטע מאַדאַם טראַכטערמאַן! העיויס אין דעם בריוו איז גאָרנישט ניט געזאָגט וועגן דעם, טאָ מעג איך מאַכן אַן אויספֿיר, אַז איר האָט זיך נעכטן דורכגעשמועסט מיט אײַער דזשאָנאַטאַנען דורכן טעלעפֿאָן?

באַדערבײַ האָט ער שטאַרק אָנגעקוועטשט אויפֿן נאָמען „דזשאָנאַטאַן". וואָרעם אַלע האָבן געוווּסט, אַז ציפּעס ברודער, דעם פּראָסטן קאַפּינער יונגאַטש, פֿלעגט מען אַמאָל רופֿן פּאַשעט „נאָסן", און מע האָט אים ניט איבעריק געשאַנעוועט אין שטעטל. ציפּע האָט כשיוועסדיק געענטפֿערט, אַז זי האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע פֿון דזשאָנאַטאַנען.

פּערעץ פֿאַרקרימט זיך אַזש. אויף כידושים!

— אַ טעלעגראַמע? איז ווו איז זי? לאָמיך כאָפּן אַ קוק אויף איר כאַטש מיט איין אויג. רוימט אים אײַן ציפּע אין אויער:

— כ'האָב זי פֿאַרברענט. אַזוי דאַרף מען.

מאַכט פּערעץ אַ מינע, אַז ער פֿאַרשטייט זי גאַנץ גוט, ער איז אַ שטיקל מייוון אין הילכעס קאָנספּיראַציע. ער בעט זי נאָר, אַז זי זאָל, כאַסוועכאַלילע, ניט פֿאַרברענען דעם בריוו מיט דער פֿאָטאָגראַפֿיע, אַניט וועלן זיי, די קאַפּינער, הייסט עס, פֿאַרלירן די לעצטע האָפֿענונג. נאָך נאָכמען־בערס טויט איז קאַפּין פֿאַרבליבן אָן אַ ראָוו. ייִסראָעל כאָנעס גיט צו פֿאַר־שטיין, אַז דאָס איז אַ צייכן פֿון גאָט. אַ קאָהאָל אָן אַ ראָוו איז ניט קיין קאָהאָל. מע דאַרף פֿאָרן.

2

אַט דעמלט האָבן זיך אָנגעהויבן אין קאַפּין די גרויסע קרוויוים־זוכערײַען אַף יענער־זײַט אַקעאַן.

מע האָט זיך גענומען דערמאָנען ווער, ווען און ווהין איז אוועקגעפאָרן פונעם שטעטל פאַר די לעצטע פופציק יאָר. מע האָט אויסגעזוכט אַלטע, פאַרגעלטע בריוו און פאָטאָגראַפיעס, נאָכאמאָל מיט קאָפּ איבערגעלייענט דאָס האַלב־אָפּגעריבענע שרײַבעכץ, ארויסגעשריבן נע־מען און אַדרעסן. ווער עס האָט געקאָנט, האָט פאַרקויפט וואָס עס איז געווען מעגלעך, וואָרעם קיינער האָט ניט געוואָלט קויפן, אַלע האָבן נאָר פאַרקויפט און געזאַמלט געלט אַף א וועג א לאַנגן, ווי דער גאָלעס, און שווערן, ווי קריאַס־יאַמסוף.

מע האָט גענומען שליסן קאָלערליי אָפּמאַכן אַפּן כעזשבן פון די קרוויוים. מאַקס צימעס־מאַן האָט פאַרגעלייגט דער אַלמאָנע טראַקטערמאַן א גרויסע האַלוואָע מעזומען געלט, מיט א טנײַ, אַז איר ברודער דזשאָנאַטאַן זאָל אים צושיקן א קוויטל מיט זײַן הערבֿ, אַז ער וועט אים אומקערן דעם כויוו מיט דאָלאַרן, ווען ער, מאַקס, וועט קומען צו פאָרן קיין אורוגווײַ. ס'איז נאָר א ווייטעק, וואָס קיינער האָט ניט געוואָלט קויפן די אַליאַרניע בא די צימעסמאַנס. אַלציינס וועט מען זי נאַציאָנאַליזירן, ווען די באָלשעוויקעס וועלן קומען. מאַקס האָט שוין געהאַט בעדייע אָפּטרעטן זײַן כיילעק פאַר האַלב אומזיסט דעם ברודער. נויעך האָט אָבער אָנגעשמעקט, וואָס זײַן טײַער ברודערל מיינט, און האָט געהייסן זשאַנען איבערגעבן געניען, אַז געניע זאָל איבערגעבן איר מאַן, אַז מע דאַרף ניט ארײַנלייגן קיין פינגער אין מויל ארײַן... זאָל זי אים איבערגעבן, אַז דאָס מאַזל איז ניט אין לאַמדאָנעס, נאָר אין סייכל. און זאָל ער ניט מיינען, אַז אויב ער איז אַן אַדוואָקאַט אָן א מיטוואָך, טאָ וועט ער מיך קאָנען אַזוי גרינג אַפּשווינדלען..."

די קלאַנגען וועגן ארויספאָרן זײַנען געוואַקסן, ווי אַף הייוון. און דאָס האָט נאָך מער אונטערגעטריבן. יעדערער האָט זיך געײַלט איבעריאָגן דעם צווייטן, וואָרעם ווער ווייסט, צי עס וועט קלעקן אָרט אין אורוגווײַ פאַר אַלעמען.

מע האָט געשמועסט, אַז אַלטער דער באַלעגאָלע האָט שוין פאַרקנאַקט זײַנע פערד, אַז פערעץ דער שוואַרצער האָט בישטיקע פאַרקויפט זײַן גראַמאָפאָן עפעס א יידן פון אַן אַנדער שטעטל. פאַרוואָס בישטיקע? קעדיי ער זאָל ניט מוזן צערעכענען זיך מיט מענטשן פאַר זײַנע כויוועס, אַניט וועט אים גאָרנישט ניט בלײַבן אַף הויצאָעס קיין אורוגווײַ. גיוניע אײַזנבערג האָט גענומען פאַרלויפן דעם וועג בײַרעש דובערן — ער כאַפּט זיך אָפּט ארײַן צו ציפּע טראַכ־טערמאַן מיט דריבנע מאַטאָנעס: כאָים כאַוועס האָט ארויסגעהאַנגען א מודאָע, אַז ער פאַר־קויפט זײַן העלפט סאַד. יעזעריצקי אַרנאָלד אַסיפּאָוויטש פאַרמאַכט זײַן אַפּטייק און צווינגט זײַן זון, אַרקאַדין, דרינגענד נעמען שטודירן שפּאַניש. בענציע פּישער פאַרקויפט זײַנע שיפ־לעך. ליבשטיין האָט אופגעהערט אופנעמען פאַציענטן, ער האָט זיי געבעטן צוװאַרטן א ביסל, וועט ער זיי, מירצעשעם, פאַרפלאַמבירן די ציין שוין אין אורוגווײַ. יִסראָעל כאַנעס האָט אופגעהאַנגען א גרויסן שלאָס אַפּן כיידער, און די קינדער זײַנען נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי אופגעלייגט, ווי איצט.

עס קאָן זיך מאַכן, אַז די קלאַנגען זײַנען געווען היפּש איבערגעטריבן. עפּשער האָט עמע־צער אַפילע ספּעציעל צעבלאָזט זיי. עפּשער טאַקע דער זעלבער נויעך צימעסמאַן, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג געקוואָפּעט אַף כאָים כאַוועס סאָד, קעדיי צו באַקומען פרײַען פּלאַץ אַף צו פאַרברייטערן די אַליאַרניע. מיט מאַקסן האָט ער אומיסטן געכיטרעוועט, קעדיי אויסדינגען בא אים וואָס וועלוולער זײַן העלפט. מאַקס האָט דאָס באַלד אָנגעשמעקט, און איז גלײַך ארײַ־בערגעגאַן פון „קלאָרע דיבורים" אַף אָנצוהערענישן, ניט געזאָגט ניט יאָ, ניט ניין, מעגלעך אונטער דער ווירקונג פון זײַן ווײַב, געניען, וואָס האָט ניט פאַרגינט דער שיינער זשאַנען, אַז זי זאָל פאַרבלײַבן די גאַנצע באַלעבאָסטע פון דער אַליאַרניע.

און ווען גיוניע אײַזנבערג האָט א פרעג געטאָן אַלטערן, פאַר וויפל מאַמטאַקים האָט ער פאַרמיסכערט זײַנע קליאַטשעס, איז דער באַלעגאָלע געוואָרן מאָלע־רעציכע און ער האָט מיט קאַס געוואָרנט אים, אַז ער זאָל זײַן געהיט, און אויב ער וועט כאָטש נאָך איין מאָל אָנרופן זײַנע סוסים מיט די צעפּלאַטערטע גריוועס — „קליאַטשעס", וועט ער אים אָפּרײַסן זײַן פּאָנ־פּעוואַטע נאָז.

— וואָס איז שײַעך די סוסים, איז זיי ווייסן, גיוניע, אַז כ'וועל גיכער פאַרקנאַקן דיך אײניינעם און מיט אַלע דײַנע נעקייוועס, איידער מײַנע ליבע סוסים!

אלטער האָט אומיסטן א וואָרף געטאָן א שטיינדל אין ניוניעס „נעקיוועס”, ווײַל פּערעץ דער שווארצער האָט שוין פון לאנג ארויסגעלאָזט א פּליאָטקע, אז ניט אומזיסט איז ניוניע קראַנק אף דער נאָז. ניט אנדערש, אז ער האָט טאקע צו טאָן מיט זוינעס.

און נאָך האָט מען געפּלוידערט, אז אליין רעפאָעל קרישטול מיט זײַן גאנצער צעצוויגטער מישפּאָכע, מיט די טעכטער, איידעמס און אייניקלעך קלײַבט זיך אין וועג ארײַן. ער וועט אוועקפאָרן, ווי נאָר ער וועט א ביסל אויסהיילן זײַן פּאָדאגרע און פאַרקויפן זײַן צווייסטאָקיקן מויער.

פון מויל צו מויל פלעגט מען דערבײַ איבערגעבן נאכמען־בערס ווערטער, וועלכע ער האָט קלוימערשט ארויסגעבראכט פארן טויט. „א שוידער, און א גרוב, און א פּעטליע. ווער עס וועט ארויס פון גרוב, וועט ארײַן אין דער פּעטליע...” איז אָט, קלײַבט זיך, בימכילע, אויס.

אָבער ער, נאכמען־בער, איז געווען קעגן אורוגווײַ. דאָרטן לעבט זיך צו רויִק, און אז מע לעבט צו רויִק, פארגעסט מען, אז ס'איז דאָ א גאָט אף דער וועלט.

ז

מײַן פאָטער ליגט אונטער א ווערבע ניט ווײַט פונעם טײַכל. דערנאָך וועל איך אים שטעלן א דענקמאָל. לעסאָטע איז די ווערבע — א דענקמאָל. די לאנגע בייגעוודיקע צווײַגן זײַנען אראָפּגעלאָזט קימאט ביז צו דער ערד, און ווען איך וויל מיסיאכעד זײַן זיך מיט מײַן טאטן, הייב איך אונטער דעם גרינעם פאָרהאנג, שאר זיך ארײַן אונטער זײַן פארטראכטער שטילקייט, און לאָז אים ווידער אראָפּ, אָפּצאמענדיק זיך אזויארום פון דער גאנצער וועלט. ניט ווײַט מורמלט מאַלא. ס'איז א שטיל־מעכײַעדיק ווינקל, א גרינס, א שמעקנדיקס, און אזא שיינס, אז עס גלוסט זיך צומאָל ארײַנוואקסן מיט די פיס אין דער ערד, ווי א בוים מיט זײַנע וואָרצלען, קעדיי אף אייביק בלײַבן דאָ אין א פארכאָלעמטער אומבאוועגלעכקייט, אָטעמען מיט ריינער דופטיקער לופט, דערנערן זיך מיט די זאפטן פון דער ערד און זײַן באנאַנד מיט דיר, טאטע. כ'האָב אויסגעקליבן א שיין אָרט פאר דײַן קייווער, פארשאָטן דיך מיט פרישע קוויטן. עס וועט דיך פארוויגן שטענדיק דער טײַך־געמורמל.

איך געדענק, אז איידער מיר האָבן אראָפּגעלאָזט דעם פאָטער אין קייווער, האָב איך זיך אליין אראָפּגעלאָזט פאר אים אף די קני, און לאנג, זייער לאנג, זיך אײַנגעקוקט אין די שטריכן פון זײַן פארגליווערט פּאָנעם, וואָס איז מיר געווען קימאט פרעמד. ביזוואַנען ס'איז געווען לעבעדיק, האָב איך ניט געהאַט די מעגלעכקײַט אײַנקוקן זיך. אצינד ליגט ער אומבאוועגלעך מיט זייער א בלייך פּאָנעם, זייער א דארס, א ביסל גרינבלעכס מאכמעס דעם, וואָס אלץ ארום איז גריך, מיט א געזיכט, וואָס איז געווענדט צום הימל, — און איך האָב א קלער געטאָן, אז איך האָב, ענדלעך, דערלאַבערט א טאטן, איצטער וועט ער שוין קיינמאָל ניט אוועק פון מיר, אָט ליגט ער דאָ־אָ, לעבן מיר. און ווען כ'וועל נאָר וועלן, קאָן איך קומען צו אים, ווי מײַן באָבע קומט צום פארשטאָרבענעם זיידן.

דער פעטער אײַזיק האָט געטײַנעט, אז איך דאַרף שוין אוועקפאָרן קיין אורוגווײַ. אניט וועט זײַן אז אָד־און־ווײַ איז מיר, אי דעם שטעטל, ווען דער שווינדל וועט זיך אופדעקן. ווען די באָבע האָט דאָס דערהערט, איז זי געוואָרן בלייך, ווי די וואנט. זי האָט געבעטן דעם פעטער אײַזיק, ער זאָל זיך ניט אײַלן אזוי. זי, די באָבע, וועט שוין אינגיכן שטארבן, איז זאָל ער שוין דעמלט אָפּשיקן מיך, וווהין ער וויל. אָבער קאָלזמאַן זי לעבט, וועט זי אים אויסבאהאלטן, נאָכעמקען. ס'איז, דאנקען גאָט, פאַראן ווו. אין קעלער. אפּן בוידעם. אפּן בעסוילעם. אין וואלד... כ'וויס, פארוואָס די באָבע האָט זיך געוומען איבערעכענען די באהעלטענישן אין אזא סיידער.

פאר איר וואָלט געווען בעסער דער קעלער אָדער דער בוידעם, ס'הייסט, לעבן זיך, אונטער איר פארטעך. אין ערגסטן פאל — אפּן בעסאָלמען. זי האָט דאָרטן א סאנייגער, א סגולע פאר גאָטס צאָרן — דעם זיידן.

איך האָב אָבער אויסגעקליבן דאָס וועלדל. דאָרטן איז פרײַ און גריך, און באנאַנד — דער טאטע אונטער דער לאנגצווײַגיקער ווערבע. דאָרטן קאָן מען קלערן וועגן זײַן פון לעבן און וועגן אָקסאנען. קיינער שטערט מיר דאָ ניט. דאָך ווערט מיר אָפּט טריב אף דער נעשאָמע.

דעמלט קום איך צום טאַטן פרעגן אָן אײצע. איך הער זיך צו צום גערויש פון די בלעטער, צום שאָרך פונעם גראָז, הער, ווי עס פּלאַצן קנאָספּן, און מיר דאַכט זיך דעמלט, אַז איך הער קלויזמערשט דעם טאַטנס פאַרענדערט קאָל און איך נעם אויסטײַטשן, וואָס דער ווינט, די קנאָספּן און דער גערויש פון די בלעטער באַטײַט.

4

כאָטש ס'איז געווען ווײַטלעך, פלעגט די באָבע צו מיר קומען. אוואַדע וואָלט איר בעסער געווען, ווען איר זון וואָלט געלעגן באַנאַנד מיטן מאַן אָפּן בעסוילעם. זי איז נעבעך, שלאַבעריק געוואָרן, מײַן באָבעניו, דאָס פּאָנעם בלײַך, די האָר גראָו. אַזויפיל איבערלעבונגען! אָבער וואָס קאָן מען טאָן. די באָבע האָט אויך שטאַרק ליב פעלד און וואַלד און פרישע לופט. שלעפּט זי זיך פּאַמעלעכן צום זון און צום אייניקל.

דער שאַרפער ווײַטעק האָט זיך אַ ביסל צוגעטעמפּט, די באָבע זיצט באַם גרינעם קייווער אַ רויִקע, און עפּשער האָט זי שוין ניט קיין קויעך צו וויינען און יאָמערן. זי זיצט און דערציילט עפּעס געלאַסן מײַן טאַטן, וועלכן זי רופט יאָסעלע.

— יאָסעלע, — זאָגט זי, — געדענקסט, ווען דו ביסט געווען קראַנק אָף קאָקליוש...

די מײַסע ווייס איך אויך. די באָבע האָט מיר שוין אַמאָל דערציילט. ער האָט, נעבעך, אַזוי געהוסט, דײַן טאַטע, אַזוי מעסוקן געהוסט, מיט עפּעס אַ סווישטשערײַ און ברעכערײַ, אַז אָט־אָט פאַרגייט ער זיך, און שוין, נאָר וואָס קאָן זי אָבער טאָן? לויפן צו טויבעסן? ער איז דעמלט נאָך געווען יונג, טויבעס, און זייער באַשיידן. האָט ער איר גלײַך געזאָגט, אַז די מעדיצין האָט ניט קיין סגולע צו קאָקליוש.

— איז וואָס איז דאָס, מישטײַנסגעזאָגט, פּאַראַ מעדיצין? — האָט זי אַ דערצאָרנטע געפרעגט באַ טויבעסן.

געפרעגט — און געלאָזט זיך ווידער אהיים. און יאָסעלע הוסט און פאַרגייט זיך. נעמט זי אים אָף די הענט און זאָגט:

— שאַ, קינד מײַנס, באַרויק זיך. ווייסטו וואָס, כ׳וועל דיר דערציילן אַ מײַסעלע, וועסטו פאַרגעסן הוסטן...

די מײַסע איז געווען, ווי אַ מײַסע. מיט אַ בייזן קייסער, אַ קישעפמאַכער און מיט אַ מור־סער־האָסקל.

ס׳האָט געלעבט אַמאָל אַ ייִנגעלע, אַ שיבעניק, אַ האָזעסניק, געטאָן וואָס ר׳האָט געוואָלט, די מאַמע ניט געפאָלגט. זאָגט ער איינמאָל דער מאַמען:

— איך וועל גיין אין וואַלד אַרײַן.

פרעגט אים די מאַמע:

— וואָס עפּעס אינמיצקעדערינען?

— כ׳וויל אַ זוך טאָן די שײַנע וועסנע.

— הער אַ מײַסע! ווער זשע זוכט די וועסנע אינמיטן האַרבסט? דער ווינטער וועט אַריבער, וועט זי אַליין צו דיר קומען.

ער אָבער — איינמאָל ניין. ער וויל ניט וואַרטן אַזוי לאַנג. דערלאַנג אים די וועסנע טייקעף־אומיאַד — און שוין!

די מוטער רעדט אים אײַן, וואָרנט אים.

— גיי ניט, זונעלע, אין וואַלד אַרײַן. פאַראַן דאָרטן אַ קייסער, אַ קישעפמאַכער, און ווי נאָר אַ ייִנגעלע בלאָנדזשעט אין וואַלד, כאַפּט ער עס באַלד, וואַרפט עס אין דער אונטער־ערד, שרעקט אים מיט אַ שאַרפער שווערד, פּײַניקט אים און פּלאָגט, שטיקער רײַסט ער פון אים, און זאָגט: כ׳וועל דיך מײַמעסן אַף אַזאַ אויפן, ביזוואַנען טאַטע־מאַמע וועלן דיך ניט אויסקויפן.

— נו איז וואָס? וועסטו מיך אויסקויפן.

— וואָס זאָגסטו, ייִנגעלע מײַנס! ס׳איז אַזאַ שרעקלעכער אויסקויף! עס לאָזט זיך אַפילע ניט אויסרעדן...

דער קונדעס מאַכט אַ פּאָר גרויסע אויגן.

— דײַנע רייד געפעלן מיר ניט, — און ווי נאָר די מוטער האָט זיך געלייגט שלאָפן, איז ער אַנטלאָפן.

גייט ער און גייט. גייט און בלאָנקעט. אין פעלד איז העל, די ערד איז ווי באַדעקט מיט מעל, אין הימל שײַנט די לעוואָנע איינזאַם און בלייך.

ווי נאָר אָבער ער איז אַרײַן אין וואַלד, איז געוואָרן פינצטער און קאַלט. און דערצו האָט מיטאַמאָל דעם הימל באַדעקט אַ שוואַרצע כמאַרע. זי האָט אײַנגעשלונגען די לעוואָנע. ס׳איז געוואָרן אַף דער וועלט שטאַרק פינצטער, ס׳האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן, און ס׳האָט אַ גאָס געטאָן אַ זליווע ניט אַף קאַטאָוועס. דעם ייִנגל איז געוואָרן שרעקלעך. וואָס טוט מען אָבער?

האָט ער זיך צוגעטוליעט צו אַ בוים, און שטייט אַזוי פּיטש־נאַס און ציטערט. ווי נאָר ס׳האָט ווידער אַ בליץ געטאָן, האָט ער דערזען עפּעס אַ סטראַשידלע — די האָר האָבן זיך באַ אים געשטעלט קאַפּויר: ניט קיין מענטש, ניט קיין בופלאַקס, און ניט קיין פּיפּערנאָטער, מיט הערנער מיט קרומע, און מיט אַ באָרד, ווי אַ סנאָפּ די לענג. די באָרד איז באַשאָטן מיט אויגן, ווי מיט בריליאַנטן. געוויס איז דאָס דער קייסער אַליין. וויל ער אַנטלויפן, דאָס ייִנגל, קאָן ער אָבער זיך ניט רירן פון אָרט. און דער קישעפמאַכער שטרעקט אויס צו אים זײַן האַ־ריקע לאַפּע. צעוויינט זיך דאָס ייִנגל, צעשרײַט זיך. עס העלפט אים אָבער ניט. דער קייסער טוט אים אַ שלײַדער אַרײַן אין אַ נאַסער הייל, און הענגט אויף אַ שלאָס אַף דער טיר, ווי אַ שווער געוויכט.

וועגן ניט די מאַמע, וואָלט קיינער ניט דערהערט דעם ייִנגלס געשריי. כאַפּט זי זיך טייקעף אויף, די מאַמע, און לאָזט זיך לויפן צווישן דונערן און בליצן. זי לויפט און שרײַט: „קינד, מײַן טײַער קינד, ווו ביסטו אַצינד? האָב איך דיר דען ניט געזאָגט, אַז אין וואַלד איז גע־פערלעך? ווינד איז מיר און וויי!"

פּלוצעם דערזעט זי דעם קייסער־קישעפמאַכער. פאַרבייגט זי זיך פאַר אים אַזש ביז צו דער ערד און בעט זיך באַ אים:

— גיב מיר אָפּ מײַן ייִנגעלע, מײַן טײַערס, גנעדיקער קייסער.

שטעלט ער אָן אָף איר זײַנע קרומע הערנער:

— און וואָס פאַר אַן אויסקויף וועסטו מיר געבן?

— וואָס נאָר דו ווילסט.

— גוט, דו רעדסט צו דער זאַך. איז הער זשע מיך אויס: דו וועסט מיר געבן דײַן אויג, און איך גיב דיר אָפּ דײַן שנעקל. אָפּגעמאַכט?

בעט זיך באַ אים די מוטער מיט טרערן אין די אויגן:

— וואָס דאַרפסטו מײַן אויג, גנעדיקער האַר? וואָס דאַרפסטו אוועקנעמען באַ מיר גאָטס זונען־שײַן?

צעלאַכט ער זיך און צעדונערט זיך:

— וואָס שפּאַרסטו זיך מיט מיר, נאַרישע ייִדענע! כ׳דאַרף, אַז דײַן אויג זאָל באַפּוצן מײַן שײנע באָרד. און פֿאַר דער זונען־שײַן וועט דיר סטײַען איין אויג.

האָט זיך די מוטער צעוויינט, אָבער וואָס קאָן זי טאָן, אַז אָט באַלד קרייעט שוין דער האָן, און דאָס קינד שרײַט ביטער אין דער הייל.

— נעם, קוילער! אָבער דאָס לינקע.

— גוט. זאָל זײַן דאָס לינקע, — האָט אײַנגעשטימט דער קייסער.

די מוטער האָט אָנגעבויגן צו אים איר קאָפּ, און ער האָט מיט צוויי קרומע פֿינגער ארויס־געריסן באַ איר אָן אויג...

איך פֿרעג די באָבע:

— וואָס האָסטו געדאַרפֿט דערציילן יאָסעלען אַזאַ שרעקלעך מײַסעלע?

ענטפֿערט זי מיר:

— ער האָט אָבער אופֿגעהערט הוסטן.

איך מיין אָבער, אַז זי וואָלט ניט געדאַרפֿט דערציילן דעם טאַטן קיין מײַסעס וועגן קייסאָרים־קישעפֿמאַכערס. וואָלט ער עפּשער זיך ניט פֿאַרנומען מיט די דאָזיקע געשעפֿטן, וואָס האָבן פֿאַרשאַפֿט איר אַזויפֿיל צאָרעס און יעסורים.

— יאָסעלע פֿלעגט דיך ניט פֿרעגן, פֿאַרוואָס זײַנען אין די מײַסעלעך די קייסאָרים אַזעלכע שלעכטע און די פּרינצן און די פּרינצעסעס אַזעלכע גוטע.

די באָבע האָט אַזש אָן אויקע געטאָן פֿון גרויסער פֿאַרוווּנדערונג.

— יאָ. פֿונוואַנען אָבער ווייסטו דאָס?

— כ׳ווייס אַליין ניט, — האָב איך געענטפֿערט.

כ׳ווייס דאָס טאַקע ניט. עפּשער האָב איך פּאַשעט געטראָפֿן. און עפּשער בין איך שטאַרק געראָטן אין מײַן טאַטן.

— איז וואָס האָסטו אים געענטפֿערט, יאָסעלען?

אַנשטאָט אָן ענטפֿער מאַכט צו מיר די באָבע:

— ס׳איז ניט שיין רופֿן אַ טאַטן „יאָסעלע״.

כ׳האָב אָפּ קיין האָר ניט באַליידיקט זיך אָף מײַן באָבעניו. פֿאַרקערט, כ׳האָב זיך דערפֿרייט. ווען זי הייבט אָן וואָרטשען, איז דאָס דער בעסטער סימען, אַז זי קומט צו־זיך. זאָל זי שוין בעסער וואָרטשען, אײדער וויינען.

— לאָמיר עפּשער שוין גיין אַהיים, באָבעניו?

— יאָ, נאָכעמקע. לאָמיר גיין. דו ביסט הײַנט אַזאַ...

— ס׳איז דיר ניט קאַלט? — שלאָג איך זי איבער. — דו ביסט אַזוי לאַנג געלעגן אָף דער פֿײַכטער ערד...

כ׳האָב אומיסטן איבערגעשלאָגן די באָבע, קעדיי ניט דערהערן ווידעראַמאָל: „דו ביסט הײַנט אַזאַ גוטער״. זי האָט מיר שוין הײַנט דאָס איין מאָל געזאָגט. כ׳בין צופֿרידן, וואָס די באָבע איז צופֿרידן.

— ווילסט מיר געבן דײַן בעקעשע? — פֿרעגט זי מיך מיט עפּעס אַ ליב קיינדל.

פּלוצעם בלײַבט זי שטיין.

— ווי׳אַזוי זשע וועסטו גיין אַהיים? מע קאָן דיך דאָך דערזען.

— נישקאָשע, — באַרויִק איך זי. — מיר וועלן גיין מיט די הינטערגעסלעך. כוץ דעם האָב איך זיך שטאַרק פֿאַרבענקט נאָך דײַן הרעטשענער קאַשע מיט פּאַסאָליעס.

דאָס איז שוין געווען מײַן קיינדל. קיין בעסערן קאָמפּלימענט וואָלט מען ניט געקאָנט צוטראַכטן פֿאַר דער באָבען.

גייען מיר זיך אַזוי, גייען און שווײַגן. דערנאָך זאָגט זי:

— דער פֿעטער אײַזיק באַשטייט, אַז דו זאָלסט באַלד אוועקפֿאָרן.

— און ווי מיינסטו?

— כ׳ווייס שוין ניט, וואָס צו מיינען, — נאָר באַלד כאַפּט זי זיך: — גיך וועלן זיך שוין אומקערן אונדזערע.

— איך קלײַב זיך ניט פֿאָרן. אין ערגעץ ניט.

שטעלט זיך די באָבע אָפּ, פאַרגיסט דעם קאָפּ צו מיר און זאָגט:

— איז אָפּגערעדט. פאַרסט ניט, און שוין. כ׳וועל שרײַען אף דיר, כ׳וועל דיך זידלען און בעטן: פאָר אוועק, נאָכעמקע, באַלד זאָלסטו אוועקפאָרן און ראַטעווען דאָס לעבן! נאָר דו זאָלסט אלצײַנס ניט אײַנגײַן. גוט?

גוט, מײַן טײַערע, מײַן געטרײַע באָבעניו! אָפּגערעדט. כ׳וועל ניט פאָרן אין ערגעץ ניט. כ׳וועל דיך ניט פאַרלאָזן.

איך רעד צו דער באָבע, און פאַר די אויגן דערזע איך א שטיבל באַם ראַנד פונעם וואַלד, ניט ווײַט פונעם טײַך, און דאָרטן, אין דעם דאָזיקן שטיבל, לעבן מיר, גליקלעכע און רויִקע, אײנדרײַען: איך, אָקסאַנע און די באָבע. און מערער דאַרף איך קײנעם נישט.

— גוט, באָבעניו. אוודע. דו וועסט פאָדערן, שרײַען, בעטן, און איך — אײנמאָל נײן. כ׳פאָר ניט, און שוין. כ׳וועל דיך קײנמאָל ניט פאַרלאָזן, באָבעניו.

— אָט אזוי, קינד מײַנס. אצינד וועלן מיר ניט מוירע האָבן פאַרן פעטער אײַזיק. איאָ? די באָבע שיט מיט רייד. זי איז מונטער געוואָרן און האָפּעדיק — פון טויט לעבעדיק.

— ...ער, דער פעטער אײַזיק, דײַגעט אוודע פאַר דיר, אז עס זאָל מיט דיר, כאַלילע, גאָרנישט ניט טרעפן. סײַווי איז אָבער בעסער האַלטן זיך בא דײַן שטיקל ערד. עס וועט דיך אָפּהיטן און א פריטולעק געבן. אף פרעמדער ערד ווערט מען גיכער פאַרפאַלן.

איך האָב געהערט די באָבע און האָב געטראַכט זיך מײַנס, געזען פאַר די אויגן דאָס אויס־געטרוימטע שטיבעלע, וואָס שטײט צווישן וואַלד און טײַך...

— וויפל ביסטו אלט געוואָרן, ווען דו האָסט כאַסענע געהאַט? — פרעג איך די באָבע.

ווערט זי אוודע שטאַרק פאַרווּנדערט.

— וואָס איז דען? וואָס עפּעס אינמיצקעדערינגען?

— ענטפער מיר, באָבעניו. וואָס אַרט דיך?

— זעכצן.

— נו, און איך בין אויך אלט זעכצן. דאָס זיבעצנטע אפילע.

— איז וואָס?

„איז וואָס?" גאָרנישט. אף דער צונג ליגט — „אָקסאַנע". איך שעם זיך אָבער אויסרעדן. ניט נאָר פאַר דער באָבען. פאַר זיך אלײן שעם איך זיך אויכעט.

די באָבע האָט א רוף געטאָן דאָס פאַסטעכל, וואָס האָט דאָ געפּאַשעט זײַן ראַבע קו. די קו האָט פאַריסן דעם קאָפּ. זאַפטיקע גרעזעלעך זײַנען אַראָפּגעהאַנגען פון אירע ווייכע ליפּן. זי האָט געקוקט אף אונדז רויק מיט אירע גרויסע אויגאַנעס. דאָס פאַסטעכל איז צוגעגאַנגען. די באָבע האָט אים עפּעס אײַנגערוימט אין אויער. און טאַקע באַלד איז פאָרגעקומען א מאַסקאַ־ראַד. איך האָב אים געגעבן מײַן בעקעשע און ער מיר — זײַן לײַוונט־רעקל, א צעקנייטשטס, א ברודיקס, מיט א סאַך פאַלדן און מיט אײן קנעפּל, און פּונקט אזא צעקנייטשטש היטל מיט א צעריסענעם דאַשעק.

איך האָב אָנגעפּרענדעט אף זיך דאָס רעקל און דאָס היטל. די קו האָט פאַרכידעשט א מעקע געטאָן און געלאָזט זיך גײן נאָך מיר.

די באָבע האָט זיך צעלאַכט.

מיטאַמאָל טוט זי א זאָג:

— אָקסאַנע איז א ווויל מײדל. זי געפעלט מיר.

נעם איך אַרום די באָבע און הייב זי אָן צו קושן. אזעלכס האָט געטראָפן דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן.

5

ווי נאָר מיר זײַנען געקומען אהיים, האָב איך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פאַסטעכס רעקל און דאָס היטל. די באָבע האָט פאַרהאַנגען די פענצטער, אז קײנער זאָל מיך, כאַלילע, ניט דערזען. מיר האָבן זיך געסטאַרעט דורכגאַנווענען אומבאַמערקט, נאָר ווי עס טרעפט געוויינלעך אין אזעלכע פאַלן, שטויסטו זיך דאַפקע אָן אף דעם, וואָס איז אַמערסטן אומ־געוווּנטשן. ניט ווײַט פון דער בריק איז געזעסן באַם טײַך אף אײַנגעבויגענע קני עפּעס א מענטש און געוואַשן די הענט.

א פאַרשמאַלצן רעקל, גראָבע, ווי פאַרייכערטע, הענט... א־האַ! ס׳איז דאָך נויעך צימעס־מאַן. האָב איך טיפער אָנגערוקט דאָס היטל איבערן שטערן.

א פראַצעוויטער איז ער געווען, מע קאָן ניט לייקענען, אָדער נויעך. דאָס האָט אנער־קענט אפילו זײַן ברודער מאַקס.

געקומען אהיים, האָט די באָבע זיך גלײַך צוגעלייגט. אַן איסזען האָט זי געהאַט ניט קיין וואָזשנע. איך האָב איר דערלאַנגט דעם טערמאָמעטער. דאָס איז אויך געווען דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. די באָבע האָט אָפּגעשטויסן מײַן האַנט. האָב איך איר געזאָגט דאָס, וואָס זי פלעגט מיר זאָגן אין אַזעלכע פאַלן:

— וואָס אַרט דיך, אַז דו וועסט שטעלן דעם טערמאָמעטער, וואָס? נישטאָ קיין היץ, דאַרף מען ניט. וואָסי, וועסט עפּעס דערלייגן צום געשעפט?

די באָבע האָט אַ שמייכל געטאָן, אַרײַנגערוקט דעם טערמאָמעטער אונטער דער פּאַכווע פּונקט מיט אַזאַ נאַכלעסיקער טנוּע, ווי איך פלעג דאָס טאָן. מיר האָבן זיך פּאַשעט געביטן מיט די ראָלן.

איך האָב דערהערט, ווי עמעצער זינגט אין שטוב. האָב איך שטרענג אָנגעזאָגט דער באָ־בען, אַז זי זאָל ניט אַרויסנעמען דעם טערמאָמעטער, ביזוואַנען איך וועל זיך ניט אומקערן, אָדער ביזוואַנען דער גרויסער זייגער־וויזער וועט זיך ניט אָפּשטעלן אויף דער ציפער 8, און זיך געלאָזט גיין אין צווייטן צימער.

סאָניע איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם שפּיגל און געזונגען. געזונגען האָט זי שטאַרק פאַלש.

— עס געפעלט דיר די טאַנגאָ? — טוט זי מיך אַ פרעג. — ס'איז אַ נײַע אַרגענטינער טאַנ־גאָ. דו ווייסט דאָך, אורוגווײַ געפינט זיך באַנאַנד מיט אַרגענטינע. און אַלע טאַנצן דאָרטן טאַנגאָ.

אַלע טאַנצן טאַנגאָ! מע פאַרנעמט זיך מיט קיין זאַך ניט, מע טאַנצט טאַנגאָ פון אינדערפרי ביז אָפּדערנאַכט.

אויב אַלע אין שטוב גרייטן זיך פאָרן קיין אורוגווײַ, קאָן דען סאָניטשקע אָפּשטיין? גרייט זי זיך אויך. נאָר אויף איר אויפן. זי לערנט זיך טאַנצן טאַנגאָ.

באַלד וועט זי מיך פרעגן, סאָניע, וועגן דער לעצטער אורוגווײַער מאָדע אויף זומער־קליי־דער און וואָס פאַר אַ פריזור טראָגן יונגע פאַרהייראַטע פרויען אין אורוגווײַ?

בין איך איר פאַרלאָפן דעם וועג, סאָניען, און כ'האָב איר געזאָגט, אַז די באָבע איז קראַנק געוואָרן.

— יאָ־אָ? — פרעגט זי מיך איבער מיט אַ טאַנגאָ־ניגנדל, דרייענדיק זיך קעגן דעם שפּיגל. זי איז אײַנגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין שפּיגל. זי הערט פּאַשעט ניט, וואָס איך זאָג איר. זי שפּאַצירט שוין אין אירע געדאַנקען איבער די רוישיקע יאָמטעוודיק פּאַרפּוצטע מאָנטעווידעאָ־פּראָספּעקטן.

— הער אויף פּישטשען! — טו איך אַ געשריי אויף איר. — די באָבע איז שלאָף. זי ליגט.

— וואָס זשע האָסטו מיר פריִער ניט געזאָגט? — צעבייזערט זיך סאָניע און לויפט גלײַך אוועק צו דער באָבען.

לויף איך איר נאָך, נעם צו בײַ דער באָבען דעם טערמאָמעטער און שרײַ אויס, פּונקט ווי די באָבע אין אַזעלכע פאַלן:

— ווײ איז מיר! אַכט און דרײַסיק מיט דרײַ!

סאָניע נעמט בעשאַסמײַסע אַרום די באָבע און רוימט איר עפּעס אײַן אין אויער. דערנאָך טוט זי אַ קאָמאַנדעווע:

— לויף גיך נאָך טויבעסן!

די באָבע דערווידערט.

— ס'איז דען היץ, אַכט און דרײַסיק! כ'האָב געהאַט אַ סאַך מאָל מער, און גאָרניט! און סאָניען האָט די באָבע געזאָגט:

— געוווּין זיך צו. וועסט אָפּלעבן אַ לעבן, ווי איך, וועסטו נאָך האָבן קאַלטס און וואַרעמס. כ'ווייס ניט, וואָס סאָניע האָט אײַנגערוימט דער באָבען. כ'קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן לויט דער באָבעס ענטפער. אַצינד זיצט זי, סאָניע, אויפן בעט. די באָבע האָט אונטערגעצויגן די פיס, אַז סאָניטשקען זאָל זײַן באַקוועמער. זי זיצט, סאָניע, מיט אַן אָנגעכמורעט פּאָנעם, אָט־אָט צעכליפּעט זי זיך. פון געלעכטער ביז געוויין איז בײַ איר איין שפּאַן.

— כ'גיי צו טויבעסן.

צעברויגעזט זיך די באָבע ניט אויף קאַטאָוועס.

— וועסט אין ערגעץ ניט גיין! וואָס ביסטו צו מיר צוגעשטאַנען מיט דײַן טויבעסן! הער נאָר אַ ביסל! כ'האָב אָפּגעלעבט אויף דער וועלט זיבעציק יאָר, און זיך באַגאַנגען, דאַנקען גאָט, אָן טויבעסן. וואָדען!

סאָניע האָט גלײַך פֿאַרלאָרן דעם אינטערעס צו מיר, צו דער באָבען, און האָט זיך אָפּגע־טראָגן.

— נאָכעמקע! — האָט מיך די באָבע א רוף געטאָן.

כ׳בין צוגעגאַנגען צום בעט.

— האָסט עפּעס געוואָלט?

— גיב מיר די פֿאָטאָגראַפֿיע.

זי האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצורײדן, ווי איך האָב זיך שוין אָנגעשטויסן, נאָך וואָס דאַרף זי די פֿאָטאָגראַפֿיע. זי וועט זיך נעמען אויסמעקן מײַן טאַטן פֿונעם צעטל פֿון די לעבעדיקע.

— מ׳דאַרף ניט, באָבעניו.

— וואָס דאַרף מען ניט?

— דאָס, וואָס דו קלײַבסט זיך טאָן.

— כ׳האָב דאָס שוין לאַנג קימאַט אָפּגעטאָן. ווי נאָר ער איז אוועקגעפֿאָרן.

— פֿאַרוואָס?

— אַמעריקע איז אַזוי ווײַט, אַזוי ווײַט... ס׳איז אַלצײַנס, ווי יענע־וועלט.

— איז נאָך וואָס דאַרפֿסטו די פֿאָטאָגראַפֿיע?

— כ׳וויל א קוק טאָן אָף אים. געזעגענען זיך.

— דו האָסט דאָך שוין געזעגנט זיך.

— כ׳האָב דאָך אָבער אים ניט געזען?

דערלאַנג איך דער באָבען די פֿאָטאָגראַפֿיע.

זי האָט אָפּגעווישט פֿון איר דעם שטויב מיטן עק טיכל. עטלעכע מאָל האָט זי איבערגע־פֿירט איר בליק פֿונעם בילד אָף מיר און צוריק.

— זעץ זיך אַנידער לעבן מיר.

כ׳האָב זיך אַנידערגעזעצט אָפֿן אָרט, וואָס האָט נאָך געשמעקט מיט סאָניען.

— זעסט שוין אויס, ווי א רעכטער מאַנצבל. ווען איז דאָס געשען? כ׳האָב אַפֿילע ניט באַמערקט. דער טאַטע מיט די ביינער. נאָר א בערדל פֿעלט נאָך אויס. און שרײַבסט אָף מיר אויך ווי א רעכטער מאַנספּאַרשוין. ווי א שטוב־באַלעבאָס.

די באָבע האָט אַרופֿגעלייגט איר האַנט אָף מײַן קאָפּ.

ס׳איז געוועזן עפּעס גוט, ווייך.

איצטער איז עפּעס גוט נאָכעם.

ניט נאָכעמקע, נאָר נאָכעם.

דאָס לעבן גייט פֿאָרויס.

6

אָף די שפּיץ פֿינגער, קעדיי ניט אופֿוועקן די באָבע, האָב איך זיך אַרויסגעגאַנווערט און אַרײַנגעגאַן אינעם פּעטערס צימער. איך בין געבליבן שטיין פֿאַריטשמעליעט: דער פּעטער אײַזיק איז שווײַגנדיק געשטאַנען אַנטקעגן דער פּוסטער שאַפֿע און טרערן האָבן געקאַפּעט פֿון זײַנע אויגן.

מאַכמעס דעם, וואָס דער שראַנק איז געווען ליידיק־פּוסט, וואָלט כאָטש איין ביכל פֿאַר־בליבן! ניין! גאַרניט! איך האָב געהערט די צײַנקריצערײַ פֿונעם פּעטער אײַזיק, ווען ער האָט געשלײַדערט די לעצטע ביכער לײַבאָוויטשן אין פּאַרצעף אַרײַן — נאָ! נאָ! נאָ! פּרעס מײַן לײַב! טרינק מײַן בלוט! איז אָט, מאַכמעס דעם, וואָס די פּאָליצעס זײַנען געווען פּוסט־פּאַרוויסט, האָט די שאַפֿע אויסגעזען עפּשער צוויי מאָל גרעסער. און דער פּעטער אײַזיק איז געשטאַנען אַנט־קעגן איר, אָן אײַנגעהויקערטער, אָן אײַנגעשרומפּענער, א נעבעכדיקער, געשטאַנען און באַ־וויינט זי. האָב איך באַקומען ראַכמאָנעס אָף אים. וואָרעם פֿאַרן פּעטער איז די ליבע צו די ביכער דאָס זעלבע, וואָס באַ מיר די ליבע צו אָקסאַנען. איך אַליין האָב געזען, ווי ער גלעט מיט זײַנע דינע נערוועזע פֿינגער די געפּרעסטע רוקנס פֿון יעדער בוך. אַמאָל פֿלעגט ער צעעפֿענען א בוך און קושן די שאַרבלעטער.

כ׳ווייס ניט, פֿאַרוואָס די באָבע האָט פּלוצעם אַנטפּלעקט, אַז איך בין געוואָרן א מאַנס־פּאַרשוין. די צײַט אײַלט, און צוזאַמען מיט איר אײַלן מיר אַלע. נו, און איך אויכעט. עס זעט אויס, אַז איך האָב אָנגעהויבן ווייניקער פֿאַרנעמען זיך מיט זיך אַליין און מערער מיט אַנ־דערע. כ׳הייב אָן בעסער פֿאַרשטיין מענטשן, אומבאַמערקט פֿאַר זיי גאַנווע איך זיך אַמאָל

אַרײַן אין זײַערע נעשאָמעס, און בין בוידעק, ווי דער דאָקטער טױבעס דעם פּולס, דעם ריטם פון זײַערע האַרצקלעמענישן. כ׳קאָן ניט זאָגן, ווען פּינקטלעך איז פּאָרגעקומען דער דאָזיקער איבערבראָך. עפשער נאָך דעם, ווי כ׳האָב געגעבן די שוווּע. און עפּשער גאָר אַצינד, אין דער־אָ ווײַלע, האָב איך פּלוצעם אַנטדעקט, אַז בא יעדן מענטשן פּאַרהיט זיך ערגעץ טיף פּאַרבאָרגן עפּעס גוטס, עפּעס אײדלס.

איז אָט שטײ איך אַצינד שטיל, מיט א פּאַרטײַעטן אָטעם. צווישן מיר און דעם פּאַריאַ־סעמטן שראַנק שטײט דער פּעטער אײַזיק, ווי אַן אַלמען, מיטן רוקן צו מיר.

— איך האָב צו אײַך אַ פּראַגע, פּעטער.

דער פּעטער האָט אַ צאַפּל געטאָן. ער איז ניט כּוישעד געווען, אַז הינטער זײַן רוקן שטײט עמעצער. ניט אומקערנדיק זיך צו מיר (קעדײ די פּײַכטקײַט אַף די באַקן זאָל באַווײַזן אױס־טריקענען זיך), האָט ער געזאָגט:

— פּרעג.

— פּאַרוואָס האָט דער פּילאָסאָף זיך אויסגעדריקט אַזוי: „וואָס האָט זיך אײַנגעקאַרבט אין זײ לעשעם דעם לעבן?״

— דו מײנסט די אַגאַווע־בלעטער?

— יאָ, פּעטער. די שטעכיקע אַגאַווע־בלעטער.

איצטער האָט דער פּעטער אַ קער געטאָן זיך צו מיר און געפּרעגט מיך נאָר מיט די אויגן:

— „ווילסט מיך טרייסטן?״

אַלנפאַלס, האָב איך אים אַזוי פּאַרשטאַנען.

אײנדערהײך, ווידער, האָט ער אַרויסגעבראַכט:

— דו געדענקסט, ווי זי איז געשטאַנען אָט אַ־דאָ, אַפּן טיש, באַם אָפענעם שראַנק, און געווישט דעם שטויב פון די ביכער?

ער האָט גערעדט צו מיר, ווי צו אַ דערוואַקסענעם. ער האָט זיך געטײלט מיט זײַנע ספּײ־קעס, מיט זײַן ביטער האַרץ. מיט מיר? יאָ, מיט מיר. פּאַרוואָס ניט? ער האָט אַוואַדע אויך באַמערקט אין מיר אַן ענדערונג. טויג דאָס ניט, הײסט עס, שמועסן איצטער מיט אים, ווי געדאַליע קויהען, ווי אַ טאַלמיד מיט זײַן רעבן, איך — אַ פּראַגע אַ טמימעסדיקע, און ער — אַן ענטפער פון אַ כאָכעם. ניין. אַצינד פּאַרגיט ער אַליין פּראַגעס. אײנע — געדאַנקלעך: „ווילסט מיך טרייסטן?״, אַ צווייטע — אַף אַ קאָל: „דו געדענקסט, ווי זי איז געשטאַנען אָט אַ־דאָ, אַפּן טיש, באַם אָפענעם שראַנק, און געווישט דעם שטויב פון די ביכער?״ ענטפערן, ווידער, מוז איך. מיר האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן.

די דאָזיקע געדאַנקען אָבער זײַנען געקומען שפּעטער. די ערשטע מאַכשאָווע איז געווען אַן אַנדערע. ניט די טויטע ביכער באַווײַנט ער, נאָר פּאַניען, די טויטע פּאַניע, וואָס האָט נאָך געלעבט אין באַוווסטזײַן פון איר פּאָטער.

ראַיווינעס האָבן זיך געטראָגן און געפּינקלט, ווי בליצן. האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פּאַר אײנעם — האַלט זיך נאָר פּאַרן עמעס! פּאַרן האַרבן טראַגישן עמעס. דאָס וועט זײַן דער ריכ־טיקסטער וועג. און עפּשער אַ טרייסט אויך.

— כ׳געדענק. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ קלײד.

— יאָ. זי איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרץ קלײד. ס׳איז עמעס.

איר האָט איר געזאָגט: „פון אַזאַ הייך קאָן מען זיך ניט דערהאַרגענען. אויב דו ווילסט באַגײן זעלבסטמאָרד, איז פּאַראַן מער זיכערע אויפּאַנים. ווינטשנסווערט, אַז דאָס זאָל ניט געשען אין דער הײם. גלײַכער ערגעץ־ווו אין אַן אַנדער אָרט. וואָס ווײַטער פון קאָפּן...״

— יאָ, ס׳איז עמעס. כ׳האָב דאָס געזאָגט.

— אין וואָס אָבער איז באַשטאַנען איר זינד? כ׳מײן, קעגן דער נאַטור?

— „קעגן דער נאַטור?..״ פון וואָס פּאַראַ נאַטור רעדסט איר?

אין זײַן שטים האָט זיך דערהערט אַן איראָניש ניגנדל. דאָס טויג ניט. וואָרעם דאָס הײסט, אַז דער אומעט־צויבער, וואָס מאַכט האַרצער ווײך, הײבט זיך אָן אויסוועפּן. כּוץ דעם האָט ער פּאַרפּירט אַ ווײקועך אַפּאָנעם ניט מיט מיר, נאָר מיט עמעצן, עפּעס אַן אומזעעוודיקן, וואָס שטײט הינטער מײַנע פּלײצעס, און וועלכן דער פּעטער אײַזיק אירצט. „פון וואָס פּאַראַ נאַטור רעדסט איר?״

די דאָזיקע שפּירונג איז געווען אַזאַ שטאַרקע, אַז איך האָב זיך געמוזט אומקוקן. האָב איך דערזען אַ פּוסטקײט.

— מיר זײַנען דאָך ניט קײן בעהײמעס...

איך האַלט זיך אײַן. אויב איך האָב שוין יאָ איבערגעטראָטן איבער דער קינדהײט און

געוואָרן א מאַנספּאַרשוין, איז צוריק דער וועג פּאַרצוימט — הינטערן רוקן שטייט א שלאַג־בוים, וועלכער וועט שוין אייביק זײַן אראָפּגעלאָזט. האָב איך פאַרטריבן דעם ווידערגעפיל, און א פרעג געטאָן דעם פעטער, פּאָשעט און אָפן:

— איר האָט דען ניט קיין כאַראַטע?

כ'האָב זיך געקאָנט מעשאַער זײַן, אז אין דעם פעטערס אויערן וועט אזא פראַגע דורכך דונערן האַזעסדיק. נאָר אויב ער שמועסט מיט מיר, ווי א גלײַכער מיט א גלײַכן און ניט ווי א רעבע מיט זײַן טאַלמיד, איז דאָס דאָך ניט קיין פראַגע פון עפּעס א פערזענלעכער באַליידיקונג.

דער פעטער האָט געענטפערט:

— עס גייט ניט אין דעם, צי איך האָב כאַראַטע צי ניין...

— אין אין וואָס גייט עס? — פרעג איך ווידער פּאָשעט, אָפן און פּאַראַקשנט.

דער פעטער מאַכט א טראָט אין א זײַט:

— איך האָב די געזעצן ניט אײַנגעשטעלט. ניט איך. — נאָך אין א ווײַלע אַרום זאָגט ער: — מײַן פאָטער האָט מיך אַזוי ניט דערצויגן.

פאַרלויף איך אים דעם וועג און פרעג אַזוי, ווי גרישע וואַסערבער וואָלט געפרעגט אין אַזעלכע אומשטענדן:

— פאַרוואָס ענטפערט איר מיר ניט גלײַך?

דער פעטער פאַרפרעסט מיט א מערקבאַרער אָנשטרענגונג זײַנע בלאָוולעכע ליפּן. דער־נאָך זאָגט ער:

— יאָ. כ'האָב כאַראַטע.

דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. כ'האָב דערפילט א פאַרלײַכטערונג. הייסט עס, ס'איז עמעס. כ'מיין, מײַן האַשאָרע. זוכט, ווער איר אין יעדן מענטשן געפינען עפּעס גוטס... און ווען איך האָב שוין באַגריסט דעם זיג, ניט איבערן פעטער, ניין, נאָר איבער מײַן אייגענעם אומגלויבן, האָט דער פעטער אײַזיק פּלוצעם א ליאַפּע געטאָן אף מיר א שטראָם אײַז־קאַלטע וואַסער.

— יאָ. כ'האָב כאַראַטע. אָבער ניט איבער דעם, וואָס דו מיינסט. נאָר ווײַל ס'האָט מיר ניט געקלעקט קיין ווילן צו באַשטײַן אף מײַנעם.

ער האָט אָפּגעטראָטן אף עטלעכע טריט, קעדיי עס זאָל אים זײַן באַקוועמער א מעסט טאָן מיך מיט אַן איראָנישן קוק, און פאַרגעזעצט:

— איז אין וואָס אײַגנטלעך באַשולדיקט איר מיך, יונגערמאַן? כ'האָב געדאַרפט, הייסט עס, טאַנצן און פרייען זיך, וואָס מײַן טאָכטער האָט...

— ניט פרייען זיך, נאָר פאַרשטיין.

— ס'איז ניט דײַנע ווערטער. האָסט זיי צוגעגאַנוועט פון מײַן ביכער־שראַנק. כ'וואָלט טאַקע געוואָלט כאַפּן א קוק, ווי דו וועסט פאַרשטיין, ווען דו וועסט האָבן א דערוואַקסענע טאָכטער...

כ'האָב אים אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן. די פאַרגאַנגענהײַט אינטערעסירט מיך ניט. און צו וואָס פאַרשווערכן פּאַניעס אָנדענק?

— ווען איך וועל האָבן א דערוואַקסענע טאָכטער, וועט זײַן אַן אַנדער געזעלשאַפט. און אַנדערע אָנשויונגען. קיין איין פאָטער וועט דעמלט ניט...

אַצינד שלאָגט דער פעטער איבער מיך.

— וואָדען! מיר האָבן דען ניט געהערט? אוודאי האָבן מיר געהערט. לאָזט די ליבע גיין ווי זי וויל, וועט זי אַליין געפינען אירע נאַטירלעכע גרענעצן... הער נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן. אין צוואַנציק יאָר אַרום וועל איך אופשטיין פונעם קייווער. אומיסטן וועל איך אופ־שטיין, קעדיי צו איבערצײַגן זיך, צי דו וועסט בעעמעס דערלויבן דײַן טאָכטער דאָס, וואָס דו פּלוידערסט איצט.

מיר האָט זיך ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיטן צערייצטן פעטער, האָב איך א פרעג געטאָן:

— איר זײַנט געווען ווען־ניט־איז פאַרליבט?

דער פעטער האָט געקוקט אף מיר מיט גרויסע אָפענע אויגן, מיט אַן אָפן מויל — כ'האָב דערזען זײַנע דריבנע, מאַטעווע און טרוקענע ציין. וואָס איז געשען? וואָס האָב איך אים אַזוינס געפרעגט?

דער פעטער שווײַגט, נאָר איך שטיי ניט אָפּ פון אים.

— איר האָט אַמאָל ליב געהאַט די מומע באַסיע?

— הערט נאָר איר, יונגערמאַן אײַנער! לאָמיר בעסער פאַרענדיקן דעם דאָזיקן געשפּרעך. וועגן וואָס פאַרא ליבע רעדסטו?

ערשט דעמלט האָב איך אים אײַנגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון ליבע־מוסטערן. „ראָמעאָ און דזשוליעטע". „די ליידן פונעם יונגן ווערטער". „רויטס און שוואַרצס". „דער גראַנאַט־

בראסלעט״... און נאָך און נאָך. כ׳האָב געוווּסט, אַז אַפּן פּעטער קאָנען מאַכן אַן איינדרוק נאָר די מוסטערן, וואָס שטאַמען פון ביכער. א ליבע, וואָס איז פאַרשלאָסן אין א שראַנק. מאַכמעס דעם האָט מיך פאַרווּנדערט דער גליַיכגילטיקער אויסדרוק פון זיַין פּאָנעם. א טריב פּאָנעם, נאַכלעסיק אָפּגעגאָלט, מיט צוויי שטיקלעך פאַפּיראָס־פּאַפּיר, צוגעקלעפּטע מיט פאַרטריקנט בלוט צו די שניטן אויף דער באַק און אויפן קין.

— פּעטער, איר האָט ניט געוויינט, ווען איר האָט געלייענט די דאָזיקע ביכער?

ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך האָב זיי ניט געלייענט.

— וואָס הייסט, ניט געלייענט! אַפילו איך האָב שוין באַוויזן איבערלייענען זיי...

— דו ביסט דאָך שוין זעכצן יאָר אַלט. און איך — נאָר פינף און פערציק.

דער דאָזיקער מענטש איז באַשטאַנען פון נײַנציק פּראָצענט איראָניע און פון צען פּראָצענט — לאַנגע ברעמען, גרויע ליפּן און פאַרוועלקטע אויגן, וואָס זיַינען אָפּגעצוימט פון דער וועלט מיט קאַלטע פענסנע־גלעזלעך.

— נאָר איר זיַינט דאָך אַמאָל אויך אַלט געווען זעכצן יאָר!

— יאָ. פאַרשטייט זיך. איך בין אָבער אַלט געווען זעכצן, ווען מיר איז געווען צען. און דעמלט האָב איך ניט געקאָנט לייענען ניט שעקספּירן, ניט געטען, ניט סטענדאַלן, ניט קופּריַנען. איך האָב דעמלט אייפערדיק שטודירט ישעיַען, ירמיַען, יחזקאלן.

— צווישן ישעיַען און קוהעלעסן איז דאָך אָבער געווען שיר־השירים אויך.

— געווען. וואָדען, אוודאי געווען. מע האָט מיך אָבער געלערנט, אַז עס רעדט זיך דאָרטן ניט וועגן ערדישער ליבע, ווי, אַשטייגער, בא דיר מיט יענער־אָ, ווי רופט מען זי, אָקסאַנע, דאַכט זיך. נאָר וועגן א הימל־ליבע, א רוכניעסדיקע, צווישן גאָט און זיַין געליבט פאָלק.

— נו, און שפּעטער? איר האָט דאָך געקאָנט שפּעטער א לייען טאָן...

— צוליב וואָס? כ׳האָב שוין געהאַט דעמלט א וויַיב. דיַין מומע באַסיע.

— הייסט עס, אַז די ליבע האָט זיך געענדיקט, ווי נאָר איר האָט כאַסענע געהאַט?

— זי האָט זיך עפּשער אַפילו ניט אָנגעהויבן...

— דאַרף איך, הייסט עס, מאַכן אַן אויספיר, אַז דער שידעך איז געווען צוליבן נאַדן?

ער אָבער — גאַרנישט. ניט באַליידיקט זיך אַפילו אויף קיין האָר.

— ס׳איז ניט איגנאַנצן אַזוי. ניט אַזוי, אַשטייגער, ווי בא ניוניע איַיזנבערגן. ער, פאַרשטייט זיך, האָט זיך ניט פאַרליבט אין דער אַלמאָנע טראַכטערמאַן מיט איר ריַיכן נאַדן, וואָס באַשטייט פון צוויי קינדער. דאָרט איז הוילער כעזשבן, און מער גאָרניט. זי, ציפּע טראַכטערמאַן, וועט אים ברענגען קיין אורוגוויַי, און וועט אים פאַרבינדן מיט איר ברודער, מיט דזשאָנאַטאַנען, וואָס האָט אַן אייגענע פירמע, א סימען — דער שטעמפּל אַפן בריוו. בא מיר, ווידער, האָבן ניט געקאָנט זיַין אַזעלכע כעזשבוינעס.

— וואָס דען?

דער פּעטער איַיזיק האָט א פינקל געטאָן מיט די פענסנע־גלעזלעך.

„וואָס דען?״ — האָט ער מיר נאָכגעקרימט, — וואָס פאַרא אויסרעכענונגען האָבן געקאָנט בא מיר זיַין? עפּשער דער שיינער נאַדן, וואָס באַסיע האָט מיר געבראַכט? צי עפּשער האָט מיך פאַרפירט די שיינע מישפּאָכע, וואָס באַשטייט פון אייגענע פאַנטאַזיאָרן, רעוואָליוציאָנערן און מעשוגאָים?

ניין, מיַין פּעטער איז איצט ניט ענלעך געווען אויף א „הער לערער״, וואָס איז אויסגעהאַלטן, באַדאַכט, געמאָסטן, וואָס האַלט זיך בעקאָוועדיק, מיט זעלבסטווירדע. ניין. אַנטקעגן מיר שטייט און קאָכט זיך א קליינשטעטלדיק־באַגרענעצט ייִדל, וואָס שפּריצט מיט סלינע און מיט קוויטשיקע ווערטער און פירט מיט מיר א געשפּרעך וועגן ליבע.

מיט גאַל, וואָס כ׳האָב אין זיך אַפילו ניט כוישעד געווען, האָב איך געזאָגט:

— די מומע באַסיע האָט אויך געהאַט א ברודער אין אַמעריקע...

דער פּעטער איַיזיק האָט זיך צעלאַכט.

— א ברודער?! א פיַינער ברודער, מישטיינסגעזאָגט. א פוסטער פאַנטאַזיאָר...

— פאַרשווּכט ניט דעם אָנדענק פון מיַין פאָטער. ער האָט דאָך געראַטעוועט...

— קיינער האָט אים ניט געבעטן, אַז ער זאָל ראַטעווען. שוין איינמאָל א ראַטעווניק! אַלע צאָרעס זיַינען איבער אים. קאָנסט א פרעג טאָן דיַין באָבען, אויב דו גלייבסט מיר ניט.

— נו, פאַרשטייט זיך. אַזא ברודער טויג אייך ניט. איר דאַרפט אַזא מין ווי דזשאָנאַטאַן טראַכטערמאַן.

— וואָס איז? אויב דו ווילסט וויסן, איז ניוניע שוין ניט אַזא מין ניוניע. ער טוט ריכטיק,

קלוג, כ'האָב אַפילע ניט דערוואַרט פון אים אַזעלעכס. וואָס וואָלט איך נאָר ניט געגעבן, קעדיי אַרויסרײַסן זיך פונדאַנען. זאָל זײַן אורוגווײַ, זאָל זײַן אַרגענטינע, ווו דו ווילסט, אַבי ניט דאָ...

— אַבי ניט דאָ, — האָט ער ווידער איבערגעכאַזערט אין אַ צײַט אַרום.

וואָס האָב איך אים געדאַרפט ענטפערן?..

מיר זײַנען געשטאַנען, איינער אַקעגן דעם אַנדערן, און צווישן אונדז איז געווען אַ טהאָם. איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט אַ געשריי טאָן, איבערן טהאָם:

— זיסער ניטאָ אַף דער וועלט פון אַ פּאָטערלאַנד...

דערנאָך האָב איך זיך מעיאַשעוו געווען. סײַוויסײַ וועט ער ניט דערהערן, ווי הילכיק כ'וואָלט צו אים ניט געשריגן.

עס גייט אין דעם, אַז כ'האָב געהאַט אַ טאָעס. מיר זײַנען ניט געשטאַנען איינער אַקעגן דעם אַנדערן. מיר זײַנען געשטאַנען מיט די רוקנס איינער צום צווייטן. ער — מיטן פּאָנעם צו דער פאַרגאַנגענהײַט. איך — מיטן פּאָנעם צו דער צוקונפט.

האָב איך געשוויגן. דער פעטער, ווידער, האָט אָנגענומען מײַן שווײַגעניש פאַר זײַן זיג. און ער האָט גענומען דאָקאַנײַען מיך מיט אַ ביז גאָר לאַנגן מאָנאָלאָג, קוויקנדיק זיך מיט די אייגענע ליידן און מיט די ליידן פונעם פאָלק. אַ, אַף דעם איז ער געווען אַ גרויסער מײַסטער.

ער האָט אויסגעשאַטן אַלץ. דעם טכום־האַמוישעוו, די פּראָצענט־נאָרמע, די פּאָגראָמען, די גוואַלדטאַטן, די זיבן מינים טויטן — ראַטעוועסט זיך פון איינעם און פאַלסט גלײַך אַרײַן אין די אָרעמס פון אַ צווייטן.

דאָס אַלץ האָב איך געוווּסט. איך האָב געקאָנט דאָס ניט הערן. נאָר כ'האָב דאָך ניט געקאָנט פאַרשטעקן זיך אַן אויער, ווי נאָכמען־בער, מיט אַ שטיקל וואַטע און אומקערן זיך צום פעטער מיטן פאַרטויבטן אויער.

דאָך האָט מיר ניט געשטײַעט קיין געדולד אויסהערן אים ביזן סאָף. איך האָב אים איבערגעריסן אין סאַמע ברען.

— מיר קעמפן דאָך אָבער מיט אָ־דעם אַלעמען!

— ווער איז דאָס — „מיר"? — האָט דער פעטער אַ פרעג געטאָן מיט פאַראַכטונג.

— „מיר" — זײַנען אַלע די, וואָס קעמפן. מײַן פאָטער, הערשל גלײַזער, פלאָטאָן נעסטערענקאָ, לייזער דער בלינדער, ביניאָמין דרילבערג, איוואַן וואַראַניאַק, גרישע וואַסערבערג.

דערנאָך האָט ער פאַרטראַכט זיך, געכאַפּט דעם קין מיט זײַנע ביינערדיקע פינגער, דאַרטן, ווו ס'איז אַמאָל געוואַקסן אַ טונקל בערדל. די ביינערדיקע פינגער האָבן אַראָפּגעריסן אַ שטיקל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צום שניט, און איבערן קין האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אַ טראָפּן בלוט. האָב איך ווידער באַקומען ראַכמאָנעס אַפן פעטער. איך האָב אים גענומען פאַר דער האַנט ווי אַ קינד, צוגעפירט צום פענצטער. מיר האָבן ביידע זיך טיפזיניק אײַנגעקוקט אין דער העלער צוקונפט, און איך האָב שטיל אַף אויסווייניק געלייענט נאָר אַזוי, אַז דער פעטער זאָל אויך הערן.

— זאָגט אַלעמען: אָט איז זי, די צוקונפט! העל און שיין איז זי. ליבט זי. בענטשט זי. שטרעבט צו איר. טוט עפּעס פאַר איר. דערנענטערט זי. טראָגט אַריבער עפּעס פונעם מאָרגן אינעם הײַנט. וואָס מערער טראָגט אַריבער. וועט דאָס לעבן ווערן ליכטיק, פרײַ און שיין.

איך זאָג נעוויִעס און דער פעטער שאָקלט צו מיטן קאָפּ, און טראָפּנס בלוט רינען אַראָפּ פון זײַן קין אַפן אָפּגעבליאַקעוועטן קאָלנער. זיי קײַקלען זיך אַראָפּ דורך די זעלבע סטעזשקעלעך, וואָס די טרערן האָבן דורכגעמאַכט, ווען דער פעטער איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם ליידיקן שראַנק און האָט געוויינט.

7

די באָבע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן עק בענקל, פאַרמאַכט דאָס אויג און ווידער אופגעעפנט, און געזאָגט:

— שיק סאָניעלען נאָכן דאָקטער.

אויב די באָבע שיקט אַליין נאָך טויבעסן, הייסט עס, אַז עס האַלט שוין שלעכט.

כ'בין אַרײַן צו סאָניען. אינעם צימער האָט זיך געטאָן כוישעך. לייבאָוויטש אין אַ צעשפּיליעטן קאַמזויל האָט געפּאַקעוועט שטוב־זאַכן, סאָניע האָט געפּרעסט און צונויפגעלייגט אירע קליידער.

— סאָניע, לויף גיכער נאָך טויבעסן. די באָבע איז זייער קראַנק.

כ׳האָב געוואָלט זאָגן — „ניט מיט אַלעמען״, קעדיי סאָניע זאָל זיך ניט איבערשרעקן. נאָר וויבאַלד איך דערזע לײבאָוויטשן, ווער איך באַלד צעררייצט.

סאָניעלע האָט אָן אויקע געטאָן און געלאָזט זיך לויפן. זי האָט א גוט האַרץ, סאָניע, כּוץ דעם האָט זי ליב, אַז עס זאָל זײַן א טומל, זי האָט א וואָרף געטאָן דאָס ניט דערפּרעסטע קליידל אַף א בענקל און א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.

— וואָס טוט איר? — פרעג איך לײבאָוויטשן.

ער פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג, גלײַך ווי ער וואָלט מיר א ווינק געטאָן.

— וואָס איך טו? איך שפּאַציר אַרום אונטערן בעט.

— כ׳פרעג אײַך ערנסט.

— וואָס דאַרפסטו מיך פרעגן? זעסט דען ניט? איך פאַקעווע זיך.

— אַ־דאָס טאַקע פרעג איך. צוליב וואָס?

— צוליב וואָס? מענטשן פאַקעווען זיך, פאַקעווען מיר זיך אויך.

— וווּהין קלײַבט איר זיך?

— וווּהין מיר קלײַבן זיך? קיין אורוגווײַ, פאַרשטייט זיך.

ער טוט א זאָג „קיין אורוגווײַ, פאַרשטייט זיך״ מיט אַזא נוסעך, גלײַך ווי אורוגווײַ וואָלט געווען ניט ווײַטער פון פּראַסקוראָוו.

לײבאָוויטש זשמורעט דאָס רעכטע אויג און שמייכלט בעַנימעסדיק צו. ער באַציט זיך אַצינד צו מיר, ווי צו זײַנעם א גלײַכן. און עפּשער מײַן איך נאָר אַזוי. פאַר עטלעכע טעג בין איך אויסגעוואַקסן אַף עטלעכע יאָר. איך פיל דאָס לויט דעם, ווי מע האָט זיך אָנגעהויבן צו מיר באַציִען, די באָבע, דער פעטער אײַזיק, סאָניע און אַפילע לײבאָוויטש. כ׳מיין, אַז עס גייט ניט אין דעם „העלדנטאַט״, וואָס איך האָב ניט אופגעטאָן. סאָניע וואָלט דאָס אויסגעטײַטשט אַזוי: געווען א טומל, און איך בין געשטאַנען אין סאַמע צענטער.

ער טוט אויס דעם קאַמזויל, פאַרקעמט אַף אַרוף מיט צעשפּרייטע פינגער די האָר, וואָס זײַנען צוגעקלעפּט צום פאַרשוויצטן שטערן, און פרעגט מיך:

— און איר? איר פאַקעוועט זיך דען ניט?

כ׳האָב א צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— איר פאָרט דאָך מיט אונדז. דער שווער האָט געזאָגט.

— איך פאָר אין ערגעץ ניט.

— אַ! כ׳פאַרשטיי. איר ווילט זי ניט פאַרלאָזן.

כ׳האָב אים ניט געענטפערט און אַרויס פון צימער.

דער פעטער אײַזיק איז געזעסן באַם טיש און צונױפגעלייגט אין א סטויפיקל גאָלדענע מאַטבייעס. זעט אויס, זײַענדיק פאַרטיפט אין זײַנע אייסאָקים, האָט ער ניט דערהערט מײַנע טריט. דאָס סטויפיקל האָט ער אַרײַנגעלייגט אין א בלעטל פּאַפּיר, עס פאַרוויקלט. דערנאָך אַרויסגערוקט פונעם טיש א שופלאָד, אַרײַנגערוקט אַהין די האַנט אײַנײַנעם מיטן סטויפיקל און אַרויסגעשלעפּט די האַנט א ליידיקע. „זאַמלט געלט אַף דער נעסיִע קיין אורוגווײַ. פאַרקויפט אויס די בעבעכעס. און עפּשער האָט ער די ביכער אויך פאַרוואַנדלט אין גאָלד. צוזאַמען מיט לײבאָוויטשן״.

פאַרטיפט אין די דאָזיקע געדאַנקען, האָב איך זיך פאַר עפּעס פאַרשעמעוועט. דעם פעטערס רוקן האָט א צאַפּל געטאָן. ער האָט אַפּגיך פאַרשלאָסן דעם שופלאָד, אַרויסגענומען דעם שליסל, פאַרוקט אים אונטערן טישטעך, און אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צו מיר.

„ער קאָן נאָך מיינען, אַז איך קוק אומיסטן אונטער, ווו ער באַהאַלט זײַן אשירעס״.

— איר ווילט, אַז איך זאָל פאָרן צוזאַמען מיט אײַך? — פרעג איך טמימעסדיק, גלײַך ווי איך וואָלט אומיסטן געקומען, קעדיי צו פאַרגעבן אים די דאָזיקע פראַגע. — אַרקאַדי האָט מיר אַזוי געזאָגט.

— ווען עס זאָל געווענדט זײַן אין מיר, קאָנסטו פאַרבלײַבן געזונטערהייט. די באָבע אָבער באַשטייט.

„די באָבע?..״

— כ׳וועל א שמועס טאָן מיט דער באָבען.

די באָבע האָט ווירקלעך געדרעמלט.

שטילינקערהייט האָב איך זיך צוגעזעצט אַף א בענקל באַ איר צוקאָפּנס. צו מיר האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן איר שוואַך זקייניש קאָל:

— נאָכעמקע, דו ביסט געוואָרן אַזא ווילער.

דער באָבע איז, זעט אויס, געפעלן געוואָרן, וואָס איך זיץ באַ איר צוקאָפּנס. פרעגט זי מיך:

— וויפל איז אָקסאַנע אַלט?

זי האָט דאָס ספּעציעל געפֿרעגט, קעדיי פֿאַרשאַפֿן מיר נאַכעס.
— זיבעצן.
— ניט אַכצן?
— פֿאַרוואָס מיינסטו, אַז אַכצן?
— כ'האָב אַנומלטן זי געפֿרעגט. און עפּשער האָב איך ניט פֿאַרגעדענקט.
— ניין, זיבעצן.
זי האָט געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:
— זאָג אָקסאַנען... בעט אָקסאַנען, אַז זי זאָל זיך אַרײַנכאַפּן צו מיר. איך וואָלט געוואָלט מיט איר זיך אַ ביסל דורכשמועסן. סטאַרע זיך, נאַכעמקע, אומבאַמערקט דורכגיין דורכן הויף אַזוי, אַז קיינער זאָל דיך ניט זען.
פֿײַל־אויסן־בויגן האָב איך זיך געלאָזט צו אָקסאַנען.

8

קיינער האָט מיך ניט באַמערקט כוץ אַרגוסן. דער הונט וועט גאָרנישט ניט זאָגן. ער איז אַן אייגענער. כ'האָב אים אַ גלעט געטאָן איבער די שוואַרצע אַ ביסל געקרייזלטע פּאַטלעס. ער האָט מיך באַגלייט ביז צו דער שוועל, און ניט ווילנדיק אָפּגעטראָגן זיך אָף צוריק. איך בין געוועזן זיכער, אַז אָקסאַנע איז נאָך ניט אוועקגעפֿאָרן. אַניט וואָלט איך דאָס דערפֿילט. דערפֿילט אין די באַליביקע אומגעבונגען באַם טאַטנס קיִווער. בעשאַס איך רייד מיט דער באָבען. בעשאַס איך אַמפּער זיך מיטן פֿעטער. כ'וואָלט גלײַך דערפֿילט, דאָס האַרץ וואָלט אָנגעהויבן קלאַפּן גיך־גיך, און איך וואָלט זיך געלאָזט אַניאַגן אַלטער דעם באַלעגאָלעס ברייטשקע, ביז בעלענזשאַנע וואָלט איך געלאָפֿן, קעדיי זאָגן איר... וואָס זאָגן איר? דעמלט האָב איך נאָך ניט געוווּסט וואָס. אַצינד ווייס איך. „בעט אָקסאַנען, אַז זי זאָל זיך אַרײַנכאַפּן צו מיר. איך וואָלט געוואָלט מיט איר זיך אַ ביסל דורכשמועסן...“
— וויפֿל ביסטו אַלט? — האָב איך אַ פֿאַרסאָפּעטער אַ פֿרעג געטאָן אָקסאַנען, ווי נאָר איך האָב זי דערזען.
אָקסאַנע האָט זיך צעלאַכט.
— ביסט ספּעציעל צוליב דעם געקומען צו לויפֿן?
— יאָ.
— אַכצן.
— ניין, זיבעצן. דו האָסט מיר דאָך געזאָגט, אַז זיבעצן.
— כ'האָב דיר גאָרנישט ניט געזאָגט.
— הייסט עס, אַז כ'האָב זיך אַליין געזאָגט.
— מעגלעך.
— אָקסאַנאָטשקע, ווירקלעך אַכצן?
— יאָ. אין אַ כוידעש אַרום.
— אין אַ כוידעש אַרום? ע! איז אויב אַזוי, וועט אין זיבן כאַדאָשים אַרום מיר אויך זײַן זיבעצן.
דערנאָך פֿרעג איך זי:
— ביסט ניט אוועקגעפֿאָרן?
— אָט זעסטו דאָך.
— כ'בין צופֿרידן.
— כ'האָב ניט געקאָנט אוועקפֿאָרן.
— פֿאַרוואָס?
— כ'מיין, אַז אַצינד קאָן איך מיט דיר ריידן אָפֿן.
„אַצינד“... אָקסאַנע הייבט אויך אָן רעכענען זיך מיט מיר. און איך האָב פּאַקטיש נאָך גאָרניט אויפֿגעטאָן. ס'איז געוועזן נאָר אַ פּרווו, אַן אומגעלונגענער פּרווו באַגיין אַ העלדנטאַט. און דאָס אויך — אַ פֿאַסיון. ס'איז גיכער אַ קאָרבן, איידער אַ העלדנטאַט. אַלע אָבער האָבן זיך גענומען באַציִען צו מיר ערנסט, מיט קאָוועד אַפֿילע, אָקסאַנע אויך. אַפֿילע אָקסאַנע, וועלכע קומט אויס, איז עלטער פֿון מיר ניט אָף אַ יאָר, נאָר אָף גאַנצע אַנדערהאַלבן.
— וואָלסט שטענדיק געמעגט ריידן מיט מיר אָפֿן.

— כ'האָב ניט געקאָנט אוועקפאָרן, ווײַל איך דאַרף דאָבן געלט.
— איז דערפאַר ביסטו געווען אַזוי אומעטיק?
איך האָב אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע טעלעכע צעקנייטשטע פּאַפּירלעך און דער־לאַנגט איר.
אָקסאַנע האָט זיך צעלאַכט.
— ס'איז אַ גאַלע גאַרניט. איך דאַרף האָבן אַ סאַך געלט. און ניט קיין נישטיקע פּאַפּיר־לעך, נאָר גאָלד. ס'איז ניט פאַר מיר פּערזענלעך, פאַרשטייסט? נאָר פאַר...
— כ'פאַרשטיי, — האָב איך זי איבערגעשלאָגן.
איך בין געווען שטאָלץ, וואָס אָקסאַנע האָט ענדלעך געגומען שמועסן מיט מיר, ווי מיט אַ גלײַכן. כ'בין פריִער אויך כּוישעד געווען, אַז זי פאַרנעמט זיך מיט די דאָזיקע געשעפטן, די זעלבע, וואָס מײַן פאָטער. אַניט איז צוליב וואָס איז זי געקומען צו פאָרן פון דער גרויסער שטאָט פּראָסקוראָוו אינעם שטעטל קאַפּין?
אַמאָל פלעג איך זיך ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע אַזוי: אַן אומגליקלעכע ליבע. דער פאַל מיט פאַניען האָט מיר אונטערגעזאָגט אַזאַ האַשאָרע. נו, און מײַן אייפערזוכט אויך. נו, און די בריוו?
— פון וועמען זײַנען די בריוו? — האָב איך אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן טיש־קעסטע־לע. — פון אַ געליבטן?
אָקסאַנע האָט אַ שמייכל געטאָן.
— אונטער אַ מאַסקע פון אַ געליבטן.
איך בין איר געווען דאַנקבאַר, אָן אַ שיר דאַנקבאַר.
יאָ, זי קאָן אָבער מיינען, אַז מיט די פראַגעס וועגן די בריוו וויל איך פאַרבײַגיין דעם שמועס וועגן געלט. זאָג איך מיט זיכערקייט:
— כ'וועל דיר קריגן געלט, אָקסאַנע!
אָבער... כ'הייב אָפילע ניט אָן צו וויסן, ווו נעמט מען דאָס געלט?
— ווען דאַרפסטו האָבן דאָס, אָקסאַנאָטשקע?
— הײַנט.
— און דו וועסט נאָך הײַנט אוועקפאָרן?
— יאָ.
— איז וואָס... איז וואָס וועט זײַן מיט מיר?
— כ'ווייס ניט.
זי האָט ווידער איבערגעכאַזערט:
כ'ווייס ניט. קיינער ווייסט ניט, וואָס עס קאָן מיט אים טרעפן מאָרגן. אָפילע הײַנט נאָך. קיינער האָט ניט קיין רעכט פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם. ביזוואַנען...
„ביזוואַנען מיר וועלן ניט זיגן. ביזוואַנען מיר וועלן ניט איבערטראָגן די צוקונפט אין דער קעגנוואַרט...״
האָבן מיר דען ניט געשפּרײַזט אינצווייען אַנטקעגן די שטערן? זײַנען מיר דען ניט גע־זעסן מיט איבערגעפּלאָכטענע הענט אויף די שטיינערנע בענק, ווו עס הויזט צוזאַמען די ליבע און דער טויט? כ'געדענק, דו האָסט אַרומגענומען מײַן האַלדז מיט דער האַנט, צוגעדריקט זיך צו מיר, פאַרמאַכט די אויגן, און ווען כ'האָב דיך געפרעגט: „וואָס זעסטו אַצינד?״ האָסטו געענטפערט: „דיך. מיט פאַרמאַכטע אויגן וואָלט איך געקענט פאַרליבן זיך אין דיר...״ ס'איז געווען, צי ניט געווען? עפּשער האָב איך דאָס גאָר אויסגעטראַכט, ווען כ'האָב זיך געעקט פון ליבע און אייפער.
און אויב ס'איז יאָ געווען — איז עפּשער, ווי די בריוו. „אונטער דער מאַסקע פון ליבע״. לעשעם קאָנספּיראַציע. יאָ צי ניין?
איך דערפיל איר האַנט אויף מײַן באַק. דערהער איר צאַרטן קאָל. אָבער אַזוי שטיל, אַז איך קאָן זיך נאָר אָנשטויסן, וואָס זי מיינט. נאָר איך דאַרף איצט מער גאָרנישט ניט. איך רוק איבער איר האַנט פון דער באַק צו מײַנע ליפּן, קוש יעדן פינגער באַזונדער, און זאָג איר:
— עס קומט דיר אַ דאַנק.
— פאַרוואָס?
— דו האָסט מיר דאָך געראַטעוועט דאָס לעבן. ווען דו וואָלסט מיך ניט געוואָרנט, וואָלט מען מיך דערשאָסן, נאָך איידער די פּאַרטיזאַנער זײַנען אָנגעפאַלן.
אָקסאַנע האָט געזאָגט, קלערנדיק אַפּאָנעם וועגן עפּעס אַנדערס.
— כ'בין צופרידן, כ'בין גליקלעך, וואָס איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט...
— אין וואָס?

— אין װעמען.
— אין װעמען?
— אין דיך.
ערשט דעמלט האָב איך איר געזאָגט, אַז די באָבע פֿאַרבעט זי.
— זי איז קראַנק?
— יאָ.
— איך װעל אומבאַדינגט קומען. דו האָסט אַ װוילע באָבע.
— עפּשער װעלן מיר גיין צוזאַמען.
גוט. לאָמיר גיין.
— איך מוז דיך אָבער פֿריִער עפּעס פֿרעגן. אַרגוס האָט דיר איבערגעגעבן מײַן בריװ? אַקסאַנע האָט אַ שמייכל געטאָן.
— יאָ. אָבער ניט אַרגוס האָט געגעבן. כ׳האָב דאָס בײַ אים צוגענומען.
— פֿאַרװאָס האָסטו ניט געענטפֿערט?
— װי׳אַזוי? װען?
— כ׳פֿאַרשטיי. ס׳איז דאָך געװען אַ געזעגענונג־בריװ. פֿאַרן טויט.
— בין איך דאָך געקומען צו דיר אַליין. אָנשטאָט דעם בריװ...
— און האָסט מיר אַ געשריי געטאָן: „װאָס מער פֿאַרצײַען!” װער האָט דיך אױסגעלערנט די דאָזיקע יִדישע װערטער? נעסטערענקאָ?
— ניין. דײַן פֿאָטער.
האָסטו, הייסט עס, געקענט מײַן פֿאָטער?
— יאָ.
— װייסט, װוּ ער איז אַצינד?
— אין ערגעץ ניט. ער איז אומגעקומען.
— װילסט אַ קוק טאָן אויף זײַן קייװער?
— ניין. כ׳האָב ניט ליב קיין קװאָרים. כ׳װעל אים בעסער פֿאַרגעדענקען אַ לעבעדיקן. איך װייס נאָך איין יִדיש װאָרט.
— װאָס פֿאַרא װאָרט?
— יאַמאַקוטע. דײַן בריװ הייבט זיך אָן פֿון דעם דאָזיקן װאָרט. אַקסאַנע איז אויף יִדיש יאַמאַקוטע?
איך האָב זיך צעלאַכט. אַקסאַנע האָט געלאַכט אײנײנעם מיט מיר.
ס׳איז ניט קיין יִדיש, ניט קיין אוקראַיִניש, ניט קיין רוסיש, ניט קיין פּויליש, ניט קיין טאַטעריש װאָרט. ס׳איז מעשוגאָיִם־לאָשן.
— פֿאַרװאָס זשע האָסטו זיך באַנוצט מיט דעם?
— כ׳װייס ניט. עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז איך בין דעמלט געװען נאָענט צו מעשוגאַס. כ׳מיין, אַז יעדער מענטש, אַפֿילו זייער אַ קלוגער, זייער אַ ניכטערער, קאָן זײַן אַמאָל אין אַזאַ צושטאַנד.
— דו רעדסט, װי אַ געניטער מענטש, װאָס האָט שוין גראָװע האָר.
— איך האָב דיר דאָך שוין געזאָגט. אונדזער צײַט מאַכט גיך רײַף און געניט. אַ טאָג איז געגליכן צו אַ יאָר.
— האָסט מיר דאָס ניט געזאָגט.
— איז זאָג איך דיר איצטער. צו װעמען װעלן מיר פֿריִער גיין, צום טאַטן, צי צו דער באָבען?
— רעדסט װעגן טאַטן, װי װעגן אַ לעבעדיקן.
— ער זעט מיר איצט אויס פּונקט װי דעמלט, װען ער איז געװען אין דער װײַטער אַמעריקע.
װען מיר זײַנען אַרױסגעגאַנגען אין דרויסן האָט אַקסאַנע זיך געלאָזט צו אונדזער שטוב.
בײַ דער באָבע האָבן מיר שוין געטראָפֿן דעם דאָקטער טוביבעס. ער זעט אויס מיד, פֿאַר־מאַטערט, אויף די שלייפֿן און אין די װאָנצעס האָט זיך שוין געגראָװעט אַ היפּש ביסל האָר, ער האָט אָבער אַלץ צוגעשמייכלט און צװישן „סאַפּעט — סאַפּעט ניט” רעדט ער אײַן דער באָבע:
— זיבעציק יאָר, זאָגט איר, איז שוין עק װעלט? מע דאַרף זיך שוין קלײַבן אין קייװער אַרײַן? נאַרישקײַטן! װאָס איז אַזוינס זיבעציק יאָר? אַ טראַפּעלע, אַ גענעץ. איר װייסט, װיפֿל מעסושעלעך האָט געלעבט אויף דער װעלט? נײַן הונדערט נײַן און זעכציק יאָר! און דערצו קיין אײן מאָל ניט געװענדט זיך צום דאָקטער טוביבעס נאָך פֿראַשקעס.

— דאָקטער, — זאָג איך אים, — עפּשער האָט איר שוין אויסגעשריבן א רעצעפּט? לויף איך באַלד אין אַפּטייק.

— א מיַיסעלע פון א באָבע און אן אייניק. אָט לויפט די באָבע נאָך רעפּועס פאַרן אייניק, און אָט פאַרקערט. נאָ, אָט האָסטו דעם רעצעפּט, יונגערמאַן. לויף, קויף, גיכער, ווי א ווינטער. די באָבע דערווידערט.

— טאַרסט ניט, נאָכעמקעס. זאָג סאָניען, זאָל זי בעסער גיין.

האָב איך גענומען דעם רעצעפּט און אוועק צו סאָניען. כ׳בין אָבער צו סאָניען ניט דער־גאַנגען. כ׳האָב אָנגעפּרענדעט אף זיך דעם פאַסטעכס רעקל און זיַין צעקנייטשט היטל, א לויף געטאָן צו יעזעריצקין אין אַפּטייק און באַקומען די רעפּוע.

9

פּיַיל־אויסן־בויגן בין איך געפלויגן אהיים. א רעפּוע פאַר דער באָבען. און אָקסאַנע זיצט דאָרטן. א רעפּוע פאַר מיר.

דאָס בעט איז געווען פּוסט. די באָבע איז געזעסן אינעם פאָטעל, זייער אַן אַלטן, אין אים איז צענדליקער יאָרן געזעסן דער זיידע. בא דער באָבעס פיס איז אף א נידעריק בענקעלע געזעסן אָקסאַנע, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אף דער באָבעס קני, און די באָבע האָט געגלעט געקעמט אָקסאַנעס לאַנגע העלע האָר, א לאָק נאָך א לאָק. איך האָב גענומען צוריקטרעטן צו דער טיר. נאָר די באָבע האָט צו מיר א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. בין איך צוגעגאַנגען און זי האָט מיר איַינגערוימט:

— וואַרט צו א ביסל. כ׳וועל פאַרפלעכטן אָקסאַנען דעם צאָפּ און דערנאָך שוין אויסטרינ־קען טויבעסעס טראָפּנס.

טיַיערע באָבע! ליבע אָקסאַנע! מיַינע טיַיערסטע אף דער גאַנצער וועלט.

כ׳האָב א שעפּטשע געטאָן:

— זי שלאָפט?

די באָבע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַנדרעמלט געוואָרן. וויַיזט אויס, זיך, נעבעך, פאַרבענקט נאָך דער מאַמע.

— זי האָט ניט קיין מאַמע. די דעניקינצעס האָבן זי פאַרפּיַיניקט. מע האָט זי געמאַסערט, אַז זי איז געווען א רעוואָליוציאָנערקע.

איך האָב אוועקגעלייגט די הענט אף דעם הויכן ווענטל פונעם פאָטעל, געקוקט א וויַילע, ווי די באָבע פּאַרעט זיך מיט אָקסאַנעס האָר און דערנאָך שטיל א פרעג געטאָן:

— באָבע, וואָס איז אַזוינס גליק?

— כ׳ווייס ניט. פרעג דעם פעטער. ער איז א גרויסער לאַמדן.

— דער פעטער איַיזיק זאָגט, אַז אויב דו האָסט א ביסל מאַזל, איז באַהאַלט עס אויס, ווי גאָלד. מענטשן זיַינען ניט קיין פאַרגינער.

דער באָבעס הענט, וואָס האָבן געשיקט געפלאָכטן אָקסאַנעס צאָפּ, זיַינען ווי פאַרגלי־ווערט געוואָרן:

— דער פעטער איז ניט גערעכט. גליקלעך איז דער מענטש, ווען אַלע אַרום דיר שמייכ־לען און פרייען זיך. וואָס פאַרא זינען האָט עס אויסצובאַהאַלטן מאַזל, אַז מענטשן זאָלן עס ניט זען? עס וועט דאָך פאַרשימלט ווערן.

מיר האָט זיך פּלוצעם פאַרוואָלט אופּטאָן עפּעס גוטס פאַר אָקסאַנען, פאַר דער באָבען, פאַר אַלע מענטשן אף דער וועלט. אַז אַלע אַרום זאָלן שמייכלען. אַז אַלע אַרום זאָלן זיך פרייען.

און ווען די באָבע האָט נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט: „ניין, גליק איז ניט קיין גאָלד, מע טאָר דאָס ניט פאַרבאַהאַלטן", האָב איך זיך דערמאָנט אין מיַין צוזאָג: „כ׳וועל דיר קריגן געלט, מיַין טיַיערע אָקסאַנע".

איין רינג ציט נאָך זיך די צווייטע. אָקסאַנע האָט געזאָגט: „סע גייט ניט אין דיר אַליין. זאָלן זיי אויך ניט פאָרן". וועלן זיי טאַקע ניט פאָרן. ווי אַזוי וועלן זיי קאָנען פאָרן, אויב זיי וועלן ניט האָבן קיין געלט אף הויצאָעס?

גיך, קעדיי ניט כאַראָטע האָבן, האָב איך א שעפּטשע געטאָן דער באָבען: „איך קום באַלד צוריק", און איך האָב זיך געלאָזט גיין אין פעטערס צימער. דאָס האַרץ האָט מיטאַמאָל אָנגע־הויבן שטאַרק צו קלאַפּן. קעדיי צו באַרויִקן זיך, האָב איך אָפּגעמאַכט מיט זיך: אויב דער

שליסל וועט ליגן אונטערן טישטעך, וועל איך דאָס טאָן. אויב ניט — איז א סימען, אז ס׳איז ניט באַשערט.

דער שליסל איז געלעגן אונטערן טישטעך. אינעם צימער איז קיינער ניט געווען. הייסט עס, אז דער גורל הייסט. האָב איך אפגיך אופגעעפנט דעם שופלאַד, אריינגערוקט די האַנט ביז צו דער פּלייצע, אָנגעטאַפּט א הארט סטויפּיקל, פאַרקוועטשט דאָס פּעסט מיט די פינגער, פאַרמאַכט דעם שופלאַד, פאַרשלאָסן אים, אריינגערוקט דעם שליסל אונטערן טישטעך, און ווען איך האָב איבערגעטראָטן איבער דער שוועל, האָב איך געמוזט צושפּאַרן זיך צו דער וואַנט. די באָבע האָט צערודערט געפרעגט:

— וואָס איז געשען? וואָס ביסטו אזוי בלייך געוואָרן? די פּאַליאַקן זיינען געקומען נאָך דיר?

די באָבע איז געווען אזוי איבערגעראַשט, אז זי האָט פאַרגעסן, אז מע דאַרף ריידן שטיל. זי האָט אויך פאַרגעסן, אַפּנים, אז זי איז קראַנק.

אָקסאַנע האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ פון דער באָבעס קני.

דאָס גאָלד, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַרקלעמט אין דער פויסט, האָט געבריט מיר די פינגער.

— ס׳איז אַלץ אין אָרדענונג, באָבע. ס׳האָט זיך דיר, ווייזט אויס, אויסגעוויזן.

אָקסאַנען האָב איך געזאָגט שטילערהייט, מער מיט די אויגן, ווי מיט די ליפּן:

— קום. איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן.

זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— גוט. נאָר לאָמיר פריִער געבן דער באָבע די רעפוּע.

זי האָט געהאָלפן דער קראַנקער אופהייבן זיך פונעם פּאָטעל, צוגעפּירט זי צום בעט און באַלייגט זי.

— גיב מיר א לעפל.

איך האָב גענומען דעם לעפל מיט דער לינקער האַנט און אומגעשיקט אים אַרויסגלאָזט פון דער האַנט. ער איז מיט א געקנאַל אַראָפּגעפאַלן אפן דיל.

— וואָס איז עפּעס מיט דיר? — האָט אָקסאַנע געפרעגט.

זי האָט זיך אָנגעבויגן, אופגעהויבן דעם לעפל, אָנגעגאָסן פונעם פלעשעלע, וואָס איך האָב געבראַכט פונעם אַפּטייק, א העל־ברוינע פליסיקייט און דערלאַנגט דער באָבען. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט:

— ס׳איז עפּעס געשען?

— גאָרניט. אַלץ איז אין אָרדענונג, — האָב איך מונטער געענטפערט.

די באָבע האָט אויסגעטרונקען די רעפוּע און אוועקגעקערט זיך צו דער וואַנט. מיר ביידע, איך און אָקסאַנע, האָבן א קוק געגעבן איינער אפן אַנדערן און זיך צעשמייכלט. די באָבע האָט ניט געוואָלט אונדז שטערן. ס׳הייסט, שעפּטשעט זיך, סוידעט זיך, קושט זיך, איך זע גאָרניט, און הער גאָרניט.

איך האָב אַריינגערוקט דאָס ווייסע סטויפּיקל אין אָקסאַנעס האַנט.

— וואָס איז דאָס?

— גאָלט.

— ווו האָסטו עס גענומען?

— גענומען.

— בא וועמען?

— כ׳האָב זיך א ווייַלע פאַרלוירן. דערנאָך מונטער א שעפּטשע געטאָן.

— בא זיך.

— דו האָסט דען געהאַט?

— יאָ. די מאַמע האָט מיר איבערגעלאָזט, איידער זי איז אוועקגעפאָרן.

אָקסאַנע האָט א שמייכל געטאָן.

— גוט. מיר נעמען דאָס אַלס דיין בייטראַג.

בא אָקסאַנען באַקומט זיך אַלץ נאַטירלעכער און פּאַשעטער ווי בא מיר. דאָס האָב איך געדאַרפט זאָגן וועגן בייטראַג. אַנשטאָט דעם האָב איך שווייַגנדיק און עפּעס אומגעשיקט אַריינגערוקט איר דאָס גאָלט אין דער האַנט — און שוין.

מיר זיינען געשטאַנען נאָענט, אזוי נאָענט, אז איך האָב געהערט ניט נאָר אָקסאַנעס שעפּטשערייַ, נאָר געפילט איר אָטעם. מיט א פריש־פאַרפלאָכטענעם צאָפּ, מיט גריבעלעך אף די באַקן און פריילעכע פונקען אין די גרוי־בלויע אופגעלעבטע אויגן איז זי געווען, אָקסאַנע, מאָלע־כיין, און איך האָב שיִער ניט פאַרגעסן, אז אין צימער איז פאַראַן א דריטער. וועגן דעם

האָט מיך דערמאָנט אָקסאַנע, אָפּשטופּנדיק מיך פון דער גרינג מיט איר פויסטל, אין וועלכן ס'איז געווען פאַרקלעמט דאָס געלט. כ'האָב פונדעסטוועגן באַוויזן צודריקן זיך מיט די ליפּן צו דעם גריבעלע אַף איר באַק, קלוימערשט ניט ווילנדיק. ס'הייסט, כ'האָב נאָר געוואָלט אײַנ־רוימען איר אין אויערל:

— אָקסאַנע, לייען איבער דער באַבען דאָס, וואָס דו האָסט מיר אָנומלטן געלייענט. זי וועט שעפּן נאַכעס פון דעם.

זי פרעגט מיך ניט, אָקסאַנע, וואָס דאַרף זי פאַרלייענען דער באַבען, זי האָט זיך אַליין אָנ־געשטויסן.

— איך האָב דאָך ניט דאָס ביכל.

— איז זאָג אַף אויסווייניק.

— איך געדענק ניט אַלץ.

— וועל איך דיר אונטערזאָגן.

אָקסאַנע האָט אַ שמייכל געטאָן.

— דו ביסט צו זיכער אין זיך, פאַר איין מאָל האָסטו אַלץ פאַרגעדענקט?

— איין מאָל האָסטו מיר פאַרגעלייענט. און צען מאָל האָב איך דאָס איבערגעכאַזערט. נו, לאָמיר אָנהייבן.

אָקסאַנע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— גוט.

מיר זײַנען צוגעגאַנגען צום בעט.

— באַבעניו! אַלציינס שלאָפסטו דאָך ניט. עמעס?

— עמעס. כ'שלאָף ניט.

— דער קאָפּ טוט שטאַרק ווייי?

— דער קאָפּ. און דאָס האַרץ. כ'טראַכט איבער. וואָס וועט מיט אײַך זײַן, ווען איך וועל... אוי, נאַכעמקע, ס'איז געקומען מײַן צײַט. כ'האָב נאַרוואָס געזען דעם זיידן. ער איז געשטאַ־נען לעבן בעט, צוקאָפּנס, שווײַגנדיק געשטאַנען, נאָכדעם האָט ער מיך גענומען פאַר דער האַנט און אַ שלעפּ געטאָן מיט זיך... ס'איז אַן עמעסער סימען.

— רעד ניט קיין נארישקײַטן!

די באַבע האָט זיך אַפילע ניט באַליידיקט. זי האָט פאַרגעזיצט עפּעס שטאַמלען.

— ...גוט, וואָס איר האָט מיך אופגעוועקט. כ'האָב זיך מעסוקן איבערגעשראָקן. דאָס לעבן איז שווער, שווערער קאָן שוין ניט זײַן, און שטאַרבן ווילט זיך ניט סײַוויסײַ. אַף וועמען וועל איך אײַך איבערלאָזן, אַף וועמען?

אָקסאַנע האָט זיך צוגעזעצט צו דער באַבען און עפּעס אײַנגערוימט איר אין אויער. זיי האָבן שוין זייערע סודעס. אַ צופרידענע, האָט די באַבע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איר אויג האָט געבלישטשעט. עפּשער האָט דאָס מיידל אײַנגעהויכט איר אַ ביסל יונגן אָטעם? אָקסאַנע האָט זיך אופגעהויבן, געשטעלט זיך אין דער מיט צימער, און אָנגעהויבן:

מײַן פאַלק, פאַרפּײַניקטס און פאַרפלאָגטס,
ווי אַ געליימטער איינער אַפן שיידוועג
מיט מענטשיש ביטל, ווי מיט גרינד, באַדעקט
דער צוקונפט דײַנער... דער צוקונפט דײַנער...

כ'האָב אונטערגעזאָגט:

— ...מיר דאָס האַרץ רעגט אוף.

אָקסאַנע האָט אָנגעהויבן דעם פּערז:

די צוקונפט דײַנע מיר דאָס האַרץ רעגט אוף
און קאָן דאָס אויג ניט צומאַכן פון כאַרפּע,
וואָס וועט די אָפּשטאַמלינגען דײַנע סאַרפן
צי דען פאַרשריבן איז אַף...

מיטאַמאָל האָבן צעריסן די לופט גרויליקע געשרייען. כ'האָב דערקענט דעם פּעטערס קאָל. כ'האָב נאָך ניט געהערט די ווערטער זײַנע, נאָר כ'האָב זיך שוין אָנגעשטויסן, פאַרוואָס ער שרײַט. אינגיכן האָבן זיך דערהערט באַזונדערע גרויליקע ווערטער:

— באַ־גאַנ־וועט! דאָס לעצטע אוועק־גע־גאַנ־וועט! געמאַכט אונדז פאַר בעט־לערס! וויאַזוי וועלן מיר אַצינד אוועקפאָרן? מיר האָבן דאָך ניט קיין קאָפּעקע! פאַרשאָלטענע קוילערס! גאַ־נאַ־־וויִם! רויִ־בערס!

די טיר פון דער באָבעס צימער האָט מיט א טראַסק זיך צעעפנט, און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער פעטער אײַזיק. ער איז געבליבן שטיין א שרעקלעך בלייכער, א דאַרער, ווי א סקעלעט. ער איז צוגעלאָפן צו מיר און, פאַרהיקענדיק זיך, אויסגעשריגן:

— ג־גיב אָפּ דאָס ג־געלט!

איך האָב קוים דורכגעשטאַמלט, פאַרהיקענדיק זיך, ווי ער:

— וואָסער ג־געלט?

כאַזערט ער איבער, אַנקוועטשנדיק אַף יעדער וואָרט און טראַף:

— ג־גיב אָפּ דאָס ג־געלט... דו ווייס־סט וואָס־סער געלט... דו מיינסט, אז איך האָב ניט באַמערקט, וויאַזוי דו האָסט נאָכגעקוקט, ווהין... ווהין איך פאַרבאַהאַלט דאָס ג־געלט?

איך בין אינגאַנצן צעמישט געוואָרן. אזא ביזאָיען! ווען די באָבע וואָלט דאָ ניט געווען, און דעריקער, ווען אָקסאַנע וואָלט ניט געווען, וואָלט איך זיך נאָך געקאָנט עפּשער פאַרטיי־דיקן. איך האָב דען געגאַנוועט? איך האָב דאָס פּאָשעט גענומען. ווײַל ס׳איז נייטיק, שטאַרק נייטיק פאַר די... פאַר אלע אונדז, דערוונטער פאַרן פעטער אײַזיק מיט זײַן הויזגעזינד אויך. איך וואָלט אים געזאָגט... נאָר וואָס טוט מען אָבער — די באָבע און אָקסאַנע לאָזן פון מיר ניט אראָפּ די אויגן. זייערע בליקן זײַנען פאַר מיר אומדערטרעגלעכער, צען מאָל שווערער פונעם פעטערס געשרייען. איך האָב ווידער דורכגעשטאַמלט:

— וואָס פאַרא געלט?

אָקסאַנע איז צוגעגאַנגען צום פעטער, פאַנאַנדערגעדריקט דעם פויסט און געפרעגט:

— ס׳איז אײַער געלט?

ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, האָט זי א שלײַדער געטאָן דאָס סטויפּיקל אפן טיש. דאָס פּאַפּיר האָט זיך צעריסן און די גאָלדענע מאָטבייעס האָבן זיך צעשאָטן און צעקײַקלט איבער אלע זײַטן, זי האָט זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר און אַרויס פון דער שטוב.

זינט דעמלט האָב איך אָקסאַנען מער ניט געזען.

10

נאָכעם איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן...

סאָניע האָט געהאַט א גוט האַרץ. זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. פאַרוואָס שווײַגט מען, פאַרוואָס געפינט מען ניט נאָכעמקען? און זי האָט באַשטימט אליין אָפּזוכן דאָס שוועסטערקינד.

זי האָט אים אָבער אין ערגעץ ניט געפונען. „עפּשער איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד?״ — האָט זי א קלער געטאָן, און איז גלײַך אוועק צום פאָטער:

— נאָכעם האָט זיך מיסטאָמע אַרײַנגעוואָרפן אין טײַך אַרײַן. מע זעט אים אין ערגעץ ניט.

זי האָט, כאָלילע, ניט געוואָלט איבערשרעקן דעם טאַטן. זי האָט נאָר געוואָלט ווייכער מאַכן זײַן האַרץ. זאָל ער ניט איבערלאָזן נאָכעמקען אליין. וואָס וועט ער, נעבעך, טאָן דאָ אָן זיי? ער מוז פאָרן מיט זיי צוזאַמען.

אײַזיק האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געוווּסט, אז סאָניע האָט ליב צו פאַנטאַזירן. אָבער נאָך דער טראַגעדיע מיט פאַניען איז זלאַטקיס געוואָרן אן אַנדער מענטש. א שרעקלעכע יוגנט, גאַנוועט געלט, טוט אָן אזא ביזאָיען, און דו דאַרפסט זיך נאָך פאַרנייגן פאַר זיי, איבערבעטן זיי, הייסט עס, אַניט קאָנען זיי זיך נאָך וואַרפן אין טײַך אַרײַן.

— סאָניעלע, דו האַלטסט מיך פאַר אָן... פאַר אן אכזער? — האָט ער ליבלעך און אפילע א ביסל כניפעדיק געפרעגט די טאָכטער.

— ניין, טאַטע, — האָט סאָניע טמימעסדיק געענטפערט.

— פאַרוואָס זשע עפּעס ניין? — האָט אײַזיק דערווידערט, א צופרידענער מיט דער טאָכ־טערס ענטפער, — פאַרשטייסטו מיך, ער איז א יאָסעם. קאָן איך אים גאָרנישט ניט טאָן. כ׳האָב ניט קיין רעכט. ווען ער וואָלט אָבער געווען מײַן זון, וואָלט איך אים... וואָלט איך אים גע־מיימעסט מיט מײַנע אייגענע הענט.

סאָניעלע האָט זיך דערשראָקן. אירע אויגן זײַנען געוואָרן גרעסער און קײַלעכיקער, די נאָז האָט זיך אויסגעצויגן און דאָס האַרבעלע איז געוואָרן מערקבאַרער.

אין האַרצן אָבער האָט סאָניע געוווּסט, פּונקט ווי די מאַמע אירע, אז דער טאַטע קאָן ניט האַרגענען אפילע א פליג אַף דער וואַנט.

א צופרידענער פון זײַנע גרויזאַמע ווערטער, האָט אײַזיק פאַרגעזעצט שוין רויִקער:

— ער האָט דאָך געקאָנט מאכן אומגליקלעך אונדז אלע! בעדיל־האדאל שטעלן. דו וואָלסט ארומגעאנגען אין שמאטעס, ווי א בעטלערן.

זלאטקיס האָט געוווּסט, אז דערמיט האָט ער געטראָפן גלײַך אין פינטל ארײַן.

— ער איז פּאָשעט א נאר, — האָט סאָניע צערייצט געזאָגט.

— א געפערלעכער נאר! א נאר, וואָס איז ערגער פון א מעשומעד. ער האָט דאָך...

די טיר האָט זיך פלוצעם צעפּראַלט, און אין צימער איז ארײַנגעלאָפן באסיע, א בלייכע און צערודערטע.

— ס'איז געקומען א פּוילישער אָפיצער מיט צוויי סאָלדאטן. זיי פרעגן, ווו נאָכעם איז.

— ווו זײַנען זיי? — האָט אײַזיק געפרעגט. א גרויע בלייכקייט האָט באדעקט זײַן פּאָנעם.

— דאָרטן. בא דער באָבען. וואָלסט עפּשער געגאן צו זיי...

מיטאמאָל מישט זיך ארײַן סאָניע.

— כ'וועל אליין גיין צו זיי.

סאָניע האָט נאָך קיינמאָל נאָענט ניט געזען קיין פּוילישן אָפיצער. זי האָט זיך פאָרגע־שטעלט, אז אן אָפיצער מוז זײַן גאלאנט און עלעגאנט. וועט זי א פּרווו טאָן זיך דורכשמועסן זיך מיט אים.

און טאקע באלד איז זי ארויסגעפלויגן פונעם צימער, אזוי גיך, אז די עלטערן האָבן ניט באוויזן פאַרהאלטן זי.

אינגיכן האָט זי זיך אומגעקערט, אן אופגערעגטע, א טומלדיקע.

— נו? וואָס? זאָג שוין גיכער!

סאָניע האָט א ביסל צוגעוואַרט, צוליב עפעקט, און ערשט דערנאָך דערציילט.

— כ'האָב אים געזאָגט, אז נאָכעם עסרעג האָט זיך ארײַנגעוואָרפן אין טײַך ארײַן. צוערשט האָט ער מיר ניט געגלייבט. דערנאָך האָט ער געזאָגט, אז אזא מין קיינעוודיקער פּאניענקע איז אומעגלעך ניט צו גלייבן. האָב איך אים געענטפערט, אז, ערשטנס, בין איך שוין ניט קיין פּאניענקע... האָט ער מיך איבערגעשלאָגן און געזאָגט: א שאָד! האָב איך אים געפרעגט, צי ער האָט שוין א פרוי. האָט ער מיר געענטפערט: ניין. האָב איך אים אויך געזאָגט: א שאָד! האָט ער זיך אנטשולדיקט, וואָס ער האָט מיך באומרויִקט, און געבעטן מיך, אז ווי נאָר ער, ס'הייסט, נאָכעם, וועט קומען צו גיין פונעם טײַך, זאָל ער זיך גלײַך יאווען אין קאָמענדאטור... אזא ליב אָפיצערל, נאָר עפּעס א מאָדנער, ער האָט, ווײַזט אויס, געמיינט, אז נאָכעם איז גע־גאן זיך באָדן...

דערציילנדיק, האָט סאָניע זיגעריש געפינקלט מיט די אויגן, ס'הייסט, ווי געפעלט אײַך?

— האָסט דאָך אָפּגעטאָן אַף טערקיש! האָסט אים געדאַרפט זאָגן, אז מע האָט נאָכעמען דערהארגעט, בעשאס די פּאָליאקן און די פּארטיזאנער...

— פונוואַנען האָב איך געוווּסט, אז מע דאַרף אים אזוי זאָגן?

— ווער האָט דיך געבעטן, אז דו זאָלסט פלײַען צו אים?

— וואָס דען האָב איך געדאַרפט טאָן? אז אירביידע זײַט געשטאַנען ניט טויט, ניט לעבעדיק.

— מע דאַרף דרינגענד אָפּזוכן נאָכעמען און וואָרענען אים, — האָט אײַזיק באפוילן סאָניען.

— ווו זאָל איך אים אָפּזוכן, אז ער איז ניטאָ אין ערגעץ ניט. עפּשער האָט ער זיך ווירק־לעך געוואָרפן אין טײַך ארײַן?

— רעד ניט קיין נארישקייטן.

— און אויב כ'וועל אים געפינען, וועט ער פאָרן מיט אונדז?

— מיר וועלן זען.

סאָניע האָט א פליִעסקע געטאָן מיט די הענט און איז גלײַך ארויסגעלאָפן. באלד אָבער איז זי צוריק ארײַנגעפלויגן אין שטוב ארײַן. זי האָט זיך ארײַנגעגריסן ווי א וויכער צו דער קראַנ־קער באָבע און פארסאָפּעט געפרעגט:

— באָבעניו! דו ווייסט, מיסטאמע, ווו נאָכעמקע איז?

די זקיינע האָט צוגעדריקט א פינגער צו די ליפּן. אויסגערעדט שטיל:

— יאָ.

סאָניע האָט אומגעדולדיק אויסגעשריגן.

— זיי זײַנען שוין אוועקגעגאן.

מיט א שוואַכער שטימע, קוים וואָס מע הערט, האָט די באָבע אויסגעשטאַמלט:

— גיי צו... צו מיר... נעענטער... כ'האָב ניט קיין קויעך... רעדן הויך...

סאָניע איז צוגעגאַנגען און אָנגעבויגן זיך איבערן בעט.

— סאָניעלע... זײַ געהיט... אַ־די סאָלדאַטן... מעגלעך, אַז זיי גיבן אַכטונג, פאַרשטייסט מיך?

— כ'פאַרשטיי, באָבעניו.

— איז שטעל מיר אונטער דײַן אויער...

סאָניע האָט אויסגעדרייט דאָס קעפל אירס אַזוי, אַז זי האָט קימאַט באַרירט מיט איר אויער דער באָבעס ליפּן.

די אַלטיטשקע האָט איר עפּעס אײַנגערוימט. דערנאָך געפרעגט:

— האָסט מיך פאַרשטאַנען? דאָרטן וועסטו אים געפינען, זאָג אים, ער זאָל טייקעף קומען.

די זקיינע האָט צוויי מאָל איבערגעכאַזערט, פאַמעלעך און א ביסל פײַערלעך:

— זאָג אים, אַז ער זאָל טייקעף קומען.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— אויב ער וועט זיך אײַנשפּאַרן, טאָ זאָג אים: די באָבע האָט געהייסן. זי שטאַרבט, די באָבע, און זי וויל זיך מיט דיר געזעגענען. נו, ווייסט שוין, וואָס דו דאַרפסט אים זאָגן?

— יאָ, באָבעניו. נאָר דו שטאַרבסט דאָך ניט אַפּאַנעמעסן, עמעס, באָבעניו? דו זאָגסט דאָס אומיסטן, קעדיי ער זאָל קומען צו גיין. אַיאָ?

די באָבע האָט געענטפערט אַזוי שטיל, אַז סאָניע האָט זיך גיכער אָנגעשטויסן, ווי דער־הערט:

— יאָ, אומיסטן.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— גיי גיכער, מײדעלע מײַנס, אַניט וועט זײַן שפּעט. און זאָג דײַן טאַטן, ער זאָל אַרײַנ־גיין צו מיר. איך דאַרף מיט אים עפּעס רעדן.

סאָניע איז אַרײַנגעלאָפן צום פאָטער. גלײַך פון דער שוועל האָט זי אים מיטגעטײלט די גוטע בסורע.

— דאַכט זיך, אַז די באָבע שטאַרבט. גיי אַרײַן צו איר, זי וויל דיר עפּעס זאָגן פאַרן טויט.

אײַזיק האָט זיך פאַרקרימט. סאָניעס פאַנטאַזיעס!

— גוט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער שוויגער. נאָר ווען ער איז שוין געווען בא דער שוועל, האָט ער פּלוצעם פאַרקערעוועט צוריק. ער האָט ניט ליב געהאַט די אַלטע. ער וועט פריִער באַזוכן די מוטער, און ערשט דערנאָך — די שוויגער.

— דו ביסט גרייט? — האָט ער געפרעגט, אָנבייגנדיק זיך צום אַלטן טיפן פאָטעל מיטן הויכן וואַנטל, אין וועלכן ס'האָט געדרעמלט זײַן מוטער.

די אַלטיטשקע האָט ניט געענטפערט. זי איז געזעסן אַ פאַרגליווערטע, מיט צוגעמאַכטע אויגן, אײַנגעשרומפּן, אַזוי אַז דער קאָפּ אירער האָט געשטאַרצט נאָר א קאָפּעלע העכער פון די קני.

— דו הערסט מיך, מאַמע? כ'פרעג דיך, דו ביסט גרייט? די פור וואַרט דאָך שוין.

די אַלטיטשקע האָט צעעפנט די אויגן־לעפּלעך, הוילע, אָן וויִעס, און ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט זי עפּעס דורכגעשטאַמלט. בלויז דער זון אירער, אײַזיק, האָט געקאָנט פאַר־שטיין, וואָס זי האָט געזאָגט.

— כ'וועל אין ערגעץ ניט פאָרן, זונעלע...

אײַזיק איז מעוווּלוול געוואָרן.

— וואָס הייסט, וועסט ניט פאָרן! וויאַזוי זשע וועל איך דיך איבערלאָזן דאָ איינע אַליין?

די אַלטע האָט ווידער גענומען עפּעס שטאַמלען מיט די פּיאַלעטעווע ליפּן.

— פאָר אַוועק. פאַרהאַלט זיך ניט איבער מיר. מע דאַרף ניט. כ'וועל דערלעבן ביז שאַ־בעס, עפשער ביז זונטיק... שאַבעס אַפּדערנאַכט אָדער זונטיק אינדערפרי וועל איך שטאַרבן. איז לאָז מיר איבער אַף צוויי טעג א שטיקל ברויט און וואַסער... און זאָג אָן אַלטערן, ער זאָל זונטיק קומען צו פאָרן נאָך מיר. אַפּפירן אַפן הייליקן אָרט.

אײַזיק איז שווײַגנדיק געשטאַנען באַם פאָטעל, און דער קאָפּ זײַנער האָט זיך קעגן זײַן ווילן געשאָקלט, ווי אַן אָנגעדרייטער. און אַלץ איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע:

— וויאַזוי זשע וועל איך דיך איבערלאָזן דאָ איינע אַליין? אַף ווער/עמען וועל איך דיך לאָזן דאָ איינע אַליין?

די מוטער האָט פאַרגעזעצט אירס: „כ'וויל שטאַרבן דאָ, ווו כ'האָב געלעבט". אײַזיק האָט
אָבער שוין ניט געהערט, ער איז געווען פאַרטיפט אין עפּעס אַ מאַכשאָווע.
פּלוצעם האָט די אַלטע אים אַ צי געטאָן פאַר דער האַנט און אָפּגעטרייסלט זײַן פאַרגלי־
ווערטקייט.

— בייג זיך אָן צו מיר. כ'וויל דיך אַ קוש טאָן.

די אַלטיטשקע האָט דערפילט אַף איר קאַלטער האַנט אַ וואַרעמע טרער.

— דו ביסט אַ ווילער זון, אײַזיקל. האָב ניט קיין יעסורים. גאָט איז אַ פאָטער.

11

פון דער אַלטער מוטער האָט אײַזיק זיך געלאָזט צו דער אַלטער שוויגער. זי האָט זיך אונטערגעהויבן, אָנגעשפּאַרט זיך אויפן עלנבויגן, פאַרבעטן דעם איידעם צוזעצן זיך, און ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַף דער קישן.

— אוי, די קויכעס מײַנע לאָזן זיך שוין אויס...

זי האָט זיך געפילט ווי עפּעס שולדיק פאַר איר אומבאַהאָלפנקייט, און אַ פּרוּוו געטאָן זיך אַ וויצל טאָן:

— איר ווייסט ניט, ווו מע קאָן קויפן אַ ביסל קויעך?

אײַזיק איז נאָך אַלץ געווען צעטומלט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס די שוויגער האָט געזאָגט.

— וואָס? וואָס? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— איך פרעג, ווו קאָן מען קויפן אַ ביסל קויעך?

„געפונען אַ צײַט אַף לײַצאָנעס! אַלע זײַנען זיי אַזעלכע לײַכטזיניקע, די עסרעגס". דאָך האָט אײַזיקן באַוואונדערט די קראַפט פון אָ־דער אַלטער. אַ קראַנקע, מיט איין פוס שוין אַף יענער־וועלט, פאַרמאָגט זי נאָך קויעך און מוט צו טרײַבן קאַטאָוועס און צו שמייכלען. „ער וואָלט דאָס ניט געקאָנט," — האָט ער געמוזט זיך מודע זײַן.

— קויעך? כאַ! ניטאָ אַזאַ קראָם, וואָס פאַרקויפט קויעך. האָט ער סאַפּקאָל־סאָף געענטפערט. די אַלטע האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן און געזאָגט ערנסט, אַפילע האַרב:

— איך מוז זיך דורכרעדן מיט אײַך וועגן... וועגן אונדזערע צוויי... וועגן נאָכעמקען און מוישעלען. איר וועט דאָך ניט אוועקפאָרן און זיי איבערלאָזן דאָ?

ניט קוקנדיק אַף זײַנע גוטע קאַוואָנעס, איז אײַזיק גלײַך אַרויס פון די קיילים.

— פאַרוואָס עפּעס וועגן צוויי? און פאַרוואָס ניט וועגן דרײַ? און איר? אײַך דאַרף איך דאָך אויך ניט פאַרלאָזן. פאַרוואָס וועגן דרײַ? פאַרוואָס ניט וועגן פיר? און מײַן אַלטיטשקע מוטער? איך קאָן דען זי פאַרלאָזן?.. מאַכטײַסע! וואַלגערט זיך אָן אַף מיר! פאַרוואָס ניט? כ'האָב דען ניט קיין ברייטע פּלייצעס? בין איך דען ניט געזינטער פון אײַך אַלע?

די זקײנע האָט פאַרמאַכט דאָס אויג. עפּשער אויס שוואַכקײט, און עפּשער האָט זי ניט געוואָלט קוקן אָפן צעקרימטן פּאָנעם פונעם אײדעם.

דערנאָך האָט זי ווידער אופגעעפנט דאָס אויג און שטיל געזאָגט:

— פאַר מיר דאַרפט איר זיך ניט זאָרגן. כ׳וועל אײַך ניט באַלעסטיקן... כ׳וועל אין ערד גיך ניט פאַרן. וויפל איז מיר געבליבן לעבן?

— און אויב ער וועט מיך באַרויבן אין וועג, אײַער טײַערער אײניק, און וועט אַנטלויפן, אַ?

— ער איז דאָך ניט קײן רויבער...

— ער איז ערגער פון אַ רויבער. יענער ראַבעוועט נאָר פאַר זיך, דאַרף ער ניט קײן סאַך. און דער — פאַר אַלעמען.

— ווילט איר, הײסט עס, אַז מע זאָל אים דאָ דערשיסן?

— כ׳וויל גאָרנישט ניט. כ׳וויל, איר זאָלט מיך לאָזן צורו. כ׳בין דען שולדיק, וואָס ער...

ער האָט אַ קוק געגעבן אויף דער האַלב בלינדער זקײנע. אַ טיפער ראַכמאָנעס האָט פאַר־קלעמט זײַן האַרץ.

— נו, און וועגן מוישען איז ביכלאַל ניטאָ וואָס צו רעדן. מע וועט אים אָהין ניט אַרײַנלאָזן.

— כ׳ווייס אַלײן ניט, וואָס זאָל איך מיט אים טאָן. ער פאַרבלײַבט דאָך אײנער אַלײן.

דערנאָך האָט זי שטיל צוגעגעבן:

— עפּשער וועט מען אים פונדעסטוועגן לאָזן. דעריקער, אַז די אויגן זאָלן ניט זײַן קײן קראַנקע.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט אײַזיק איראָניש געפרעגט: „נו, און דער קאָפּ? דער קאָפּ איז ניט דעריקער?..״ איצטער אָבער האָט ער זיך אײַנגעהאַלטן.

— גוט. כ׳וועל נעמען מיט זיך אי דעם, אי יענעם. רעדט אָבער אַלײן איבער מיט נאָכע־מען. דעם־אַ פאַרעץ דאַרף מען נאָך בעטן, ער זאָל זײַן אַזוי גוט און זאָל מאַסקים זײַן פאָרן מיט מיר.

— כ׳האָב געשיקט נאָך אים. כ׳וועל מיט אים אַלײן רעדן...

אײַזיק האָט זיך אופגעהויבן, געלאָזט זיך צו דער טיר. בײַ דער שוועל האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט און געזאָגט:

— אײַך וועט העלפן גענענדל. כ׳האָב זיך מיט איר צונויפגערעדט. ווען איר וועט געזונט ווערן, וועט זי אײַך נעמען צו זיך אין דאָרף אַרײַן. דאָרטן, אויף פרישער לופט, וועט איר זיך אָנעמען מיט פרישע קויכעס... גענענדל וועט העלפן מײַן מוטער אויך...

12

פונדערווײַטנס זעט מען שוין די צעפּאַטלטע ווערבע. דאָס מײדל האָט זיך געלאָזט לויפן צום בוים.

פּלוצעם האָט זי דערזען נאָכעמען אין אַן אומגעוויינלעכער פּאָזע. ער האָט זיך צעלײגט אויף דער לאָנקע, אין דער בעקעשע, מיטן פּאָנעם צום הימל. באַנאַנד מיט אים האָט אַ קו געצופּט דאָס גראָז.

„ער איז מעשוגע, מײַנע סאָנים. נו, אַצינד וועט זי אים שוין באַווײַזן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, אַ־דעם מאַלעכל. קוידעמקאָל דאַרף מען אים גוט אָנשרעקן. וועט ער ווערן ווײכער פון וואַקס...״

סאָניע האָט זיך אונטערגעגאַנוועט און אַזאַ הילך געטאָן, אַז... זי האָט זיך אַלײן דער־שראָקן: עפּעס אַ פרעמד ייִנגל מיט אַ קלײַנדיק פּאָנעם איז אופגעשפּרונגען פון דער ערד.

סאָניע האָט גלײַך געמאַכט די פּלײצע. זי האָט זיך באַרויקט ערשט דאַן, ווען זי איז אַרײַן אונטער די לאַנגע צווײַגן און אָנגעשטויסן זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט נאָכעמען.

— ווער ליגט עס דאָרטן אין דײַן בעקעשע?

נאָכעם האָט זי האַרב געפרעגט:

— וואָס ביסטו געקומען אַהער?

סאָניע האָט זיך באַליידיקט.

— דו ביסט אַ נאַר. און דערצו ניט קײן קלוגער.

מיט סאָניען איז אומעגלעך זײַן האַרב, אַדער פּאַשעט ערנסט.

— ס׳איז דען פאַראַן קלוגע נאַראָנים?

— שטעל זיך פאָר — פאַראַן.

— נו גוט, סאָניעלע, בייזער זיך ניט. זאָג בעסער, וואָס ביסטו געקומען? און ווער האָט דיר געזאָגט, ווו איך בין?

— די באָבע אַליין האָט מיר געזאָגט. אָט ווער.

— און פונוואַנען ווייסט די באָבע?

— פרעג זי אַליין. און ביכלאַל ביסטו אַ שרעקלעכער עגאָיִסט, אַ צעדרייטער און אַן אומ־דאַנקבאַרער. איך וואָלט זיך ניט געוואָזגעט מיט דיר אַזוי, ווען איך וואָלט געווען דײַן באָבע.

— דו בייזערסט זיך נאָך אַלץ אויף מיר?

— וואָדען האָסטו געמיינט? איך סטאַרע זיך, מיטן פאָטער, מיט דער באָבען, מיטן פּויּ־לישן אַפּיצער, רעד זיי אײַן, כלאַפּאָטשע, דײַגע זיך, און צוליב וועמען? צוליב מיר, צי צוליב דיר, נאַרעלע? קום איך צו לויפן העגדום־פּענדום, און ער — „וואָס ביס־טו גע־קו־מען אהער?"

— וואַרט אַ ביסל, בעבע ניט! וואָס האָט דאָ צו טאָן עפּעס אַ פּוילישער אַפּיצער?

— קום! אָבער גיכער. די באָבע שטאַרבט. זי וויל זיך געזעגענען מיט דיר פאַרן טויט.

— וואָס זאָגסטו, סאָניע? וואָס פּלאַפּלסטו?

— לאָמיר גיין, זאָג איך דיר! גיכער, גיכער! — טרײַבט זי אים אונטער, — מיר קאָנען נאָך כאַלילע פאַרשפּעטיקן. אונטערוועגנס וועל איך דיר דערציילן.

סאָניע לויפט און דערציילט בעשאַסמײַסע, און נאָכעמס האָרץ ווערט אַלץ פולער מיט צאַרטקײַט און דאַנקבאַרקײַט צו איר. אַוואָדע האָט ער געוווּסט, נאָכעם, אַז זײַן שוועסטער־קינד האָט ליב איבערטרײַבן, באַפּוצן. ער האָט אָבער געמיינט, אַז סאָניע האָט בעסאַכאַקל ליב נאָר זיך אַליין און דעם שפּיגל. אַנדערע גייען איר ניט אָן, דעריבער האָט נאָכעם געקוקט איצט אויף סאָניען מיט אַנדערע אויגן.

— סאָניעלע, דו האָסט זיך שטאַרק געענדערט נאָך דער כאַסענע.

דאָס איז אויסגערעדט געוואָרן מיט אַזאַ מין האַרציקן טאָן, אַז קיינער וואָלט ניט געקאָנט צווייפלען, וואָס ער מיינט. סאָניע אָבער קאָן זיך בעשום־אויפן ניט באַגיין אָן קאָקעטערײַ. פרעגט זי אים טמימעסדיק:

— אויף ערגער?

— ניין. אויף בעסער.

— ווייסט פאַרוואָס?

— כ׳ווייס ניט. פאַרוואָס?

— איך גרייט זיך ווערן אַ מוטער.

— וואָס זאָגסטו? — איז נאָכעם געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער.

— האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען, נאָכעמקע? אויב איך האָב אַ מאַן, וועל איך דאָך פריִער אָדער שפּעטער האָבן אַ קינד. דאַרף איך, הייסט עס, אויסכאַוועון אין זיך אַ געפיל פון אַ מוטער.

טאַקע אַזוי האָט זי, מאַשמאָעס, געזאָגט: „אויסכאַוועון אין זיך". נאָר אויב איר ווילט, קאָן מען דאָס אויסטײַטשן אַזוי אויך: איך רעפּעטיר אַ ראָל פון אַ מוטער. כאַפּ אַ קוק אויף מיר, נאָכעמקע, און זאָג: די דאָזיקע ראָל פּאַסט מיר?

— דו זעסט אויס שלעכט, יינגעלע מײַנס, — האָט די באָבע געזאָגט, ווען ער האָט זיך צו־געזעצט צו איר בעט.

„און דו זעסט אויס צען מאָל ערגער פון מיר, מײַן אָרעמע באָבעניו..."

ער האָט אָבער דאָס ניט געזאָגט איר. ער איז איצטער געווען זייער פאַרזיכטיק. יעדעס וואָרט האָט ער זיך געסטאַרעט דורכלאָזן דורך אַ זיפּ. און בעסער פון אַלץ איז זיצן און שווײַגן.

— קלײַב גיכער צונויף דײַנע זאַכן. מע דאַרף שוין פאָרן, — האָט אים די באָבע אונטער־געאײַלט.

— כ׳וועל אין ערגעץ ניט פאָרן.

— וואָס הייסט — וועסט ניט פאָרן? באַלד גיי פּאַקעווע אײַן דײַנע זאַכן! אַלע וואַרטן שוין.

— ערגער זיך ניט, באָבעניו. דו ביסט דאָך קראַנק. וויִאַזוי קאָן איך דיך פאַרלאָזן אין אַזאַ צושטאַנד?

— דײַגע ניט פאַר מיר. דער פעטער אײַזיק האָט אָפּגערעדט מיט גענענדלען וועגן מיר. זי וועט שוין מיך פאַרזאָרגן.

— אַלציינס וועל איך ניט פאָרן.

— דו ווייסט, אַז סאָלדאַטן זײַנען שוין געקומען נאָך דיר?

— כ׳ווייס. סאָניע האָט מיר געזאָגט.

— הייסט עס, פאָרסט ניט?

— ניין.

— ווילסט מיר טאָן אין טויט אַרײַן? אַז כ׳זאָל גיכער שטאַרבן?

— באָבע! וואָס זאָגסטו וואָס?

— דאָס לעצטע מאָל זאָג איך דיר — גיי, פּאַקעווע דעם טשעמאָדאַן. אַניט...

נאָכעם האָט זיך דערשראָקן. די באָבע האָט זיך געטרייסלט, ווי אין אַ פיבער. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע און אַראָפּגעלאָזט די פיס אַפן דיל. נאָכעם האָט זיך אופגעכאַפּט פונעם אָרט, באַלייגט זי צוריק אין בעט, אײַנגעדעקט מיט דער קאָלדרע, זאָרגזאַם און צאַרט. זי האָט זיך ניט געוועהרט, ווי אַ קלײן קינד אָט זי זיך געלאָזט אײַנהילן אין דער קאָלדרע. אַ בלייכע, גלײַך ווי דאָס גאַנצע בלוט אירס און דער רעשט קויכעס האָט זי געפּאַטערט אַף דער שפּאַרעניש מיט איר פאַראַקשנטן אײניק, האָט די באָבע אָנמעכטיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַף דער קישן.

— ערגער זיך ניט, באָבעניו. באַרויִק זיך. איך וויל דיר עפּעס דערמאָנען: דו געדענקסט, ווי דו האָסט מיר אַליין אָנגעזאָגט? „הייסט עס, אָפּגערעדט. איך וועל אַף דיר שרײַען, כ׳וועל דיך בעטן: פאָר אוועק, נאָכעמקע, וואָס גיכער, ראַטעווע דאָס לעבן! דו אָבער זאָלסט סײַווײסײַ ניט פאָרן...״ געדענקסט?

— יאָ. כ׳געדענק. ס׳האָט זיך אָבער אַצינד אַלץ געביטן... פאַרשטייסט מיך, ווען איך וואָלט געווען געזונט, וואָלט איך דיך אָפּגעהיט, ווי מײַן שוואַרצאַפּל... נאָר דו זעסט דאָך אַליין, אַז איך שטיי שוין מיט איין פוס דאָרטן... און אָן מיר וועסטו פאַרפאַלן ווערן...

איצטער זײַנען זיי ביידע אַנשוויגן געוואָרן. שפּעטער אַ ביסל האָט די באָבע שטיל אַרויסגעבראַכט:

— נאָכעמקע... גיב מיר דײַן האַנט.

זי האָט גענומען זײַן האַנט אין אירער.

— איך באַשווער דיך מיט מײַן נאָענטן טויט — פאָר אוועק.

נאָכעמקע האָט זיך אָנגעבויגן און זי אַ קוש געטאָן.

— גוט, באָבעניו.

ער האָט אַרויסגערוקט פון אונטערן בעט אַ טשעמאָדאַן, צעעפנט אים און פאַרטראַכט זיך.

די באָבע האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פון אים דעם בליק. זי איז געווען איבערצײַגט, אַז נאָכעם וועט אויספילן איר לעצטן ווילן. איז דאַרף מען איצטער זײַן מיט אים וואָס ווייכער, וואָס ליבלעכער מיט אַ־דעם קינד. האָט זי אים געזאָגט:

— מיינסט, אַז איך פאַרשטיי דיך ניט? האָסט ניט געהאַט קיין מוטער. האָסט פאַרלוירן דעם פאָטער. איצט האָסטו קיינעם ניט, כוץ מיר. איז ווער נאָך קאָן אַזוי גוט פאַרשטיין, ווי איך? נו, גוט. וועסט זיך נאָך דערנאָך, מירצעשעם, אומקערן אַהיים. דײַן פאָטער האָט זיך דאָך אויכעט אומגעקערט.

מיטאַמאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— נאָכעמקע, גיב מיר די פאָטאָגראַפיע.

ער האָט אַ צאַפּל געטאָן. די באָבע נעמט די גרויסע מישפּאָכע־פאָטאָגראַפיע נאָר אין דעם פאַל, ווען מע דאַרף עמעצן אויסמעקן פון די לעבעדיקע. איז וועמען וויל זי איצט אויסמעקן? אים, נאָכעמקען? צי עפּשער זיך אַליין?

— וואָס דאַרפסטו זי?

— כ׳וויל אָפּווישן פון איר דעם שטויב.

נאָכעם האָט איר דערלאַנגט די פאָטאָגראַפיע. די באָבע האָט זי זאָרגעוודיק אויסגעווישט מיטן עק טיכל.

— לייג זי אַרײַן אינעם טשעמאָדאַן.

— און דו?

— איך דאַרף זי שוין ניט... נו, גיי צו נעענטער, קינד מײַנס. מיר דאַרפן זיך שוין געזעגענען.

נאָכעם איז צוגעגאַנגען צום בעט. די באָבע האָט אַרומגענומען זײַן קאָפּ:

— כ׳וועל דיך שוין מער ניט זען...

און צעוויינט זיך.

דאָס בלינדע אויג האָט אויך געוויינט.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני, געקושט דער באָבעס הענט, און געזאָגט:

— כ׳וועל זיך אומקערן, באָבעניו...

13

ענדלעך איז אַלץ גרייט, די כפּייצים זײַנען אָנגעלאָדן אױף א לאַנגן וואָגן, באַסיע, סאָניע, לייבאָוויטש, אײַזיק און נאָכעם האָבן אַרופגעקלעטערט אױף דער פור. און פּלוצעם איז אײַזיק אַראָפּגעשפּרונגען.

— נו, וואָס איז ווידער געשען? — האָט סאָניע אומגעדולדיק אויסגערופן.

— מיר האָבן דאָך פאַרגעסן מוישעלען, — האָט אײַזיק געענטפערט.

זלאַטקיס איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב אַרײַן. אינגיכן האָט ער זיך באַוויזן אױף דער שוועל. ער האָט פעסט געהאַלטן פאַר דער האַנט און אונטערגעשטופּט א קליין שמייכלענדיק מענטשל מיט א באַוואַקסן פּאָנעם און מיט רויטע פאַרסלינעטע ליפּן. ווען ער האָט איבערגעשפּאַנט איבער דער שוועל, האָט מוישעלע פאַרשטעלט די אויגן מיט א דלאָניע. ער איז געוווינט געוואָרן אין זײַן קעמערל צו טונקלקייט, און דאָ האָבן מיטאַמאָל ווייטעקדיק א שלאָג געטאָן אין די אויגן העלע זונען־שטראַלן.

אײַזיק האָט אים צוגעפירט צום וואָגן, געוואָלט אַוועקזעצן אים. נאָר מוישעלע האָט זיך אומדערוואַרט פאַראַקשנט, ניט געוואָלט זעצן זיך, מיטאַמאָל אַרויסגעריסן זיך פון אײַזיקס הענט און געלאָזט זיך לויפן צוריק אין שטוב אַרײַן.

אײַזיק האָט א שאַר געטאָן אין דער קעשענע, אַרויסגענומען א שטיקל צוקער און אויסגע־שטרעקט דעם שוואָגער. מוישעלע האָט אַרויסגעכאַפּט פון אײַזיקס הענט דעם צוקער, אַרײַנ־געוואָרפן אין מויל אַרײַן און גענומען אַפּגיך סמאָקען און כראָמטשען. „פונקט ווי א הונט, ווען מע וואַרפט אים א ביינדל", — האָט נאָכעם מיט ווייטעק א טראַכט געטאָן. ער איז אַראָפּגע־קראָכן פון דער פור, געהאָלפן דעם פעטער אַוועקזעצן מוישעלען.

דער אָנטרײַבער האָט זיך געאײַלט דעריאָגן די איבעריקע וואָגנס, וועלכע האָבן זיך שוין א שטיק צײַט צוריק געלאָזט אױף בעלענזשאַנע. ווי נאָר מע האָט זיך פאַנאַנדערגעזעצט, האָט ער שטאַרק א צי געטאָן די לייצעס. די פערד האָבן זיך א ריס געטאָן פון אָרט אַזוי, אַז מוי־שעלע איז שיִער ניט אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך זייער איבערגעשראָקן, געוואָרן נאָך בלייכער, געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון דער פור. נאָר נאָכעם, פון איין זײַט, און אײַזיק, פון דער אַנדערער, האָבן אים פעסט געהאַלטן פאַר די פלייצעס.

— באַסיע, — האָט זלאַטקיס געזאָגט צום ווײַב, — זאָלסט מיר דערמאָנען אױף דער סטאַנ־ציע, אַז איך זאָל אים אָפּפירן אין פאַריקמאַכערסקע, זיי זאָלן אים א ביסל אַרומשערן און אַרומ־גאָלן. אַניט וועט מען אים ניט דורכלאָזן.

14

מיר זײַנען געקומען צו פאָרן שפּעטער פון אַלע. אױף דער קליינער סטאַנציע איז געווען טומלדיק, ווי אױף א יאַריד. מע האָט גערוישט, געטײַנעט, געזיפצט און אונטערגעמונטערט איי־נער דעם צווייטן, ס'הייסט, נישקאָשע, גוטע מענטשן זײַנען פאַראַן אומעטום, מע וועט יאַקאָס העלפן, אָדער „גאָט איז א פאָטער..." פערעץ דער שוואַרצער מישט זיך באַלד אַרײַן:

— עמעס, גאָט איז א פאָטער. אַז ער גיט ניט קיין מאַקע, גיט ער א בלאָטער.

פאַר אַזאַ קליינער סטאַנציע איז גענוג געווען איין כאַיִם כאַוועס, אַז סע זאָל דאָרט ווערן א מעהומע. ער האָט פאַרקויפט זײַן סאָד די צימעסמאַנס פאַר האַלב אומזיסט, איז דעריבער אים געווען ביטער אױפן האַרצן, לויפט ער אַרום איבער דער פּלאַטפאָרמע מיט אימפּעט, אויפ־הייבנדיק א ווינטל, וואָס וואַרפט אָפּ זײַן לאַנגע באָרד אין א זײַט. ער שטעלט זיך אָפּ אױף א ווײַלע בא איין רעדל מענטשן, לויפט צו א צווייט רעדל, שטעלט אונטער אַן אויער, טוט א נאַש די לעצטע ידיִעס, רײַסט זיך ווידער אָפּ פון פונעם אָרט, לויפט צום עק פון דער פּלאַטפאָרמע. קוקט מיט אָנגעצונדענע אויגן אין דער ווײַט אַרײַן — עפּשער וועט ער זיך ענדלעך באַווײַזן, דער צוג. די אויגן האָט ער די לעצטע צײַט געהיילט אַפּגיך און גרינטלעך, ווי ניוניע די נאָז, אַניט וועט מען אים דאָך ניט אַרײַנלאָזן קיין אַמעריקע. פאַרוואָס עפּעס אַמעריקע? וואָרעם אורוגווײַ איז, אײַסעד־וואָס, ניט קיין ערנסט לאַנד, און מע וועט זיך טאַקע מוזן אַריבערפּעקלען, מיט גאָטס הילף, אין דער גאָלדענער אַמעריקע.

קרישטולס פילצאַליקע מישפּאָכע האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל אָפּגעזונדערט. זיי האָבן גע־האַט אַ גרויסן באַגאַזש, האָט מען אים געמוזט היטן. זיי זײַנען געווען שטאַרק אופגעבראַכט צו־ליב דער אופירונג פון די צימעסמאַנס, דעריקער פון דעם ייִנגערן, גויעכן. העכער פון אַלע האָט ער געגעראַגערט: „קלאָרע דיבורים! מע דאַרף מאַכן די פּלייטע פונדאַנען. און וואָס גיכער, איז בעסער. קיין לעבן וועט דאָ ניט זײַן. און קיין גליק — איז שוין אָפּגערעדט!"

נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער שאַרף אַ דריי געטאָן דעם דישעל. „קלאָרע דיבורים! אהין דאַרף מען פאָרן מיט געלט. אָן געלט איז אַ מענטש דאָרטן ניט קיין מענטש. איך קאָן אָבער ניט פאַרקויפן מײַן אַליאַרניע. קיינער וויל זי ניט קויפן. איז מיט וואָס זאָל איך פאָרן מיט וואָס? מיט לײדיקע הענט?"

איז ער טאַקע ניט געפאָרן. און דער עלטערער ברודער, זײַן שוטעף, איז שוין בעמיילע אויך ניט געפאָרן.

וואָס נעענטער צו נאַכט, אַלץ שטילער איז געוואָרן דער טומל. צוזאַמען מיטן כישעך איז געקומען די שטילקייט און דער אומעט. מענטשן זײַנען אַרומגעגאַנגען, ווי שאָטנס איבערן פּע־ראָן, און שווײַגנדיק, נאָר מיט די אויגן געפרעגט איינער דעם צווייטן: ווען וועט ער שוין קומען, דער צוג?

די מומע באַסיע און די מומע רייזל זײַנען געזעסן אויף די קלומעקעס און שטילינקערהייט געשמועסט. ליבלעכע שוועסטער — און אַזוי ניט ענלעך איינע אויף דער צווייטער. דאָס פּאָנעם פון דער עלטערער שוועסטער, פון רייזלען, איז געווען צעאַקערט מיט שוואַרצע קנייטשן, וואָס האָבן איצט אויסגעזען שוואַרצער, ווי געוויינלעך, איבער דער פּינצטערקײט און איבער דעם, וואָס זיי זײַנען ניט געווען פאַרפּודערט מיט קאַלך־שטויב, ווי שטענדיק, וואָרעם רייזל האָט גרינטלעך אויסגעוואַשן און אויסגעפּאַרעט דאָס פּאָנעם, איידער זי האָט זיך געלאָזט אין דער ווײַטער נעסיע. מיט אירע קנייטשן, מיט איר שטענדיקער פאַרדײַגעטקייט און טויבקייט איז זי געווען ענלעך אויף פּעטער אײַזיק. די מומע רייזל איז פאַרבליבן אַן אַלמאָנע, און די דײַגעס פון פּאַרנאָסע זײַנען געפאַלן אויף אירע שמאָלע פּלייצעס.

די מומע באַסיע, ווידער, איז געווען אַ פּולע, לייזע פּרוי מיט אַ ברייט ווײַס פּאָנעם און מיט פּולע צעשטרייטע באַוועגונגען. נאָך פּאַניעס טויט איז באַסיעס צעשטרייטקייט געוואָרן נאָך גרעסער. זי האָט געקאָנט אופכאַפּן זיך אינמיטן נאַכט, פאַרדעקן מיט אַ קאָלדרע די קוּ־שעטקע און שטאַמלען, ווי פון שלאָף:

— דעק זיך אײַן בעסער, פּאַניעטשקע. די נעכט זײַנען קאַלטע. קאָנסט זיך נאָך, כאַלילע, צוקילן...

די מומע רייזל פאַרקלאָגט זיך פאַר איר ייִנגערער שוועסטער, קלאָגט זיך און זיפצט:

— דו פאַרסט כאָטש מיט אַ מאַן, מיט קינדער... און איך בין איינע אַליין, איינזאַם, — זיפצט זי, — עלנט, — זיפצט זי נאָך טיפער, — מענדל איז אָפּן הייליקן אָרט. גרישע — אין אַרמיי.

און וועלוולען האָט זיך אינמיצקעדערינען פאַרוואָלט לערנען. האָט ער אַרײַנגעלייגט דעם „קאַ־פּיטאַל" אין טשעמאָדאַנדל און איז אַוועקגעפאָרן...

— ס'אי נאָך גוט, וואָס ער האָט כאָטש גענומען מיט זיך אַ שטיקל קאַפּיטאַל.

— ס'אי ניט דער קאַפּיטאַל, וואָס דו מיינסט, באַסיע. פונוואַנען קאָן ער זיך נעמען צו מיר, בײַ אַ בידנער אַלמאָנע...

— וואָס הייסט, ניט דער? וואָסער דען?

— ס'אַ בוך אַזאַ. אַ גרויסער, אַ גראָבער. ער האָט פאַרנומען דאָס גאַנץ טשעמאָדאַנדל. נאָר אַ פּאָרל גרעט און צוויי פּאָר שקאַרפּעטקעס אַרײַנגעשטופּט...

איך פּרוּוו אַ שמייכל טאָן. דער שמועס פון מײַנע מומעס האָט מיך אַ ביסל אַרויסגעפירט פון מײַן דערשלאָגענעם צושטאַנד.

איך קאָן ניט קומען צו־זיך ביז אַהער. דאָס האַרץ טוט ווי און שרײַט. וואָס ביסטו געבליבן שטיין, ווי אַ גוילעם? פאַרוואָס ביסטו ניט געלאָפן נאָך איר? פאַרוואָס האָסטו זי ניט דעריאָגט? ניט דעריאָגט, ניט געכאַפּט זי מיט אַ פעסטער האַנט... פאַרוואָס ביסטו אַליין אַנטלאָפן? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

וואָרעם איך האָב נאָך געהאָפּט. אַלץ געהאָפּט...

קוק איך זיך אײַן אין דער געדיכטער כאַשכעס, און די אויגן מײַנע, אַ ביסל קורצזיכטיקע, זעען דאָס, וואָס זיי ווילן זען, און איך כאַפּ זיך מיט די הענט פאַר דער לופט און נעם אַרום אַ פוסטקײַט. הייב איך ווידער אָן שפּאַנען איבערן פּעראָן, פיבערדיק שפּאַן איך, צעדרייט, קימאַט ווי בערל דער מעשוגענער. איך האָב אים הײַנט געזען. ס'איז נאָך ניט אַזוי הייס, און ער לויפט שוין אַרום איבערן שאָסיי, גלײַך ווי ער וואָלט עמעצן פאַרפאַלגט, אָדער עמעצער פאַרפאָלגט אים, לויפט און בעבעט באַדערבײַ מעשוגעדיקע ווערטער: „איך גיי אין יאַם, און גיי אין יאַם,

און זע ניט קיינעם, און זע ניט קיינעם, יאַ־מאַ־קו־טע!״, און ווען ער רעדט ארויס אַ־דאָס וואָרט — יאַמאקוטע, טרייסלט ער זיך און ציטערט, און צאַפּלט מיטן גאַנצן קערפּער.

בין איך קימאַט צופרידן, ניין, ניט קימאַט, איך בין מאַמעש צופרידן, ווען איך דערהער פּלוצעם דעם פּעטערס קאָל, אַ סקריפּענדיק, נאָר דאָך אַ מענטשלעך, אַ היימיש קאָל.

— סאָניע, זאָג אים, אַז ער זאָל ניט ארומשפּאַצירן אזוי פראַנק־און־פרײַ איבערן פּעראָן. זיי קאָנען אים דאָ אויכעט כאַפּן.

איך שטיי נעענטער צום פּעטער אײַזיק, ווי צו סאָניען. נאָר זײַנע אָנווײַזונגען גיט ער איבער דורך סאָניען, ווײַל ער איז באַרויגעז אף מיר און רעדט מיט מיר ניט. סאָניען פאַר־גלוסט זיך אַ טומל טאָן, שרײַט זי צו דער מומע באַסיע:

— מאַמע, זאָג אים, אַז ער זאָל ניט ארומשפּאַצירן אזוי פראַנק־און־פרײַ איבערן פּעראָן. זיי קאָנען אים דאָ אויכעט כאַפּן.

די מומע באַסיע רופט מיך צו און כאַזערט איבער פּויל:

— נאָכעם, שפּאַציר ניט ארום אזוי פראַנק־און־פרײַ איבערן פּעראָן. זיי קאָנען דיך דאָ אויכעט כאַפּן.

שפּרינג איך אַראָפּ אַף דער שטאָלענער קאָלױע און נעם זיך ציילן די שפּאָלעס.

פּלוצעם דערהער איך עפּעס ווי אַ געוואַי. און דערזע אינדערווײַטנס אַ שטיק כאַשכעס־געדיכטעניש. איך דערקען מוישעלען. ער שטייט פונדערווײַטנס אַף די שפּאָלעס און קוקט צו דער לעוואַנע. שמייכלט מילד, פּאַרליבט, גלײַך ווי ער וואָלט געזען אַ־דעם שײַנענדיקן ווונ־דער דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן.

ווי קומט ער אהער? פונוואַנען האָט ער זיך דאָ גענומען?

אַלע זײַנען געווען פאַרנומען מיט אייגענע דײַגעס, מיט אייגענע יעסורים. קיינער האָט ניט אַכטונג געגעבן אַף אים. האָט ער, זעט אויס, דאָס אויסגענוצט. ארויסגעשאַרט זיך. אַנט־לאָפן פון די אָנגעכמורעטע מעשונעדיקע מענטשן, וואָס האַלטן אים פאַרשפּאַרט. און דאָ־אָ, אין דעם ראַכוועסדיקן רוים, האָט ער זיך געשטעלט פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דער לעוואָנע, גע־שטעלט זיך און פאַרגליווערט געוואָרן מיט אַ שמייכל אַפן בלייכן געזיכט.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ רעדער־קלאַפּערײַ און דער אָטעם פון אַ צוג. אַ̈ ענדלעך קומט ער אָן!

— מוישעלע! — האָב איך אויסגעשריגן. — לויף צו מיר! גיכער! דער צוג גייט!

ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער צעצויגענער פײַף. אַ שאָד! ניט דער צוג, וואָס מע וואַרט אַף אים. וואָרעם דער פײַף האָט זיך דערהערט פון דער אַנטקעגנדיקער זײַט. באַלד האָט ארויסגעטויכט, בייגנדיק זיך, ווי אַ שלאַנג, אַ גרויסע איין־אויגיקע כײַע, וואָס האָט זיך גע־טראָגן גלײַך אַף מוישעלען. אַ גרויל האָט מיך ארומגעכאַפּט.

— מוי־שע־לע! — האָב איך אַ געשריי געטאָן. — אַראָפּ פון די רעלסן!

עפּשער ווייסט ער ניט, וואָס איז אַזוינס רעלסן? שרײַ איך ווידער:

— מוי־שע־לע! אַראָפּ פונעם וועג!

ער איז אָבער געשטאַנען, ווי אַ פאַרקישעפטער, עפּשער האָט ער ניט דערהערט מײַנע געשרייען איבער דעם געקנאַל פונעם צוג?

כ׳האָב זיך געלאָזט לויפן צו אים. ס׳איז אָבער שוין געווען שפּעט. די כײַע האָט זיך ארופ־געוואָרפן אַף אים, אים אומגעוואַלגערט. איך אַליין האָב קוים באַוויזן אָפּשפּרינגען פון די רעלסן.

ז. אַהיים

1

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, ניט דערפאָרנדיק ביז צו דער באַן־סטאַנציע. פונעם לאָקאָמאָטיוו זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען דער מאַשיניסט און נאָך אַ מענטש מיט אַ שוואַרץ פּאָר־נעם, וואָס איז באַדעקט מיט קוילן־שטויב. פון די וואַגאָנען זײַנען ארויס מיליטערלײַט און האָבן ארומגערינגלט דעם מאַשיניסט.

— וואָס איז געשען?

— עפּעס אַ מענטש איז ארונטערגעפאַלן אונטער די רעדער.

װען נאָכעם איז צוגעלאָפֿן, זײַנען שױן אַרום מױשעלעס צענעריקטן קערפּער געשטאַנען סאָלדאַטן. אַ פֿאַרלוירענער, האָט נאָכעם אַפֿילו קײן קלאָר ניט געטאָן, װאָס פֿאַרא סאָלדאַטן — אונדזערע, װי די באָבע זאָגט, צי פֿרעמדע.

פֿאַרזיכטיק און אײַנגעשפּאַרט האָט ער זיך דורכגעשטופּט צװישן די שאַרסטקע שינעלן, צו דער מיט אָבער האָט ער זיך ניט דערשלאָגן. עפּעס אַ סאָלדאַט מיט אַ בײז־פֿאַרשלאָפֿן פּאַנעם האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און זיך אױסגעזידלט.

װי פֿון אונטער דער הױט איז אױסגעװאַקסן עפּעס אַ יונגער מיליטערמאַן.

— װאָס איז געשען? — האָט ער הױך אַ געשריי געטאָן, — אַנו, לאָזט דורך!

די סאָלדאַטן האָבן געמאַכט אַ װאַרע. „זעט אױס — אַ קאָמאַנדיר“, — האָט נאָכעם אַ טראַכט געטאָן און אומדערװאַרט־האַזעסדיק זיך געלאָזט גײן נאָך אים.

דער קאָמאַנדיר האָט זיך אָנגעבױגן איבערן טױטן קערפּער און שטיל דורכגעשטאַמלט:

— שױן זשע מױשעלע! דאַכט זיך, ענלעך...

נאָכעם האָט אַ טראַכט געטאָן קימאַט דאָס זעלבע. „שױן זשע גרישע! זײער ענלעך...“

— גרישע! — האָט ער מיטאַמאָל אױסגערופֿן.

דער מיליטערמאַן האָט זיך שאַרף אַ קער געטאָן צו אים.

— װער זײַט איר?

דערנאָך צוגעגעבן אַ קאַפּעלע װאַרעמער:

— אַ! נאָכעמקע! נאָכעמקע דער מאַלעך...

נאָכעם איז געװען גרײט װאַרפֿן זיך אים אָפֿן האַלדז. גרישע װאַסערבער האָט אים אָבער קאַלט אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿונװאַנען קומסטו אַהער?

— כ׳בין געקומען צו פֿאָרן. איך, ס׳הײסט, מיר זײַנען געקומען...

— רעד קירצער. כ׳האָב קײן צײַט ניט.

נאָכעם האָט זיך צעבײזערט.

— הער נאָר, גרישע, װאָס מאַכסטו פֿון זיך...

װאַסערבער האָט אים איבערגעשלאָגן, שטיל און בײז האָט ער דורכגעזיפּט דורך די צײן:

— הער נאָר, מאַלעכל. רוף מיך ניט גרישע. עס פּאַסט ניט. מײַנע רױטאַרמײער שטײען דאָך דערבײַ.

נאָכעם האָט אָפּגעראַפּאָרטירט, קורץ, הױך, לױטן מיליטער־סטאַטוט:

— Слушаюсь, товарищ командир!

װאַסערבער האָט ניט באַמערקט, צי ניט געװאָלט באַמערקן נאָכעמס איראָניע.

— אַלץ איז אין אָרדענונג, כאַװער קאָמאַנדיר.

— פּאַליאַקן זײַנען פֿאַראַן?

— מיר איז עס ניט באַװוּסט!

— און אין קאַפּין?

— פֿאַראַן.

— אַ סאַך?

— מיר איז עס ניט באַװוּסט!

— דערװױסן זיך און אָפּראַפּאָרטירן! אַ טערמין — זעקס שאָ.

די לעצטע קאָמאַנדע, אַן אומגעװײנלעכע, אַן אומדערװאַרטע, איז נאָכעמען געפֿעלן געװאָרן. גרישע האָט זיך שטענדיק אױסגעטײלט מיט זײַן זיכערן און האַזעסדיקן כאַראַקטער. ער קאָן אַ זאָג טאָן אַ גראָבקײַט, אַפֿילו באַלײדיקן און — גאַרניט. ס׳איז אים אַלצײנס, צי איר האָט אַף אים אַ האַרץ, צי ניט. „און איך בין ניט אַזאַ,“ — האָט נאָכעם פֿאַרגעזיצט קלערן װעגן דעם אין דער צײַט, װען ער האָט געדאַרפֿט קלערן װעגן עפּעס אַנדערש.

טאַקע זײער פֿײַן. װאָס װעט אָבער זײַן מיט דער נעסיע? און װאָס װעט זײַן מיטן פֿעטער אײַזיק, װעלכער האָט מיסטאָם שױן אַרױסגעשיקט שעליכים אין אַלע עקן, קעדײ צו אָפּזוכן דעם „טײַערן אײצער“, נאָכעמקען. און װאָס װעט זײַן מיט אָרוג...

מיטאַמאָל איז נאָכעמען געקומען אָפֿן זינען, אַז אָרוגװױ איז ניט מער װי אַ כאָלעם. עפּעס אַ כיטרע כאָלעם, װוּ עס װײנען קלױמערשט אַזױלכע, װי פֿערעץ דער שװאַרצער, די מומע רײזל, דער פֿעטער אײַזיק — לעכערלעכע מענטשעלעך פֿון אַ פֿאַנטאַסטישער װעלט, אַ װעלט, װוּ עס װױנט אַלײן יאַמאַקוטע, פֿאַר װעלכן עס ציטערט בערל דער מעשוגענער...

גרישע, װידער, האָט אַלץ ניט קײן צײַט. „ער האָט אַפֿילו ניט געפֿרעגט מיך, צי איך בין מאַסקים „דערװױסן זיך און אָפּראַפּאָרטירן“.

2

דער צוג איז אוועק. מיר האָבן זיך געלאָזט נאָך אים, נאָך זײַנע רויכיקע שפּורן, גרישע וואַסערבער און איך.

ער האָט זיך שטאַרק געענדערט, גרישע. עלטערער געוואָרן, מענערישער. נאָר זײַנע גרויסע שוואַרצע באַלעכעס האָבן געפינקלט, ווי פריִער. יונגע, א קאַפּעלע באַרימעריִשע אויגן.

— אַצינד דערציייל וואָס און ווען, מעגעגע, אָבער קורץ און שאַרף. ניטאָ קיין צײַט. דאַרפסט באַלד גיין אין אויספירונג.

— כּאַוועד קאָמאַנדיר...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איצטער קאַנסטו מיך רופן גרישע.

— גרישע! איך דאַרף דיר אַזוי פיל דערציילן, אַז כ׳ווייס ניט פון וואָס אָנצוהייבן...

— וואָס טוסטו דאָ?

— מיר פאָרן קיין אורוגווײַ.

— אור־רו־גווײַ? וואָס איז דאָס?

— ס׳אַ שטעטל אין וואָלין, ווייסט דען ניט?

מאַך זיך ניט נאַריש. כ׳האָב דורכגעמאַרשירט מיט מײַנע שלאַכטלײַט דורך גאַנץ וואָלין, און ניט געהערט וועגן קיין שטעטל אור־רוג־בײַ.

— ניט אורוגבײַ, נאָר אורוגווײַ. ס׳אַזאַ מין לאַנד. אין דאָרעם־אַמעריקע.

— וואָס זשע דרייסטו מיר אַ ספּאָדעק! „אַ שטעטל אין וואָלין״!

— אויב דו האָסט זיך דערדינט ביז צו אַ קאָמאַנדיר, וואָלסטו געדאַרפט וויסן...

— אַף קאַפּאַרעס דאַרף איך אים, דײַן אורוגווײַ!

— מיר פאָרן אָבער אַהין.

— וואָס הייסט „מיר״?

— מיר אַלע.

כ׳האָב געמאַכט אַ האַפּסאַקע און צוגעגעבן:

— און דײַן מוטער אויך.

אָ! איצטער וועט ער מיך פאַרשיטן מיט פראַגעס! מיט צענדליקער פראַגעס!.. נאָר ס׳הייבט זיך אפילו ניט אָן. ער האָט, עמעס, אַ פראַג געטאָן:

— מײַן מאַמע איז אויך דאָ?

און ווען איך האָב אים געענטפערט „יאָ״, האָט ער אפילו ניט פאַרגיכערט די טריט. ער האָט גענומען זידלען מיך, און דורך מיר אויך זײַן מוטער.

— איר זײַט קליינשטעטלדיקע יאָלדן! ווהין פאָרט איר, ווהין? צו דער וועלט־בורזשואַזיע? וואָס האָט איר דאַרפן ניט געזען? עקספּלואַטאַציע? צאָרעס און שלעק? דזשונגלס?

— זאָג דאָס דעם פעטער אײַזיקן.

— וואָס איז? מיינסט, כ׳וועל אים ניט זאָגן? כ׳וועל זיי אַלעמען זאָגן, די אָפּגעריסענע נאַראָנים!

ער האָט בייז אַ פינקל געטאָן אַף מיר מיט זײַנע באַלעכעס, גלײַך ווי איך וואָלט געווען דער הויפּט־שולדיקער.

— כ׳גייטיק זיך ניט אין דײַנע מוסער־רייד. כ׳ווייס דאָס אַליין.

— איז אויב דו ווייסט יאָ, טאָ פאַרוואָס זשע...

— די אומשטענדן האָבן...

— וואָס פאַראַ אומשטענדן?

— ס׳איז אַ גאַנצע געשיכטע. לאַנג צו דערציילן.

— אין דערצייל קורץ און קלאָרער.

פאַר אים איז אַלץ אַף דער וועלט קורץ און קלאָר. פאַר מיר זײַנען אַ סאַך זאַכן גאָר ניט קלאָר.

אָט האָט עפּעס פּלוצעם פאַר מיך אַ שטויס געטאָן גאָר אין אַנדער זײַט.

— כ׳בין באַגאַנגען אַ גנייווע.

גרישע האָט זיך צעשמייכלט מיט זײַנע ברייטע ליפּן, און עס האָבן זיך באַוויזן צוויי שנירלעך ווײַס־בלישטשענדיקע ציין.

— דוז.. ס'קאָן ניט זײַן.

— פאַרוואָס עפּעס קאָן ניט זײַן?

— דו ביסט אַלע מאָל געווען, ווי אַ באַרישניע. ניט אומזיסט רופט מען דיך מאַלעכל... וואָס זשע האָסטו צוגעגאַנגען?

— געלט.

— בײַ וועמען?

— בײַם פּעטער אײַזיק.

— נאָך וואָס?

— מע האָט זיי געדאַרפט.

— אויף וואָס האָסטו זיי געדאַרפט?

— ניט איך. נאָר... ס'איז אָבער אַלצײַנס אַ גנייווע.

גרישע האָט זיך צעלאַכט. דער געלעכטער זײַנער, אַ יונגער, אַ מונטערער, האָט פּאַנאַנדערגעטריבן די כאַשכעס. איז מיר געוואָרן ליכטיקער, פרײדיקער פון די ווערטער, וואָס איך האָב פון אים דערהערט.

— אַ! כ'פאַרשטיי שוין. איז וואָס דערפסטו עפּעס איבערלעבן? ס'איז דאָך ניט קיין גניי־ווע. ס'הייסט עקס־פּראָ־פּרי־אַציע, פאַרשטייסט? עקספּראָפּריִאַציע פון עקספּראָפּריִאַטאָרס. אוך! וואָס פאַרא שווערע ווערטער. קוים אַרויסגערעדט.

שמועסנדיק מיט מיר, האָט ער בעשאַסמײַסע זאָרגעוודיק אַרומגעקוקט די אומגעגנט. כ'מיין, אַז דאָס איז געווען פאַר אים דעריקער. און געפּלאָפּלט האָט ער מיט מיר צוליב דעם, זעט אויס, אַז עס זאָל אים ניט זײַן לאַנגווײַליק.

קעדיי איך זאָל ניט אויסזען אין זײַנע אויגן, ווי אַ „קליינשטעטלדיקער יאָלד", האָב איך געוואָלט דערציילן גרישען וועגן דעם טויט־אורטייל, וואָס הענגט ביז אהער איבער מײַן קאָפּ. איך האָב זיך אָבער מעיאַשעוו געווען. אַזעלכע מענטשן, ווי גרישע, זײַנען ניט פּייַיק און זיי ווילן ניט אַרײַנדרינגען אין עמעצנס נעשאָמע, קעדיי צו אָפּשאַצן זײַן אויפירונג. וואָסערבער האָט אַלץ געמאָסטן אויף זײַן אַרשין. קאָן ער נאָך אַ קלער טאָן, אַז איך באַפּוץ זיך, ווי ער אַליין וואָלט זיך אין אַזאַ מין פאַל באַפּוצט.

— און וווּ איז וועלוול?

ענדלעך האָט ער זיך טאַקע דערמאָנט וועגן זײַן לײַבלעכן ברודער.

— ער איז געפאָרן שטודירן.

גרישע האָט זיך גלײַך געגומען מוסערן דעם ברודער.

— געפונען אַ צײַט אויף שטודירן! אַצינד דאַרפן אַלע זיך ראַנגלען. באַשיצן די ראַטנמאַכט. שטודירן וועט מען אויספּייען שפּעטער.

ווען מיר זײַנען געקומען אַפּן וואָקזאַל, האָב איך גלײַך צוגעפּירט גרישען צו זײַן מוטער. ער האָט זי אַ קוש געגעבן, און באַלד אַרויסגעריסן זיך פון אירע אָרעמס, אַראָפּגעצויגן וויל־יונגעריש די עקן פון דער גימנאַסטיאָרקע און געמאָלדן דעם אוילעם, אַז באַלד וועט זײַן אַ מיטינג.

דער פּעטער אײַזיק האָט צעצויגן זײַנע גרויע ליפּן און דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז ער שמייכלט. ניוניע אײַזנבערג האָט באַלד אָנגעהויבן שמאָכען מיט זײַן קראַנקער נאָז — טשי־קאָווע, מיט וואָס שמעקט ער, דער מיטינג?! אַפּילע כאַים כאַוועס האָט אויפגעהערט אַרומלויפן איבערן פּעראָן. אַלע האָבן אַרומגערינגלט וואָסערבערן. אַפּילע די קרישטולס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער, האָבן זיך צוגערוקט נעענטער. און פּערעץ דער שוואַרצער, האָט, ווי זײַן שטייגער איז, אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר נאָר, גרישע, דו ביסט נאָך פאַרבליבן אַזאַ כוליגאַן, ווי דו ביסט געווען.

פּערעצעס גוטברודערישער טאָן איז וואָסערבערן בעפּיירעש ניט געפעלן געוואָרן.

— בירגער פּערעץ! כ'וועל אײַך געבן אַ וואָרט. און דערווײַל שטערט ניט.

פּערעץ האָט זיך ניט פאַרלוירן און געזאָגט:

— וואָס דאַרף איך דאָס האָבן דײַן וואָרט? כ'קאָן דאָס אײַך אָפּטרעטן מיטן גרעסטן קאָוועד.

זײַן רעדע האָט גרישע אָנגעהויבן אַזוי:

— יאָלדן קליינשטעטלדיקע, וואָס איר זענט! ווהין פּאַרט איר, ווהין? צו דער וועלט־בורזשואַזיע? וואָס האָט איר דאָרטן ניט געזען? עקספּלואַטאַציע? צאָרעס און שלעק? דזשונגלס? מע דאַרף אײַך מײַמעסן פאַר די דאָזיקע פוילע שטיק, דאַרף מען אײַך...

ווײַל דער זאַג „קלײנשטעטלדיקע יאַלדן" האָט געהאַט אַ שײַכעס צו אַלעמען, איז קײנער ניט באַרויִקט געוואָרן. אַלע האָבן געקענט דעם מאַזיק גרישען, געהאַלטן אים פֿאַר אַן אײגע־נעם, איז פֿאַר זײ זײַן אויסגעשריי „יאַלדן קלײנשטעטלדיקע" גאָר ניט געווען קײן באַלײ־דיקונג.

נאָר אײן מענטש האָט דאָס ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן — זעליק שלײַען, וואָס האָט, פֿאַר־שטײט זיך, ווי אַלע קאַפּינער געהאַט אַ צונאָמען „זעליק דער כוילעניפּל". ער האָט געהאַט אַ דין בלײך פּאָנעם און אַ רויטע באָרד.

— אויב מיר זײַנען קלײנשטעטלדיקע יאַלדן, און דו ביסט געוואָרן אַזאַ גרויסער כאָכעם באַלײַלע, איז זאָג מיר כ׳בעט דיך: דו ביסט אויך געקומען אָף צו מײמעסן אונדז, אָ? נו, וואָס שווײַגסטו עפּעס? זאָג זשע! עפּשער האָט מען אונדז ווײניק נאָך געמײמעסט, אָ? אַשטײגער, דער קײסער, פּעטליורע, דעניקין? ביסטו, הײסט עס, אַצינד אויכעט געקומען מײמעסן אונדז? נו, איז נאַ דיר, מײמעס! שלאָג! הארגע! אויב דו ווילסט נאָר געפֿינען אַ גאַנץ אָרט!

און זעליק שלײַען טוט אַ ריס אַראָפּ פֿון זיך די קאַפּאָטע, דאָס רעקל, דעם קאַמזויל, פֿאַרהײבט דאָס העמד, קערט זיך אום מיטן רוקן צו וואָסערבערגן, און נעמט ווידער שרײַען, ווי אַ באַנומענער:

— שלאָג זשע, שמײַס, קאַדױטשע! נו, וואָס שטײסטו וואָס?

מאַכמעס דעם, וואָס זעליק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אויסלאָזנדיק די קויכעס צוזאַ־מען מיט די געשרײען, האָט מען ניט געקענט זען ניט זײַן ווײַס פּאָנעם, ניט זײַן רויטע באָרד, נאָר דעם רוקן זײַנעם, וואָס איז געווען באַדעקט מיט סיניאַקעס, מיט פֿרישע שפּורן פֿון שאָמפּאָלן, דעריבער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניט זעליק, נאָר אַלײן דער רוקן שרײַט פֿון ווײטעק, פֿון צאָרן, פֿון בושע.

„וואָס וועט אַצינד זאָגן דער כאָווער זעלבסטזיכערער קאָמאַנדיר?" — האָב איך אַ קלער געטאָן.

לויטן פּאָך פֿון זײַן האַנט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז גרישע קלײַבט זיך פֿאַרזעצן מיטן זעלבן מײַנעלאָשן. בין איך צוגעגאַן צו אים און אײַנגערוימט:

— זאָלסט וויסן, אַז ער איז אַ כוילעניפּל.

— איז וואָס? זאָל איך איבער דעם מיטינג?

— רעד שטילער. ער קאָן נאָך דערהערן. ווײסטו וואָס, גרישע, גיב מיר אַ וואָרט, וועל איך שוין יאַקאָס עפּעס זיך דערשלאָגן.

— וואַליאַי!

ס׳איז געווען די ערשטע רעדע אין מײַן לעבן. כ׳בין געווען צערודערט און זיך געסטאַרעט ניט קוקן אין יענער זײַט, ווו ס׳האָבן קאַלט־איראָניש געבלישטשעט דעם פּעטערס פּענסנע־גלעזלעך. כ׳האָב אויך ניט געקאָנט קוקן אָפֿן רוקן, וואָס איז געווען באַדעקט מיט סיניאַקעס. ווי נאָר כ׳האָב אַ קוק געטאָן אָף דער צעקאַרדאַשעטער פּלײצע, זײַנען מיר אָף דער צונג געקומען צאָרנדיקע ווערטער. אָבער קײן צאָרנדיקע ווערטער טויגן איצט ניט. זעליקס ליפּן זײַנען שוין אַזוי אויך אין פֿינע. ראַכמאָנעס־ווערטער זײַנען אָבער נאָך ערגער, ווי צאָרנדיקע. אין אַזאַ האַרבער און גרויזאַמער צײַט זײַנען די ווײכהאַרציקע מענטשן די סאַמע ניט באַ־שיצטע אָף דער וועלט.

איך האָב זיך, זעט אויס, אָנגעשטעקט מיט גרישעס כוצפּע. „גיב מיר אַ וואָרט!..." און אַצינד שטײ איך און ווײס ניט וואָס צו זאָגן. און אַפֿילע וויאַזוי אָנהײבן. „בירגער", צי „כאַ־ווײרים", צי „ראַבויסײַ", צי גאָר עפּעס אַנדערש. אַלע וואַרטן, און איך קלער אַלץ. נאָך אַ מינוט, און דער כאַמולעוואַטער וואָסערבערג וועט אָפּנעמען באַ מיר דאָס וואָרט, וועל איך האָבן אַ שײן פּאָנעם.

האָב איך מיטאַמאָל אויסגערופֿן:

— טײַערע פּאָטערס און מוטערס! מיר האָבן דערלעבט ביז אַזאַ פֿײַערלעכן טאָג, ווען מיט די אײגענע אויגן האָבן מיר דערזען אונדזערע באַפֿרײַער, אונדזערע זיגערישע רויטאַר־מײער...

ס׳האָט זיך באַקומען פּאַמפּעזן און פּוסט. כ׳האָב דאָס אויסגעלײענט אָף פּערעץ דעם שוואַרצנס פּאָנעם, וואָס האָט באַקומען אַ לײצאָנעסדיק־פֿאַרקרימטן אויסדרוק.

האָב איך איבערגעריסן די פֿראַזע אינדערמיט. און אָנגעהויבן בעבען, ווי אַ קינד.

— ...איך האָב אַ באָבע...

פּערעץ דער שוואַרצער האָט זיך שוין ניט געקאָנט אײַנהאַלטן.

— נו, און אַ זײדן?.. אַ זײדן האָסטו אויכעט?

מיר איז שוין געווען אַלצײנס. האָב איך אַרויסגעלאָזט פון די הענט די לייצעס. זאָל שוין זײַן, ווי עס וועט זײַן.

— ...איך האָב אַ באַבע. ווען איך בין אַוועקגעפאָרן, האָט זי געהאַלטן באַם שטאַרבן. דאָקטער טויבעס אַליין האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון איר. ער זאָגט, אַז די מעדיצין איז אָנ־מעכטיק העלפן איר. איז אַט זאָג איך אײַך. איך בין גרייט זיך וועטן מיט וועמען איר ווילט און אַף וואָס איר ווילט: אויב כ'וועל זיך אַרײַנכאַפּן אַצינד צו דער באַבען און כ'וועל איר זאָגן די בסורע: „באַבעניו! אונדזערע זײַנען געקומען!" — וועט זי גלײַך געזונט ווערן.

דערנאָך בין איך צוגעגאַן צו זעליקן, געהאָלפן אים אַנטאָן דאָס העמד, און פאַרגעזעצט:

— פאַרבאַהאַלט אײַערע ווונדן, זעליק שלײַען, אײַערע בלאַטערן. עס זײַנען דאָך גע־קומען אונדזערע רומפּולע שלאַכטלײַט, קעדיי צו מאַכן אַ סאָף מיט דעם?

דערנאָך האָב איך אָנגעטײַט מיטן פינגער אַף זיך.

— אַט בין איך, נאָכעם עסרעג, כ'בין אַלט זיבעצן יאָר. וואָס פאַרא טאַכלעס האָט גע־וואַרט אַף מיר? לערנען וואָלט איך זיך ניט געקאָנט. פאַרן איז דער גרויסער שטאָט אַרבעטן — אויך ניט. וואָס זשע וואָלט פון מיר געוואָרן? נו, און איצטער? פון הײַנט אָן בין איך אַ מענטש! אַ גלײַכבאַרעכטיקטער, אַ פרײַער, אַ שטאָלצער. האָט זיך וועלוול וואַסערבערן פאַר־וואָלט שטודירן, איז ער געפאָרן. אויב אײַך, זעליק שלײַען, וועט נייטיק זײַן פאָרן אפילע קיין מאָסקווע היילן זיך, צי אַפילע לעבן דאָרטן און אַרבעטן — ביטע, פאָרט, דער סעמאָפאָר איז אָפן...

אַט דאָ האָט מיך איבערגעריסן דער פעטער אײַזיק. גוט, וואָס ער האָט מיך איבערגע־שלאָגן. וואָרעם, כ'האָב שוין מערער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. כאָטש מע האָט זיך אַצינד צוגעהערט צו מיר. און פערעץ דער שוואַרצער האָט אופגעהערט כויזעקן, מאַכן האָווײַעס.

אײַזיק זלאַטקיס האָט פאַרגעבן אַ פראַגע און אַליין געענטפערט זיך.

— דו קענסט אונדז טאַקע שווערן, אַז עס וועט זײַן פונקט אַזוי, ווי דו האָסט אונדז אָנגעמאָלט, שוואַרץ אַף ווײַס, ס'הייסט, בלויז אַף ראַזעוועז?.. אויב יאָ, איז זייער פײַן. איז פאָר איך נישט אין ערגעץ ניט. מיינסט, אַוואַדע, אַז ס'איז מיר מעסוקן אָנגענעם פאַרלאָזן אַ היים, וואָס איז אײַנגעבאַקן אין דער נעשאָמע, אײַנגעוואָרצלט מיט הונדערטער וואָרצלען, און נע־מען אַף דער עלטער וואַנדערן מיט קינד־און־קייט אין עפּעס אָן אויסרײַסעניש? נײַן. קיינעם איז ניט ליב אַזאַ וואָגלעניש, אַזאַ שווערער וועג, און ווער ווייסט, צי מיר וועלן אים בײַקומען.

געננגו! דעם פעטער אײַזיקס אויסגעשרייען הייבן אָן אָנוואַרפן אַ שרעק. מע טאָר דאָס ניט דערלאָזן. גרישע איז ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן. אים, זעט אויס, איז די קאָמעדיע נימעס געוואָרן. כוץ דעם האָט ער זיך שטאַרק געאײַלט. זײַנע הילכיקע באַפעלן האָבן דערגרייכט אַזש אַהער, און מע האָט געזען, ווי די רויטאַרמייער שטעלן זיך האַסטיק אין אַ רײַ.

מוז מען, הייסט עס, ווי־ניט־איז פאַרענדיקן. מע טאָר ניט דערלאָזן, אַז דאָס לעצטע וואָרט זאָל זײַן דעם פעטערס. האָב איך אים געפרעגט, אײַזיק זלאַטקיסן:

— נו, און אורגווי האָט אײַך, הייסט עס, אַרויסגעגעבן אַ שריפטלעכע גאַראַנטיע אַף ראַזעוועס?..

כ'האָב ניט געוואַרט אַף קיין ענטפער, און געזאָגט אים אַזוי, ווי ס'וואָלט אים געזאָגט וואַסערבער. מיט אַזעלכע אײַנגעגעסענע איז ניטאָ וואָס צערעמאָניען זיך.

— גוט. פאָרט אײַך. מיר פאַרהאַלטן אײַך ניט. אַזעלכע, ווי איר, וועלן דאָ אונדז נאָר שטערן...

„זיי וועלן זיך פּלאָנטערן אונטער די פיס".

איך האָב אים דאָס ניט געזאָגט. עס וואָלט געווען צו גראָב, פאָרט אַ פעטער. כ'האָב אַזוי נאָר אַ טראַכט געטאָן. אַזעלכע, ווי אײַזיק, זײַנען דורכגעזאַפּט מיט מאַרעשכוירע און גיפט. זיי זײַנען שוין ניט פײַיק צו גלייבן ניט אין גאָט, ניט אין לײַט. מיר ריידן אַף פאַרשיידענע שפּראַכן, כאָטש מיר טײַנען זיך אויס אַף איין לאָשן. מיט נעסטערענקאָן, אַשטייגער, איז פאַרקערט. מיר ריידן אַף איין שפּראַך, כאָטש מיר ריידן אַף פאַרשיידענע. עמעס, ער וואַרפט אַמאָל אַרײַן אַ ייִדיש ווערטל אויכעט.

כ'האָב געוואָלט דאָס זאָגן דעם פעטער אײַזיק און אַנדערע. נאָר פּלוצעם האָט זיך דער־הערט אַ שאַרפער פײַף. צו דער סטאַנציע דערנענטערט זיך דער לאַנגדערוואַרטער צוג.

— ענדלעך! — האָט אויסגערופן דער פעטער אײַזיק. — גרייט זיך גיכער!

דער צוג איז געשטאַנען נאָר פינף מינוט. און פאַר די פינף מינוט האָבן זיך אָנטשיידט גויראָלעס פון מענטשן. מי לעכאַיִם, אומי לעמאָוועס.

איך שטיי באַנאַנד און שפּיר נאָך די מענטשן. דער פעטער אײַזיק מיט צווי טשעמאָדאַ־נען אין ביידע הענט האָט זיך דער ערשטער אַ וואָרף געטאָן צום צוג. סאָניע אין דער באַ־

גליטונג פון לייבאָוויטשן האָט לײַכט א שוועב געטאָן נאָכן טאטן. די מומע באסיע האָט זיך שווער געשלעפּט מיט א גרויסן קלומעק. זיי האָבן זיך אלע אזוי געײַלט, אז זיי האָבן זיך אפילע ניט געזעגנט מיט מיר. און עפשער האָבן זיי ניט געוואָלט זיך געזעגענען. נאָר סאָניע האָט מיר א מאך געטאָן מיט דער האנט פונעם טאמבור. כ׳מיין, אז אויך זי האָט דאָס געטאָן ניט אזוי צוליב מיר, ווי צוליב דעם שיינעם גרישע וואסערבער, וואָס האָט אויסגעזען כוואטסקי אין דער מיליטערישער אוניפאָרם. זי האָט אפּאָנעם באמערקט, ווי ער האָט געכאפּט אף איר א קוק מיט זײַנע שווארצע באַלעכעס.

פלוצעם האָט זי אויסגעשריגן:

— און ווו איז מוישעלע?

די מומע באסיע און דער פעטער אײַזיק האָבן איבערגעכאַזערט אף א קאָל:

— און ווו איז מוישעלע?

סאָניע האָט צו מיר א געשריי געטאָן:

— גיב אכטונג אף מוישעלען!

פיר מענטשן — דער פעטער אײַזיק, די מומע באסיע, סאָניע און לייבאָוויטש זײַנען פארשוווּנדן געוואָרן אין דער טיף פונעם וואגאָן. דאָס איז איין גורל.

ארקאשע יעזשריצקי, און באלד נאָך אים זײַן פאָטער — ארנאָלד אָסיפּאָוויטש מיט זײַן פרוי בערטע, זײַנען צוגעגאַן און געשטעלט זיך באנאנד מיט מיר. דאָס איז א צווייטער גורל.

מיט א גרויסן שווערן קאסטן אין איין האנט און מיט א טשעמאָדאַן אין דער צווייטער, א פארשוויצטער, א פארסאָפּעטער, איז געלאָפן צום וואגאָן ניוניע אײַזנבערג. ציפּע טראכ־טערמאן האָט אים אונטערגעטריבן. כאָימל האָט געפירט פאר דער האנט זײַן קליין ברודערל. אלע מאָל קוקט ער זיך אום צו מיר, כאָימל, ווי איינער זאָגט: „כ׳וואָלט גערן פארבליבן דאָ, ווען עס וואָלט געווען געוואָנדט אין מיר״.

זעליק שלײַען האָט אנגעטאָן דעם קאמזויל, דאָס רעקל, פארשפּיליעט אלע קנעפּלעך, פארטראכט א קראץ געטאָן זיך אין דער פּאָטיליצע, צוגעגאנגען און אוועקגעשטעלט זיך באנאנד מיט מיר.

כאָים כאַוועס האָט ווי א וויכער איבערגעיאָגט כאָימלען און איז ארוף אפן וואגאָן־טרעפּל. זײַן ווײַב, די בייזע כאַווע, האָט אים דערלאַנגט איין פּעקל נאָכן צווייטן, פארשעלטנדיק די גאנצע וועלט און צום אלעם ערשטן איר טײַערן מאן, כאָימען.

פערעץ דער שווארצער האָט א כאַפּ געטאָן זײַן קליין אלט טשעמאָדאַנדל, נאָר געבליבן שטיין ווי א פארגליווערטער. כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען בא אים אזא ערנסט פּאָנעם. א ראכ־מאָנעס אף אים. א ראַכמאָנעס אף קאָפּיק. אָן אים וועט דאָס שטעטל ווערן, נעבעך, פאר־יאָסעמט — ניט קיין וויצן, ניט קיין געלעכטער... וואָס טוט מען? האָב איך אים א רוף געטאָן. פרעגט ער מיך: „עפּעס ארבעט וועט זײַן?״ ענטפער איך אים: „געוויס. אָט גיך שוין וועט נעמען אן עק מיט דער מילכאָמע. וועט מען זיך נעמען בויען, אופשטעלן, און ווידער בויען... וועט ארבעט קלעקן פאר אלעמען״. לאָזט פערעץ אראָפּ דאָס טשעמאָדאַנדל אפן פּעראָן און בלײַבט שטיין מיט מיר.

האלטנדיק זיך מיט זײַן קליין גראַבטשיק הענטל פאר דער פאַרענטשע, קלעטערט אף די טרעפּלעך ראַפאָיל נאַומאָוויטש קרישטול, קלעטערט און סאָפּעט, און פאַרשקעט ווי א פערד, בא וועלכן די נאָזלעכער זײַנען פארשטאָפּט געוואָרן מיט פּאַלאָווע. נאָך אים גייט זײַן פרוי, די גראָוועע און בעקוועדיקע קלאָרע מאַרקאָוונע און זייערע אלע קינדער.

ווען איך האָב אָבער דערזען די מומע רײזל, ווי זי לאָזט זיך אומבאַשלאָסן גיין צום וואגאָן און טרערן רינען אראָפּ איבער אירע שווארצע קנייטשן, האָב איך פּאַשעט ניט גע־קאָנט גלייבן מײַנע אויגן.

— מומע רײזל! — שרײַ איך. — וואָס טוט איר וואָס? אײַער גרישע וועט דאָך...

— גרישע! וואָס פארא טאַלק פון מײַן גרישען, מישטיינסגעזאָגט. — ענטפערט זי מיר פּיט א ווייינענדיק קאָל. — נאָך אזא לאנגער צעשיידונג האָט ער מיך קוים א קוש געטאָן און באלד פארגעסן, אז כ׳לעב אף דער וועלט...

בין איך געוואָרן שטארק אין כאַס אף גרישען.

— וואסערבער! — האָב איך אים א רוף געטאָן. — קום גיכער אהער! דײַן מוטער וויל אוועקפאָרן.

— זי וועט אין ערגעץ ניט פאָרן, — ענטפערט ער מיר גאַנץ רויִק, און גייט צו, שלעפּט אראָפּ די מוטער פונעם טרעפּל, נעמט זי אַרום און זאָגט איר אף רײַן קאָפּין־לאָשן:

— פע, מאַמאַ! וואָס מאכסטו עפּעס פּוילע שטיקן!

דערנאָך האָט ער אוועקגעשטעלט די מוטער באנאנד מיט מיר, און געזאָגט:

— גיב אכטונג אף איר, מאַלעכל.

איינינעם מיט די קרישטולס האָבן זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן צו די וואַגאָנען די ווייַנשטיינס, טאַלעסמאַנס, שאַמיסעס און אַנדערע שיינע באַלעבאַטים. מער האָב איך זיי קיינמאָל ניט געזען.

ווען דער צוג האָט זיך שוין אַ ריר געטאָן פֿונעם אָרט, האָט כאַימל נאָך אַלץ אומעטיק אַרויסגעקוקט פֿונעם טאַמבור. כ׳האָב אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ בייג געטאָן צו מיר. כ׳בין פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון שרעק. אָט־אָט פֿאַלט ער אַראָפּ. און פּלוצעם נעמט ער און טוט אַ שפּרונג אַראָפּ פֿונעם צוג. ער איז אַנידערגעפֿאַלן. באַלד אָבער האָט ער זיך אופֿגעהויבן, צוגעלאָפֿן צו מיר אַ פֿאַרוויינט־שמייכלענדיקער, און געזאָגט:

— נאָכצעמקע, כ׳האָב דיך ליב.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. עס רינגלט מיך אַרום אַ שטיפֿער מענטשן־רינג. דאָ זייַנען געווען די מאַלקינס, די איוועראַמאַנס, די לוריעס, די קליינערס, די לייזערוקס און אַנדערע. באַזונדער האָב איך געהאַט נאַכעס, וואָס באַנאַנד מיט מיר שטייען די מעסוקן הויכע ברייטפּלייציקע קאַוועלס, די ברידער לייבוש און פּיַוויש בלומינס. אַזעלכע הויכע, אַזעלכע ברייטע, און געקוקט האָבן זיי אף מיר מיט עפּעס אַ קינדערישן אָפּשיַי. כ׳מיין, מאַכמעס דעם, וואָס איך האָב געגנומען אף זיך זייער פֿאַרבערעכן. דאָס האָבן זיי דאָך די ערשטע אַ שלײַדער געטאָן שווערע שטיינער אפֿן פּוילישן סאָלדאַט. און דערפֿאַר טאַקע האָבן זיי פֿאַרמאַכט די קוזיניע און געוואָלט ראַטעווען זיך — אָוועק קיין אורוגווײַ.

שוין לאַנג, ווי די פֿויערישע וואַגאַנס זײַנען זיך צעפֿאָרן. ס׳איז פֿאַרבליבן נאָר איין ברישקע. אַלטער באַלעגאָלע האָט געוואַרט אפֿן קאַיאַריקן צוג, קעדיי אָפּצופֿירן די פּאַסאַזשירן קיין קאַפּין. האָב איך אָוועקגעזעצט אין דער ברישקע די מומע ריזל, זעליק שלײַענען, איינעם אַן אַלטיטשקן, צווײַ פֿרויען מיט קליינע קינדער, און געהייסן אַלטערן פֿאָרן. די איבעריקע האָבן זיך געלאָזט גיין צופֿוס.

פֿאָרן אָוועקגיין האָב איך געפֿרעגט גרישען:

— וויפֿל ביקסן קאָנסטו אונדז אויסטיילן?

גרישע האָט פֿאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אף מיר.

— וואָס דאַרפֿסטו זיי?

— מיר דאַרפֿן.

— איך קענט דען שיסן?

— איניקע קענען, וועלן זיי אויסלערנען די אַנדערע. וואָס קענען ניט.

גרישע האָט מיט ביטל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אונדזער ציל איז ניט קאַפּין. וואָס פֿאַרוואָ ווערט האָט פֿאַר אונדזער סטראַטעגיע אָט דאָס פֿאַרדריפֿעט שטעטל? ס׳איז פֿאַר אונדז אַ בײַ־זאַך.

הער אַ מייסע! גרישע האַלט שוין באַ סטראַטעגיע!

— איז וואָס דרייסטו מיר דעם קאָפּ מיט עפּעס אַ ראַזוועדקע!

גרישע האָט זיך צעשמייכלט, באַוויזן זײַנע ווײַסע ציין און געהייסן אַרויסגעבן אונדז ביקסן „פֿונעם רעזערוו״.

איז שוין, הייסט עס, גוט. דאָס, וואָס גרישע האַלט אונדז פֿאַר גאָרניט מיט נישט, וועלן מיר נאָך זען. וואָס זײַנען ווערט בלויז לייבוש מיט פּיַווישן! די־אָ קאַפּינער, ניט נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַנטלויפֿן קיין אורוגווײַ, זיי גייען אַצינד מיט געוועהר אין די הענט באַפֿרײַען קאַפּין. זייער לײַבלעך שטעטל, אין וועלכן די אָוועס זייערע האָבן געוווינט הונדערטער יאָרן...

ג

מיר זײַנען געגאַנגען אײַנפֿירן, איך, די בלומינס און כאַימל.

כאַימל גייט מיר נאָך פּוסטריט. איך האָב ניט דערווידערט. עפּשער וועט ער זײַן נוצלעך. ער איז קליין און דאַר, אַ יינגל, וואָס רופֿט ניט אַרויס באַ קיינעם קיין כשאַד.

מיר האָבן געשפּאַנט האַסטיק, קעדיי קומען צו דער בריק ביז עס וועט אָנהייבן טאָגן. שוין אָפּגערעדט פֿון כאַימלען, די בלומינס זײַנען זיכער געווען, אַז איך האָב אַ פּינקטלעכן פּלאַן, אַניט וואָלט איך זיך אַזוי ניט געײַלט. איז זאָלן זיי זײַן זיכער. אַזוי איז בעסער פֿאַר זיי.

און פאר מיר אויך. וואָרעם כ'האָב שוין אליין גענומען גלייבן, אז איך האָב א פעסטן און דײַטלעכן פלאן, וויאזוי צו דורכפירן א שלאכט־אויסשפירונג.

ווען מיר זײַנען ארויף אָף דער בריק, האָט כאיִמל פארגעסן, אז מע דארף דאָ גיין איינער הינטערן אנדערן, און איז שיר ניט אראָפּגעפאלן. כ'האָב באוויזן אָנכאפן אים פאר דער האנט. פײַוויש איז צוגעלאָפן, א כאפ געטאָן אים, און איבערגעטראָגן איבער דער בריק, לײַכט ווי א קינד.

— א בליץ האָט מיך פארבלענדט, — האָט זיך כאיִמל פארענטפערט.

און אָט איז שוין קאָפּין. ווען ניט די כמארעס, וואָס באדעקן א האלבן הימל, וואָלט שוין געדארפט זײַן ליכטיק. אדאנק די וואָלקנס און אדאנק מײַן קורצזיכטיקײַט, זעט דאָס שטעטל אויס אצינד א סאך שענער און א סאך מײַסעדיקער, ווי אינדערעמעסן.

אינעם קאָפּ שוועבן און פלאטערן זיך שורעס פון טרויער און פרייד. „זײַנען מיר ווײַטער געשוווּמען מיט טרויער און פרייד אין די הערצער: טרויער נאָך טויטע, נאָך ליבע, און פרייד, וואָס אליין פונעם טויט זיך געראטעוועט...” ווער זײַנען זיי, די טויטע? די, וואָס האָבן ארויסגעוואנדערט קיין אורוגווײַ. ליבע טויטע? סאָניע, אשטייגער. און ווער זײַנען די?.. מיר. מיר.

די קוזניע פון די בליומינס שטייט ניט ווײַט פון דער בריק. כ'האָב געהייסן ארײַנגיין און געזאָגט די ברידער:

— מאכט אזוי, אז די ביקסן זאָלן ווערן די גרויס, ווי צאלע קארליק.

אין עטלעכע מינוט ארום זײַנען די ביקסן פארוואנדלט געוואָרן אין אבערעזן, הינטער די ברעזענט־מאנטלס, וואָס די בליומינס האָבן אָנגעטאָן, האָט מען זיי ניט געזען. מײַן קעשענע האָט אראָפּגעצויגן א שווערער נאגאן. אלע מאָל טאפ איך אים אָן מיט דער האנט. כ'האָב אים אויסגעבעטן בא וואסערבערגן. ער איז פונדעסטוועגן א ווילער יונג, גרישע. ניט אָפּגע־זאָגט. און ווען ניט ער, וואָלט איך אויך עפשער פארוואנדלט געוואָרן אין א „ליבן טויטן”. איבעריקנס מיין איך, אז כ'וואָלט סײַוויסײַ אראָפּגעשפרונגען אין דער לעצטער ווײַלע פונעם צוג, ווי כאיִמל האָט עס געטאָן.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין דורך הינטערגעסלעך און פּאַשעט דורך גערטנער. ווען עס האָט זיך באוויזן קארפּאָוועצקיס שטוב, א גאנץ באלעבאטישע, אונטער א בלעכענעם דאך, ארומגערינגלט פונפאָרנט מיט א שיינעם סאָד, האָב איך אײַנגערוימט כאיִמלען:

— גיי, קלאפ אָן אין דער טיר. אויב מע וועט דיך ניט ארײַנלאָזן, טאָ זאָג אים אָף פויליש, אז דער פאָלקאָווניק האָט דיך געשיקט צו אים.

לייבוש, א הויכער, ווי אויג־מעלעך־האבאָשן, האָט אריבערגעוואָרפן זײַן לאנגע האנט איבערן פלויט און לײַכט אָפּגערוקט די פרענטע פון דער פירטקע. מיר האָבן זיך שטיל דורכגעגאנוועט אין הויף ארײַן, צוגעדריקט זיך אינדרײַען צו דער וואנט, און כאיִמל האָט אומבאשלאָסן א קלאפ געטאָן אין א פעסטער, מיט אײַזן געקאָוועטער, טיר.

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

בין איך צוגעגאן, א דונער געטאָן מיטן פויסט אין דער טיר און טייקעף צוריקגעוואָרפן זיך צו דער וואנט.

— קטאָ טאם פוקא?[1] — האָט זיך דערהערט פון יענער זײַט טיר א בייזע שטימע.

כאיִמל האָט קוים אויסגערעדט מיט זײַן דין ייִנגלש קעלעכל.

— נעך פאן אָדאָמקנע. יא אָד פולקאָווניקא[2].

מיטאמאָל איז כאיִמל אָפּגעשפרונגען צוריק. לאכנדיק, האָט ער שפעטער דערציילט, אז אים האָבן זייער אָנגעשראָקן א פאָר גוואלדאָוונע רויטע וואָנצעס, וואָס האָבן זיך באוויזן אין דער טיר־לאָך.

ווען קארפּאָוועצקי האָט דערזען כאיִמלס קינדעריש פּנעמל האָט ער זיך, זעט אויס, באַרויקט און, קלינגענדיק מיט די שליסל, גענומען עפענען די טיר. כאיִמל איז ארײַנגעגאן. און גלײַך נאָך אים האָבן מיר זיך ארײַנגעריסן אינדרײַען.

העפלעך האָב איך געזאָגט דעם איבערגעשראָקענעם קארפּאָוועצקי, בא וועלכן די וואָנ־צעס האָבן איצטער אויסגעזען נאָך רויטער אָף דעם בלייך געוואָרענעם געזיכט:

— זײַט אזוי גוט און פירט אונדז אָפּ צום פאָלקאָווניק. מיר דארפן דרינגענד זיך דורכ־שמועסן מיט אים. אָן אײַך וועט מען אונדז צו אים ניט צולאָזן.

קארפּאָוועצקי איז געוואָרן מונטערער. צעבייזערט זיך אפילע.

---

1 ווער קלאָפּט עס?

2 זאָל דער הער עפענען. איך קום פונעם פאָלקאָווניק.

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז דער פּאַלקאָווניק האָט אײַך געשיקט. און ביכלאַל ווער זײַט איר? און וואָס פֿאַרא רעכט...

כ'האָב אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע. ס'הייסט, איך זוך עפּעס אַ דאָקומענט, וואָס דאַרף באַשטעטיקן, אַז איך בין איך. נאָר דאָס, וואָס איך שלעפּ אַרויס פֿון דער קעשענע איז ניט קיין פּאַפּירל. אַ נאַגאַן. קאַרפּאָווצקי ווערט ווידער בלייך, די וואָנצעס ווערן רויטער, לאָזן זיך אַראָפּ, בעיין ברײַרע, טוט ער זיך אָן און פֿירט אונדז אין שטאַב אַרײַן, צום פּאַלקאָווניק.

באַם אַרײַנגאַנג האָט געוואַכט אַ סאָלדאַט.

— ווער גייט? — האָט ער אויסגערופֿן.

האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. איך און כאַזימל — פֿון איין זײַט, די ברידער בליומינס — פֿון דער צווייטער, און צווישן אונדז — קאַזימיר קאַרפּאָווצקי. ער פֿילט אונדזער הייסן אָטעם און דראָענדיק צונויפֿגעפּרעסטע פֿויסטן. זאָגט ער דעם וועכטער, אַז ער פֿירט אונדז צום פּאַלקאָווניק מיקויעדף אַ זייער וויכטיקן און דרינגענדן איניען. קאַרפּאָווצקין האָבן דאָ אַלע געקענט. זײַנע גריסטע רויטע וואָנצעס האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן. פֿונדעסטוועגן דאַרף זײַן אַלץ אַזוי, ווי אינעם סטאַטוט שטייט. האָט דער וועכטער אַרויסגערופֿן דעם שעף פֿונעם קאַראַול און יענער איז באַלד אַוועק צום פּאַלקאָווניק מיט אַ ראַפּאָרט. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט און באַפֿוילן דעם וועכטער דורכלאָזן אונדז.

דער פֿאַרשלאָפֿענער פּאַלקאָווניק האָט אומצופֿרידן געפֿרעגט קאַרפּאָווצקין:

— וואָס פֿאַר אַ דרינגענדן איניען האָט איר צו מיר.

און אונדז האָט ער אײַנצײַטיק געפֿרעגט:

— ווער זײַט איר?

האָב איך איבערגעכאַזערט דעם זעלבן קונץ. איך האָב אַרויסגעכאַפּט פֿון דער קעשענע די אײַזערנע צײַגעניש.

דער דאָזיקער פּאַלקאָווניק איז ניט געווען ענלעך אויף דעם אונטערגעצויגענעם סלאָוויצקין. עפּשער איבער דעם, וואָס ער איז נאָך געווען פֿאַרשלאָפֿן, און אים האָט זיך מיסטאָמע אויסגעוויזן, אַז אים כאָלעמט זיך עפּעס אַ ניט גוטער כאָלעם. זײַן פֿאַרקנייטשט פּנים האָט אויסגעזען אָנגעבראַקניעט, און קימאַט ניט געענדערט דעם טעמפּן אויסזען. ער האָט זיך נאָר אַראָפּגעלאָזט אַפֿן עק בענקל, דער מונדיר האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון איין אַקסל און ס'האָט זיך באַוויזן דאָס העמד.

מיר האָבן איבערגעלאָזט פּאַווישן מיטן פּאַלקאָווניק און קאַרפּאָווצקין און אַליין האָבן מיר האַסטיק איבערגעקוקט אַלע צימערן פֿון דער גרויסער פּריצישער שטוב, אַנטוואָפּנט נאָך עטלעכע פֿאַרשלאָפֿענע אָפֿיצערן און צונויפֿגעטריבן זיי אין איין צימער. אַלץ איז בין אַהער אָפּגעגאַנגען גלאַט, אָן ראַש, אָן טומל. איך האָב אַליין ניט געגלייבט, אַז עס קאָן אַזוינס פֿאָרקומען אַזוי פּאַשעט און פּראָסט, אַז פֿיר מענטשן זאָלן אין משך פֿון צען מינוט פֿאַרכאַפּן אַ גאַנצן שטאַב.

דערנאָך האָבן מיר זיך גענומען פֿאַרן קאַראַול. די גרעסטע מאָראַקע האָבן מיר געהאַט מיט דעם זעלבן וועכטער, וואָס איז געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג און וואָס האָט ניט געוואָלט אונדז דורכלאָזן. דאָס איז געווען, אַפּאָנעם, אַן עכטער סאָלדאַפּאָן, מיט אַ סטאַטוט, מיט אַ דיסציפּלין און מיט אַ ברייטביינערדיק טריב פּאָנעם. ער האָט זיך געוועהרט, אויסגעשאָסן פֿון דער ביקס, האָבן מיר געמוזט אים בינדן. דער איינציקער שאָס האָט דורכגעהילכט אין דער קאַיאָריקער שטילקייט מעסוקן שאַרף, און האָט אונדז פֿאַרשאַפֿט אַסאַך דײַגעס.

4

מײַן פּלאַן איז געווען אַזאַ: ערשטנס, אָפּהייבן אַן אָפּשטאַנד צווישן אונדזערע קאָפּינער און פֿאַרכאַפּן דעם פּוילישן גאַרניזאָן. צווייטנס, שיקן אַ ראַפּאָרט וואָסערבערן, ער זאָל גלײַך אָנגרײַפֿן מיט זײַן אָטריאַד און זיך פֿאַרפֿעסטיקן אין קאָפּין.

דעם ערשטן טייל פֿונעם פּלאַן האָב איך אויסגעפֿילט, כ'האָב געשיקט כאַזימלען צו דרילבערגן און וואָראָניאַקן, געבעטן זיי וואָס גיכער קומען מיט זייערע מענטשן און געבן צו וויסן אויך נעסטערענקאָס פּאַרטיזאַנער.

פֿון דעם צווייטן טייל האָב איך זיך אָפּגעזאָגט. כ'וויס אַליין ניט פֿאַרוואָס. עפּשער דערפֿאַר, וואָס עס האָט ניט געקלעקט קיין זיכערקייט.

דרילבערג און וואָראָניאַק האָבן אין אַ גרויס אײַלעניש געבראַכט צו פירן מיט זיך פּער־ציק מענטשן. שטילערהייט און זייער גיך האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צו די קאַזאַרמעס, אַ מין האַלבער וויאָרסט פונעם פּריצישן הויף. מיר האָבן זיך געײַלט פאַרכאַפּן די קאַזאַרמעס קאָלזמאַן די סאָלדאַטן שלאָפן נאָך.

— שטייט, וואַרט צו אויף אונדז, — האָב איך שטיל געזאָגט, און צוזאַמען מיט דרילבערגן האָבן מיר זיך אונטערגעגאַנגען נעענטער צו דער קאַזאַרמע. מיר האָבן דערהערט אַ ראַש, אַ טומל. סאָלדאַטן האָבן זיך האַסטיק געשטעלט אין די רייען, באַוואָפנטע מיט ביקסן און באַגנעטן. זעט אויס, אַז זיי האָבן זיך אופגעכאַפּט איבערן שאָס פונעם טראַקטיקן ווערכטער.

— וואָס טוט מען?

דרילבערג האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיר מיט זײַן בלוט־פלאַמענדיקער באַק.

— באַפאַלן! זיי האָבן ניט מער, ווי אַ האַלבע מייע סאָלדאַטן און זיי זײַנען פאַרשלאָפן.

וואָראָניאַק איז צוגעלאָפן צו אונדז און שווײַגנדיק אַנגעוויזן אויפן שאַסיי. מיר האָבן דערזען פונדערווײַטנס אַ געדיכטע קאָלאָנע, וואָס ציט זיך פונעם וואַלד צום שאַסיי. ערשט דעמלט האָב איך געזאָגט וואָראָניאַקן:

— מע דאַרף וואָס גיכער געבן צו וויסן וואָסערבערן. דערביוועט ערגעץ אַ פערד און בליצשנעל — קיין בעלענזשאַנע.

וואָראָניאַק האָט שווײַגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז גלײַך נעלעם געוואָרן. און מיר האָבן זיך גלײַך אומגעקערט אין פּריצישן הויף.

די מענטשן האָבן מיר צעשטעלט באַם פּאַרקן, אַרום דעם הויף. צעשטעלנדיק זיי, האָב איך אין געדאַנק זיי איבערגעציילט. אַכט און דרײַסיק. צוויי האָבן שוין, הייסט עס, געמאַכט די פליייטע. אַרנאָלד יעזשעריצקי און בעניע לייזערוק. „צו אלדי רוכעס! וואָס דאַרפן מיר זיי, אָט די וויסטע שטשורעס?..״ כ׳בין דעריקער אופגעבראַכט געוועזן אויף בעניע לייזערוקן. אַ יאַט — אַ גוואַר! ווער דאַרף קעמפן, אויב ניט ער? נעמט ער און טראָגט זיך אָפּ! אַ פאַכדן, אַ ניוזעק!

— עפּשער וואָלט איר געפּרווט דורכשלײַכן זיך אין שטעטל און ברענגען נאָך מענטשן?

דרילבערג האָט זיך געקווענקלט. ניט געוואָלט מיך איבערלאָזן אַליין, נאָר ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן די מאַרשירנדיקע פּוילישע סאָלדאַטן, האָט ער מיך אָפּגיך אַרומגענומען און אַרויס פונעם הויף. איך האָב זיך טאַקע אַ ביסל פאַרלוירן, אַ קלער געטאָן: וואָס וואָלט גרישע וואָסערבער געטאָן אין אַזעלכע אומשטענדן?

— פײַער! — האָב איך אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

דער זאַלפּ פון צוויי צענדליק ביקסן האָט, זעט אויס, ניט שטאַרק איבעראַשט די פּאָ־ליאַקן, כאָטש עטלעכע סאָלדאַטן זײַנען אַנידערגעפאַלן. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אָפּגע־שטעלט. פונפאַרנט איז געשטאַנען רויק און דרייסט אַ הויכער יונגער אָפיצער. עפּשער דער זעלבער, וואָס איז געקומען נאָך מײַן נעשאַמע און וועלכער איז אַזוי געפּעלן געוואָרן סאָניען. באַלד האָבן מיר דערזען, ווי עס דערנעענטערט זיך צו אונדז אַ זעלנער מיט אַ ווײַס פענדל אין דער האַנט. ער האָט אונדז איבערגעגעבן דעם אָפיצערס אולטימאַטום: אָפּגעבן דאָס געווער און גיין אהיים. קיינער וועט ניט באַשטראָפט ווערן. און אויב מיר וועלן ניט אָננעמען דעם אולטימאַטום, וועלן זיי אין אַ האַלבע שאָ אַרום אונטערנעמען אַן אַטאַקע. דער, וואָס וועט ניט דערהאַרגעט ווערן אין שלאַכט, וועט געקעפּט ווערן.

כ׳האָב אים גאָרנישט ניט געענטפערט. ניט יאָ, ניט ניין. אַ האַלבע שאָ איז זייער ווייניק צײַט. אַ האַלבע שאָ איז זייער אַ סאַך צײַט. מאַלע וואָס עס קאָן געשען פאַר אַ האַלבער שאָ. עפּשער וואָסערבער. עפּשער דרילבערג. עפּשער נעסטערענקאָ... וועגן אָפּגעבן דאָס געווער האָט ניט געקאָנט גיין קיין רייד. מע דאַרף אָבער אַ פּרווו טאָן אויסשפּילן אַ ביסל צײַט. די בידנע דרײַסיק מינוט זײַנען גיך דורכגעפלויגן. און איך האָב נאָך אַלץ געקלערט... איך האָב געהייסן אַרויספירן דעם פּאָלקאָווניק און די איבעריקע געפאַנגענע אָפיצערן און פאַנאַנדערשטעלן זיי אַזוי, אַז די פּאָליאַקן זאָלן זיי זען. דעמלט וועלן זיי די ערשטע ניט אָנהייבן צו שיסן.

דערנאָך האָב איך צוגערופן פערעץ דעם שוואַרצן, דערלאַנגט אים מײַן נאָזטיכל אָנשטאָט אַ פענדל און געהייסן אים גיין איבערגעבן די פּאָליאַקן, אַז אויב זיי וועלן פּרווון זיך דער־נעענטערן צו אונדז כאָטש אויף איין טריט, וועלן מיר גלײַך דערשיסן די געפאַנגענע אָפיצערן.

פערעץ האָט זיך גיך אומגעקערט. ער איז געווען זייער בלייך. זײַנע הענט האָבן געציט־טערט, דאָס טיכעלע האָט זיך אַרויסגעגליטשעט און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

— נו?

— שלעכט. זיי זײַנען מאָלע רעציכע.

אָבער פונעם אָרט האָבן די פּאַליאַקן זיך פּאָרט ניט געריִרט. אינגיכן האָט זיך אָפּגעטײלט פון זײ ניט קײן גרויסע גרופּע זעלנער, וואָס האָט אײַליק זיך געלאָזט מאַרשירן צום שטעטל.

אין א מינוט צוואַנציק האָבן זײ זיך אומגעקערט. כ׳האָב געקוקט און ניט געגלייבט מײַנע אויגן. די סאָלדאַטן האָבן צוגעטריבן אַהער א גרויסע גרופּע אײַנוווינער, וואָס איז באַשטאַנען פון פרויען, קינדער און זקנים. און טאַקע באַלד האָבן די פּאַליאַקן איבערגע־געבן דורך זייער שאַליעך, אַז די אַלע אײַנוווינער זײַנען פאַרהאַלטן אַלס אַרעוואַנטקעס. זײ וועלן אַלע פאַרניכטעט ווערן, אויב עס וועט אַראָפּפאַלן כאָטש איין האָר פונעם פּאַלקאָווניקס קאָפּ, צי פון אַן אַנדער אָפיצער.

איז ווידעראַמאָל — וואָס טוט מען?

כ׳האָב געקוקט אַף די דערשראָקענע אַרעוואַנטקעס. עס האָט זיך מיר אַפילע געדוכט, אַז כ׳דערקען עמעצן פון זײ. עמעס, איך האָב זיך ניט געקאָנט שטאַרק פאַרלאָזן אַף מײַן ריזע, נאָר אָט אָ־די וווסיקע פרוי מיט די רויטע האָר איז דאָך אַוואַדע יענטע, אַלטער דעם באַ־לעגאָלעס פרוי. ניט ווײַט פון איר — א זאַקן מיט א ברייטער ווײַסער באָרד. ס׳איז אַפּאַנעם מייער יִצכאָקס — גרישעס זיידע. די פרוי אינעם ווײַסן קליידל מיט א גרויסער ברוסט — איז גיסיע...

כ׳האָב באַפוילן אָפּפירן צוריק דעם פּאַלקאָווניק מיט די אָפיצערן. דעמלט האָבן די פּאַ־ליאַקן אָפּגעלאָזט די אַרעוואַנטקעס. און גלײַך נאָך דעם האָבן זײ זיך געלאָזט אין אַטאַקע.

פּאַטראָנעס האָבן מיר געהאַט ווייניק. דעריבער האָב איך די קאָמאַנדע „פײַער!" אָפּגע־געבן, ווען די פּאַליאַקן זײַנען שוין געווען זייער נאָענט. זײ האָבן באַשאָטן אונדז מיט קוילן. כ׳האָב געזען, ווי אַרקאַשע יעזערצקי איז אַנידערגעפאַלן, זײַן היטל איז אַראָפּגעפלויגן פונעם קאָפּ און אַוועקגעקײַקלט זיך איבערן שטויב. עס זײַנען אויך געפאַלן ליאָניע איווערמאַן און נאַפטאַלע לוריע. באַ די פּאַליאַקן זײַנען אויך געפאַלן עטלעכע סאָלדאַטן. זײ זײַנען אָבער געווען פיל מאָל מער פון אונדז, און דאָס זײַנען געווען עכטע סאָלדאַטן. כ׳האָב געשאָסן און געשאָסן, און געכידעשט זיך, ווען א סאָלדאַט האָט פּלוצעם געמאַכט אַן אומגעלומפּערטע טנוע מיט די הענט און א פאַל געטאָן.

— אַלע צו מיר! — האָב איך אויסגערופן.

א גרופּע פון צוועלף מענטשן האָט, שיסנדיק, אַנגעהויבן אָפּטרעטן. כ׳האָב געהאָפט, אַז מיר וועלן נאָך באַוויַזן פאַרבאַריקאַדירן זיך אין דער שטוב. פּלוצעם האָב איך דערפילט א שטאַרקן קלאַפּ. עמעצער האָט זיך אָנגעוואַלגערט אַף מיר...

5

ווען נאָכעם האָט אופגעעפנט די אויגן, האָט ער זיך געטראָפן מיט נעסטערענקאָס בליק. פלאַטאָן יאַקאָוולעוויטש איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער אים. שמייכלענדיק, האָט ער גע־זאָגט אַף א ריין קאַפּינער יידיש:

— דו ביסט א יאַט מיט בײנער! דוס אַנדערע מול שטעלסטע אַן דוס לייבן...

נאָכעם פינטלט מיט די אויגן, פאַרמאַכט און עפנט זײ ווידער, באַמיט זיך דערמאָנען עפּעס. דערנאָך פּרוּווט ער אופהייבן דעם קאָפּ, אַרומקוקן זיך, ווו ער איז. דער קאָפּ איז אָבער מעסוקן שווער און פאַלט אַנידער צוריק אַף דער קישן. נעסטערענקאָ שמייכלט נאָך אַלץ. מיט דער רעכטער האַנט נעמט ער אַרויס פון דער לינקער קעשענע א שפּיגעלע (זײַן לינקע האַנט איז פאַרבאַנדאַזשירט) און טראָגט דאָס אונטער צום נאָכעמס אויגן. נאָכעם דער־זעט אין שפּיגעלע א פאַרבינטעוועטן קאָפּ, א גרויסן, א קאָמישן, ווי אין א ווײַסן טיורבאַן.

— דו ביסט טאַקע א באָכער — א ברען! — לויבט אים נעסטערענקאָ און קוקט אַף אים מיט וואַרעמע אויגן.

אַלע מאָל עפנט זיך די טיר, און נאָכעם דערזעט א נײַ טײַער פּאָנעם. וואָראָניאַק... דריל־בערג. לייבוש בלימין. (און פּײַוויש?.. פּײַוויש איז אומגעקומען). עליע פישער. (און עזרע?.. עזרע איז אומגעקומען.) און אָט איז זיסקע וואָל, וואָס האָט זיך טאַקע דערוואָרט און אַנטייל־גענומען אין פאַרטרײַבן די פּאַליאַקן.

נאָכעם קוקט זיך ווידער אַרום. דער צימער איז א פרעמדער. זעט אויס, אַז ער געפינט זיך נאָך אַלץ אין דער שטוב פון דער אַלטער פריצע.

מיטאַמאָל דערהערט ער זיך א טופּערײַ פון מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן. נאָכעם האָט זיך א כאַפּ געטאָן און אַראָפּגעלאָזט די פיס פונעם בעטל. נעסטערענקאָ האָט אים פאַרהאַלטן.

— וואָס טוסטו? דו דאַרפסט ליגן, פּאַניאַטנאַ? נאָכעם טוט זיך אָפּגיך אָן.

— סײַווי ווײַל איך ניט קענען אײַנליגן... מיסטאָמע איז דאָס גרישע וואַסערבערס אַטריאַד. צווישן די פּאַרשטויבטע רויטאַרמייער, וועלכע האָבן פּאַרפּולט דעם הויף, האָט ער דערזען גרישען. נאָכעם איז צוגעלאָפן צו אים און, צוליגנדיק די האַנט צום פּאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, אָפּגעראַפּאָרטירט אַזוי, ווי לויט זײַן פּאַרשטעלונג, דאַרפן ראַפּאָרטירן עכטע מיליטער־לײַט — קורץ און שאַרף:

— קאָפּין איז באַפרײַט פון די פּאַליאַקן!

וואַסערבערגן איז אָפּגענעם דער דאָזיקער ראַפּאָרט געפעלן געוואָרן. נאָך מער איז אים געפעלן דער ווײַסער קאָפּ פון דעם מאַלעכל. ער האָט אים אָבער אַ זאָג געטאָן קאַלט און האַרב:

— צו אַ פּוסטן קאָפּ לייגט מען ניט צו קיין האַנט.

און צוגעגעבן מיט דעם זעלבן נוסעך:

— באַפרײַט! און ווײַטער וואָס? איר האָט געדאַרפט פּאַרפּאַלגן דעם סוינע, אים צעגראָמירן. אַף אַזאַ פּעטשאַטעק האָט נאָכעם זיך ניט גערעכט.

ער האָט איצט שוין כאַראַטע געהאַט, וואָס ער האָט געשיקט צו וואַסערבערגן וואָראָניאַקן. דאָס, וואָס מע האָט געקאָנט אופּטאָן, האָט מען געטאָן אָן אים, אָן זײַן הילף.

— מיר האָבן פּאַרכאַפּט דעם פּאַלקאָווניק און אַכט אָפיצערן, — האָט שטיל צוגעגעבן נאָכעם.

— אָט פּאַר דעם — אַ גרויסן דאַנק אײַך! — האָט וואַסערבער אַ דריק געטאָן נאָכעמס האַנט און אַ שמייכל געטאָן.

איבער אָט דעם שמייכל איז דער האַרבער קאָמאַנדיר וואַסערבער ווידער פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם אַלט־באַקאַנטן גרישע, אין אַ פעסטן באַכערעץ מיט גרויסע שוואַרצע באַלעכעס, אין דעם העלד פון זײַן קינדהייט, וואָס האָט אַליין שטענדיק געפּלאַקערט און געמאַכט פּלאַקערן אַנדערע, די, וואָס זײַנען געשטאַנען באַנאַנד מיט אים. און דאָס, וואָס ער איז געוועזן צופיל אײַנגעגלייבט אין זיך, האָט זיך עס גענומען דערפון, וואָס ער האָט געהאַט צופיל קויעך און געגלייבט, אַז אַלץ קאָן מען אופּטאָן.

נאָכעם האָט אים אָבער גאָרניט געזאָגט. ער האָט נאָר קאַלט געפרעגט:

— כ׳מעג גיין?

— גייט! — האָט אים אויך קאַלט געענטפערט גרישע וואַסערבער.

ווידער דרייט זיך און מישט זיך בײַ מיר אין קאָפּ. אויסטראַכטענישן, טרוימען און וואָר־הייט. געגאַרטע כאַלוימעס און דאָס פּיסגע וואָכעדיקע לעבן.

דאָס מאָל איז נאָך ערגער. איר קענט מיך האַלטן פּאַר עפּעס אַ פּוסטן באַרימער. פּאַר־כאַפּט אַ גאַנצן שטאַב, געראַנגלט זיך מיט אַ גאַנצער ראָטע פּוילישע סאָלדאַטן, וואָדען! איז הערט מיך אויס, טײַערע, — איך דאַרף ניט, אַז איר זאָלט מיר גלייבן. איך דאַרף, אַז אונדזערע קינדער און קינדסקינדער, פּופּציק קומענדיקע דורעס זאָלן מיר גלייבן. דעמלט, אין אַ סאַך יאָרן אַרום, ווען עס ווערן אַ שיינע מײַסע, אַ לעגענדע, פון וועלכער מע וועט שעפּן נאָכעס און אַפילע געוואַגטקייט אויך. פּאַרשטייט זיך, אַז אָן דעם דרייסטן גרישע וואַסערבערגן וואָלטן מיר פּאַרפּאַלן געוואָרן. ער איז געוועזן דער אונטערזאַגער, דער אָנפירער פון די־אָ אַלע אופּטוען. ער האָט געגעבן געוווער און מוט. און מיר, און מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזערע נעשאָמעס. דערפּאַר גלייבן מיר הייליק, אַז טאַקע מיר האָבן באַפרײַט אונדזער קאָפּין מיט אונדזערע אייגענע הענט.

6

צו דער באָבען! וואָס גיכער צו מײַן באָבעניו!

ווען איך בין אוועקגעפאָרן, איז זי דאָך געווען זייער קראַנק. ווער ווייסט, וואָס ס׳האָט געטראָפן פּאַר דער צײַט. זי האָט נאָך געקאָנט, כאַלילע, שטאַרבן. און איך וועל אַפילע ניט קענען דערפרייען זי מיט אַ גוטער בסורע, אַז אונדזערע זײַנען געקומען.

די ערשטע מאַכשאָווע מײַנע איז געווען טאַקע וועגן דעם. „איך האָב אַ באָבע. ווען איך בין אוועקגעפאָרן, האָט זי געהאַלטן באַם שטאַרבן. דער דאָקטער טויבעס אַליין האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון איר. איז אָט זאָג איך אײַך, כ׳בין גרייט זיך וועטן מיט וועמען איר ווילט און אַף וואָס איר ווילט: אויב כ׳וועל זיך אַרײַנכאַפּן אַצינד צו דער באָבען און כ׳וועל איר זאָגן: „באָבעניו, אונדזערע זײַנען געקומען!״ — וועט זי גלײַך געזונט ווערן״.

מאכמעס דעם טאקע האָב איך זיך אזוי געײַלט צו דער באָבען. כ'האָב געוואָלט זי ראַ־טעווען. כ'האָב געוואָלט אויסשפּילן דעם געוועט, אין וועלכן איך בין מיט קיינעם ניט געגאַנגען. כוץ עפּשער מיט זיך אליין.

— ווען איך בין אַרײַנגעלאָפן, האָט מיך די שטוב באַגעגנט מיט א שטילשווײַגעניש, מיט עפּעס א פּוסטקײַט. גלײַך ווי ניט דער פּעטער אײַזיק מיטן געזינד, נאָר דאָס לעבן אליין איז ערגעץ אוועק פונדאַנען.

איך בין אַרײַנגעגאַן אין צימער, ווו מיר האָבן ביידע געלעבט — די באָבע און איך. דאָרטן איז געווען די זעלבע שטילקײַט און פּאַרוויסטקײַט, ווי אין די אַנדערע צימערן. אויפן בעט איז אומבאַוועגלעך געלעגן די באָבע. אירע אויגן זײַנען געווען פאַרמאַכט.

איך האָב צעפּראַלט דאָס פענצטער, אז די פרישע לופט זאָל אַרײַן. אז די וויליונגערישע לידער פון די רויטאַרמייער זאָלן זיך אַרײַנרײַסן אהער און אָנפילן דעם צימער. און ערשט דעמלט האָב איך אויסגערופן:

— באָבעניו! אונדזערע זײַנען געקומען!

די באָבע האָט אופגעעפנט דאָס אויג.

ווען דאָס אויג איז געווען פאַרמאַכט און זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך, האָב איך זיך מעסוקן איבערגעשראָקן. ווײ־ווײ! אָן עקן געשטאָרבן מײַן באָבעניו, דערפאַר האָב איך אזוי פאַרײַעשט אויסגעשריגן: „באָבעניו! אונדזערע זײַנען געקומען!".

כ'האָב זי געוואָלט אופוועקן פונעם טויט.

נאָר וויבאַלד זי האָט אופגעעפנט איר אויג, האָט א כוואַליע פון זוניקער פריידע פאַר־פלייצט מײַן האַרץ. באָבעניו, דו לעבסט? דו לעבסט? נו רעד זשע אַרויס כאָטש איין וואָרט...

— נאָכעמקעס... האָסט זיך אומגעקערט?

— יאָ, באָבעניו.

— כ'האָב געוווּסט. כ'האָב געוווּסט, אז דו וועסט זיך... אומקערן... קום אהער צו מיר, זעץ זיך אַנידער אויפן בעט...

די באָבע האָט א צי געטאָן מיט דער נאָז.

— עס שמעקט פון דיר מיט פּולווער...

מיט פּולווער! ס'איז דער בעסטער שוואָך, וואָס מײַן באָבע האָט געקאָנט צוטראַכטן. מיטאַמאָל האָט זי זיך דערשראָקן אונטערגעהויבן און אָנגעשפּאַרט זיך אויפן עלנבויגן.

— וואָס איז עפּעס... מיט דײַן קאָפּ?

— גאָרניט, באָבעניו. באַרויק זיך. א קלייניקײַט. א דראַפּ.

— נאָכעמקעס...

כ'האָב געזען, כ'האָב געפילט, אז די באָבע וויל מיר עפּעס זאָגן, עפּעס וויכטיקס, שטאַרק וויכטיקס. זי האָט אָבער נעבעך ניט קיין קויעך. די פריידע, וואָס זי האָט מיך ווידער דערזען, מיך, וואָס זי האָט שוין געהאַט אויסגעמעקט פון איר לעבן צוזאַמען מיט דער גרויסער פאַמי־ליע־פאָטאָגראַפיע, האָט אָפּגענומען בײַ איר די לעצטע קויכעס. זי איז געלעגן, ווי א פאַרכאַ־לעשטע, און נאָר איינצלנע ווערטער האָבן אָפּגעהאַקט געקאַפּעט פון אירע פאַרגרויטע, פאַר־קנייטשטע, פאַרבאַקענע ליפּן. האָב איך זי געמוזט פאַרשטיין אזוי, אָן ווערטער.

— נאָכעמקעס... וואָס איז מיט דײַן קאָפּ?..

— כ'האָב דיר שוין געזאָגט, באָבעניו. א קלייניקײַט.

— ס'איז עמעס?

האָב איך זי פאַרזיכערט אזוי, ווי קינדווײַז.

— כ'זאָל אזוי לעבן.

דאָס וועט איר געפעלן, כ'בין זיכער.

— קינד מײַנס... כ'האָב פאַר דיר עפּעס גוטס.

— וואָס, באָבעניו?

זי האָט אַפּאָנעם פאַרגעסן, וואָס זי האָט געזאָגט, און געפרעגט:

— נו, וויאַזוי... זײַ זײַנען אוועקגעפאָרן? בעשאָלעם?

דאָס וויכטיקסטע האָב איך שוין דערציילט דער באָבען. אַציגד ווייס איך ניט, וויאַזוי איך זאָל איר דערציילן וועגן מוישעלען?

איך בין זיך אָבער מעיאשעוו געווען — צוליב וואָס דאַרף איך איר דערציילן וועגן דעם? פאַרוואָס זאָל איך איר פאַרסאַמען די לעצטע שאָען פונעם לעבן?

— יאָ. בעשאָלעם. עמעס, דער צוג האָט א ביסל פאַרשפּעטיקט. נאָר עס מאַכט ניט אויס. אלע זײַנען אוועקגעפאָרן.

— דער פּעטער... האָט זיך געזעגנט מיט דיר?

— וואָדען! מיר האָבן זיך איבערגעבעטן. מיר האָבן זיך געזעגנט ווי עס דאַרף צו זײַן, אַרומגענומען זיך און צעקושט.

— קינד מײַנס... כ'האָב פאַר דיר עפּעס פּריידיקס...

— האָסט מיר שוין געזאָגט, באָבעניו. אָבער וואָס?

— האָסט זיך, הייסט עס, איבערגעבעטן מיטן פעטער?

— פאַרשטייט זיך. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט.

— זיי וועלן נישט קריוודען... מוישעלען. ווי מיינסטו?

ביזוואַנען כ'טראַכט צו אַן ענטפער, פאַרמאַכט די באָבע אירע אויגן. הייב איך אָן שרײַען מיט אַלע קויכעס:

— באַ־בע! שטאַרב ניט!

זי איז געקומען צו־זיך.

— וואָס... האָסטו... געזאָגט?

— כ'האָב געזאָגט... כ'האָב געזאָגט — לעבן! לעב! לעב, באָבעניו! אַצינד ווערסטו שוין ענדלעך גליקלעך זײַן. כ'וועל דיך פאָלגן. כ'וועל טאָן אַלץ, וואָס ווערסט זאָגן. כ'וועל דיר טראָגן אַ סאַך וואַסער פון דער קרענעצע. כ'וועל...

— וויין ניט, נאַכעמקע. מ'דאַרף ניט. כ'וויס, אַז ביסט אַ גוט קינד. גיב אַ רוף... עפּלבוים... כ'וויל זיך געזעגענען...

די באָבע האָט עפּעס נאָך געשטאַמלט.

— ווי מיינסטו... זיי וועלן ניט קריוודען מוישעלען... אַ טײַער קינד געווען. אַ קלוגס... כ'האָב נאָך דעמלט געהאַט... געהאַטביידע אויגן, זאָגט ער מיר מוישעלע... דו האָסט, מאַמעניו, כיטרע אויגן. דו — עלטערסט זיך, און זיי...

„און זיי — ניט". כ'האָב פאַרענדיקט דאָס, וואָס די באָבע האָט ניט דערזאָגט.

ווידעראַמאָל קריכט אין קאָפּ אַרײַן — „דו עלטערסט זיך, און זיי — ניט..." עפּעס ווי באַ־קאַנטס. פונוואַנען אָבער? פונוואַנען וויס איך דאָס? פונוואַנען געדענק איך דאָס? נו, באָבעניו, זאָג זשע מיר אונטער — פונוואַנען, האַ?.. ס'איז, ווי איך וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפער גרוב און בעט די באָבע, זי זאָל מיר אויסשטרעקן אַ האַנט און העלפן מיר אַרויסקאַראַבקען זיך... וואָס קלערסטו, מאַלעכל? זי האָט דען קויעך, די באָבע, וויאַזוי קאָן זי דיך אַרויסשלעפן פונעם טהאָם, וויאַזוי?

די באָבע אָבער האָט מיך, ווײַזט אויס, פאַרשטאַנען. כאָטש כ'האָב איר קיין וואָרט ניט געזאָגט.

— כ'האָב פאַרגעדענקט. ס'איז געווען פונקט דעמלט... דעמלט, ווען וועריעטע...

מיטאַמאָל איז אַלץ קלאָר געוואָרן. איר פאַרשטייט, איין וואָרט, איין־און־איינציק וואָרט, און איך האָב דערזען אַלץ אַזוי דײַטלעך, גלײַך ווי עס וואָלט געשען נעכטן. און געטראָפן האָט עס מיט דרײַצן יאָר צוריק. דרײַצן יאָר איז דאָס געלעגן אין זיקאָרן, אַ פאַרוואָלגערטס, אַ פאַרוואָרפנס. און פּלוצעם האָב איך דערזען דאָס, וואָס איך האָב פײַנלעך געגאַרט דערמאָנען זיך יאָרן און יאָרן...

...כ'בין געלעגן אין וויגל. מײַן מאַמע, מײַן שיינע מאַמע האָט מיך געוויגט, און אַלץ שטי־לער און שטילער געזונגען אַ וויגליד. איך האָב געזשמורעט די אויגן און געמאַכט זיך שלאָפנ־דיק. איך שלאָף, מאַמע, און לאָז מיך צורו.

האָט זיך די מאַמע דערוויטערט פונעם וויגל אַף די שפּיץ פינגער, און איך האָב גלײַך אופגעעפנט די אויגן, ברייט צעעפנט זיי, וואָרעם כ'האָב מעסוקן געוואָלט מאַכן פאַרן שלאָף אַן אַנטדעקונג. ס'איז נאָך געווען פרי. קיינער, כוץ מיר, האָט זיך נאָך ניט געלייגט שלאָפן. אַפילע דער קליינער מוישעלע. פאַרוואָס זשע קומט עס מיר?

מוישעלע איז דעמלט געזעסן אַף די קני בײַ דער באָבען, ס'הייסט, בײַ זײַן מאַמען. טראַכט איך זיך: אײַ־אײַ־אײַ, שעמסט זיך ניט? אַזאַ גרויסער באָכער, שוין נײַן יאָר אַלט, און קריכט נאָך צו זײַן מאַמען אַף די קני...

מוישעלע, ווידער, קוקט זײַן מאַמען גלײַך אין די אויגן און זאָגט:

— דו האָסט, מאַמעניו, כיטרע אויגן. — דו — עלטערסט זיך, און זיי — ניט.

די באָבע האָט זייער ליב מוישעלען. עפּשער אַפילע מערער, ווי מײַן מוטער האָט מיך ליב. פאַר זײַן סייכל, זאָגט זי, האָט זי אים ליב, פאַר זײַן צוגעלאָזנקײַט און דערפאַר, וואָס ער איז דער מיזיניק. אַזוי פלעגט די באָבע אַליין זאָגן, כ'געדענק דאָס דײַטלעך.

זי האָט צוגעדריקט מוישעלען צו דער ברוסט, אַ טשמאָקע געטאָן אים אין בעקל, אַראָפּ־געלאָזט אים פון די קני, און געזאָגט אים:

— נו גיי שוין, מוישעלע, שלאָפן.

הייבט ער זיך אָן פּעסטען.

— כ׳וועל נאָך א ביסל זיצן מיט דיר.

ענטפערט אים מײַן באָבע, ס׳הייסט, זײַן מאַמע:

— נו, גוט. זיץ נאָך א ביסל. (אָט זעט איר? און מײַן מאַמע האָט מיר דאָס ניט דערלויבט. פאַרוואָס?..) זאָלסט אָבער זיצן שטילערהייט, וואָרעם נאָכעמקע איז שוין אנשלאָפן געוואָרן.

און איך, ווידער, הייב אפילע ניט אָן צו שלאָפן. מײַנע אויגן זײַנען אָפן. איז וויאַזוי קאָן מען אנשלאָפן ווערן מיט אָפענע אויגן?

דערנאָך אָבער בין איך, ווײַזט אויס, טאַקע אנשלאָפן געוואָרן. כ׳האָב אוועקגעשטעלט באַנאַנד מײַן מאַמען און מײַן באָבען, און, פאַרגלײַכנדיק זיי, האָב איך זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווער פון זיי איז בעסער, די באָבע צי די מאַמע? אזוי לאַנג געקלערט, ביז איך בין אנדרעמלט געוואָרן, און שוין אין שלאָף, ס׳הייסט, אין כאַלעם, האָב איך א טראַכט געטאָן, אז כ׳וואָלט געדאַרפט אוועקשטעלן צוזאַמען מיט זיי אויך דעם טאַטן מײַנעם. דערנאָך האָב איך זיך מעיאַשעו געווען. כ׳זע דעם טאַטן אזוי זעלטן, אז כ׳געדענק אפילע ניט פּינקטלעך, וויאַזוי ער זעט אויס. אמאָל מיט א בערדל, און אמאָל אָן א בערדל. אייערנעכטן האָט ער זיך פּלוצעם געיאַוועט מיט א באָרד. געקומען צו פאָרן פון עפּעס א גרויסער שטאָט. כ׳האָב געהערט, ווי די באָבע האָט געבורטשעט: „ווי נאָר עס ווערט שלעכט, קומט ער, דער טאַכשיט מײַנער, אהיים. אזוי קאָן מען זיך אָפּ אים ניט דערוואַרטן...״ און דעם זעלבן טאָג, אפּדערנאַכט, איז ער שוין געווען אָן א באָרד. כ׳ווייס ניט, ווו ער האָט זי אהינגעטאָן. האָב איך אים געוואָלט פרעגן...

און פּלוצעם האָט מיך אופגעוועקט א טומל, א געשריי. כ׳האָב אופגעעפנט די אויגן און דערזען עפּעס אזוינס, וואָס פון גרויס שרעק האָב איך זיי פאַרמאַכט און דערנאָך ווידער געעפנט, ווײַל איך האָב דערהערט דער באָבעס וויי־געשרייען.

— הער ווערעטע! כ׳בעט בא אײַך, דערבאַרעמט זיך אָפּ אים...

דער צימער איז געווען פול מיט מענטשן. האַרט בא דער וואַנט איז געשטאַנען מײַן טאַטע. ער איז געווען, נעבעך, אזוי בלייך, אז ס׳איז מיר געווען א ראַכמאָנעס צו קוקן אָפּ אים. אנטקעגן אים איז געשטאַנען א מענטש אזוי זיך, א נישקאָשעדיקער, מיט א גלאַט, צופרידן פּאָנעם, ער האָט אפילע צוגעשמייכלט, אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן א רעוואָלוווער (איך האָב אויך א רעוואָלוווער, נאָר ס׳איז ניט קיין עמעסער, ס׳איז א שפּילעכל אזא). צווישן דעם דאָזיקן מענטשן און דעם טאַטן איז געשטאַנען אָפּ די קני די באָבע, און אזוי געוויינט, אזוי געיאָמערט און געבעטן, אז בא מיר אליין זײַנען די אויגן געוואָרן פול מיט טרערן, דערפאַר האָב איך אלץ געזען, ווי דורך א נעפּל. אָבער געהערט האָב איך גוט, ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל.

— הער ווערעטע! כ׳בעט אײַך ווי א מוטער. האַרגעט אים ניט. דערבאַרעמט זיך אָפּ אים...

כ׳ווייס ניט, פאַרוואָס איז דער הער ווערעטע געווען אזוי פריילעך. די באָבע ׳וויינט, באַגיסט זיך מיט טרערן, און ער קוועלט. ווײַזט אויס, אז ער איז שיקער. כ׳ווייס שוין, וואָס איז אזוינס שיקער. ס׳איז ווי אלטער דער באַלעגאָלע. געבראַכט דעם טאַטן פון דער סטאַנציע און פרעגט: „איר האָט עפּשער א ביסל מאַשקע?״ ענטפערט די באָבע: „מאַשקע? מאַכעטײסע. א פּײַנע קאַלטע מאַשקע. נאַרוואָס פון דער קרענעצע געבראַכט״. אלטער קוועלט, דראָעט איר מיט דער בײַטש, ווי די באָבע מיר — מיטן פינגער, ווען כ׳הייב אָן קונדייסעווען. ער זאָגט איר: „איר זײַט, צי איר מאַכט זיך? וואָסער האָב איך אָן אײַך. כ׳מיין אָן עמעסע מאַשקע״. זאָגט אים די באָבע: „וואָס דאַרפט איר מאַשקע וואָס? איר זײַט שוין אזוי אויך שיקער, ווי לאָט...״

איבער דעם, וואָס איך טראַכט וועגן אלטער דעם באַלעגאָלע, לאָז איך דורך, וואָס וועדעטע טײַנעט צו דער באָבען. עפּעס רעדט ער וועגן פאַרשאָלטענע בונטאָווּשטשיקעס, זשידעס, און וועגן דעם קייסער דעם פאָטער. ער לאַכט שוין ניט אצינד. זײַן פּאָנעם איז אָנגעגאָסן מיט בלוט און רעציכע. און די באָבע שטייט נאָך אלץ אָפּ די קני. דער טאַטע זאָגט איר: „הייב זיך אוף, מאַמע! וואָס דערנידעריקסטו זיך? און פאַר וועמען?..״ די באָבע, ווידער, בוקט זיך נאָך נידעריקער, און וויינט, און קלאָגט: „קינד מײַנס... ביסט דאָך בא מיר, ווי דער שוואַרצאַפּל...״

צעלאַכט זיך ווערעטע און הייבט זיך אָן נאָכקרימען דער באָבען:

— ווי א שוואַרצאַפּל!.. ווי א שוואַרצאַפּל!.. וואָס האָסטו זיך צעיאָמערט, אלטע זשידאָווקע? אָ־דאָס קענט איר. בונטעווען, קלאָגן און כיטרעווען...

פּלוצעם ווערט ער אנשוויגן. און נאָכדעם גיט ער צו:

— גוט. אויב אזוי, איז דערווײַז!

פון שרעק איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. און דער געהער האָט זיך צעטיילט. איין אויער הערט ווערעטען, און דער צווייטער א באָבעמײַסע. די באָבע פלעגט מיר דערציילן די דאָזיקע מײַסע זייער זעלטן. נאָר דעמלט, ווען זי האָט מיך געוואָלט אָנשרעקן, קעדיי כ׳זאָל אופהערן איבערקרערן די שטוב. איין אויער הערט: „...גיב מיר דײַן אויג, וועל איך דיר אָפּגעבן

דײַן ייִנגעלע...״ און דער צווייטער: „אויב אַזוי, איז דערוואַרט!״ דער ערשטער הערט. „האָט זי אָנגעבויגן צו אים איר פּאָנעם, און ער האָט מיט צוויי קרומע פינגער אַרויסגעריסן בײַ איר דאָס לינקע אויג...״

און פּלוצעם דערזע איך אין דער באָבעס ציטעריקער האַנט אַ נאָדל. פּאַמעלעך צילט זי זיך מיט דער נאָדל גלײַך אין אויג אַרײַן...

כ׳האָב פאַרמאַכט די אויגן. כ׳האָב ניט געקענט קוקן. כ׳האָב זיי ווידער געעפנט, ווען כ׳האָב דערהערט מוישעלעס הארצרײַסנדיקע אויסגעשרייען. צונויפדרייקנדיק די פויסטלעך, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אַף ווערעטען. דער קוילער האָט אים אַ טשמעל געטאָן מיטן רעוואָלווער איבערן קאָפּ מיט אַזאַ קויעך, אַז מוישעלע איז אַ פּאַרכאַלעשטער אַנידערגעפאַלן אַף דער ערד...

7

איך זיך באַם בעט פון דער גויסעסדיקער באָבע און האַלט אַ שווײַגנדיקן שמועס מיט שווײַגנדיקע שאָטנס.

„ווי־אַזוי זשע, טאַטע, האָסטו דערלאָזט...״

„ס׳איז געשען אויגנבליקלעך. כ׳האָב פּאַשעט ניט באַוויזן...״

טו איך זיך אַ קער צו דער מוטערס שאָטן.

„ווי־אַזוי זשע, מאַמע, דו, דו האָסט זיך געדאַרפט שטעלן צווישן דעם טאַטן און ווערעטען, און ניט די באָבע...״

„כ׳בין געווען שיין. די באָבע האָט מיך אָוועקגעטריבן אין אַ ווינקל. זי האָט מוירע גע־האַט, מע זאָל מיך ניט שענדן...״

מיט מוישעלעס שאָטן איז שווער זיך אויסטײַנען. אָן אָנזיניקער שמייכל — דאָס איז זײַן ענטפער אַף אַלע מײַנע פראַגעס. אַפילע דער שאָטן זײַנער שמייכלט אויך. מיט אַ שוואַרצן שמייכל.

פונדעסטוועגן פרעג איך אים:

„נו, און דו, מוישעלע, וואָס...״

„גאָרניט״.

„...וואָס האָסטו צוגעטראַכט פאַר דרײַצן יאָר לעבן צוזאַמען מיט די שפּינען?״

„גאָרניט. כ׳האָב דאָך אָנגעוווירן דעם סייכל״.

„פאַרוואָס זשע האָסטו זיך געלאָזט אַנטקעגן צוגי?״

„ניט איך. דער צוג האָט זיך געלאָזט אַף מיר״.

„וואָס זשע ביסטו ניט אַנטלאָפן?״

„כ׳האָב זיך פאַרקוקט. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ס׳איז דער איין־אויגיקער קייסער־קישעפמאַכער...״

קער איך זיך אום צו דער באָבען. זי איז אויך אַצינד, ווי אַ שאָטן.

„ווי־אַזוי האָסטו געקאָנט זיך אַנטשליסן אַף אַזעלעכס?..״

„כ׳האָב געמיינט, אַז ער שפּאַסט. כ׳האָב געהאַפט, אַז ער וועט פאַרהאַלטן מײַן האַנט אין דער לעצטער ווײַלע...״

„ווער — ער?״

„ווערעטע״.

„טאַקע געווען, אַף ווערעמען צו האָפן״.

„כ׳האָב געמיינט... כ׳מיין, אַז יעדער מענטש מוז האָבן אַ שטיקל גאָט אין האַרצן...״

„פאַרוואָס זשע האָסטו אַליין ניט פאַרהאַלטן דײַן אָנגעצילטע האַנט?״

די באָבע שווײַגט. דערנאָך שטאַמלט זי עפּעס. ס׳איז אָבער ניט קיין ענטפער אַף מײַן פראַגע. ס׳איז עפּעס אַנדערש.

„נאָר יויסעפן האָב איך דאָך טאַקע געראַטעוועט. מע האָט אים ניט דערשאָסן...״

איצטער האַלט איך זיך מיט דער באָבען אָן אייצע.

„אויב כ׳וועל באַגעגענען פּאַולאָ ווערעטען, דאַרף איך אים הארגענען?״

„וואָס רעדסטו? וואָס האָט דאָ צו טאָן פּאַולאָ? ער קאָן דען זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַן פאָטערס זינד? פּאַולאָ איז אַ פײַנער באָכער... און ביכלאַל איז ניט גוט צו פאַרטײַען אַ סינע צו עמעצן. בעסער לערן זיך אויס מויכל זײַן... ס׳איז געזינטער...״

כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני. מיט די הענט אָפּן בעט. מײַן ליבע באָבעניו! וויפל

האָט זי איבערגעלעבט פאַר איר בידנע לעבן! וויפל געפּײַניקט זיך. וואָס פאַרא גרויסע מישפּאָכע אויסגעכאָוועט. און איצטער זײַנען מיר פאַרבליבן צווייען. די באָבע און איך.

דערנאָך בין איך אופגעשפּרונגען און גענומען געשווינד שפּאַנען איבערן צימער. כ'האָב געכאַפּט א קוק אינעם פענצטער און א קלער געטאָן: ניין, ניט אינצווייען זײַנען מיר אצינד, נאָר אינדרײַען. די באָבע, איך און דער עפּלבוים. אָט קוקט ער אָף מיר, דער דריטער בענ־באַ׳יס אונדזערער. כ'האָב זיך פּלוצעם דערמאָנט וועגן אים, ווײַל ערגעץ אין באַוווסטזײַן אין מײַנעם האָבן זיך פאַרטײַעט און געוואַרט אָף א טיקן דער באָבעס ווערטער: „טו א רוף אים... עפּלבוים... כ'וויל זיך מיט אים... געזעגענען...”

איך האָב אַרויסגעטראָגן דעם זיידנס גרויסן פאָטעל און אַוועקגעשטעלט אונטערן עפּלבוים. דערנאָך האָב איך זיך אומגעקערט אין שטוב אַרײַן, גענומען די באָבע אָף די הענט צוזאמען מיט דער קישן און דער קאָלדרע. אַרויסגעטראָגן זי, אַוועקגעזעצט אינעם פאָטעל, און איך אַליין האָב זיך צוגעזעצט אָף א נידעריק בענקעלע. איצטער זײַנען מיר אַלע דרײַ געווען אינײינעם: די באָבע, איך און דער עפּלבוים.

וואָס אָבער פאַרא בוים איז דאָס געווען!

א טשאַכלע ביימעלע, אַלט, מיט אַן אויסגעקרימטן צעשפּאַלטענעם שטאַם. ערטערווײַז אַזוי דין און אויסגעטאָטשעט, אַז ער וואָלט זיך אײַנגעבראָכן, ווען ניט די פּילצאָליקע אונטערשפּאַרן, וואָס האָבן ווי־ניט־איז אונטערגעהאַלטן אים... טוט אָבער א קוק אָף אים אין הארבסט. זעט ער דעמלט אויס, ווי א טאַטע פון א גוזמע קינדער. א קרוין, א פּרעכטיקע קרוין מיט רײַפע שעמעוודיק־פאַרויטלטע עפּל, אַזא עפּל־שעפע, אַז כ'האָב זיך פאָשעט געכידעשט, וויאַזוי קאָן אַזא נישטיק ביימעלע אויסהאַלטן אַזויפיל זאַפטיקע פּיירעס! די עפּל זײַנען ווײַניק, געשמאַק. עס טרעפן זיך ווערעמדיקע אויך. מיט א שווינדזוכט־רויטקײַט. אָף זייער פּאַרקנייטשטער אויבערפלאַך ווײַזן זיך דעמלט אַרויס — כ'ווייס אַליין ניט פאַרוואָס — שטריכן פון באַקאַנטע פּענעמער. אָט דער איז מוישעלע. און דער איז דער בלינדער. און יענער — בערל דער צעדרייטער. און דאָס איז דער קריפּל מיט די געליימטע פיס. און דער... און יענער... און דאָך זעט ער אויס ניט ווי א פּאָשעטער עפּלבוים.

אצינד, פרילינג־צײַט, זעט מען ניט ניט קיין רויטע פּיירעס, ניט די נעבעכדיקע אונטערשפּאַרן. דער בוים איז ווײַס. פון דער קרוין ביז קימאַט צו דער סאַמע ערד. די זון באַווײַזט זיך נאָך אַלץ ניט. נאָר די כמאַרעס זײַנען זיך צעשוואומען, און דער הימל איז געוואָרן אייבפאַרביק גרוי. א לײַכט ווינטל האָט געצערטלט צווײַ טיפע זקיינים. דעם ווײַסן עפּלבוים און די גראָווע באָבע. צו אירע טרוקענע פאַרבאַקענע ליפּן האָט זיך צוגעטוליעט א ציטערנדיק צווײַגעלע. ווי פאַר א געזעגענונגס־קוש...

— נו, באָבעניו, ביסט איצט צופרידן?

די באָבע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. זי איז געשטאָרבן.

מײַן באָבע זעט איצטער אויס שענער ווי באַם לעבן. זי שײַנט מיט עפּעס א באַזונדערער ווײַסער שיינהײַט. די אויגן זײַנען פאַרמאַכט. אינעם בעט איז זי געלעגן א פאַרקנייטשטע, אַן אײַנגעשרומפּענע. אצינד זיצט די באָבע אינעם פאָטעל פרײַ, ברייטלעך, ווי דער עפּלבוים איבער איר. דער קאָפּ בייגט זיך א ביסל אין א זײַט. איין האַנט ליגט אָפן שויס, די צווייטע איז אַראָפּגעלאָזט. פון צווישן די פינגער פון דער אַראָפּגעלאָזטער האַנט האָט זיך אַרויסגעגליטשט עפּיס ווײַס. כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז א צווײַגעלע צוויט, וואָס זי האָט צוגעדריקט מיט דער האַנט צו אירע ליפּן. ניין. ס'איז עפּעס א פּאַפּירל. כ'בייג זיך אָן און דערמאָן זיך: „קינד מיינס... כ'האָב פאַר דיר... עפּעס פריידיקס...” אָט איז עס, מײַן ליבהאַרציקע באָבעניו. א בריוול פון אָקסאַנען...

„נאָכעמקעו! איך בין זיכער, אַז דו וועסט זיך אומקערן. אַניט וואָלט איך דיר ניט געשריבן. עס וואָלט דאָך ניט געהאַט קיין זין. זײַ מויכל, אויב עס האָט זיך באַקומען אַזוי, ווי דו האָסט ניט געוואָלט. איך פאָר אַוועק. אַזוי מוז מען. מיר וועלן זיך נאָך זען. עס קאָן זײַן — אינגיכן. זײַ געוואָגט און געדולדיק. צום ווידערזען, מײַן טײַערער! אָקסאַנע”.

א וואַרעמע כוואַליע פון פרייד האָט פאַרגאָסן מײַן האַרץ. טאַקע אָנגעשריבן. ניט פאַרגעסן. „צום ווידערזען, מײַן טײַערער!”

אווראָם גאָנטאַר



די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ באַגריסן האַרציק דעם דיכטער אווראָם גאָנטאַר מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

פונעם בוך „דער מאָרגנשטערן“

דרײַ שטעגן

וי סטעזשקעלעך די שורעס פון מײַן ליד,
און אלע פונעם האַרצן זיך צעלויפן,
מיט איינער שפּאַנט א מענטש, פון וואַנדערונגען מיד,
און איבער אים די זון איז הייס־צעגליט,
ער גייט פּאַמעלעך פון יאַריד —
ער דאַרף שוין גאָרניט קויפן און פאַרקויפן.

און מיט דער צווייטער אײַלט א מיידל — נאָך א קינד.
אין בלויקײַט פון איר בליק עס שפּילט דער רעגנבויגן.
אין אירע האָר האָט זיך ארײַנגעכאַפּט דער ווינט,
ער שושקעט אינעם אויער איר און שפּינט
א ליבע־מײַסעלע
פון ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן.

זי טוט א פאַל אין דופטיק־גרינעם גראָז,
צעשפּרייט די הענט, פאַרגייט זיך פון געלעכטער,
מע דאַרף ניט פרעגן זי — פאַר וועו, פאַר וואָס,

ס'איז פול איר אויג
פונקט ווי א פולער קאָס,
צוויי טרערן שטייען אף די וויִעס, ווי טרײַע וועכטער.

און אף דער דריטער סטעזשקע זע איך זיך אליין.
צום האָריזאָנט עס האָט די זון אראָפּגעשטיגן.
אינמיטן וועג איך זעץ זיך אף א שטיין
און הער זיך צו, ווי לויטער־ריין
ס'דערגייט א זיסער ניגן.
דאָס זינגט דער הימל און די ערד —
דאָס זינגט מײַן היים,
און איך,
איך דארף נאָך גיין, און גיין און גיין.

מײַן מילדע היים

א פונק קאָן ווערן אויסגעלאָשן,
די ליד, וואָס איז אין פערז
פארשלאָסן.
א הייסער שטערן קאָן פארגיין,
נאָר ניט די ליבע צו דער היים.

א ווונד איז זי, וואָס פילסט באשטענדיק,
דאָס אויג אין קאָפּ, וואָס צאפּלט ריין.
א ליבע, וועלכע האָט קיין ענד ניט —
אזא איז זי מײַן מילדע היים.

פארגין מיר די זינד

דו מיינסט, אז די קראפּט אינעם פויסט זיך געפינט,
אין שטורעם אין בייזן פון היימלאָזן ווינט?
די קראפּט איז אין שמייכל פון פיצעלע קינד,
אין איידעלן קוסט, וואָס האָט ערשט זיך צעגרינט.

אין פונק, וואָס צעגליט זיך אין שווארצקײַט פון בליק,
וואָס בינדט מיר די הענט און די פיס, ווי מיט שטריק,
אין ווילן אין דײַנעם די קראפּט זיך געפינט.
פארגיב מיר די שוואכקײַט, פארגין מיר די זינד.

איך האָב ניט אויסגעזונגען אלץ

איך בין ניט גרייט נאָך צו דער לעצטער שאָ,
איך דארף נאָך אײַנזאפּן דעם רעגנבויגן,
איך ווייס, ס'איז גאָר קיין מאָס ניטאָ
אף זעטיקן דעם דאָרשט פון מײַנע אויגן.

וואָס האָט איר אָבער צו מײַן גראָוון קאָפּ?!
ער איז דאָך אײנער, איינער, איינער!
די קרוין פון בוים אין אָסיען פאלט אראָפּ,
נאָר נײַע קרוינען וואקסן אָן באביימער.

ניין, ניין, ס'איז נאָך ניט צײַט, כ'באשטיי! —
אָט איצטער וועל איך זײַן אן אקשן.
דער אָסיען האָט זײַן רעכט, כ'פארשטיי —
ס'איז דאָ א צײַט אף וויאנען און אף וואקסן.

און איך האָב נאָך ניט אויסגעזונגען אלץ,
עס ציטערן אין הארץ נאָך טויזנט סטרונעס.
די שענסטע ליד עס שטייט מיר נאָך אין האלדז,
און זינגען ווילט זיך — א סאקאָנעס.

דאָ וווינט מײַן ליד

עס קומט א צײַט און כ׳פרעג בא זיך אליין:
— דו וואָלסט געקאָנט זיך אָן דײַן ליד באגיין?
— ניין, ניין! — כ׳שרײַ אויס, דאָס הארץ וואָלט בלײַבן שטיין,
אַף אייביק וואָלט די זון פאר מיר פארגיין.

איז שטערט מיר ניט, ס׳איז ניט קיין סאך פארבליבן,
איך האָב ניט אלץ נאָך אַף פאפיר פארשריבן.
פון ווײ און פײַן — די לעבנס־קרײַזן זיבן
איך בין אדורכגעגאנגען מיט מײַן פאָלק מײַן ליבן,

וואָס האָט מיך פאר זײַן דיכטער אויסגעטיילט,
נאָר איך האָב נאָך ניט אלץ דערציילט.
דער בארג איז הויך, איך בין ערשט אינדערמיט,
און אפן שפּיץ עס וווינט מײַן שענסטע ליד.

אָט דאָרטן שײַנט די זון און ס׳פעכלט הייס דער שניי —
איז שטערט מיר ניט — איך גיי אהין, איך גיי.

עס גייט ניט אינעם נאָמען

אויב יִדיש קלינגט אוראָם — מײַן נאָמען,
איז רוסיש קלינגט — גאָנטאר.
טאָ זאָל אײַך גוט און ווויל באקומען
מײַן הייסע ליד דערפאר.

עס זאָלן קלינגענדיק די ווערטער
פליסן מיט געפיל.
אז אלע זין און אלע טעכטער
זי זינגען זאָלן שטיל.

ניין, ניין, עס גייט ניט אינעם נאָמען,
מעגסט הייסן ווי דו הייסט.
זאָל נאָר דײַן ניגן הארציק שטראָמען
און זײַן א שטילע טרייסט.

* * *

דאָס רײַכטום פון מײַן יוגנט
גליט ביז איצט אין מיר —
דער טרוים, די ליבע, די פארטראכטן,
איעדער שאָ, ווען כ׳פלעג אָן צווייפלעניש
דערוואַרטן,
אז אלץ, וואָס כ׳גלוסט — עס שטייט שוין
בא דער טיר.

די ווענגן פון מײַן נידעריקער שוועל,
וואָס האָבן ביז צום הימל זיך געצויגן,
איעדער שטיינדעלע געדענקען כ׳וועל,
דעם צניִעסדיקן גלאנץ פון דײַנע אויגן.

די בליצנדיקע, שטערנדיקע נעכט,
ווען כ׳פלעג פון בענקעניש אראָפּ פון זינען
און גרייט געווען צו זײַן א קנעכט,
קעדיי דײַן צוטרוי צו געווינען.

עס טרעפט אצינד — איך ווייס שוין
ניט געניי —
צי אלץ געווען איז ציטעריק און בלענדיק,
נאָר סײַוויסײַ — אזוי צי ניט אזוי,
דאָס רײַכטום פון מײַן יוגנט נערט
מיך שטענדיק.

* * *

די טעג פון שלאכט זײַנען פֿאַריבער,
פון קוזניע טראָגט זיך א געקלאנג.
פארוואקסן די טראנשייען־גריבער
מיט ווייץ און קאָרן זײַנען לאנג.

דו האָסט פארוקט זיך אין א ווינקל
און קוקסט פונדאָרטן שטילערהייט,
דו שמייכלסט צו דעם פלינקן ייִנגל,
וואָס האָט זײַן פאָר דעם קאָפּ פאדרייט.

אין בלענד פון שײַן, פון אויגן־פײַער,
אין פאלאץ טאנצט א נײַער דאָר.
און דו, דער זיגער און באפרײַער,
באקרוינט מיט זילבערדיקע האָר,

עס האָט געקאָסט דיך זייער טײַער,
דער יונג זאָל טאנצן מיט זײַן פּאָר.
דו האָסט באצאָלט מיט העליש פײַער,
מיט דעם קאָליר פון דײַנע האָר.

דער גאָט

געווילדעוועט דער יאם האָט לאנג,
פון פעלדז געריסן שטיקער,
און אין זײַן צאָרנדיקן דראנג
גערעוועט ברוסטיק, שיקער.

און ס׳האָט געמאָלט זיך מיר, געדאכט —
דער יאם וועט אלץ פארשלונגען.
עס האָט דער פעלדז א גאנצע נאכט
געדונערט און געקלונגען.

א מיידל איז צום ברעג קאיאָר
געקומען, ווי קעסיידער,
אין שלעם פארוקט די העלע האָר
און אויסגעטאָן די קליידער.

פון ברעג געמאכט דעם ערשטן שפּאַן —
און שטיל געוואָרן איז דער יאם.
געלאשטשעט זיך צו יעדן טראָט,
ווי זײַן זי וואָלט זײַן שטרענגער גאָט.

צעביטן כ׳האָב די אכציקער

עס איז שוין הארבסט. צעביטן כ׳האָב די אכציקער,
מיט געלע בראָשקעלעך עס פוצט זיך אויס דער קליאָן,
און ס׳איז די וועלט אזא מין הארציקע,
ווי ס׳וואָלט קיין בייז איר קיינער ניט געטאָן.

און ס׳דוכט זיך מיר —
כ׳בין בלאָנד, בלוי־אויגיק און פּרוזשיניק.
ס׳איז בייגעוודיק און גרינג דער גוף.
איך בין אפסנײַ דער ליבלינג, דער מיזיניק —
מיר שטייט ערשט פאָר מײַן בארג־ארוף.

נאָר דער זיקאָרן פירט מיך צום פארגאנגענעם,
און זקייניש־אָפּגעשוואכט עס ווערט דער טראָט.
באם גנילאָפּיאט עס וויגן זיך געהאנגענע
און גלײַכגילטיק עס קוקט פון הימל גאָט.

ס׳איז הארבסט. דער קליאָן איז אָנגעבויגן,
די בלעטער זײַנען בראנדיק־געל און רויט.
און נאקעט־אויסגעדארט, די צווײַגן אויסגעזויגן
ווי אין א נאָגנדיקער נויט.

אייביק

צום יאם איך קום זיך צו באנײַען,
ווײַל ער איז יונג, געפערלעך יונג.
ער וועט אויך מיר, געוויס, אנטלײַען
א טראָפּן פון זײַן קלונג און שווונג.

און שטענדיק טרעף איך דאָ דעם זאָקן
(איך קען אים גוט שוין יאָרנלאנג.)
אין וואָלענע געשטריקטע זאָקן,
ער זיצט קעסיידער אף זײַן באנק.

אין דער פּאפּאכע, אין קאלאָשן
און אף א שטעקן אָנגעשפּארט.
עס הערט דער יאם זײַן אורואלט לאָשן,
זײַן לאָשן הערט דער שטארקער בארג.

ס'איז אלץ אף אייביק דאָ געבונדן —
דער בארג, דער זאָקן און דער יאם.
ווען ס'וואָלט דער אלטיטשקער פארשוווּנדן,
וואָלט אלץ פארשוווּנדן מינאסטאם.

א שפּיל

וואָס איך גאר און וואָס איך וויל,
קאָן איך זען, ווען איך שפּיל.

כ'לייג זיך נאזנדיק אין גראָז,
קוק אין הימל־טיפן.
דורך א שטיקל בלויען גלאָז
כ'זע דעם יאם מיט שיפן.

זיבן שיפן טרײַבט דער ווינט,
ס'רוישן בייז די וועלן,
רײַסט די זעגלען, שמעטערט, שינדט
אין גײַעג דעם שנעלן.

נאָך איין שפּרונג און נאָך איין טשמעל
און עס שלינגט זיי אײַן די וועל.

— ניין, מע דארף ניט! — שרײַ איך אויס.
ווערט דער ווינט אנשוויגן,
און די וועל, ווי זי איז גרויס,
בלײַבט פארגליווערט ליגן.

און די שיפן אין א ריי
שוועבן, ווי די שוואנען.
ווײַסע זעגלען, ווי דער שניי —
ווו, ווהין, פונוואנען?!

קיינער ענטפערט ניט. ס'איז שטיל.
ס'איז דאָך נאָר א קינדער־שפּיל.

אין דיר איז אלץ געווענדט

דו ווייסט אפילע ניט, אז ס'איז אין דיר געווענדט,
עס זאָלן ווערן פליגל מײַנע הענט.

וואָס וועלן ברענגען מיך אין יענע הייכן,
וואָס כ'וואָלט אין צענטן לעבן ניט דערגרייכן.

איז קום מיט מיר דורך אָפּגרונטן צום בארג,
און האָב ניט מוירע — איך בין שטארק.

ווען דו, מײַן מילדעלע, ביסט דאָ דערנעבן,
באקום איך פליגל אף צו שוועבן.

זון אין די בוטלען

אין סאָף פון אווגוסט שמעקט די לופט מיט ווײַן,
מיט ווישניק, מיט סליוויאנקע.
די מאמע שטעלט די בוטלען אף דער שײַן,
די זון זאָל דאָרטן אופגיין, דאָרטן צאנקען.

און ווינטער, ווען דער פראָסט עס גליט
און רײַסט אין שטוב זיך דורך די פענצטער־שפּאלטן,
דערקוויקט, דערוואַרעמט דעם געמיט
די זון, וואָס אין די בוטלען איז באהאלטן.

זום־זום

די שאַדכנטע, די בין, א כאַסענע עס פראַוועט —
פאַרמאַטערט פליט זי אום פון קווייט צו קווייט,
נאָר ווי זי זאָל ניט זײַן פאַרהאַוועט,
זי רוימט אַרײַן דער קאַלע שטילערהייט:

— זום־זום!
זום־זום!
כ'וועל אַלץ אײַך באַלד דערקלערן —
איר ווייסט דאָך, וואָס א שאַדכנטע עס זאָגט?
פאַרויטלט־שעמעוודיק, נאָר ס'וויל די קאַלע הערן
די מײַלעס, וואָס דער כאָסן עס פאַרמאָגט.

און זי, די בין, אָ־אָ! איז א גענייטע,
זי ברענגט א שטויכעלע דער קאַלע אינעם שנוק:
— באַקענט זיך, אַדעראַבע, ביטע...
נעקטאַר דער כאָסן האָט גענוג.

ס'וועט מעד און האָניק אף דער כאַסענע זיך גיסן,
די בינען גרייטן פאַר דעם מאָלצײַט דעם געטראַנק,
אין בלומען־בעכערלעך מע וועט צעגיסן
פון זון און ערד דעם זאַפטיקן געשאַנק.

די בלויערלעך, די שפרינגערלעך, די גרילן —
די שכיינעטעס, וואָס וווינען דאָ אַרום,
אַף פלייטן און אַף פידלען וועלן שפילן,
און זינגען וועט די בין —
זום־זום,
זום־זום...

וואָס איז געשען?

די זעלבע סטעזשקע,
דאָס זעלבע גראָז,
נאָר פאָרט ניט דאָס.

דער זעלבער טײַך,
דאָס זעלבע אָרט,
נאָר אַנדערש פאָרט.

דאָס זעלבע שטיבל,
דער דאַך — מיט מאָך,
נאָר אַנדערש דאָך.

א סקריפּ, ווי דעמלט
עס טוט די טיר,
נאָר ניט, ווי פריִ'ר.

— — — — — —

וואָס האָט פּאַסירט,
וואָס איז געשען?
און דו ביסט דען,
ווי איצט געוועזן?

געדאליע קאָסאָי

צווי ווידעס

א גאנצע נאכט בין איך געווען אומרויִק, ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן, און ווען איך האָב פארטאָג אָנגעהויבן דרעמלען, האָט מיך גענומען מוטשען א שרעקלעכער כאָלעם. איך זיץ אף א בוים. לעבן מיר זיצט א מאלפע. מיט איין האנט האלט זי זיך אָן אין א צווייַג, מיט דער צווייטער נעמט זי מיך ארום און וויל מיך א קוש טאָן גלייַך אין פּיסק אריַין. איך שטופּ זי אָפּ און צעשריַי זיך.

מייַן פלויגעסטע וועקט מיך אוף.

— וואָס איז געשען, כאַפּ זיך אוף, עפן אוף די אויגן!

איך כאַפּ זיך אוף אין א קאלטן שוויס. דאָס אלץ איז, וויַיזט אויס, פאָרגעקומען דערפאר, וואָס בא מיר איז היַינט דער יאָם־האדין. היַינט באדארף איך זיך מיסוואדע זיַין.

אף דער ערשטער זיצונג פונעם קלוב פון געלעכטער[1] האָט אונדזער „פּרעזידענט" זאָרעך שעכעיאָנו מיך געוואָרנט, אז אף דער קומענדיקער זיצונג וועל איך זיך דארפן מיסוואדע זיַין. ער ווייסט, זאָגט ער, אז איך האָב סוידעס. ער האָט מיר אפילע געגעבן אָנצוהערן, אז עפּעס וואָס ווייסט ער. איך האָב זיך דעמלט בא אים געבעטן, ווי בא א גאזלען, ער זאָל מיך באַפריַיען פון אָט דער מיסיִע; אויסגעזוכט טערוצים, אז איך בין ניט געזונט: דאָס הארץ, אוכער דוימע...

אף א שטיק ציַיט האָט ער מיך באפריַיט. נאָר נעכטן שיקט ער מיר צו א צעטעלע, אז היַינט באדארף איך זיך מיסוואדע זיַין. עלע ניט, שליסט ער מיך אויס פונעם קלוב.

האקלאל, פארפאלן, ווידע איז ווידע...

מייַן כייַקעלע זיצט לעבן מיר, פרווט דעם דויפעק, דערלאנגט מיר טראָפּנס צום הארצן, קוקט אף מיר מיט פייַכטע אויגן, דערמאָנט מיר ניט וועגן קיין שום כאָלעם. זי איז בא מיר א כאכאָמע. זי ווייסט, אז איך האָב אף מייַן לעבן גענוג פּעטש געכאפּט, און אויב איך האָב געשריִען פונעם שלאָף איז א סימען, אז ס'איז געווען פון וואָס צו שריַיען.

זיך אָפּגערוט נאָכן כאָלעם, טו איך זיך אָן, נעם די אוואָסקע און וויל גיין אויספילן מייַנע פליכטן. דאָס הייסט, גיין אין גאסטראָנאָם איַינקויפן פּראָדוקטן. זאָגט מייַן כייַקעלע: „לוי". נאָך אזא כאָלעם מעג איך זיצן אין דער היים. היַינט וועט זי מיך אין ערגעץ ניט לאָזן גיין. זי הייסט מיר זיך בעסער זעצן צום טיש, וועט זי מיך אָנהאָדעווען.

וואָס הייסט, ניט גיין? נו, און די ווידע?

איך האָב אָנגעהויבן זיך דרייען, געזאָגט, אז איך פיל זיך גאנץ גוט, אז דער כאָלעם איז אזוי זיך, און געבעטן דערלאנגען איבערביַיסן. בייסן איבערביַיסן האָב איך זיך געכאָכמעט, דערציילט וועגן אונדזער „פּרעזידענט", געזאָגט, אז היַינט וועט אין קלוב זיַין אזוינס ווי אזעלעכס, אז עס וועט ארויסטרעטן איינער מיט א ווידע, פון ווידע־לאנד.

מייַן כייַקעלע ווייסט, אז דער קלוב איז בא מיר דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל, אז עס וועט איר גאָרניט העלפן — האָט זי געגעבן די האסקאָמע.

[1] זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 8, 1975.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ באַגריסן האַרציק דעם שרײַבער געדאַליע קאָסאָי מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אַרי־כאס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

ווען איך בין געקומען אפן אָרט, האָט שוין דאָרט געראַשט, ווי אין אַ בינשטאָק. אונדזער קלוב האָבן די ווינניצער פּענסיאָנערן געשאַפן מיט זייערע אייגענע הענט אונטערן פרײַען הימל און אונטער דער אָנפירונג פונעם קליגסטן מענטשן, זאָרעך שעכעיאַנו.

פון זיצונג צו זיצונג האָט דער קלוב געיוירט און געוואַקסן. מע איז געגאַנגען אַהער, ווי אין אַ טעאַטער. הײַנט האָט מען דאָ געקאָנט זען פּענ־סיאָנערן, קאַנדידאַטן אף פּענסיאָנערן און קאַנדי־דאַטן אף קאַנדידאַטן. און זייער אַ סאַך יונגוואַרג, וואָס איז געקומען זיך מעסאַמייען זײַן.

אַ זונטיקדיקער טאָג. אַ לויטערער הימל. ס׳איז וואַרעם אַ מעכײַע. אינעם קרײַז צווישןביימער־געפלעכטס און בלומען־בייטן האַווען אַרום מענטשן, מע ווילצלט זיך. די זיצונג האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן.

אונדזער „פּרעזידענט“ איז ריין אויסגעגאָלט, פײַן אָנגעטאָן, גייט געלאַסן אַרום — מאַכט אַן אינספּעקציע. אַ גרופּע מענטשן, אַפּאָנעם די הײַנ־טיקע דעזשורנעס בעראָש מיט „נעכע די נאָז“, גייען אים נאָך. מיט אַן איבערגעטריבענער שטרענגקײַט מאַכט ער זיי אויסריידן: דאָ זײַנען די ביימער ניט גלײַך אַרומגעשוירן, אָדער די בלו־מען זײַנען ניט גענוג באַגאָסן אוכעדוימע.

נאָר אָט טוט ער אַ קוק אפן זייגער. ווי אַ טערקישער וויזיר טוט ער אַ פּאַטש מיט די הענט און לאָזט דערמיט צו וויסן, אַז ס׳איז צײַט אָנהייבן די זיצונג. דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן, זיך גענומען אויסזעצן אַרום קײַלעכדיקן טיש לויט אַ געוויסן סיידער. צום אַלעם ערשטן האָבן זיך אויסגעזעצט די געזעצלעכע פּענסיאָנערן, וועלכע האָבן גענומען אַן אָנטייל אינעם בויען דעם קלוב, מאַכמעס אָרט אַרום טיש האָט ניט געסטײַעט פאַר אַלעמען. די קאַנדידאַטן אף פּענסיאָנערן און די קאַנדידאַטן אף קאַנדידאַטן האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום און אַרום. זאָרעך האָט צוגעזאָגט, אַז אימירצעשעם מיט דער צײַט וועט מען מאַכן נײַע טישן און עס וועט קלעקן אָרט פאַר אַלעמען.

דער „פּרעזידענט“ האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגענומען פון זיך דעם זומערדיקן הוט, ווידער אַ פּאַטש געטאָן אַ האַנט אין אַ האַנט, דאָס האָט געזאָלט באַטײַטן, אַז עס זאָל ווערן שטיל.

אין איין אויגנבליק איז געוואָרן שטיל. די פייגלען האָבן אַפילע אופגעהערט צו צווי־טשערן. זאָרעך האָט זיך פאַרוויגט פאַרן עולם און אָנגעהויבן זײַן רעדע בעזע־האַלאָשן:

— ברידער פּענסיאָנערן און שוועסטער פּענסיאָנערקעס, מינאַסטאַם געדענקט איר, אַז אף דער עפענונג פון אונדזער קלוב האָב איך אין מײַן דראָשע פאַרגליכן מענטשן צו בינען, וואָס האַווען אַרום איבער בערג און טאָל. פליִען פון איין רויז צו דער צווייטער, זאַמלען האָניק פאַר קליינע קינדער, עלטערע מענטשן און היילן זייערע הערצער, און אַז צווישן אָט די האָרעפּאַשניקעס זײַנען פאַראַן אָנלעגער, טרוטניעס, וואָס טוען גאָרניט, טונקען ניט אײַן קיין האַנט אין קאַלטער וואַסער און לעבן אף יענעמס כעזשבן, צום גרויסן גליק פאַר די קליינע קינדער און פאַר אונדז, עלטערע מענטשן, ווערן אָט די זוילעל־וועסוויועניקעס געמיימעסט טאַקע דורך זייערע אייגענע ברידער און שוועסטער. ניטאָ אין בינשטאָק קיין אָרט פאַר קיין אָנלעגער!.. אויך בײַ אונדז אין „קלוב פון געלעכטער“, ווו דער „האָניק“ איז אַ קלוג וואָרט, אַ שפּאַס, אַ כאָכמע, זײַנען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן מיטן פולן מויל גע־לאַכט פון יענעמס אַ גלײַכוואָרטל, פון אַ פאַרבאָרגענעם סאָד, נאָר אַליין פאַרבאָרגן זיי זייערע סוידעס.

אונדזער אָנפירער האָט געוואָרפן אף מיר אַ ווייכן בליק, ער איז צופרידן געווען, וואָס איך בין געקומען זיך מיסוואַדע זײַן.

— און איצט, קאָלעגן פּענסיאָנערן און פּענסיאָנערקעס, פאַר דעם, ווי מיר וועלן אויסהערן די ווידעזאָגערס, וויל איך מעלדן אייניקע פּראָטים, וואָס ווערן אַרײַנגעטראָגן אין אונדזער

ניט געשריבענעם סטאַטוט. אַזוי ווי אונדזער קלוב האָט זיך, קיין איינהאָרע, צעוואַקסן, לייגן מיר פאָר, ערשטנס: דערלויבן אונדזערע קאַנדידאַטן אַף פענסיאָנערן אָנטיילנעמען אין די אַרויסטרעטונגען. צווייטנס, זיך מיסוואַדע זיין קאָן מען ניט נאָר מיט מעשים־טויוויִם, וואָס רופן אַרויס געלעכטער, נאָר אַפילע, ווען זיי רופן אַרויס טרערן, אויב זיי זיינען צו דער זאַך, אויב מע קאָן פון דעם אַראָפּנעמען אַ מוסער.

דער רעדנער האָט באַטראַכט דעם אוילעם, קעדיי זיך איבערצייגן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

— היינט וועלן זיך מיסוואַדע זיין צוויי פּערזאָנען: צום ערשטן וועט אַרויסטרעטן די געוועזענע אָפּראַמערן פון דער קאַנטאָר „אוטילסיריאַ״, דער איצטיקער שעף פון סאַניטאַריע און גיגיענע פון אונדזער קלוב — די בעססטע לאַכערקע „נעכע די נאַז״. זאָל זי אונדז אונטערטראָגן איר כיילעק און דערפרישן אונדזערע הערצער מיט איר זעלטענעם מיינע־לאַשן. זאָל זי אונדז דערציילן, פאַר וועלכע מעסים־טויוויִם האָט מען איר צוגעייגנט אָט דעם נאָמען „נעכע די נאַז״, אַז בעססאַכאַקל פאַרמאָגט זי אַ נעזל, ווי אַן אַגרעס די גרויס.

פון דער באַנק האָט זיך פאַמעלעך אופגעהויבן אַ פּרוי פון אַן אומבאַשטימטן עלטער. מיר דוכט זיך, אַז קיין איין פּראָפעסאָר וואָלט ניט געקאָנט פעסטשטעלן, וויפל די דאָזיקע פּרוי איז אַלט. אין דער־אַ נעכע האָבן געשטעקט צוויי נעכעס. איינע איז געווען אַן עלטערע פּרוי מיט אַ קאָפּ שיטערע גראָוועלכע האָר, מיט אַ געקנייטשט פּאָנעם מיט קישעלעך אונטער די קליינע אייגעלעך. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ כאַלאַטל, אין אויסגעדרייטע שטעקשיך אַף די באָרוועסע פיס. די צווייטע נעכע האָט געטראָגן אַ שיניאָן פון עפּעס אַ מיסעמעשונע־קאָליר, אַ מויל גאָלדענע ציין, לאַנגע באַמבלענדיקע אויערינגלעך, אַ שנירל קאָרעלן אַפן דיקן האַלדז און טופּל אַף הויכע קנאַפּל. בייזע צינגער דערציילן, אַז מע טרעפט זי אַפילע אין מאָדנע הויזן. סיי אין ערשטן און סיי אין צווייטן אויסזען האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פאַרגרימירטער אַקטריסע, וואָס שפילט צוויי ראָלן אין איין פּיעסע. היינט האָט זי געשפּילט די צווייטע ראָל.

נעכע האָט אַראָפּגענומען די טונקעלע ברילן, וואָס זי האָט געטראָגן קעגן דער זון, זיי אוועקגעלייגט אַפן טיש, מיט צוויי פינגער אויסגעווישט די ווינקלען פון פּנעם מויל און לאַנג באַקוקט דעם אוילעם.

נעכע האָט לויטן „סטאַטוט״ אופגעהויבן די רעכטע האַנט און, ווענדנדיק זיך צום „פּרעזידענט״, געשווירן, אַז אַלץ, וואָס זי וועט דערציילן, איז לויטערער עמעס. דערנאָך האָט זי געוואָרפן אַ שטעכיקן בליק אַפן אוילעם און זיך צעגאַנגען:

— וואָס קוקט איר אַזוי אַף מיר, איר קענט מיך ניט? איך בין דאָך נעכע, די מומע נעכע. פּאָעטן שרייבן וועגן מיר לידער. אָט האָט אוורעמעלע דער שמאַטניק אַ ליד פון מיר צונויפגעשטעלט:

אוי, די מומע נעכע
איז פול אין אַלע לעכער,
פון אַלע סודעס וויל זי וויסן,
און דערפאַר ווערט זי געשמיסן.

איך דערצייל דאָס אַנטקעגן דעם, אַז אויב גאָט וויל באַשטראָפן אַ מענטשן, זאָל ער אין אים אַריינטאָן אַ צווייענדיקע פאַרציע נייגעריקייט, ער זאָל אַלצדינג וועלן וויסן, און זיך אָנעמען דער וועלטס קריוודע. מעגט איר שוין זיין זיכער, אַז דאָס גאַנצע לעבן זיינס וועט ער זיך מאַטערן און די גאַנצע וועלט וועט פון אים לאַכן. טויזנטער מענטשן שטעקן אַריין זייערע נעזער, וווּהין מע באַדאַרף ניט, זוכן פרעמדע זינד, טרייבן רעכילעס, עס גיט זיך זיי איין צעקריגן פּאָרלעך, וועלכע האָבן זיך ליב, מאַכן אומשולדיקע מענטשן פאַר מאָשע־ניקעס. נאָר מיך, נעכען, צווישן אָט די לייט זוכט ניט. איך בין אין יענעם צעטל ניטאָ. איך בין, כאָלילע, ניט קיין רעכילעסטרייבערן, איך קאָן נאָר קיין אוילעס ניט ליידן. אַלע מיינע אופּטועכצן זיינען געווענדט קעגן שווינדלער און גאַנאָווים, אַז מענער און ווייבער זאָלן זיך פירן ליטיש, אָנשטענדיק, נאָר אַלע מאָל פאַלן מיר אויס מיינע אופּטועכצן באַקאָם. נעמט, לעמאָשל, די מעסע מיטן פּאָעט, מיט אוורעמעלען. מיר האָבן געאַרבעט אין איין קאָנטאָר. איך — אַן אָפּראַמערן און ער האָט געקליבן אוטיל. אַ יונג מיט ביינער, אַ זעלטענער אַר־בעטער. זיין קאַרטע איז קיינמאָל ניט אַראָפּ פונעם ערן־טאָוול. און גאָר פלוצעם דערזע איך באַ אים אַף דער וואָג, אַפן אָרט פון שמאַטעס אַ נייע שאַפּע מיט שפּיגלען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ צאַצקע באַ דיר אַף דער וואָג, אוורעמעלע, — טו איך אַ פרעג.

— ס'איז אַ סאָד, מומע נעכע, — טוט ער אַ שעלמישן ווונק מיטן לינקן אויג.

ס'האָט מיך אזש א נעם געטאָן פאר דער לעבער,— אזוי פילסטו אויס דעם פלאן,— זאָג איך,— אפן אָרט פון אוטיל פירסטו פרעמדע שאפעס, מאכסט קאלים? איר ווייסט, וואָס ער ענטפערט מיר, אָט דער, מישטיינסגעזאָגט, פּאָעט:

— ס'איז ניט אײַער באָבעס אייסעק, מומע נעכע, וואָס איך וויל, דאָס טו איך.

— אך, דו שמענדריק בען־געץ,— האָב איך זיך אָנגעצונדן,— אך, דו אזעספּאָנעם. ווען איך בין געווען א קאלע־מיידל, ביסטו נאָך ארומגעלאָפן אונטערן טיש מיטן סטאָן אין דרויסן. זאָגסטו מיר, אז ס'איז ניט מײַן אייסעק. ווערמענס דען אייסעק, פרעג איך? ס'איז אונדזער אלעמענס אייסעק. איך וועל דיר דערווײַזן, וועמענס אייסעק עס איז! כ'האָב ניט אויסגעהאלטן און אוועק אין קאָנטאָר זיך קלאָגן. ווי אפצולאָכעס איז ניט געווען דער דירעקטאָר. האָב איך פאר קאס אראָפּגעריסן פונעם ערן־טאָוול אווּרעמעלעס פּאָרטרעט און צעטראָטן אים מיט די פיס.

איר ווילט וויסן, וואָס איז געווען דערנאָך? דערנאָך האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם. אז אָט אָ־די שאפע האָבן אווּרעמעלעס קרויווים אים געקויפט דראָשע־געשאנק צו דער כאסענע און אונדזער דירעקטאָר האָט אים דערלויבט זי אָפּפירן אהיים. פאר אָט דעם אופטו האָט מען מיך, פארשטייט זיך, קיין גלעט איבערן קעפעלע ניט געטאָן. מע האָט מיר ארײַנגעקנאקט א שטרענגן אויסרייד מיט א וואָרענונג דערצו.

עס האָט אויסגעבראָכן א געלעכטער. נעכע האָט פון רידיקיול ארויסבאקומען א טיכעלע און זיך גענומען ווישן די אויגן.

— וואָס האָסטו זיך צעיאכמערט, נעכע,— האָט זאָרעך זי גענומען בארויקן.— דערצייל נאָך עפעס פון דײַנע מײַסים־טויווים, זאָל דער אוילעם האנאָע האָבן.

נעכע האָט פאריכט דעם שיניאָן אפן קאָפּ, אָפּגעווישט די ליפּן און גענומען פלעכטן א נײַע מײַסע, ווי זי האָט אמאָל באנאכט דערהערט אין קאָרידאָר שווערע טריט. דערהערט, אז מע גייט, האָט זי פאמעלעך געעפנט די טיר און דערזען, ווי צו איר שכיינע פון דער רעכטער זײַט, צו דער לערערן מאריע איזראילעווונע, גאנוועט זיך ארײַן א באָכער. עס האָט אזש מיט איר אָנגעהויבן צו מאָרדעווען, און אינדערפרי האָט שוין דער גאנצער הויף געוווּסט, אז בא דער יונגער צאדייקעס האָט גענעכטיקט א מאנצבל. לאָזט זיך אויס, אז דער קראסאוועץ איז געווען דער לערערנס א לײַבלעכער ברודער. געקומען אין קאָמאנדירונג און, פארשטייט זיך, פארפאָרן צו דער שוועסטער...

זאָרעך האָט א פאטש געטאָן א האנט אין א האנט, געפאָדערט, אז ס'זאָל ווערן שטילער, און זיך געבעטן, אז נעכע זאָל בעסער דערציילן, וואָס איז בא איר פאָרגעקומען מיטן פעטער סעמענען.

נעכע האָט זיך פארלוירן. א ווײַלע געטראכט. נאָכאמאָל א וויש געטאָן די ליפּן און פאָרגעזעצט:

— אָבער אָט די מײַסעס, וואָס איך האָב דערציילט, האָבן די ווערט א פעטרעשקע אין פארגלײַך מיט דעם, וואָס ס'איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן איבערן פעטער סעמען. א מענטש איז ער שוין אין די יאָרן, א שטילער, א האָרעפּאשניק, ארבעט ביז איצט אין מעבל־פאבריק. ווינט טאקע בא אונדז אין הויף, אין אונטערשטן שטאָק, און גאָר פלוצעם הער איך, אז דער פעטער סעמען איז א גאזלען. און פון וועמען, מיינט איר, האָב איך עס געהערט? טאקע פונעם פאָלקאָוניק, פונעם אָטסטאווניק, וואָס ווינט מיט מיר אין איין קאָרידאָר אנטקעגן מײַן טיר, פון ארקאדי מיכײַלאָוויטשן אליין. אָט אָ־דער פאָלקאָווניק האָט א ביז גאָר מיִעסע טעווע. קומט ער ארײַן צו זיך אין שטוב, פארמאכט ער ניט די טיר, נאָר נעמט זי אף א קייטל און לאָזט זי אָפן. אפאָנעם, אז עס סטײַעט אים ניט קיין לופט אין זײַנע דרײַ צימערן. האלעמײַ זאָל איך לייקענען, אז ווײַ איז מיר מיט מײַן ביטערער טעווע. אָפּטמאָל פלעג איך זיך אוועקשטעלן הינטער דער טיר, ארײַנשטעקן די נאָז, און הערן וועגן דעם, וואָס דער אָטסטאווניק מיט זײַן דאָרעטשקען, מיטן ווײַב, הייסט עס, שמועסן.

איינמאָל הער איך, ווי דער פאָלקאָווניק זאָגט: אָט דער פעטער סעמען פארשטעלט זיך פאר א מאלעך און אינדערעמעסן איז עס א הונט־שעבעהונט. איך בין פארשטיינערט געוואָרן. וואָס הייסט עס? ווי־אזוי האָב איך, נעכע, אים ארויסגעלאָזט פונעם אויג?

אף מאָרגן האָב איך, פארשטייט זיך, אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו אָט דער שטילער בריִע. יאָ, דער פארצעף זײַנער איז שוין גאָרניט אזוי געטלעך, ווי מיר האָט זיך פריִער אויסגעוויזן. ער האָט זיך אָנגעהויבן באָכערן, אָנגעטאָן עפעס א מאמזערישן קאפעליוש, מאָדנע צעקעמט דאָס שיטערע בערדל. אין א פּאָר טעג ארום שטיי איך ווידער בא דעם אָטסטאווניק הינטער דער טיר און איך כאפּ ווידער א פּאָר ווערטער:

— הערסט, דאַרעטשקע, — זאָגט ער צו דער פרוי, — דער פעטער סעמען ווערט געפּער־לעך. ער פאַלט אָן אויף אומשולדיקע מענטשן.

מע דאַרף אים אָפּשטעלן באַצײַטנס, אויספּליקן דאָס בערדל, גאָט מײַנער, אַזאַ אַלטער אויסוואָרף ווילדעוועט און עס איז ניטאָ אויף אים קיין אָפּראַוו. וואַרט אויס, שפּילפויגל מײַנער, איך וועל זיך פאַר דיר נעמען. עפּעס אײנמאָל אַ פאַרנאַכט זיץ איך מיר באַ זיך אויפן צווייטן גאָרן און קוק דורכן אָפענעם פענצטער, ווי די קינדער שפּילן זיך אין הויף. און פּלוצעם יאָוועט זיך פון ערגעץ סעמען. בעגילופן, מיט אַ הובל אין די הענט און מיט אַ ווילד געלעכטער נעמט ער זיך יאָגן נאָך די קינדער. די קינדער קוויטשען און צעלויפן זיך, און דאָ האָט באַ מיר געפּלאַצט די גאַל. כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן די פּאַמוויניצע און מיט די ווערטער: אוי, דו הולטײַ, פאַלסט שוין אויף די קינדער אויכעט אָן? — טו איך אים אַ כליופּע די פּאַמוויניצע אויפן קאָפּ.

וואָס איז געווען דערנאָך, פרעגט שוין גאָרניט. סעמען האָט אָנגעגעבן אויף מיר אין כאַ־ווערישן געריכט און דאָרטן האָט זיך אויסגעקלאַרט, וואָס פאַר אַ פּינצטערע בעהיימע איך בין. דער אַטסטאַוניק אַרקאַדי מיכײַלאָוויטש, ווען איך האָב געשטעלט פאַר אים אײדעס קעגן פעטער סעמענען, האָט מיט אַ גנייוויש שמייכעלע דערציילט, אַז אָפּטמאָל האָט ער גערעדט מיט זײַן דאַרעטשקען וועגן פעטער סעמען, דאָס הייסט וועגן אַמעריקע, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף וויעטנאַם. גיי ווייס, אַז דער פעטער סעמען קער זיך אָן מיט אַמעריקע. איך בין דאָך ניט קיין דיפּלאָמאַט!

עס האָט אויסגעבראָכן אַ ווילד געלעכטער. מע האָט זיך געהאַלטן פאַר די זײַטן, נאָר איין נעכע האָט ניט געלאַכט. זי איז געשטאַנען מיט אַ צעפּלאַמט פּנים, ווי אַ צעגליט בעקעלע, אויף וועלכן מע וואָלט געקענט באַקן פּייסעכדיקע לאַטקעס. ווען אַלע האָבן זיך באַרויִקט, האָט זאַרעך שעכעיאַנו ווידער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און ער האָט אויס־געגרופן:

— ראַבויסי פּענסיִאָנערן און פּענסיִאָנערקעס, קאַנדידאַטן אויף פּענסיִאָנערן און קאַנדי־דאַטן אויף קאַנדידאַטן! איך בין זיכער, אַז פיל פון אײַך קענען אָט דעם ייִדן. דאָס איז אונדזער מויכערספאַרימניק. קוקט אים אָן, איך בעט אײַך. אַ ייִדה, ווי אַלע ייִדן. אָן אַ באָרד און אָן פּייעס. געיאָוועט האָט ער זיך אַהערצו, צו אונדז אין שטאָט, נאָך דער מילכאָמע. שוין אַ באַיאָרטער, אָן אַ ווײַב און אָן קינדער. כאַסענע געהאַט, זיך געשטעלט אַרבעטן אין אַ ביכער־קראָם, אָפּגעאַרבעט ביז דער פּענסיע שאַ־שטיל, אָן שום טראַסק, אָן שום טאַראַראַם, זײַן ביִאָגראַפיע ביז דער מילכאָמע, כוץ מיר — זאַרעך שעכעיאַנו, ווייסט דאָ קיינער ניט. איז הערט זשע, וואָס עס שרײַבט זיך אין דער אַנקעטע: געבוירן אין כאַשטשעוואַטע, דער טאַטע אַ פּאַסטעלעמאַכער. ביזן 1919 יאָר געאַרבעט באַ אַ צוקערניק, אין 1925 געוואָרן אַ קאָלווירט־לער, אין די דרײַסיקער געווען אויף מעלוכע־שטעלעס, מילכאָמע געהאַלטן אונטער סטאַלינגראַד, געכאַפּט אַ שמיץ פון אַ סנאַריאַד. נאָך דער מילכאָמע זיך אומגעקערט אַהיים, ניט געטראָפן די פאַמיליע, זי איז אומגעקומען בײַס דער אָקופּאַציע, זיך באַזעצט אין ווינניצע.

ציי ווײַזט זיך אײַך ניט אויס, מײַנע ליבע פרײַנט, אַז אין דער אַנקעטע איז דאָ אַ בלויז, אַ ווײַסער פלעק. עס פעלן יאָרן. ווו איז דער מענטש געווען פונעם 1920 ביזקעלע דעם 1924 יאָר? וואָס האָט ער געטאָן? עפּשער איז ער געזעסן באַ שוואַר־און־שוויגער אויף קעסט און זיך געגרייט ווערן אַ ראַוו? דעריבער באַדאַרף ער זיך הײַנט מיסוואָדע זײַן און דערציילן דעם געערטן פּובליקום, ווו האָט ער פאַרבראַכט אָט די יאָרן, און וואָס פאַר אַ מײַסים־טויווים האָט ער אָפּגעטאָן.

דער „פּרעזידענט“ האָט זיך אַ נייג געטאָן צו מיר, דערמיט געלאָזט וויסן, אַז איך קאָן אָנהייבן.

עס האָט מיר אָנגעהויבן פּלאַטערן דאָס האַרץ. ס׳איז פּאַלג מיך אַ גאַנג! גיי דערצייל, וואָס איז געווען מיט פופציק יאָר צוריק, נאָר אַז זאַרעך הייסט, מוז מען. איך האָב אופגעהויבן די רעכטע האַנט, געגעבן אַ שוועע, אַז וואָס איך וועל דערציילן איז עמעס. זיך אַ נייג געטאָן צום פּרעזידענט און אָנגעהויבן:

— ס׳איז דאָס 1919 יאָר. ווינטער. איך בין קוים 16 יאָר אַלט. אין שטעטל זײַנען די דע־ניקינצעס. מע הארגעט, מע צינדט, מע פאַרגוואַלדיקט. אַ סאַך הארוגים. צווישן זיי מײַנער אַ פעטער לייווי. אויך אַ פּאַסטעלעמאַכער. אַן אַלטער ייִדה, מיט אַ שיינער ווײַסער באָרד, ניט באַוויזן זיך באַהאַלטן. אים האָט מען פּאַשעט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. איך און זײַן זון אוראָם האָבן צונויפגעבונדן פון צוויי נגן אַ טראָגבעטל און באַנאַכט אים אָפּגעטראָגן אויפן בעסוילעם און אים מעקאַבער געווען.

מע צעלויפט זיך פון שטעטל.

נאָך ביז די דעניקינצעס זײַנען פיל מענטשן זיך צעלאָפן, וווהין די אויגן האָבן געטראָגן. די פּילצאָליקע באַנדעס האָבן ניט געלאָזט רוען. אַלע טאָג האָט זיך אַרײַנגעריסן אַן אַנדער אַטאַמאַן: וואָלינעץ, זאַבאָלאָטני, סאַבקאָ אוכעדוימע. אַלע ראַבעווען, הארגענען, פּאָדערן קאָנטריבוציע. פּאַרמעגלעכע מענטשן לויפן אין די גרויסע שטעט, די, וואָס האָבן גאָלד, ציִען זיך צום דניעסטער, צו דער גרענעץ. זי איז אָפן. פאַר גאָלד האָט די רומענישע גרענעץ־וואַך אַרײַנגעלאָזט ווער נאָר עס האָט געוואָלט. פיל מענטשן האָבן געטרוימט וועגן אַמעריקע.

באַ אונדז אין שטוב איז גרויס די נויט. ס׳איז ניטאָ, וואָס צו עסן. ניטאָ, מיט וואָס צו הייצן. דער טיפוס געוועלטיקט, וואַרפט פון די פיס. קיין פּאַסטעלעס מאַכט מען ניט. מע ליגט מער אין די קעלערס, מע באַהאַלט זיך פון די באַנדיטן. איך האָב ניט, ווו צו אַרבעטן. מײַן באַלעבאָס יאָסל צוקערניק איז אַוועק קיין אָדעס. איך האָב פיר שוועסטער. די עלטערע צוויי — שיינדל און טויבע זײַנען קאַלעס. שוין באַדאַרפט כאַסענע האָבן, זייערע כאַסאַנים זאַלמען און אַבע זײַנען אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי. ס׳איז דאָ גרויסן, אַז זיי לעבן. און אײַנגיכן וועלן זיי קומען צוריק מיט די באָלשעוויקעס. די מאַמע וויינט, די קאַלעס זײַנען נאַקעט און באָרוועס. ניטאָ קיין נאַדן. מע האָט אַלץ אופגעגעסן, ניטאָ, מיט וואָס זיי כאַסענע מאַכן. מענטשן אין מײַן עלטער וויסן, וואָס דעמלט האָט באַטײַט נאַדן. אַ מיידל אָן נאַדן פּאַרזיצט ביז גראָוון צאָפּ. אין אַמעריקע האָב איך אַ ברודער מוישע. נאָך אין 1911 יאָר איז ער אַוועק אַהין פּאַרדינען געלט. קיין שום יעדיִעס איז פון אים ניטאָ. איך טרוים אויך וועגן אַמעריקע. איך וועל געפינען דעם ברודער, מיר וועלן אַרבעטן, פּאַרדינען געלט, שיקן אַהיים. מע וועט געבן נאַדן, די שוועסטער וועלן כאַסענע האָבן. טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער וועלן האָבן וואָס צו עסן, די באָלשעוויקעס וועלן זיך אומקערן, עס וועט ווערן אַ לעבן. אָבער ווו נעמט מען גאָלד אַף צו פּאָרן קיין אַמעריקע?

און אָט קלײַבט זיך אין וועג אַרײַן קאַלמען ביק, באַ וועמען איך האָב איצט גערייניקט די שטאַלן.

קאַלמען איז געווען פון קאַמע יאָרן אַ פּי־הענדלער. נאָך בייס דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע האָט ער צוגעשטעלט דער אינטענדאַנטסטווע געהאָדעוועטע הורטן, געווען אַ שלעכטער מענטש. אַ מאַסער, אַ וואָס אין דער קאַרט. מיט פּאָליצייַ געווען אַ גאַנצער רעב שמעלקע. איך געדענק, אַז דער טאַטע פלעגט זיך שטענדיק קלאָגן, אַז קאַלמען איז אַן אויסוואורף, ערגער פון אַ מעשומעד, זעצט יידן אין טורמע.

ער איז געווען אַ הויכער, אַ בײַכיקער, מיט אַ רויט־אָנגעשיקערט פּאָנעם און אָנגעגאָסענעם קאַרק. גערעדט האָט ער מיט אַ טעמפּ הייזעריק קאָל.

קאַלמען האָט געוווינט אין עק פון אונדזער גאַס אין אַ ציגלנעם מויער, מיט אַ הויכן פּראַנטאָן און געצאַצקעטע טירן און פענצטער. דער גרויסער הויף הינטערן מויער איז שטענדיק געווען פול מיט בעהיימעס, וואָס האָבן גערעוועט, געמרוקעט.

קאַלמען איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט דער נאַהײַקע, געשמיסן ניט נאָר די בעהיימעס, נאָר אויך די מענטשן, איך געדענק, אַז ער האָט אַפילע מײַן טאַטן אַמאָל אַ שמיץ געטאָן. עפּעס איינמאָל ווינטער, ווען מע האָט צו אים אַ הויף אָנגעטריבן אַ הורט בעהיימעס, האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער סטאַדע אַ געזונטער בוהײַ מיט אַ רינג אין דער נאָז. ער איז צו צו אונדזער שטיבל, זיך אַ קראַץ געטאָן און די גאַנצע הינטערשטע וואַנט איז „געלעגן" געוואָרן. ווען דער טאַטע איז געגאַנגען זיך קלאָגן, האָט אים קאַלמען דערלאַנגט מיט דער נאַהײַקע, אים אַרויסגעטריבן און נאָכגעשריִען: האָט טײַנעס צום בוהײַ, קאַפּצעניוק.

געוווינט האָט קאַלמען מיט זײַן איינציק צעבאַלעוועט טעכטערל, בעאַטריסע האָט זי געהייסן. זײַן ווײַב איז אַמאָל אַנטלאָפן מיט אַן אַקציזניק און ער האָט געפירט אַ שיקער, אויסגעלאַסן לעבן. באַדינט האָט זיי אַ יונגע פּויערטע, לושע, און אַ הויקער אין די מיטעלע יאָרן, אַרכיפּ.ביידע — לושע און אַרכיפּ, זײַנען בעפּיירעש געווען זייער גוטע מענטשן, פלעגן ראַכמאָנעס האָבן אַף אָרעמע קינדער און הינטן אַרום מעכאַבעד זײַן מיט עפּעס אַ געשמאַקער זאַך. איך פלעג אויך זיך אַמאָל אַרײַנכאַפּן צו זיי אין קיך עפּעס אַ נאַש טאָן.

באַלד נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז קאַלמען מיטן באַסיעכידקעלע, אַפּאָנעם מוירע האָבנדיק פאַר נעקאָמע, אַנטלאָפן פונעם שטעטל. אין זײַן מויער איז געוואָרן דער דאָרפסראַט. נאָר ווען עס זײַנען אַרײַן די דעניקינצעס, האָט ער זיך ווידער געיאַוועט און זיך גענומען צו זײַן אַרבעט — צושטעלן דער דעניקינישער אַרמיי הורטן.

באַ אים אין שטוב האָט זיך אָפּגעשטעלט עפּעס גאָר אַ געהויבענער דעניקינעץ, אַ גענעראַל־אינטענדאַנט. עס האָבן זיך ווידער געיאַוועט צו אים אין שטוב די דינסט לושע און דער הויקער אַרכיפּ, הורטן בעהיימעס און אָנטרײַבער. אין שטאַט זײַנען אײַנגעשטעלט גע־

וואָרן נײַע פּאַראַנדקעס. מע האָט פיל מענטשן אַרעסטירט. אַ סאַך צעשאָסן. מע האָט געשמועסט, אַז קאַלמען האָט צוגעלייגט צו דעם אַ האַנט.

אַרכיפּ און לושע האָבן מיר געײַצעט גיין צו קאַלמענען אַרבעטן — רייניקן די שטאַלן, טרײַבן די בעהיימעס. עסן וועט זײַן. איך האָב זיי געפאָלגט. עמעס, איך פלעג כאַפּן אָפטע שמיץ פון קאַלמענען. איך בין געווען זאַט און נאָך עפּעס אָפּגעשפּאָרט אַהיים.

און אָט האָב איך אָנגעהויבן באַמערקן, אַז קאַלמען וואַרפט אָף מיר אַן אויג. ער האָט אויפגעהערט מיך שמײַסן מיט דער נאַהײַקע. אָפטמאָל מיך אַרײַנגעפירט אין קיך און באַפוילן לושען מיך אָנהאָדעווען. עס איז אַוועק אַ צײַט. ער האָט מיך צוגענומען פון דער שטאַל. ניט געשיקט מער טרײַבן קיין בעהיימעס. אָפטמאָל גערופן צו זיך אין שטוב. איך האָב ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס מיינט דער פּאַסעק.

איינמאָל איז קאַלמען אַרײַן אין הויף שטאַרק צעטראָגן. די אויגן אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער האָט צוגערופן דעם עלטסטן הורטנטרײַבער און לאַנג מיט אים געשמועסט. יענער האָט עפּעס דערווידערט, קאַלמען האָט אים געדראָעט מיט דער נאַהײַקע. דערנאָך האָט ער מיך אַ רוף געטאָן, געהייסן גיין נאָך זיך. און אָן שום פּאַרעדעס מיך אַ פרעג געטאָן, צי איך וויל פּאָרן קיין אַמעריקע? אין איין אָטעם האָב איך אויסגעשריִען:

— איך וויל.

— אויב אַזוי, איז ברענג דעם טאַטן דײַנעם אַהער.

איך בין טייקעף אַוועק. דער טאַטע איז געקומען, און קאַלמען האָט אים געזאָגט, אַז די טעג קלײַבט ער זיך קיין אַמעריקע און אַזוי ווי ער דאַרף אַ לײַטישן באַדינער, וויל ער מיך מיטנעמען, דאָרט וועט ער מאַכן פון מיר אַ מענטש, נאָר מיט אַ טנאַי, אַז איך זאָל אונטערשרײַבן אַ פּאַפּיר, אַז דאָרט, אין אַמעריקע, וועל איך אים אָפּצאָלן אַלע הויצאָעס, וואָס עס וועט קאָסטן די נעסיִע.

דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזאָגט. געטײַנעט, אַז ער וויל מיך ניט אָפּלאָזן אויוואָר־לעיאָם. גענוג, אַז איין זון איז דאָרטן. נאָר איך האָב געצאַפּלט, געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל מאַסקים זײַן, צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר איך וועל געפינען דעם ברודער מוישע, וועלן מיר ביידע צוזאַמען העלפן כאַסענע מאַכן די שוועסטער, שיקן געלט, אוכעדוימע...

קאַלמען האָט אויך צוגעזאָגט באַהילפיק זײַן, און דער טאַטע האָט געגעבן די האַסקאָמע. טאַקע דעם זעלבן טאָג זײַנען מיר געוווירע געוואָרן, אַז די באָלשעוויקעס זײַנען שוין גאָר נאָענט, אַז די דעניקינצעס טרעטן אָפּ און קאַלמען אײַלט זיך ראַטעווען די פעל זײַנע.

אַפּדערנאַכט האָט קאַלמען מיר באַפוילן זיך גרייטן אין וועג אַרײַן. נאָר וואָס האָב איך געהאַט זיך צו גרייטן? אָף מאָרגן אינדערפרי האָט דער טאַטע אויסגעטאָן זײַנע יוכטענע שטיוול, אַראָפּגענומען פון זיך דאָס טולופּל און מיר עס אָפּגעגעבן. מײַן באַגאַזש איז באַשטאַנען פון אַ טאָרבעלע, וווּ ס'איז געלעגן אַ האַלב ברויט, אַ ציבעלע און זאַלץ. מײַן שוועסטער, טאָבע, האָט מיר אײַנגענייט אין דער הויזן־קעשענע צוויי אַדרעסן — דעם אַדרעס פון מײַן ברודער מוישע און כאַיִם כאַנע־ראָכלס אַדרעס.

כאַנע־ראָכל האָט אין שטעטל פאַרקויפט ווײַסע ליים און אָכרע. איר אייניציקער זון כאַיִם איז נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פריִער פאַר מײַן ברודער אַוועק קיין אַמעריקע זוכן גליקן. דעם מאַן אירן, הערשל דעם לאַנגן, אַ בעסמעדרעש־ייִד, האָבן געהאַרגעט דעם אַטאַמאַן וואָליניצעס באַנדיטן. כאַנע־ראָכל איז געקומען, מיר געבראַכט דעם אַדרעס, געבעטן געפינען איר כאַיִמען, אים לאָזן וויסן, אַז ער זאָל זאָגן קאַדיש נאָכן טאַטן, און אַז ער זאָל שרײַבן בריוועלעך. מער וויל זי פון אים גאָרניט. צום סאָף האָט זי אַרויסבאַקומען אַ באָקסער, מיר געגעבן אַ מאַטאָנע און מיר צוגעווינטשעוועט קומען בעשאָלעם קיין אַמעריקע.

די גאַנצע מישפּאָכע איז געגאַנגען מיך באַגלייטן — מײַן קליין ברודערל שימעלע האָט פון מיר ניט געוואָלט אָפּטרעטן, געשריגן, אַז ער וויל אויך קיין אַמעריקע.

די מאַמע און די שוועסטער האָבן געוויינט. דער טאַטע האָט געשעפּטשעט עפּעס אַ טפילע. און אָט בין איך אַרײַן אין הויף. קאַלמען איז געשטאַנען מיט דער נאַהײַקע און אינסטרוקטירט די הורטנטרײַבער, וויאַזוי אָפּהיטן די בעהיימעס בייסן טרײַבן צום דניעסטער. קאַלמען האָט פאַר קיינעם קיין מוירע ניט געהאַט. דער קוואַרטיראַנט זײַנער, דער גענעראַל, האָט אים געגעבן דרײַ באַוואָפנטע סאָלדאַטן ביז דער גרענעץ.

מיך האָט קאַלמען אַוועקגעשטעלט בעראָש אײַיינעם מיטן הויפּט־הורטנטרײַבער, באַפוילן ניט אַראָפּלאָזן דאָס אויג פון קיינעם. אײַנגיכן האָט דער הורט אונטער דער האַזשגאָכע פון די דעניקינצעס זיך געלאָזט צו דער גרענעץ.

אָפן צווייטן טאָג האָט קאַלמען מיטן טעכטערל אונדז אָנגעיאָגט אָף אַ בריטשקע. לעבן טעכטערל איז געזעסן אַ דעניקינישער אָפיצער. הינטער דער בריטשקע זײַנען נאָכגעפאָרן

עטלעכע פורן מיט קאלמענס האָב־און־גוטס. אפדערנאכט זיינען מיר צוגעקומען צום פאַרפרוירענעם דניעסטער, לעבן שטעטל קאמינקע. עס איז געפאלן א געדיכטער שניי. קאלמען האָט געוואָלט זיך אָפּהאלטן מיטן איבערטרייבן די בעהיימעס ביז אינדערפרי, מאכמעס עס איז געווען שטארק פינצטער, נאָר די שיסערייַ פון הארמאטן האָט זיך געהערט וואָס אמאָל נעענטער, דער אָפּיצער האָט אפּאָנעם געייצעט ניט אָפּשטעלן זיך.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס איבערטרייבן דעם הורט. קאלמען אליין איז ווי א שעד ארומגעלאָפן איבערן אייַז און געשמיסן מיט דער נאהייקע ווען ער האָט נאָר געפּאקט.

איך האָב נאָך דעמלט ניט פארשטאנען, אז באלד ווי איך וועל איבערגיין דעם טייַך, פארליר איך מייַן היימלאנד אף יאָרנלאנג. צו מיר איז דעמלט ניט דערגאנגען די אָנצוהערעניש פון די טרייַבער, אז מע באדארף אָפּציִען. וואָס הייסט אָפּציִען? איך פאָר דאָך קיין אמעריקע צו מייַן ברודער מוישע. מיר וועלן ארבעטן, פארדינען געלט, שיקן אהיים. די שוועסטער וועלן האָבן נאדן, כאסענע האָבן...

ערשט אינדערפרי האָב איך פארשטאנען, אז איך געפין זיך אין דער פרעמד. קיינער פון די הורטנטרייַבער איז ניט געבליבן. אינעם שניי־געווירבל זיינען זיי זיך צעלאָפן. די וועגענער מיטן האָב־און־גוטס זיינען אויך ניט געוואָרן. די שמייַסער האָבן געטאָן דאָס, וואָס די הורטנטרייַבער — זיי האָבן פארקערעוועט די דישלס אף צוריק. מערסטנטייל בעהיימעס זיינען ניט דערגאנגען צום ברעג. ארום די איבערגעבליבענע זיינען געשטאנען קאלמען און עטלעכע רומענישע סאָלדאטן.

דער דעניקינישער אָפּיצער און די סאָלדאטן זיינען אויך פארשווונדן. בעאטריסע, אָן אייַנגעוויקלטע אין א פעלץ, איז געשמאק געשלאָפן אף דער ברישקע. דאָס הארמאטן־געשיסערייַ האָט זיך דערטראָגן פון גאָר נאָענט, ווי גלייַך מע זאָל שיסן פון יענער זייַט טייַך.

עס האָט מיך ארומגעכאפּט אן אומגעהייערע בענקעניש נאָך דער היים, נאָך טאטע־מאמע, נאָך שוועסטער־און־ברידער. איך בין צוגעגאנגען צו קאלמענען, זיך גענומען בעטן, ער זאָל מיך אָפּלאָזן אהיים. לעכאטכילע האָט ער זיך צעלאכט, דערנאָך א כאפּ געטאָן די נאהייקע, מיך גענומען פּאסעווען און רעווען:

— אָט האָסטו דיר אהיים, דו, באָלשעוויסטישער אויסוואורף! און דאָס נא דיר פאר די פארלוירענע בעהיימעס, פארן האָב־און־גוטס און פארן טאטן דעם פּאָסטעלעמאכער, וואָס האָט דיך געבראכט אף דער וועלט...

איך האָב זיך געקאָרטשעט פון ווייטעק. זיך געדרייט אין שניי, ווי א שלאנג, און געשריגן אָן אופהער.

ערשט דערנאָך, ווען א רומענישער סאָלדאט האָט אָנגעכאפּט קאלמענען פאר דער האנט, האָט ער מיך אופגעהערט שלאָגן און א געשריי געטאָן:

— פארגעס וואָס הייסט היים, דו, הונט!

דער סאָלדאט האָט מיך אופגעהויבן פונעם שניי, מיט ראכמאָנעס באטראכט מייַן צעפּאסעוועט פּאָנעם, געשמייכלט צו מיר און א זאָג געטאָן:

— ראָמאניִא בון, ס'הייסט, רומעניע איז גוט. — ער האָט פון א זעקל ארויסבאקומען א שטיקל מאמאליגע, מיר דערלאנגט, א ווייַז געטאָן אפן מויל — אם, אם.

אינעם שטעטל מארקולעשט אפן יאריד האָט קאלמען אויספארקויפט די בעהיימעס, די פערד, די ברישקע און אלצדינג, וואָס מע האָט מיט זיך ניט געקענט מיטפירן. פון דאָרט האָט מען זיך אוועקגעלאָזט קיין קעשענעוו און דערנאָך קיין בוקארעשט. דאָרט האָט קאלמען זיך אויסגעסטארעט אייניקע פּאפּירן, צו וועסנע פונעם צוואנציקסטן יאָר זיינען מיר שוין געווען אין אנטווערפּען און אין מייַ — צוגעשווומען אף א שיף קיין ניו־יאָרק, וואָס האָט פונווייַטן אויסגעזען, ווי א גרויסער בעסוילעם מיט אָן א שיר מעגושעמדיקע מאציייוועס.

די גאנצע צייַט, אָנהייבנדיק פונעם דניעסטער, האָט מיך קאלמען ניט ארויסגעלאָזט פונעם אויג. ער האָט מיך געהאלטן לעבן זיך, ניט ווי א דינער און אפילע ניט ווי א הונט, נאָר ווי א מין זאך, אף וועלכער מע זאָל קאָנען אויסגיסן דאָס ביטערע הארץ. ער האָט מיך געשלאָגן אָן שום סיבעס, סייַ ווען ער איז געווען שיקער און סייַ ווען ער איז געווען ניכטער. אף דער גאס און אין האָטעל. ער האָט זיך איבער מיר איזדעקעוועט, ווי ווייַט ער האָט נאָר געקענט, אז ער פלעגט זיך מיטן טעכטערל זעצן עסן, האָב איך באדארפט שטיין הינטער קאלמענען אָן אויסגעצויגענער, ווי א סאָלדאט. פון מאָל צו מאָל פלעג ער איבערן אקסל, ניט קוקנדיק אין מייַן זייַט, ווארפן מיר עפּעס פון זייַן עסן.

טיף אין הארצן האָב איך באשטימט, אז ווי נאָר איך קום קיין אמעריקע און געפין דעם ברודער, אזוי אנטלויף איך פונעם באלעבאָס.

ווי נאָר מיר זײַנען אַראָפּ פון דער שיף, האָב איך, פאַרשטייט זיך, געזאָגט קאַלמענען, אַז איך וויל גיין זוכן דעם ברודער. קאַלמען האָט זיך איצט ניט געבייזערט, אָפּאָנעם פאַרשטאַנען, אַז ניו־יאָרק איז ניט בוקאַרעשט און איך קען אַנטלויפן. דעריבער האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווי נאָר ער געפינט אַ דירע, לאָזט ער מיך אָפּ זוכן דעם ברודער, מאַכמעס איך וועל ניט וויסן, ווו זיי געפינען.

נאָך האָט ער מיר געזאָגט, אַז אינגיכן וועט ער עפּענען אַ געשעפט, איך וועל בײַ אים אַרבעטן, באַקומען אַ גוטן לוין און טיילווײַז אויסצאָלן אים דעם כויוו.

קאַלמען האָט מיך איבערגעלאָזט אונטער בעאַטריסעס אויפזיכט און גלײַך פונעם האַפן אַוועק אין שטאָט זוכן אַ דירע. פאַרנאַכט האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַ לאַסט־טאַקסי, פאַרנומען די זאַכן און מיר זײַנען אַוועק.

די טאַקסי האָט אונדז געבראַכט אויף אַ גאַס, וואָס רופט זיך דעלענס סטריט. אַראָפּגעוואָרפן די זאַכן לעבן אַ צווייגאָרנדיקן מויער און איז אַוועק. דאָ האָט קאַלמען געדונגען דרײַ מעבלירטע צימערן מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך ווידער דערמאָנט קאַלמענען, אַז איך וויל גיין זוכן מײַן ברודער. צו מײַן גרויס פאַרוווּנדערונג האָט ער ניט דערווידערט, אַרויסבאַקומען עטלעכע ניקלנע מאַטבייעס, מיר געגעבן אויף הויצאָעס, געהייסן פאַרשרײַבן דעם אַדרעס פון דער געדונגענער דירע און בִּיכלאַל ניט פאַרגעסן דעם אַדרעס, ווײַל ער וועט מיך סײַווי געפינען. און איך בין אַוועק בלאָנדזשען אין מענטשלעכן שטראָם צווישן די מוירעדיקע הימלקראַצערס.

עס פאַרשטייט זיך, אַז צום אַלעם ערשטן האָב איך געוואָלט אויסזוכן מײַן ברודער. די אַדרעסן פונעם ברודער און פון כאַיִם כאַנע־ראָכלס האָב איך נאָך נעכטן צוגעגרייט. איך האָב אָפּגעשטעלט מענטשן, זיי געוויזן מײַן מוישעס אַדרעס, און יעדער האָט אויף זײַן שפּראַך מיר דערקלערט, אַז ער, מוישע, וווינט אין ברוקלין אויף וויליאַמס עוועניו, נומ. 318, און אויף שטומלאָשן מיר געזאָגט, וואָס איך באַדאַרף טאָן: איך דאַרף זיך פּאָשעט אופהייבן אויפן עלעוואַטער[1], קויפן פאַר פינף סענט אַ בילעט, פאָרן קיין ברוקלין אַ מין שאָ, זיך אָפּשטעלן אויף סאָטער עוועניו און פון דאָרט איז שוין גרינג זיך דערקלײַבן. אַזוי האָב איך געטאָן. ווי אַ פויגל בין אַרויף די פּופּציק טרעפּ צום עלעוואַטער, זיך געזעצט אין וואַגאָן און זיך דערקליבן קיין ברוקלין. אויף סאָטער עוועניו בין איך אַראָפּ. דער ראַיאָן איז דאָ געווען דורכויס אַ ייִדישער און איך האָב גרינג געפונען די גאַס און דעם נומער. ס'איז געווען אַ צווייִשטאָקיק אַלט הויז מיט אַ הילצערנעם געגלאָזטן באַלקאָן.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך צו צו דער טיר און אָנגעקלונגען. עס איז אַרויס אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט און אויף ענגליש עפּעס געפרעגט. איך האָב איר געוויזן דעם אַדרעס. זי איז אַרײַן צוריק אין שטוב, אַרויסגעשיקט אַן עלטערע גראָווע פרוי, אַ צעשויבערטע, אין אַ פאַרטעך מיט אַ פאָלאָנעק אין די הענט, פונקט ווי אין כאַשטשעוואַטע, און טוט מיך אַ פרעג פּאָשעט אויף ייִדיש, וואָס איך וויל. דערצייל איך איר די גאַנצע מײַסע פון אַלעף ביז טאָף. שאָקלט זי מיטן קאָפּ. רופט מיך אַרײַן אין שטוב, דערלאַנגט מיר אויף אַ טעלער פּאַסאָליעס־צימעס מיט אַ פלעצעלע. ס'איז, אָפּאָנעם, געווען פרײַטיק. זי דערקלערט מיר, אַז אין אָט דער שטוב האָט אַמאָל געוווינט אַן אַלטיטשקע, וואָס פלעג האַלטן באָרדערס[2]. מעגלעך, אַז מײַן ברודער האָט זיך אויך בײַ איר געשפּײַזט, נאָר די אַלטע איז שוין לאַנג געשטאָרבן און, צום באַדויערן, ווייסט זי גאָרניט פונעם ברודער. זי האָט מיך געטרייסט, אַז סאָפּקאָלסאָף וועל איך אים געפינען.

אַ קנויל איז מיר אונטערגעגאַנגען צום האַלדז. עס האָבן זיך מיר געלאָזט טרערן פון די אויגן. דעם צימעס האָב איך ניט פאַרענדיקט עסן. זיך געזעגנט און אַוועק. איצט איז מיר געבליבן איין אויסוועג — אויסזוכן כאַיִם כאַנע־ראָכלס. די יונגע פרוי האָט נאָך פריִער איבערגעלייענט דעם אַדרעס, געזאָגט, אַז ער וווינט אויף דער איסט־סײַד אין ניו־יאָרק, אויף סעקנד סטריט, 225, און אַז איך באַדאַרף פאָרן צוריק מיטן זעלבן באַן און זיך אָפּשטעלן אויף דער זעלבער סטאַנציע, ווו איך האָב זיך אויפגעזעצט און דאָרט געפינען סעקנד סטריט.

אַזוי האָט מיר די אַלטע דערקלערט די רייד פון איר טאָכטער.

מיט אַ שווער געמיט האָב איך אויסגעדרייט דעם דישל אויף צוריק. אַלע האָפענונגען גייען פאַרלוירן. נאָר עפּשער וועל איך פאָרט געפינען כאַיִם כאַנע־ראָכלס, עפּשער ווייסט ער עפּעס פונעם ברודער. געקומען אויף סעקנד סטריט, האָב איך געמיינט, אַז איך בין אַרײַנגעפאַלן אויף עפּעס אַ יאַריד. נאָר אויב די טאָרהאָוויצע, בײַ אונדז אין כאַשטשעוואַטע, איז געווען אויסער

[1] עסטאַקאַדן־באַן.

[2] קוואַרטיראַנטן מיט קעסט.

דער שטאָט, ווו עס האָבן גערעוועט בעהיימעס, געהירזשעט פערד, איז דאָ דער מאַרק געווען אין אַ שמאָלער גאַס, צווישן וויסטע, קויטיקע, פּילגאָרנדיקע מויערן, פון וועלכע עס איז פון איינעם צום אַנדערן געווען איבערגעצויגן שטריק מיט נאַס גרעט. די העמדער, לײַלעכער און ווינדעלעך זײַנען געהאַנגען איבער די מענטשן, ווי טאַכריכים.

אַף דעם דאָזיקן יאַריד זײַנען ניט געווען קיין בעהיימעס, כאַזיירים, אָדער אויפעס, נאָר בלויז מענטשן. ניט קיין געוויינלעכע מענטשן, וואָס גייען, ריידן, לאַכן אוכעדוימע... דאָ איז געווען אַ מישמאַש פון צעהיצטע ברוים, וואָס שרײַען, שטופּן זיך, וואַרפן מיט די הענט און מיט די פיס, כאַפּן איינער דעם צווייטן פאַר די לאַצן. יעדער טראָגט עפּעס אַף צו פאַרקויפן: שניפּסן, נאָזטיכלעך, זאָקן, געבראָטענע זיסע קאַרטאָפל, בינטלעך ציצעס, טילימלעך. מע דראַפּעט זיך איבער פעסלעך הערינג, איבער קעסטלעך זייף, אַ גערויש, אַ געפילדער: קויפט, קויפט. נאָר איך האָב ניט געזען, אַז עמעצער זאָל עפּעס קויפן. די לופט איז געווען געדיכט. ס'האָט געשמעקט מיט פאַרזשאַווערטן הערינג, מיט זויערע אוגערקעס און סקיפּידאַר. עס איז מיר שלעכט געוואָרן אַפן האַרצן. עס האָט מיר אָנגעהויבן פינצטערן אין די אויגן.

ווען איך בין געקומען צו־זיך, האָב איך באַמערקט, אַז איך ליג הינטער אַ טויער. אַן אַלטע ייִדענע האָט מיט אַ נאַס טיכל מיר געווישט דאָס פּאָנעם, עפּעס גערעדט, געדראָעט עמעצן מיט אַ פויסט. דערנאָך מיך אַ קוש געטאָן און פאַמעלעך אַוועק. אַף דער־אָ גאַס האָט געוווינט כאַיִם כאַנע־ראָכלס.

געפונען דעם הויף און, מישטיינסגעזאָגט, די דירע, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אַף טרעפּ אין אַ באַגרעבעניש. מיר אַנטקעגן האָט זיך אופגעהויבן אַ נידעריק ייִדל אַף אַ קוליע. דער רעכטער פוס איז בא אים געווען אַ קירצערער. דאָס לינקע אויג — אײַנגאַנצן פאַרמאַכט.

איך האָב אים אַ פרעג געטאָן, צי קען ער דאָ איינעם אַ כאַיִם כאַנע־ראָכלס פון כאַשטשעוואַטע? — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעגלאָצט אַף מיר דאָס געזונטע אויג.

— צו וואָס באַדאַרפט איר כאַיִם כאַנע־ראָכלס? — האָט ער, טרייסלענדיק מיט דער באָרד, מיך אַ פרעג געטאָן.

— איך בין ערשט נעכטן געקומען פון כאַשטשעוואַטע, — האָב איך אויסגעשאָסן. — די מאַמע זײַנע, כאַנע־ראָכל, האָט אים געלאָזט גריסן, געזאָגט, אַז דעם טאַטן זײַנעם הערשל דעם לאַנגן, האָבן די וואָלינצעס דערהאַרגעט, און אַז ער זאָל זאָגן נאָך אים קאַדיש.

דער ייִד האָט אַן אָכץ געטאָן, אַ וואָרף געטאָן די קוליע, זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אַ טרעפּל, ווי ער וואָלט זיך זעצן שיווע און זיך גענומען שלאָגן קאָפּ אין וואַנט...

אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָב איך שוין געוווּסט אַלץ, וואָס איך האָב באַדאַרפט וויסן. איך האָב געוווּסט, אַז מײַן ברודער מוישע האָט באַלד נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע גע־וואָלט פאָרן אַהיים, נאָר ניט געהאַט אַף קיין הויצאָעס. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג. אַז מיט אָנדערהאַלבן יאָר צוריק איז ער אַוועקגעפאָרן מיט אַ גרופּע מענטשן קיין קאַנאַדע אַף אַן אָרט, ווו מע קאָן גוט פאַרדינען. מער ווייסט ער פון אים גאָרניט.

וואָס שײַעך זיך, האָט כאַיִם דערציילט, אַז ער איז שוין אַלט איין און דרײַסיק יאָר, אַז קיין פאַמיליע האָט ער ניט. אַלע יאָרן האָט ער געאַרבעט אין אַ פאַבריק, ווו מע מאַכט סאָדע־וואַסער. ער פלעגט מיט אַ פערד־און־וואָגן צעפירן אין די הויפן סיפאָנדלעך וואַסער לויט די באַשטעלונגען פון די געברויכער, צען סיפאָנדלעך אין אַ קעסטל. מיט אַזאַ מאַסע פלעג מען זיך דאַרפן אופהויבן אַפן צענטן שטאָק און העכער, ווײַל די ליפטן אַרבעטן ניט. נאָר אין אַמעריקע איז ניט שײַעך שווערע אַרבעט. מע אַרבעט מיט דער גאָלעריִע, אַבי פאַרדינען, אַבי אָפּשפּאָרן אַ דאָלער אַפן שוואַרצן טאָג, און דער שוואַרצער טאָג קומט דאָ גיך און אומגעריכט: עפּעס איינמאָל, פאָרט ער, כאַיִם, אַף דער צוואַנציקסטער סטריט מיט אַ פול וועגעלע סכוירע. ער זיצט אַפן פערעדאָק, האַלט די לייצעס, לויפט דורך אַ מאַשין און טוט אַ טרובע דעם פערד גלײַך אין אויער אַרײַן. דאָס פערד האָט זיך דערשראָקן און גענומען טראָגן דאָס וועגעלע. די קעסטלעך זײַנען זיך צעפאַלן, איין קעסטל האָט אים געטראָפן אין קאָפּ. ער איז אַראָפּגעפאַלן פונעם וואָגן, זיך פאַרפּלאָנטערט אין די לייצעס, דאָס פערד האָט אים געשלעפּט איבערן ברוק. דער סאָף איז, אַז דער רעכטער פוס איז בא אים איצט קירצער אַף אַ האַלבן אַרשין און דאָס לינקע אויג איז פאַרמאַכט אַף אייביק.

ער האָט זיך לאַנג געהיילט, געפּאַטערט אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט. אין אַמעריקע היילן זיך, האָט כאַיִם דערקלערט, — הייסט, אַז פאַר עטלעכע טעג דאַרף מען אָפּגעבן דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע געלט. ווי נאָר די דאָקטוירים טאַפּן אָן, אַז דו האָסט עטלעכע דאָלער, וועלן זיי זיך צוקלעפּן צו דיר, ווי די פּיאַווקעס. בא זיי איז פאַראַן אַ קאָרפּאָריישן, דאָס הייסט אַ מין שותּפעס אַף צו ראַבעווען. דוכט זיך, וואָס קער זיך אָן אָן אויסגעזעצט אויג צו מע־רידן, אָדער אַ צעבראָכענער פוס צו דער לעבער. פונדעסטוועגן האָט אים דער אויגן־דאָקטער

געשיקט צו א ספּעציאַליסט, וואָס היילט מערידן און דער כירורג — צו א דאָקטער, וואָס היילט דעם לעבער, און יענער האָט אים געשיקט היילן די נערוון און יעדער האָט געשריבן רעצעפּטן. יעדער דאָקטער האָט זיך זײַן אַפּטייקער, מיט וועמען ער איז פארבונדן. אלע האָבן גענומען געלט, און ביז מע האָט ניט ארויסגעשלעפּט דעם לעצטן דאָלער, האָט מען אים ניט ארויסגעלאָזט פון די הענט. ער איז געבליבן הויל און נאקעט, אין העקדעש האָט מען אים ניט גענומען, געזאָגט, אז ער האָט נאָר איין פוס און איין אויג. ער קאָן נאָך בעטלען, און כעוורע בעטלער האָבן אים אויסגעטיילט „א מאָנאָפּאָליע", ס'הייסט אַן אָרט, ווו ער קען אלע טאָג שטיין א פּאָר שאָ און בעטן נעדאָוועס. אָט גראַד איצט איז ער געגאַנגען צו דער „מאָ־נאָפּאָליע". אויב איך וויל, זאָגט ער מיר, קאָן איך ארײַנגיין צו אים אין צימער, זיך אָפּרוען און צוּווארטן אַף אים. ער וועט ברענגען עפּעס צוביַיסן און דערנאָך וועט מען נאָך ריידן; איך וועל אײַך דערציילן פון מײַנע איבערלעבונגען. ער געדענקט קאַלמען ביק, נאָר מיט וואָס קאָן ער מיר העלפן, ווייסט ער ניט. סײַדן לאָזן איבערנעכטיקן.

אַפן הארצן איז מיר געווען שטארק קאַלעמוטנע. ניטאָ דער ברודער, וואָס וועל איך טאָן. ווו זוכט מען אים? וואָס וועל איך שרײַבן אהיים? כ'האָב געקלערט אנטלויפן פון קאַלמענען און איצט...

דאָס לעבן איז מיר געוואָרן נימעס. אין הארצן האָב איך געטײַנעט צו גאָט, פארוואָס ער שטראָפט מיך. מיט וואָס האָב איך געזינדיקט? איך האָב דאָך אַף מײַן לעבן קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, קיין קעץ ניט געמוטשעט, קיין הינט ניט געשלאָגן, פון דער צדאָקע־פּושקע אין בעסמעדרעש קיין געלט ניט געגאַנוועט.

עמעס, געדאַוונט האָב איך ניט. קיין טפילן ניט געלייגט. דער טאַטע איז געווען שטארק באַרויגעז אַף מיר. אָבער וויאַזוי לייגט מען טפילן, אז בעסאַכאַקל זעקס אזייגער אינדערפרי באַדארף איך שוין זײַן אין צוקערניע. יאָסל שווארצשטיין, דער באַלעבאָס מײַנער, איז געווען א שטרענגער, פון זעקס אינדערפרי ביז זעקס פארנאַכט. דאָס איז געווען די געזעצלעכע וואַכטע, ד. ה. שטיין בא די קעסלען און קאָכן דעם צוקער. דערנאָך האָט מען באַדארפט רייניקן די קעסלען און וואַשן די דילן. א טויט־מידער פלעג איך קומען אהיים, אָפּעסן א שטיקל הע־רינג מיט א קארטאָפליע, אָדער א סופּאָניע און זיך א וואַלגער טאָן שלאָפן. אינדערפרי פלעג מיך די מאַמע קוים אופוועקן צו דער ארבעט.

איז וויאַזוי זשע לייגט מען טפילן?

א דערשלאָגענער בין איך ארײַן צו כאַימען אין צימער און באַשטימט צוּווארטן.

דער „צימער" איז געווען פּאָשעט א קעלער, ווו בא אונדז האַלט מען איצט קוילן, אָדער קוואַסעניגע. ארום צוויי קוואַדראַטע מעטער. דורך די צוויי פּיצעלעך שויבן, וואָס האָבן ארויס־געקוקט אַף דער גאַס, האָט מען נאָר געקענט זען שפּאַנענדיקע שיך. דאָס מעבל בא כאַיִם כאַנע־ראָכלס אין צימער איז באַשטאַנען פון אַן אײַזערן בעטל מיט אַן אַלטן טיופיאַק און א קישעלע, אָנגעפּילט מיט סטרוזשקעס, אַן אָפּגעריבן טישל, א טאַבורעטל, אַן עמער וואַסער און א פּאָמוינִיצע. קיין קאָלדרע האָב איך ניט געזען. אַפּאָנעם, דער אַלטער מאַנטל, וואָס איז געהאַנגען אַף א צוויאָק, האָט געדינט פאַר א צודעק.

א מידער, האָב איך זיך א וואַלגער געטאָן אַפן בעטל און זיך צעוויינט.

איך האָב ניט באַוויזן זיך אויסוויינען ווי עס באַדארף צו זײַן, ווי עס האָט פון ערגעץ זיך געיאָוועט א גרויסער שטשור. ווי א פאַניבראַט זיך אוועקגעשטעלט פאַר מיר אַף צוויי פיס, מיך באַקוקט, ווי ער וואָלט וועלן זיך דערוויסן, וואָס פאַרא שײַכעס האָב איך צו אָט דעם „קיניגלעכן פּאַלאַץ". ער האָט א סווישטשע געטאָן און ווילי‍ונגעריש, ווי אַן אַקראָבאַט, זיך אַרופגעכאַפּט אַף דער טאַבורעטקע, פון דאָרטן אַפן טיש, אופגעפרעסן די שיראַיִם פון כאַיִמס איבערבײַסן, האָט ער ווידער א צופרידענער א סווישטשע געטאָן, גלײַך פונעם טיש אַראָפּ אַפן דיל און אַנטרונען. מער האָט ער זיך ניט געיאָוועט, און איך...

אופגעכאַפּט האָב איך זיך פון א שרעקלעכן גערודער, וואָס האָט זיך ארום מיר געטאָן. דאָס פּאָנעם, דער האַלדז־און־נאַקן האָבן מיר ווייטעקלעך געשמאַרצט. איך האָב זיך שטארק דערשראָקן. צוערשט ניט געוווּסט, אַף וואָס פאַרא וועלט איך געפין זיך. אין דער טונקלקײַט האָב איך גאָרניט געזען. איך בין אַראָפּ פונעם בעטל, ארויס אַף די טרעפּ. ערשט איצט האָב איך באַנומען, וואָס מיט מיר קומט פאָר. פונעם קאָפּ ביז די פיס בין איך געווען אָנגעשפּיקע־וועט מיט וואַנצן, ווי א מילגרוים מיט קערנער. איך האָב גענומען מיט זיי מילכאָמע האַלטן, געוואָרפן מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס, זיך געריבן אין די ווענט. זיי האָבן זיך מיט מיר ניט געוואָלט צעשיידן. אַפּאָנעם, אז איך בין זיי שטארק געפעלן געוואָרן. צו דער צײַט איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס פונעם „פּאַלאַץ". ער האָט געבראַכט מיט זיך א הערינג און

א פּאַמפּערנאַק — אַזאַ מין סאָרט ברויט, וואָס די ליטווישע ייִדן האָבן שטאַרק ליב. עס איז לעפּקע, ווי קיט, מיט וועלכן מע קלעפּט די פענצטער, און באַשאָטן מיט קימל.

דערזעענדיק, ווי איך האַלט מילכאָמע מיט די וואַנצן, האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט. געבעטן אַף זיי קיין פאַריבל ניט האָבן, מאַכמעס זיי זײַנען אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די כאַשטשעוואַטער וואַנצן, מע האָט זיי אַמאָל געבראַכט קיין אַמעריקע צוזאַמען מיטן האָב־און־גוטס. זיי האָבן מיך, ווי סע ווײַזט אויס, דערקענט און געקומען מיט מיר אַ ביסל פאַרברענגען.

— רעב ייִד, אין אַמעריקע איז דען אויך דאָ וואַנצן? — האָט זיך פּלוצעם אָנגערופן נעכע די נאָז.

דער „פּרעזידענט" האָט זיך אופגעכאַפּט, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— ווער האָט דיר געגעבן אַ וואָרט, נעכע? איך וועל דיך אַף דרײַ טעג אויסשליסן פונעם קלוב.

— דערלויבט מיר צו ענטפערן אַף דער פראַגע, כּבֿוד פּאָרזיצער, — האָב איך העפלעך געבעטן זאָרעכן.

— ביטע, ענטפער.

— יעס, מײַן הויכגעשעצטע לעדי, — האָב איך געענטפערט. — דאָרטן אין אַמעריקע זײַנען פאַראַן טאַקע די עמעסע וואַנצן. יעדער עקזעמפּליאַר איז די גרויס, ווי אַ מאַיאָווע זשוק. האַקלאַל, כאַיִם האָט מיך פאַרבעטן צום טיש, מיר האָבן אָפּגעגעסן דעם הערינג מיטן פּאַמפּערנאַק. פאַרטרונקען צו קווערטלעך וואַסער, האָט זיך ערשט כאַיִם כאַנע־ראָכלס אַ נעם געטאָן צו מיר, איך זאָל אויסדערציילן, וואָס הערט זיך אין כאַשטשעוואַטע, פון שיישעס יעמיי בערייִשיס, דאָס הייסט, פון זינט ער איז אַוועק פון דאָרט ביז איצט. וואָס טוט די מאַמע, וויאַזוי מע האָט געהאַרגעט דעם טאַטן, און צי לעבט נאָך דער און יענער. אויספירלעך וויל ער וויסן וועגן קאַלמען ביק. און וואָס איך טראַכט צו טאָן? ער האָט מיך אויך געטרייסט, אַז סאָפּקאָל־סאָף וועל איך געפינען מוישעוו. און אַלצדינג וועט ווערן אָלרײַט.

איך האָב געענטפערט, וויאַזוי איך האָב געקענט. כאָטש די זון אַף דער איסט סײַד איז נאָך געשטאַנען גאַנץ הויך אין הימל, נאָר אין סענדסטריט האָט שוין אָנגעהויבן ווערן טונקל. איך האָב זיך געקליבן אַוועקגיין. כאַיִם האָט מיך בעפייִרעש געבעטן איבערנעכטיקן, נאָר איך האָב אים באַדאַנקט, געזאָגט, אַז נאָך איין באַגעגעניש מיט כאַשטשעוואַטער „אייניקלעך און אוראייניקלעך" וועל איך ניט אויסהאַלטן.

כאַיִם האָט מיך אַרויסבאַגלייט, געזאָגט, אַז אין אַ נויט זאָל איך קומען צו אים, מיט וואָס ער וועט קענען, וועט ער מיר העלפן.

— איז עפּשער וועט פאַר הײַנט זײַן גענוג, כּבֿוד פּאָרזיצער. — האָב איך זיך געבעטן באַ זאָרעכן, — סע איז נאָך לאַנג צו דערציילן.

אַלע מענטשן האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אים, וואָס וועט ער זאָגן.

דער „פּרעזידענט" האָט מײַסע דעמאָקראַט זיך געווענדט צום אוילעם:

— ווילן מיר אָפּשטימען? ווער ס'איז דערפאַר, אַז אַף הײַנט זאָל זײַן גענוג, זאָל אופהייבן די האַנט.

קיין איין האַנט האָט זיך ניט אופגעהויבן.

— ווער איז דערפאַר, מע זאָל פאָרזעצן?

אַלע האָבן אופגעהויבן די הענט. אַפילע די, וואָס לויט דעם ניט געשריבענעם סטאַטוט האָבן ניט די רעכט צו שטימען.

— צו יענער צײַט, — האָב איך פּאָרגעזעצט, — האָט אין אַמעריקע געוועלטיקט דער אַזויגערופענער „טרוקענער געזעץ". עס איז געווען פאַרבאָטן צו האַנדלען און פאַרקויפן אַלקאָהאָלנע געטראַנקען, דעמלט האָבן אַ סאַך ביזנעסמענער געעפנט געהיימע אונטערערדישע אַנשטאַלטן. איז אָט האָט קאַלמען געעפנט אַזאַ „ביזנעס".

דער דאָזיקער אַנשטאַלט האָט זיך געפונען אין צווייטן עק פון דעלענסי סטריט אין אַ בייסמענט[1]. עס זײַנען געווען אַ סאַך געהיימע קעלערס, גריבער, לאַבירינטן אַף אויסבאַהאַלטן די „סכוירע". דאָס געשעפט איז געווען פאַרמאַסקירט מיט אַ „לאַנטש־רום", דאָס הייסט, מיט אַ מין בופעט, ווו מע האָט געקענט אָפּעסן אַ סאַנדוויטש און פאַרטרינקען אַ פלעשל לימאָנאַד.

דער אַנשטאַלט האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. דעם סאַמאָהאָן פלעגן אַהער ברענגען אַנדערע ביזנעסמענער אין ספּעציעלע קיילים. אין פענכערס, אַרומגעבונדענע אַרום דעם בויך, אָדער אין אַ געפעס מיט אַ צווייענדיקן דנאָ, — פון אונטן איז געווען ספּירט און אויבן וואַסער, אָדער מילך.

[1] אַ האַלב־קעלער.

מײַן ארבעט איז איצט באשטאנען אין דעם, וואָס יעדעס מאָל, ווען עס איז געקומען א קליענט, האָב איך באדארפט לויפן אין די געהיימע ערטער און ברענגען פון דאָרט א פלעשל סאמאהאָן.

אין א צוגעפּוצט צימערל איז לעבן א סערווירט טישל געזעסן בעאטריסע, פֿײַן געקליידט און אָנגעפארבט, זי האָט שטענדיק געווארט אַף געהויבענע געסט. ווען איך האָב געבראכט דאָס פלעשל, פלעגט זי אפגיך א נעם טאָן דאָס געלט באם „קליענט" און אים געבן די „סכוירע". באזוכער זײַנען געווען פארשיידענע: אָנגעשטעלטע, קרעמער, אונטערנעמער. ארבעטער און אָרעמעלײַט האָבן אהער קיין שליטע ניט געהאט. מע האָט זיי פּאַשעט ניט ארײַנגעלאָזט.

אין א צײַט ארום האָט קאלמען אײַנגעאָרדנט א ספּעציעלן צימער פאר גאָר הויכגעשטעלטע פערזאָנען, דאָרט פלעגט מען טרינקען און כאפּן א קערטל.

ווען קיין ניו־יאָרק האָבן זיך אָנגעהויבן יאָווען די ווײַסע עמיגראנטן, איז קאלמען מיט זיי געוואָרן, ווי אמאָל מיט דער פּאָליציי, א גאנצער רעב שמעלקע, און דער ביזנעס האָט גענומען שטארק וואקסן. בעאטריסע איז געווען א פאסיקע רעקלאמע פאר דעם געשעפט.

עס פלעגט, פארשטייט זיך, אָפט טרעפן, אז עמעצער האָט איבערגעכאפּט די מאָס, עמעצער האָט מיט גוואלד זיך געוואָלט ארײַנרײַסן אין „אנשטאלט", דעמלט האָט דער פּאָליסמען, וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט אַף דער וואך, מיט זײַן דובינקע דערלייזט דעם קאָנפליקט לעטוויועס דעם באלעבאָס.

מיטן וווּקס פון קאלמענס ביזנעס האָט זיך געביטן זײַן באציִונג צו מיר. ער האָט ווינציקער דערמאָנט זײַן שטוב, דאָס פארלוירענע האָב־און־גוטס, ער האָט זיך איבערצײַגט, אז גווירים לעבן אין אמעריקע גאָרניט שלעכט. ער האָט מיך ווינציקער געשלאָגן און מיר באשטימט א געוויסן לוין: לויט זײַן כעזשבן האָב איך באדארפט אָפּארבעטן א גאנץ יאָר אַף אויסצאָלן דעם כויוו פאר ברענגען מיך קיין אמעריקע. אזויארום, אז עפּעס אָפּשפּאָרן אַף צו שיקן אהיים האָב איך ניט געקאָנט.

פון מאָל צו מאָל פלעג מיר קאלמען געבן קליינגעלט אַף צו גיין אין קינאָ. ער האָט, אַפּאָנעם, פארשטאנען, אז אויב איך וועל פון אים אוועק, וועט א צווייטער אַף מײַן אָרט אים ניט לוינען. אין קעלער האָב איך געהאט א מאָקעם־מענוכע, א קליין צימערל, אָן א פענצטער, ווו איך פלעג נעכטיקן. איך האָב געארבעט קימאט א גאנצן מעסלעס. נאָר אלץ געלעבט מיט דער האָפענונג, אז סאָפקאָלסאָף וועל איך געפינען מײַן ברודער און אינײנעם וועלן מיר שיקן אהיים געלט, אז די שוועסטער זאָלן כאסענע האָבן, און אלע מײַנע ליבע זאָלן האָבן וואָס צו עסן.

איך האָב שטארק געבענקט אהיים. געבענקט נאָך די עלטערן, נאָך די שוועסטער און ברידער. נאָכן טײַך בוג, נאָך טעמנער וואלד, נאָך סאלקאָווער סקאלעס און נאָך די יוזעפאלער לאָנקעס. איך האָב געבענקט נאָך מײַנע כאווײרים, עטלעכע מאָל האָב איך ארײַנגעוואָרפן בריוו אין פּאָסטקעסטל, נאָר קיין ענטפער ניט באקומען.

אונדזער שענק האָט אָפטמאָל באזוכט איינער א בריוונטרעגער. א מיסטער ניק אָדער ניקאָלײַ, א רוסישער, פון אָדעס. נאָכן פינפטן יאָר איז ער אהער ארױפגעקומען. איך האָב אים אויסדערציילט מײַן ביטער הארץ, אז איך שיק בריוו אהיים און קיין ענטפער איז ניטאָ. ער האָט מיך בארויִקט און דערקלערט, אז אמעריקע האָט נאָך ניט קיין שום פארבינדונגען מיט די סאָוועטן, און אז אין ראסיי אליין שלאָגן זיך נאָך די באָלשעוויקעס מיט פילצאָליקע באנדעס, אז אינגיכן וועט עס נעמען א סאָף. די באָלשעוויקעס וועלן בײַקומען די סאָנים און וועלן אָנהייבן גיין פון איינעם צום אנדערן.

דער ביזנעס בא קאלמענען איז מיט יעדן טאָג געגאנגען אלץ בעסער. ער האָט אַף סטאָן עווענױ אין ברוקלין געעפנט א געהײמע גוראלניע, ווו מע קאָכט סאמאָהאָן. איצט האָט מען אליין געקאָכט און אליין פארקויפט. צו בעאטריסען האָט ער צוגעשטעלט נאָך א פּאָר אזעלכע, ווי זי. דעם „אנשטאלט" האָבן איצט אָנגעהויבן באזוכן גאָר געהויבענע לײַט. אלע געזעצגעבער זײַנען געווען אונטערגעקויפט, און קאלאמיי, ווי מע האָט קאלמענען איצט גערופן, האָט זיך דערפילט אין אמעריקע, ווי א פיש אין וואסער.

איינמאָל אינדערפרי, ווען אין דרויסן האָט געשאָטן א נאסער שניי, איז קאלמען ארײַן צו מיר און תיך צעשריגן:

— וואָס שטייסטו, פויליאק, הײַנט איז פונקט א יאָר, ווי מיר האָבן פארלאָזט די היים. ביז די מיידלעך שלאָפן, פאָר אוועק נאָך סכוירע, הײַנט וועלן זײַן געסט.

אפדערנאכט זײַנען געקומען דרײַ מענטשן. איינער א באיאָרטער מיט באקנבארדן, וועמען קאלמען האָט אָנגערופן „גאָספּאָדין גענעראל". דאָס איז געווען דער זעלבער, וואָס איז אמאָל געשטאנען בא אים אַף קווארטיר. דער צווייטער — אין די מיטעלע יאָרן, א געוועזענער פּאָל־

קאָוניק, און דער דריטער נאָך גאָר א יונגער, וואָס האָט זיך גלײַך צוגעקלעפט צו בעאטרי־סען, ווי א נאסע שמאטע.

ארום א געגרייטן טיש מיט א סאך פלעשער סאמאָהאָן האָבן זיך ארומגעזעצט דרײַ פאָרלעך מיט קאלמענען בעראָש. מע איז גיך געוואָרן שיקער און קאלמען מער פון אלעמען. די אויגן האָבן זיך בא אים אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער האָט אויסגעזען, ווי א הענקער. די פלעשער זײַנען גיך ליידיק געוואָרן, און קאלמען האָט באפוילן אונטערטראָגן אנדערע. די נעקייוועס האָבן זיך איבערגעזעצט צו די מענער אף די קני. מע איז געווען אלע שיקער לאָט.

עס איז שוין געווען העט נאָך האלבער נאכט. איך בין געווען שטארק מיד. דעם טאָג בין איך געפאָרן עטלעכע מאָל קיין ברוקלין נאָך „סכוירע", ארומגעלאָפן איבער די קלייטן און אײַנגעקויפט פראָדוקטן. ביכלאל האָב איך ניט גערוט פון פארטאָג אָן. אין א פרײַער מינוט האָב איך זיך צוגעזעצט אין א ווינקל אף דער קאנאפע.

פלוצעם דערהער איך קאלמענס שיקערן געשריי:

— לאטוטניק, שטיי אוף! ווען פריצים מאכן זיך פריילעך, באדארף דער לאקיי שטיין אין געהאקטע ווונדן.

איך בין דערציטערט געוואָרן, נאָר זיך אופגעשטעלט. ניט געוואָלט מיט אים האָבן צו טאָן. צו יענער צײַט האָב איך שוין קימאט אויסגעצאָלט דעם כויוו. איך האָב שוין צו ביסלעך אָנגעהויבן פארשטיין, וואָס מע רעדט צו מיר און שוין טאקע אליין ניט שלעכט גערעדט ענגליש. איך בין אונטערגעוואקסן, געוואָרן קרעפטיקער. באשלאָסן, אז צו וועסנע־צו וועל איך פארלאָזן אָט דאָס שאנד־הויז און ווי עס געהער צו זײַן נעמען זוכן דעם ברודער.

— און איצט, פאָסטעלעמאכער, שטעל זיך אוועק צו דער טיר, זאָלן די געסט א ביסעלע לאכן.

דאָס האָט קאלאמיי פארטראכט באנײַס א קאָן. זיך איזדעקעווען איבער מיר. ער וועט ווארפן שטיקלעך שפײַז איבערן אקסל און איך זאָל כאפן. דאָס בלוט האָט מיר א זעץ געטאָן אין קאָפ ארײַן און איך האָב זיך ניט גערירט פון אָרט. קאלמען איז אונטערגעשפרונגען, צוגע־לאָפן צום שאפקעלע און ארויסגעכאפט פון דאָרט די נאהײַקע.

— צו דער טיר! — האָט ער אויסגעשריגן, — צו דער טיר!

איך האָב שוין ניט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, ווי איך וואָלט פון זינען אראָפ. מיטן פארבײַלטן פויסט האָב איך א זעץ געטאָן קאלמענען גלײַך אין פאָנעם ארײַן. ער האָט זיך א וואקל געטאָן, געוואָרן ווילד, נאָר באלד געקומען צו־זיך און מיך גענומען מיימעסן.

איך האָב א שפרונג געטאָן אפן מערדער, אים אנידערגעוואלגערט אפן דיל, און גענומען שלאָגן מיט די קולעקעס. בײַסן מיט די ציין — איך האָב ארויסגעלאָזט צו אים מײַן ביטער הארץ.

די ווײַסגווארדייער האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו מיר, נאָר זיי זײַנען געווען שיקער, און איך האָב זיי אויך געביסן און געריסן.

די נעקייוועס האָבן געקוויטשעט. בעאטריסע האָט זיך אף מיר פארמאָסטן מיט א פלאש סאמאָהאָן, נאָר געטראָפן האָט די פלאש, דעם טאטן אירן אין קאָפ ארײַן. איינע א מויד איז ארויס אין דרויסן און געמאכט א גוואלד. עס איז געקומען צו לויפן דער פאָליסמען, וואָס איז געשטאנען אף דער וואך, מיר דערלאנגט מיט דער דובינקע איבערן קאָפ, און מער געדענק איך גאָרניט. געקומען צו־זיך בין איך אין פאָליציי־באצירק. דער קאָפ האָט שטארק ווײ גע־טאָן. אף די הענט האָבן זיך געבאָמבלט אײַזערנע „בראסלעטן", נאָר עס האָט מיר ניט באנק געטאָן, עס האָט מיך נאָר פארדראָסן, האלעמײַ איך האָב ניט איבערגעריסן דעם גאָרגל אָט דער כײַע, וואָס טראָגט דעם נאָמען קאלמען.

עס האָט לאנג ניט געדרויערט און מע האָט מיך געמישפעט. די גאנצע קאָמפאניע האָט אפן געריכט שריפטלעך איידעס געזאָגט, אז בײַס זיי זײַנען געזעסן באם טיש, געטרונקען קאָקא־קאָלא און געשפילט אין פאָקער, בין איך ארײַן א שיקערער און גענומען פאָדערן געלט באם באלעבאָס. יענער האָט מיר איידל אָפגעזאָגט, מיך געבעטן, איך זאָל גיין שלאָפן, דעמלט האָב איך געכאפט א פולע פלאש און אים דערלאנגט אין קאָפ ארײַן. דער פאָליסמען האָט אפן געריכט מינדלעך באשטעטיקט, אז ווען ער איז אף די קוליעס פון א פרוי ארײַן אין לאנטש־רום, האָט ער דאָרט געטראָפן א פאָגראָם. דער באלעבאָס האָט געהאלטן אפן קאָפ א נאסן האנטעך, און צוויי מענער האָבן מיך צוגעהאלטן א שיקערן. ער, דער פאָליסמען, האָט מיך בארויִקט און אוועקגעפירט אין פאָליציי־באצירק...

קיין פארטיידיקער האָב איך ניט געהאט. דורך א ייִדישן איבערזעצער זיך אליין פארטיי־דיקט. געזאָגט, אז קאלמען איז פון אלע יאָרן א שלעכטער מענטש, א מאָסער, דערציילט, ווי ער האָט זיך איבער מיר איזדעקעוועט, אז ער האלט א שאנד־הויז און פארקויפט סאמאָהאָן,

אַז ער האָט מיך געשלאָגן מיט דער באַהײַקע, אַז אַלצדינג, וואָס די אײדעס, די ווײַסגוואַרדייער האָבן דערציילט, איז שעקער־וועקעזעוו, נאָר מײַנע רייד זײַנען דעם ריכטער אין איין אויער אַרײַן און אין אַנדערן אַרויס. קאַלמען האָט, ווײַזט אויס, גוט באַצאָלט, און מע האָט מיך געמישפּעט, געגעבן אַנדערהאַלבן יאָר טפּיסע.

...איז אָט, מײַנע טײַערע קאָלעגן פּענסיאָנערן, צו זיבעצן יאָר האָב איך פֿאַרזוכט די אַמעריקאַנער פֿרײַהײַט און די אַמעריקאַנער גערעכטיקײַט.

נאָכן מישפּעט האָב איך אַ געשריי געטאָן דעם ריכטער און דאַפּקע אַף ענגליש:

— איר זײַט אַזאַ מערדער, ווי די ווײַסגוואַרדייער.

אַנדערהאַלבן יאָר בין איך אָפּגעוועזן אין סינג־סינג[1]. אַנדערהאַלבן יאָר האָב איך געטראָגן „בראַסלעטן". איר קאָנט נאָך איצטער זען סימאָנים אַף מײַנע הענט. אַנדערהאַלבן יאָר האָט מען מיך געמוטשעט אין די שטיין־קאַריערן, געליטן פּעטש און דערנידעריקונג סײַ פֿון די וועכטער און סײַ פֿון די קרימינעלע פֿאַרברעכער. אַנדערהאַלבן יאָר בין איך געווען אָפּגעריסן פֿון דער וועלט. ניט געוווּסט, וואָס הערט זיך אין דער היים. אָפּטמאָל האָב איך געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד, נאָר דאָס געפֿיל פֿון נעקאָמע האָט גענומען די אויבערהאַנט, באַשטימט, אַז ווי נאָר איך באַפֿרײַ זיך פֿון דער טורמע, וועל איך קאַלמענען הארגענען, זאָל ער מיט זײַן בלוט באַצאָלן פֿאַר אַלע זײַנע זינד.

נאָך דעם, ווי איך בין אָפּגעזעסן דעם טערמין און מע האָט מיך באַפֿרײַט, בין איך גלײַך אַוועק קיין ניו־יאָרק מיטן ציל אויספֿילן מײַן כּיווו, ס'הייסט הארגענען קאַלמענען. ווי־אַזוי וועל איך דאָס טאָן, האָב איך ניט געהאַט קיין קלאָרע פֿאָרשטעלונג, אָדער שטעכן מיט אַ מעסער, אָדער מיט אַ שטיין אים פּלעטן דעם קאָפּ. נאָר מיר איז ניט אויסגעקומען שמירן מײַנע הענט אין זײַן פֿאַרשיווע בלוט: איך האָב זיך דערוווּסט באַם כינעזער, וואָס האָט געאַרבעט לעבן קאַלמענס מאַלינע אין אַ וועשערײַ, אַז דאָס טעכטערל זײַנס האָט פֿאַראיאָרן כאַסענע געהאַט פֿאַר איינעם אַ באַוווּסטן גאַנגסטער, אַ דזשים פּאַקס, און יענער, קעדיי ניט וואַרטן לאַנג אַף דער ירושע, האָט איבערגעפּעקלט קאַלמענען אַף יענער־וועלט. ער האָט אים פּאָשעט אָפּגעסאַמט. עס איז געווען אַ מישפּעט, עס האָט אָפּגעקאָסט שיינע עטלעכע דאָלער, און מע האָט דעם איידעק פֿאַרווישט. דאָס פֿאָרל האָט פֿאַרקויפֿט די מאַלינע און ערגעץ אַוועקגעפֿאָרן.

דער גערעכטער מישפּעט איבער קאַלמענען איז געשען, און איך האָב זיך באַרויִקט.

וואָס טוט מען אָבער ווײַטער. אין קעשענע האָב איך קיין איין דאָלער ניט.

צום אַלעם ערשטן האָב איך באַשטימט צופֿאָרן צו כאַיִם כאַנע־ראָכלס, קריגן בײַ אים אַ מאָקעם־מענוכע, ביז איך וועל זיך ערגעץ אײַנאָרדענען אַף אַרבעט: ער האָט דאָך מיר געהאַט געזאָגט, אַז אין אַ נויט זאָל איך צו אים קומען. עפּשער ווייסט ער שוין עפּעס פֿון דער אַלטער היים און פֿון מײַן מוישען. נאָר, אַז עס איז ניטאָ קיין מאַזל, באַדאַרף מען קיין יאָרן אויך ניט האָבן. ווען איך בין געקומען אַף סעקנד סטריט, האָב איך שוין כאַיִמען דאָרט ניט געטראָפֿן. אין דער באַגרעבעניש האָט געוווינט אַ פֿאַמיליע פֿון פֿיר מענטשן. זיי האָבן געזאָגט, אַז כאַיִם געפֿינט זיך אין העקדעש, ערגעץ אין אַ געסל אַף דער איסט סײַד, וואָס הייסט „פּיט סטריט".

דער העקדעש אַף פּיט סטריט האָט זיך געפֿונען אין אַ גרויסן קעלער, אַ באַלויכטענער מיט צאַנקענדיקע לעמפּלעך אונטער דער נאַסער סטעליע. דורכויסיקע צווייגאָרנדיקע נאַרעס. די קאַליקעס האָבן פֿאַרנומען דעם ערשטן גאָרן. די מער געזינטערע — דעם צווייטן. אין די קליידער, וואָס מע פֿלעגט טראָגן פֿאַרטאָג, איז מען געשלאָפֿן באַנאַכט. די לופֿט איז געווען, כאָטש האַק זי מיט אַ האַק. עסן האָט מען געגעבן אָפֿן שפּיץ מעסער, און בלויז די, וואָס פֿלעגן דאַווענען, דערויף האָבן אַכטונג געגעבן די צוגעשטעלטע שאַמאָסים.

אַרויסגיין אין גאַס כאַפּן אַ ביסל פֿרישע לופֿט איז ניט געווען ווו. די גאַס אַליין איז געווען, ווי אַ פֿינצטערע גרוב, נאָך שמעלער, ווי סעקנד סטריט.

דער נאָמען „פּיט סטריט" האָט גאַנץ ריכטיק אַנטשפּראָכן דעם אינהאַלט. „פּיט" איז אַף ענגליש אַ גרוב.

ווען כאַיִם האָט מיך דערזען, האָט ער זיך דערשראָקן און דערפֿרייט, ווי מיט אַ גאַסט פֿון יענער־וועלט. ער האָט געוויינט, מיך געקושט, זיך געפֿרייט, דערציילט, אַז ערשט אין אַ צײַט אַרום האָט ער זיך דערוווּסט, אַז איך בין אין טורמע. דער כינעזער פֿון דער וועשערײַ האָט אים דערציילט, אַז איך האָב זיך אָנגעשיקערט און געשלאָגן קאַלמענען. אַז ער, כאַיִם, איז געפֿאָרן צו מיר אין טורמע, נאָר מע האָט אַפֿילע נאָענט ניט צוגעלאָזט. אַז ווינטער האָט ער זיך אויסגעגליטשט, צעבראָכן דעם צווייטן פֿוס און באַקומען אַלע „רעכט" אַף צו באַקומען אָרט אין העקדעש, אַז פֿון מײַן ברודער מוישען ווייסט ער גאָרניט.

---

[1] אַ טורמע, באַוווּסט מיט איר שרעקלעכן רעזשים.

נאָך האָט ער דערציילט, אַז אַ פּאָר טעג פֿאַרן צעברעכן דעם צווייטן פֿוס איז פֿון דער היים אָנגעקומען אַ בריוו, נאָר וואָס מע האָט אין אים געשריבן, ווייסט ער ניט. מאַכמעס דעם בריוו האָט דער פּאָטשטאַליאָן אַרײַנגעוואָרפֿן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער, און די שטשורעס האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט דער מאַטאָנע פֿון כאַשטשעוואַטע. ווען ער איז אַהיים געקומען פֿון דער „מאָנאָפּאָליִע", האָט ער אויף דער ערד געטראָפֿן שטיקלעך און פּיצלעך, און נאָר אויפֿן פּאָסטשטעמפּל איז געבליבן פֿיר אויסיִעס: כאַ — טע — דער אָנהייב און דער סאָף פֿון כאַשטשעוואַטע.

אָט די נײַס האָט מיך זייער דערפֿרייט... הייסט עס, אַז בריוו האָבן זיך אָנגעהויבן דורכשלאָגן. איצט וועל איך אָנשרײַבן אַ בריוו אַהיים. איך וועל אָנשרײַבן, אַז איך וועל אַרבעטן מיט דער גאָלעריע, קעדיי פֿאַרדינען אויף הויצאָעס און פֿאָרן אַהיים. אָבער וואָס זאָל איך טאָן הײַנט, שוין? דערווײַל האָט מיר כאַיִם קיין אייצע ניט געקענט געבן. ער האָט נאָר געזאָגט, אַז פֿון זײַן כיילעק וועט ער אָפּשפּאָרן אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל צוקער, און אויב איך וועל ניט האָבן ווו צו נעכטיקן, איז ווו ער שלאָפֿט — לעבן דער טיר, זאָל איך זיך אַרײַנגאַנווענען און זיך צושפּאַרן לעבן אים.

...מיר ווערט אינגיכן נײַנצן יאָר. איך בין איינער אַליין. מיט איין דאָלער אין קעשענע. איך ווייס ניט, וויִאַזוי צו לעבן, וווּהין זיך אַהינטאָן. איך האָב אַרומגעשפּאַנט צווישן די הימלקראַצערס, ווי אויף אַ בעסוילעם צווישן מאַצייוועס, קיינעם בין איך ניט אָנגעגאַנגען, קיינעם האָב איך ניט געפֿעלט. איך האָב געזוכט אַרבעט, נאָר קיינער האָט מיט מיר, וואָס איז געזעסן אין טורמע, ניט געוואָלט ריידן אַפֿילע. אַרבעט וואָלט איך געוווען באַקומען, ווען איך זאָל געוועלן זײַן אַ שטרײַקברעכער, אָדער אַ גאַנגסטער. נאָר מיר איז געווען ניכער צו זוכן שפּײַז אין די מיסטקאַסטנס, איידער צו גיין אויף אַזעלכע פֿאַרדינסטן.

דאָך האָט פֿון מאָל צו מאָל זיך אײַנגעגעבן צו קריגן אַ דזשאַב[1] אויף אַ פּאָר טעג. ווי, לעמאַשל, אַרומגיין אויף שטאָלצן מיט אַ רעקלאַמע אויפֿן האַלדז, אָדער זײַן אַ דאָמב־בעל[2] באַ אַ באָקסיאָר, וואָס האָט צוויי טעג קעסיידער געפּרוּווט אויף מיר זײַנע „פֿייִקייטן" און געמאַכט פֿון מיר אַ ווײַניקן עפּל.

איינמאָל האָט מיר אָפּגעגליקט. מע האָט מיך גענומען פֿאַר אַ סטאַטיסט אין אַ קינאָ־סטודיע. דאָס איז געווען גאָרניט קיין שלעכטער „דזשאַב", נאָר ווען דער מענעדזשער האָט אַמאָל, בײַס איך האָב זיך איבערגעטאָן, דערזען די סימאָנים פֿון „בראַסלעטן" אויף מײַנע הענט, האָט ער מיר גלײַך דורכגעטריבן.

אָט אַזוי האָב איך געלעבט אין אַמעריקע.

...— און איצט, הויכגעשעצטע אָנפֿירער אונדזערע, — האָב איך זיך געווענדט צו זאָרעך שעכטיאָנו, — דערלויבט מיר הײַנט פֿאַרענדיקן. איך מוז גיין אַהיים. מײַן פֿלויגעסטע וועט זיך באַומרויִקן. איך האָב הײַנט אינדערפֿרי זיך געפּילט ניט מיט אַלעמען. אַ צווייט מאָל וועל איך...

— ניין, ליבער מויכערספּאָרימניק, — האָט מיך זאָרעך איבערגעשלאָגן, — דאָס סאַמע וויכטיקסטע האָט איר נאָך ניט דערציילט, — די מײַסע מיט מערין. וואָס פֿאַר אַן אייסעק האָסטו מיט איר געהאַט? דערצייל, דערצייל, שעם זיך ניט, מיר זײַנען היימישע מענטשן.

איך בין געבליבן שטיין, ווי אַ גוילעם. אויסגעגלאָצט די אויגן אויף זאָרעכן. ווי קומט ער צו וויסן פֿון אָט דעם סאָד? איך האָב קיינמאָל אין לעבן קיינעם ניט דערציילט וועגן דעם, אַפֿילע מײַן נאָענטסטן פֿרײַנט, מײַן כײַקעלען. געמיינט, אַז מיט דעם סאָד וועל איך אַוועק אַהין צו „שליאָמען", ווי מע זאָגט באַ אונדז אין וויניצע.

— וואָס שטייסטו, ווי אַ באָקסער אומגעוואַשן, מיסטער ווידעזאָגער? דו וווּנדערסט זיך, פֿונוואַנען איך ווייס די מײַסע מיט מערין. מיינסט, איך בין אַ נאָווי, גאָט באַוואָר. איך האָב מיט מײַנע אייגענע אויערן געהערט, ווי דו האָסט מיט דײַן אייגן מויל גערעדט וועגן מערין.

— ווען? ווו? — האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— אין קופּיינע וואַגאָן, ווען מיר זײַנען אינאיינעם געפֿאָרן קיין קיִעוו.

איך האָב צוגעזאָגט זאָרעכן, אַז די געשיכטע וועגן מערין וועל איך אומבאַדינגט דערציילן, וועגן דער מאַלפֿע, מיט וועלכער איך האָב געוווינט אין איין שטײַג אַ שטיק צײַט.

---

[1] אַרבעט.

[2] מאַנעקען.

אונדזערע מיטצבטלער

בראכע און ארן בורשטיין

פאַרפאַלקאָווניק פון מיליציע באָרים קרים

מיר האָבן זייער ליב ארומרײַזן. דאָס גאַנצע לאַנד אונדזערס זײַנען מיר אויסגעפאָרן אין דער לענג און אין דער ברייט, בלויז אין מיטל־אַזיע זײַנען מיר ביז לעערעך א יאָר דרײַ צוריק ניט געווען. פאַרוואָס? מיטל־אַזיע האָט א שעם פון א בלײַענדיקן סאָד, פול מיט זון — קימאַט דער הייפּעך פונעם קאַלטן אוראַל, האָבן מיר, אוראַלער אײַנוווינער, בעפּיירעש מוירע געהאַט זיך לאָזן אין אַזא נעסיִע, זיך געשראָקן אײַנטונקען זיך פּלוצעם אין די דאָרטיקע היצן.

ווער ווייסט, ווי לאַנג ס׳וואָלט נאָך אַזוי געדויערט, ווען ניט א גליקלעכער צופאַל: מע האָט אונדז פּאַשעט געשיקט אהינצו אין א קאָמאַנדירונג. האָבן מיר שוין, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט קיין אַנדער ברייִרע, ווי אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן זיך ארײַנזעצן אין אעראָפּלאַן און זאָל זײַן אין א מאַזלדיקער שאָ. און כאָטש מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך די מוירע פאַר דער דאָרטיקער היץ, דאָך זײַנען מיר געווען צופרידן, וואָס מיר פליִען אהין. מאַכמעס ערשטנס, האָבן מיר אין טאַשקענט אייגענע. טאַקע זייער נאָענטע, לײַבלעכע גוטעפרײַנט, וועלכע זײַנען פאַרבליבן דאָרט נאָך פון דער מילכאָמע אָן און מיט וועמען מיר האָבן זיך ניט געזען קימאַט דרײַסיק יאָר. און, צווייטנס... האַקלאַל, דער זעלטענער צופאַל האָט אונדז זייער צוגעטראָפן.

פון פרונזע האָבן מיר אָנגעקלונגען קיין טאַשקענט צו אונדזער שוועסטערקינד עלא קרים. זי איז א פרויען־דאָקטער, אַרבעט אין א געבורטהויז און דעריבער איז זי אָפּטמאָל גאַנצע מעסלעסן ניטאָ אין דער היים. מיטן מאַן אירן האָבן מיר זיך נאָך קיינמאָל ניט געזען. באַקאַנט זײַנען מיר נאָר דורך זייער זעלטענע בריוו. זייער זעלטענע, מאַכמעס פאַר אונדז שרײַבן בריוו איז געוואָרן א שווערע האַלאָכע. זיי, די קריסעס הייסט עס, וואָלטן עפּשער יאָ אונטערגעהאַלטן די פאַרבינדונג, נאָר אַז מע באַקומט ניט פון אונדז כאַדאָשימווײַז קיין אײַנגעטונקטע פען, ווערט מען בעמיילע אויך צוגעוווינט.

אינעם טאָג פון אונדזער אָנקומען קיין טאַשקענט האָט עלא פונקט דעזשורעט אין געבורטהויז און איז ניט בעיאַד געווען צו קומען אונדז באַגעגענען. זי האָט געהאַט דערפון גרויס אַגמעסנעפעש. קעדיי מיר זאָלן ניט בלאָנדזשען, האָט זי אונדז געגעבן א סימען: בא זייער טיר דאַרפן שטיין שיפן. ווי קומען שיפן צו א געבײַדע אין דער מיט שטאָט, און נאָך אין אַזא קראַך ווי טאַשקענט, האָבן מיר דאַפקע ניט פאַרשטאַנען. נאָר אויף קיין קאַשע פרעגט מען ניט קיין שײַלע.

דאָס הויז האָבן מיר געפונען גאַנץ לײַכט, אָבער מיט דער דירע האָט זיך טאַקע געטראָפן א מעגניִע: אין פאַראַדנע האָט מען אָפּגעפרישט די פאַרב אויף די ווענט און אויף די טירן און נאָך ניט באַוויזן צוריק אויפשטעלן די פאַרפאַרבטע נומערן פון די דירעס. מיר האָבן זיך הילפלאָז אַרומגעקוקט און זײַנען שוין גרייט געווען קלאַפּן צו שכיינים, זיך אָנפרעגן, נאָר פּלוצעם האָט זיך אונדז א וואָרף געטאָן אין די אויגן א פאָר מאַנצבלשע שיך לעבן איינער פון די טירן. און וואָס פאַר א שיך!.. וווּנדערבאַר מאָדעלנע, שיינע, אָבער אומגעלומפּערט גרויסע — געוויס ניט קלענער פון דער זיבן־און־פערציקסטער — אַכט־און־פערציקסטער מאָס, און דאָ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן: שיפן! יאָ, דאָס זײַנען אַוודע די שיפן, וועגן וועלכע ס׳האָט אונדז געזאָגט עלא. דאָס שטייען זיי זיך און וואַרטן געדולדיק אויף זייער באַלעבאָס. קיין פרעמדער טשעפּעט זיי ניט: ווער דאַרף עס האָבן אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע „שיפן”? יאָ, אָן קיין שום סאָפעק, אָט דאָ איז עס, און מיר האָבן אָנגעקלונגען.

די טיר האָט געעפנט א הויכער מאַנצבל אין די מיטעלע יאָרן מיט א געשטאַלט פון שימשן־האַגיבער, אָנגעטאָן איז ער געווען אין א לײַכטן ספּאָרטיוון מאַלבעש. ער האָט אונדז העפלעך פאַרבעטן אַרײַנגיין. דאָס גוט באַקאַנטע, לויט די פאָטאָגראַפיעס, פּאָנעם פונעם באַלעבאָס (און קלאָר, אַז דאָס איז געווען באָריס לייזעראָוויטש קריס) האָט זיך מאַמעש געלויכטן, אויף די ליפּן האָט געשפּילט א ברייטער וואַרעמער שמייכל.

— ברוכים האבאים! — האָט ער אונדז פּריַינט־לעך באַגריסט.

באַריס איז געווען אין שטוב אַליין. די קינ־דער האָבן, קענטיק, נאָך ניט באַוויזן אומקערן זיך פון דער שול. שוין אין די ערשטע רעגעס פון אונדזער פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט האָבן מיר זיך דערפילט מיט אים זייער היימיש, ווי ס'קאָן נאָר געמאָלט ווערן צווישן גאָר אייגענע מענטשן. ביז מיר האָבן זיך געזעצט מיט ברענגען זיך אין אָרדענונג פון וועג, האָט באַ־ריס זיך פאַרנומען דערוויַיל מיט שטוב־אַרבעט. מיר האָבן באַוויזן צו באַמערקן, אַז צו וואָס ער האָט זיך נאָר צוגערירט, האָט זיך בא אים באַ־קומען פלינק און גוט, ווי געוויינלעך, בא א גע־ניטער באַלעבאָסטע. בייסמיַיסע האָט ער ניט פאַרגעסן, אַז עס זיַינען געקומען צו אים געסט און דארף זיי ווי געהעריק אופנעמען.

— ווי זשע דען אנדערש? — האָט ער זיך אָב־געדופן, ווען מיר האָבן ניט אויסבאַהאַלטן פון אים אונדזער פאַרכידעשונג, וואָס א מאַנצבל איז אזוי געניט אין דער באַלעבאַטישקיַיט. — דאָס וויַיב דעזשורעט אָפּט, קומט צו גיין א מידע, זי דארף אָפּעסן, זיך אויסרוען, און קינדער מוז מען דאָך אויך באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן. איז אז עס גיט זיך מיר איַין, ווי איך זאָל ניט זיַין פאַר־נומען מיט מיַינע איניאַנים, האָבן א געלעגנהיַיט צו פאַרביַיטן עלען, פאַרשפּאָרן איר עפּעס אַן אַרבעט, בין איך זייער גערן אָט די געלעגנהיַיט אויסנוצן.

ס'איז געקומען עלאַ. זי איז געווען בלייכלעך, אויסגעזען פאַרמאַטערט. געוויס דארף טאַקע אזוי זיַין נאָך א וואַכדיקער נאַכט און א גאַנצן אַרבעטסטאָג. ס'האָט זיך געפילט, אַז זי איז א ביסל אופגערעגט, נאָר די שיינע גרויע אויגן אירע האָבן געקוקט רויִק.

דערפאַר איז דער מאַן ניט געווען רויִק.

— עפּעס האָט געטראָפן? — האָט ער גע־פרעגט.

— ניין, די דעזשורסטווע איז געווען א שווע־רע. איינע האָט געהאַט א צווילינג, אַן אנדע־רער האָט מען געמוזט מאַכן קעסעראַוווע...

— נו, און...

— בעשאָלעם, אַלץ אין אָרדענונג. אויסגע־צייכנטע קינדערלעך.

אָט אזוי האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל זיך נע־ענטער באַקאַנט מיט אונדזערע טאַשקענטער קרויווים. אַבי א שטעגל, ווי מע זאָגט, דורכגע־טראָטן. וויַיטער האָט דער גורל געוואָלט, מיר זאָלן באַזוכן טאַשקענט גאַנץ אָפּט, און יעדעס מאָל נעמען אונדז אוף די קרויווים קעיאַד האַ־מעלעך, מיטן גאַנצן הארצן. נאָר סיַיווי הערט אונדז ניט אוף צו כידעשן — זייער לעבנסשטיי־גער. אין שטוב איז אויסערגעוויינלעך ציכטיק־רייַין. און פירן פירט מיט דעם דאָפּקע אָן דער ראָש־האַמישפּאָכע, באַריס קריס. אָבער ניט דאָס איז דער איקער. דאָס גאַנצע געזינד, פון קליין ביז גרויס, האַלט שטרענג אונטער דעם איַינ־געשטעלטן סיידער און פילן אים אויס מיט גרויס פאַרגעניגן. טאָגטעגלעך גאָנצפרי, ווי עס הייבט נאָר אָן צו שאַריַען, שטייט פריַער פון אַלעמען אוף פעליקס — דער בכאָר, א באָכער מיט א סאַך גוטע מיַילעס, וואָס פיל פון זיי האָט ער געוויס אָפּגעיאַרשנט באַם פאָטער, וועלכן ער פאַרגעטערט מאַמעש. שטילינקערהייט, קע־דיי קיינעם ניט אופוועקן פאַר דער ציַיט, גאַנ־וועט זיך פעליקס דורך אין דער לאָדזשיִע, צע־עפנט אַלע פענצטער און נעמט זיך פאַר די האַנ־טעלעס: ער וויל וואָס גיכער דערגרייכן דעם פאָטער אין דער גוורע און טרענירט זיך מיט מעסירעסנעפּעש. א גוטע האַלבע שאָ האַסטיקע איבונגען. נאָר דערמיט פאַרענדיקן זיך נאָך ניט זיַינע איבונגען. אויך שטילערהייט, כאָטש אַלע זיַינען שוין אָף די פיס, שפּרינגט ער אַרויס אין דרויסן און זעצט דאָרט פאָר זיך טרענירן. ווען פעליקס קערט זיך אום, איז שוין וויקוליע, דאָס טעכטערל, געוואַשן און פאַרקעמט. מע דאַרף זיך צוַילן. דאָס גאַנצע געזינד עסט אָפּגיך אָפּ, און מע צעלויפט זיך: די קינדער — אין שול אריַין (זיי גייען אַרויס די ערשטע), די על־טערן — אין זייערע אַנשטאַלטן.

די קינדער זיַינען פון פּיצעלעכוויַיז אָן צוגע־וווינט צו זעלבשטענדיקיַיט, בייַידע לערנען זיך נאָר אָף אויסגע־צייכנט (וויקוליע אפילע אין צוויי שולן: אין אַן אַלגעמיינער און אין א מוזיקאַלער), בייַידע העלפן גערן צו די עלטערן אין דער שטוב־אַרבעט, מע דאַרף זיי וועגן דעם ניט דערמאָנען.

ב. קריס אין זיַין אַרבעטס־קאַבינעט.

אין די פריַיע טעג האָט באַריס אונדז אַרומגעפירט אין זיַין „זשי־גולי" איבער דער שטאָט, באַקאַנט מיט טאַשקענט. און א מאָדנע זאַך: די גאַנצע ציַיט, אויסער דער שטוב, פלעגט ער אומעטום, וווּהין מיר זיַינען געפאָרן, נע־מען מיט זיך זיַין מיליציאָנער־היטל.

— צוליב וואָס? ביסט דאָך ניט אַף דינסט איצט.

— א מיליציאָנער איז קיינמאָל ניט פרײַ פון אויספילן זײַנע פליכטן. — און גיט באלד צו: — א מענטשן, וואָס ארבעט אין מיליציע, דאַרף איך אײַך זאָגן, קאָן מען פארגלײַכן מיט א רויפע. א מיליציאָנער און א דאָקטער דאַרפן שטענדיק זײַן גרייט קומען צו הילף. אנדערש טויגן זיי ניט פאַר דער דאָזיקער ארבעט.

און באָריס דערציילט אונדז א געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים גופא.

ס'איז געווען נאָך דעמלט, ווען ער האָט ערשט געהאַט פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט און איז לויט זײַן אייגענעם ווילן אָנגעקומען אין מיליציע. אין א זומערדיקן אָפּדערנאכט האָט ער זיך אומגעקערט פון גאַסט אַהיים. אָנגעטאָן איז ער געווען ציוויל, און קיין געווער האָט ער מיט זיך ניט גענומען. ס'האָט געבלאָזן א גרינג ווינטל, די שטיקנדיקע היץ איז אַראָפּ, די שטימונג איז געווען א געהויבענע. דאָס שטיקל פּלאַץ בא דעם טראַמווײַ־אָפּשטעל איז געווען גוט באַלויכטן, און די פּאָר צענדליק מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט אַפן טראַמווײַ, האָבן לעבהאַפט געשמועסט, זיך געטיילט מיט די אײַנדרוקן וועגן דעם נײַעם ספּעקטאַקל אין רעפּובליקאַנישן טעאַטער, וואָס זיי האָבן הײַנט געזען. לעבן באָריסן איז געשטאַנען א יונגע מעובערעסע פרוי. זי איז, אַפּאָנעם, געווען אַליין און האָט אין קיינע שמועסן ניט אָנטיילגענומען. דער טראַמווײַ האָט זיך ערגעץ פאַרזאַמט. קריס איז אָפּגעגאַנגען אין א זײַט אַף א ווײַלע — אים האָט זיך פאַרגלוסט אויסטרינקען א גלאָז וואַסער. פאַר די עטלעכע מינוט פון זײַן אָפּוועזנהײַט האָט, דאַכט זיך, גאָרניט געקאָנט פּאַסירן, נאָר עפּעס האָט זיך פּאָרט דאָרטן איבערגעביטן. לעבן דער מעובערעסער פרוי האָט ער דערזען שטיין א פּאָר געזונטע פּאַרשוינען. זיי האָבן צו איר געטשעפּעט, און איינער פון זיי האָט זי א גלעט געטאָן באַם בויך. די פרוי האָט אים גלײַך א פּליאַסק געטאָן אין פּאָנעם.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — איז קריס צוגעשפּרונגען צו זיי.

די כוליגאַנעס האָבן זיך גלײַך איבערגעוואָרפן פון דער פרוי אַף קריסן, און טייקעף, ווי פון אונטער דער ערד, זײַנען ארום אים אויסגעוואַקסן נאָך עטלעכע כוצפּעדיקע יונגעלײַט. דאָס ווײַבל איז געבליבן שטיין אַפן אָרט בלאַס און שטאַרק איבערגעשראָקן. די קויכעס זײַנען געווען ניט צו פאַרגלײַכן: פון איין זײַט — א יונגערמאַן, וואָס האָט געדאַרפט באַשיצן א טראָגעדיקע פרוי, פון דער אַנדערער — עטלעכע געזונטע יונגאַטשעס, און ניט אויסגעשלאָסן, אַז זיי זײַנען באַוואָפנט. וואָס טוט מען? ווען ער איז אַליין, וואָלט פאַר אים אַזאַ פראַגע ניט געשטאַנען: ער האָט גוט באַהערשט די טעכניק פון סאַמבאָ און וואָלט אָן קיין שום ספק געוויוּנען די כוליגאַנעס. אָבער אַזוי... דאָ איז ענדלעך אָנגעקומען דער טראַמווײַ. קיין צײַט צו טראַכטן איז ניט געווען. באָריס האָט באַשטימט באַגלייטן די פרוי, ער האָט איר געהאָלפן זיך אופהייבן אין וואַגאָן און איז אַליין אויך אַהין ארײַן. די יונגאַטשעס זײַנען לעכאַטשילע געבליבן ווי צעמישט, אָבער באַלד זיך געפונען און אויך זיך ארײַנגעשטופּט אין טראַמווײַ דורך אַן אַנדער טיר.

פאָרן האָט מען געדאַרפט ווײַט, אין דער אַלטער שטאָט. ווידער האָט מען געמוזט זיך באַטראַכטן: וואָס טוט מען? און דאָ איז אין וואַגאָן ארײַן א מיליציאָנער. באָריסן איז אַראָפּ א שטיין פון האַרצן. ער איז צוגעגאַנגען צום מיליציאָנער, זיך פאָרגעשטעלט, אין עטלעכע קורצע ווערטער אים דערקלערט, אין וואָס עס גייט, און געבעטן, ער זאָל זיך ארײַנמישן: פאַר דער מיליציע־פאָרמע וועלן די כוליגאַנעס געוויס האָבן אָפּשײַ און וועלן אָפּשטיין פון דער פרוי.

דער מיליציאָנער האָט אָבער רעאַגירט גאָר אומגעריכט. ער האָט געזאָגט, אַז זײַן ארבעט אַף הײַנט האָט זיך שוין פאַרענדיקט, קיין פרײַע צײַט האָט ער ניט. אָט דעמלט טאַקע האָט באָריס כאַראָטע געהאַט, וואָס ער איז אָן דער פאָרמע. פון דעמלט אָן צעשיידט זיך ניט באָריס אין קיין שום פאַל מיט זײַן פאָרמע.

מיר האָבן אים אויסגעהערט זייער אופמערקזאַם.

-- נו, און אָט דער סימען אַף דער אייבערשטער ליפּ וואָס באַטײַט?

— דאָס איז א געשיכטע נאָך פון דער יוגנט, ווען איך האָב זיך באַכערווײַז פאַרנומען מיט ספּאָרט. צו מײַן ארבעט אין דער מיליציע האָט דאָס לעגאַמרע קיין שום שײַכעס ניט...

אָט אַזאַ איז ער, אונדזער קאָרעוו, א קאָמוניסט, א הויכגעבילדעטער יוריסט, א לערער פון קרימינאַליסטיק, פּאָדפּאָלקאָווניק פון מיליציע באָריס קריס.

צוגאסט בא די קאָמי=פּערמיאקעס

בישכיינעס מיט אונדז, אין פּערמער געגנט, לעבן קאָמי־פּערמיאַקעס, — א פאָלק, וואָס זײַן לאָשן איז גאָר ניט ענלעך צו דער מערהײַט לעשוינעס, וואָס ארום זיי. די הײַנטצײַטיקע אויספאָרשונגען באַווײַזן, אַז די קאָמי־פּערמיאַקישע שפּראַך איז גאַנץ נאָענט צו אונגאַריש. די סיבע פון דעם איז נאָך ביז הײַנט א רעטעניש. דאָס פאָלק היט שוין יאָרנלאַנג אָפּ זײַן לאָשן און די אייגנאַרטיקע קולטור. די באַרימטע פּערמער הילצערנע געטער, אַשטייגער, זײַנען באַוווּסט דער גאַנצער קולטורעלער וועלט. אָבער נאָר בא דער סאָוועטנמאַכט האָבן

בראָכע בורשטיין (די צווייטע פון לינקס) בא מ. קאַראָוויַעוואַ

די קאָמי־פּערמיאַקעס באַקומען די מעגלעכקייַט פאַר עמעסער אַנטוויקלונג פון זייער אָריגינע־לער שפּראַך. אַגעוו, האָט דער קאָמי־פּערמיאַ־קישער „אַלעפבייז", וואָס איז לעצטנס דאָ אַרויסגעגעבן געוואָרן, אויסגענומען הייַנטיקס יאָר אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער ביכער־אויס־שטעלונג אין לייפּציג און איז אָפּגעמערקט גע־וואָרן מיט א בראָנזענער מעדאַל. די קאָמי־פּערמיאַקעס האָבן אַן אייגענעם טעאַטער, גיבן אַרויס ביכער אַף מאַמעלאָשן, פירן א פולבלו־טיק אינטערעסאַנט לעבן. האָט זיך אונדז זייער געוואָלט צופאָרן קיין קודימקאַר — דער הויפּט־שטאָט פון קאָמי־פּערמיאַקער נאַציאָנאַלן קרייַז, פון אונדז איז עס בא דריטהאַלבן הונדערט קי־לאָמעטער. מיטן אויטאָבוס דויערט דאָס פאָרן אַהין פינף שאָ אַן ערעך.

אַזאַ געלעגנהייַט האָט זיך טאַקע דאָ ניט לאַנג געמאַכט: מע האָט אונדז אייַנגעלאַדן אַף א יאָמטעוו — דעם דריטן יאָרצייַט פונעם באַוווּסטן קאָמי־פּערמיאַקישן דיכטער סטעפּאַן קאַראָוויַ־עוו, איינעם פון די גרונטלייגער פון דער סאָ־וועטישער קאָמי־פּערמיאַקישער ליטעראַטור. פאַרבעטן האָט אונדז קאַראָוויַעווס בעניאָכיד איוואַן סטעפּאַנאָוויטש, אַן אינזשעניער, אונדז־זערער א מיטאַרבעטער און גוטערפרייַנט. קיין קודימקאַר זייַנען מיר טאַקע געפאָרן אינייינעם מיט אים.

דער אויטאָבוס האָט אונדז געבראַכט אַהין אַרום עלף אַזייגער אין אָוונט, נאָר אין דרויסן איז נאָך געווען גוט ליכטיק, די לופט — לוי־טער און דופטיק, ווי אין א וואַלד, כאָטש קו־דימקאַר איז א שטאָט, און מאַשינעס זייַנען דאָ אויך ניט קיין נאָווינע. פאַרפאָרן זייַנען מיר צו די קאַראָוויַעווס.

די באַלעבאָסטע, וואָס האָט אונדז אַזוי גוט־פרייַנטלעך אויפגענומען, איז קאַראָוויַעווס אַל־מאָנע מאַריַע פּעטראָוונע, דעם דיכטערס לעבנס־כאַווער, זייער א צוגעלאָזטע, אַנגענעמע פרוי. איצט איז זי שוין אַף פּענסיע; דרייַ און דרייַסיק יאָר נאָכאַנאַנד האָט די קאָמי־פּערמיאַקערן מ. פּ. קאַראָוויַעוואַ אָפּגעאַרבעט אין איין שול, לערנענדיק קינדער און דערנאָך — די קינדס־קינדער שפּראַך און ליטעראַטור. בא הייַנטיקן טאָג איז זי אויך נאָך א געזעלשאַפטלעכע טוערן. זעלטן־ווען סע שווייַגט בא איר דער טעלעפאָן: אָדער עמעצער ווענדט זיך צו איר מיט עפּעס, אָדער זי קלינגט אַליין צוליב עמעצן אין פאַרשיידענע אַנ־שטאַלטן. מע קלינגט צו איר פון פּערם, און זי קלינגט קיין סווערד־לאָווסק צום מאַנס א קאָרעוו קליעשטשין, א קאָמפּאָזיטאָר, מיט וועמען קאַראָוויַעוו האָט בעשוט־פעס געשאַפן ניט איין ליד.

מאַריַע פּעטראָוונע איז מאַק־פּיד אונטערהאַלטן די שטוב, ווי בא סטעפּאַן איוואַנאָוויטשעס לעבן. דער אַל־קער — א ליכטיקער, מיט צוויי פענצטער — איז אייַנצייַטיק א קאַבינעט. דאָרט שטייט א שרייַבטיש, די ביבליאָטעק געפינט זיך אויך דאָרט. די פּאָליצעס איבער דער גאַנצער וואַנט זייַנען פונעם דיל ביז דער סטעליע פאַרפולט מיט קאָמי־פּערמיאַקישע און רוסישע אויסגאַ־בעס (אויך רוסישע איבערזעצונגען פון ייִדישע ווערק).

צום טיש האָט די באַלעבאָסטע געשטעלט א גרויסאַרטיקן קיבעד — געשמאַקע מייַכאָלים פון געטריקנטע ווייַסע שוועמלעך. נאָר דער „צי־מעס" פונעם מאָלצייַט איז געווען אינעם אייַנ־געמאַכטס. ניין, ס'איז, אייגנטלעך, גאָר ניט קיין אייַנגעמאַכטס, ס'איז גיכער צו זאָגן — פרישע פּאָזעמקעס אין צוקערנעם סיראָפּ. פאַראַיאָריקע, אָבער דופטיק און באַטאַמט — ווי ערשט צוגע־גרייטע.

אַף מאָרגן, אין דעם טאָג פון יאָרצייַט, איז זיך בא די קאַראָוויַעווס צונויפגעקומען א גרוי־סער אוילעם: אייגענע און גוטעפרייַנט פון זיי־ער מישפּאָכע. דאָס צונויפקומען פון די געסט האָט אויסגעזען ווי א טראַדיציאָנעלער ריטואַל לעקאָוועד דעם אָנדענק פונעם דיכטער: אַלע זייַנען אָנגעקומען קימאַט אין איין צייַט, א טייל פון די געסט האָט שוין באַוויזן אינדער־פרי זייַן אָפּן בעסוילעם. נאָך דער סודע זייַנען פאַרבליבן בלויז די סאַמע נאָענטסטע, בעסוי־כעם מיר ביידע.

בענעגייע אונדז האָט מען אַרויסגעוויזן עפּעס א מין באַזונדער ליבהאַרציקייַט. מע האָט אונדז אויפגענומען ניט נאָר ווי גוטעפרייַנט פון קאַראַ־וויַעווס זון. מע האָט אין אונדז געזען פאָר־שטייער פון דער ברידערלעכער ייִדישער ליטע־ראַטור. און „שולדיק" אין דעם איז בעפּייִרעש איוואַן סטעפּאַנאָוויטש: דאָס האָט ער מוידיַע געווען אין קודימקאַר, אַז מיר שרייַבן אַף ייִדיש. און מע איז דאָרט זייער גערן געווען זיך פאַרזענלעך באַקאַנען מיט אונדז. דאָס האָט אונדז בעעמעס שטאַרק האַנאָע געטאָן.

אַרום די צוויי גרויסע צונויפגערוקטע טישן

איז געווען ענג פֿון געסט. אונדז האָט מען מעכאַבעד געווען מיטן אויבנאָן. באַנאַנד זײַנען געזעסן די בעקאָוועדיקע קאָמי־פּערמיאַקישע שרײַבער ספּירידאָן מאָזשײַעוו, איוואַן מינין, וואַלעריאַן באַטאַלאָוו. מאָזשײַעוו איז אַ דראַמאַטורג. זײַנע ווערק שטעלט אײַן קודימקאַר דער קאָמי־פּערמיאַקישער טעאַטער.

די באַלעבאָסטע האָט געהאָוועט אַרום די געסט, געהאָלפֿן האָבן איר די שכיינעס — מע האָט געקאָכט, געבאַקן, אַליין צוגעגרייט און אַרײַנגעבראַכט קאָלערליי געשמאַקע מײַכאָלים. לויטן פֿאַרלאַנג פֿון די באַלעבאַטים, האָבן מיר געמוזט צוגרייטן אַ ריין נאַציאָנאַלן קאָמי־פּערמיאַקישן מײַכל — קרעפּלעך מיט געהאַקטע ווײַסע שוועמלעך. „פּעל־ניאַנעס" הייסט דאָס אויף זייער לאָשן, און אַ סוואָרע, אַז דאָס רוסישע וואָרט „פּעלמעני" שטאַמט טאַקע פֿון דאָרטן. האַלעמײַ זאָלן מיר לייקענען, די קרעפּלעך האָבן זיך באַ אונדז באַקומען זייער באַטאַמטע.

דער מאָלצײַט איז דורכגעגאַנגען מיט גרויסן אָפּשײַ פֿאַרן אָנדענק פֿונעם דיכטער. מיט האַרציקע ווערטער איז אַרויסגעטראָטן דער עלטסטער באַם טיש ס. אַ. מאָזשײַעוו. נאָך דער סודע איז דער גאַנצער עולם אַוועק צופֿוס אויפֿן בעסוילעם. דאָרט, אויף אַן אָנזיכטיקן שיינעם אָרט, געפֿינט זיך ס. אי. קאַראַווײַעווס קייווער. אינעם אייבערשטן טייל פֿונעם דענקמאָל זײַנען זייער דײַטלעך אויסגעקלאַפּט עטלעכע שורעס פֿון זײַנער אַ ליד. גייענדיק אויפֿן פֿעלד און צוריקוועגס, האָבן מיר מיט מאָזשײַעוון געהאַט אַן אינטערעסאַנטן וויקועך מיקויעך דער אַנטוויקלונג פֿון די ברידערלעכע ליטעראַטורן פֿון קליינע פֿעלקער.

אָפּדערנאָכט האָט מאַריִע פּעטראָוונע אונדז מודיִע געווען:

— מאָרגן גייען מיר צו דער מאַמען.

איוואַן סטעפּאַנאָוויטש האָט אונטערגעהאַלטן:

— יאָ, צו דער מאַמען.

— ?!

אַז מאַריִע פּעטראָוונע פֿאַרמאָגט נאָך אַן אַלטע מאַמע, האָבן מיר, פֿאַרשטייט זיך, געוווּסט, אָבער פֿאַרוואָס דריקט זיך אַזוי אויס איוואַן סטעפּאַנאָוויטש בענעגייע צו זײַן באָבען, רופֿט זי אויך „מאַמע"? שוין פֿאַרן שלאָפֿן גיין האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז פֿון סטעפּאַניטשן (אַזוי רופֿן מיר איוואַן סטעפּאַנאָוויטשן צווישן זיך) האָבן מיר קיינמאָל ניט געהערט, ער זאָל געווען אַמאָל אָנרופֿן סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן אָדער מאַריִע פּעטראָוונען „טאַטע" צי „מאַמע"; מאַריִע פּעטראָוונעס שוועסטער, ברידער, שוועגערן רופֿט ער נאָר לויט די נעמען נאָך.

לעכאַטכילע האָבן מיר זיך מעיאַשעוו געווען, אַז דאָס איז, ווײַזט אויס, אַזאַ מינהעג באַ די קאָמי־פּערמיאַקעס, ווי באַ די אַמעריקאַנער, לעמאָשל. דאָרט רופֿן אָן די קינדער זייערע טאַטע־מאַמעס אויך באַ די נעמען. און דאָ האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז באַטאָג, ווען מאַריִע פּעטראָוונעס ייִנגערע שוועסטער אַגניִע האָט דערהערט, ווי מיר ווענדן זיך צו איוואַן סטעפּאַנאָוויטשן, האָט זי אויף אונדזער „סטעפּאַניטש" עפּעס מאָדנע אַ שמייכל געטאָן און פֿאַריכט: „פּעטראָוויטש". און אַזויווי זײַן מוטער מאַריִע פּעטראָוונע איז אויך געווען דערבײַ און האָט צוגעשוויגן, האָבן מיר אויף דעם ניט איבעריקס געלייגט קיין אכט. אָבער איצט האָט זיך צו אונדז שוין אַרײַנגעגאַנוועט אַ כשאַד. ווײַטער — מער: מיר האָבן אָפּגעמערקט, אַז סטעפּאַניטש איז גאָר נישט געראָטן ניט אין סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן, ניט אין מאַריִע פּעטראָוונען. וואָס זשע דאַרף עס באַטײַטן?

די קאַראַווײַעווס שטוב שטייט אויף אַ באַרג אין דער „נײַער שטאָט"; אונטערן באַרג ליגט די „אַלטע שטאָט" — אַ גרויסער שטעטל, אָנגעפּילט מיט גרויע, מערסטנטייל הילצערנע געבײַדעס. אין איינער פֿון איר וווינט די מאַמע מיט איר טאָכטער אַגניִען און אַגניִעס קינדער. אינמיטן שטוב, „אין אַ ווינקעלע", שטייט אַ גרויסער רוסישער אויוון מיט אַ צוגעשטעלטער צו אים הרובע. דער אויוון צעטיילט די שטוב אויף דרײַ צימערן: אַ פֿאָרהויז, אַן עסצימער און אַן אַלקער. ווען מיר זײַנען אָנגעקומען, האָט זיך אַגניִע פּעטראָוונע געייסעקט אַרום אַ באַקדייזשע מיט ראָשטשינע און איוואַן האָט געהייצט דעם אויוון. פֿריילעכע העלע פֿײַערלעך האָבן טאַנצנדיק געלעקט די בערעזענע שײַטלעך, און זיי האָבן הילכיק אונטערגעקנאַקט, געערן אומקערנדיק די מענטשן די אָנגעזאַמלטע פֿאַר זייער לאַנג לעבן היץ פֿון דער זון.

אַגניִע פּעטראָוונע איז אויך אויף פּענסיע, זי האָט שוין אייניקלעך, נאָר זען זעט זי בעפּייִרעש אויס ייִנגער פֿון איר עלטערער טאָכטער. און באַרירעוודיקער אויך. און פֿלינק, מאַמעש ווי קוועקזילבער. קיין רעגע רוט זי ניט אײַן. זי איז אַן אַגענט פֿון סאָציאַלער סטראַכירונג. קאַיאָר, אַרום זעקס אינדערפֿרי, קאָלזמאַן מע קאָן נאָך פֿאַרכאַפּן די אַרבעטסלײַט אין דער היים, באַווײַזט זי באַזוכן אַ מאַמאָשעסדיקע צאָל הײַזער פֿון אירע קליענטן. אין אַ צוויי שאָ אַרום ווערט זי באַפֿרײַט, קערט זיך אום אַהיים, ברענגט אין אָרדענונג אירע פּאַפּירן און פֿאַרנעמט זיך מיט איר גרויסער באַלעבאַטישקײַט.

אַגניִע פּעטראָוונען האָבן מיר געטראָפֿן אין אַ לײַוונטענעם, אויסגעוועבטן מיט שיינע נאַציאָנאַלע אָרנאַמענטן אָנצוג. זי האָט זיך דערפֿרייט מיט אונדזער אָנקומען און געשיקט רופֿן די מאַמע.

אין אַ ווײַלע אַרום איז פֿונעם אַלקער אַרויסגעגאַנגען גאָר אַן אַלטיטשקע, נאָר וועדליק די יאָרן נאָך אַ קרעפּטיקע באָבעשי מיט דיקעברילן. זי האָט זיך האַרציק געגריסט מיט אונדז. דאָס איז געווען די מאַמע. אָבער וועמענס מאַמע? פֿון אַלע אירע קינדער, אויב עמעצער איז יאָ געראָטן אין איר, איז דאַפֿקע... סטעפּאַניטש.

אַנטפּלעקט האָט אונדז די רעטעניש אַגניִע, וועלכע האָט אונדז מעכאַבעד געווען מיט לאַטקעס, וואָס זי האָט בעשאַסמײַסע געבאַקט אין אויוון, און דערבײַ דערמאָנט, אַז מע דאַרף זיי טונקען אין צעשמאָלצענער פּוטער און האָניק. אַגניִע האָט אונדז אויסגעגעבן דעם „סאָד": די מאַמע אירע פֿאַרמאָגט פֿינף טעכטער און צוויי

זין. אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען זי האָט געהאַט די מיזינקע, איז זי נאָכן קימפּעט שטאַרק קראַנק געוואָרן, לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך. ס'האָט געטראָפן, אַז פּונקט אין יענער צײַט איז איר מאַן, דער פֿאָטער פֿון די קינדער, אומגעקומען, און זי האָט דאָס ניט געקאָנט איבערלעבן. זי איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט, קיינע דאָקטוירים און רעפֿועס האָבן איר ניט געהאָלפֿן. ווען זי האָט זיך דערפֿילט שוין גאָר אײַנגאַנצן ניט גוט, האָט זי געשיקט נאָך איר עלטערער טאָכטער מאַשען — יענע איז דעמלט געווען שוין אַ כאַסענע־געהאַטע — און איר געבעטן, זי זאָל נעמען צו זיך און דערציִען דאָס ברודערל וואַניע. מאַשע האָט איר געגעבן דאָס וואָרט, און מיט דעם האָבן זיי זיך צעזעגנט.

אַזוי איז וואַניע בײַ זײַנע צוויי יאָר געוואָרן פֿון סטאַרצעוון — קאַראַווײַעוו און פֿון פּעטראָוויטשן — סטעפּאַנאָוויטש. ער איז אויסגעוואַקסן בײַ די קאַראַווײַעווס, ווי אַן אייגענער זון (קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט), באַקומען הויכבילדונג, פֿאַרפֿירט אַן אייגענע מישפּאָכע. אַזוי־ווי מאַשע איז די עלטסטע פֿון אַלע קינדער, האָט איר מאַן סטעפּאַן איוואַנאָוויטש אויסגעהאַלטן אירע שוועסטער און ברידער, געהאָלפֿן זיי אַלעמען שטעלן זיך אויף די פֿיס. סטעפּאַניטש האַלט קאַראַווײַעוון פֿאַר אַ פֿאָטער, נאָר פֿון דער דאָזיקער געשיכטע מאַכט קיינער קיין שום סאָד. ווײַטער איז געשען אָט וואָס: ווען זײַן עמעסע מאַמע איז שוין גרייט געווען זיך צערעכענען און פֿאַרענדיקן אַלע אירע כעזשבוינעס מיט דער וועלט (ווינטער איז דאָס געווען), האָבן די קינדער זי אײַנגעוויקלט אין אַ וואַרעמער קאָלדרע, אַוועקגעלייגט אויף אַ שליטן און אָפּגעפֿירט ערגעץ ווײַט אין אַ דאָרף: העלפֿן איר נאָך מיט עפּעס האָבן זיי מער ניט בעיאַד געהאַט. און דאָרטן, אין דאָרף, האָט זיך געפֿונען אַן אַלטיטשקע, וואָס האָט זיך גענומען זי היילן מיט פֿאַרשיידענע היימישע רעפֿועס: געטראַנקען, אָנגעשטעלטע אויף גראָזן, באָדן — אויך מיט גראָזן — און אַנדערע ענלעכע מיטלען. און אָט איז שוין באַלד פֿערציק יאָר, זינט די מײַסע איז זיך פֿאַרלאָפֿן, און די מאַמע איז אַ מאַמע.

מיר זיצן אײַנײַנעם באַם טיש אַנטקעגן דעם אָפֿענעם אויוון, עסן פֿרישינקע לאַטקעס, באַשמירטע אויפֿן קאָמי־פּערמיאַקישן אויפֿן מיט רויִקע גריפֿן, פֿאַרמישטע אויף סמעטענע, פֿאַרטרינקען מיט געדיכטן טונקל־ברוינעם, ספּעציִעל צוליב אונדז געשטעלט אויף געדישטענער שטרויקאָמי־פּערמיאַקישן ביר (סטעפּאַניטש האָט זיך אויסגעסטאַרעט!) און שעפּן טײַנעג פֿון אונדזער קורצינקער לוסט־רײַזע.

צום אויטאָבוס גייען אונדז באַגלייטן ביידע עלטערע שוועסטער: מאַריִע פּעטראָוונע און אַגניִע פּעטראָוונע. די ערשטע שענקט אונדז אַ מאַטאָנע — איר מאַנס אַ ביכעלע מיט ביז גאָר מוזיקאַלע לידער, די אַנדערע — אַן אויסגעוועבט טיכעלע. פֿאַר דער צײַט פֿון אונדזער זײַן דאָרטן צוגאַסט האָבן זיי נאָך געפֿונען אַ מעגלעכקײַט אונדז באַקאַנט צו מאַכן מיט אַן אינטערעסאַנטן נאַציִאָנאַלן פֿאַך — וועבערײַ. מיר צעשיידן זיך ווי לײַבלעכע גוטעפֿרײַנט. די שוועסטערלעך האַלדזן זיך מיט אונדז, מיר צעקושן זיך הייס און גיבן זיי דאָס וואָרט קומען נאָך אויף אַ לענגערער צײַט.

דערווײַל לייגן מיר פֿאָר סטעפּאַן קאַראַווײַעווס אַ ליד אין אַן איבערזעצונג.

סטעפּאַן קאַראַווײַעוו

פֿאַרשיידענע וועגן

אין סטעפּ אַ וועג איז ווי אַ ווירע גלײַך,
דער וועג אין בערג האָט אָפּצווײַג, ווי שטראַלן,
אין וואַלד ער שלענגלט זיך, ווי אַ פֿאַרשײַטער טײַך —
אַרויף־אַראָפּ און ווערט אין ווײַט פֿאַרפֿאַלן.

באַ מענטשן טרעפֿט זיך אָפֿט: דאָס לעבן זייערס גייט,
ווי יענער וועג אין סטעפּ — און מער שוין דאַרף ער גאָרניט,
ס'איז רויִק און ס'איז גלאַט, באַקוועם עס איז און ברייט,
און וואָס אַרום — גייט אָן אים אויף קיין האָר ניט.

דײַן לעבנסוועג — אַ סטעזשקע צווישן בערג:
אָט קלעטערט זי אַרויף, אָט נידערט זי אין טאָלן.
אָבער דו גייסט, עס טריפֿט פֿון דיר דער שוויס,
נאָר קיין שום אַנדער וועג דו קאָנסט פֿאַר זיך ניט מאָלן.

גוואָזדיקעס אפֿן שנײ

סאַרען, מײַן אומפּאַרגעסלעכער לעבנס־
כאַוועסטע, וואָס איז אַזוי אומגעריכט
פֿאַרשניטן געוואָרן...

די אָפּגעהאַקטע קרוין

ס׳האָט אַ בליץ געטראָפֿן אײנעם בוים —
אָפּגעשניטן מיט זײַן האַק די קרוין.

אָט אַזוי געווען עס איז באַשערט —
גרינע צווײַגן אויף דער שוואַרצער ערד.

איז דער שטאַם געבליבן הויל און שטום
און געקוקט מיט ווײ אַפֿן אַרום.

נאָר די וואָרצלען האָבן ניט געוווּסט,
אַז עס איז דער בוים געבליבן פּוסט.

און, ווי פֿריִער, מיט דער זעלבער קראַפֿט
האָבן זײ צום שטאַם געיאָגט דעם זאַפֿט.

און געפֿלאָסן האָט ער פּונקט ווי בלוט —
טאָג און נאַכט, קיין רגע ניט גערוט.

אַ בינטל גוואָזדיקעס

איך ווייס, אַז דו האָסט אַף מיר לאַנג דאָ געוואַרט,
אַ בינטל גוואָזדיקעס איך האָב דיר געבראַכט.
אַ בינטל גוואָזדיקעס — ווי פֿלאַמען פֿון ליכט,
וואָס כאַפּן אַרויס פֿונעם שנײ דײַן געזיכט.
ווײ, ווײ —
גוואָזדיקעס אַפֿן שנײ...

פֿאַרוואָס זשע די אויגן דו האָלטסט נאָך פֿאַרמאַכט?
עס איז דאָך פֿון לאַנג שוין צערינען די נאַכט,
אַ פֿרעכטיקער טאָג האָט אין גאַנג זיך געלאָזט —
אַ וווּנדער־באַוווּנדער: אַ זון מיט אַ פֿראָסט.
ווײ, ווײ —
גוואָזדיקעס אַפֿן שנײ...

צי עפּשער ווײַל ס׳בלענדט אין די אויגן דער שנײ,
צי עפּשער דערפֿאַר, וואָס דיך לאָזט ניט דער ווײ,
צי עפּשער דערפֿאַר, וואָס געגאַנגען כ׳בין לאַנג
און כ׳האָב זיך פֿאַרהאַלטן אין פּײַנלעכן גאַנג.
ווײ, ווײ —
גוואָזדיקעס אַפֿן שנײ...

איך דארף ניט, איך וויל ניט קיין אנדער לוין:
אין אויגן אין דײַנע א קוק טאָן — און שוין...
א בינטל גוואָזדיקעס איך האָב דיר געבראַכט —
ווי ליכט, וואָס זיי ברענען באטאָג און באנאכט.
וויי, וויי —
גוואָזדיקעס אפן שניי...

אָן אָן ענטפער

ווי א בלינדער טאפט מיט זײַן שטעקן
אין אומענדלעכקײַט איבער שטרעקן,
כ׳זוך דײַן ווארעמקײַט,
כ׳זוך דײַן צארטקײַט,
דײַן נאָכגיביקײַט,
און דײַן הארטקײַט.

נאָר אף קער און ווענד — הוילע פוסטקײַט,
און ארום איז אלץ — אומבאוווסטקײַט.

כ׳זוך דײַן נאָענטקײַט,
כ׳זוך דײַן אָטעם —
צוגענומען ווער בא מיר האָט אים?

און עס קלאפט און קלאפט,
ס׳קלאפט מײַן שטעקן
איבער גאָר דער וועלטס וועגן־שטעגן.

כ׳זוך דײַן דאָיִקײַט,
כ׳זוך דײַן מילדקײַט,
כ׳זוך דײַן רווישיקײַט און דײַן שטילקייט.
עפשער האָסטו זיך ווו באהאלטן,
און אָט־אָט דײַן קאָל וועט א שאל טאָן?

און מײַן שטעקן קלאפט —
ס׳ענטפערט קיינער,
בלויז א ווידערקאָל פון די שטיינער...

טרעט אָפּ מיר, בערעזע, דאָס אָרט

א ווײַסע בערעזע מיט טויִקע טראָפּנס,
וואָס קײַקלען אראָפּ זיך פון בלעטער, ווי טרערן,
אוועקגעשטעלט האָט זיך באם קייווער צוקאָפּנס,
ווי גלײַך זי וואָלט גרייט זײַן א שוימער דיר ווערן.

איך ווייס ניט, ווער ס׳האָט זי פארפלאנצט און געקעכלט
און וויפל פארקארבט אין איר שטאם זײַנען יאָרן —
ס׳האָט קיינער געציילט זיי, ס׳האָט קיינער גערעכנט,
צי עפשער מ׳האָט פּאָשעט דעם כעזשבן פארלאָרן.

און ווען דאָ פרעגן, בא וועמען דאָ מאָנען —
גענומען דו האָסט זיך, בערעזע, פונוואנען,
א רוק געבן זיך ביסט בעקויעך, כ׳זאָל קאָנען
זיך שטעלן לעם איר, ווי כ׳בין שטענדיק געשטאנען?

פון שטורעמס און וויוגעס, אפּאָנעם, געוואָרן,
אזוי ווי דער שטאם דײַנער, ווײַס אויך מײַן קאָפּ איז,
און ציילן מע דארף ניט קיין טעג און קיין יאָרן —
טרעט אָפּ מיר, בערעזע, דאָס אָרט דאָ צוקאָפּנס.

א שאָטן איך וועל פון דער זון־שײַן איר געבן,
פון רעגן און שניי מיט מײַן קרוין זי פארדעקן,
באטאָג און באנאכט, ווי אמאָל אינעם לעבן,
זײַן גרייט אלעמאָל איר פארלויפן די וועגן.

טרעט אָפּ מיר, בערעזע, דאָס אָרט דאָ צוקאָפּנס!

טו זיך אָן אין שענסטן קלייד

ס׳האָט א שטויב באדעקט דעם שראנק,
איך און ער — אליין נאָר.
צוגעריררט זיך שוין פון לאנג
האָט צו אים ניט קיינער.

אלץ איז דאָ ניט צוגעראמט,
און די טירלעך — אָפן.
עפּעס האָסטו זיך פארזאמט —
וואָס זשע האָט געטראָפן?

זע, די זון אָט־אָט פארגייט,
און די לופט איז זויבער.
קלײַב זיך אויס דאָס שענסטע קלייד,
וואָס עס פּאסט אזוי דיר.

און דאָס פינגערל טו אָן,
ס׳שנירעלע קארעלן, —
ליב דו האָסט, ווען איך דערמאָן,
דיר איז דאָס געפעלן.

אז שפּאצירן כ׳האָב קיין צײַט,
וועל איך דיר ניט זאָגן.
ווילסטו — נאָענט, ווילסטו — ווײַט,
אלץ וועל איך פארטראָגן.

ס׳האָט א שטויב באדעקט דעם שראנק,
און די טירלעך — אָפן.
ווו זשע ביסטו אזוי לאנג,
וואָס זשע האָט געטראָפן?

איך גיי

צווישן דיר און צווישן מיר — א גאנצע וועלט,
בערג און טײַכן אפן וועג האָט מען צעשטעלט,
נאָר פארצוימען ניט בעקויעך זײַנען זיי —
און איך גיי צו דיר, און גיי צו דיר, און גיי.

זאָל דער ווינט זײַן בייז,
און דערנער אפן וועג —
כ׳האָב קיין צײַט איצט ניט צו טראכטן וועגן שרעק.
מוירע ווער עס האָט
און קאָן מיך ניט פארשטיין —
נו, איז זיצט זיך, מאכעטייסע, אין דער היים!

שטורעמס בושעווען אף יעדן שריט און טריט,
און די ערד אונטער די פיס מיט פײַער בריט,
און צעבלוטיקטע, די ווונדן טוען וויי —
נאָר איך גיי צו דיר, און גיי צו דיר, און גיי.

זאָל דער ווינט זײַן בייז,
און דערנער אפן וועג —
כ׳האָב קיין צײַט איצט ניט צו טראכטן וועגן שרעק.
מוירע ווער עס האָט
און קאָן מיך ניט פארשטיין —
נו, איז זיצט זיך, מאכעטייסע, אין דער היים!

אלע טײַכן וועל איך איבערשווימען דרייסט,
אלע בערג כ׳וועל איבערקלעטערן, דו ווייסט,
אין געראנגל גיין מיט כײַעס קאָלערליי, —
ווײַל איך גיי צו דיר, און גיי צו דיר, און גיי...

ווי דאָס גלעקעלע קלינגט!

ס'טוט א פויק פון דער ווייט,
פון דער נאָענט — א שאַל,
און מיט טויזנטער קוילעס און קעלעכלעך
עס פאַרגייט זיך פאַרשייט,
ווי א דונער — א קנאַל
און צעשיט זיך אַף זילבערנע טרעלעכלעך.

אָט עס הערט זיך פון רעכטס,
אָט עס טראָגט זיך פון לינקס,
אָט עס ברעכט זיך דורך טירן און טויערן, —
ווייפל טעג, ווייפל נעכט
מיר דאָס גלעקעלע קלינגט,
מיר דאָס גלעקעלע קלינגט אין די אויערן...

כ'נעם זיך יאָגן נאָך אים,
ווי געטריבן פון ווינט,
כ'קלעטער אום ווו א שטעג, ווו א שטעגעלע.
דוכט, אָט איז זי, די שטים,
מיטאמאָל זי פאַרשווינדט —
ערגעץ האָט זיך פאַרטייעט מיין גלעקעלע.

גיי איך אָפּ — ווידער ס'זינגט,
עס צעטרייסלט די לופט,
ס'נעמט מיך בויערן, בויערן, בויערן,
און דאָס גלעקעלע קלינגט,
און דאָס גלעקעלע רופט,
און דאָס גלעקעלע הילכט אין די אויערן...

מיטגעפיל

ער שטייט — אַן אויסגעדאַרטער שטאַנג —
פון שיינעם בוים א גרויער שאָטן.
מ'האָט אים פאַרגעסן שוין, כאָטש לאַנג
ער האָט געלעבט, געבליט געראָטן.

נאָר ווען די האַק מיט גאַנצן קויך
האָט אים דעם ערשטן קלאַפּ געגעבן,
א יונגער עפּלבוים דערנעבן
פון ווי פאַרצאַפּלט האָט זיך אויך.

אים האָט זיך אויסגעדוכט, מיסטאָם,
אַז ווען־ניט־איז, ווי אָט דעם אַלטן,
א האַק וועט קומען און זיין שטאַם
אַף שפּענער אָן ראַכמאָנעס שפּאַלטן...

דער געלער בלאַט

דער ערשטער געלער בלאַט איז ווי א צירונג.
די גרינע בלעטער קוקן אַף אים גיריק.

— ווי שיין ער איז! — זיי גאַפן, פול מיט קינע.
זיי ווייסן ניט, די ברידער זיינע גרינע,

אַז איבעריק עס איז דאָ די אַנציקונג —
שוין דאָר, שוין קוואַר, עס ווערט דער בלאַט פאַרטריקנט...

און כאַפּן זיך זיי וועלן דעמלט ערשט,
ווען ליגן וועט ער אַף דער שוואַרצער ערד.

אין מיטן וועג

אַזאַ איז ער פאַרקאַרבט אין מיר געבליבן —
דער לעצטער צוריר צו פאַרשטאַרטע ליפּן.

דער לעצטער צאַפּל פון פאַרקילטן האַרץ —
און אַלץ איז מיטאמאָל געוואָרן שוואַרץ.

ווי אָט דער נעפּל אַף פאַרמאַכטע אויגן,
מיט וואָלקנס האָט דער הימל זיך פאַרצויגן.

באהאלטן האָט אין שאָטן זיך די זון, —
נאָר דו האָסט ניט געוווּסט שוין פונדערפון.

אזא איז ער פארקארבט אין מיר געוואָרן —
דער טאָג, וואָס האָט זײַן ליכטקוואל אָנגעוואָרן.

דער טאָג, וואָס איז אין גאנג געבליבן שטיין
און מיך געלאָזט אין מיטן וועג אליין.

וואָלט איך מײַן רוף געוואָלט צו דיר איצט קערן —
איז ווּעסטו סײַוויסײַ מיך ניט דערהערן.

ווײַל אָפּגעשטעלט די צײַט האָט איר געלאָף,
און ניט קיין אָנהייב האָט זי און קיין סאָף.

אזא איז ער פארקארבט אין מיר געבליבן —
דער קאלטער גליווער פון פארשטארטע ליפּן.

דער לעצטער ציטער פון פארפרירטן בליק —
און ניט פאָרויס צו גיין, און ניט צוריק...

כראָניק

פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע „סאָוועטיש היימלאנד“

אין סאָף פון פאָריקן יאָר איז פאָרגעקומען די אָרדנטלעכע פּלע־נארע זיצונג פון דער רעדקאָלע־גיע „סאָוועטיש היימלאנד“, אף וועלכער עס זײַנען אונטערגעצויגן געוואָרן די סאכאקלען פון דער ארבעט פונעם זשורנאל אינעם יו־בילײ־יאָר.

מיט אן ארײַנפיר־וואָרט איז ארויסגעטראָטן דער הויפּט־רעדאק־טאָר פון זשורנאל ארן ווערגעליס. עס זײַנען אויסגעהערט געוואָרן מיטיילונגען פון אוורהאָם גאָנטאר (וועגן דער פּראָזע און פּאָעזיע), שמועל גאָרדאָן (וועגן דער ליטע־ראטור־קריטיק), כאַיִם מעלאמוד (וועגן דער פובליציסטיק), יויסעף שוסטער (וועגן די סאכאקלען פון דער אבאָניר־קאמפּאניע אפן 1978).

אינעם מיינונגס־אויסטויש האָבן זיך באטייליקט די מיטגלידער פון רעדקאָלעגיע כאַיִם ביידער, טע־וויע גען, נאָטע לוריע, באָריס מאָ־גילנער, הערש רעמעניק, סאָניע פּרײַ.

עס זײַנען באהאנדלט געוואָרן די שפּעפּרישע פּלענער פונעם זשורנאל אפן 1978.

■ ■ ■

מ ו י ש ע א ל ט מ א ן

זקיינישע נאָטיצן

...און א ראָוו

צוריק מיט איך געדענק ניט וויפל כאדאָשים האָב איך וועגן דער טעטיקײַט פון זיקאָרן און דער ראָל פון אסאָציִאַציעס געשריבן, אז אַגעוו זײַנען מיר אופגעשווומען אין זיקאָרן דרײַ גאלאָכים און א ראָוו.

פאר א שרײַבער באַטײַט אזא זאָג: געכאַסמעט א וועקסל. און מע דארף דעם כויוו דעקן.

די דרײַ גאלאָכים האָב איך געדעקט, גוט צי שלעכט, דאָס איז די זאך פונעם לייענער צו מישפּעטן. איז געבליבן דער ראָוו. מע טאָר אים ניט פארשעמען, ער האָט עס ניט פארדינט. פארקערט.

פארוואָס האָט עס אזויפיל געדויערט? ווײַל... ווײַל אויך אַצינד איז מיר ניט גרינג צו באַרירן די טעמע. עס איז די רייד פון אונדזער ראָוו. מיט „אונדזער", מיין איך, מײַן דאָר, וואָס איז אויך מײַן ווײַט־אָפּגעשיידטן כאַווער יאַנקעוו דאָר, עס איז די רייד וועגן אונדזער געבורט־שטאָט ליפּקאַן, דאָס אָרט, וואָס איז פאר אונדזערע אויגן, די אויגן פון אונדזער דאָר, געוואָרן פון עפּעס א פּראָווינציִעלן בעסאַראַבער שטעטל א שטאָט מיט מער ווי זעקס טויזנט ייִדישע נעפאַשעס, און זי האָט זיך דערוואָרבן א נאָמען בײַ ייִדן: דער בעסאַראַבער אָלימפּ.

און דעם נאָמען האָט איר געגעבן, זי מיט אים געקרוינט ניט קיין אַנדערער ווי כ.־נ. ביאַליק ז״ל.

בײַ דער געלעגנהײַט ווילט זיך אָנווײַזן אָף א קוריאָז, וויִאזוי דער זיקאָרן טוט אמאָל אָפּשפּיצלען. אין איינעם אַן ארטיקל, וואָס מײַן ווײַט־אָפּגעשיידטער כאַווער יאַנקעוו האָט פארעפנטלעכט א קורצע צײַט פאר זײַן אָפּשייד, דערמאָנט ער ליפּקאַן און, זיך פארופנדיק אָף ביאַליקן, רופט ער די שטאָט: „דער בעסאַראַבער מאָנבלאַן". כ׳האָב געלייענט און געשטוינט. וואָס פלוצעם מאָנבלאַן? וויפל מאָל האָט ער אין שמועסן דערמאָנט ביאַליקס מעמרע און געזאָגט ריכטיק: דער בעסאַראַבער אָלימפּ? און אפילע אינמיטן די צוואַנציקער יאָרן (אָדער דרײַסיקער) אופגעטראָטן אין בוקאַרעשט מיט א פּאָרטראָג וועגן אונדזער געבורט־שטאָט, און דער פּאָרטראָג האָט געהייסן: „דער בעסאַראַבער אָלימפּ", אזוי ווי ביאַליק האָט געזאָגט. איך האָב מיר דערקלערט דעם כידעש מיט זײַן סקלעראָז. איך בין, הייסט עס, ניט קיין בעניאָכיד מיטן סקלעראָז, און עפּשער איז עס צוליב זײַן שוואַכקײַט צו נײַע, אים פריִער ניט באַקאַנטע ווערטער.

ביאַליק האָט דעם עפּיטעט געשענקט אונדזער געבורט־שטאָט באַלד ווי ער האָט זיך באַקאַנט מיט א ציקל שטיינבארגס מעשאָלים, וואָס איינער אונדזערער א לאַנדסמאַן האָט מיט זיך געפירט קיין אָדעס און איז אוועק אהיים צו ביאַליקן און זיי אים געגעבן. ביאַליק איז געווען אַנציקט, און אז אונדזער זעמליאַק איז צוריק געקומען (ארום 1909) פון זײַן רײַזע, האָט ער דערציילט וועגן ביאַליקס אַנציקט זײַן און אויך זײַן מעמרע: „דער בעסאַראַבער אָלימפּ".

שפּעטער איז יאַנקעוו אליין געפאָרן קיין אָדעס, מיטגענומען א העפט לידער צו ווײַזן ביאַליקן, מיט דער האָפענונג, אז עס וועט דערשײַנען א ביכל לידער אין פארלאג „מ׳ריה" (מאָריא). ער איז צוריק געקומען. פון פארעפנטלעכן א ביכל אין העברעיִשן פארלאג איז גאָרניט געוואָרן, אָבער ער האָט ווידער דער־

ציילט וועגן ביאַליקס אַנציקונג און זײַן זאָג: „דער בעסאַראַבער אָלימפּ" און, פאַרשטענדלעך, ליפּקאַן האָט שוין געהאַט אַ פּיאָנער אין דער ליטעראַטור (אַף העברעיִש): יעהודע שטיינבאַרג, וועמען ביאַליק האָט זייער געשעצט.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צום איקער פון מײַן איצטיקער נאָטיץ — דעם ראָוו. עס איז אַ כויוו, און מע מוז אים דעקן.

עס איז מיר ניט גרינג, ווײַל קיין ייִדישער ליפּקאַן איז שוין מער ניטאָ. כאָרעוו, אומגעקומען, ווי דער גאַנצער בעסאַראַבישער ייִדישער ייִשעוו. און ווער עס האָט געקענט דעם בעסאַראַבער ייִדישן ייִשעוו אין אונדזער יאָרהונדערט, וועט פאַרשטיין מײַן האַרצווייטעק. בערגעלסאָן האָט אַ ביסל געקענט אים און (לאָמיר זיך ניט שרעקן פאַר דעם וואָרט יאָ) ער האָט אים איין אַן אַרטיקל באַוויינט. און ער איז אַליין ניט געווען קיין בעסאַראַבער, נאָר אַ ביסל עס געקענט.

איך קער זיך אום צום ראָוו, צו דעם, וואָס מײַן דאָר האָט געקענט.

אַ הויכער ברייטאַקסלדיקער זאָקן, מיט אַ קאָפּ פאַר אַ רעמבראַנדט צו מאָלן.

די לאַמדאָנים פון שטאָט פלעגן צווישן זיך ריידן, אַז ער איז אַ קליינער לאַמדן... אָבער אַלע האָבן אַנערקענט, אַז ער איז זייער אַ קלוגער ייִד.

און אָט האָט געטראָפן, אַז די צוויי יונגע באָכערים: יוקל (דער שפּעטערדיקער יאַנקעוו) מוישע מייער־בערס און מוישע־עליע מוישע־יאַנקעוו לייוויס (וועלכער שרײַבט די נאָטיץ) גייען צום ראָוו מיט אַ דינטוירע (אַ לאָדענ־יש).

וואָס האָט געבראַכט דערצו? אַ ביסל געדולד, כאָוועך לייענער, דער ראָוו האָט אונדז ביידן געקענט. געקענט אונדזערע טאַטעס און אויך די זיידעס, וואָס מיר האָבן ניט געקענט.

די אידיי וועגן גיין צום ראָוו מיט אַ לאָדעכץ איז געווען מײַנע. עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ דירע פאַר דער שטאָטישער ביבליאָטעק.

עס איז געשען אין נײַנצן הונדערט צען. מיר האָט זיך פּלוצעם פאַרגלוסט צו פאַרברענגען די זומער־כאַדאָשים אין אַ דאָרף. האָב איך אָנגענומען אַ „קאָנדיציע" (ווייסט הײַנטיקער לייענער וואָס דאָס איז?). דאָס הייסט, כ'האָב אָנגענומען אוועקצופאָרן אין אַ דאָרף אין מיטל־בעסאַראַביע, אַ מין אַכציק קילאָמעטער פון ליפּקאַן, זײַן אַ לערער בײַ אַ מיידעלע אַ באַסיעכידע פון פאַרמעגלעכע עלטערן, וואָס די עלטערן האָבן שטאַרק געציטערט איבער איר און דערפאַר זי ניט אַרײַנגעגעבן אין בעלץ אין גימנאַזיע, נאָר זי געלאָזט לערנען אין דער היים און אָפּגעבן עקזאַמענס אַלס עקסטערן.

איך בין געווען זייער צופרידן. אַליין אין אַ גרויסן צימער, גוטע קעסט. אַ טײַער מיידעלע. און דאָס דאָרף גאָר אינטערעסאַנט.

און פּלוצעם, אין כוידעש אויגוסט קומט דער פאָטער פונעם מיידעלע צו פאָרן פונעם נאָענטן שטעטל רישקאַן און דערציילט מיר: מײַנע קרויווים פון רישקאַן האָבן אים געבעטן, ער זאָל מיר זאָגן, אַז ליפּקאַן ברענט. עס ברענט די גאַנצע שטאָט. עפּשער איז קעדײַ, איך זאָל אַהיים פאָרן.

געזאָגט און געטאָן. מע האָט מיר באַצאָלט פאַר די פאָר כאַדאָשים אַרבעט, מיר געדונגען אַ פויער מיט זייער גוטע צוויי פערד, ער זאָל מיך אָפּפירן אַהיים.

שוין ווײַט פון שטאָט האָט מען אָנגעזען דעם פלאַם. באַם אַרײַנפאָר זיך אָפּגעזעגנט מיט מײַן פורמאַן. און אַזוי ווי כ'האָב באַדאַרפט דורכגיין אַ האַלבע שטאָט, ביז איך וועל צוקומען צו אונדזער גאַס, בין איך דערווײַל אַרײַן צו שטיינבאַרגן. די זײַט, דער טייל גאַס, ווו ס'איז געשטאַנען זייער שטוב, האָט די סרייפע געשוינט.

פון זיי, די שטיינבאַרגס, זיך דערוווּסט, אַז עס איז פאַרברענט די שטאָט. ניצל געוואָרן זײַנען איינציקע באַזונדערע טיילן, צווישן זיי אויך די ציגײַנערשע גאַס, ווו עס איז געשטאַנען מײַן פאָטערס שטוב.

עס איז אויך ניצל געוואָרן די טאַמאַזשנע־גאַס, ווו עס איז געווען שטיינבאַרגס עלטערנס שטוב.

דעם צווייטן טאָג האָבן מיר זיך געטראָפן, זיך צונויפגענומען אַ גרופּע כעווּרע פון אונדזער דאָר און קרײַז, און באַשלאָסן זיך נעמען עפּעס טאָן. קוידעם, אויפשטעלן אַ שול פאַר אָרעמע קינדער, ווו מיר וועלן זײַן די לערער, און אַ ביבליאָטעק.

אָט די ביבליאָטעק האָט אונדז געבראַכט צום ראָוו מיט אַ דינטוירע.

* * *

בעשאַס איך שרײַב די נאָטיץ, איך דערמאָן זיך אין יענער סרייפע פון נײַנצן הונדערט צען און וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַ דרײַסיק יאָר שפּעטער, טראַכט איך: האַלעווײַ וואָלט מען געווען געהאַט בלויז נאָך איין סרייפע, ווי יענע...

עס האָבן זיך געשאַפן קאָמיטעטן אין די אַרומיקע שטעטלעך, מע איז געקומען צו הילף. און דעריקער, די נאַטור און אַ גוטע סיטואַציע זײַנען שטאַרק בײַגעשטאַנען. עס איז געווען

אָן אויסערגעוויינלעך רײַכע גערעטעניש, און צו דעם האָט „טראַנזיט" (אַזוי פֿלעגן סאָכרים רופֿן דעם ווײַטערן אויסלאַנד) גענומען. די פּויערים פֿון דער סוויווע זײַנען רײַך געוואָרן, און ייִדן האָבן געהאַט וואָס צו טאָן. ליפּקאַן האָט פֿאַרמאָגט א באַן־פֿאַרבינדונג מיט אויסלאַנד, האָט מען טראַנספּאָרטירט טוווע, הינער, אייער, פֿרוכטן... עס האָבן געהאַט אַרבעט שוסטער, שנײַדער, קירזשנער, קוטשמעמאַכער, דאָס דאָרף (ריכטיקער, די דערפֿער) האָבן זיך געגייט און געקויפֿט. מ׳האָט אופֿגעשטעלט די קראָמען, און דאָס דאָרף האָט געקויפֿט.

האָט ליפּקאַן זיך גענומען אופֿבויען מיט א שטאַרקן טעמפּ. עס זײַנען אַראָפּגעקומען קאָמפּאַניעס באַלמעלאָכעס, פּלאַטניקעס פֿון די אַרומיקע שטעט. דאָ איז נאָך צוגעקומען איין מאָמענט: די באַראָנעסע, צו וועמען די שטאָט און די גאַנצע אימעניע האָט געהערט, איז געקומען ספּעציעל פֿון פּעטערבורג, וווּ זי האָט געוווינט מיט איר קראַנקער פֿאַרזעסענער טאָכטער, זי האָט באַטראַכט דעם אומגליק, געגעבן א טויזנטער צושטײַער דעם אופֿבוי און דערבײַ געזאָגט: „עטאָ קאַפּליאַ וו מאָריע". אָבער דער איקער: זי האָט דערלויבט איר אופּראַוולִיאַיִּרשטשע צו פֿאַרקויפֿן ערד פֿאַר נײַע בויונגען.

אָט די לעצטע פּריווילעגיע האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָל אינעם אופֿבוי און אין וווּקס פֿונעם אַלטן ייִשעוו. עס איז אויסגעבויט א „נײַער פּלאַן", א נײַע שטאָט פֿון יענער זײַט בעסוילעם...

מײַן דאָר, דער צווייטער דאָר ייִדישע אינטעליגענץ האָט זיך גענומען צו געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקײַט, א שול פֿאַר אָרעמע קינדער, וווּ מיר זײַנען די לערער. א ביבליאָטעק. און עס איז געווען א נויטווענדיקײַט. א שטאָט גראַמאָטנע ייִדן אָן א ביבליאָטעק! און א ביסל אַמביציע: דאָס שכיינעסדיקע בריטשאַן האָט שוין א געזעלשאַפֿטלעכע ביבליאָטעק. און „דער בעסאַראַבער אָלימפּ"?.. בעקיצער, מע האָט זיך פֿאַרזאַמלט, אויסגעוויילט א קאָמיטעט און גענומען זיך צו דער אַרבעט: זאַמלען ביכער און געלט. מע האָט זיך געווענדט ניט נאָר צו ייִדן. מע האָט געמאַכט א באַזוך באַם וועטערינאַרנעם דאָקטער גנאַטענסקי, באַם גאַלעך פֿון גרויסן קלויסטער גרעמילסקי. זיי האָבן זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע, געגעבן ביכער. שטייט די פֿראַגע וועגן א דירע, א דירע פֿאַר דער ביבליאָטעק.

די שטאָט האָט זיך געבויט אין שנעלן טעמפּ און מאָדערן... הײַנטצײַטיק (פֿאַר יענער צײַט, פֿאַרשטייט זיך). דער מאַנופֿאַקטור־קרעמער נאָכעם נעסיס האָט זײַן דירע אופֿגעבויט איינײַנעם מיטן געוועלב גרויסשטאָטיש. לעבן דער הויפּט־דירע — א גרויסע קראָם, א צובוי, א צימער מיט א פּאָדער־צימער. עס האָט געהאַלטן אין פֿאַרטיק ווערן. האָט כעוורע געדונגען דעם צובוי פֿאַר דער ביבליאָטעק און געגעבן א גאָלדן פֿינפֿערל אַן אַדערויף.

און פּלוצעם דערוויסט מען זיך, אַז דעם זעלבן צובוי האָט נאָכעם נעסיס פֿאַרדונגען א ייִדן, וואָס האַלט א קניזשני מאַגאַזין...

כעוורע האָט זיך צונויפֿגענומען, סאַמע קרעפּטיקע יוגנט און אַלע מיט בילדונג, מיט וויסן, סײַ ייִדיש, סײַ אַלגעמיין. מע באַראַט זיך, וואָס טאָן? זאָגט יוקל (דער שפּעטערדיקער יאַנקעוו):

— פּעטש!

מע דאַרף נאָכעם נעסיסן דערלאַנגען פּעטש.

איך הער און לאַך. א שיין פּאָנעם וואָלטן מיר געהאַט, די נײַע אינטעליגענציע. יונגע קרעפּטיקע באָכערים פֿאַלן אָן אַף א קראַנקן דעכאָוויטשנעם ייִדן און גיבן אים פּעטש.

— וואָס זשע לייגסטו פֿאָר?

איך לייג פֿאָר:

— מיר זאָלן אים רופֿן צום ראָוו צו א דינטוירע.

דעם אוילעם געפֿעלט דער אײַנפֿאַל. ווער גייט צום ראָוו? צום ראָוו וועלן גיין מוישע מיט יוקלען.

כעוורע באַשטעטיקט.

* * *

נאָכעם נעסיס איז ניט געווען קיין ליפּקאַנער געבוירענער און ביכלאַל ניט קיין בעסאַראַבער. ער האָט קיין ליפּקאַן כאַסענע געהאַט, גענומען נאַדן א קליין שניט־קרעמל, און — זייער א פֿייִקער, א רירעוודיקער, האָט ער דאָס קרעמל דערפֿירט צו א גרויסער שניט־קראָם מיט סכוירעס אַף קאָמיסיע פֿון מאָסקווע, פֿון לאָדזש. און אין לעבן אויך א רירעוודיקער. ליב געהאַט צו באַנוצן אַנעקדאָטן, וויצן, אַליין באַשאַפֿן גלײַכווערטלעך און וויצן. א דרייקאָפּ. צוויי ייִנגלעך זײַנע האָבן שטודירט אין פּאַריזש. זײַן דירע איז געשטאַנען אין דער זעלבער ריי, וואָס דעם ראָווס, אָבער דאָס פֿײַער האָט דער ווינט, ווײַזט אויס, געטריבן אַראָפּ צום צענטער. אַזוי זײַנען ניצל געוואָרן דעם ראָווס שטוב און נאָך א צענדליק שטיבער, וועלכע זײַנען געלעגן אין א פֿאַרקערטער ריכטונג, צום שאָסיי, וואָס האָט געפֿירט פֿונעם פּרוט.

אַלזאָ, מיר גייען צום ראָוו. ער האָט אונדז געקענט, געקענט אונדזערע טאַטעס, אויך אונדזערע זיידעס, פֿון וועלכע מיר האָבן נאָר געהערט, און מיסטאָם אויך די עלטער־זיידעס.

באם ראַוו איז געווען אַ שאַמעס, יעכיעל מוישעלע דעם יאַסערס, מיר האָבן קוידעם זיך באַגעגנט מיט יעכיעלן, וועלכער האָט „דעזשור־רעוועט" אין ערשטן צימער, אין פּאָדער־ציי־מער. און אַז כ'האָב שוין דערמאָנט יעכיעלן, וועט מיר דערלויבט זײַן טאַקע וועגן אים אַ ביסל אַ שמועס טאָן. עס איז דאָך זיכרוינעס וועגן אַ שטאָט מיט ייִדן, וואָס איז מער ניטאָ. זאָלן זיי אַ ביסל לעבן אין זיכרוינעס.

וועגן יעכיעלס זיידן דעם שנײַדער פון דער רומענישער שטאָט יאַס האָט מיר דערציילט מײַן באָבע פון טאַטנס צאַד. זי, אַ געבוירענע ליפּקאַנער, איז שוין דעמלט, ווען זי האָט מיר דערציילט, געווען מיסטאָם אַריבער די זיבע־ציק, און איך אַ צען־עלפיאַריקער.

איך פלעג הערן, ווי מע רופט אײַנעם אַ ייִדן, וועלכער פלעגט נאָכגיין נאָך דער מיטע פון אַ מעס מיט אַ טאָפּ און שרײַען אויף אַ באַזונדער קעלעכל: „צדאָקע טאַציל מימאָוועס!.." — „מוישעלע דעם יאַסערס". האָב איך געפרעגט די באָבע און זיך דערוווּסט עפּעס נאָך. זיך דערוווּסט, אַז אין די צײַטן פונעם קייסער ניקאָלײַ פלעגט מען ייִדישע קינדער כאַפּן, מע פלעגט זיי רופן די פּאַימאַניקעס. מע פלעגט פון זיי מאַכן סאָלדאַטן. פינף און צוואַנציק יאָר האָט געדויערט די דינסט. כאַפּן פלעגן ייִדן, וואָס מע האָט גערופן „לאַווטשיקעס".

קיין ליפּקאַן איז אַראָפּגעקומען פון יאַס אַ ייִד אַ שנײַדער. זיך באַזעצט מיט זײַן מישפּאָכע אין ליפּקאַן און זיך פאַרנומען מיט שנײַדערײַ. זייער אַ ווױלער ייִד. און אין אַ טאָג אַרום איז אָנגעקומען פון קעשענעוו אַ פּריקאַז, אַז ליפּקאַן דאַרף געבן אַ ייִדן אַ לאַווטשיק. דעם פּריקאַז מוז מען אויספילן, אָבער וועמען נעמען פאַר אַ לאַווטשיק? האָבן די פּניי פון דער קעהילע באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע איז צו געבן דעם יאַסער שנײַדער. ער האָט נישט קיין קרויווים. און די מישפּאָכע? אַ ווײַב און אַ קינד? וועט קאָהאָל פאַר זיי זאָרגן. מע האָט אַזוי געטאָן.

איך דערמאָן זיך, ווי מײַן באָבע האָט מיט ווייטעק דערציילט, ווי מע האָט דעם ייִדן אַרופגעזעצט אויף אַ וואָגן אים צו פירן קיין קעשענעוו שווערן...

דער שנײַדער זיצט און וויינט. ייִדן וויינען, קוקנדיק אויף אים. און פּלוצעם שטעלט ער זיך אויף און שרײַט:

— ייִדן! ווינטשט מיר, איך זאָל אַהין לעבעדיק ניט דערפאָרן!

עס איז אים מעקויעם געוואָרן. געשטאָרבן אָפּ־וועג ערגעץ אין אַ שטעטל. מע האָט שוין קיין אַנדערן ניט געפּאָדערט, ווײַל איינגיכן האָט ניקאָלײַ געמעסט (אַזוי פלעגט מען זאָגן וועגן אַ קייסער... ניט געשטאָרבן, נאָר געמעסט) און עס איז שטיל געוואָרן מיט לאַוווטשיקעס און פּאַימאַניקעס.

און מוישעלע דעם יאַסערס איז דעם שנײַדערס זון.

קוקנדיק ווי ער טאַנצט אַרום דער מיטע מיטן מעס, אַ קליינוווּקסיקער, אַ זייער מאָגערער, אָבער גאָר אַ שווידקער, אַ באַוועגלעכער, גלײַך עס שטעקט אין אים עפּעס אַזאַ מעכאַניזם, וואָס באַוועגט אים, ווי ער טוט אַ לויף אַרײַנכאַפּן אין זײַן צדאָקע־טאָפּ אַ זעקסער אָדער אַ צענער, וואָס עמעצער וואַרפט פונעם טראָטואַר, האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מע רופט אים הינטער די אויגן „מוישעלע". און אַז עס איז מיר אויסגעקומען צו זען ווי מוישעלע דעם יאַסערס „נעמט" אַ קליין מעסל, אַ נייפעלע, וואָס מע דערלאַנגט אים דורכן פענצטער און ער וויינט באַגלײַך מיט דער מוטער פונעם אָוועקגעקומענעם קינד, האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ווײַבער האָבן ניט מוירע פאַר אים, כאָטש ער איז אַ כעוורע־שאַמעס.

אָבער ניט נאָר דאָס איז דער איקער מוישעלע דעם יאַסערס. פאַראַן עפּעס וויכטיקערס. דער טענצער.

ביז הײַנט קאָן איך מיר ניט דערקלערן, וואָזוי איז ער געקומען צו אַזאַ מײַסטערשאַפט אין טאַנצן. און וואָס האָט ער ניט אויסגעטאַנצט? וואַלעכישע, רוסישע, אוקראַיִנישע פעלקער־טענץ. הײַנט ייִדישע?

טאַנצן פלעגט ער געוויינלעך אויף אָרעמע כאַסענעס. און אַז כעוורע אינטעליגענטע פלעגן זיך דערוויסן, אַז מוישעלע וועט טאַנצן (שיר ניט געשריבן: „אופּטרעטן"), פלעגן מיר שוין אַלע, די עלטערע און די ייִנגערע, ווערן מעכוטאָנים אויף דער כאַסענע.

איך אַליין בין אַ קליינער טענצער, ווײַטער פונעם אַלטן וואַלס בין איך ניט געגאַנגען. אָבער איך האָב ליב די טאַנץ־קונסט, די ספּעציִעלע עקספּרעסיווקײַט, וואָס קומט דורכן קערפּער. טאַנץ, לויט מײַן קוק, איז פּאַרויס געגאַנגען פאַר דער קונסט דורכן וואָרט. און קומט אויך אָפּט אַרײַן ווי אַן עקספּרעסיוו מיטל אין קונסט פון וואָרט. באַזונדערס, אין אַ זשאַנער, וואָס איז נאָענט צו פּאָלקס־שאַפונג און פּאָלקס־כאָכמע, ווי, לעמאָשל, דער זשאַנער פאַבל, מאָשל.

פאַר די אַלע יאָרן, וואָס איך בין געווען נאָענט צו שטײַנבאַרגן, האָב איך אים קיינמאָל ניט געזען נעמען אַן אָנטייל אין טאַנץ. אָבער אין זײַנע מעשאָלים איז פאַראַן גאָר אַ סאַך פונעם עקספּרעסיוון טאַנץ, זײַנע פּערסאָנאַזשן באַוועגן זיך אין טאַנץ־ריטם.

ווי האָט דאָס מוישעלע דעם יאַסערס, מיט זײַן קערפּערל, אַ רוכניעס, גענומען אָט דעם טאַלאַנט פון עקספּרעסיע דורכן קערפּער, דורך באַוועגונג?

אָבער די זעלבע פראַגע קאָן מען אויך שטעלן וועגן טאַלאַנט ביכלאַל. מיט אַ גרויסן כילעק. אַנדערע טאַלאַנטן, צום בײַשפּיל, ליטעראַרי־שער, מוזיקאַלישער, האָבן אַלס פאַרבאַדינג — בילדונג. אויך טאַנץ לערנט מען. אָבער מוי־שעלע דעם יאַסערס האָט פון קיינעם ניט גע־לערנט.

עס דערמאָנט זיך אין פאַרבינדונג מיט דער געלעגנהייט נאָך אַ פאַל מיט אַ מענטשן פון אונדזער איצט כאַרעווער שטאָט ליפּקאַן. עס האָט זיך געפונען נאָך איין פאַרברענטער טענ־צער, פון אַ ייִנגערן דאָר, אַ צווייטן נאָך מײַ־נעם. דאָס באָכערל, טאַטעלמאַן, האָט גוט גע־שפּילט פידל. אָבער זײַן מאַניע איז געווען טאַנצן. עס האָט פון אים אַרויסגעטאַנצט. ער איז אומגעקומען אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. וועגן זײַן אומקום האָט דערציילט אַן אַנדערער אונדזערער, וועלכער איז געווען מיט אים אין איין טראַנשיי. ער האָט דער־ציילט, אַז אַ לאַנגע צײַט האָט מען פון די טראַנשייען ניט געשאָסן — ניט פון דער רו־סישער זײַט, ניט פון דער קעגנערישער. אײַנ־דערמיט איז געווען „קיינעמס לאַנד". טאַטעל־מאַן האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן. ער פלעגט אַרויס פון דער טראַנשייע און גיין אַ טאַנץ אויף „קיינעמס לאַנד". אַ שטיק צײַט איז עס איבערגעגאַן בעשאָלעם. נאָר איינמאָל האָט מען פון דער אַנטקעגנזײַטיקער טראַנשייע אַראָפּ־געשאָסן אין אים אַ קויל, און ער איז געפאַלן טויט.

וואָס זשע איז מיט יעכיעלען? עס ווילט זיך אויך אים געבן אַן אָרט אין די זיכרוינעס, אַז איך האָב אים שוין דערמאָנט...

יעכיעל — דער הייפעך פונעם פאַטער. הע־כער ניט פיל, אָבער אַ גוף! שוין גאָר ניט קיין רוכניעס. אַ קרעפטיקער ברייטביינערדיקער, מיט אַ שטאַרקער מוסקולאַטור. און אַ פּאַמע־לעכגייער, פּאַמעלעכריידער. און אַ פײַן־אויס־געפוצטער. עס איז געווען עפּעס אין אים, וואָס האָט פּרעטענדירט אויף רעספּעקט, אויף דערעכ־ערעץ.

עפּשער איז דאָס געווען די סיבע פון זײַן מאַניאַקאַלישן רעפרען „איך בעט איבער אײַער קאָוועד".

מערקווירדיק, ווי באַ אַ מענטשן מאַכט זיך אַזאַ... מע מעג עס אָנרופן שיגאָען. אויף יעדער האַלבער פראַזע פלעגט ער צוגעבן, ווי אַ רעפ־רען, די פראַזע:

— „איך בעט איבער אײַער קאָוועד".

ווו האָט ער עס גענומען, פון וועמען אָפּגע־לערנט? איך ווייס ניט. מע האָט זיך געמעגט ריכטן, אַז יעכיעל, ווינטשנדיק אַ גוטמאָרגן, זאָל זיך ניט באַנוגענען מיט די צוויי ווערטער, נאָר ווינטשן:

— אַ גוטמאָרגן, איך בעט איבער אײַער קאָוועד.

יעכיעל איז געווען לויטן פאַך אַ שנײַדער, אַ ווײַבערשער, אַמיינסטן פּויערטעס. אויך ייִדי־שע, נאָר ווינציקער. געלעבט אין דער הינטער־גאַס, ווו עס זײַנען געווען די דאָרדעקעכײַ־דערס, נאָך אַנדערע באַלמעלאָכעס. ער האָט געהאַט פּאַרנאָסע.

פּלוצעם לאָזט ער זיך אָפּ פון דער שנײַדערײַ, פאַרקויפט די ניי־מאַשין און ווערט אַ שאַמעס באַם ראָוו.

ווען מיר, יוקל און מוישע, זײַנען אַרײַנגע־קומען, האָט יעכיעל געדרעמלט, נאָר דערהערט אונדז ריידן, געעפנט די אויגן און פאַרכידעשט אונדז אָנגעקוקט. ער האָט אונדז ביידן געקענט. ווי קומען מיר פּלוצעם צום ראָוו? איך זאָג אים, אַז מיר דאַרפן צום ראָוו און בעטן אים אַרײַנגיין זאָגן וועגן אונדז.

דאָס מאָל איז ער זיך באַגאַנגען אָן זײַן רעפ־רען, אַרײַנגעגאַנגען צום ראָוו, צוריקגעקומען און געוויזן מיט דער האַנט, מיר זאָלן אַרײַנ־גיין.

דער ראָוו איז געזעסן אויף אַ שטול לעם טיש, פאַר אים אַן אָפענער סייפער. ער קוקט אויך פאַרכידעשט.

— קומט נעענטער, קינדער.

מיר גייען צו, ער הייסט זיך זעצן. און:

— וואָס ווילט איר עפּעס זאָגן?

איך דערצייל דעם איניען וועגן דער ביבליאָ־טעק און דעם סיכסעך מיט נאָכעם נעסיס. זאָגט ער צו מיר:

— רוף אַרײַן יעכיעלן.

איך טו עס.

— יעכיעל, גיי, זײַ מויכל, אַרײַן צו נאָכעם נעסיס און זאָג אים, אַז כ'האָב באַפוילן, ער זאָל שוין אַרײַנקומען.

יעכיעל פרעגט איבער:

— ראָוו, זאָל איך גיין, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, זאָגן נאָכעם נעסיס, ער זאָל, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, שוין אַרײַנ־קומען?

שמייכלט דער ראָוו:

— יאָ, איך בעט איבער דײַן קאָוועד.

יעכיעל גייט אַרויס, דער ראָוו שמייכלט:

— אַזאַ שיגאָען...

נאָכעם קומט. דער ראָוו הייסט מיר דערציילן דעם איניען, איך דערצייל. איך האָב געענדיקט, זאָגט דער ראָוו צו נאָכעמען:

— נו?

נאָכעם נעמט דרייען א ספּאָדעק, מישט אַרײַן מעדראָשים און האלאצעס, געשלעפּט פון טאַלמוד. דער איקער: דאָס אָרט, זײַן צובוי איז אַן אָרט פאַר פּאַרנאָסע. דער ייִד פון קניזשני מאַגאַזין דאַרף פּאַרנאָסע...

ער האָט בעדייע זיך צו צעשפּרייטן מיט זײַנע ווערטלעך, גענומענע פון פאַרשיידענע מעדראָשים. דער ראָוו רײַסט איבער:

— נאָכעמצי, לאָז מיך צורו מיט דײַן פּילפּל. איך ווייס, אַז האָסט געלערנט געמאָרע. האָסט גענומען בא דער כעוורע אַן אדערוף א פינפּערל... גיב אָפּ צען און באצאָל פּסאַקגעלט.

נאָכעם האָט אוועקגעלייגט אפן טיש צוויי גילדענע פינפּערלעך און עפּעס נאָך פּסאַקגעלט. געווונטשן דעם ראָוו אַריכאַס־יאָמים און אוועק.

דער ראָוו האָט מיך צוגערופן, געהייסן נעמען די צוויי פינפּערלעך און געזאָגט:

— הערט, קינדער, מיינט ניט, אַז ער איז אינגאַנצן אומגערעכט. דאָס אָרט איז פאַר א קרעמער, וואָס דאַרף פּאַרנאָסע. די ביבליאָטעק באַדאַרף לייענער, ניט קיין פּאַרנאָסע. די שטאָט בויט זיך, איר וועט טרעפן אַן אָרט פאַר דער ביבליאָטעק. ווער סע וויל לייענען א בוך, וועט זיך מאַטריען זײַן גיין אהין, ווו די ביבליאָטעק איז דאָ. ליפּקאַן איז ניט אזוי שטאַרק גרויס, אַז עס זאָל זײַן ווײַט ערגעץ צו גיין. גייט, קינדער, שאַפט די ביבליאָטעק, זאָלן ייִדישע קינדער לייענען א ייִדישן בוך. דאָס פינפּערל, וואָס נאָכעם האָט געגעבן, וועט צוניץ קומען. עס וועט אים גאָרנישט שאַטן.

מיר האָבן אים געווונטשן אַריכאַס־יאָמים און אוועקגעגאַן.

* * *

אין צוויי־און־דרײַסיקסטן יאָר זײַנען מיר, מוישע און יאַנקעוו, געווען אין א טורמע מיט א טרופּע, מע האָט געשפּילט אונדזערע צוויי רעוויוס. מיר זײַנען אויך קיין ליפּקאַן געקומען, זיך אינטערעסירט מיט דער ביבליאָטעק. זיך דערוווּסט, אַז די ביבליאָטעק האָט צוויי באַצאָלטע ביבליאָטעקערס, דרײַ הונדערט באַשטענדיקע אבאָנענטן, בא דער ביבליאָטעק איז אויך א לייען־זאַל.

אינמיטן די זעכציקער האָבן מיר צוזאַמען געמאַכט א נעסיע און געטראָפן א כאָרעוו אָרט — ייִדיש ליפּקאַן.

אין א פּאַריזשער פּריזער׳ע

א ייִד... וואָס איז א ייִד? צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָר, איידער עס איז געשען די שרעקלעכסטע קאַטאַסטראָפע אין דער מיט קאַטאַסטראָפעס רײַכער ייִדישער געשיכטע, איידער מע האָט פאַרטיליקט דאָס פאָלק, האָט יעדער גראַמאָטנער ייִד געוווּסט צו זאָגן, אַז ייִדן זײַנען א „אם קשע אוירעף” (אין אָריגינאַל, אין כומעש שטייט: „עם קשה עורף”). דאָס איז טײַטש: א האַרטנעקיק פאָלק. אזוי האָט עס, הייסט עס, אין כומעש אָנגערופן מוישע ראַביינו.

מע קאָן דאָס טײַטשן סײַ צום גוטן, סײַ צום שלעכטן. דאָס פּראָסטריידנדיקע ייִדישע פאָלק האָט עס געטײַטשט צום לויב, אַז ייִדן, ניט געקוקט אף אלע צאָרעס, לאָזן זיך ניט מאַכן אויס פאָלק. איך גלייב, אַז עס איז ניט איבעריק, אויב איך וועל דעם זאָג דערקלערן. עם (אם) הייסט פאָלק, קשה (קשע) הייסט האַרט און עורף (אוירעף) הייסט נאַקן. צוזאַמען די פראַזע איז די טײַטש — א האַרטנעקיק פאָלק. אין כומעש נוצט מען דעם אויסדרוק, ווי א פאַרוואורף. אָבער דאָס פאָלק האָט אים געביטן דעם זין, ווי א לויב...

מיר איז ניט אײַנגעפאַלן, אַז מע קאָן שאַפן א וואַריאַנט, ביז... ביז ס׳האָט מיר ניט פּאַסירט אָט דער קוריאָז:

פּאַריזש. יאַנוואַר נײַנצן דרײַסיק. באַהערשנדיק די שפּראַך, דאַרף איך ניט אָנקומען צו א באַגלייטער, צו א פירער. איז האָב איך באַדאַרפט זיך אָפּראַזירן. גיי איך אַרײַן אין א פּריזעריע. דער פּריזער, א יונגער פראַנצויז, ראַזירט מיך אָפּ און נעמט זיך צום פּאַרענדיקן — וואַשן דאָס פּאָנעם, פאַרקעמען. און מיטאַמאָל ווענדט ער זיך צו מיר מיט א פראַגע, צי איך בין א ייִד. דאָס וווּנדערט מיך און איך ענטפער מיט א פראַגע, צי ער איז א ייִד... ער שמייכלט און שאָקלט מיטן קאָפּ אף ניין. וואָס דען? ער באַשליסט פון דערפאַרונג, ווען ער ראַזירט, צי דער קליענט איז א ייִד. מאַכעס וואָס? ווײַל א ייִדישע באָרד לאָזט זיך שווער ראַזירן. די בערד בא ייִדן זײַנען באַזונדערס האַרט און ווידערשפּעניק צום ראַזירעסער, נאָכן אָפּראַזירן א ייִדן מוז מען אפּסנײַשאַרפן די בריטווע.

כ׳האָב אים געגעבן עטלעכע סאַנטים מערער, ווי די געוויינלעכע פּרײַז. א מענטש דאַרף אפּסנײַ שאַרפן די בריטווע... און עס איז בא מיר ווערט געווען. עס איז מיר צוגעקומען א וואַריאַנט צום אַלטן אם קשע אוירעף. און דעהײַנע:

— אם קשע באָרד...

א סצענקע אף א שיף

דער גרעסטער טייל מיטרײַזנדיקע פון צווייטן קלאַס האָבן געוווּסט, אַז איך בין אַ ייִדישער שרײַבער. צוויי צי דרײַ האָבן געכאַפּט מיט מיר אַ שמועס, זעענדיק מיך זיצן און שרײַבן, און פון זיי האָבן זיך די אַנדערע דערוווּסט. די באַקאַנטשאַפט האָט באַזונדערס געקראָגן קויעך בעשאַס די שפּײַזן, זיצנדיק אַלע אַרום איין טיש.

צווישן די פּאַסאַזשירן זײַנען געווען מענטשן פון פאַרשידענע לענדער און פאַרשידענעם נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. דאָס האָט ניט געשטערט צו די זייער קאָרעקטע באַציִונגען.

צווישן אַנדערע איז געווען אויך אַ ייִדישע מישפּאָכע פון ירושאָלאַיִם. אַ מאַן און אַ פרוי, ביידע לויטן אויסזען אין די פופציקער יאָרן, און צוויי פריילעכע יונגע באָכורימלעך. די מישפּאָכע פאָרט צום עלטערן זון אין בוענאָס־איירעס. ער איז דאָרטן באַגליקט. דער פאָטער קלאָגט זיך פאַר מיר (יאָ, וויאַזוי פאַרשטייען מיר זיך? אף העברעיִש... אַלע דרײַ ריידן זיי גוט העברעיִש און איך האָב צו יענער צײַט נאָך פאַרמאָגט דעם פענאָמענאַלן זיקאָרן, געקאַנט גוט העברעיִש), — ער קלאָגט זיך פאַר מיר: דרײַ הונדערט יאָר האָבן זייערע אָוועס געלעבט אין ירושאָלאַיִם, און ער מוז ברעכן די טראַדיציע, פאַרלאָזן ירושאָלאַיִם און איבערזידלען אין אַ פרעמד לאַנד... אָבער וואָס קאָן ער מאַכן? זײַן פאַרדינסט קלעקט ניט צו לעבן, די צוויי ייִנגלעך קענען זיך ניט אײַנאָרדענען. און אַזוי ווײַטער.

איך הער, עס איז מיר אינטערעסאַנט. עס שמעקט מיט ייִדישער געשיכטע.

צווישן די איבעריקע פאַרשוינען — אויך צוויי פראַנצויזן, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. זיי לעבן אין בוענאָס־איירעס, נאָר פאָרן יעדעס יאָר קיין פראַנקרײַך באַזוכן נאָענטע קרויווים. איצט פאָרן זיי צוריק קיין בוענאָס־איירעס. די פראַנצויזן האָבן זיך צו מיר דערנעענטערט מיט סימפּאַטיע. דאָס האָט זיך באַזונדערס געלאָזט מערקן באַם טיש, בעשאַסן עסן. איך בין קראַנק געווען אף יאַם־קראַנקײַט, זײַנען זיי געגאַנגען אַרום מיר: עס ווײַזט אויס, אַז דעם ירושאָלאַיִמער איז עס ניט געפעלן. און איינמאָל טוט ער צו מיר אַ זאָג זייער שאַרף:

— אָבה שונא ישׂראל!

איך, הייסט עס, בין אַ ייִדישער סוינע. מאַכמעס וואָס? איך פאַרהאַלט מיך גוט מיט די צוויי פראַנצויזן.

כ'האָב עס אָנגענומען אָן קאַס. האַלעווײַ וואָלטן מיר געהאַט וואָס מער אַזעלכע סאָנים, ווי יענע צוויי פראַנצויזן.

■

בראָניק

די צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ ראָסיִאַ" וועגן דעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער

אונטער דער רובריק „פאָלקס־טאַלאַנטן" האָט די צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ ראָסיִאַ" אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, געווידמעט דעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער, וועלכער האָט ניט לאַנג צוריק אָפּגעמערקט צען יאָר פון זײַן עקזיסטענץ און אויפגעפירט לעקאָוועד אָט דער דאַטע שאָלעם־אַליכעמס „טעוויע דער מילכיקער".

געבנדיק אַ גוטע אָפּשאַצונג דער שפּיל פון די אָנטיילנעמער אין דעם יובליי־ספּעקטאַקל, שטרײַכט אונטער די צײַטונג, אַז די אַרבעט פונעם פאָלקס־טעאַטער איבער די דראַמאַטישע ווערק פון דעם באַרימטן ייִדישן קלאַסיקער איז געוואָרן בײַ דעם טעאַטער־קאָלעקטיוו אַ טראַדיציע.

מיטן איינאַקטער „מאַזלטאָוו" האָט אָנגעהויבן זײַן ביאָגראַפיע דער טעאַטער, דעמאָלט נאָך אַלס אַ געווײנלעכער דראַמקרײַז באַם שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ. איצט געפינען זיך אינעם רעפּערטואַר פון דעם שעפערישן קאָלעקטיוו אַזעלכע פּאָפּולערע שאָלעם־אַליכעם־ספּעקטאַקלען, ווי „צוויי הונדערט טויזנט", „מענטשן", „סטעמפּעניו", די קאָמעדיע פונעם ביראָבידזשאַנער שרײַבער בוזי מילער „פונעם הימל פאַלט גאָרניט אַראָפּ", לעאָניד לעאָנאָווס פּיעסע „אינוואַזיע", אַ קינדער־פאַרשטעלונג לויט סערגיי מיכאַלקאָווס פּיעסע „דער רויטער האַלדזטוך". ווי איינעם פון די העכסטע דערפאָלגן פון דעם קאָלעקטיוו מערקט אָפּ די צײַטונג דעם ספּעקטאַקל „סטעמפּעניו" (רעזשי בערטע שילמאַן, אינסצענירונג פון אַ. רובינשטיין), פאַר וועלכן דעם טעאַטער איז אין 1977 צוגעמישפּעט געוואָרן דער טיטל לאַורעאַט פונעם אַלפאַרבאַנדישן דורכקוק פון דער פאָלקס־שאַפונג.

ווײַטער ברענגט די צײַטונג אַן אינטערוויו פון איר קאָרעספּאָנדענט מיטן רעזשיסער פונעם פאָלקס־טעאַטער בערטע שילמאַן.

— מיר אַרבעטן איצט, — דערציילט ב. שילמאַן, — איבערן ספּעקטאַקל „בלאָנדזשענדע שטערן". גלײַכצײַטיק גרייטן מיר אַ קאָנצערט־פּראָגראַם און קלײַבן זיך אין אַ גאַסטראָל־רײַזע איבער די ייִשוווים פון דער געגנט און איבער די שטעט פון כאַבאַראָווסקער קאַנט.

■

שלוימע ראַפּאַפּאָרט
לענינגראַד

ס'דאַרף דער הימל בלײַבן ריין

אינדערפרי און אַפדערנאַכט —
שטענדיק וועגן דעם איך טראַכט:
יעדער מענטש זײַן אַרבעט טוט,
טוט זי פלײַסיק, טוט זי גוט —
האַמערט, בויערט, שמעלצט און שמידט,
ס'איז מיט פרייד געבענטשט זײַן מי.
נאָר באַוווּסט איז אונדזער צײַט
זײַנען אויך אַזעלכע לײַט:
אינעם שלאָף און אָף דער וואָר

איינס מע זעט און מערער גאָר, —
באָמבעס נײַע ווי צו מאַכן,
מיט דער וועלט קעדיי זיך שאַפן.
נאָר מײַן לאַנד עס זאָגט זיי: — ניין!
ס'דאַרף דער הימל בלײַבן ריין.
שלאַנג די בייזע מער ניט וועק,
זאָל פון קריג פאַרבײַ די שרעק.
פונעם שאָלעם היט די שײַן!
שאָלעם אָף דער וועלט זאָל זײַן!

אַ זייכער

איך האָב אַן אַלטע ציינד־מאַשינקע,
זי איז מיר ליב, זי איז מיר טײַער.
כאָטש עס איז קליין איר פלעמל־צינגל,
דאָך וואַרעמט מיך ביז איצט איר פײַער.

באַ איר ציגײַערס איך פאַררייכער,
ווי דאַן, ווען כ'האָב דעם פײַנט געטריבן.

פון מײַנע פראָנט־יאָרן אַ זייכער
די ציינד־מאַשינקע איז פאַרבליבן.

עס האָט געשענקט מיר די מאַטאָנע
דער פאָליטרוק פון אונדזער ראָטע,
פאַרגעסן קיינמאָל כ'זאָל ניט קאָנען
דעם קריג, די פרײַנט און די פעכאָטע.

צווײ הענט

ווען מענטשן ווילן זײַן באַקענט,
דערלאַנגען זיי זיך דאַן די הענט,
געוויינלעך די רעכטע. נאָך „שאָלעם־אַלייכעם"
פאַרגיט מען אַ פראַגע דעם צווייטן „מאַ שמייכעם"? —
דער טאָקער, דער שלאָסער, דער סטאָליער, דער שמיד,
דער שרײַבער פאַרשרײַבט זײַן דערציילונג, זײַן ליד,
און ס'נוצן אויס אַלע די האַנט נאָר די רעכטע —
דער מינהעג אָפּאָנעם איז גאָר ניט קיין שלעכטער.
נאָר איך האָב שוין לאַנג אין דעם לעבן באַמערקט,
אַז מאַמעס פון אייפּעלעך טוען פאַרקערט —
זיי טראָגן דאָס קינד אָף דער האַנט אָף דער לינקער,
וואָס נאָענט צום האַרצן — אַזוי איז זיי גרינגער.

הערשל באראַז
ראָסטאָוו

פאַר די קינדערסוועגן

רעטענישן

1

אין די בלויע, הויכע הימלען
שעפּסן ווייסע, גרויסע שווימען,
אַט געלאָסן, אַט געשווינד.
זייער פּאַסטעך איז דער ווינט.
ניט געגעסן, ניט געמאָלקן...
ווער זשע איז דאָס? קלאָר — ס'איז וואָלקנס.

2

ס'האָבן וואָלקנס זיך צעלעכערט,
פאַלן טראָפּנס אַף די דעכער,
רינען ריטשקעס אַף דער גאַס.
אַלע מענטשן זײַנען נאַס.
ווילט איר דאָך אוודאי פרעגן:
ווער האָט עס געטאָן? — דער רעגן.

3

שטיפנדיק און פּיל־אויסן־בויגן
איז א פייער אָנגעפלויגן.
ס'האָט א רעגן זיך צעגאָסן.
ס'האָט געהילכט און הויך געשאָסן
און פאַריאָגט אין פעלד די היץ.
ווער? — דער דונער מיטן בליץ!

4

רויטע, געלע, גרינע סטענגעס
אפן ראַנד פון הימל הענגען.
מיט א גאַרטל אים פאַרצויגן.
ווייסט איר וואָס? —
דער רעגנבויגן.

דאָס קעצעלע אין בעטעלע

טאַטע־מאַמע — אין פאַבריק,
די באָבע לייגט עפּעס שטריקט.
זיצט אפן טעפּיך עטעלע
און דרעמלט לעבן בעטעלע.
דערזעט דער זיידע, זאָגט צום קינד:
— אנו, אין בעט אַרײַן געשווינד!
— שטילער, זיידעניו, — ענטפערט עטעלע. —
זעסט, דאָס קעצל שלאָפט אין בעטעלע.
טאָר מען דאָס ניט וועקן,
ס'קאָן זיך נאָך דערשרעקן.

איציק בעקער
קיִעוו

בעשאַס א פּאַרטיקעניש

ווען כ'וואָלט געקאָנט באַפוילן אַט די כמאַרעס
זיך אויסגיסן מיט שעפע אַף מײַן פעלד,
און אָנפילן די זאַנגען דאַרע־קוואָרע
וואָלט ליכטיקער געוואָרן מיר די וועלט.

ווען כ'וואָלט געקאָנט די רעגנטראָפּנס ריינע
באַשווערן צי באַפוילן שטרענג און האַרב,
איך וואָלט געצוווּנגען זיי מײַן ערד מײַן שיינער
צוגעבן א ביסל גרינע פאַרב.

צו מײַנע פרײַנט

פון קינדערװײַז א טעװע אזא מין בא מיר,
ניט האלטן פארשפארט און פאריגלט די טיר.

אין הארצן איך בעט מײַנע פרײַנט — קומט ארײַן!
פאר אײַך איז מײַן ברויט און פאר אײַך איז מײַן װײַן.

מיט אײַך איז מיר ליכטיק און פריידיק און העל,
פארמײַדט ניט מײַן הויז, און מײַן טיר, און מײַן שװעל.

מײַן האנט האָרעפּאשנע כ׳דערלאנג מײַנע פרײַנט:
מיט אײַך איז מײַן לעבן דערהויבן, באשײַנט.

מאַניע מיניעװיטש

גאָרקי

דער באנאכט־צוג

באנאכט־צוג, װער האָט דיך געבראכט?
װאגאָנען, װי גרינע געשפּענסטער.
עס בלעטערט און בלעטערט די נאכט
געהיימע באלויכטענע פענצטער.

ס׳פארלויפט אף א רעגע אין װאלד
דער װינט, דײַן געטרײַער באגלייטער,
הייבט אוף צװישןביימער א גװאלד —
און מאכט פון דער כאשכעס פלייטע.

און סוידעסדיק װערט דער געקלאנג
פון די שטאָלענע רעלסן און רעדער.
פארטײַעט און שטיל, װי א שלאנג,
עס נישטערט דער װינט צװישן בלעטער.

פארשװוּנדן דער צוג איז, אװעק,
נאָר בלויז פונדערװײַט, װי א שטערן,
עס פינטלט און רופט אונדז אין װעג
זײַן װאכזאמער רויטער לאמטערן.

גליק

װען פון דער ארבעט װערט מיר הייס,
איך פאל אין גראָז, פארשליס די װיִעס,
און מיט דער דלאָניע כ׳װיש אָפּ דעם שװייס —
דו מעגסט מיר גלייבן — ס׳איז א כּיִעס!

דאָס זעלבע טו, װעסטו דערהערן
װי ס׳פלאצט א קנאָספּ, װי ס׳זינגט די בין,
און פונקט, װי איך, װעסט דעמלט קלערן:
„װי גליקלעך כ׳בין!”

אַרן זײַטשיק

אָרענבורג

די צעשטערטע הייליקײַט

אין דער העל־באַלויכטענער וווינונג פֿונעם באַוווּסטן דאָקטער און געזעלשאַפֿטלעכן טוער שאַרירע האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט א היפּשער עולם — דער באַלעבאָס איז אַלט געוואָרן אַכציק יאָר.

זײַנע פֿרײַנט קוקן אויף אים און טראַכטן אַזוי, צי קימאַט אַזוי:

„ניט שוין זשע איז דאָס דער זעלבער קרעפּטיק־שטאָלצער כירורג פֿון די יאָרן אײן און פֿערציק — פֿינף און פֿערציק, דער מענטש מיטן שוואַרצן, קוטשעראַווען קאָפּ האָר, מיט די טאָמיד פֿאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט די אינסטרומענטן אין די הענט, אַרומגערינגלט מיט קאָלעגן און מעדשוועסטער? איבערגעבויגן טאָג־און־נאַכט איבער פֿאַרוווּנדעטע שלאַכטלײַט, האָט ער אָפּערירט, איבערגעבונדן און געהיילט די וווּנדן, ניט געוווּסט פֿון קיין רו און פֿון קיין שלאָף... יאָרן, יאָרן! יאָרן נעמען זייערס. אַזאַ איז שוין דער סיידער פֿון דעם לעבן: דאָר הוילעך, וועדאָר באָ. ס׳איז א שפּיל. ווי מיט יאַנקעוווס לייטער: אַרויף אײנער, אַראָפּ א צווייטער... זײַ כאָטש געטרייסט דערמיט, וואָס דײַן לעבן איז אַדורך ניט אומזיסט, וואָס אַלע דײַנע יאָרן און קויכעס האָסטו אָפּגעגעבן דער געזעלשאַפֿט, פֿאַרן קלאַל, מעסירעסנעפֿעשדיק געאַרבעט אין די פֿײַנפֿולע יאָרן פֿון דער גרויזאַמער וועלט־מילכאָמע, הונדערטער און טויזנטער קראַנקע און פֿאַרוווּנדעטע צוריקגעבראַכט צום לעבן, אומגעקערט אויפֿן פֿראָנט”.

קיין לעכאַימס און וויוואַטן האָבן ניט אויסגעפֿעלט. און אָט לויכטן שוין אַלעמענס פּענעמער, די אויגן גלאַנצן, די גלעזער קלינגען און די סימכע וואַקסט. די הערצער ווערן ברייטער, די פּידזשאַקעס צעקנעפּלט — און מע כאַפּט אונטער אײן ניגן נאָך א צווייטן, צוערשט דעם טראַדיציאָנעלן אין אַזעלכע פֿאַלן: „לאָמיר אַלע אײנײנעם, אײנײנעם”. די סימכע דויערט און דויערט. שפּעטער א ביסל הייבט זיך אָן א סערדרע טענץ. די ייִנגערע טאַנצן לעבעדיק און פֿריילעך, די עלטערע געלאַסן־פּאַמעלעך. מע ציט אַרײַן אין דער ראָד דעם הויפּט־מעכוטן שאַרירען מיט נינע סאַמוילאָוונען צוזאַמען.

שאַרירע פֿילט זיך יונג און שטאָלץ. וואָס מיר עלטער, אַכציק־שמאַכציק! אַכצן און ניט אַכציק! און נינע סאַמוילאָוונע, ייִנגער פֿון אים מיט צען יאָר, דרייענדיק זיך אין קאַראַהאָד, האָט ניט אַראָפּגענומען פֿון אים די אויגן, אירע ליפּן האָבן געמורמלט ווערטער פֿון אַן אַלט־פֿאַרגעסן לידל: „אַכציק — ער און זיבעציק — זי!..”

דערבײַ האָט זי א טראַכט געטאָן:

— כאָטשבי דערלעבן צו זײַן עלטער!

נאָר אָט האָבן זיך די טענץ פֿאַרענדיקט. די געסט האָבן זיך ווידער אַוועקגעזעצט אַרום די טישן, די באָקאַלן אָבער זײַנען דאָס מאָל פֿאַרבליבן ליידיק. ס׳איז שוין שפּעט. ווי עס פֿירט זיך אין אַזעלכע פֿאַלן, האָבן די געסט מיט נײַגער געוואַרט אויפֿן וואָרט פֿונעם באַלסימכע אַליין. און ס׳איז אַוועק וועגן דעם א מורמלערײַ. און אָט שטעלט זיך שאַרירע אויף, פֿאַרנייגט זיך פֿאַר די געסט און הייבט אָן:

— טײַערע פֿרײַנט, מײַנע טײַערע קאָלעגן. איך באַדאַנק אײַך דערפֿאַר, וואָס איר זײַט געקומען צו מיר אויף מײַן יאָמטעוו, פֿאַר אײַערע האַרציקע באַגריסונגען און וווּנטשן. כ׳טראַכט נאָר, צי איז עס טאַקע יאָמטעוו אין שקיִע־צײַט פֿון לעבן... נאָר לאָמיר הײַנט, אינעם דאָזיקן טאַקע יאָמטעוודיקן טאָג, זיך ניט גריבלען אין דעם קנויל פֿון אַזעלכע מאַכשאָוועס. לאָמיר זײַן צופֿרידן מיטן לעבן, וואָס איז שוין אַוועק, און מיטן הײַנטיקן טאָג. פֿאַר מאָרגן, ווי מע זאָגט, זאָל גאָט זאָרגן. דער אָוואַר האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן. ווייל איך טאַקע אויפֿלעבן הײַנט מײַן פֿאַרגאַנגענהײַט. דערלויבט מיר צו דערציילן וועגן אײנעם אַן עפּיזאָד פֿון מײַן יוגנט, וואָס איז א לאַנגע צײַט געווען פֿאַר מיר, ווי א ליכטיקע דערמאָנונג, שיר ניט, ווי א הייליקײַט, ווי אַן אומשטרײַטבאַרער עמעס, און וואָס איז שפּעטער, אונטערן דרוק פֿון נײַע צײַט־ווייעניש און געשעענישן, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין א „הייליקײַט” אין געענדזנפּיסלעך, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוועפּט, וואָכעדיק געוואָרן. כ׳האָב אַמאָל געהערט א לעגענדע וועגן די „נעפֿילים”, די אַזויגערופֿענע געפֿאַלענע מאַלאָכים, וואָס האָבן זיך פֿאַרזינדיקט אין די הימ־

לען און זײַנען דערפֿאַר אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן אַף דער זינדיקער ערד. אַזאַ מין ווערט און אויסזען האָט אויך געהאַט צום סאָף יענע היי־ליקײַט מײַנע.

אַליין בין איך אַ גודעגייער, אַ שטעטעלע אין דער ליטע. ווי הונדערטער און טויזנטער מײַנס גלײַכן אין צאַרישן טכום פון יענער צײַט, האָב איך זיך דערצויגן צווערשט אין כיידער, שפּע־טער אין יעשיווע. וואָס דאָס איז פאַר אַן אַנ־שטאַלט כיידער, ווייסן אַלע. וועגן יעשיוועס וויל איך באַמערקן אײַנקורצן. דאָס זײַנען געווען צעוואָרפענע לערן־אַנשטאַלטן אין פאַרשיידענע שטעטלעך פון ליטע און ווײַסרוסלאַנד, ווי אַשט־טייגער: איישעשאָק, דערמיר, נאַוואַרעדאָק סלאָ־באָדקע, ראַדון און וואָלאָזשין. די יעשיוועס האָבן זיך אויסגעהאַלטן קימאַט אָן קיינע סובסידיעס און בודזשעטן. די יעשיוועבאָכערים, אָדער קלויזניקעס, פלעגן זיך אויסהאַלטן פון „עסן טעג", יעדן טאָג בײַ אַן אַנדער באַלעבאָס... די באַלעבאַטים האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ מיצ־ווע־זאַך, אַזוי, אַז אָן אַ „טאָג" איז קיין יעשיווע־באָכער, כאָלילע, ניט פאַרבליבן. די לימודים אין די יעשיוועס זײַנען געווען שטרענג רעליגיעזע, טרוקענע, סכאָלאַסטישע, אויסשליסלעך טאַלמו־דישע, אָן מינדסטן וועלטלעכן צומיש. די יעשי־וועס האָבן שטאַרק אויסגעשאַרפט די מויכעס פון די טאַלמידים, אַדאַנק די פאַרשיידענע כקי־רעס, גריבלענישן, בויד־סוואָרעס, סאָפיסטיק און פילפוליסטיק, מיט וועלכע ס'זײַנען געווען אָנגעפילט דער אינהאַלט, מעטאָד און גאַנג פון די לימודים. איך פּערזענלעך בין געווען זייער אַ פלײַסיקער טאַלמיד, אַן „איליוי", ס'הייסט אַן אויסגעצייכנטלער, האָט מען מיך טאַקע אַזוי גערופן: „דער גודעגייער איליוי". דערצו בין איך געווען אַ מאַסמיד. מע האָט זיך איבער מיר געוויצלט, אַז איך לערן פינף און צוואַנציק שאָ אין מעסלעס. וויאַזוי? ווײַל כ'שטיי אויף אַ שאָ פאַר באַגינען. איז מײַן מויעך טאַקע געווען אויסגעשאַרפט, ווי אַ כאַלעף. צום באַדויערן אָבער אַף קליינלעכע, באַטלאָנישע זאַכן. אַלס בײַשפּיל וועל איך ברענגען אַ פּאָר פאַרגעדענק־טע עפּיזאָדן פון מײַן דעמלטיקן יעשיוועבאָכע־רישן שאַרפזין.

עסנדיק איינמאָל אַ „פרייטיקצונאַכט" בײַ איי־נעם אַן אויפגעקומענעם באַלעבאָס, האָב איך זיך אַ ביסל פאַרהאַלטן נאָך דער סודע, פאַרקוקנדיק זיך שטאַרק אַף די צווײ ברענענדיקע זילבערנע לײַכטער, מיט זייערע אויסערגעוויינלעכע קינ־סטלערישע שניצונגען און געמעלן. מיטאָמאָל רופט זיך אָן דער באַלעבאָס מיט אַ גראָבלעך־רוגזעדיקן טאָן:

— אָרעם־באָכער, די סודע איז שוין פאַרענ־דיקט. צײַט שלאָפן גיין...

— אַנטשולדיקט, באַלעבאָס, כ'האָב זיך פאַר־קוקט אַף די זייער שיינע שניצונגען פון די לײַכטער. עמעסע קונסט.

— קונץ־שמונץ, — האָט ער אַ ברום געטאָן. — וואָס האָסטו פון דײַן קוקן? זיי זײַנען דאָך מײַ־נע, ניט דײַנע...

— באַלעבאָס, — רוף איך זיך אָפּ, — ניט איר עסט זיי, ניט איך עס זיי... איר קוקט אַף זיי און אויך איך קוק אַף זיי...

— אַ מאַשל־קאַפּאַשל. איך, אַז כ'וויל, פאַר־שליס איך זיי אין אַלמער, זיי זײַנען דאָך מײַנע!

— באַלעבאָס, — ענטפער איך ווידער, — דעמלט ניט איר זעט זיי, ניט איך זע זיי...

— שוטעס! — שרײַט אויס מיט שטאָלץ דער באַלעבאָס. — איך, אין אַן אייס־צאָרע און נויט קאָן זיי דאָך פאַרלייגן אַלס מאַשקן אין לאָמ־באַרד און קריגן פאַר זיי געלט. זיי זײַנען דאָך מײַנע!

— דעמלט זײַנען מיר ביידע גלײַכע מענטשן, באַלעבאָס, — ענטפער איך טייקעף, ניט־טראַכ־טנדיק לאַנג...

שאַרירע וואָרט איבער דעם געלעכטער פון זײַנע געסט און זעצט פאָר:

— און אָט אַ צווייטער בײַשפּיל. אַ כאַווער מײַנער, אויך אַן אָנגעפּיקעוועטער מיט די אַלע פוסטע כקירעס און דריידלעך, פאַלט צו מיר איינמאָל אַרײַן מיט אַזאַ מין קאַפּ־שטיק: „הער נאָר אויס, מאַסמיד. אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר דערווײַזן, אַז דו ביסט איינצײַטיק דאָ און ניט דאָ". (מיר האָבן דאַן געלערנט אין איישע־שאָק).

— אַדרעאַבע, דערווײַז!

— הער נאָר. אויב דו ביסט דאָ, אין איישע־שאָק, ביסטו דאָך ניט אין ווילנע, און אויב דו ביסט ניט אין ווילנע, ביסטו דאָך ערגעץ אַנ־דערש־וווּ... נו, איז אויב דו ביסט ערגעץ אַנ־דערש־וווּ, — האָט ער געדרייט מיטן גראָבן פינ־גער, — ביסטו דאָך ניט אין איישעשאָק...

— אָט האָסטו דיר פאַר דער דאָזיקער פילאָ־סאָפיע! — האָב איך אויסגערופן, אַרײַנפאַרנדיק אים אין דער רעכטער באַק.

— פאַרוואָס פאַטשסטו מיך? — פרעגט ער פאַרכידעשט.

— איך פאַטש דיך? — ענטפער איך טאַמעוואַ־טע, — איך בין דאָך דאָ ניטאָ...

די געסט קײַכן פון געלעכטער.

דער גײַסט פון יעשיווע האָט אָפּגעטעמפּט יעדן כוש און געפיל פאַר דער נאַטור און פאַר שיינקײַט. איינמאָל האָט מען מיך שיר ניט כאַ־סענע געמאַכט דאָרטן. דער ראָשיעשיווע, אַ בייזער, שטרענגער ייִד, פאַרפירט מיט מיר אַמאָל אַ שמועס און וועגן דאַפקע און ווײַבערשע איניאָנים, פון די דינים וועגן כאַסענעס און געטן. ער טוט מיך פּלוצעם אַ פרעג:

— ביסט שוין א באָכער אין די יאָרן, וואָס טראכסטו וועגן א טאכלעס? צײַט כאסענע האָבן. דאָס טראכטן פון זינד איז דאָך ערגער פון דער זינד גופע. כ׳האָב פאר דיר א קאָשערע ייִדישע טאָכטער. כ׳בין אפילע א נעגויע־בעדאָווער, כ׳האָב א שטיקל שײַכעס דערצו: ס׳איז מײַן אייגענע טאָכטער... א קלוגע, אן אָרנטלעכע, און דו געפעלסט מיר.

מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ערשטנס, פון דער פראגע גופע אינמיטנדערינען. און צווייטנס, האָט דעם רעבנס טאָכטער געשעמט פאר א שרעקלעכע מיִעסקײַט און פארזעניש.

— רעבע, — האָב איך אויסגעשטאמלט. — ערשטנס, בין איך נאָך יונג, און צווייטנס, — האָב איך אויסגעשאָסן פון קאס און פארביטערונג, — עפּעס זאָגט מען, אז זי איז ניט קיין שטארק שיינע.

— וו־אָ־אָ־ס? — איז דער רעבע אופגעשפרונגען און א רעווע געטאָן, ווי א לייב. — זאָג נאָר, וואָס בעבעסטו, לאמדן מײַנער. אדעראבע, ווײַז נאָר, ווײַז, ווו שטייט עס געשריבן אין דער טוירע, אז א ווײַב דארף זײַן א שיינע? אדעראבע, ווײַז! א קאָשערע, אן אָרנטלעכע — יע, אָבער א שיינע? ס׳שטייט אין ערגעץ ניט געשריבן.

כ׳געדענק שוין ניט, וויִאזוי כ׳האָב זיך דעמלט ארויסגעריסן פון זײַנע הענט. נאָר איינס געדענק איך. אין צוויי וואָכן ארום בין איך אָף יאָמטעוו אוועקגעפאָרן אהיים און מער קיין איישעשאָק זיך ניט צוריקגעקערט. פון דער היים בין איך אוועקגעפאָרן קיין ראדון, א שטעטל ניט ווײַט פון ווילנע, און קנאפּע צוויי יאָר אָפּגעלערנט באם באוווסטן גאָען, דעם „ראדונער". און דאָ קום איך צום איקער, וועגן דער צעשטערטער הייליקײַט.

דער „ראדונער", אויסער זײַן פּאָפּולערקײַט אלס גאָען, האָט זיך קוינע־שעם געווען מיט זײַן טמימעסדיקײַט און אויסערגעוויינלעכער באשיידנקײַט. ער איז געווען באוווסט מיט זײַן ספּעציִעלן סייפער וועגן דער זינד פון לאָשנהאָרע און רעכילעס, מיט זײַן סייפער וועגן קאָזיאָנעם „קעסל", אין וועלכן ער דערלויבט ייִדישע זעלנער אין דער צארישער ארמיי צו עסן טרייפס אלפּי־נויט, קעדיי ניט צו לײַדן קיין הונגער. א סאך זעלנער האָבן זיך פריִער געהאט אָפּגעזאָגט צו עסן טרייפס. אינעם דערמאָנטן סייפער בעט זיך מאמעש דער „ראדונער" בא די זעלנער, זיי זאָלן עסן פונעם קעסל, נאָר אלס מוז צו שטילן בלויז דעם הונגער, אָבער אין קיין פאל ניט לעשעם האנאָע, כאָלילע זיך צו באלעקן און סמאקעווען די ביינדעלעך... דער „ראדונער" איז פאר מיר געוואָרן דער גרעסטער אוטאָריטעט. כ׳האָב אים מאמעש פארגעטערט.

איך וויל דערבײַ צוגעבן, אז די יעשיווע־יאָרן האָבן אָף מיר ארופגעלייגט זייער שטאמפּ. כ׳בין געווען ווײַט פון וועלטלעכקײַט און בעמיילע רעליגיִעז געשטימט. ווי שוין געזאָגט, האָב איך אָפּגעלערנט באם „ראדונער" קנאפּע צוויי יאָר. ס׳איז געווען ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. מײַן פאָטער איז שוין געווען אלט און קראנק. פלוצעם, אומדערווארט, איז געשען א פאל, וואָס האָט געמאכט אן איבערקערעניש אין מײַן גאנץ לעבן. מיטאמאָל לאָזט זיך אראָפּ צו מיר אן אומבאקאנטער פעטער פון דעם ווײַטן קיִעוו און רעדט מיך צו טייקעף צו פארלאָזן די יעשיווע און פאָרן מיט אים צו זיך, קיין קיִעוו, צו לערנען וועלטלעכע לימודים און קומען צו א טאכלעס. זיך לערנען, פארשטייט זיך, אָף זײַן, דעם פעטערס, קעשענע. דער פעטער איז געווען א קינדערלאָזער און האָט, מאשמאָעס, געהאלטן פאר א מיצווע אויסצוהאלטן און דערציִען אן אָרעמען פלעמעניק, קעדיי איבערלאָזן נאָך זיך א נאָמען, זײַנעם א דערציגלינג. צוערשט איז מיר דעם פעטערס פאָרשלאָג אויסגעקומען מעשונע־ווילד. וואָס הייסט, ווארפן די יעשיווע, דעם „ראדונער", מײַן גאָט, און לאָזן זיך ווײַט־ווײַט אין א פרעמדער שטאָט. נאָר דער פעטער מיט זײַן פעסטער האלטונג און איבערצײַגעוודיקן קויעך־האדיבער האָט מיך דאָך אײַנגעבראָכן, דערווײַזן ווי געהעריק מײַן באטלאָנישע אויסזיכטלאָזיקײַט, און אָן איבעריקע שיִעס האָט ער מיך ארויסגעריסן פונעם יעשיוועדיקן גאניידן. און מיר זײַנען אוועקגעפאָרן קיין קיִעוו.

די ווײַטערדיקע געשעענישן האָבן זיך אנטוויקלט בליץ־שנעל.

קומענדיק קיין קיִעוו, האָט דער פעטער אײַנגעלאדן פאר מיר א ספּעציִעלן רעפּעטיטאָר און אדאנק מײַן אויסגעשארפטן מויעך און האסמאָדע האָב איך באוויזן גלענצנדיקע רעזולטאטן. כ׳האָב געלערנט, ווי אין דער יעשיווע, „פינף און צוואנציק שאָ" אין מעסלעס... אוועק א יאָר און צוויי, און צום סאָף פון דריטן יאָר האָב איך פארענדיקט דעם קורס פון גימנאזיע און, אדאנק דעם פעטערס פארבינדונגען, באקומען דעם געהעריקן אטעסטאט.

— און ווײַטער וואָס? — האָב איך געפרעגט דעם פעטער.

— ווײַטער, — האָט ער מיר געענטפערט, — האָב איך זיך צונויפגערעדט, און דו וועסט אָנקומען אין אוניווערסיטעט און ווערן, מירצעשעם, א דאָקטער!

פון גרויס איבערראשונג בין איך געבליבן ווי געפלעפט. איך — א דאָקטער! איך, דער איישעשאָקער יעשיוועבאָכער — א דאָקטער! איך, דער אָרעמער „טעג־עסער" — א דאָקטער! קורץ: כ׳האָב שיר ניט באקומען א קאָפּשווינדל פון

מײַן קומענדיקער קאריערע. איז דאָך אלץ, דוכט זיך, גוט, האָ! איז ניין. ניטאָ קיין דורכויס גלײַכע וועגן. גוט־גוט — און מיטאמאָל א דאָרן, א שטיין אין וועג. א געדיכטער וואָלקן האָט פלוצעם פארשטעלט מײַן אופגייענדיקע זון. ס'האָט אופגעוואכט אין מיר דער גײַסט פון יעשיווע מיטן אײַנגעוואָרצלטן אין מיר רעליגיעזן געפיל... קאָנקרעט: כ'האָב זיך דערמאָנט, אז איך בין א „קויהען", ס'הייסט אן אָפשטאמלינג פון דער דאָר־דוירעסדיקער ייִכעס־דינאסטיע פונעם אמאָליקן הייליקן פריסטער־שייווע, די מיטגלידער פון וועלכן עס טאָרן זיך ניט, לויטן ייִדישן דין, אָנרירן אין א טויטן קערפער. נו, און מעדיצין אין אוניווערסיטעט האָט דאָך פון ערשטן טאָג אָן צו טאָן מיט מייסים... הײַנט זעט אויס די דאָזיקע מעניִע נישטיק און קליין. דעמלט אָבער האָט דער פאקט זיך אוועקגעשטעלט, ווי אן אײַזערנע וואנט צווישן מיר און מײַן ציל. אפילע דער פעטער, א מענטש שוין א וועלטלעכער, האָט זיך אויך פארטראכט וועגן דעם דערמאָנטן פארבאָט. איז וואָס טוט מען? ס'איז טאקע שלעכט און ווידעראמאָל שלעכט. צום גליק זײַנען מיר ביידע געפאלן אף א גליקלעכער האמצאָע: זיך ווענדן צום „ראדונער" נאָך אן אייצע. האָט ער דאָך בעשײַטע דערלויבט די ייִדישע זעלנער, אין א נויט־פאל, צו עסן טרייפס — וועט ער עפשער אויך מיר אנטקעגנקומען. גערעדט — געטאָן. כ'האָב אָנגעשריבן צו אים א בריוו, אָפגעמאָלט מײַן לאגע און, פול מיט רעספעקט און אָפשײַ, געבעטן אן ענטפער. „אײַער וואָרט, רעבע, איז פאר מיר א דין!" — אזוי האָב איך פארענדיקט מײַן בריוו. זײַנען אדורך א וואָך און צוויי — שווערע טעג פון אומגעדולדיקן ווארטן. צום סאָף באקום איך א קורץ בריוול מיט דריבנינקע אויסיִעלעך, געשריבן פונעם „ראדונער" אליין. דאָס בריוול גיב איך דאָ איבער ווי עס האָט זיך מיר פארגעדענקט:

„שאָלעם און פרידן צו מײַן באליבטסטן טאלמיד, וואָס איז פול מיט טוירע, ווי א מילגרוים מיט קערנער. טאלמידי יעקירי, מיט א שווער הארץ ענטפער איך דיר אף דײַן אָנפרעג. נאָך א סאך טראכטעניש בין איך דאָך געקומען צו אזא מאסקאָנע: מאדאָך אזא הייליקע זאך, ווי שאבעס, מעג מען צוליב פיקועך־נעפעש וועגן פארשטערן און וואָכעדיק מאכן, איז אויך דו, קוים גייסטו לערנען דאָקטאָריע און ווערסט דאָך דערנאָכדעם, אימירצעשעם, גיין היילן ייִדן, וואָס ס'איז דער גרעסטער פיקועך־נעפעש — איז אויך דו, ניט געקוקט אפן פארבאָט, מעגסטו טאָן אלץ, וואָס די דאָקטאָריע פאָדערט. און גאָט זאָל אונדז ביידן פארגעבן די זינד, אויב מיר גרײַזן דאָ, כאָלילע".

אופעפענענדיק דאָס בריוול, האָב איך מיט ציטער בליק־שנעל זיך א כאפ געטאָן צום איקער. ס'הייסט, איבערהיפנדיק דעם ארײַנפיר מיט די ארגומענטן, האָב איך טייקעף דערזען די אונטערשטע שורע, אז „כ'מעג!" — און שוין. פון גרויס פרייד און היספּײַלעס בין איך אופגעשפרונגען פון מײַן אָרט און אויסגעשריִען: „הורא, פעטער, כ'בין א דאָקטער!" און גלײַכצײַטיק באדעקט דאָס דאָזיקע בלייכע פאפירל מיט צענדליקער קושן. דער „ראדונער" איז געוואָרן פאר מיר נאָך מער הייליקער, ליבער, אווטאָריטעטער.

דאָס בריוול האָב איך, ווי אן עווענטאָוו, אוועקגעלייגט און פארבאהאלטן, לעזיקאָרן, ווײַט־ווײַט, צווישן מײַנע פארשיידענע פאפירן און דאָקומענטן, און עס איז לאנג־לאנג פארבליבן פאר מיר ליב און טײַער, אײַנגעבאקן אין הארצן, ווי א ליכטיקע דערמאָנונג, ווי א הייליקײַט, ווי אן עמעסע רעליקוויִע.

און איצט הייבט זיך אָן די צווייטע פאזע פון מײַן לעבן. כ'בין אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט, געלערנט א סאך און פלײַסיק. גראָד איז דאן אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מילכאָמע. שפעטער־צו — די גרויסע אָקטיאבער־רעוואָליוציע, וואָס האָט, צוגלײַך מיט אלץ און אלעמען, אויך מיך באפרײַט פון מײַנע ענגע גײַסטיקע פענטעס, פאָרורטיילן, אלטע, אָפגעלעבטע פאָרשטעלונגען און ראדיקאל אויסגעברייטערט מײַנע גײַסטיקע האָריזאָנטן. נײַע, פרײַע ווינטן האָבן גענומען בלאָזן אין און ארום מיר.

כ'האָב פארענדיקט דעם אוניווערסיטעט, בין געוואָרן א כירורג, זיך ארײַנגעוואָרפן אין דער ארבעט מיט לײַב־און־לעבן. איך האָב אָנטיילגענומען אין פיל הייל־עקספעדיציעס, ארויסגעפאָרן מיט בריגאדעס אין פארשיידענע קאנטן פון עפידעמיע־אויסברוכן. פאר מײַנע אויגן זײַנען שטענדיק געשטאנען קראנקע מענטשן, וואָס האָבן געלעכצט נאָך הילף. א געמיש פון צענדליקער נאציִאָנאליטעטן, און יעדערער פון די דאָזיקע קראנקע איז מיר געווען נאָענט און ליב. כ'האָב געזען פאר זיך מענטשן און בלויז מענטשן. עס זײַנען אדורך יאָרן. און אָט איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע מיט די פינער און שפעטער די צווייטע וועלט־מילכאָמע. צוזאמען מיט הונדערטער קאָלעגן מײַנע בין איך טייקעף אוועק אפן פראָנט, אין די פעלד־שפיטאָלן.

רוסן, אוקראיִנער, טאָטערס און אוזבעקן, ייִדן און ווײַסרוסן און נאָך און נאָך — א לאנגע, ענדלאָזע קייט פארוווּנדעטע, וועמען מיר האָבן טאָג־אײַן, טאָג־אויס געמאכט אָפעראציעס, געהיילט און צוריקגעקערט צום לעבן, צום פראָנט. אין יעדן קראנקן האָב איך געזען א מענטשן, אין יעדן פארוווּנדעטן — א ברודער.

און איצט שטעלט זיך פאַר אַזאַ מײַסע (און דאָ קום איך צום איקער). אינמיטן דער מילכאָמע האָב איך פּלוצעם באַקומען אַ דרײַטאָגיקן אורלויב. גרײַבלענדיק זיך אין דער היים אין אַלטע דאָקומענטן, זוכנדיק אַ נייטיק פּאַפּירל, האָב איך זיך צופעליק אָנגעשטויסן אַף יענעם אַלט־באַקאַנטן „ראַדונערס" בריוול, מיט דער דערלויבעניש צו פאַרנעמען זיך מיט מײַסים...

ווי כ'האָב שוין באַמערקט פון אָנהייב, האָב איך דעמלט, מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, אַלס ערעוו־סטודענט, באַקומענדיק דעם גליקלעכן ענטפער, פון גרויס היספּײַלעס ניט אַרײַנגעדרונגען אין גאַנצן טעקסט, נאָר אַ כאַפּ געטאָן בלויז די לעצטע שורע, אַז „כ'מעג!", און שוין... איצטער אָבער, רויִקערהייט, האָב איך אַדורכגעלייענט דעם גאַנצן טעקסט. צווישן אַנדערס האָב איך פאַר זיך דערזען דעם „ראַדונערס" הויפּט־אַרגומענט:

„קוים גייסטו לערנען דאָקטאָריע און ווערסט דאָך דערנאָכדעם, אימירצעשעם, גיין היילן ייִדן... מעגסטו"...

דער דאָזיקער אַרגומענט האָט איצטער אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווילד און מיטלאַלטעריש. „ווערסט גיין היילן ייִדן, דעריבער מעגסטו"...

— ווי ענג, ווי דאַלעדאַמעסדיק איז דײַן וועלט, מײַן טײַערער און הייליק־געוועזענער רעבע! — האָב איך אויסגערופן. — ווי שמאָל דײַן קוק, ווי באַגרענעצט דײַן גײַסט! די וועלט איז פאַר דיר געווען דײַן שטעטל, און די ייִדן — די גאַנצע מענטשהײַט... כ'מוז אָבער צוגעבן, אַז מיר פערזענלעך איז אַדהײַעם ליב דעם „ראַדונערס" פּאַשטעס, זײַן נאַיִווע פרומקײַט. בא מיר איז פאַרבליבן צו אים אַ געפיל פון אַכטונג אָנשטאָט הייליקײַט, אָפשײַ אָנשטאָט פאַרגעטערונג... דאָס דערמאָנטע בריוול, וואָס כ'האָב יאָרנלאַנג אופגעהאַלטן אין זיקאָרן שיר ניט, ווי אַ רעליקוויִע, איז איצטער, ווי שוין געזאָגט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „הייליקײַט" אין גענדזנפּיסלעך... כ'האָב דערזען פאַר זיך אַ קאַמייע, פון וועלכער ס'איז אַרויסגעפאַלן דער שעם־האַמפוירעש...

צולעצט וויל איך באַמערקן, אַז אין ערשטן יאָר פון מײַן לערנען אין אוניווערסיטעט איז געשטאָרבן דער גרויסער ייִדישער קלאַסיקער ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ, און אַדהײַעם האָבן זיך מיר פאַרקריצט אין זיקאָרן זײַנע אייביקע, אומשטערבלעכע פיר שורעס, וואָס מעגן טאַקע מיט פולער רעכט דינען, ווי אַן אייביקער אינטערנאַציאָנאַלער לאָזונג פאַר אַלע צײַטן, מענטשן און דוירעס, און מיט דעם פאַרענדיק איך טאַקע:

שוואַרצע, ווײַסע, ברוינע, געלע —
מישט די פאַרבן אויס צוזאַמען.
אַלע מענטשן זײַנען ברידער,
פון איין טאַטן פון איין מאַמען!

ס'האָט שוין געשמעקט מיט פאַרטאָג. די געסט האָבן זיך גענומען געזעגענען. מיט די לעצטע געסט זײַנען אַרויס אין דרויסן די באַלעבאַטים, די שאַרירעס, ער און זי, ביידע אופגעמונטערטע, צופרידענע, דערהויבענע.

עס האָבן זיך קוים אָנגעמערקט בלייכע פּאַסן ליכט פונעם אָנקומענדיקן טאָג.

ד אָ ו י ד פ ײַ נ ש ט י י ן
כערסאָן

מיטן יאַם אַף שטענדיק

דער אָפיצער סאַהײַדאַטשנע, דער הויפּטהעלד פון באָריס לאַווּרעניאָווס הערויִשער דראַמע „די ליד וועגן טשאָרנאָמאָרעץ", דערמאָנט זיך וועגן כערסאָנשטשינע מיט אַ באַזונדערער ליבע. ער דערמאָנט זיך אינעם דאָרף מיטן קאָמישן נאָמען גאָלאַיאַ פּריסטאַן. אינעם דאָרף, ווו אַלע אײַנוווינער זײַנען יאַמלײַט.

יולי קראַמער, וועגן וועלכן מיר ווילט זיך דאָ דערציילן, איז פון דאָרטן. קוים דערוואַרט זיך צו פאַרענדיקן די שול, איז ער אוועק קיין כערסאָן און דאָרט אַרײַנגעטראָטן אין יאַמטעכניקום, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פונעם לייטענאַנט שמידט. ער איז געוואָרן אַ גלענצנדיקער שטורמאַן. וועגן די יאָרן, ווען ער איז געשווומען אַף די האַנדלס־שיפן „טשי־

טשערין", „פּעסטעל", „איגנאַט סערגייעוו", „לעניִן", „ניעוואַ" דערמאָנט ער זיך מיט שטאָלץ. פאר דרײַצן יאָר האָט דער שטורמאַן באַוויזן צו זײַן אין דער באַלטיק, אין די האַפנס פון ווײַטן מיזרעך, טערקײַ, בולגאַריע, שפּאַניע, פראַנקרײַך, ענגלאַנד.

דערפאַרענע קאַפּיטאַנען האָבן נעוויעס געזאָגט, אַז דעם שטורמאַן קראַמער שטייט פאָר אַ ווירדיקע צוקונפט. ער האָט ליב געהאַט דעם יאַם, געווען אײַנגעשפּאַרט, שרעקלאָז און שטרענג צו זיך אַליין. פאַר אַזעלכע איז דער יאַם שטענדיק „אָפן".

עס האָט זיך אַרײַנגעמישט די מילכאָמע. יולי קראַמער איז אײַנגיכן געקומען קיין סעוואַסטאָפּאָל אַף אַ וואַד־שיף, וועלכע האָט באַגלייט טראַנספּאָרטן, אונטערגעהאַלטן מיט פײַער די אינפאַנטעריע, מיטגעהאָלפן דעסאַנטן.

שפּעטער האָט ער אין די רייען פון דער אינפאַנטעריע זיך געשלאָגן קעגן די פאַשיסטישע פאַרכאַפּערס הינטער מאָסקווע און רזשעוו. דעמלט האָט ער ניט געטראַכט, אַז ער געזעגנט זיך אַף שטענדיק מיטן יאַם. מע וועט פאַרטרײַבן דעם סוינע פון דער הייליקער ערד, וועט ער ווידער זיך אומקערן אין פלאָט.

ס'האָט זיך אָבער אַזוי ניט באַקומען! אין דער שלאַכט לעבן דאָרף באָוקי, אין ווײַסרוסלאַנד, איז דער קאַפּיטאַן קראַמער שווער פאַרווונדעט געוואָרן. די כאַווײרים האָבן אים קוים באַוויזן אַרויסטראָגן פונעם פײַער.

יולי פּיאָדאָראָוויטש קראַמער איז אָפּגעלעגן אין גיפּס קימאַט נײַן כאָדאָשים. טאַקע אין שפּיטאָל האָט מען אים אָנגעטאָן דעם אָרדען פון אַלעקסאַנדער נעווסקי.

— איר זײַנט אַ מאָלאָדיעץ, — האָט דער דאָקטער געזאָגט קראַמערן, — איר האָט אויסגעהאַלטן. אי דאָרט, אינעם פײַער, אי בא אונדז, אין שפּיטאָל אונטערן מעסער.

יולי פּיאָדאָראָוויטש האָט אַ באַטריבטער געענטפערט:

— דאָס איז, דאָקטער, שוין די פאַרגאַנגענהײַט? וואָס וועט ווײַטער זײַן? פאַר מיר איז דער יאַם דאָך אַלץ אין לעבן. איר פאַרשטייט? אַלץ.

דער דאָקטער האָט אַ קוק געטאָן דעם קאַפּיטאַן אין די אויגן:

— אײַער שטענדיקער באַגלייטער וועט זײַן אַ שטעקל. מער זאָג איך אײַך ניט צו.

יולי קראַמער האָט זיך שאַרף אויסגעדרייט צו דער ווײַסער וואַנט. ניין, ניט צו דער ווײַסער — צו דער העל־בלויער, ווי אַ יאַם. ס'איז קלאַל קיין שום וואַנט ניט געווען. אַן אָנבערעגיקע ראַכוועס. קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט ער זיך דאָך דערקליבן צום פּירס. נאָר דאָ האָט ער פּלוצעם דערזען, אַז די שיף איז שוין ווײַט, דעריאָגן זי וועט מען שוין ניט קאָנען.

אין יענעם טאָג האָט דער קאַפּיטאַן מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

דער דאָקטער איז געווען גערעכט: מיט אַ שטעקל גייט ער גאַנץ ווויל. אָבער מיטן שטעקל אַרומלויפן איבער די טראַפּן אַף דער שיף — דאָס וועט ער ניט קענען. אין דעם האָט ער זיך איבערצײַגט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין כערסאָן. די באַגעגעניש מיטן יאַם־האַפן האָט אָנגעוויעט טרויעריקע געדאַנקען. זוניקע כוואַליעס זײַנען געלאָפן איבערן פרײַען דניעפּער. קראַמערן האָט זיך דערמאָנט סעוואַסטאָפּאָל. די דײַטשן האָבן נאָרוואָס באָמבירט, ס'האָט זיך אַפילע ניט געגלייבט, אַז גלײַך נאָך דעם געוועם וועט ווידער ווערן שטיל. ער האָט זיך אומרויִק אַ וואָרף געטאָן צום באָרט פון דער שיף און איז שוין ניט בעקויעך געווען אָפּצורײַסן די אויגן פון דער עלנטער מיטשמאַנקע[1], וואָס האָט זיך געהוידעט אַף דער שוואַרציאַמישער כוואַליע.

איצט האָט יולי קראַמער שוין פעסט געוווּסט, וואָס ער וועט טאָן. ניין, אים וועסטו פון יאַם ניט אָפּרײַסן. ער וועט נייען מיטשמאַנקעס. דאָ וועט דער שטעקן אים ניט שטערן. מע דאַרף זיך נאָר אויסלערנען די מעלאָכע. ניט מעסוקן. מע דאַרף דערצו קיין קישעפמאַכער ניט זײַן.

זינט יענעם טאָג זײַנען אַוועק אַ סאַך יאָרן. און דער גוטער שעם וועגן דעם כערסאָנער קירזשנער איז זיך צעגאַנגען איבער פיל שטעט פונעם לאַנד. מע שיקט אַהער באַשטעלונגען פון אָדעס און פון דער בוכטע פּראָווידיעניִע, פון פּעטראָפּאַוולאָווסק־קאַמטשאַטסק און פּערם, פון קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור און מורמאַנסק, פון טביליסי און סעוועראָמאָרסק, פון דעם האַפן דיקסאָן און פון די וואָלגער שטעט. כוץ די באַשטעלונגען, קומען אָן אַפן אַדרעס פון דעם מײַסטער יולי קראַמער פון דער פאַבריק „סוויטאַניק" וואַרעמע בריוו מיט ווערטער פון דאַנקבאַרקײַט פאַר זײַן גוטער אַרבעט.

איך בלעטער דעם מײַסטערס אַלבאָם. דער קאַפּיטאַן פון דער צענטראַלער אַגענטור פון צווישנפעלקערלעכע פּאַסאַזשיר־טראַנספּאָרטירונגען פ. מיקולינסקי דערציילט וועגן זײַן באַגעגעניש מיטן דירעקטאָר פון דער שוועדישער פירמע „נימאַש און שולץ". ווען יענער האָט דערזען אַף מיקולינסקין דאָס קאַפּיטאַנישע היטל, האָט ער זיך פאַרינטערעסירט, ווו מע האָט עס גענייט — אין לאָנדאָן צי אין מאָסקווע. ער האָט זיך שטאַרק פאַרכידעשט, דערהערנדיק, אַז דאָס איז געמאַכט אַף אַ פאַבריק אין דער שטאָט כערסאָן.

---

[1] אַ היטל פון אַ מיטשמאַן.

א בריוו מיט ניט ווייניקער אנציקונג האָט אויך צוגעשיקט דער מעטאָדיסט פון דער אויסשטעלונג „דער יאם־פלאָט פון פססר” קאפיטאן יע. ריאזאנאָוו.

יולי קראמערס היטלען טראָגן די קאָסמאָנאווטן אלעקסיי לעאָנאָוו און פאוועל בעליאַיעוו. ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון קאָסמאָס, האָט דער קירזשנער באַשטימט זיי אונטערטראָגן א סורפּריז. אראָפּנעמען א מאָס האָט ער, נאטירלעך, ניט געקענט, דעמלט האָט ער צונויפגענומען אלע פאָטאָגראַפיעס פון די קאָסמאָנאווטן און סקרופּולעז זיי אויסגעפאָרשט.

אָט איז די ארבעט געענדיקט, און יולי קראַמער באשטימט אָפּשיקן זײַן מאטאָנע. ס'איז ניט שווער זיך פאָרשטעלן, ווי דער מײַסטער האָט זיך דערפרייט, ווען ער האָט איַנגיכן באַקומען א פאָטאָגראַפיע און א בריוו פון אלעקסיי לעאָנאָוון און פאוועל בעליאַיעוון:

„כאָשעווער כאווער קראמער! פונעם טיפן הארצן דאנקען מיר אײַך פאַר דער אופמערקזאמקײַט און פאַר דער וווּנדערבארער מאטאָנע — פאר די היטלען, וואָס איר האָט געמאכט מיט גרויסער מײַסטערשאפט און ליבע.

מיר ווינטשן אײַך ווײַטערדיקע דערפאָלגן אין אײַער אויסגעצייכנטער מי, געזונט און גליק”.

ביז הײַנט איז פאר יולי פיאָדאָראָוויטשן א רעטעניש, ווי אזוי דער שרײַבער לעאָניד סאָבאָליעוו האָט זיך וועגן אים דערוווּסט. נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט קראמער מיט גרויס פלײַס געמאכט א יאם־היטל דעם שרײַבער־מארינִיסט. לעאָניד סערגייעוויטש סאָבאָליעוו שרײַבט אין זײַן בריוו צום מײַסטער:

„כאָשעווער יולי פיאָדאָראָוויטש, מײַן טיפסטן דאנק אײַך פאַר דער הארציקער מאטאָנע. עס טוט מיר באנק, וואָס ס'האָט מיר ניט אָפּגעגליקט אָנצוטאָן דאָס קאפּיטאנישע היטל אף מײַן יובילײַ־אָוונט. אנטשולדיקט פארן פארשפּעטיקטן ענטפער — אומגעריכט האָט מען מיך מיט גוואַלד אוועקגעשיקט אין א סאנאטאָריע פארהיילן די שווערע קרענק. איך וועל אין די נאָענטסטע טעג זיך פאָטאָגראַפירן אין די רעגאַליעס פון יאם־פלאָט און צושיקן אײַך א פאָטאָגראַפיע... איך שיק אײַך א גרוס און א דאנק. אײַער לעאָניד סאָבאָליעוו. 9 מארט 1969 י.”.

דאָ ניט לאנג האָב איך נאָכאמאָל געהערט א גוט וואָרט וועגן קראמערן.

א גרויסע גרופּע קורסאנטן האָבן אף דער זעגל־שיף „טאָווארישטש” זיך באגעגנט מיט די קאָסמאָנאווטן באָריס וואָלינאָוו און וויטאלי זשאָלאָבאָוו. דער פארטרעטער פונעם שעף פון דער יאם־שול אפן נאָמען פונעם לייטענאנט שמידט א. פאָמין האָט געזאָגט זשאָלאָבאָוון:

— ס'איז בא אײַך אן אויסגעצייכנטע הוט! דאָס איז ניט קראמערס ארבעט?

— קראמערס! — האָט א שמייכל געטאָן וויטאלי מיכײַלאָוויטש, — ס'געפעלט אײַך?

— זייער! אגעוו, — האָט צוגעגעבן פאָמין, — קראמער איז אונדזער אן ארויסלאָזניק און אײַער בען־איר.

— פון גאָלאיא פּריסטאן? — האָט איבערגעפרעגט דער קאָסמאָנאווט. — כ'האָב ניט געוווּסט, אז קראמער איז א געוועזענער פלאָטלער.

איך האָב געהערט דעם שמועס און געטראכט: יעדע ארבעט, אין וועלכער עס ווערט ארײַנגעלייגט הארץ און נעשאָמע, קאָן דערהויבן ווערן צו קונסט.

הערש געליבטערמאַן
כמעלניצקי

באַ אונדז אין פּראָסקוראָוו איז געווען ש. אַנ־סקי

פראָסקוראָוו איז פאר דער ערשטער וועלט־מילכאָמע געווען א קליינע שטאָט אינעם „טכום" אף פאָדאָליע. 28.000 אײַנוווינער, צוויי זאוואָדן, צוויי פאבריקלעך, דרײַ מיטלשולן, עטלעכע נעגידים און א סאך, זייער א סאך קאפּצאָנים. פראָסקוראָוו האָט ניט געהאט די זכיִע זיך אויסצייכענען מיט באַרימטע קינסטלער, שרײַבער.

בא אונדז זײַנען געווען צופעליק, פארבײַפארנדיק, גאָלדפאדן, שאָלעם־אלייכעם, מענדעלע מויכער־ספאָרים, ווען ער האָט געארבעט אין קאמענעץ־פאָדאָלסק, וועגן דעם געדענקט שוין קיינער ניט. ס'האָבן דערציילט די זיידעס און טאטעס...

געווען איז אין פראָסקוראָוו און האָט פארבראכט א וואָך צײַט אין יון 1914 דער שרײַבער ש. אנ־סקי. וועגן דעם, אז ער וועט צו אונדז קומען, האָבן פון פריִער געוווּסט זעליק לוס, כײַקע פריוועז, כאווע קלויזנער, ליזע גראָסער; זיי זײַנען פערזענלעך געווען מיט אנ־סקין באקענט און געפירט מיט אים א בריוו־אויסטויש. געקומען צו אונדז איז אנ־סקי מיטן צוג פון דעראזשנע. אהין איז ער מיט א באַלעגאָלע געפאָרן פון מעדזשיבאָזש, ווו ער איז געווען א געוויסע צײַט צוליב שעפערישע צילן.

פארפאָרן איז ער צו זײַנעם א נאָענטן קאָרעוו, א שוועסטערקינד — מייער ראפּאָפּאָרט. דאָס איז געווען א פארמעגלעכער ייִד, א מאנופאקטורשטשיק, ער האָט זיך גערעכנט פאר א פילאנטראָף. מע האָט אים גערופן מייערל ראפּאָפּאָרט. ער האָט געהאט צוויי זין — דאָוויד און זאלמען און א טאָכטער מאלקע.

דעם גאסט האָט מען שיין אופגענומען; געפּראוועט א היפּשע סודע, אף וועלכער מע האָט פארבעטן דעם שאָכנס מישפּאָכע — דעם דאָקטער ליסער, זײַן פרוי (א פּיִאניסטקע), זייער זון — א סטודענט, א דעמאָקראט, א געזעלשאפטלעכער טוער, און ערודירטער יונגערמאן.

פארנאכט זײַנען געקומען אנ־סקיס באקאנטע. מע האָט געשמועסט וועגן דער פּאָליטישער לאגע אין לאנד, וועגן דעם אָנגעשטרענגטן מאָמענט: ס'האָט געשמעקט מיט מילכאָמע.

ז. לוס און כ. פריוועז האָבן דערציילט וועגן זייער דרײַיאָריקער פארשיקונג, פון וועלכער זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט אָנדערהאלבן יאָר צוריק. דער שמועס האָט זיך פארצויגן ביז שפּעט אין דער נאכט. אנ־סקי האָט ארויסבאגלייט די כאוויירים, געבעטן זיי, מע זאָל אים באשטעלן א נומער אין א האָטעל, קעדיי ער זאָל זיך פילן פרײַ, קיינעם ניט שטערן, האָבן א מעגלעכקײַט אויספילן די פּלענער, וועלכע ער האָט אָנגעמערקט.

...געווען איז אנ־סקי א מיטלוווּקסיקער, א ברייטפּלייציקער; זײַנע טונקל־בלויע אויגן האָבן געשײַנט מיט כאָכמע, דער בליק — א שארפער, א טיף דורכדרינגענדיקער. ער האָט אויסגעזען עלטער פון זײַנע 51 יאָר — אפן שטערן קנייטשן. די האָר אפן קאָפּ און אפילע אף די בערעמען האָבן שוין פארמאָגט ניט ווייניק זילבער. ער איז געווען אקוראט געקליידט.

מע האָט אים געדונגען א באזונדערן נומער אין האָטעל „ראָסיִא" אף דער צענטראלער גאס.

אנ־סקי האָט זיך אינטערעסירט מיט אלטערטימלעכקײַטן, מיט ייִדישן פאָלקלאָר. אפן צווייטן טאָג, ארום אזייגער צען אינדערפרי, איז ער מיט ז. ליסן און כ. פריוועז אוועקגעגאנגען אפן אלטן בעסוילעם, אף דער אלט־בולווארנע גאס (איצט — די גאס אף דזערזשינסקיס נאָמען). שוין פופצן יאָר איז דער בעסוילעם געווען פארמאכט. אנ־סקי האָט פארשריבן אינעם בלאָקנאָט אייניקע אָריגינעלע אופשריפטן אף די מאצייוועס. צוויי קוואָרים — דעם האָפטער ראָווס און דעם באזאליִער רעבנס, זײַנען געווען מיט „שטיבלעך". אהין פלעגן גלויביקע ייִדן ווארפן קוויטלעך מיט באקאָשעס צום ריבוינעשעלוילעם. אנ־סקי האָט עטלעכע קוויטלעך געלייענט און פארנאָטירט.

ארום צוועלף אזייגער איז אין אנ־סקיס נומער שוין געווען א גרופע יונגעלײַט. מ'האָט אָנגעהויבן א שמועס. אנ־סקי האָט דערציילט וועגן זײַן וואנדערן איבער רוסלאנד, וועגן זײַן לעבן אין פאריזש, ווו דער באוווּסטער פּאָליט־עמיגראנט — פילאָסאָף, פובליציסט און קריטיקער פּ. לאווראָוו האָט אים פארבעטן צו זיך אלס סעקרעטאר. פונעם 1894 ביזן 1900 — ביז לאווראָווס טויט — האָט אנ־סקי אויסגעפילט די דאָזיקע ארבעט, וועלכע האָט געהאט א פאָזיטיווע ווירקונג אף זײַן ווײַטערדיקער ליטעראַרישער טעטיקײַט, אף זײַן רעאליסטישן אופנעמען דאָס לעבן. אין א רײַ צײַטונגען — „דער

"הײַנט", "דער מאָמענט", "דער פרײַנד", "האצפיראָ" — זײַנען געווען פובליקירט זײַנע אַרטיקלען, נאָטיצן, פארצייכענונגען. אַנ־סקי איז געווען א פראָזאִיקער, א דיכטער, א דראמאַטורג, א פובליציסט, געשריבן האָט ער אף רוסיש, העברעיִש און ייִדיש.

מע האָט גערעדט וועגן זײַנע ווערק, וועלכע מ'האָט געלייענט אין פארשיידענע אויסגאבעס. איינער א יונגערמאן האָט אים געפרעגט, צו וואָס פאר א פארטיי ער געהערט און אף וועלכער שפראַך שרײַבט ער מער גערן.

אַנ־סקי האָט געענטפערט, אז ער פלעגט אין רוסלאַנד און באַזונדערס אין פאריזש באַזוכן די אסיפעס פון קאָלערליי סאָציִאַליסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פארטייען, אָבער פאַקטיש איז ער מיט קיין שום פארטיי ניט פארבונדן. בענעגייע דער שפראַך האָט ער דערקלערט, אז אים איז גרינג צו שרײַבן אף רוסיש, העברעיִש און ייִדיש, נאָר מער שרײַבט ער אף ייִדיש. וויכטיק איז, לויט זײַן מיינונג, דער אידייִשער אינהאַלט פונעם ווערק. די שפראַך דארף זײַן א קלאָרע, א בילדערישע.

דער שרײַבער האָט געזאָגט, אז ער האָט בעדייע ארויסצוטרעטן מיט צוויי פאָרטראָגן — פאר די לייענער און פאר דער יוגנט, פאָרגעלייגט, אז מע זאָל דאָס אָרגאַניזירן. ער האָט אויך געבעטן, מ'זאָל אים ברענגען אַלטערטימלעכע זאכן, ער וויל פארשרײַבן אָרטיקע לידער, שפּריכווערטער, אפאָריזמען.

נאָכן מיטיק איז אַנ־סקי געגאנגען אָנקוקן די שטאָט. ער איז געווען אין די הינטערגעסלעך, ארײַנגעגאנגען אין אייניקע "כאַטעס" און געזען דעם גרויסן דאַלעס.

אפן דריטן טאָג איז צו אַנ־סקין אין האָטעל געקומען א גרויסע גרופּע יוגנטלעכע, פארשיידענע לויט זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען, נאָר אין אַלגעמיין פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע. אַנ־סקי האָט זיי העפלעך אופגענומען. מ'האָט געפירט א פּאָליטישן און ליטעראַרישן דיִאַלאָג, געשמועסט וועגן דעם פּאָליטישן מאָמענט, וועגן דער ייִדישער און רוסישער ליטעראַטור.

אַנ־סקי האָט געזאָגט, אז ער איז איבערצײַגט, אז די נאָענטע מילכאָמע וועט ברענגען א רעוואָליוציע, כאָטש אים איז ניט געווען קלאָר איר כאַראַקטער, איר אינהאַלט און פאָרם. וויכטיק איז, אז דער ווילדער צאַריזם אין רוסלאַנד זאָל פאַלן. אייניקע פון די בײַוועזנדע — פיניע גלוזמאַן, עלושע געליבטערמאַן, לייזער שטערן, — שפּעטערדיקע קאָמוניסטן, האָבן געוואָלט הערן פון אַנ־סקין, וואָס טראַכט ער וועגן א סאָציִאַליסטישער רעוואָליוציע, נאָר קיין דיסקוסיע האָט זיך ניט באַקומען.

אין אָוונט איז אַנ־סקי צוזאַמען מיט ז. ליס, כײַקע פריווען, ייִצכאָק אשקענאַזי און די בניי ראַפּאָפּאָרט געווען אין שטאָטישן טעאַטער. עס האָט דעמלט גאַסטראָלירט אין פּראָסקוראָוו א ייִדישע וואַנדער־טרופּע פון אָדעס, אין וועלכער ס'איז געווען פארבעטן די באַרימטע עסטער־ראָכל קאַמינסקע פון וואַרשע. אָנטיילגענומען אין דער טרופּע האָבן אויך אונדזערע אַמאַטאָרן־אַרטיסטן טריסקער און סיגעלמאַן. מ'האָט געשפּילט גאָרדינס פּיעסן "די שכיטע", "מירעלע עפראָס" און "כאַסיע די יעסוימע", א. גאָלדפאַדנס "די קישעפמאַכערן". אין דעם אָוונט האָט מען געשטעלט "די שכיטע". ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אופגעהויבן, איז אף דער בינע ארויסגעטראָטן דער סטודענט ליסער און האָט געמאָלדן, אז אין דער ערשטער לאָזשע, רעכטס פון דער בינע, זיצט א כאָשעווער גאַסט — דער שרײַבער ש. אַנ־סקי. דער עולעם האָט באַגעגנט די מעלדונג מיט הייסע אפּלאָדיסמענטן.

אפן פערטן טאָג זײַנען צו אַנ־סקין געקומען די שוין באַקאַנטע כאַווערים. מ'האָט אים געבראַכט, ווי ער האָט געבעטן, אַלטערטימלעכע זאַכן: עטלעכע מאַטבייעס פון יעקאַטערינעס צײַטן, אַלטע לײַכטער, א סידער און א מאַכזער פון די ספּאַרדישע ייִדן, נאָך פון דער צײַט פון דער אינקוויזיציע.

כײַקע פריווען און ליזע גרייסער האָבן געזונגען פּאָלקסלידער: "דער אַלטער שמיד", "די פריילעכע אַלמאָנע", "אז מע לעבט, זאָל זײַן געלעבט" און אַנדערע. אַנ־סקי, א נאָענטער צו מוזיקאַלער און וואָקאַל־קונסט, האָט די לידער פארשריבן — די טעקסטן און די מעלאָדיעס.

מ'האָט געבעטן דעם שרײַבער דערציילן וועגן זײַנע שעפערישע פּלענער. אַנ־סקי האָט געזאָגט, אז ער ארבעט איבער א זאַמלבוך פון ייִדישן פּאָלקלאָר און וועט אויסנוצן די מאַטעריאַלן פון דער איצטיקער נעסיִע, ער הייבט אָן שרײַבן א נײַע פּיעסע, און אַלע קאָמפּאָנענטן אירע זײַנען שוין פאר אים קלאָר: די טעמע, די פּאַבולע, דער סוזשעט, די העלדן. די פּיעסע וועט הייסן "דער דיבוק" (שפּעטער האָט ער צוגעגעבן אן אונטערקעפּל "צווישן צוויי וועלטן"), ס'וועט געוויזן ווערן א געשיכטע פון א טראַגישער ליבע צווישן אן אָרעמען יעשיוועבאָכער און א גווירס א מיידל. אין דער פּיעסע, האָט פאָרגעזעצט אַנ־סקי, וועט ער אַנטפּלעקן דעם פאַנאַטישן כאַסידיזם, די רעליגיִעזע מיסטיק, די סאָציִאַלע אומגערעכטיקײַט. אייניקע פּראָטאָטיפּן פון די פּערסאָנאַזשן זײַנען גענומען אין מעדזשיבאָזש. דער רעבע, וועלכער הייסט אין דער פּיעסע אַזריִעל, איז דער מעדזשיבאָזשער רעבע ייִסראָעל. דאָס איז א מענטש א פּאַשעטער, א רויִקער, וואָס טראָגט דעם יאָך פון א צאַדיק, ער וויל ניט, אז די כאַסידים זאָלן זײַן אַנטוישט, זאָלן זיך, כאָלילע, ניט צעפאַלן. דער קאַרגער און שלעכטער נאָגיד איז אויך פון דאָרטן. דער פּראָטאָטיפּ פונעם יעשיוועבאָכער איז פון דער ווילנער יעשיווע. די פּיעסע וועט זײַן א מין "ראַמעאָ און דזשוליעטע" אינעם ייִדישן שטעטל.

מיט א צײַט שפּעטער האָב איך ערגעץ געלייענט, אז אַנ־סקי האָט די פּיעסע געגעבן דעם גרויסן רוסישן רעזשיסער סטאַניסלאַווסקי, און זי איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט פאָרגעלייגט וואַכטאַנגאָוון גרייטן א ספּעקטאַקל. וואַכטאַנגאָוו איז געווען פארכאַפּט פון דעם ווערק און זיך גענומען פארווירקלעכן

דעם פארשלאג. דאָס איז שוין פאָרגעקומען אין דער סטודיע „האבימא". ווען וואכטאנגאָוו איז שוין געווען א כוילע מעסוקן, איז דעם 31 יאנואר 1922 „דער דיבוק" באוויזן געוואָרן אף דער בינע און האָט געהאט א גרויסן דערפאָלג.

בא אונדז אין פּראָסקוראָוו האָט דער קיִעווער ייִדישער טעאטער געשטעלט „דעם דיבוק" אין מארץ 1923, און לאנג נאָך פלעגט מען אין גאס הערן, ווי מע זינגט די לידער פון דער פּיעסע.

אפן פינפטן טאָג — ס'איז געווען שאבעס — האָט אנ־סקי באזוכט די נײַע טאלמעטוירע (איצט איז אין אָט דער געבײַדע דער היסטאָרישער מוזיי) און איז ארויסגעטראָטן מיט צוויי פאָרטראָגן: עלף אזייגער — פאר דער ארבעטנדיקער יוגנט, סטודענטן, שילער פון די עלטערע קלאסן, און זיבן אזייגער אָפּדערנאכט — פאר „געוויינלעכע לייענער".

דער שרײַבער האָט אנאליזירט דעם צושטאנד פון דער ייִדישער ליטעראטור, די וויכטיקע דערשײַנונגען אין איר, די נײַע ווערק, די פּעריאָדישע פּרעסע. ער האָט גערעדט וועגן זײַנע דערציילונגען „די געשיכטע פון א מישפּאָכע" און „אין א ייִדישער מישפּאָכע", וועגן די ווערק, וואָס ער האָט פארעפנטלעכט אינעם זשורנאל „וואָסכאָד" און אין באזונדערע אויסגאבעס. א גרויסן אינטערעס האָט ארויסגערופן זײַנע דערינערונגען וועגן באגעגענישן מיט די קלאסיקער — מיט מענדעלע מויכער־ספאָרימען אין אָדעס, מיט שאָלעם־אליכעמען — אין קיִעוו, מיט י.־ל. פּערעצן און שאָלעם אשן איןווארשע. א גרויסן רושעם, האָט ער געזאָגט, האָט אף אים געמאכט דער טאלאנטפולער שרײַבער יעהודע־לייב גאמזע, וועלכן, לויט זײַן מיינונג, די קריטיק דערשאצט ניט. ער האָט דערציילט וועגן די באגעגענישן אין פּאריזש מיט פּלעכאנאָוון, זשאָרעסן, בארביוסן, מיט פיל אנדערע אָנגעזעענע פּאָליטישע טוער, שרײַבער, קינסטלער. ער האָט זיך אויך אין 1894 באגעגנט מיטן סקולפּטאָר מארק אנטאָקאָלסקי און אָנגעשריבן א פארצייכענונג „וועגן דעם לעבן און דער שאפונג פונעם גרויסן סקולפּטאָר". (אגעוו, אזא דעטאל: אף די קנעפּעלעך פון מ. אנטאָקאָלסקיס ארבעטס־כאלאט האָט ער געווען ייִדישע אויסיִעס: „מ. א." — די איניציִאלן פונעם סקולפּטאָרס עמבלעמע און איינצײַטיק די איניציִאלן פון זײַן נאָמען און פאמיליע.

וועגן ייִדיש האָט אנ־סקי דערקלערט: די ייִדישע שפּראך איז א פולבארעכטיקטע שפּראך, ווי אלע אנדערע. אנטשפּרעכיק אנטוויקלטע שפּראכן — דער רוסישער, דער דײַטשישער — האָט ייִדיש אויך דיִאלעקטן. ס'איז א בושע און א כארפּע, וואָס אייניקע רופן אָט די ייִדישע שפּראך „זשארגאָן". דאָס איז א מיספארשטייעניש, צום באדויערן זייער א פארשפּרייטע.

— אָט וועגן מיר, — האָט אנ־סקי באמערקט, — איז אין ציִנבערגס א נאָטיץ אין דער „ייִדישער ענציקלאָפּעדיע" אזוי געזאָגט: „ש. אנ־סקי — ס. ראפּאפּאָרט שרײַבט אף רוסיש, ייִדיש (געמיינט העברעיִש) און אף זשארגאָן".

מע דארף קעגן דעם פירן אן אנטשיידענעם קאמף.

די לעצטע צוויי טעג האָט אנ־סקי פארבראכט בא זײַנע קרויווים. די בנײ ראפּאפּאָרט זײַנען צו אים געקומען אין האָטעל, געבעטן אים, ער זאָל איבערגיין צו זיי, ניט פארשעמען זיי. אנ־סקי האָט אזוי געטאָן. באם שוועסטערקינד האָט ער א סאך געשריבן.

פון פּראָסקוראָוו איז ער אוועקגעפאָרן קיין ריגע. אפן וואָקזאל האָבן אים באגלייט די קרויווים, באקאנטע און פיל יוגנטלעכע.

אינגיכן, נאָך דעם שרײַבערס אוועקפאָרן, האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט־מילכאָמע. די ערשטע צײַט פלעגן אייניקע — י. אשקענאזי, ז. ליס — באקומען פון אים בריוו. נאָר אינגיכן האָט זיך די פארבינדונג איבערגעריסן. וועגן זײַן ווײַטערדיק לעבן און שפּעטערישער טעטיקײַט איז גאָרניט געווען באוווּסט בא אונדז. ס'זײַנען בלויז דערגאנגען אייניקע יעדיִעס, אז די לעצטע יאָרן האָט אנ־סקי געלעבט אין ווארשע און איז דאָרט אין 1920 געשטאָרבן.

אין מ. שאך־אנינס ציקל פארעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאנד" זיכרוינעס איז דאָ א נאָטיץ „די באגעגעניש מיט ש. אנ־סקין אין ווילנע". דאָס איז פאָרגעקומען זומער, אין 1911. דער אווטאָר שרײַבט: „די באגעגעניש מיט אָט דעם מערקווירדיקן מענטשן האָט מיך שטארק פארינטערעסירט". מיט אנ־סקין האָט שאך־אנין זיך שוין געקענט פון יענעמס טעטלעכע באזוכן אין ריגע אין די פארמילכאָמע־יאָרן, ווען אנ־סקי איז דאָרט אויפגעטראָטן מיט פאָרטראָגן און געקליבן ייִדישע אלטערטימלעכקײַטן פאר זײַן זאמלונג... זיי זײַנען אָפּגעזעסן א גאנצע נאכט און געשמועסט. מיט גרויס צעבראָכנקײַט האָט אנ־סקי דערציילט וועגן די ליידן פון די ייִדישע פאָלקסמאסן אין צארישן רוסלאנד. ווען שאך־אנין האָט אין 1921 זיך דערוווּסט וועגן אנ־סקיס טויט, האָט ער אין דער זאמלונג „אפן שוועל" (ריגע) פארעפנטלעכט א נעקראָלאָג. „איך דערלויב זיך, — שרײַבט ער שפּעטער, — ברענגען (פון דעם נעקראָלאָג) עטלעכע אויסצוגן, וועלכע ווארפן א שײַן אף דער דאָזיקער לויטערער פּערזענלעכקײַט:

„דרײַ נעשאָמעס האָבן זיך שטענדיק געראנגלט אין אנ־סקין: דער רוסישער „נאראָדניק", דער העברעיִזירנדיקער ראָמאנטיקער און דער ייִדישער פאָלקס־מענטש אין בעסטן זין פון וואָרט... אין טאָך איז אנ־סקי דער פּאָעט פונעם ייִדישן פאָלקס־מאָטיוו, פאָלקס־לעגענדע און פאָלקס־שיר. זײַן גאנץ לעבן איז באלויכטן און דורכגעזאפּט מיט א שעפערישער ליבע צום ייִדישן פאָלקלאָר... שוין אין די ערשטע יוגנט־יאָרן לערנט ער זיך שמידערײַ און אײַנבינדערײַ. עס ציט אים שטענדיק אין די רייען פון די קעמפער פאר פרײַער ארבעט"...[1].

---

[1] מ. שאך־אנין. „אף מײַן לעבנסוועג"; „סאָוועטיש היימלאנד", נומ. 6 פארן 1971.

מײַן מאַמע סאַרע־מינדל פֿלעגט ליב האָבן דערציילן פֿאָלקס־מײַסעס. געוווּסט האָט זי זײ אָן אַ שיר. אײנע פֿון אירע געשיכטעס האָב איך פֿאַרשריבן און שיק זי אײַך. מיר דוכט, אַז פֿאַר אַ געוויסן קרײַז לײענער קאָן זי האָבן אַן אינטערעס.

בנימין בראַנד,
אָדעס

נויטל

אין אײנעם אַ שטעטל האָט געלעבט אַ ייִד אַ שנײַדער מיט זײַן ווײַב און קינדער. קײן אוישער איז ער ניט געווען. דאָך פֿלעגט ער אַמאָל אָפּשפּאָרן פֿון זײַן פֿאַרדינסט עטלעכע גראָשן אָף אַ נויט־צײַט.

— פֿאַר נויטלען, — האָט ער ליב געהאַט צו שפּאַסן, און אַראָפּלאָזן אַ גראָשן אין דער בלעכענער פּושקע.

דעם שנײַדערס ווײַב — ניט די גרעסטע כאַכאַמע אָף דער וועלט — האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז „נויטל" איז עפּעס אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש, וועמען מע איז מעכוייעוו אָפּצוגעבן דאָס אײַנגעזאַמלטע ביסל מינץ. פֿרעגן קאַשעס באַם מאַן האָט איר ניט געפּאַסט, קעדײַ יענער זאָל ניט אָפּשפּאָטן פֿון איר. אָפֿט פֿלעגן באַ איר די קינדער בעטן אַ דענעשקע אָף שפּילצײַג, אָף נאַשערײַ, נאָר די שנײַדערקע איז געווען טויב צו אַזעלכע רייד.

— נײן, טײַערינקע, — האָט זי געטײַנעט, — דאָס געלט אין דער פּושקע איז פֿאַר נויטלען. איר פֿאַרשטײט, צי נײן?

האָט זיך געמאַכט, אַז אַזאַ מין געשפּרעך האָט אונטערגעהערט דורכן אָפֿענעם פֿענצטער אַ סוכער אַ שווינדלער, וואָס איז צופֿעליק דורכגעפֿאָרן דורכן שטעטל. קײן פֿינגער אין מויל האָט מען דעם פֿאַרשוין ניט געדאַרפֿט אַרײַנלײגן — ער האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אין וואָס עס גײט דאָ און וועמען מע האָט צו טאָן. קומט ער אַרײַן צו דער שנײַדערן:

— אַ גוט־העלף אײַך!

דערזען אין שטוב אַ פֿרעמדן מענטשן, האָט די ייִדענע געפֿרעגט:

— ווער זײַנט איר? וואָס דאַרפֿט איר דאָ?

— שרעקט זיך ניט, באַלעבאָסטע, — ענטפֿערט דער גאַסט מיט אַ זיס קאָל, — איך בין נויטל, עפּשער האָט איר געהערט?

פֿון אומדערוואַרטקײַט האָט זיך די שנײַדערקע פֿאַרלוירן:

— נויטל? באָרעך־האַבאָ, נויטל. זײַער גוט, וואָס איר זײַט הי. מירן פֿאַרשפּאָרן אַ גאַנג, — און ניט לאַנג געטראַכט, לויפֿט זי צום שראַנק, נעמט פֿון דאָרט אַרויס די פּושקע מיטן געלט און גיט זי אָפּ דעם אוירעך.

דער כיטרער סוכער האָט טײקעף געמאַכט די פּליײטע.

באַלד ווי דער שווינדלער איז אַוועק, האָט זיך דער שנײַדער באַוויזן אָף דער שוועל. דאָס ווײַב האָט זיך געלאָזט אַנטקעגן מיט אַ גדולע:

— ווו ביסטו דאָס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? אַנו, טרעף, אַקאָרשט, ווער ס'איז באַ אונדז געווען?

קוועטשט דער שנײַדער מיט די אַקסלען:

— וועדליק דו פֿרײסט זיך, קאָן מען מײנען, אַז מאַשיעך אַלײן האָט אונדז באַזוכט.

— עך, דו, נאַרעלע, — קוועלט די שנײַדערקע, — נויטל איז באַ אונדז געווען. אַלײן נויטל... פֿאַרשטײסט, צי נײן?

— וואָס פֿאַר אַ נויטל? — האָט דער שנײַדער ניט פֿאַרשטאַנען. — וואָס פֿאַר אַ שוואַרץ־יאָר?

— נו, נויטל... דער זעלבער, פֿאַר וועמען דו לײגסט אָפּ די מאָעס. האָב איך אים אָפּגעגעבן די פּושקע...

דערזען, אַז עס האָט אים גוט געטראָפֿן, איז אונדזער שנײַדער אַוועק צום ראָוו פֿאָדערן אַ געט. ווי קאָן ער עס ווײַטער לעבן מיט אַזאַ ווײַב?

ווען דער שנײַדער האָט אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פֿאַרן ראָוו, רופֿט זיך יענער אָן:

— ווײסטו וואָס? פֿאָר אויס אַ ביסל די וועלט. און אויב דו וועסט ניט געפֿונען נאָך אַזאַ נאַר, ווי דײַן ווײַב, וועל איך דיך געטן מיט איר.

אַז דער ראָוו פּאַסקנט, איז דאָך ניט שײַעך — מוז מען פֿאָלגן.

האַקלאַל, אונדזער שנײַדער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. גײט ער און גײט טאָג־און־נאַכט. ניט דערעסן, ניט דערשלאָפֿן, ביז ער קומט אָן אין אַ גרויסער שטאָט. שפּאַנט ער אַזוי איבער די ברײטע גאַסן און איז פֿאַרגאַפֿט

פון די שײנע הויכע מויערן, כאַפּט אַ קוק אין די רײַכע פענצטער. פּלוצעם דערזעט ער דורך אַן אָפענעם פענצטער, ווי קינדער שפּילן זיך מיט אַ בלעכענער פּושקע. גײט ער צו נעענטער און בלײַבט שטײן, ווי אַ געליימטער: יאָ, דאָס איז דאָך זײַן פּושקע, קײן שום סאָפעק! — זײַן אײגענע פּושקע, אין וועלכער ער פלעגט אַרײַנוואַרפן די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס. דער שנײַדער האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָ וווינט דאָס פאַרשווינדל, וואָס האָט אַזוי געשיקט אָפּגענאַרט זײַן ווײַב. „נו, — טראַכט ער זיך, — אָט וועל איך זיך באַלד מיט אים צערעכענען"... ער האָט ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן, באַקלערן, וואָס צו טאָן, ווײַל צום אָפענעם פענצטער איז צוגעקומען די באַלעבאָסטע — אַן אויסגעמאָלטע דאַמע, באַצירט מיט גאָלד און מיט איידלשטײנער. דערזען אַן אָרעמען נעפעש אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, האָט זי זיך הילכיק צעלאַכט:

— פונוואַנען קומט איר, רעב ייִד?

— פון יענער־וועלט, — פאַרלירט זיך ניט דער שנײַדער.

— אַזוי גאָר?! האָסטו עפּשער דאָרט מײַן טאַטע־מאַמע געזען, מײַן באָבע און מײַן זיידן?

— וואָדען? אַלעמען האָב איך דאָרט געזען. אַפילו אײַער עלטער־באָבע און אײַער עלטער־זיידן אויך...

— טאַקע? וואָס רעדט איר?! — גלאָצט די דאַמע מיט אירע אויגן. — נייטיקן זײ זיך עפּשער אין עפּעס?

— אוואַדע נייטיקן זײ זיך, — ענטפערט אָפּ ערנסט דער באַלמעלאָכע, — קײן געלט דאָרטן פאַרדינט מען דאָך ניט...

ניט לאַנג געטראַכט, נעמט צו די באַלעבאָסטע בײַ די קינדער די בלעכענע פּושקע, שיט אַרײַן אַהין אַ היפּש ביסל זילבער־געלט און גיט זי איבער דעם גאַסט:

— אָט האָסטו דיר, רעב ייִד, פאַר מײַנע קרויווים אויף יענער־וועלט.

אונדזער שנײַדערל האָט זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן. אוועק אין קראָם, אײַנגעקויפט מאַטאָנעס פאַר זײַן הויזגעזינד, אַליין זיך אויסגעקליידט און זיך געלאָזט אין וועג, צוריק אין שטעטל.

דערווײַל איז אַהײם געקומען דער סוכער דער שווינדלער.

— אײַ, סאַראַ שאָד, וואָס דו ביסט ניט געווען אין שטוב, — האָט אים זײַן ווײַב באַגעגנט. — מיר האָבן דאָ געהאַט אַ גרוס פון יענער־וועלט...

— וואָס פאַר אַ יענע־וועלט? וואָס פּלאַפּלסטו?

— אַ ייִד איז דאָ געווען בײַ אונדז. אין אָט אַזאַ לאַנגער קאַפּאָטע... האָט ער אונדז געבראַכט אַ גרוס פון יענער־וועלט. בײַ אַזאַ געלעגנהײט, ווי גיט מען עס ניט איבער אַ ביסל זילבער פאַר מײַן טאַטע־מאַמען און פאַר דײַן טאַטע־מאַמען...

— וואָס פאַר אַ ייִד?! — האָט זיך דער מאַן צעווילדעוועט, — וואָס פאַר אַ טײַוול?

דערזען, אַז מע האָט זײַן ווײַב פײַן אָפּגענאַרט, איז דער סוכער פלינק אַרויס פון שטוב, אַרויף אויף זײַן פערד און הײדאַ — זוכן דעם ייִדן פון יענער־וועלט.

ערשט העט־ווײַט הינטער דער שטאָט, באַם ראַנד פונעם וואַלד, האָט דער רײַטער זיך אָנגעשטויסן אויף אונדזער וואַנדערער, וועלכער האָט אָפּגערוט אין שאָטן פון אַ בוים:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, האָט איר דאָ עפּשער געזען דורכגײן אַן אָרעמען ייִד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע?

אונדזער שנײַדערל האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מײנט מען אים, ענטפערט ער אָפּ:

— יאָ, געזען... ער איז דאָ דורכגעגאַנגען.

רופט זיך אָן דער שווינדלער מיט כאַניפע:

— איך זע, איר זײַנט אַ לײַטישער מענטש. העלפט מיר כאַפּן דעם גאַנעוו, קײן באַלכויוו וועל איך ניט בלײַבן.

זאָגט דער שנײַדער:

— אַדראַבע... ווען איך זאָל נאָך האָבן אַזאַ פערד, ווי בײַ אײַך, וואָלט איך אים אין איין אויגנבליק געכאַפּט.

— אויב אַזוי, — שפּרינגט אַראָפּ דער רײַטער אויף דער ערד, — נאַט אײַך מײַן פערד און פליט נאָך דעם גאַזלען.

— מאַסקים. — זאָגט דער באַלמעלאָכע. — אָבער איין זאַך. אָט זעט איר מײַן קאַפּעליוש אויף דער ערד? אונטער אים זיצט אַ פויגל, וואָס איך פיר פאַרקויפן אויפן יאַריד. דאָס איז ביז גאָר אַ טײַערער, ניט קײן געוויינלעכער פויגל, ער רעדט אויף אַ מענטשלעכן לאָשן... בעט איך אײַך, אַז ביז כ'וועל זיך צוריקקערן, זאָלט איר מיר אָפּהיטן מײַן פויגל, ער זאָל, כאָלילע, ניט אוועקפליען.

— אויף מיר מעגט איר זיך פאַרלאָזן.

אַזוי זאָגט דער סוכער און גיט איבער דעם שנײַדער די לייצעס פונעם פערד.

אונדזער שנײַדער האָט, ווי אויף פליגל, פײַל־אויסן־בויגן, זיך געלאָזט איבערן פעלד.

אומגעקערט זיך אַהײם אין שטעטל, איז ער גלײַך אוועק צום ראָוו:

— רעבע, איר זײַנט געווען גערעכט, כ'האָב געפונען נאָך אַ גרעסערן נאַר, איידער מײַן ווײַב. איז זאָל זײַן אַן אַ געט...

אָט אַזוי לעבן ביז הײַנטיקן טאָג בעשאָלעם דער שנײַדער מיט זײַן פלויבעסטע.

איר ווילט מיסטאָמע וויסן, וואָס עס איז ווײַטער פאָרגעקומען מיטן סוכער דעם שווינדלער? אויף געוויס ווייס איך ניט. מענטשן זאָגן אָבער, אַז ער זיצט ביז אַדהײַנט אין וואַלד, אָנגעבויגן איבערן קאַפּעליוש, און היט דעם שנײַדערס פויגל.

■ ■ ■

שיקע דריז *

פאַר קליין און גרויס

דאָס וועגעלע

געמאַכט האָב איך א וועגעלע
מיט רעדעלעך, מיט פיר,
דאָס בעסטע און דאָס טײַערסטע
געוועזן איז דאָס בײַ מיר.

אויסגעשניצט און אויסגעטאָקט
איך האָב עס ניט אומזיסט,
זיץ אַף דעם און פֿאָר אַף דעם,
וויפל נאָר דו ווילסט.

ווילסטו, פֿאַר אין מיל אַרײַן
נאָך קלײַען פֿאַר דער ציג.
זאָל זיך נאָר פֿאַרענדיקן
וואָס גיכער שוין דער קריג.

מײַן טאַטע זאָל זיך אומקערן
און זײַן מיט אונדז צוריק,
מיט ליבע און מיט אייגענע,
מיט מאַזל און מיט גליק.

אַזוי האָב איך געטראַכט מיר,
ווי יעדער זעלנערס קינד.
ביז איינמאָל האָט מען אָנגעקלאַפּט,
כ׳געדענק עס ווי אַצינד.

די מאַמע האָט א שאַלעכל
א כאַפּ געטאָן אַף זיך,
און שטילערהייט געשושקעט זיך
מיט עמעצן אין קיך.

דערנאָך איז זי אַרומגעגאַן
נאָך ווײַסער פֿונעם שניי.
און נאָר די הענט געבראָכן זיך —
וויי מיר, וויי מיר, וויי...

א רעגע איז די מאַמע
געשטאַנען, ווי געליימט,
א פֿאַל געטאָן צום קישן
און ביטער זיך צעוויינט.

און אויסגעגלײַכט זיך טייקעף
א דינע, ווי א ריט.
און קוים וואָס זי האָט אויסגערעדט:
— דאָס וועגעלע נעם מיט.

די שטאָט איז דאַן געשלאָפֿן,
קיין שאָטן ניט פֿאַראַן,
און מיר זײַנען געגאַנגען,
געשלעפּט זיך צו דער באַן.

דאָס שטריקל פֿונעם וועגעלע
פֿאַרקלעמט בײַ מיר אין האַנט.
און נאָר דאָס האַרץ טאַק־טיקעט,
ווי א זייגער אַף דער וואַנט.

באַם וואָקזאַל געוואַרט האָט
א האַלב־מענטש, ווי א קאָרט,
א קלומפּעק מיט צוויי אויגן,
וואָס רירט זיך ניט פֿון אָרט.

אין א יוכטאָווע בײַטל
ביז דער דיך פֿאַרפּאַקט,
דאָס איבעריקע, דאָס איבעריקע,
דער דײַטש האָט אָפּגעהאַקט.

מיט טינט און פֿען באַמאָלן דאָס
האָט יעדער מײַך געראַטן,
זאָל מען זען דאָס וועגעלע,
וואָס פֿירט אַרום מײַן טאַטן.

---

* פֿונעם דיכטערס ליטעראַרישער ירושה.

אונדז, די זעלנער

אונדז, די זעלנער,
טו הײַנט א פרעג,
צי קאָן מען פארגעסן
די דאָזיקע טעג.

די שטוב אָן א קוימען,
באַם ברונעם — קײן שטריק,
דאָס קינד אָן א וויגל,
דער טײַך אָן א בריק.

מיר זײַנען געזעסן
שווארצע, ווי אש,
באַם רויטן פײַער
אין א טיפן בלינדאזש.

* * *

כ׳האָב געהאט א געשפרעך מיטן וואלד,
מיט די מאלינעס,
מיט די בלעטער און צווײַגן.
נאָר ס׳טרעפט,
אז מע מוז עפּעס פארשווײַגן,

ס׳איז ניט צום דערציילן,
ס׳איז ניט צום פארשרײַבן,
און ס׳מוז דער געשפרעך
אינעם הארצן פארבלײַבן.

מיט וואָס באַצאָלן

אָ, ווען איך בין א הימל,
וואָלט איך באַצאָלט אײַך מיט שטערן.
אָ, ווען איך בין א פיש,
וואָלט איך געצאָלט מיט גאָלדענער ליסקע.
ווען איך בין א בוים,
וואָלט איך געצאָלט מיט מאראנצן.

ווען איך בין א יאַם,
וואָלט איך געצאָלט אײַך מיט פערל.
ווען איך בין א נאָדל, וואָלט איך געצאָלט
מיט קליידונג.
ווען איך בין א פײַער — מיט ווארעם.
לאָמיר אויסטרינקען פאר דעם אלעם.

ביין־האשמאָשעס־צײַט

מיד פון שטיפערײַ און שפּילערײַ,
האָט די כעוורע קונדייסים זיך א פליוך
געטאָן אין ניט געריִרטן, ווייכן שנײ.
אָט וועל איך אײַך! — האָט עמעץ אָנגעשריגן
אף זײ. זײַנען כעוורע קונדייסים
ווער־ווּהין... און אנטרינען אינעם
נאָענטן הויף, זיך איבערגעלאָזט,
ווי אָפּגעדרוקט, אף דעם ווײַסן שנײ.

— אָט איז יאָסעלע, שלוימעלע, לייזער, און
מייער. ביז וואָס־ווען, ס׳איז שוין
אפּדערנאכט, שטײ איך און טראכט:

ווי לאָזט מען איבער א טשאטע קליינוואַרג
איין־אליין אפן שנײ? מאלע וואָס
ס׳קען זיך טרעפן! נאָר וויפל
כ׳האָב ניט געטראכט, האָב איך גאָרניט
צוטראכטן געקענט. איז געבליבן
איינס: אויסקלײַבן לעבן זײ א
ריין שטיקל פלאץ, זיך א וואָרף טאָן
אין שנײ, און זיך איבערלאָזן אן
אָפּגעדרוקטן — היטן די קונדייסים.
אָפּגעטאָן די ארבעט, בין איך צוריק
מײַן וועג אוועק.

ערשטע שיכעלעך

א גוטמאָרגן, א גוט יאָר —
ערשטע שיכעלעך א פּאָר.

די, וואָס קינדער אין זיי גייען,
די, וואָס זײַנען ווײַס ווי שנייען.

די, וואָס זײַנען ווײַס, ווי צוויט,
ווען א ווײַנשלבוים צעבליט.

א גוטמאָרגן, א גוט יאָר —
ווײַסע שיכעלעך א פּאָר.

שטעלן פּאָרזיכטיק, געהיט
אף דער ערד די ערשטע טריט.

ווײַסע שיכעלעך, ווי צוויט,
ווען דער ווײַנשלבוים צעבליט.

אופגעגנייט פון דעם קאַיאָר —
ווײַסע שיכעלעך א פּאָר.

* * *

מײַן פּעטערס פּאַלאַץ

איינמאָל האָט מײַן פּעטער,
דער גוטער וויצנמאכער,
דער פריילעכער שפּאסער,
אָנגעהויבן גוואלדעווען,
פון שווייס אזש א נאסער:
— אוי, כאַפּט זי, אוי, העגנט זי,
אוי, הארגעט און שלאָגט זי,
די גאזלענטע די פליג —
די, וואָס האָט אומגעבראכט
מײַן פּאלאַץ, מײַן גליק.

אוי, ווו זײַנען די טורעמלעך,
די פייגל, די געמאָלטע?
גרויסארטיקע זײַלן,
די וואסערן זיסע
פון מײַנע פאָנטאנען?

האָט זיך די שטאָט
א לאָז געטאָן לויפן,
געשטופּט און געאמפּערט,
גענישטערט, געטאַפּט,
און האָבן די פליג
מיט א ווענטקע געכאַפּט.

און האָבן מײַן פּעטער
א פראגע געשטעלט:
— געקענט האָט א פליג דען
א פּאלאַץ צעברעכן,
א ווונדער געצעלט?
— געווען איז מײַן פּאלאַץ
געבויט אין זיקאָרן,
איז אָט־אָ די גאזלענטע
געווירע געוואָרן,
און כ׳ווייס ניט פאר ווען,
איך ווייס ניט פאר וואָס
זי האָט זיך געזעצט מיר
אונטער דער נאָז.
האָב איך מיטן קאָפּ
א טרייסל געגעבן,
איז צעוואלגערט געוואָרן
מײַן פּאלאַץ, מײַן לעבן.
מײַן פּאלאַץ, באמאָלטער
מיט פייגל און שוואַנען,
אנטרינען, פארפאלן.
אוי, מײַנע ליידיקע סעדער,
גאנעקלעך, טורעמלעך, זאלן!
ביטער די וואסער אין מײַנע פאָנטאנען.

דער פינגערהוט

געזאָגט האָט מיר א שנײַדער:
— יונגערמאַן,
אפילע אין א קנעפּל,
אין יעדער קלייניקײַט,
איז א מײַסעלע פאראן.
דאכט זיך, וואָס א פינגערהוט
א זניקל, —

שטעקט אין אים א מײַסעלע
אָן אנטיקל.
הער! אמאָל האָט געלעבט
א שנײַדער, ווי איך,
האָט די נויט זיך זאנאדעט,
כאַפּט זי דער רועך.
קוקן צו אים אינעם טעפּל —

ווײניק אין טעפּל
גרויפּן צי קרויט.
טאַנצט די מאַכעשײפע,
פרייט זיך די נויט.
האָט גענומען דער שנײַדער
טרײַבן די זלידניע —
נייט, און נייט, און נייט.
נאָר די זלידניע
פון שטוב ניט גייט.
וויפל ער איז ניט
מיט דער נאָדל געזעסן,
אַלץ ווייניקער ברויט,
אַלץ ווייניקער עסן.
און די נויט — זי טאַנצט,
זי העפּעט און שפּרינגט,
און פון יעדער לעכל
אין שטוב זי זינגט.
האָט גענומען דער שנײַדער,
דאָס טעפּל צעבראָכן,
און די גרויפּן געשטעלט
אין אַ קלענערן קאָכן,
בײַטן די טעפּלעך
פון מאָל צו מאָל, —

איז אָבער דאָס קלענערע
שוין אויכעט ניט פול.
און די זלידניע — זי פרייט זיך,
העפּעט און שפּרינגט,
פון יעדער לעכל
אין שטוב זי זינגט.
וואָס טוט דער שנײַדער?
וואָס טוט רעב אנשל?
ער נעמט אַ שפּילעכל —
אַ טעפּעלע — אַ ווײַנשל,
נאָר וואָס זאָל ער טאָן —
די מאַכעשײפע איז דאָ
און די הייך אינעם וויזיק
קוים־קוים אָפּן דנאָ.
אָט טוט זי אַ קוק
און הייבט אָן צו שפּרינגען,
כאַפּט ער דאָס טעפּעלע
און פאַרשטעקט מיט אַ פינגער.

דער נויט — אַ פּייג,
דעם שנײַדער ווערט גוט.
געוואָרן איז פון טעפּעלע
אַ פינגערהוט.

כראָניק

„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ” באַגריסט די שרײַבער־יוביליאַרן

ערעוו דעם נײַ־יאָר האָט די צײַטונג „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ” צווישן אַנדערע שרײַבער־יובילײַרן אָפּגעמערקט דעם 70־טן געבורטסטאָג פון צוויי ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער — כאַיִם מעלאַמוד און עליע גאָרדאָן.

וועגן כאַיִם מעלאַמודן ווערט אין דער באַגריסונג פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר און דעם ראַט פון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור צווישן אַנדערס געזאָגט:

„מיר באַגריסן האַרציק אײַך, דעם באַוווּסטן סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער מיטן זיבעציקסטן געבורטסטאָג. אָנגעהויבן פון די סאַמע יוגנט־יאָרן אײַער אַרבעטס־טעטיקײַט, האָט איר דורכגעמאַכט אַ גרויסע לעבנס־שול, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אַ סאַך יאָרן געאַרבעט אין רעדאַקציעס פון פאַרשיידענע צײַטונגען.

אין מעשעך פון פינף און פערציק יאָר, זינט עס איז דערשינען אײַער ערשטער בוך „אין סטעפּ”, האָט איר געשאַפן אַ ריי טאַלאַנטפולע ביכער און פאַרצייכענונגען, דערציילונגען און ראָמאַנען וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע מענטשן און זייערע העלדישע אויפטוען אין די שלאַכטן און אין דער פרידלעכער מי, וועגן דער ברידערלעכער פעלקער־פרײַנטשאַפט. די בעסטע פון זיי — די ראָמאַנען „פרײַנטשאַפט”, „יונגע יאָרן”, „צווישן דניעסטער און פּרוט”, די פּראָזע־זאַמלונגען „לעבעדיקע קערנער” אאַ. זײַנען איבערגעזעצט אויף רוסיש, אוקראַיִניש און אַנדערע שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר”.

אין דער באַגריסונג צו עליע גאָרדאָנען ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט:

„מיר באַגריסן האַרציק אײַנעם פון די עלטסטע הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּראָזאַיִקער, דעם וועטעראַן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג.

אײַערע ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען נאָך אינעם פאַרמילכאָמע־פּעריאָד, האָבן בולעט אָפּגעשפּיגלט דעם קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון ברעכן די אַלטע פויערישע לעבנס־פאָרמען. שוין אין די ערשטע ווערק אַנטפּלעקן זיך די שטריכן פון אײַער רײַפער באַגאַבונג, די גרינטלעכע און קינסטלערישע אויפפאַסונג פונעם פויערישן לעבן, דעם דאָרפישן שטייגער, די פויערישע פּסיכאָלאָגיע.

וועגן אײַער ווײַטערדיקן שעפערישן וווּקס זאָגן איידעס די נײַע דערציילונגען „פון אָנהייב זײַנען זיי געווען אינצווייען...”, „אין באָטשאַראָווקע”, „דעם גענעראַלס מאַמע”, די נאָוועלן און פאַרצייכענונגען פון די לעצטע יאָרן, דער ראָמאַן „אונטער דער הייסער זון”.

מיט דערפאָלג פאַרייניקט איר די שעפערישע אַרבעט מיט אומדערמידלעכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט, אַרבעטנדיק אין דער שטייגער־קאָמיסיע פון דער מאָסקווער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע”.

באַנאַנד מיט דער באַגריסונג דרוקט די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ” אַן אַרטיקל פון וויטאַלי וואַסיליעווסקי וועגן ע. גאָרדאָנס שאַפונג.

ליטערארישע געדענק=ראמעם

מ ו י ש ע אָ ל ג י ן

(1939—1878)

די, וואָס שטייען פונוויטן

עס געפעלט זיי ניט — די איידל־געוואקסענע, די פײַנינקע, מיט די ציטערדיקע נעשאָמעס.

עס איז פאר זיי צו רוישיק, צו שארף, עס שטעכט די אויגן.

„דאָס איז דאָך ברודער־קריג, — קלאָגן זיי זיך. — דאָס קען דאָך ניט פירן צו גוטן".

„מע דארף דאָך איינִיקײַט, — לערנען זיי אונדז, — און איר מאכט נאָר הייסער דאָס בלוט".

„מע דארף דאָך גיין קעגן אלעמענס סוינע, — מוסערן זיי אונדז, — און איר מאכט די ברידער פאר פײַנט".

און דער וויכהארציקער און שוואכקעפיקער „דורכשניטמענטש" שטייט און הערט און שאָקלט מיטן קאָפּ: „יאָ, עמעס, ברודער־קריג, בירגערקריג, שרעקלעך, שרעקלעך. ווי לאנג נאָך?"

הערן מיר דאָס — און קענען נאָר שמייכלען.

קוקן מיר אָף די בניי־ראכמאָנים — און האָבן אפילע קיין צײַט ניט צו ענטפערן.

ווילט זיך נאָר זיי אוועקמאכן מיט דער האנט, ווי מע מאכט אוועק א דערעסענע פליג.

לאָזט צורו.

זינט די וועלט איז א וועלט, איז נאָך קיין געווינס ניט דערגרייכט געוואָרן אָן א שטרײַט.

זינט די מענטשן בויען זייער לעבן, האָט מען נאָך קיין זאך ניט דערגרייכט מיט צונויפגעלייגטע הענט.

זינט די מאסן האָבן זיך אופגעהויבן צו ברעכן זייער יאָך, האָט א הייסער שטרײַט ניט אופגעהערט צו טיילן זייערע מאכנעס.

און דאָך: דורך שטרײַט, דורך ביטערע כעלוקעדייעס, דורך אומגעהייערער גײַסטיקער אָנשטרענגונג גייט דער ארבעטער־קלאס צום עמעס, מאכט ער אלעמאָל קלאָרער זײַן געדאנק, מאכט ער אלעמאָל בלאנקער זײַן געווער, ווערט ער אלעמאָל פייִקער צו באהערשן די וועלט.

שטרײַט? יאָ, ביזן לעצטן אָטעם שטרײַטן פאר דעם, וואָס ס'איז עמעס אין אונדזערע אויגן.

ברודער־קאמף? יאָ. אויב אונדזער ברודער איז שולדיק, אויב אונדזער ברודער איז אוועק אָף א פאלשן וועג, אויב ער האָט שאָלעם געמאכט מיטן סוינע, וועלן מיר קעמפן קעגן אים ווי קעגן א סוינע; וועלן מיר שארפן קעגן אים די שווערד פון אונדזער קריטיק, פון אונדזער פאראכטונג, פון אונדזער עקל, פון אונדזער פלוך.

שעדלעך? ניין. דער עמעס איז קיינמאָל ניט שעדלעך. דער עמעס באלויכט דעם וועג. דער עמעס שטארקט די הענט. אויב אונדזער כאווער אין אונדזערע רייען וויל ניט זען דעם עמעס, וועלן מיר אים ווײַזן, וועלן מיר לאכן פון זײַן בלינדקײַט, וועלן מיר אופקלערן זײַן טאָעס, וועלן מיר וואָרענען אנדערע קעגן זײַן טאָעס, ביז ער וועט אופעפענען די אויגן און דערזען דאָס ליכט.

מיר האָבן ניט מוירע צו צעשטערן אייניקײַט אינעם נאָמען פון גרעסערער באוווּסטזיניקער אייניקײַט.

וו. גראַפּערס פרײַנטלעכער שארזש אַף
מ. אַלגינען (1930)

מיר האָבן ניט מוירע אָנצוגרײַפן א כאַוואר אײנעם נאָמען פון העכערער געלײַטערטער כאַווערשאַפט.

מיר ווילן ניט קײן אײניקײַט, וואָס איז געבויט אַף פאַלשקײַט; מיר ווילן ניט פאַרהוילן קײן ריס, וואָס צעעסט די לעבעדיקע געוועבן; מיר וועלן שוין ליבער נעמען א מעסער און אופשנײַדן די ווונד און האָפן, אז ווען זי וועט זיך אויסהײלן, וועלן מיר האָבן א שטאַרקן, לעבנספײיִקן קערפּער.

אין אונדזער שטרײַט איז לעבן. אין אונדזער ביטערקײַט איז דאָס זוכן פון עמעס.

און מײנט ניט, איר גלאַטינקע, איר ווילרײַדעוודיקע, אז אונדז טוט ניט ווײ. עפשער שמאַרצט אונדז מער, ווי איר קאָנט זיך מאָלן. עפשער האָט איר קײנמאָל ניט פאַרזוכט אַזא שווערקײַט, ווי די, וואָס דריקט אונדז אַפן האַרצן. דאָס איז אונדזער זאַך. ניט פאַר אײַך וועלן מיר זיך קלאָגן.

אָבער איר — איר זײַטיקע, איר אומצופרידענע, — וואָס טוט איר? מיט וואָס העלפט איר אין דער אַלגעמײנער אַרבעט? ווי נעמט איר זיך אונטער צו געבן אײצעס, ווען איר אַלײן שטײט פונווײַטנס? ווער זײַנט איר ביכלאַל, אז איר זאָלט זיך מישן?

איר רעדט פײַנע ווערטער. „האַרמאָניע", „פרידן", „מענטשלעכקײַט", „פאַרײניקטע קרעפטן". אָבער צו וועמען רעדט איר זײ? און דער איקער: וואָס טוט איר, קעדײ אײַערע ווערטער זאָלן ניט בלײַבן קײן קאָל אין דער מידבער?

רויִקע זײַנט איר. א גערטנדל פלאַנצט איר זיך אײנמיטן א שלאַכטפעלד. א נעסטעלע בויט איר זיך אַפן וועג פונעם שטראָם. וועט קומען די מילכאָמע און וועט צעטרעטן אײַערע בלומען. וועט קומען דער גרויסער היסטאָרישער שטראָם און אַראָפּשווענקען אײַך און אײַערע נעסטן.

ווען איר וועט פאַרשווינדן, וועט קײנער נאָך אײַך ניט בענקען...

1922

אהין, אין דער הייך

איך וויל זעלבסט זײַן מאַשינעך,
זאָגט דער קעמפער שטאָלץ און דרײסט:
אײַער גאָט איז דאָך ניט שטאַרקער,
ווי מײַן שטאָלצער, פרײַער גײַסט.

מיר זײַנען געבוירן אין פינצטערע שאָטנס. אין עלנט און נויט האָבן פינצטערע לידער געזונגען בא אונדזערע וויגן; און קאַלט איז געווען אַרום־און־אַרום; און טרויעריקע, פעך־שוואַרצע הימלען פון אויבן, און אונטן א מידע, פון טרערן דורכגעווייקטע, אין יִיִעש פאַרוויקלטע ערד.

אונדז האָט מען אין דאָפּלטע קײטן געשמידט: דעם גוף אין א שמוציקער ווערקשטוב און טפיסע, דעם גײַסט — אין די נעצן פון געטלעכע דינים, אין הײליקן שרעק פאַר דעם גרויסן, אַלמעכטיקן גאָט פון נעקאָמע.

און עס זײַנען פאַרשווונדן כאַדאָשים און יאָרן, געקלאַפּט האָט דער האַמער, געראַשט די מאַשין, געשפּריצט האָבן פונקען אַרום־און־אַרום; געשמידט צו דעם האַמער, צום ווערקשטאַט געבונדן, אין פײַער, אין שטויב, אַף דער ערד, אין דער ערד — מיר זײַנען געזעסן און פלײַסיק געאַרבעט, נאָר ווייניק געטראַכט און גאָר פלײַסיק געאַרבעט פאַר אונדזערע פײַנט.

און ס'זײַנען געפלויגן פיל יאָרן נאָך יאָרן. אונדז האָבן געקלונגען פון קירכע די גלעקער, אונדז האָבן געזונגען די שוואַרצע ראַבאָנים: נאָר פאָלגן, נאָר הערן, נאָר בוקן און קניִען פאַר גאָט אײנעם הימל, פאַר סראָרעס און הערשער, ניט פרעגן, ניט קלערן, נאָר דינען און

קניִען און וואַרטן געהאָרכזאַם אַ סכאַר ניט אין לעבן — אַף יענער זײַט גרוב...

געקלאַפּט האָט דער האַמער, געררוישט די מאַשינעס, געשפּריצט האָבן פונקען פון אונדזערע הענט. און ס׳זײַנען פאַרפלויגן די פונקען פון פײַער צו אײַנזאַמען מידבער פון אונדזער נעשאָמע און האָבן פאַרטריבן די טונקעלע שאָטנס, און האָבן צעריסן דעם שלייער פון וואָלקנס, גערופן צום ליכטיקן טאָג.

דערוואַכט האָט דער מידבער, מיט פונקען באַשאָטן; צעגליט האָט זיך אונדזער געבונדענער גײַסט, עס וואַקסן און שטאַרקן זיך פלאַמען פון פײַער און הייבן צום הימל די העלרויטע זײַלן — מיר האָבן דערזען די ליכטיקע הימלען, דערזען דעם טאָג.

עס קלאַפּן די האַמערס, עס רוישן די רעדער, מיר שטייען אין ווערקשטוב און שמידן, און וועבן אַ נײַעם געדאַנק און אַ מוטיקן ווילן; מיר קלאַפּן און שמידן. עס קלינגען די קייטן. נאָר העכער נאָך קלינגען די מונטערע לידער:

פאַרשוווינדט, איר דאָפּלטע קייטן פון קנעכטשאַפט! פאַרשווינדט, איר טונקעלע שאָטנס פון נאַכט! שטייט אויף, ווער עס שלאָפט, ווער עס שמאַכט אין דער פינצטער, באַפרײַט אײַער גײַסט פון דער בלי־שווערער מאַסע, באַפרײַט אײַער קערפּער פון יאָך פון דעם שווערן, — עס גייט שוין דער טאָג.

און ווו נאָר עס קלאַפּן און קלינגען די האַמערס, און ווו נאָר עס דרייט זיך און רוישט די מאַשין, דאָרט פלאַקערט דער גײַסט און עס וועקט זיך דער ווילן — באַם קלאַנג פון דעם האַמער, באַם רוישן פון ראָד.

מיר שטייען און טראַכטן, מיר שטייען און בויען דעם ליכטיקן ביניען פון גליק און באַפרײַונג. נאָך קלינגען די קייטן, נאָך פײַפן די בײַטשן, נאָר העכער נאָך קלינגען די שטראַלנדע טענער פון ליכטיקער האָפענונג אין אונדזערע הערצער: עס קומט שוין דער טאָג.

איר זעט זיי — די מונטערע, פרישע אַרמייען? איר זעט, ווי עס פינקלט די קראַפט פון דער יוגנט, די קראַפט פון דער שאַפונג אין זייערע אויגן? עס בליצן די פונקען אַף זייער באַוואָפענונג: זיי גייען אין שטרײַט.

מיר אַלע — מיר זײַנען אין שאָטנס געבוירן, אין טאָל אין דעם טיפן די יאָרן געוועלקט: אין שטורמישער לײַדנשאַפט גייען מיר פאָרווערטס צו פריילעכער שײַן, צו דעם העל־בלויען הימל, אַהין, ווו אין ליכטיקײַט באָדן זיך וועלטן — אַהין, אין דער הייך.

עס רוען די האַמערס, עס שווײַגן די רעדער. אַ שטילקײַט, אַן אומעט אין שמוציקן ווערקשטוב, מיר האָבן פאַרלאָזן די פינצטערע שאַכטעס, די גרילצנדע וואַלן, — ס׳איז הײַנט אונדזער טאָג.

געגריסט זײַט, איר ברידער, געגריסט זײַט, איר יונגע, איר מוטיקע, דרייסטע, מיט שטאָלץ פון ניצאָכן און זיכערן בליק! מיר האָבן באַפרײַט זיך, צעריסן די קייטן, פאַרברענט אונדזער יאָך און געעפנט די טפיסע — אַף הײַנטיקן טאָג.

דער טאָג פון דער צוקונפט — דער טאָג פון דעם פרידן! פון קומענדער פרײַהײַט אַ ליבלעכער גרוס. אַ דופטנדע בלום פון דעם שפּראָצנדן גאָרטן, פון פרעכטיקן טאָג — אַפּן ראַנד פון הימל אַ בלוט־רויטע שײַן.

געגריסט זײַ, דער טאָג, און געגריסט זײַ, די ליכטיקע צוקונפט!

1906

מענטשן — זייער צייט און זייער גורל

זאַלמען קאַהאַן

דעם טאַטנס שטעמפּל

דער צוג פון ניזשני־נאָווגאָראָד איז קיין פּעטראָגראַד אָנגעקומען גאַנצפֿרי.

אויפֿן הילצערנעם שמאָלן פּעראָן פֿונעם ניקאָלײַעווער וואָקזאַל איז געלעגן אַ לויטערער באַנאַכטיקער שניי. די לופֿט איז געווען פֿאַרנעפּלט, דורכגעצויגן און אָנגעזעטיקט מיט נאַסקײַט. אויפֿן פּעראָן האָבן פּאַטרולירט באַוואָפֿנטע סאָלדאַטן און מאַטראָסן.

פֿונעם ערשטן וואַגאָן איז אַרויס אַ פּאַסאַזשיר מיט אַ קליין טשעמאָדאַנטשיקל אין דער האַנט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און איז פֿאָרזיכטיק אַראָפּ פֿון די וואָקזאַל־טרעפּ.

אָט דער פּעטראָגראַדער דעקאַבער־אינדערפֿרי פֿון 1917 איז געווען ניט קיין פּראָסטיקער. איבער דער רוסישער צאָפֿן־שטאָט זײַנען געהאַנגען שווערע, בלײַענע וואָלקנס, פֿון דער באַלטיק האָבן ווינטן געטריבן שוימיקע כוואַליעס צו די אומרויִקע יאַם־ברעגן.

דער גאַסט איז אַוועק צום שלעכט־באַלויכטענעם וואָקזאַל־פּלאַץ. איבערן געדיכטן נעפּל זײַנען די לאַמטערנס פֿונדערווײַטנס געווען בלאַס און קוים באַמערקבאַר.

וווּהין גייט מען?

געוווּסט האָט דער גאַסט, אַז פֿונעם וואָקזאַל באַדאַרף מען גיין אויף רעכטס, דערנאָך, אויפֿן ערשטן ראָג, פֿאַרקערעווען אויף לינקס. ס׳האָט זיך אים ניט געוואָלט באַ קיינעם פֿאַרפֿינקטלעכן דעם מאַרשרוט. אַלע זײַנען געווען פֿאַרהאַוועט, מ׳איז געגאַנגען גיך, אָפֿטער פֿון אַלץ האָבן זיך באַגעגנט מאַטראָסן. זיי זײַנען געווען אַרומגעגאַרטלט מיט פּאַטראָנען־פּאַסן, באַ יעדערן אויף די אַקסלען — אַ ביקס.

— אין יענעם ראַיאָן לעבט מײַנער אַ קאָרעוו.

— פֿאַרקערעווע אויף לינקס, דערנאָך גיי גלײַך און גלײַך איבערן גאַנצן סוואָראָוו־פּראָספּעקט, וועסטו דערגיין ביז דײַן קאָרעוו. האָסט פֿאַרשטאַנען, פֿעטערל?

ס׳איז שוין געוואָרן גאָר ליכטיק. דער גרויסער פֿאַרשנייטער הויף פֿונעם סמאָלני־אינסטי־טוט איז געווען פֿול געפּאַקט מיט מענטשן. אויף די טרעפּ צווישן די מאַסיווע קאָלאָנעס זײַנען געשטאַנען באַוואָפֿנטע מאַטראָסן. אין הויף איז מיט אַ פֿריילעך געזאַנג און מיט אַ רויטער פֿאָן אַרײַן אַ גרופּע יונגוואַרג. אַהין און צוריק האָבן מאַרשירט פּאַטרולן.

ער איז אַרויף אויף די טרעפּ, אָפּגעשטעלט זיך, טיף אַרײַנגעאָטעמט די קאַלטע לופֿט. אים איז גוט און אָנגענעם געווען צו שטיין דאָ, צווישן דעם גרויסן געווימל, וווּ אַלץ האָט געברויזט. „נאָר ניט געײַלט זיך, — האָט באַרויִקט אַ געלאַסענער געדאַנק, — מע דאַרף עס אַלץ באַנעמען, באַזיניקן“...

„אָבער דו ווייסט, וווּהין דו גייסט?“ — האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ.

ער ווייסט זייער גוט. ער האָט זיך לאַנג געגרייט צו דעם גרויסן וויזיט. דורכגעטראַכט יעדן טראָט. אַ וואָך צײַט האָט ער אויסגעפֿילט די ספּעציִעלע באַשטעלונג פֿונעם גאָר נאָענטן קאָרעוו, וועלכער זיצט דאָ, אין סמאָלני, ערגעץ אויפֿן ערשטן, אויפֿן צווייטן צי אויפֿן דריטן שטאָק.

זאָל אויפֿהערן קלאַפּן אַזוי שטאַרק דאָס האַרץ. אַזאַ נאַריש האַרץ, פֿאַראַן וואָס צו קלאַפּן. אַרײַנגעגאַנגען — און גוטמאָרגן! אָט בין איך... ס׳איז טאַקע פּאַשעט און פּראָסט, נאָר פֿונדעסטוועגן... ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. דעם קאָלנער — אַראָפּ, אין האַנט — דאָס טשעמאָדאַנטשיקל, אַ גלעט געטאָן די וואָנצן. מע לאָזט ניט אַרײַן.

— וואָס איז?

— מע טאָר ניט.

ער איז אַוועק צו אַ צווייטער טיר.

— וווּהין? — האָט ער דערהערט אַ הייזעריק קאָל, דערזען אַ גלאַנציקע שפּיז אויף דער ביקס.

— איך באַדאַרף אין סמאָלני.

— נאָך וואָס?

— פֿאַראַן אַן איניען, ברודערל.

— אין סמאָלני איז די רעגירונג.

— איך ווייס.

— איז צו וועמען דאַרפסטו?

— טאַקע צו דער רעגירונג.

— מע קאָן פּלאַצן פון געלעכטער, ווער האָט דיך אַהער גערופן?

— סווערדלאָוו האָט מיך גערופן.

דער מאַטראָס האָט זיך אויסגעגלײַכט:

— נו? אויב אַזוי, פּעטערקע, איז גיי צום קאָמענדאַנט, לינקס.

מיילע, זאָל זײַן צום קאָמענדאַנט.

בײַ דער טיר פונעם קאָמענדאַנט איז געשטאַנען אַ גרויסע ריי. מיליטערלײַט, אַרבעטער, פּויערים, פרויען מיט קינדער אויף די הענט.

מע איז אַרײַן איינציקווײַז. ס'האָט זיך לאַנג געצויגן די צײַט.

דער גאַסט פון ניזשני האָט אַרויסגענומען פונעם טשעמאָדאַנטשיק אַ סעכערל, אַ האַרט איי, אַ פּעקעלע זאַלץ, געזעצט זיך אין אַ זײַט איבערבײַסן.

ענדלעך איז דערגאַנגען זײַן ריי.

— ווער זײַט איר? — האָט דער קאָמענדאַנט מיט כשאַד אַ קוק געטאָן אויפן טשעמאָדאַנטשיק, וועלכן דער באַזוכער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— פון ניזשני־נאָווגאָראָד. אַ גראַווער. כ'האָב באַקומען אַ ספּעציעלע באַשטעלונג, האָב איך אַלץ אויסגעפילט, געבראַכט.

— פון וועמען אַ באַשטעלונג?

— פון יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש סווערדלאָוו.

— נו? — דער קאָמענדאַנט האָט זיך אויפגעהויבן, נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם טשעמאָדאַנטשיק פון אַלע זײַטן, גענומען אין די הענט אַ בויגן פּאַפּיר.

— באַדאַרפט איר דאַפקע צו אים אַליין?

— טאַקע נאָר צו אים אַליין.

— און טאָמער צום סעקרעטאַר?

— ניין, נאָר צו אים אַליין.

— אייער פאַמיליע, נאָמען און אײַער פאָטערס נאָמען?

— מיכאיל איזרײַלעוויטש. אַ גראַווער פון ניזשני־נאָווגאָראָד. איך וווין אויף דער גרויסער פּאָקראָווקע...

— די פאַמיליע? — האָט דער קאָמענדאַנט איבערגעפרעגט.

— די פאַמיליע? כ'וועל אײַך זאָגן די פאַמיליע, נאָר מיט איין תּנאַי. איר זאָלט עס קיינעם ניט דערציילן. ביז כ'וועל אים אַליין ניט זען, וויל איך ניט, עמעצער זאָל וויסן, אַז איך בין דאָ, אַז כ'וואַרט אויף אים. ער איז דאָך זייער אַ פאַרנומענער מענטש, כ'וויל אים ניט שטערן.

דער קאָמענדאַנט האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז מיסטאָמע וועט אויסקומען צו פאַרהאַלטן אָט דעם דאָזיקן מאָדנעם מענטשן, וועלכער קאָן אָנרופן זײַן פאַמיליע נאָר מיט אַ תּנאַי.

אויפן קאָמענדאַנט האָבן געקוקט פון הינטער קײַלעכדיקע ברילן צוויי מילדע אויגן, פולע מיט צוטרוי און באַלויכטענע מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

— דאָס טשעמאָדאַנטשיקל לאָזט איבער אין קאָמענדאַטור, — האָט פאַראָרדנט דער קאָמענדאַנט.

— איך קאָן ניט, — האָט דערווידערט דער גאַסט, — דאָ ליגט אַ הייליקע זאַך...

— אײַך מיט אײַער הייליקער זאַך וועט אויסקומען פאַרהאַלטן... ענטפערט אויף מײַנע פראַגן. די פאַמיליע? פאַראַן אַ דאָקומענט?

— אָט זאָג איך. מײַן פאַמיליע איז סווערדלאָוו.

— סווערדלאָוו? מיכאיל איזרײַלעוויטש? יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש איז אײַער זון?

— אַ זון.

— אויב אַזוי... עפנט, ביטע, דעם טשעמאָדאַנטשיק. ניט ווײַל איך גלייב אײַך ניט, נאָר... פון פאָרמע וועגן.

עפענען? נו, יאָ, עפענען. ווי באַלד דער קאָמענדאַנט הייסט...

דער גאַסט האָט אַרויסגענומען אַ קליין פּעקעלע, וואָס איז געווען איבערגעוויקלט אין אַ ציצענעם טיכל און אַרומגעבונדן מיט אַ פעסט שטריקל. ער האָט צעוויקלט דאָס פּעקעלע, אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ שטעמפּל, וועלכער האָט געגלאַנצט פון נײַקײַט און איז נאָך קיין איין מאָל ניט באַנוצט געוואָרן.

דער קאָמענדאַנט האָט גענומען אין האַנט דעם שטעמפּל, אים באַטראַכט פון אַלע זײַטן, געקוקט אויף די אויסיעס:

— וואָס באַטײַט עס?

— טונקט אײַן און שטעמפּלט אָפּ.

דער קאָמענדאַנט האָט אַ טונק געטאָן דעם שטעמפּל אין טינט־קישעלע און אים צוגעדריקט צום פּאַפּיר. אויף זײַן פאַרזאָרגט פּנים האָבן זיך גענומען אויסגלײַכן די קנייטשן. ער האָט דערלאַנגט אַ האַנט דעם גאַסט:

— מאָלאָדיעץ! אַ פײַנער שטעמפּל.

און צעריסן דעם בויגן פּאַפּיר.

— אַליין געמאַכט, — האָט געזאָגט דער גאַסט, — מיט אָט די הענט...

— אַ רעכט שטיקל אַרבעט, — האָט געלויבט דער קאָמענדאַנט. ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן דעם גאַסט, נאָכאַמאָל געדריקט אים די האַנט.

— נו, אַ שטעמפּל! אַ ראַיעלע זאַך!

דער קאָמענדאַנט האָט אַליין פאַרוויקלט אינעם ציצענעם טיכל דעם שטעמפּל, אים אַרײַנגעלייגט פאָרזיכטיק אין טשעמאָדאַנטשיק, אויסגעשריבן אַ דורכלאָז־שײַן פאַרן גאַסט און באַגלייט אים ביז דער טיר.

מיכאיל איזרײַלעוויטש איז נאָכאַמאָל אַרויף אויף די ברייטע טרעפּ און צוגעגאַנגען צו דער טיר צווישן די ווײַסע קאָלאָנעס. אין האַנט האָט ער הויך געהאַלטן זײַן דורכלאָז־שײַן. דער מאַטראָס מיט דער ביקס בײַם אַרײַנגאַנג האָט באַקוקט דאָס פּאַפּירל פון אַלע זײַטן, דערנאָך מיט אַ כיטרען שמייכל באַטראַכט דעם באַזוכער, זײַן טשעמאָדאַנטשיק, נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די פאַמיליע.

לײַכט אָפּגעטעמט, איז דער גאַסט אַוועק איבער די קאָרידאָרן פון סמאָלני. ער איז גע־

גאַנגען געלאַסן. פונדערפרי, האָט ער באַשטימט, איז יאַקאָוו געוויס שטאַרק פאַרנומען, באַדאַרף מען זיך ניט אוועקלאָזן צווישן די ערשטע באַזוכער. אַ קאָרעוו מעג אַ ביסל צוואַרטן.

ער איז לאַנג אומגעגאַנגען אַהין און צוריק איבערן קאָרידאָר פונעם ערשטן שטאָק. אַ סאַך האָבן זיך צו אים געווענדט מיט פראַגן, נאָר ער האָט געצוקט מיט די אַקסלען און דערבײַ זיך צוגעקוקט צו די רייען באַזוכער בײַ יעדער טיר.

דערנאָך איז ער אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. בײַ איין צימער האָבן זיך געפונען מערער מענטשן, איידער בײַ די אַנדערע, אַוודאי אַ מענטשן הונדערט.

— אויף וועמען וואַרט מען דאָ? — איז ער נײַגעריק געווען.

— אויף לענינען.

אָט דאָ, הייסט עס, זיצט ער און רעדט מיט מענטשן. אָט דאָ איז ער אַזוי נאָענט, מע קאָן אַרײַנגיין, אָנקוקן אים, זיך דורכשמועסן...

ער האָט ניט באַמערקט, ווי פּאַוואָליע איז ער דערגאַנגען צו אַ צימער, וווּ ס'זײַנען געשטאַנען און געזעסן אַ סאַך מענטשן און אויף דער טיר איז אויף אַ קליין ווײַס ברעטל געווען אָנגעשריבן:

„פאַרזיצער פון וציק יאַ. מ. סווערדלאָוו".

ער האָט זיך געשטעלט אין ריי און אַלץ געקוקט אויפן שילדל: יעדער אָס האָט אים פאַרשאַפן פאַרגעניגן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, וויאַזוי ער וואָלט אויסגעקריצט דעם דאָזיקן אויפשריפט אויף בראָנזע מיט גאָלדענע אויסיִעס. אָדער ניין, מיסטאָמע וועט יאַקאָוו דערווידערן, ער האָט ליב, יאַשע, אַלץ זאָל זײַן פּאָשעט און פּראָסט...

אין דער ריי האָט זיך נאָך אים געשטעלט אַן עלטערע פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט.

— דאָס איז אַן אייניקל, — האָט זי געזאָגט, — די מאַמע זײַנע מיטן טאַטן זײַנען אומגעקומען אויף דער מילכאָמע, גיי איך בעטן בײַ יאַקאָוו מיכײַלאָוויטשן, ער זאָל מיר העלפן דערציִען מײַן יאָסעמל...

— ער וועט העלפן, — האָט געטרייסט די באָבע מיכאַיִל איזרײַלעוויטש, — ער האָט אַ גוט האַרץ, געיאַרשנט פון דער מאַמע זײַנער... לייע האָט מען זי גערופן... ווען זי שטייט איצט אויף פון קייווער, לייע סאָלאָמאָנאָוונע, און דערזעט, וווּהין ס'האָט זיך דערקליבן איר יאַשע...

עס האָט זיך צעעפנט די טיר, און מע האָט פאַרבעטן אין פאָדער־צימער אַ מענטשן צען. דער גאַנצער צענדליק שטעלט זיך אויס בײַם טיש פון דער סעקרעטאַרשע — אַ בלאָנד מיידל מיט שוואַרצע אויגן, זייער אַן ערנסטע.

די סעקרעטאַרשע באַמערקט, אַז איינער פון די באַזוכער האַלט אין האַנט אַ טשעמאָדאַנטשיק.

— בײַם קאָמענדאַנט זײַט איר געווען?

— געווען, באַרישניע.

— ער האָט אײַך דערלויבט גיין אַהער מיטן טשעמאָדאַן?

— דערלויבט, באַרישניע.

— ווי איז אײַער פאַמיליע?

— סווערדלאָוו.

— אַן אייגענער, צי צופעליק די זעלבע פאַמיליע?

— מיסטאָמע אַן אייגענער...

— יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש וועט באַלד קומען, — מעלדעט די סעקרעטאַרשע.

אַלע באַזוכער האָבן זיך צעזעצט בײַ דער טיר לענגאויס דער וואַנט. מ'האָט געשוויגן. אייניקע האָבן געוואָרפן אַ בליק אויפן יידן מיטן שוואַרצן בערדל, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל און געהאַלטן אויף די קני זײַן טשעמאָדאַנטשיק.

די טיר האָט זיך מיטאַמאָל האַסטיק צעעפנט און ס'איז אַרײַן יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש אין אַ צעשפּיליעטער לעדערנער קורטקע, אין שטיוול. גייענדיק, האָט ער אַראָפּגענומען די פּענסנע, וועלכע זײַנען געהאַנגען אויף אַ שנירל איבערן רעכטן אויער, אויסגעווישט די גלעזלעך, זיך באַגריסט, גענומען בײַ דער סעקרעטאַרשע אַ בויגן פּאַפּיר, אַ פּעקל דאָקומענטן.

— דער אוילעם וואַרט אויף מיר? — האָט ער געפרעגט. — זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל.

און איז אַרײַן צו זיך אין קאַבינעט.

„ער איז בלייך, אַ מידער אויסזען, ניט אויסגעשלאָפן זיך, קענטיק, הונגעריק, — האָט מיכאַיִל איזרײַלעוויטש אומצופרידן געשאָקלט מיטן קאָפּ.

די סעקרעטאַרשע איז צו אים צוגעגאַנגען:

— גייט אַרײַן.

— וואָס רעדט איר? זאָלן אַלע, אַלע דורכגיין, ער וועט דערנאָך בלײַבן אַליין, וועל איך אַרײַנגיין... ניין, ניין, זאָגט אים גאָרניט, מ'דאַרף ניט, כ'וועל וואַרטן...

— אַלע וועלן דורכגיין, וועלן קומען אַנדערע, ער קלײַבט זיך אוועקגיין...

— אָט הערט מיך, באַרישניע, כ'וועל וואַרטן. לאָזט דורך די מענטשן.

די סעקרעטאַרשע האָט אויסגערופן די פאַמיליע פון דער באָבען מיטן אייניקל.

די באָבע איז זייער גיך אַרויס צוריק אַ צופרידענע, צוגעגאַנגען צו מיכאַיִל איזרײַלעוויטשן.

— איר זײַנט געווען גערעכט, אַ גוטער מענטש, יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש, איר קענט אים אַוודאי פון לאַנג...

די גאַנצע צײַט האָט געקלונגען דער טעלעפאָן.

— איר וועט מיד ווערן צו וואַרטן, — האָט זיך די סעקרעטאַרשע נאָכאַמאָל געווענדט צו מיכאַיִל איזרײַלעוויטשן.

ער האָט זי באַרויִקט מיט אַ שמייכל.

די טיר פונעם קאַבינעט האָט זיך צעעפנט, און ס'האָט זיך באַוויזן יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש, ער איז צוגעגאַנגען צו דער סעקרעטאַרשע און געבעטן געפינען אים עפּעס נייטיקע דאָקומענטן. אין דער צײַט האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש האָט גענומען דאָס טרײַבל:

— איך הער אײַך, וולאַדימיר איליטש!

אין אופנאם־צימער איז געוואָרן גאָר שטיל, אלע האָבן פארטײַעט דעם אָטעם. יעדערער האָט איצט געקוקט אפן טעלעפאָן־טרײַבל, פונוואנען ס׳האָט זיך דערטראָגן לעגינס קאָל.

יאקאָוו מיכײַלאָוויטש האָט געהערט אופמערקזאם, זיך באוועגט מיטן טרײַבל אין האנט פון רעכטס אף לינקס. דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעזעצט אפן שטול, וועלכן די סעקרעטארשע האָט פאר אים אוועקגעשטעלט. ער האָט אלץ געשאָקלט מיטן קאָפ, זײַנע אויגן הינטער די פענסנע זײַנען געווען ברייט צעעפנט, און ער האָט, האלטנדיק דאָס טרײַבל, באטראכט די באזוכער אינעם אופנאם־צימער. בא דער סאמע טיר פונעם קאבינעט איז געזעסן א גרויבערדיקער זאָקן מיט א געאָרגיִעווער קרייץ אף דער ברוסט. ער האָט נערוועז געצופט זײַנע אף ארוף פארדרייטע וואָנצן און געהאלטן אין האנט א פאפיר, קענטיק, עפעס אן אָנקלאָגע. די צווייטע נאָכן זאָקן איז געזעסן א יונגע שווארצכייִנעוודיקע פרוי מיט לאנגע פארפלאָכטענע צעפ. איר פאָנעם איז געווען שטארק פארטרויערט. קענטיק, פארלאָרן א נאָענטן מענטשן.

יאקאָוו מיכײַלאָוויטש האָט עטוואָס פארהאלטן דעם בליק אף אן אינטעליגענט פאָנעם מיט גאָלדענע פענסנע אף דער שפיצעכיק־לענגלעכער נאָז. דער באזוכער האָט ניט געקאָנט רויִק זיצן, אלע מאָל זיך אופגעהויבן פון שטול און ווידער אָנמעכטיק און פארצווייפלט זיך צוגעזעצט.

פלוצעם האָט יאקאָוו מיכײַלאָוויטשעס בליק זיך פארווונדערט אָנגעשטרענגט. ער האָט אראָפגענומען די פענסנע, אָנגעטאָן זיי ווידער, געקוקט אפן מענטשן, וואָס איז געזעסן אין ווײַטסטן ווינקל פונעם אופנאם־צימער מיט אן אראָפגעלאָזטן קאָפ און מיט א טשעמאָדאנטשיק אף די קני...

— איין רעגע! — האָט אויסגערופן יאקאָוו מיכײַלאָוויטש, — אנטשולדיקט, וולאדימיר איליטש.

און ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט:

— טאטע! טײַערער מײַנער!

— וואָס האָט געטראָפן, יאקאָוו מיכײַלאָוויטש? — האָבן זיך דײַטלעכע ווערטער דערהערט אין טרײַבל.

— אנטשולדיקט, וולאדימיר איליטש, איך האָב א גאסט, מײַן טאטן פון ניזשני...

יאקאָוו מיכײַלאָוויטש האָט פאר עפעס געדאנקט און ווידער אופמערקזאם געהערט לעניינען.

דער טאטע איז געשטאנען דערבײַ, קיין אויג ניט אראָפגעלאָזט פונעם זון, פונעם טעלעפאָן־טרײַבל. ער האָט נערוועז גענומען גלעטן די האָר אפן קאָפ, צופן דאָס בערדל, די וואָנצן, דערנאָך פאריכט דעם האלדזטוך, אלץ געשאָקלט מיטן קאָפ, און זײַנע ליפן האָבן איבערגעכאזערט יעדעס וואָרט, וואָס יאקאָוו מיכײַלאָוויטש האָט ארויסגערעדט.

די בלאָנדע סעקרעטארשע האָט אוועקגעשטעלט א שטול פארן טאטן, נאָר ער האָט זיך ניט געזעצט. ער איז געשטאנען מיט אן אנטבלויזטן קאָפ, מיט אראָפגעלאָזטע הענט און אלץ געקוקט, געקוקט אפן זון.

דאָס טעלעפאָן־טרײַבל איז שוין געלעגן אפן אפאראט, דער טאטע האָט טיף אָפגעעטעמט, ווי נאָך א זיסן כאָלעם, און יאקאָוו מיכײַלאָוויטש האָט אים אוועקגעפירט צו זיך אין קאבינעט, שטארק אים ארומגענומען.

— וואָס האָט דיר געזאָגט וולאדימיר איליטש? — האָט זיך דעם טאטן געוואָלט וויסן.

— ער האָט געבעטן, איך זאָל איבערגעבן א דאנק...

— וועמען?

— מײַן טאטן.

— פאר וואָס?..

— איך ווייס?

— און איך ווייס, — האָט מיכאיִל איזרײַלעוויטש געשמייכלט, — מיסטאמע א דאנק פאר אזא זון... הא?

— וויבאלד דו ווייסט, וואָס פרעגסטו בא מיר?

זיי האָבן זיך לאנג ניט געזען, דער טאטע מיטן זון. אזויפיל איז געווען צו דערציילן און צו דערמאָנען. נאָר אינעם אופנאם־צימער האָבן געוואָרט באזוכער, האָבן זיי דערווײַל ניט פארצויגן דעם געשפרעך.

— הייסט עס, זון מײַנער, זיץ איך אפן שטול, ווו עס זיצט ער אליין...

— דער פאָרזיצער פונעם אלרוסלענדישן ציק, טאטע.

— ווי רופט זיך עס אין אויסלאנד, אין דער אלטער וועלט?

— פרעזידענט, טאטע. — האָט זיך צעלאכט יאקאָוו מיכײַלאָוויטש.

— מעגסט לאכן, יאשע, אונדזער פרעזידענט מעג לאכן פון דער אלטער וועלט...

— בעסער דערצייל, טאטע, וואָס מאכן אנדרייקע און ווערע, ווי לעבט זיך זיי באם זיידן אף דער וואָלגע?..

— אויסגעצייכנט!

— אָט וועלן מיר, טאטע, אײַנגיכן באקומען א גוטע דירע, וועלן מיר מיט קלאוודיען צונעמען די קינדער צו זיך. שוין גאָר, גאָר אײַנגיכן.

— נו, יאָ, גענוג געבלאָנקעט, געוואָגלט, אויסגעזעסן אין אלע טורמעס, צײַט זיך אָפשטעלן אף אן אָרט, יאשע...

— געוויס, טאטע, געוויס.

— איך האָב דיר געבראכט א מאטאָנע, אויסגעפילט, וואָס כ׳האָב צוגעזאָגט.

דער טאטע האָט ארויסגענומען דאָס פעקעלע אינעם ווײַסן טיכל, דערלאנגט יאקאָוו מיכײַלאָוויטשן דעם שטעמפל. יאקאָוו מיכײַלאָוויטש האָט אים גענומען פונעם טאטנס האנט, צוגעדריקט צום טיש־קישעלע און אוועקגעשטעלט אף א ווײַסן פאפיר דעם קײַלעכיקן שטעמפל פונעם ווציק, וועלכן זײַן טאטע, דער גראווער מיכאיִל איזרײַלעוויטש סווערדלאָוו, האָט געבראכט פון ניזשני־נאָווגאָראָד.

נאָכעם אלפערט

א זעלנער פון ערשטן עשעלאָן

א ניט־דרייסטער, שטילער קלאַפּ אין טיר. דערנאָך עפנט זי זיך לאַנגזאַם, און אין טונקעלן ווינקל בלײַבט שטיין א דאָרפישער באָכער:

— מײַן טאַטע האָט מיר פאַרן טויט פאַרשוואָרן, אז ווען איך וועל טרעפן דעם כאַווער כאָמסקי, זאָל איך פאַר אים אראָפּנעמען דאָס היטל... בין איך געקומען אויספילן דעם טאַטנס צוואָע.

— ווער איז דײַן טאַטע און פונוואַנען ביסטו? — פרעגט מיט נײַגער דער באַיאָרטער, גראָוער כאָמסקי.

— פון טאַלקאָווטשטשינע. — און רופט אָן זײַן פאַמיליע.

מע האָט כאָמסקין גוט געקענט און געאַכטעט ניט נאָר אין שטאָט, נאָר אויך אין די דערפער ארום סלאָנים. ער איז געווען א מענטש א האַרציקער, און אלע האָבן זיך צו אים געצויגן.

מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט כאָמסקין איז פאָרגעקומען אזוי.

ס׳איז געווען אין פינפטן אָדער אין זעקסטן קלאַס פון דער יִידישער פאָלקס־שול. איך פאַרטיק זיך גיך אָפּ מיט א שריפטלעכער ארבעט, לייג זי אוועק אפן טישל פון מײַן לערערן און גיי ארויס פון קלאַס. אַף דער שוועל פונעם ספּאָרט־זאָל שפּילן זיך צוויי שוואַרצכיינעוודיקע יִינגעלעך. זייערע לעבעדיקע, צאַפּלדיקע גרויסע אויגן זײַנען פול מיט פרייד, און אלעמאָל הילכט א געלעכטער. איך דערוויס זיך, אז דער עלטערער מיטן פּאַריסענעם נעזעלע און מיט די צוויי האָזן־ציינער פון פאָרנט הייסט פּרויקע. דער קלענערער, א פּוכלינק טשיזשיקל, — יאַנקעלע. דאָס זײַנען כײַקע כאָמסקעס, דער נייער שול־אופּראַמערנס קינדער. די יאַטלעך פאַרגעסן ניט צו דערציילן מיר, און דערבײַ מיט שטאָלץ און קינדערישער אופריכטיקײַט, אז זייער טאַטע זיצט אין טפּיסע, ווײַל ער איז א רעוואָליוציאָנער...

אין מײַנע געדאַנקען שווימען ארויס פאַרבעפּלטע יעדיִעס וועגן רעוואָליוציאָנערן און וועגן א פּראָוואָקאַטאָר, אײַזעלע פאַרד, וועלכן מע האָט ארונטערגעלאָזט אונטערן אײַז...

פון שול אהיים גיי איך באַנאַנד מיט דער יונגער און שלאַנקער כײַקען. זי טראָגט יאַנקעלען אַף די הענט, און איך פיר פּרויקען פאַר זײַן אויסגעדאַרט הענטעלע. אַף בערנאַרדינער גאַס גייען מיר ארײַן אין סעמאַשקינס הויף. אַף רעכטס, אין סאַמע עק הויף, שטייט א הילצערן שטיבל — א גריבל, ווי מע זאָגט. א קליין צעקרימט פענצטערל אין א נידעריק ענג צימערל מיט צוויי אלטע הילצערנע בעטן, צווישן וועלכע עס שטייט אויך אָן אלטער טיש. פון יעדן ווינקל קוקט דאָ ארויס די נויט...

עס גייען אוועק נאָך א פינף־זעקס יאָר, און איך הייב שוין אָן שרײַבן מײַן אייגענע רעוואָליוציאָנערע ביִאָגראַפיע. צוויי יאָר האָב איך זיך געלערנט אין דער ווילנער צייכן־שול, נײַן כאָדאָשים געזעסן אין דער סלאָנימער טפּיסע בא דעם באַנדיט באַבינסקי, און נאָכן גרויסן פּראָצעס, מיט וועלכן ס׳האָט אין 1933 זיך געטומלט אין סלאָנים און אין ראַיאָן, בין איך באַפרײַט געוואָרן. מיך, מײַן ברודער לייזערן, בראָניע לוניאַנסקען, דעם סעקרעטאַר פונעם ראַיאָן־קאָמיטעט יעכיִעל פּלעטניצקין, די דאָרפס־כאַווײרים אַנע קאַראָל פון טשעמערי, די ברידער מיסקאָ און אנדערע האָט געמאַסערט דער פּראָוואָקאַטאָר סטרעלטשוק.

פּלעטניצקי איז פאַרשניטן געוואָרן דאַן אין דער „דעפענסיווע”, און ער האָט ניט דערצויגן אפילע ביזן פּראָצעס. מיטן פּראָוואָקאַטאָר סטרעלטשוק האָט זיך אין 1936 צערעכנט סערגיי פּריטיצקי, אוועקלייגנדיק אים אין מאָמענט, ווען יענער איז ארויסגעטראָטן מיט זײַנע מעסירעס אַף א קרײַז־פּראָצעס אין ווילנע.

די שווערע פאַר דער אונטערערד געשעעניִשן האָבן קימאַט אָפּגעשטעלט די טעטיקײַט פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. די סאַמע אקטיווע, אומבייגזאַמע טוער זײַנען געווען הינטער די גראַטעס, צענדליקער כאַווײרים האָט די „דעפענסיווע” אָפּגעשראָקן. דער „בונד” האָט גענומען אויסנוצן די גינסטיקע פאַר אים לאַגע צו פאַרשפּרייטן זײַן שעדלעכע ווירקונג אַף די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אונדז, די רעשטלעך פון די פאַרבליבענע אַף דער פרײַהײַט אקטיווויסטן, האָט דאָס זייער באַאומרויִקט: די פאַרייִנען זײַנען פאַקטיש געווען די איינציקע לעגאַלע פּאָזיציע, ווי אויך א וויכטיקער טרעף־פּונקט פון דער אונטערערד. אהין פלעגן מיר יעדן אָוונט ארײַנקומען זיך טרעפן מיט אומפּאַרטייִשע ארבעטער. ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגן דאָ שטענדיק קלינגען סאָוועטישע און רעוואָליוציאָנערע לידער. אין יענע טעג האָבן מיר אָפּט דערמאָנט די כאַווײרים: כאָמסקין, אָנוטשניקן, יאַנקעלעוויטשן, קאַרפּאָווסקין און אנדערע, וועלכע האָבן נאָך געשמאַכט אין די טפּיסעס. זיי האָבן אונדז זייער אויסגעפעלט, באַזונדערס כאַיִם כאָמסקי.

ענדלעך האָט אין איינעם א טאָג פון 1934 זיך ווידער באַוויזן אין אונדזער אונטערערדישער באַוועגונג כאַיִם כאָמסקי. ער איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט אין געזונט, זײַן מישפּאָכע האָט

אָפּט געהונגערט, כאָטש ער האָט שווער געהאָרעוועט באַם ברענענדיקן אויוון אין שײַקע קוניצעס בעקערײַ. און דאָך איז ער ווידער אומדערמידלעך געווען טעטיק אין דער באוועגונג.

אין אַן ערעוו מײַ־אָוונט פון 1934 האָב איך אינעם פּראָפּארײַן־הויז ארויסגעהאנגען א יאָמטעוודיקע וואנטצײַטונג, וואָס האָט זיך געעפנט מיט מײַנעם א קאָלירטן פלאקאטל: אַן ארבעטער האלט א רויטע פאָן און וויקלט מיט איר ארום דעם ערדקײַלעך. דאן האָבן די פארײַנען זיך געגרייט אָפּצומערקן דעם מײַ־יאָמטעוו, און עס איז זייער ליכטיק און פריילעך געווען אין די דרײַ צימערן. פּלוצעם ווערט טויט־שטיל: די „שמעקער״ שווארץ (כמעלעווסקי) און לוקאָווסקי באפוילן דער פּאָליצײַ פארנעמען אלע טירן און ארויסגענג. דאָס ערשטע, וואָס ווארפט זיך אין זייערע אויגן, איז די וואנטצײַטונג, און מע לייגט זי זאָרגעוודיק צונויף. נאָך איר קאָנפיסקירט מען מארקס׳ פּאָרטרעט. דערנאָך הייסט מען אונדז זיך אויסשטעלן אין רייען און מע פירט אונדז אָפּ אין ארעסט־הויז, ווו מיר ווערן פארפּאקט, ווי הערינג אין א פעסל. צווישן אנדערע געפינען זיך דאָ כאָמסקי, בליאכער, דערעטשינסקי, די ברידער קאראָליצקי, אבראמאָוויטש, גענדזעלעוויטש, פישער, ראָזענבער, רובינאָווסקי. דאָס זײַנען געווען מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבענע קעמפער.

דעם ערשטן מײַ מערקן מיר אָפּ אין ארעסט־הויז. אפן מיטינג טרעט ארויס דער כאָשעווסטער און אלטער קאָמוניסט כאַים כאָמסקי.

זײַן פּאָנעם איז רויִק. די געדיכטע ברעמען איבער די גוטמוטיקע אויגן באוועגן זיך ריטמיש, און אלץ אָטעמט פון אים מיט אופריכטיקײַט, אָפנהארציקײַט. אומזיסט האָב איך געזוכט אף אים שפּורן פון טפּיסע־ליידן: ער איז געווען זעלבסטבאהערשט און גערעדט קלאָר, פארשטענדלעך און איבערצײַגנדיק. כאָמסקי מאָלט פאר אונדז בילדער פון לעבן אין די פינסקער, ביאליסטאָקער, בריסקער, גראָדנער און גרודזשאנצער טפּיסעס. ער איז באהאוונט סײַ אין טעאָריע, סײַ אין פּראקטיק, זײַן ערודיציע האָט ער געשעפּט אין שווערן קאמף, אין לעבן אליין.

אלס רעוואָליוציאָנער איז כאָמסקי געבוירן געוואָרן דירעקט אין פײַער פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע און בירגערקריג. אין באשטאנד פון דער רויטער קאוואלעריע האָט ער גראָמירט די ווײַסגווארדייער אף אוראל, די באסמאטשעס אין בוכארא, די ווײַסע פּאָליאקן אפן מײַרעוו־פראָנט. נאָכן בירגערקריג קערט ער זיך אום אין זײַן געבורטסשטאָט סלאָנים, ווו ער שאפט צוזאמען מיט אנדערע איבערגעגעבענע כאוויירים אין 1922 די קאָמוניסטישע פארטיי־אָרגאניזאציע און ווערט אויסגעוויילט אין שטאָט־קאָמיטעט. אין 1924 ווערט ער אויך א מיטגליד פון סלאָנימער ראיאָן־קאָמיטעט.

א זון פון א טרעגער, אליין א בעקער, איז ער געוואָרן אַן אָרגאניזאטאָר און ארבעטער־פירער. פאר אים ציטערט די פוילישע אָקופּאציע־מאכט, און מע גייט אים נאָך פוסטריט. שוין אין 1923 שטייט דער יונגער כאָמסקי אף א פארהער אין טונקל־פארהאנגענעם קאבינעט פונעם שעף פון דער סלאָנימער „דעפענסיווע״ — בא דעצן. דער זשאנדארם פרעגט אים, צי ווייסט ער גוט דעם הויפּט־פּאראגראף פון דער פוילישער קאָנסטיטוציע. כאָמסקי ענטפערט מיט איראָניע:

— אָ, איך ווייס, די בירגער פון פוילן האָבן רעכט...

אָבער דעץ לאָזט אים ניט פארענדיקן. זײַנע אויגן ווערן אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער שפּרינגט אוף פונעם פאָטעל און ריטשעט אויס:

— רעכט האָבן אָרנטלעכע בירגער, אָבער ניט אזעלכע, ווי איר, יונגערמאן! איך וועל אײַך באלד באקענען מיטן הויפּט־פּאראגראף!

דער שעף כאפּט ארויס פונעם טישקעסטל א גומי־שטעקן און נעמט דרעשן איבער כאָמסקיס אויסגעדארטע ביינער, שרײַענדיק אים אין אויער ארײַן:

— אָט דאָס איז דער הויפּט־פּאראגראף פון דער קאָנסטיטוציע!

דער יאקרעס האָט דאן געהאלטן אין איין שטײַגן, און די ווערט פון דער זלאָטע אין איין פאלן. די באלעבאטים האָבן הערן ניט געוואָלט פון העכערן דעם לוין פאר די ארבעטער. האָט דער פאָרזיצער פון שפּײַזארבעטער־פארײַן כאַים כאָמסקי גערופן צו א שטרײַק. די פּאָליצײַ ארעסטירט דעם שטרײַק־קאָמיטעט. די יידישע באלעבאטים פרוון העצן די קריסטלעכע ארבעטער קעגן כאָמסקין, אָבער די ארבעטער־מאסע איז איינהײַטלעך, צום שטרײַק שטייען צו אויך לעדער־ארבעטער, סטאָליער, שנײַדער. די באלעבאטים מיט די מאכטהאָבער מוזן באפרײַען דעם קאָמיטעט בעראָש מיט כאָמסקין און זיך זעצן צום אונטערהאנדלונגס־טיש. אין רעזולטאט העכערט מען דעם לוין. די „דעפענסיווע״ האָט זיך נאָך מער אָנגעצילט קעגן כאָמסקין. די פארטיי האָט זייער גוט פארשטאנען, אז כאָמסקי מוז וואָס גיכער אנטרינען. אין א הארבסטיקער נאכט גייט ער איבער די גרענעץ און קומט בעשאָלעם אָן אף דער סאָוועטישער טעריטאָריע. אין א צײַט ארום שיקט אים דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּארטיי פון מײַרעוו־ווײַסרוסלאנד קיין פינסק. אין דער דאָרטיקער שוועבל־פאבריק וויקלט ער פאנאנדער א פארצווײַגטע אונטערערדישע טעטיקײַט. אָבער אין א קורצער צײַט ארום ארעסטירט מען אים, און ער זיצט אָפּ ארום אכט יאָר אין פארשיידענע טפּיסעס פון פּילסודסקיס פוילן.

ווען אין 1933 האָט היטלער פארכאפּט די מאכט אין דײַטשלאנד, איז דער האלב־פאשיסטישער רעזשים פון פוילן אויך ניט אָפּגעשטאנען אין פראַט פון רעדיפּעס. עס ווערט דאָ אָרגאניזירט אין 1934 אַן איזאָליאציע־לאגער אין קארטוז־בערעזע, וווהין די פּילסודטשיקעס פאריאָגן די בעסטע קעמפער.

דעם ערשטן סענטיאבער 1939 באנאכט פארכאפּט די פּאָליצײַ כאַים כאָמסקין און מוישקע כאדאשן צוזאמען מיט א גרופּע ווײַסרוסישע אקטיוויסטן פון די דערפער. מע האָט אלעמען אָפּגעפירט אין קארטוז־בערעזע. פון דאָרט בא־

כאַים כאַמסקי (דער פערטער פון רעכטס) צווישן פּיאָנערן

פרײַט זיי די סאָוועטישע ארמיי דעם 17 סענטיאבער.

דער אלטער רעוואָליוציאָנער כאַים כאַמסקי פארשטייט זייער גוט, אז מע דארף ניט נאָר זיך פרייען מיט דער ראטנמאכט, נאָר אײַנשטעלן א נײַ לעבן. און עס איז ניט לײַכט. צענדליקער פּראָבלעמען קומען אוף, און מע דארף זיי לייזן. כאַמסקי שטעלט זיך אין שפּיץ פון דער ארבעטער־גווארדיע. אין יענע טעג זאָגט ער צו מיר:

— נו, פּראָלעטארישער קינסטלער, איך טראכט, אז איצט איז די וויכטיקסטע קונסט פאר אונדז אלעמען די קונסט פון האלטן פעסט א ביקס אין האנט!

ווי איצט געדענק איך, ווי פון דער פינצטערער נאכט ארויס הערן זיך די פעסטע טריט פון אונדזער אָטריאד, וועלכער מארשירט אונטער דער אָנפירונג פון כאַמסקין צו היטן די נאכטיקע רו פון סלאָנים.

ענדלעך דערלעבן מיר די ערשטע וואלן צו דער ביאליסטאָקער פאָלקס־פארזאמלונג. אונדזער קאנדידאט איז כאַים כאַמסקי. ער איז ווידער אין ערשטן עשעלאָן.

ניט לאנג אָבער האָט געדויערט דאָס פרידלעכע לעבן. עס ברעכט אויס די מילכאָמע. כאַמסקי טרעט ארײַן אין דער ארבעטער־ארמיי. זײַן זון עפראַים קומט אום אפן פראָנט, ער פארלירט אויך זײַן פרוי.

נאָכן זיג איבערן פאשיזם קערט זיך כאַים כאַמסקי אום קיין סלאָנים פון די ערשטע און שליסט זיך גלײַך אָן אין דער ארבעט פון אופלעבן די רויִנירטע שטאָט. שפּעטער, ווען דאָס לעבן ווערט צו ביסלעך אײַנגעאָרדנט, גייט ער אריבער אף פּערסאָנעלער פּענסיע און נוצט אויס זײַן פרײַע צײַט אף ארויסטרעטונגען פאר קינדער אין די שולן, פאר מיליטער־יוגנט אין די קאזארמעס, פאר ארבעטער און פּויערים. ער ווערט ניט מיד צו דערציילן וועגן דעם אמאָליקן סלאָנים, וועגן דעם געמיינזאמען קאמף פון ייִדן און ווײַסרוסן קעגן עקספּלואטאציע, אָקופּאציע, נאציאָנאלער אונטערדריקונג.

אין זײַן רײַכן פאָטאָ־ארכיוו ציט צו די אופמערקזאמקײַט א פאָטאָגראפיע: זײַן זון מישע נעמט אָן די שוווּע אין דער מיליטער־טייל. פון רעכטס שטייט ער אליין און זײַן צווייטע פרוי ראָזע. פײַערלעך איז דער צערעמאָניאל. כאַמסקי טרעט ארויס פאר די סאָלדאטן און אָפיצערן. ער רופט היילִיק אָפּצוהיטן די נאָרוואָס געגעבענע שוווּע און שטענדיק זײַן גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פארן פאָטערלאנד, ס'איז קיין סאָפּעק ניט, אז דערבײַ האָט דער אלטער רעוואָליוציאָנער געטראכט וועגן זײַן זון עפראַים.

אין נאָיאבער 1976, אפן 82־טן יאָר פון זײַן שטורמישן לעבן איז כאַים כאַמסקי אוועק פון אונדז אף אייביק. ביזן לעצטן אָטעם־צוג איז ער פארבליבן אָן איבערצײַגטער קאָמוניסט.

באגלייטן אים אין לעצטן וועג זײַנען געקומען צענדליקער דעלעגאציעס פון אונטערנעמונגען, שילער פון שולן, פאָרשטייער פונעם מיליטער.



הײַנטצײַטיקע רוסישע זינגלידער

אין דער איבערזעצונג פון ארן ווערגעליס

אַט דאָס שאַלעכל דײַנס

«Подари мне платок»

ווערטער — מ. אגאשינא

מוזיק — ג. פּאַנאָמאַרענקאָ

אַט דאָס שאַלעכל דײַנס,
וואָס מיט זון איז באַצירט
אין דער ברייט, אין דער לענג —
פול מיט גאָלד און מיט ליכט,
כ׳וועל עס טראָגן מיט לוסט
אַף מײַן מיידלשער ברוסט,
און אַז דו האָסט געשענקט,
דאָס איז קיינעם באַוווּסט.

ניין, דאָס איז ניט קיין טרייסט —
ביסט ניטאָ, כאָטש דו גייסט.
ניין, א שאַלעכל איז
ניט קיין כופּע, איך ווייס.

אָבער, טײַערער, דו
ביסט מײַן פרייד און מײַן רו.
און איך ווייס אַף געוויס:
מײַן באַשערטער ביסטו.

לאָמיר נעמען א פאַל:
איב דאָס האַרץ דײַנס ווערט קאַלט,
איב די ליבע איז אויס
און ס׳פאַרשווינדט דײַן געשטאַלט, —
וועל איך זיצן אין שטוב
שטיל, אזוי ווי אין גרוב,
אַפּן שאַלעכל בלויז
וועל פאַרקניפּן א קנופּ.

שוין אָפּגעקלונגען האָט דאָס גאָלד פון בלעטער

«Отговорила роща золотая»

ווערטער — ס. יעסענין

מוזיק — ג. פּאַנאָמאַרענקאָ

שוין אָפּגעקלונגען האָט דאָס גאָלד פון בלעטער,
באַריידעוודיקער די בערעזע ווערט.
די בושלען פליִען טרויעריק שפּעטער,
ניט זשאַלעוועדיק דאָס, וואָס אַף דער ערד.

אין הוילן פעלד, מיט אָסיען א באַנײַטן,
איך שטיי אליין. די בושלען פליִען פרײַ.
עס רעדט צו מיר מײַן יוגנט די פאַרשײַטע,
נאָר כ׳זשאַלעווע ניט דאָס, וואָס איז פאַרבײַ.

עס טוט ניט באַנק: פאַרשוווּנדעט יאָרן גרינע,
עס טוט ניט באַנק: די ווינטן זיך פאַרטרויט.
אין סאָד ברענט ווי א שײַטער די ריאַבינע
און וואַרעמט קיינעם ניט, כאָטש זי איז רויט.

שוין אָפּגעקלונגען האָט דאָס גאָלד פון בלעטער,
באַריידעוודיקער די בערעזע ווערט.
די בושלען פליִען טרויעריק שפּעטער,
ניט זשאַלעוועדיק דאָס, וואָס אַף דער ערד.

דער ווײַסער טאַנץ

«Белый танец»

ווערטער — אי. שאַפּעראַן

מוזיק — ד. טוכמאַנאָוו

ווידעראָמאָל מוזיק!
דער פּיאַניסט
וועט אָנהייבן באַלד.
און ווי מע גייט נאָך גליק,
גיי איך צו אײַך, איך גיי דורכן זאַל.

אָט וועל איך באַלד צום טאַנץ פאַרבעטן אײַך,
און טאַקע אײַך!
און ס'איז אוואדע
אונדזער טאַנץ — אַ וואַלס.
שנעל ווי אַ וויכער
ווײַסער טאַנץ איז,
גיכער און גיכער,
ווײַס אינגאַנצן,
זײַנען מיר ביידע יונג און צאַרט און רײַך.

איבער דער ווײַסער ווײַט
טראָגט זיך דער וואַלס
פאַרשפּײַט און גערוים.
עפּשער וועט אָט דער וואַלס
בלײַבן אין האַרץ אַזוי ווי אַ טרוים.

אָט וועל איך באַלד צום טאַנץ פאַרבעטן אײַך,
און טאַקע אײַך!
און ס'איז אוואדע
אונדזער טאַנץ — אַ וואַלס.
שנעל ווי אַ וויכער
ווײַסער טאַנץ איז,
גיכער און גיכער,
ווײַס אינגאַנצן,
זײַנען מיר ביידע יונג און צאַרט און רײַך.

ניט איך וויין און ניט איך האָב פאַרלאַנגען

«Не жалею, не зову, не плачу»

ווערטער — ס. יעסענין

מוזיק — ג. פּאָנאָמאַרענקאָ

ניט איך וויין און ניט איך האָב פאַרלאַנגען,
אַלץ פאַרשווינדט, ווי פון אַ בוים דער צוויט.
הײַנט איך בין מיט גאָלד פון האַרבסט באַהאַנגען,
און צוריק שוין יונג זײַן וועל איך ניט.

דו, מײַן האַרץ, וועסט שוין ניט זוכן בעסערס,
ס'איז אַצינדער קאַלט שוין דיר און שווער.
אינעם לאַנד פון ציצענע בערעזעס
וועל איך באָרוועס אומלויפן ניט מער.

אָט דאָס אַלץ, וואָס אויסגעזען האָט נישטיק,
איז געווען פון הייסן וואָרט דער קוואַל.
לויב צו דיר, אומזיסט פאַרשווענדטע פרישקײַט,
פון געפיל דער ווילדער וואַסערפאַל.

מײַן פאַרלאַנג איז שוין געצוימט און ביליק.
אַך, מײַן לעבן, ביסט אַ כאָלעם איצט,
ווי איך וואָלט זיך דורכגעטראָגן פרילינג
אויף אַ פערד אַ ראָזעווען צעהיצט.

צווישן אונדז איז אומשטערבלעך ניט קיינער,
אויך דער קלאָן זיך טרייסלט אָפּ און לײַדט.
זאָל געבענטשט זײַן דאָס, וואָס יעדער איינער
אויף צו שטאַרבן האָט די רעכטע צײַט.

בלעטערפאַל
«Листопад»

ווערטער — אי. שאַפּראַן

מוזיק — יאַ. פרענקעל

איך געדענק, איך געדענק
ווי געווען ס'איז וואַרעם,
איצט די ברייט און די לענג
איז מיט האַרבסט געאַרעמט.

בלעטערפאַל, בלעטערפאַל,
ווי אַ ברוינער רעגן.
ווער פון אונדז שולדיק איז,
וועלן מיר ניט פרעגן.

זאָג אַליין, זאָג אַליין
מונטער — ניט פאַרומערט:
וואָזשע זיך באַגיין,
ווידער זײַן זאָל זומער.

בלעטערפאַל, בלעטערפאַל,
ס'וועט דעם בוים ניט שאַטן.
וועגן אונדז רעדט ער ניט,
מאַכט זיך טאַמעוואַטע.

אָט אַ קונץ, אָט אַ קונץ:
ס'לאַכט פון אונדז דער וועטער,
און איין ברייִרע בלײַבט אונדז —
קלײַבן געלע בלעטער.

בלעטערפאַל, בלעטערפאַל,
לאָמיר זײַן באַשיידן.
ווער פון אונדז שולדיק איז,
אויב גערעכט מ'איז ביידע?

די לעצטע שלאַכט
«Последний бой»

ווערטער און מוזיק — מ. נאָזשקין

ניטאָ קיין רו, ניטאָ קיין רו אַזויפיל וואָכן,
ס'האָט פּאַשעט קיינער וועגן אָפּרו ניט געטראַכט.
שוין האַלב אייראָפּע אָפּן בויך אַדורכגעקראָכן,
און מאָרגן, מאָרגן גייען מיר אין לעצטער שלאַכט.

נו, נאָך אַ ביסל, אַ טראָט צום ציל,
די לעצטע שלאַכט — די שווערסטע סאַמע.
און כ'וויל קיין רוסלאַנד, אַהיים איך וויל,
איך האָב פאַרבענקט זיך נאָך דער מאַמען.

דאָס פערטע יאָר ניטאָ קיין רו פון אָט די פריצן,
דאָס פערטע יאָר איז וויסטער טויט מיט אונדז באַנאַנד.
אָך, מיט אַ מיידעלע באַם טײַך עס ווילט זיך זיצן,
אָך, ס'ווילט זיך צורירן צום היימלאַנד מיט דער האַנט.

נו, נאָך אַ ביסל, אַ טראָט צום ציל,
די לעצטע שלאַכט — די שווערסטע סאַמע.
און כ'וויל קיין רוסלאַנד, אַהיים איך וויל,
איך האָב פאַרבענקט זיך נאָך דער מאַמען.

דאָס לעצטע מאָל מיר וועלן מאָרגן גיין אָף שפּיזן,
און וואָזשע צו דינען רוסלאַנד יעדער טראַכט.
פאַר רוסלאַנד שטאַרבן איז ניט שרעקלעך, זאָלט איר וויסן,
כאָטש בלײַבן לעבן וויל איעדער נאָך דער שלאַכט.

נו, נאָך אַ ביסל, אַ טראָט צום ציל,
די לעצטע שלאַכט — די שווערסטע סאַמע.
און כ'וויל קיין רוסלאַנד, אַהיים איך וויל,
איך האָב פאַרבענקט זיך נאָך דער מאַמען.

ווידער ווינטער

«Опять зима»

ווערטער — מ. נאַזשקין

מוזיק — ד. אשקענאזי

שוין ווידער שניי. און קאַלטע ווינטן שטענדיקע.
ס׳פּאַרגייט די וויגע זיך אין א געוויין.
שוין ווידער קאַלט. די נעכט זײַנען אומענדלעכע.
און איך אַליין בין איינזאַם ווי א שטיין.

דער ווינטער גייט. איך בין אַליין.
ווען קומט מײַן פרילינג שוין צו גיין?

שוין ווידער שיט א שניי, און ביימער ציטערן,
און טעג און נעכט זיך ציִען אָן א שיר.
שוין ווידער שניי. ווען קומט די זון, מײַן היטערן?
אזויפיל לאַנגע ווינטערס כ׳וואַרט אף דיר!

דער ווינטער גייט. איך בין אַליין.
ווען קומט מײַן פרילינג שוין צו גיין?

שוין ווידער שניי. עס רופן מיך די פײַערן.
און ערגעץ ווײַט די זון איז שוין צעשטראַלט.
שוין ווידער שניי! איך רוף דיך: קום, מײַן טײַערע!
אָן דיר איז אף דער וועלט מיר פוסט און קאַלט.

דער ווינטער גייט. איך בין אַליין.
ווען קומט מײַן פרילינג שוין צו גיין?

רעד וועגן עפּעס מיט מיר, מאַמע

«Поговори со мною, мама»

ווערטער — וו. גין

מוזיק — וו. מיגוליא

ביז הײַנט די צויבערדיקע קלאַנגען
באַם וויכן וויגעלע איך הער,
נאָר ס׳איז די קינדהײַט שוין פאַרגאַנגען,
און זינגסט קיין וויגליד מיר ניט מער.

רעד וועגן עפּעס מיט מיר, מאַמע,
און שפּאַר זיך צו לעם מיר דערבײַ.
ביז האַלבנאַכט זײַ מיט מיר צוזאַמען,
און שענק די קינדהײַט מיר אָפּסנײַ.

איך בין צופרידן מיט מײַן גורל,
דאָס, וואָס געווען, טוט מיר ניט באַנק,
נאָר כ׳וויל, די קינדהײַט זאָל נאָך דויערן,
דער כאָלעם דויערן זאָל לאַנג.

רעד וועגן עפּעס מיט מיר, מאַמע,
און שפּאַר זיך צו לעם מיר דערבײַ.
ביז האַלבנאַכט זײַ מיט מיר צוזאַמען,
און שענק די קינדהײַט מיר אָפּסנײַ.

די ווערטער דײַנע כ׳וועל דערמאָנען,
ווען קומען וועט די פרייד, די לייד.
ניטאָ קיין שענערע מאַטאָנע
ווי דײַנע צויבערדיקע רייד.

רעד וועגן עפּעס מיט מיר, מאַמע,
און שפּאַר זיך צו לעם מיר דערבײַ.
ביז האַלבנאַכט זײַ מיט מיר צוזאַמען,
און שענק די קינדהײַט מיר אָפּסנײַ.

מיר זײַנען גרייט באַצאָלן יעדע פּרײַז

«Мы за ценой не постоим»

ווערטער און מוזיק — בולאַט אָקודזשאַװאַ

מע זעט דאָ ניט קיין בוים, קיין פֿייגל דאָ מע הערט,
בלויז מיר אַליין פֿאַרשנײַדן זיך מיט לײַב אין אַט דער ערד.
עס ברענט און דרייט זיך די פּלאַנעטע,
דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון רויך זיך רײַסט,
מיר דאַרפֿן איצט איין זיג, יאָ, איצט, ניט שפּעטער,
מיר זײַנען גרייט פֿאַר אים באַצאָלן יעדע פּרײַז.

מיר גייען באַלד זיך שלאָגן,
דאָס לעבן שטייט אין קאָן.
אַנטקעגן פֿײַנט, אַ שאָ פֿאַר דעם פֿרימאָרגן,
עס גייט אַוועק דער צענטער באַטאַליאָן.

און נאָכאַמאָל אַ שלאַכט. אַצינד פֿון פֿרי ביז נאַכט.
דער פֿאָטשטאַליאָן האָט פֿאַר די טויטע אויכעט בריוו געבראַכט.
עס פּלאַצט אין הימל אַ ראַקעטע,
און ס'הייבט זיך אָן די שלאַכט באַנײַס.
מיר דאַרפֿן איצט איין זיג, יאָ, איצט, ניט שפּעטער,
מיר זײַנען גרייט פֿאַר איר באַצאָלן יעדע פּרײַז.

מיר גייען באַלד זיך שלאָגן
דאָס לעבן שטייט אין קאָן.
אַנטקעגן פֿײַנט, אַ שאָ פֿאַר דעם פֿרימאָרגן,
עס גייט אַוועק דער צענטער באַטאַליאָן.

בײַ קורסק און בײַ אָריאָל די פּרײַז מיט בלוט געצאָלט,
און איצטער בײַ בערלין — פּאַרויס, באַם סוינע האַלט שוין שמאָל.
דערנאָך עס וועט ניט גלייבן יעדער,
ווײַל ס'וועט געשלאָסן זײַן דער קרײַז.
מיר דאַרפֿן איצט איין זיג, יאָ, איצט, ניט שפּעטער,
מיר זײַנען גרייט פֿאַר אים באַצאָלן יעדע פּרײַז.

מיר גייען באַלד זיך שלאָגן,
דאָס לעבן שטייט אין קאָן.
אַנטקעגן פֿײַנט, אַ שאָ פֿאַר דעם פֿרימאָרגן,
עס גייט אַוועק דער צענטער באַטאַליאָן.

ס'איז גוט, וואָס ניט מיט מיר איר זײַנט איצט קראַנק

«Мне нравится, что вы больны не мной»

ווערטער — מ. צוועטאַיעוואַ | מוזיק — מ. טאַריװערדיעוו

ס'איז גוט, וואָס ניט מיט מיר איר זײַנט איצט קראַנק,
וואָס כ'בין פון אײַער קראַנקייט ניט די סיבע.
עס צינדט ניט אָן די ליבע קיין פאַרלאַנג,
און ס'לעשט ניט אויס קיין האָפענונג די ליבע.
ס'איז גוט, וואָס שטיפערײַ איז אונדז ניט פרעמד,
און כאָכמעס ניט געלאָסענע אויך טויגן,
און אויב מ'האָט זיך באַגעגנט מיט די הענט,
באַדאַרף מען ניט אַראָפּלאָזן די אויגן.

ס'געפעלט מיר, וואָס אין צימער, ווו איך זיץ,
איר נעמט אַרום אַ צווייטע ניט באַשיידן,
איר שיקט אַף מיר קיין דונער און קיין בליץ
און שעלט מיך ניט דערפאַר, וואָס כ'קוש אַ צווייטן.
און עס געפעלט מיר, וואָס, פון דײַגעס מיד,
איר טראַכט ניט וועגן מיר, דאָס האַרץ זאָל רוען,
וואָס הילכן איבער אונדז וועט קיינמאָל ניט
אַ קאָל אַ היכס אין קלויסטער — „האַלילויע!"

אַ דאַנק אײַך, וואָס ניט ווייסנדיק אַליין,
פאַר אַלץ, וואָס צווישן אונדז איז ניט פאַרלאָפן,
איר האָט מיך ליב, — פאַר דעם, וואָס אָן אַ מיין
מיר זײַנען ביידע רויק הײַנט געשלאָפן,
פאַר דעם, וואָס מיר פאַרהאַלטן זיך ניט לאַנג
אונטער לעװאָנע בײַ פאַרמאַכטע טויערן,
וואָס ניט מיט מיר, געליבטער, זײַנט איר קראַנק,
וואָס קראַנק מיט אײַך איך בין ניט, צום באַדויערן.

מאניע לאנדמאן

זיכרוינעס פון א מאשיניסטקע

ליטוואקאָוו — דער שטרענגער רעדאקטאָר

אין מײַנע פריערדיקע נאָטיצן[1] האָב איך שוין דערמאָנט, אז באַטאָג פלעג איך ארבעטן אין דער רעדאקציע פונעם „עמעס" אף סטאראָפאנסקי געסל, נומ. 1, דאָרט אָפּרוען א שאָ פיר־פינף און אף באנאכט גיין ארבעטן אין טיפּאָגראפיע, וועלכע האָט זיך אויך געפונען אין צענטער פון דער שטאָט, אף פּאָקראָווקע, 9. די טיפּאָגראפיע האָט פארנומען צוויי שטאָקן, אפן ערשטן זײַנען געשטאַנען די גרויסע דרוק־מאשינעס, אפן צווייטן האָבן צוויי היפּשע צימערן פארנומען די לינאָטיפּן און די זעצער, וועלכע האָבן בא די קאסעס זיך געפּאָרעט בא אלערליי שריפטן — האנטשריפט, קעפּל־שריפט, גאָר קלײנינקן — פּעטיט; אין באזונדערע קאבינעטן האָבן געארבעט דער הויפּט־רעדאקטאָר — מוישע ליטוואקאָוו (אויך נאָך דעם, ווי ער פלעגט אָפּהאָרעווען א גאנצן טאָג אין רעדאקציע) און באנאכטיקע רעדאקטאָרן. עס פלעגן דאָרט זײַן הערש רעמעניק, נאָכעם ליעווין, שלוימע ראבינאָוויטש, אלעקסאנדער כאשין. אָפטער פון אלע האָט מען געזען שלוימע ראבינאָוויטשן, ער איז געווען פארטרעטער פונעם הויפּט־רעדאקטאָר. אין א זײַטיקן צימער האָב איך געארבעט מיט אן איבערזעצער אָדער מיט א רעדאקטאָר, און בישכייניס מיט אונדז האָבן זיך געפונען די קאָרעקטאָרן.

כ'האָב שוין געשריבן, אז איך בין געווען זייער יונג, ווען איך האָב געארבעט אין דער טיפּאָגראפיע. טאקע צוליב מײַן יונגקײַט האָב איך אלצדינג געוואָלט וויסן, באזונדערס פלעגט מיך ציִען אין די צעכן, ווו עס זײַנען געווען די לינאָטיפּנע מאשינעס. דאָס איז אזא מין איבערעסאנטער פּראָצעס, מאמעש א וווּנדער! מע קלאַפּט אויך מיט די פינגער, נאָר ניט אף א קליינער מאשין, — אף א גרויסער, זייער א גרויסער, און עס גייען ארויס פון איר מעטאלענע שורעס מיט אויסיִעס. די שורעס שטעלט מען דערנאָך צונויף אין א פאָרמע אזוי, אז עס זאָל זיך גאָרניט צעשיטן, און דאָס איז, שטעלט אײַך פאָר, ניט יענע פּאָשעטע פאָרמע, אין וועלכער מײַן מאמע פלעגט אמאָל באקן קנישעס אין דער היים, ניין, דאָס איז א גרויסע, גרויסע פאָרמע, דער פארנעם פון א צײַטונג. און אזויווי איך בין געווען זייער נײַגעריק אלץ וויסן און אלץ קענען, פלעג איך אויסנוצן די געלעגנהײַט, ווען ס'איז געווען אן איבערײַס, און שטילינקערהייט זיך ארײַנכאפּן צו די גרויסע מאשינעס, צו די גרויסע פאָרמעס, צו די גרויסע קאסטנס מיט שריפט.

אײנמאָל שטיי איך דאָרט, און מיטאמאָל הער איך מוישע ליטוואקאָווס קאָל: „איך זוך זי און זוך זי! וואָס ווערסטו אלעמאָל פארפאלן? אנו, הער אוף לויפן צו די כעוורע"...

איך האָב אים געזאָגט, אז עס איז מיר זייער קאלט, איך ארבעט איצט ניט, און דאָ זײַנען די מאשינעס, און עס מיִען זיך א סאך מענטשן, איז פון דעם ווארעמער, דעריבער בין איך דאָ און ניט דאָרט, אין צימער בא דער מאשינקע.

ליטוואקאָוו האָט מיך ארײַנגעפירט אין צימער, ווו עס זײַנען געזעסן די באנאכטיקע רעדאקטאָרן. בא דער וואנט איז געשטאַנען עפּעס א מין קאסטן, פארלייגט מיט א סאך קאָמפּלעקטן פון דער צײַטונג „עמעס". האָט ער אָפּגיך ארויפגענומען עטלעכע קאָמפּלעקטן, איבערגעלאָזט נאָר א פּאָר אף צוקאָפּנס און געלאָזן מיר פאָרגעלייגט: „לייג זיך אוועק א ביסל אָפּרוען". אראָפּגעכאפּט עמעצנס א מאנטל פון דער וואנט, מיך אײַנגעדעקט און א זאָג געטאָן ווי א געטרײַער פאָטער: „רו זיך אויס, ווארעם זיך אָן, ווײַל באלד וועט אָנקומען פון טאסס א זייער וויכטיקער און טאקע א גרויסער מאטעריאל, וועלכן מע וועט דארפן אפגיך איבערדרוקן, נעם זיך אָן מיט פרישע קויכעס, אניט וועלן מיר ניט באוויײַזן אָפּגעבן דעם מאָרגעדיקן נומער צו דער צײַט. דער דאָזיקער נומער איז זייער א וויכטיקער, ער דארף אָנקומען צו די לייענער אָן א פארשפּעטיקונג. פארשטייסט? ביסט דאָך שוין א גרויסע, רו זיך אויס, כאפּ א שלאָף, ווי נאָר דו וועסט דעם טאסס איבערדרוקן, וועלן מיר, די רעדאקטאָרן, האָבן איבער וואָס צו ארבעטן, און די מאטעריאלן וועלן אוועק צו די קאָרעקטאָרן און דערנאָך אין דרוק; לויף ניט צו די כעוורע אהין אין די צעכן, רו זיך אויס. יאָ, איך האָב פארגעסן, און טיי האָסטו שוין געטרונקען? טרינק אויס א שטארקע גלאָז טיי, וועט דיר ווערן ווארעמער"...

---

[1] זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 8, 1977.

ער האָט זייער געשווינד געגעבן א לויף אוועק אין קאָרידאָר און געבעטן די קוריערשע, וועלכע פלעגט גיין אין טאסס נאָך די מאטעריאלן און איינצײַטיק אין די איבערײַסן, פון איין גאנג ביזן צווייטן, אופזידן פאר אונדז אָקרעפּ, געבעטן, זי זאָל מיר ברענגען א הייסע גלאָז טיי, „אומבאדינגט מיט צוקער״, האָט ער א זאָג געטאָן, „זי דארף טרינקען זיסע טיי, גוט אָפּעסן, עס שטייט איר פאָר א סאך צו ארבעטן״...

קוויטקאָ שטייט מיר פאר די אויגן

לייב קוויטקאָ שטייט מיר פאר די אויגן, אָבער ניט בלויז אזא, ווי מיר האָבן אים אלע געקענט — א מילדער, א שמייכלענדיקער, טאָמיד מיט אן אויסדרוק פון קאָוועד צו אלץ און צו אלעמען. ער שטייט מיר פאר די אויגן אויך אזא, ווי ער האָט געארבעט אין ייִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט.

אין אנשטאלט פלעגט ער זיצן א פיר־פינף שאָ, אומגעפער פון אזייגער 12 באטאָג ביז פיר. פאר דער קורצער צײַט האָט ער געוויינלעך א מאסע ארבעט אָפּגעטאָן. אָבער אויך ניט דאָס בין איך אויסן. איך זע אים א לעבעדיקן, ווי ער גייט אריבער פון איין טיש צום אנדערן, פון איין צימער אין צווייטן און טוט עפּעס. ארומגעגאַן איז ער מיט ניט קיין גיכע טריט, איך וואָלט אפילע געזאָגט מיט פּאמעלעכע, כאָטש ער האָט געהאט א פעסטן טראָט, אליין געווען א שטארקער מענטש.

איינער א טאָג האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין זיקאָרן, דאָס איז געווען אין 1948 יאָר. קוויטקאָ איז צוגעגאַן צו מיר ניט קיין פריילעכער, עפּעס גערעדט צו זיך אליין און געבליבן שטיין לעבן טיש, ווו די מאשינקע איז געשטאַנען. קיין איין וואָרט האָט ער ניט אויסגערעדט. איך האָב אף אים א קוק געטאָן און געזען, אז ער שמועסט מיט זיך אליין און איז שטארק פארטראכט. איך האָב באשטימט ניט איבערשלאָגן אים די געדאנקען.

געשטאַנען אזוי איז ער לאנג, איך קאָן אפילע ניט זאָגן, וויפל צײַט. דערנאָך האָב איך פונדעסטוועגן אים א פרעג געטאָן, צי ער וויל עפּעס איבערדרוקן אף דער מאשינקע. איך רעד צו אים, און ער ענטפערט מיר גאָרניט. איך האָב באשטימט ווײַטער פאָרזעצן מײַן ארבעט. פארענדיקט, זאָג איך צו אים: „כאווער קוויטקאָ, איר דארפט עפּעס דרוקן? מירן עפּשער נאָכן מיטיק אָנהייבן מיט אײַך ארבעטן...״

ער ענטפערט מיר נאָכאמאָל גאָרניט, ווײַזט מיט דער האנט און מיט צענומענע פינגער אפן האלדז. דאָ פארשטיי איך שוין גאָרניט, און איך פרעג: — עס טוט אײַך וויי אין האלדז? איר קאָנט ניט רעדן, הייזעריק? שאָקלט ער מיטן קאָפּ אף ניין. וואָס זשע דען, — פרעג איך. נאָכאמאָל ווײַזט ער מיר אזוי, טאקע ווי עס ווארגט אים עפּעס. און שטילינקערהייט, קימאט שעפּטשענדיק, לייגט ער ווידער צו די הענט צום האלדז, אזוי, אז אין איין זײַט פון דער האנט בלײַבן פיר פינגער און אין דער צווייטער זײַט איין פינגער, אלץ נאָך מיט א פארדומפּט קאָל זאָגט ער צו מיר: „בלויז פיר שורעס, מער האָב איך הײַנט ניט״...

איך האָב גענומען בא אים דאָס פּערטל בייגעלע פּאפּיר מיט אָט די פיר שורעס, איבערגעדרוקט זיי, און עס איז מיר דורך א גרויל איבערן לײַב. אָט זײַנען זיי:

מיר שטייט אין האלדז דאָס וויי־געשריי
אין יענעם בלײַיקן פרימאָרגן,
ווען לײַט אין הענטשן, ווײַס ווי שניי,
די קינדער לויט א ריי האָבן געוואָרגן.

מײַן טעכטערל איז שוין דעמלט אלט געווען דאָס אכטע יאָר, און אונטערן הארצן איז שוין געווען בא מיר אויך א פירכאדאַשימדיק קינד. איבערגעדרוקט די פיר שורעס, האָט מיר אָנגעהויבן שטארק שווינדלען אין די אויגן, דער קאָפּ האָט זיך מיר אזש פארדרייט, באזונדערס פון די לעצטע צוויי שורעס: „ווען לײַט אין הענטשן, ווײַס ווי שניי, די קינדער לויט א ריי האָבן געוואָרגן״.

איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט אײַנגעשטעלט זאָגן קוויטקאָן, אז עס איז מיר ניט געפעלן זײַנע א ליד, אָדער א שורע, צי א וואָרט, איך האָב נאָר שטילינקערהייט א זאָג געטאָן, אז דאָס איז ניט קיין ליד, עפּעס ניט קיין אָנהייב און ניט קיין סאָף, און די פיר שורעס דארף מען אינגאנצן ניט. ס׳איז שוין דאָס פערציק אכטע יאָר, און איר שרײַבט נאָך אזעלכע סטראשנע שורעס, מע קאָן ניט אויסהאלטן. איך בעט אײַך, אָדער שטעלט די פיר שורעס אין ערגעץ ניט ארײַן, נאָר אויב יאָ, איז שטעלט זיי שוין אין דער ליד אוועק אזוי, אז עס זאָל ניט פינצטער ווערן אין די אויגן, אָדער עפּשער גאָר צום סאָף פון א ליד וועט איר זיי געבן, פריִער גיט עפּעס אזעלעכס, וואָס באטײַט לעבן, — סעדער, פליגעלעך, בלומען, פּאָזעמקעס, אפילע וועגן קארטאָפל און מערן פון די גערטענער שרײַבט, ווײַל ס׳איז שוין קיין קויעך ניטאָ אזויפיל שרעקלעכע זאכן צו דרוקן, מאמעש עס הייבט מיט מיר אָן צו ווארפן. איך בעט אײַך, שרײַבט פריילעכערע זאכן.

איך קאָן ניט זאָגן, אז קוויטקאָ האָט זיך צוגעהערט, ווען מע פלעגט אים געבן טעמעס, אף וועלכע ער זאָל שאפן זײַנע לידער. באזונדערס איז ער שוין געווען געוווינט צו אייצעס פון מאשיניסטקעס, און דאָך...

אפן צווייטן טאָג איז ער צו מיר צוגעגאנגען און געזאָגט: „פארשטייט זיך, אז די פיר שורעס, וואָס מיר האָבן נעכטן געדרוקט, וועלן מיר גיבן צום סאָף פון א ליד״... און אזוי איז טאקע די ליד פארעפנטלעכט געוואָרן, מיט די פיר שורעס צום סאָף. זי הייסט: „ווי פארכאפּנדיק איז דאָס געפיל״...

א קוק טאָן אף קוויטקאָן, האָט מען געקאָנט מיינען, אז ער איז טאָמיד דער גליקלעכסטער

מענטש אין דער וועלט. זײַן שמייכל אפן פאָנעם פלעגט „אָפּנארן”. אינדערעמעסן האָט ער שטארק איבערגעלעבט, אויב עס איז עפּעס געווען ניט אין אָרדענונג בא אים פערזענלעך און בא זײַנע פרײַנט. אלצדינג פלעגט ער וועלן וויסן, באַזונדערס — ווי עס האלט מיט דער מאטעריעלער לאגע. אויב איך האָב אים דערציילט, אז מײַנס א קינד איז ניט געזונט, איז בין איך פלעג ניט קומען אף דער ארבעט און זאָגן, אז איך האָב שוין שפאצירט מיטן קינד אף דער גאס, פלעגט ער זיך ניט בארויקן: אלע מאָל פרעגן, וויאזוי דאָס קינד פילט זיך, צי די אייגעלעך זײַנען בא דעם פריילעכע, צי אפדערנאכט מעסט איך אויס די היץ.

אין יידישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט פלעגן ארײַנקומען זייער א סאך באזוכער, עס איז פונקט געווען די צײַט נאָך דער מילכאָמע, ווען מענטשן האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואציע. צווישן די דאָזיקע באזוכער איז איינמאָל געווען א פרוי מיט א יידיש מיידעלע פון א יאָר אכט־נײַן. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז די פרוי איז געווען א רוסישע, און עס האָט זיך איר אײַנגעגעבן ראטעווען דאָס קינד. אָבער עס אופציען איז איר געווען שווער סײַ איבערן עלטער, סײַ איבער די טאָגטעגלעכע נויטן. קוויטקאָ האָט זיך פארנומען מיט דער פראגע זייער ערנסט.

אינעם גרויסן צימער, ווו עס איז געווען דער סעקרעטאריאט פונעם אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט, איז אין א שטיקל צײַט ארום געקומען נאָכאמאָל די פרוי מיטן קינד, און זיי האָבן אָפּגעדאנקט קוויטקאָן פאר זײַן אופמערקזאמקײַט צו זיי.

איך נעם זיך ניט שאצן לייב קוויטקאָס גרויסן טאלאנט. זאָלן דאָס טאָן קריטיקער און פאָרשער. נאָר זײַן מענטשלעכקײַט געדענק איך גוט, און עס געדענקען קוויטקאָן, דעם עכטן מענטשן, אלע די, וואָס האָבן געהאט דאָס גליק צו טרעפן זיך מיט אים.

וויאזוי בערגעלסאָן האָט רעדאגירט דעם ניסטער

איך טראכט אָפּט, אז איך האָב אָנגעהויבן מײַנע קליינינקע פארצייכענונגען דערפאר, ווײַל זייערע „העלדן”, די גרויסע יידישע שרײַבער, זײַנען מיר געווען נאָענט צום הארצן, דאָס הייסט, צוטריטלעך זײַנען מיר געווען זייערע ווערק און אליין דאָס מענטשלעך געשטאלט זייערס, איך האָב פארשטאנען, וואָס זיי שרײַבן און וועגן וואָס זיי ווילן דערציילן אונדז, די לייענער.

דאָוויד בערגעלסאָנס דערציילונגען און ראָמאנען זײַנען מיר אזוי טיף ארײַן אין באוווסטזײַן און ער אליין האָט מיך אזוי באוווּנדערט, אז ביז איצט האָב איך מוירע געהאט זיך צורירן צו דער טעמע, שרײַבן וועגן אים. די הענט ציטערן מיר נאָך איצט אויך, ווען איך שרײַב די שורעס וועגן דעם גרויסן פראָזעמײַסטער.

איך בין נאָך געווען זייער יונג, ווען איך פלעג אָפּט, קימאַט אלע טאָג, ארײַנגיין אין דער יידישער ביבליאָטעק, וועלכע האָט זיך געפונען אין מאָסקווע, אין סאמע צענטער שטאָט, אין דעם פּאָליטעכנישן געסל.

אין דער ביבליאָטעק איז מיר געווען גוט, איך פלעג האָבן דאָרט איין און דאָס זעלבע אָרט, ס'איז געווען א לייענזאל, איך געדענק אפילע ניט, צי דאָס איז טאקע געווען אן עמעסער לייענזאל, איך פלעג נעמען א בוך, אוועקגיין מיט אים אין א ווינקל, שטייענדיק האלב אָנגעבויגן באם פענצטער לייענען, לאנג לייענען. באזונדערס אָפּט פלעג איך לייענען דאָוויד בערגעלסאָנען. די שפראך זײַנע האָט שטענדיק ארויסגערופן בא מיר א נײַגעריקן געפיל און דערמאָנונגען פונעם שטעטל, ווײַל דאָס איז געווען אונדזער זאפטיקער אוקראַיִנישער יידיש, און איך האָב פארשטאנען יעדעס וואָרט, איך האָב בא קיינעם ניט געדארפט פרעגן, וואָס דער שרײַבער מיינט. דאָס דערציילטע איז מיר געווען אזוי נאָענט, ווי דאָס וואָלט פאָרקומען מיט מיר אליין, באזונדערס אויב אינעם ווערק איז געווען דער הויפּט־העלד א פרוי.

בייס איך האָב געלייענט „ארום וואָקזאל”, „דער טויבער”, „נאָך אלעמען”, פלעג איך קימאט ניט קאָנען שלאָפן. די גאנצע צײַט האָב איך נאָר געטראכט, ווי שיין דאָס אלץ איז אָנגעשריבן. נאָר דעריקער, עס האָט זיך מיר טאָמיד אויסגעוויזן, אז אלצדינג איז טאקע פאָרגעקומען, דאָס איז עמעס. אָבער אָט דעם עמעס, אָט דאָס געשעענע דארף מען דאָך קענען אזוי שיין באשרײַבן, אז עס זאָל דערגיין צו מיר, וואָס איך האָב גאָר ערשט ניט לאנג פארענדיקט א זיבניאָריקע שול און קיין גרויסע לעבנס־דערפארונג האָב איך ניט. פון מיר פלעגן אייניקע כאווערטעס אונטערלאכן, ווײַל בא אלע רייד, וואָס מיר, יונגע מיידלעך, פלעגן רעדן וועגן ליבע, ווער עס האָט דיך ליב, צי ווע מען דו האָסט ליב, וואָס עס איז בעסער — אויב דו האָסט ליב, צי אז מע האָט דיך ליב? — פלעג איך אלע מאָל פארענדיקן מיט די רייד: „בערגעלסאָנען האָסטו געלייענט, לייען איבער”...

האגאָם דער לערער פון ליטעראטור האָט אונדז געזאָגט, אז מירל הורוויץ איז א בורזשואזער טיפּ און זי איז דורכגעדרונגען מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון אונטערגאנג, איז מירל מיר דאַפקע געווען זייער געפעלן. איך האָב אף איר ראכמאָנעס געהאט, וואָס זי איז אזוי עלנט און איינזאם. פונדעסטוועגן, האָב איך געוואָלט זײַן אזא מיידל, ווי זי. אונטער דער ווירקונג פונעם ראָמאן און, זײַענדיק באצויבערט פון מירל הורוויץ, פלעג בא מיר אליין אויך אופקומען א בענקעניש נאָך א בעסער לעבן.

9*

אין אָנהייב פון מײַן זעלבשטענדיקער ארבעט האָב איך געטרוימט זײַן דאָוויד בערגעלסאָנס מאשינײַסטקע, דרוקן זײַנע ווערק אף דער מאַשינקע, און ער אליין זאָל דיקטירן, כ׳זאָל הערן זײַנע רייד. אָבער עס איז אלץ ניט אויסגעקומען מיט אים זיך באַגעגענען, בײַס מיט אַנדערע שרײַבער, אויך שוין באוווסטע, האָב איך זיך געטראָפן גאַנץ אָפט.

און ווי גרויס איז געווען מײַן פרייד, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען דאָוויד בערגעלסאָנען אין „עמעס״־פארלאַג! פאר מיר האָט ער געהייסן שוין אן אלטער מענטש, כאָטש ער איז דעמלט אלט געווען עטלעכע און פופציק יאָר, ניט מער. אָבער מײַן עלטער איז געווען — סאַכאַקל זעכצן יאָר. איך געדענק עס ווי הײַנט. אין דעם טונקעלן קאָרידאָר פונעם פארלאַג איז ער געשטאַנען פאר מיר א ניטצוטריטלעכער, ס׳האָט מיך זייער געצויגן אים עפּעס זאָגן, נאָר כ׳האָב מוירע געהאט, טאָמער וועט ער מיך ניט וועלן הערן, ווײַל וואָס דארף אזא גרויסער שרײַבער הערן א מיידעלע, וועלכע ווייסט ניט ווו אײַן, ווו אויס?

איינמאָל האָב איך זיך פונדעסטוועגן אײַנגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: „כאַווער בערגעלסאָן, איך בין א מאשינײַסטקע, איך האָב זייער א סאַך געלייענט אײַערע ראָמאַנען, זיי זײַנען מיר זייער געפעלן. אויב איר וועט נאָך עפּעס אָנשרײַבן, זאָלט איר עס געבן אף מײַן מאשינקע, איך קאָן שוין גוט קלאַפּן, כ׳ארבעט אפן בלינדן מעטאָד״...

ער האָט פון אויבן ביז אראָפּ א קוק געטאָן אף מיר, געווען איז ער העכער פון מיר, איך האָב פאריסן דעם קאָפּ צו אים אף הערן אן ענטפער. נאָר דער ענטפער איז ניט אזוי גיך געקומען, פרײַער האָט בערגעלסאָן מיך באַקוקט, דערנאָך די אונטערשטע ליפּ א ביסעלע ארײַנגענומען אין מויל ארײַן, א קײַע געטאָן זי און מיט א באַס ארויסגערעדט: „איך האָב א גוטע מאשינײַסטקע״...

ס׳איז מיר זייער שווער אויסמאָלן מײַן פאַרדראָס. צו זיך אליין האָב איך געטראַכט: נאַרישע, וווּהין קריכסטו? אזא גרויסער שרײַבער! פארשטייט זיך, אז ער האָט א גוטע מאשינײַסטקע אף צו דרוקן אזעלכע גאָלדענע ראָמאַנען.

קיינעם האָב איך וועגן דער פּאַסירונג ניט דערציילט, נאָר מיט א פארדראָס בין איך ארומגעגאַנגען זייער לאַנג. ביז אין איינעם א טאָג איז צו אונדז אין מאשינביוראָ געקומען ציפּע בערגעלסאָן און זיך געווענדט צו דער עלטסטער מאשינײַסטקע: „ס׳איז בא אײַך דאָ א פולבלעך מיידעלע, וועלכע דרוקט מיטן בלינדן מעטאָד. דאָוויד האָט מיר געזאָגט, זי האָט בא אים געבעטן ארבעט. איז עפּשער מעג איך דאָ אין מאשינביוראָ איר דיקטירן, ווײַל זי וועט ניט פאַנאַנדערקלײַבן, וואָס דאָוויד האָט אָנגעשריבן. בלויז איך ווייס און קען שוין זײַן קסאַוו, דעריבער מוז איך דיקטירן״...

די עלטסטע מאשינײַסטקע אונדזערע האָט פארשטאַנען, ווער ציפּע מיינט, ווײַל זי איז ניט נאָר געווען בא אונדז די עלטסטע מאשינײַסטקע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער ארבעט, זי האָט אונדז, יונגע מאשינײַסטקעס, טאַקע געלערנט דעם פאַך, און מיך האָט זי אויסגעלערנט אפן בלינדן מעטאָד צו ארבעטן. זי פלעג מיר פארבונדן די אויגן און זאָגן: „דרוק אף דער מאשינקע אינדערפינצטער״, און עס פלעג זיך באַקומען ריכטיק.

אין אָט דעם טאָג האָב איך אָנגעהויבן, צוזאַמען מיט ציפּע בערגעלסאָן, צו איבערדרוקן דעם ראָמאַן „באַם דניעפּער״. דאָס איז געווען אין 1937 יאָר.

שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט דאָוויד בערגעלסאָנען און מיט ציפּען אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „אײניקײַט״ און אינעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, ווו עס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר שאַכנע עפּשטיין.

אין איינעם אן אינדערפרי רופט מיך ארײַן שאַכנע עפּשטיין צו זיך אין צימער און זאָגט, אז הײַנט וועל איך ארבעטן א גאַנצן טאָג מיט דאָוויד בערגעלסאָנען. טאַקע אַנטקעגן, בא א צווייטן טיש איז געזעסן בערגעלסאָן, און ער האָט צוגעגעבן, אז ניט איין טאָג, נאָר א גאַנצע וואָך דארף ער ארבעטן מיט מיר, ווײַל ער רעדאַגירט א גרויסע ארבעט, דעריבער זאָגט ער שאַכנע עפּשטיינען, אז ער דארף האָבן א גאַנצע וואָך און עפּשער נאָך מיט א סמיטשיק.

מיר זײַנען ביידע ארײַנגעגאַנגען אין א צווייטן צימער. בערגעלסאָן האָט זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר בא א טיש און גענומען רעדאַגירן א מאַנוסקריפּט. איך זיץ בא דער מאשינקע און וואַרט, אז ער זאָל מיר גיבן דאָס זײַטל, וואָס ער האָט שוין אויסגערעדאַגירט.

איך זיץ און וואַרט א האַלבע שאָ און נאָך א האַלבע שאָ, ס׳איז שוין דורך צוויי און דרײַ שאָ, און דאָוויד בערגעלסאָן גיט מיר קיין ארבעט ניט. ס׳איז געבליבן ביזן סאָף פונעם ארבעטסטאָג עפּשער נאָך א פּאָר שאָ, גייט צו מיר צו בערגעלסאָן און לייגט אוועק א בייגעלע פּאַפּיר, אף וועלכן ס׳איז אָנגעשריבן איין וואָרט, טאַקע מאַמעש נאָר איין וואָרט, אפילע ניט קיין שורע, איין קליינינק וואָרט, איך זאָל עס אָפּדרוקן אף דער מאשינקע, און שוין. אָט אף דעם איז בא אונדז אוועקגעגאַנגען דער טאָג ארבעט. איך האָב געמיינט, אז ער האָט זיך נאָך ניט ארײַנגעלייענט אין דעם טעקסט, ער דארף עפּשער נאָכאַמאָל דורכלייענען אופמערקזאַמער די זאַך, קעדיי צוטרעטן צום רעדאַגירן, אָדער עפּשער ווייסט ער ביכלאַל ניט דעם קלאַל, אז איין אן אַנשטאַלט דארף מען פאר א טאָג אָפּדרוקן אף דער מאשינקע אזויפיל און אזויפיל זײַטלעך. איין וואָרט קאָן א שרײַבער זיך פארגינען אָנשרײַבן פאר א גאַנצן טאָג, אויב ער איז בא זיך אין דער היים...

אף מאָרגן און איבערמאָרגן הייסט בערגעלסאָן מיר ווידער אָפּדרוקן אף דער מאשינקע איין וואָרט, מערסטנס עטלעכע ווערטער, און שוין.

איך האָב זייער איבערגעלעבט, מע האָט דאָך אונדז געגעבן איינגאַנצן איין וואָך אַף אָפּטאָן די גרויסע און וויכטיקע אַרבעט, וויאַזוי זשע וועט עס פאַרקומען, ווען ווען מיר די אַרבעט פאַרענדיקן, אויב מירן פאַר א טאָג מאַכן איין וואָרט אָדער עטלעכע ווערטער?

איך שריַי מאַמעש אויס: „כאָוועך בערגעלסאָן, מירן קיינמאָל ניט פאַרענדיקן די אַרבעט, וועלכע איר דאַרפט אויסרעדאַגירן, אויב מירן אַרבעטן מיט אַזעלכע טעמפּן!"

איך ווייס ניט, צי ער האָט געהערט, וואָס איך האָב צו אים גערעדט, ער האָט געשוויגן. האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל דערווייַל בעטן אַן אַנדער אַרבעט, און ווען בא אים וועט זיַין פאַרענדיקט דאָס רעדאַגירן, וועל איך בא אים נעמען דעם מאַנוסקריפּט און איבערדרוקן אים.

און אַזוי איז געווען.

סאָף וואָך איז בערגעלסאָן צו מיר צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— די אַרבעט האָב איך פאַרענדיקט, ס'איז געבליבן, איר זאָלט אַריַינשטעלן אינעם מאַנוסקריפּט די ווערטער, וועלכע איך האָב אייַך געגעבן, אַריַינשטעלן זיי דאָרט, ווו מע דאַרף, אַזויאַרום, וועט איר אויך פאַרענדיקן די אַרבעט צו דער צייַט, וועלכע עפּשטיין האָט אונדז אויסגעטיילט.

איך גיב א קוק אַפן מאַנוסקריפּט, ער איז ריין, מאַמעש א מעכייַע. פרעג איך בערגעלסאָנען: ס'קאָן זיַין, אַז מע האָט ניט געדאַרפט ביכלאַל רעדאַגירן אָט די אַרבעט, צוליב וואָס האָט מען געפּאַטערט אַזויפיל צייַט?

אָט דאָ האָב איך ערשט דערזען, אַז דאָוויד בערגעלסאָן האָט אַף מיר אַן ערנסטן קוק געטאָן, גענומען דאָס בענקל פון זיַין טיש, ווו ער איז די גאַנצע צייַט געזעסן, זייער פּאַמעלעך מיט ביידע הענט עס אופגעהויבן גאָר הויך און פאָרזיכטיק צוגעטראָגן צו מיַין טיש, אַרויסגענומען פונעם פּאָרטסיגאַר א שיינעם, לאַנגן פּאַפּיראָס, א רעגע געהאַלטן אים אין איין האַנט, נאָך ניט קיין פאַררייכערטן, זיך אַוועקגעזעצט אַפן בענקל טאַקע לעבן מיר, זייער באַלעבאַטיש, ברייטלעך פאַררייכערט, לאַנגזאַם אַריַינגעצויגן אין זיך דעם רויך און פּאַמעלעך־פּאַמעלעך אָנגעהויבן רעדן צו מיר, מאַמעש ציילנדיק די ווערטער:

— איך האָב די אַרבעט ניט געקאָנט גיך אָפּרעדאַגירן, ווייַל קעדיי אַריַינשטעלן א וואָרט אָדער אַרויסנעמען א וואָרט פונעם טעקסט, האָב איך געדאַרפט פריִער גוט דורכטראַכטן און דערנאָך פרעגן באַם אַווטאָר, צי ער איז מאַסקים, ווייַל דער ניסטער קאָן אַליין זייער גוט שריַיבן, און ס'באַקומט זיך בא אים וווּנדערלעך אָן די ווערטער, וואָס איך וועל אים צוגעבן אָדער אַראָפּנעמען. און דאָך ווילט זיך מיר אַמאָל אים געבן אַן אייצע מיט א וואָרט...

אַלצדינג, וואָס דאָוויד בערגעלסאָן פלעגט אָנשריַיבן, האָט איבערגעדרוקט אַף א מאַשינקע זיַין פרוי ציפּע, אָבער עס זיַינען געווען פאַלן, ווען מע האָט געדאַרפט זייער גיך צוגרייטן א מאַטעריאַל און אַמאָל אַפילע א בוך פאַרן פאַרלאַג, אָדער מע האָט געדאַרפט דרוקן זייער ריין און דייַטלעך און אָפּגעבן די אַרבעט צו דער צייַט. דאַן פלעג איך באַקומען א בריוול פון ציפּען. געוויינלעך פלעגט אינעם בריוו זיַין נאָר א פּאָר ווערטער: עס ברענט, מע דאַרף גיך די אַרבעט, אָן איַיער הילף וועט זיך גאָרניט באַקומען, איך און דאָוויד בעטן אייַך אונדז העלפן אין דער אַרבעט, ראַטעוועט, קומט וואָס גיכער.

איך פלעג אָוועקוואַרפן אַלע מיַינע היימישע אַרבעטן און קומען צו לויפן צו די צוויי שיינע, טיַיערע פאַר מיר מענטשן.

איצט, יעדעס מאָל, ווען איך קום אַפן קייווער צו מיַין מאַמען, וועלכע ליגט אין וואָסטריאַקאָווע אַפן יידישן בעסוילעם, גיי איך צו צו ציפּע בערגעלסאָנס קייווער און לייג אַוועק בלומען.

הערש רעמעניק

נאָטיצן וועגן דער הײַנטצײַטיקער נאָוועלע

דער צענטער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" פונעם פאָריקן יאָר גיט א מעגלעכקײַט פאר באטראכטונגען וועגן דער הײַנטצײַטיקער פּראָזע, באַזונדערס — וועגן דער נאָוועלע. אונטערן קעפּל „נײַע פּראָזע־ווערק אף הײַנטצײַטיקע טעמעס" זײַנען אין זשורנאַל פארעפנטלעכט זעקס און צוואנציק גרעסערע און קלענערע דערציילונגען. און האגאם די פּובליקירטע ווערק זײַנען לויט זייער קינסטלערישער קוואַליטעט ניט אײנע און די זעלבע, איז קיין סאָפעק ניט, אז צוזאַמענגענומען שטעלן זיי מיט זיך פאָר א דערגרייכונג פון דער הײַנטצײַטיקער יידישער סאָוועטישער פּראָזע.

דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" קומט א יאשער־קויעך פאר אָט דעם אופטו. די אָרגאַניזאַציע פונעם מאַטעריאַל, דאָס צונויפזאַמלען און רעדאַגירן אים האָט געפאָדערט א סאך מי און ענערגיע, וואָס דעם לייענער איז שווער אפילע אַזוינס זיך צו פאָרשטעלן. מיר האָבן באַקומען א באַנד פּראָזע, וועלכער איז אַן און פאַר זיך א בוילעטער באַווײַז פון דעם וווּקס און אַנטוויקלונג פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער נאָוועליסטיק. איך וועל דאָ ניט ריידן וועגן דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן טאָך פון אָט די נאָוועלן, וועלכע זײַנען באַטראַכט אינעם נאָכוואָרט פון אַרן ווערגעליס „אַזוי לעבן מיר, און אונדזער לעבן איז אָפּגעשפּיגלט אין אונדזערע ווערק". איך בין מאַסקים מיט די גרונט־מאָמענטן פון אָט דעם אַרטיקל און וועל דאָ דעריבער אָפּגעבן וויינִיקער אַכט די סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען.

צוריק מיט דרײַצן יאָר האָב איך געשריבן וועגן דער דעמלטיקער יידישער סאָוועטישער נאָוועלע, אַז אין פאַרגלײַך מיטן ראָמאַן און דער דערציילונג איז זי הינטערשטעליק. „נאָך טירלעך, עס פעלן ניט אויס קיין נאָוועליסטן, אָבער קיין עכטע הויך־קינסטלערישע נאָוועלע איז נאָך ניט געשאַפן. עפּשער דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס מיר זײַנען דערצויגן אף דער קלאַסישער נאָוועליסטיק פון אַזעלכע גרויסע מײַסטערס, ווי פּערעץ, שאָלעם־אַליכעם, רייזען, און אונדזערע פאָדערונגען זײַנען צו שטרענגע. אַלנפאַלס, קאָנען מיר נאָך דערווײַל ניט זאָגן, אַז די הײַנטצײַטיקע יידישע נאָוועלע איבעראַשט אונדז מיט איר פּסיכאָלאָגישער טיפקײַט, מיט איר גאַלעריי געשטאַלטן, מיט איר אידייִש־פילאָסאָפישער קאָמפּליצירטקײַט און נאָוואַטאָרישער אָריגינעלקײַט, ווײַל מע טאָר דאָך ניט פאַרגעסן, אַז די נאָוועלע איז בעקויעך אף איר אויפן און מיט אירע מיטלען צו שאַפן פאַראַלגעמיינערטע, טיפּישע געשטאַלטן, דראַמאַטישע לעבנס־סיטואַציעס און קאָליזיעס, פּונקט ווי דער ראָמאַן און די גרעסערע דערציילונג. פּערעצעס „צווישן צוויי בערג", „די פרומע קאַץ" אאַ. זײַנען לויט זייער אויפווירקונגס־קראַפט ניט ווייניקער באַדײַטנדיק פון אַן אַנדער ראָמאַן. אינעם באַוווּסטזײַן פונעם לייענער זײַנען זיי פאַרבליבן ווי גרויסע ווערק. ווו איז איצט יענע שאַרפע נאָוועלע, וועלכע זאָל אונדז אויפטרייסלען און זאָל אף שטענדיק איבערלאָזן אין דער נשמה א פאָרשטעלונג וועגן א גאַנצער וועלט, וועגן א גאַנץ לעבן? נאָך אַזא נאָוועלע בענקען מיר, אָבער זי איז דערווײַל ניט געקומען"...[1]

פון דעמלט אָן האָט די לאַגע זיך געענדערט צום בעסערן. עס זײַנען דערשינען ביכער פון

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 1 פון 1965, ז. 145.

די באַגאַבטע נאָוועליסטן יעכיִעל שרײַבמאַן („יאָרן און רעגעס"), שירע גאָרשמאַן („לעבן און ליכט"), מאַרק ראַזומני („ברייטער די טריט"), טעוויע גען („א וועג אין דער ווײַט") און פיל נאָוועלע־ציקלען פון אַנדערע פּראָזאיִקער אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". דאָס אַלץ באַשטעטיקט, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ פּראָצעס פון אופשטײַג פונעם נאָוועליסטישן זשאַנער. דאָס באַטײַט ניט, נאַטירלעך, אַז אונדזער נאָוועליסטיק קאָן זיך שוין גלײַכן מיט דער קלאַסישער, אָבער אַן אופשטײַג פון דעם וויכטיקן דערציילערישן זשאַנער איז באַשטימט פאַראַן.

פאַרבײַגייענדיק וויל איך דאָ באַמערקן, אַז מיטן באַגריף נאָוועלע האָב איך אין זינען די קורצע דערציילערישע פאָרם, צום אונטערשייד פון דער דערציילונג, וועלכע אַנטשפּרעכט דעם רוסישן באַגריף „פּאָוועסט". אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז ביז איצט ניט פאַרפּינקטלעכט די טערמינאָלאָגיע פונעם דערציילערישן זשאַנער, דער אונטערשייד צווישן נאָוועלע און דערציילונג. איך מיין, אַז ס'איז שוין צײַט פעסטצושטעלן, אַז די דערציילונג ציט זיך מער צו דער ברייטער, מער קאָמפּליצירטער שילדערונג, דערנעענטערנדיק זיך צום ראָמאַן. די עכטע נאָוועלע איז אַ מיניִאַטיור, זי איז אַ בליק, זי איז לויט איר סטרוקטורישן אידייִשן אינהאַלט און סוזשעט אומדערוואַרט, פּלוצלינגדיק. געטע האָט אין זײַנע שמועסן מיט עקערמאַנען געזאָגט, אַז „די נאָוועלע איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַ פאָרגעקומענע אומגעהערטע געשעעניש". ער האָט אַזויאַרום באַטראַכט די נאָוועלע ווי אַ מין מיניִאַטיורישע פאַרצייכענונג. דאָס באַטײַט, אַז די נאָוועלע מוז זײַן לויט דער סטרוקטור און לויט דער שפּראַך ביז גאָר לאַקאָניש, קאָנצענטרירט, זי האָט ניט און קאָן ניט האָבן קיין אָרט פאַר ברייטער עפּישער שילדערונג, און ס'איז אויסגעשלאָסן באַריידעוודיקײַט. די נאָוועלע איז ליריש און לײַדנשאַפטלעך און אָפט הומאָריסטיש.

אָט די אייגנשאַפטן פונעם נאָוועליסטישן זשאַנער זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מערהײַט פון די ווערק, וואָס זײַנען פּובליקירט אינעם צענטן נומער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וועגן וועלכן עס גייט דאָ בא אונדז אַ רייד.

איך וויל פריִער פאַר אַלץ אָפּמערקן, אַז אין דער נאָוועלע זײַנען אַקטיוו ניט בלויז אונדזערע שוין דערפאַרענע פּראָזע־מײַסטערס, וועלכע שרײַבן ראָמאַנען און גרעסערע דערציילונגען, נאָר אויך די דיכטער. איך האָב דאָ אין זינען דאָרע כײַקינע, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקין און אוראָם גאָנטאַרן. גאָנטאַר און טאַלאַלאַיעווסקי האָבן שוין פון לאַנג פאַרנומען אַן אָרט אין דער הײַנטצײַטיקער פּראָזע מיט זייערע ראָמאַנען און דערציילונגען. דאָרע כײַקינע, אַף וויפל מיר איז באַוווּסט, טרעט צום ערשטן מאָל אַרויס ווי אַ פּראָזאיִקער. פאַרלויפנדיק פאָרויס, וועל איך שוין זאָגן, אַז די נאָוועלן פון די דרײַ דיכטער געהערן צו די מער געלונגענע אינעם נאָוועליסטישן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד".

אַלס וויכטיקע דערשײַנונג פון דער הײַנטצײַטיקער פּראָזע, באַזונדערס פון דער נאָוועליסטיק, דאַרף מען רעכענען אויך דאָס, וואָס אינעם נאָוועלע־נומער זײַנען פאָרגעשטעלט אַ ריי אויטאָרן, וועלכע מאַכן זייערע ערשטע טריט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. עלישעווע קאָנצעדיקס „דער טעלעטײַפּ", בראָכע און אַרן בורשטיינס „שפּײַז פאַר אַ גאָלדן פישעלע", רוּוון פּוסטילניקאָווס „מאַזלטאָוו אײַך, מײַנע ליבע קינדער", רעפאָעל גאָלדענבערגס „אַ פּראָסטער אַרבעטער" זײַנען ווערק פון נעכטיקע לייענער און הײַנטיקע שרײַבער. דאָס איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור. גאָרקי האָט געראָטן די יונגע שרײַבער, זיי זאָלן אָנהייבן זייער שאַפונג פון קלענערע דערציילונגען, פון דער נאָוועלע. די קורצקײַט פון דער פאָרם באַפרײַט דעם אָנפאַנגער אין אָנהייב פון זײַן שאַפן פון די סטרוקטורישע שוועריקײַטן און קאָמפּליקאַציעס, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן שאַפן אַ ראָמאַן. די נאָוועליסטישע פאָרם צווינגט דעם אויטאָר מער זיך קאָנצענטרירן אַף שפּראַךשפּאָרזאַמקײַט, אַף לאַקאָנישקײַט פון שילדערונג, אַף דראַמאַטישקײַט פון דער קאָליזיע, אַף פּסיכאָלאָגישער פּאַרטיפּטקײַט. אַ קליינע נאָוועלע איז אַמאָל שווערער אָנשרײַבן, ווי אַ גרויסן ראָמאַן. אָבער פאַר אַן אָנפאַנגער איז פאָרט, אַפילו פיזיש, מער צוטריטלעך די קליינע דערציילערישע פאָרם. און נאָכדעם, ווען ער באַקומט שוין דערפאַרונג, מײַסטערשאַפט, איז ער פרײַ אין אַלע פאָרמען פון דער דערציילערישער קונסט.

פאַר אַ בײַשפּיל פון שעפערישן דערפאָלג וועל איך דאָ נעמען בראָכע און אַרן בורשטיינס „שפּײַז פאַר אַ גאָלדן פישעלע". מע דאַרף ניט זײַן קיין דערפאַרענער עקספּערט, כּדי גלײַך צו דערקענען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ רײַף קינסטלעריש ווערק. אין אַלץ פילט זיך קינסטלערישע באַגאַבונג: אינעם פּאָרטראַכט, אינעם אויספילן דאָס פּאָרטראַכטע, דאָס הייסט, אינעם געבוי פון דער נאָוועלע, אינעם אופשטעלן דעם קאָנפליקט, די פּסיכאָלאָגישע און דראַמאַטישע קאָליזיע, אין דער בוילעטקײַט פון דער שילדערונג, אין דער דעטאַלן־מאָלערײַ, אין דעם איראָנישן שמייכל, וואָס באַגלייט און באַצירט דעם געשילדערטן סוזשעט, אין דער פרײַער ניט געצוימטער פאָרם פונעם דערציילן, אינעם לאָשן. איך מוז ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן, כּדי צו אילוסטרירן דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט.

דער דירעקטאָר פון דער שול האָט פאָרגעלייגט דער לערערן פון שפּראַך און ליטעראַטור יענטע מענדעלעוונע זיך דורכפאָרן אין געגנטלעכן צענטער. עס איז פאַר איר שווער צו פאַרלאָזן די קינדער, די שטוב. אָבער דאָס מאָל האָט זי זיך דערפרייט מיטן פאָרשלאָג פונעם דירעקטאָר. און דאָ קומט אַ נאַטור־בילד:
„עפּעס איז איר די לעצטע צײַט גוט קאָ־

לעמוטנע אַף דער נעשאָמע. קיין אָנזיכטיקע סיבע דערצו איז ניטאָ, נאָר סײַוויסײַ איז איר שטימונג זייער געדריקט. עפשער איבערן האָיאָריקן טרוקענעם זומער? שוין א פּאָר כאַדאָשים, אַז עס גייען ניט קיין רעגנס, און איצטער, אין אווגוסט, זינקט דאָס גאַנצע דאָרף אײַן אין גרויען פּוכיקן שטויב. דער שטויב באַדעקט מיט א גראָבן שיכט אַלע גרינע געוויקסן, ליגט אַף די הײַזער, ער האָט באַזעצט די ווענט און די פּלויטן, פאַרשלאָגן אַלע שפּעלטעלעך. יעדע דורכפאָרנדיקע מאַשין הייבט נאָך זיך אוף געדיכטע וואָלקנס. זיי הענגען אינדערלופטן, ווי גרויע פאָרהאַנגען, און לויט די פאָרהאַנגען דערקענט מען דעם שליאַך פון די דערווײַטערטסטע ווינקעלעך פון יענטעס גרויסן דאָרף. איבער דעם שטויב זײַנען צעטושקעוועט געוואָרן אַלע לעבעדיקע קאָלירן, שוואַכער זײַנען די רייכעס, און יענטען האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז דאָס גאַנצע לעבן אירס איז איצט אויך טונקל און גרוי, ווי דער גרויער שטויב".

אָט דער פּסיכאָלאָגישער פּייזאַזש האָט א וויכטיקע פונקציע אין דער נאָוועלע: ער פאַרגאַנצט די שטימונג פון דער לערערן, וועלכע פאָרט אין שטאָט ניט בלויז לויטן פאַרשלאָג פונעם שול־דירעקטאָר און ניט בלויז ווײַל עס זײַנען שוין עפשער דערעסן די היימישע זאָרגן פאַר די קינדער, פאַרן מאַן; עס קאָן זײַן, די לימודים אין שול זײַנען אויך געוואָרן א מין געוויינונג, וואָס איבעראַשט ניט, ווי אין די ערשטע יונגע יאָרן. עס שאַפט זיך די שטימונג פון ווערלן זיך באַפרײַען פון די דאָרפישע דײַגעס און פרײַ פאַרברענגען עטלעכע טעג אין שטאָט.

און אָט איז נאָך א דעטאַל, וואָס האָט א באַדײַטנדיקע פונקציאָנעלע אָנלאָדונג:

„זי האָט געטראַכט וועגן דעם פאַבריקמאַכער, אָבער אונטער דעם פראָסטן געדאַנק פון פּאַריכטן זיך די פריזור איז געווען באַהאַלטן פיל מערער: א פאָרגעפיל פון פרײַהײַט, א ברייטער אויסוואַל פון מעגלעכקײַטן...

יענטע איז אוועקגעלאָפן אַהיים, אַפגיך אַרופּגעצויגן אַף זיך דעם יאָמטעוודיקן זשאַקעט און א פּאָר נײַע מאָדעלנע שיך. באַם שפּיגל האָט זי זיך פאַרהאַלטן. אינעם לויטערן גלאָז איז אַנטקעגן איר, ווי אין א טיר, געשטאַנען א שטאַלטנע פרוי פון מיטעלע יאָרן, מיט שיינע, אונטערגעפאַרבטע, א ביסל אַראָפּגעלאָזטע גראָבלעכע ליפּן און מיט א שטרענגן בליק פון גרויסע בלויע אויגן. דער אָפּשײַן פון איר העל־גרינער קלייד האָט גוט האַרמאָנירט מיטן נאַטורעלן גלאַנץ פון די געדיכטע רויטלעכע האָר".

אונטערבאַוווּסטזיניק זײַנען דער לערערנס אַלע צוגרייטונגען ניט קיין צופעליקע. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין שטאָט האָט זי אַן אַלטע ליבע, פון פריִערדיקע יאָרן, מיט א „שוואַרצינק באָכערל", וועמען זי פלעגט לייענען בלאָקס לידער. און איצט, פאָרנדיק אין דער שטאָט, ווו ער וווינט, קומען איר אוף די דערמאָנונגען וועגן אָט דעם באָכערל, און דער געדאַנק וועגן א באַגעגעניש מיט אים לאָזט זי ניט צורו. זי מאַכט א פּרוּוו מיט אים זיך צו טרעפן, אָבער גאָרנישט באַקומט זיך ניט דערפון. זי פאָרט אַהיים צו איר מאַן מיט די קינדער און לאַכט אַליין אויס אירע אילוזיעס אומצוקערן די פאַרגאַנגענע יאָרן, וועלכע קאָנען זיך שוין ניט איבערכאַזערן.

עס ווילט זיך גלייבן, אַז אין דער „פּערזאָן" פונעם אווטאָר־פּאָרל בראָכע און אַרן בורשטיין האָט די הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראַטור באַקומען א באַגאַבטן פּראָזאַיִקער. צום באַדויערן, דאַרף איך מאַכן א וואָרענונג. אין זיבעטן נומער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פון פאָריקן יאָר זײַנען אָפּגעדרוקט צוויי מיניִאַטיורן פונעם ציקל „ניט קיין אויסגעטראַכטע דערציילונגען" פון די זעלבע אווטאָרן. עס זײַנען דאָרט פאַראַן פאַרקריפּלטע העבּרעיִשע ווערטער און אויסדרוקן, וועלכע עס טאָרן ניט דערלאָזן ערנסטע שרײַבער. א קליין מיידעלע, וואָס געפינט זיך אין עוואַקואַציע צווישן ניט־ייִדישע קינדער, האַלט אין איין שיטן מיט העברעיִזמען: „ליאָנקע, האַיִטאָכן? וואָס הייסט, כ'וועל גיין אין דײַנע וואָליקעס?"; „וואָס פאַר א סמיכאַס האַפּאַרשע, וואָס פאַר א שײַכעס האָט מײַן גאַנצע בעריעשאַפט צו פעלד־אַרבעט?"; „אַלע מײַנע היספּײַלעס האָבן ניט געהאַט קיין שום קיִעם"; „לעגאַמרע שורע איז געשטאַנען דערבײַ"; „כאָטש שרײַ כײַוועקײַעם"; „און אָט איז ער שוין מעשאַנע געוואָרן אין אַן עמעסדיקן גרויסן וועלאָסיפּעד"; „בייסמײַסע גלייבן מירביידע בעלעוו וואָנעפעש, אַז קאַכהאַווע"; „מיר נעמען אָן א פולן קויש מין האַמיווכאָר"; „איך בין פּלוצעם מעווײַעש געוואָרן". און נאָך אַנדערע אַזעלכע אויסדרוקן. שוין זשע האָט מען אָן דעם זיך ניט געקאָנט באַגיין?

די כאָשעווע אווטאָרן מיינען מיסטאָמע, אַז העברעיִזמען גיבן צו כיין דער שילדערונג. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. העברעיִזמען, פּונקט ווי סלאַוויזמען, אינטערנאַציאָנאַליזמען, מיפּאָלאָגיזמען קאָנען באַשײַנען א ווערק בלויז דעמלט, ווען זיי זײַנען אָרגאַניש פאַר דער סוויווע און פאַרן פּערסאָנאַזש, וואָס ווערט געשילדערט. אויב ניט, זײַנען זיי איבעריק און אַנטיקינסטלעריש. איך רעד שוין ניט וועגן דעם, אַז העברעיִזמען קאָנען געבראַכט ווערן, אויב דער אווטאָר ווייסט און פאַרשטייט זייער באַטײַט. אויב ניט, איז עס פּאָשעט אַמעראַצעס, וואָס רײַסט אַראָפּ דעם קינסטלערישן ניוואָ פונעם ווערק.

איך וויל האָפן, אַז דער געבראַכטער פאַל איז א צופעליקע מיספאַרשטייעניש, און די אווטאָרן בראָכע און אַרן בורשטיין וועלן נאָך געבן אונדזער ליטעראַטור ניט איין גוט פּראָזע־ווערק.

די דרײַ נאָוועלן פון די דיכטער גאָנטאַר, טאַלאַלאַיעווסקי און כײַקינע זײַנען עכטע ווערק פונעם נאָוועליסטישן זשאַנער. עס פילט זיך אין גאָנטאַרס נאָוועלע „שוועסטער" די געניטקײַט פון א פיל דערפאַרענעם קינסטלער

ניט בלויז אין וואָרט, אין שפראך, נאָר אין דער דעטאלן־מאָלערײַ. די פסיכאָלאָגישע קאָליזיע ווערט איבערגעגעבן דורך א ריי שטריכן און צייכענונגען, וועלכע שאפן די אנטשפרעכיקע שטימונג. עס האנדלט זיך וועגן א סטודענט סאשע, וואָס די עלטערן זײַנע ווילן אים פארשלעפן קיין ייִסראָעל, בייס ער פילט זיך אין זײַן היים־סוויווע אָרגאניש פארוואָרצלט. ווען ער זאָגט זיך אָפּ קאטעגאָריש, הייבט מען אָן אים אטאקירן מיט בריוו. זײַן מומע עסטער, בא וועלכער ער ווינט, פארהיט אים פון אָט די אטאקעס:

„אין א פאָר טעג ארום האָט עסטער ארויסגענומען פונעם בריוו־קעסטל א בריוו. זי האָט דערקענט מינעס קסאַוו. אין פאָדערצימער, שטייענדיק נאָך אָנגעטאָן אין מאנטל, איז זי מיטן בליק איבערגעלאָפן די שיטערע שורעס. מינע האָט מיטגעטיילט דעם זון, אז דער טאטע האָט אים צוגעשיקט אן ארויסרוף קיין ייִסראָעל און געייצעט פאָרן. עסטער האָט אָף א ווײַלע זיך פארטראכט און פאמעלעכן צעריסן דעם בריוו אָף קליינע שטיקעלעך — צוליב וואָס עס באווײַזן סאשען? ווידער פאטערן אים די שטימונג?"

אזא שילדערונג איז מער איבערצײַגנדיק, ווי פאטעטישע דעקלאמאציע.

סאכאקל אָף דרײַ זײַטלעך האָט מאָטל טאַלאליעווסקי אונדז באקאנט מיטן לעבן פון צוויי מענטשן. די שילדערונג האָט אין זיך אן אינערלעכע לאָגיק. דעריבער איז נאטירלעך דאָס, וואָס די ביז איצט ניט באקאנטע צווישן זיך מענטשן, די זשורנאליסטקע אדע סמאָליאַניצקע און דער מאיאָר לעאָניד אבראמאָוויטש בעלאָבאָראָד האָבן אין מעשעך פון איין אָוונט דערפילט א נאָענטקײַט איינער צום צווייטן.

מיט באזונדערער באפרידיקונג וויל איך אָפּמערקן דאָרע כײַקינס נאָוועלע „די טרוימערן". די פראָזע פון דער באגאבטער דיכטערן איז וויכטיק דערמיט, וואָס דאָס איז אויך פּאָעזיע פון א הויכן ניוואָ. אָנגעהויבן פונעם קעפל „די טרוימערן" און געענדיקט מיט דער לעצטער שורע, איז עס א ליריש געזאנג וועגן קונסט, וועגן ליכטיקע טרוימען, וועלכע פארלאָזן ניט דעם מענטשן אין דער קינדהײַט, אין דער יוגנט און אויך אין טיפן עלטער, אזוי לאנג וויפל דער מענטש לעבט אָף דער וועלט.

איך וויל אויך אונטערשטרײַכן, אז כײַקינעס „די טרוימערן" איז ניט בלויז דיכטונג און געזאנג, נאָר טאקע פראָזע, רעאליסטישע וואָרטמאָלערײַ. דאָס ווערק איז דורכגעדרונגען מיט א טיפן ראָמאנטישן געפיל.

צו די נײַע אווטאָרס פון פראָזע דארף צוגערעכנט ווערן אויך באָריס מאָגילנער. ער איז פאָרגעשטעלט אינעם 10־טן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" מיט א נאָוועלע אונטערן קעפל „אן עקזאמען". דאָס איז א פולשטענדיק רעאליסטיש ווערק מיט א לאָגיש באגרינדעטן אינהאלט, וואָס אנטפלעקט די פסיכאָלאָגיע פון א הײַנטצײַטיקן ארבעטער. דער עקסקאַוואטאָרשטשיק סיאָמע ווערט געוויזן ניט בלויז ווי א באַוווסטזיניקער האָרעפּאשניק, וועלכער גייט ארויס אין אָפרו־טאָג אָף ארבעט, לויט דער ביטע פונעם פּראָראב, ווײַל די קעסל־גרוב מוז פארטיק זײַן צו מאָנטיק גאנצפרי. סיאָמע גייט אָף דער ארבעט, הAגאם דעם זעלבן מאָנטיק מוז ער אָפּגעבן אן עקזאמען אלס סטודענט היינטערדיגער. און עס האָט אזוי געטראָפן, אז דער לערער פון צייכענונגס־געאָמעטריע גריגאָרי מאטווייעוויטש איז טאקע דעם זונטיק געגאנגען שפאצירן מיט זײַן ייִנגעלע און בייסן רעגן זיך אויסבאהאלטן אין סיאָמעס עקסקאַוואטאָר. נאטירלעך, האָט מען זיך באקאנט, און אפן עקזאמען האָט דער לערער געוואָלט שטעלן דעם סטודענט א באפרידיקנדיקע אָפּשאצונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס סיאָמע האָט ניט געלייזט ריכטיק די דריטע אופגאבע. אָבער סיאָמע דער עקסקאַוואטאָרשטשיק זאָגט זיך אָפּ פונעם באפרידיקנדיקן באל און דערקלערט ווירדיק דעם לערער: „קיין נעדאָוועס דארף איך ניט".

די האנדלונג אין שמועל גאָרדאָנס נאָוועלע „דאָס ווידערקאָל" קומט פאָר אין דאָרף. דער אווטאָר שטעלט די פּראָבלעם וועגן „כעזשבן־האנעפעש — וואָס האָט מען אופגעטאָן אָף דער וועלט און וואָס איז ביכלאל דער זין פונעם לעבן". ייִצכאָק גענדין, אן איבערגעגעבענער קאָלווירטישער טוער, האָט אָפּגעלעבט א לעבן ערלעך און געטרײַ, אין אומדערמידלעכער ארבעט פאר זיך און פאר מענטשן, אין קריג און אין פרידן. אין דעם באשטייט דער טאָך פונעם לעבן:

„וואָס מער מע האָט זיך אײַנגעהערט אין דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אפן בעסאלמען און איצטער דאָ באם טיש, נאָכדעם ווי נאָכעם האָט אָנגעפילט בא אלעמען די גלעזער מיט היימישן ווײַן, וואָס דער טאטע זײַנער האָט אים א נאָמען געגעבן „לעכאַים", אלץ מער איז צו איטלעכן דערגאנגען, אז דער זין פונעם לעבן באשטייט, זעט אויס, אין דעם, אין וואָס ס'האָט אים געפונען ייִצכאָק גענדין: מע זאָל ניט פארגעסן ווערן אָף מאָרגן נאָך דער לעווײַע, מע זאָל לאנג נאָך דערמאָנט ווערן צווישן די לעבעדיקע מיט א גוט וואָרט".

עס ווערן אזויארום אין דער הײַנטצײַטיקער נאָוועלע געשטעלט זיטלעכע און עטישע פּראָבלעמען פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט, פונעם ארומיקן לעבן.

מיט שמועל גאָרדאָנס „דאָס ווידערקאָל" רופט זיך איבער העשל ראבינקאָווס נאָוועלע „איבערגעלאָזט אן אָנדענק". ראבינקאָוו איז ניט קיין פאָנעם־כאדאָשעס אין אונדזער ליטעראטור. ער ארבעט שוין לאנג פרוכטבאר אלס בעלעטריסט און קריטיקער. אין דער נאָוועלע „איבערגעלאָזט אן אָנדענק" ווערט אויך געזוכט דער ענטפער אָף דער פראגע וועגן דעם בארוף פונעם מענטשנס לעבן — איבערלאָזן אין דער געזעלשאפט אן אָנדענק וועגן זיך, צוליב דעם דארף מען געוויסנהאפט טאָן א נוצלעכע ארבעט. אזא מענטש איז אין ראבינקאָווס „איבערגעלאָזט אן

אָנדענק" דער פאָשעטער שערער, דער דערציילער פון דער נאָוועלע.

צו די פילאָסאָפיש־עטישע נאָוועלן געהער אויך בוזי מילערס „אייַנ־צעפלעך אנטקעגן דער זון". אין מילערס שאפונג איז פאראן א שטארקער פובליציסטישער שטראָם, א שטרעבונג צו דערקענען דאָס געזעצמעסיקע אין לעבן און די באדינגלעכקייַט פון די דערשייַנונגען. און דאָס איז אויך כאראקטעריסטיש פאר דער נאָוועלע „אייַנ־צעפלעך אנטקעגן דער זון".

אז די נאָוועלע, אָט דער קורצער דערציילערישער זשאנער, קאָן געבן די ברייטע פאנאָראמע, ווייַזן, וויאַזוי עס אנטוויקלען זיך דווירעס, קאָן מען זיך איבערצייַגן, לייענענדיק כאיִם מעלאמודס „דער דריטער דאָר", ווו די שילדערונג איז אָנגעזעטיקט מיט לעבנס־דערפארונג, מיט טרעפלעכע און שארפזיניקע פסיכאָלאָגישע און שטייגערישע דעטאלן, מיט דייַנער איראָנישער צייכענונג און מיט שפראַךמייַסטערשאפט. אפן קליינעם שטעטל פון זעקס זשורנאל־זייַטלעך ווערן געגעבן מענטשן און געשעענישן פון דרייַ דווירעס. עס גיבן וועגן זיך צו פילן די ניט ווייַטע פארגאנגענהייַט און די אקטועלע הייַנטצייַטיקייַט, דער שטייגער פונעם אמאָליקן שטעטל, פונעם אמאָליקן דאָרף און פון דער נייַער הייַנטצייַטיקער שטאָט אין דער עפּאָכע פון דער וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע. דער קאָסמאָס איז פאר מעלאמודס העלדן געוואָרן געוויינלעכע אלטעגלעכקייַט:

„איבער זיי — אן אלטער, אלטמאָדישער, מיליארדיאָריקער הימל, אין וועלכן ס'איז פאר זיי ניטאָ קיין שום סוידעסדיקס. אלץ איז שוין הונדערט מאָל פאָטאָגראפירט און איבערפאָטאָגראפירט געוואָרן. יעדעס שטערנדל, יעדע אומבאגרייַפלעך־ווייַטע נעפלדיקייַט איז פארצייכנט אין זייער ערדישן רעיעסטער, און זיי ווייסן אף אויסווייניק די גרייס און די וואָג פון אלץ דעם הימלדיקן. א קאָסמישע שיף, וואָס וועט פליִען מיט דער גיכקייַט פון שייַן, איז פאר זיי ניט קיין ווייַטער טרוים".

ווי אין אלע אנדערע בעסטע ווערק פון דעם נאָוועלע־נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד", איז אין טעוויע גענס נאָוועלע „אן אלטע ליבע" מאַמעש רירנדיק די וואָרהאפטיקייַט פון די געשילדערטע געשעענישן, די נאטירלעכקייַט און לאָגישקייַט פונעם דערציילטן, די פסיכאָלאָגישע איבערצייַגעוודיקייַט פון דער האנדלונג פון די פערסאָנאַזשן.

דאָס קאָמישע אין הערשל פאָליאנקערס נאָוועלע „שא, ריבטשינסקי פאָרט", ווי אין א גרויסער צאָל הומאָריסטישע ווערק פון דער וועלטליטעראטור, באקומט זיך פון א מיספארשטייעניש. די סעקרעטארשע פון א פראָווינציעל פאַיאנס־פאבריקל האָט דורך א קלונג אין טעלעפאָן באקומען א ידיעה, אז אין א פאָר טעג ארום דארף קומען ריבטשינסקי. טייקעף גיט זי צו וויסן די נייַס דעם דירעקטאָר פונעם פאבריקל. און אזוי־ווי דער דירעקטאָר פילט זיך ניט זיכער אף זייַן אָרט, מיינט ער, אז ריבטשינסקי דאָס איז דער נייַער אָנפירער פונעם טרעסט און אז ער פאָרט אראָפּנעמען אים, דעם דירעקטאָר, פון דער ארבעט. עס הייבט זיך אוף א טומל, אלע קויכעס און מיטלען ווערן מאָביליזירט, קעדיי צו „באגיטיקן" דעם אָנפירער; מע גרייט מוזיקאנטן, קווייטן, א באנקעט מיט קאָניאַק. נאָכדעם ווייַזט זיך ארויס, אז געקלונגען האָט גאָר א פאָשעטער פאָזשארניק, וועלכער האָט זיך ניט איבער זייַן שולד פארהאלטן אף איבעריקע צוויי טעג נאָכן פארענדיקן דעם אורלויב און האָט וועגן דעם געוואָרנט די סעקרעטארשע.

אָט די מיספארשטייעניש גיט א מעגלעכקייַט דעם אווטאָר אופצודעקן די שארפע נעגאטיווע דערשייַנונגען אין דער ארבעט פונעם פאַיאנס־פאבריקל, אנטפלעקן די פסיכאָלאָגיע פון אונטערלעקערייַ אינעם כאראקטער פונעם דירעקטאָר, וועלכער איז ניט פייִק צו אָרגאניזירן די פראָדוקציע.

דער הילכיקער אָפשפעטערישער געלעכטער הייבט זיך אָן אפן ערשטן זייַטל פון דער נאָוועלע און ווערט פאָרגעזעצט ביזן סאָף.

וויבאלד מיר ריידן שוין וועגן הומאָר, קאָן מען אויך ניט פארבייַגיין יאשע רוביאנס נאָוועלע „א וויִגרישנע בילעט". יאשע רוביאן האָט פאר די לעצטע יאָרן פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד" א ריי פראָזאִישע מיניאַטיורן, אין וועלכע ער האָט זיך אנטפלעקט אלס הומאָריסט. די נייגונג צום קאָמישן גיט צו זייַנע ווערק אייגנארטיקייַט און פרישקייַט. אין דער נאָוועלע „א וויִגרישנע בילעט" פילט זיך די געצוימטקייַט אינעם געלעכטער. דער אווטאָר וויל אנטפלעקן די באלעבעסלדיקייַט, די מעשטשאנסטווע פון דער פרוי, דער דערציילערן פון דער מאָנאָלאָגישער מיניאַטיור. אָבער דער אווטאָר האָט מוירע, אז ער האָט שוין צופיל קריטיקירט, צופיל אויסגעלאכט, וואָס הייסט, א סאָוועטישע פרוי זאָל פארבלייַבן מיט דער פסיכאָלאָגיע פון א באלעבעסל? און די דערציילערן, וועלכע האָט זיך געוואָלט געטן מיט איר מאן דערפאר, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן דאָס געווינס פון דער האלוואָע אף אויסבויען א שול־אינטערנאט, דערקלערט שוין זייער פרום: „איצטער האָב איך פארשטאנען, ווי נאריש איך בין געווען"...

וועגן יעכיִעל שרייַבמאנס נאָוועלע „אן אוראוריייניקל" איז אי שווער, אי גרינג צו שרייַבן. א נאָוועליסט, וועלכער האָט אין זייַן פארמעגן העכער הונדערט נאָוועלן, א פיל־דערפארענער מייַסטער פונעם מיניאַטיורישן דערציילערישן זשאנער, איז אים, פארשטייט זיך, ניט שווער אָנצושרייַבן נאָך א נאָוועלע. עס רופט ארויס באוווּנדערונג סייַ דער גייַסטרייַכער אידייִשער אינהאלט פון דעם נייַעם ווערק, סייַ די טיפקייַט פון דער פסיכאָלאָגישער שילדערונג, סייַ די וווּנדערבארע קינסטלערישע שפראַך.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו שרייַבן וועגן שרייַבמאנס פארבינדונג מיט דער טראדיציע פון שאָלעם־אליכעמען. אויך דאָ, אין דער נאָוועלע „אן אור־אוריייניקל", האָט שרייַבמאן פארבונדן דעם סוזשעט פון זייַן נאָוועלע מיטן סוזשעט פון שאָלעם־אליכעמס „טעוויע דער מילכיקער".

עס ווערט קימאט איבערגעכאזערט דאָס בילד פונעם קאפיטל „לעך־לעכאָ", וויִאזוי מע טרײַבט ארויס טעוויען פונעם דאָרף. און טאקע דאָ ווערט אויפגעדעקט דער גאנצער וועג — פון שאָלעם־אלייכעמען ביז שרײַבמאנען — די לאגע פון די ייִדישע מאסן אמאָל און הײַנט, און אויך דער וועג פון דער ייִדישער ליטעראטור.

שירע גאָרשמאן איז אין דעם נאָוועלע־נומער „סאָוועטיש היימלאנד" פאָרגעשטעלט מיט א מיניִאטיור „דער האפן איז פרײַ". די נאָוועלע איז כאראקטעריסטיש פארן אווטאָר. זי אנטפלעקט ווידער און ווידער דעם סטיל און די אייגנארטיקײַט פונעם טאלאנט, מיט וועלכן די שרײַבערן האָט פארנומען איר אָרט אין די פאָדערשטע רייען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. אין אירע פילצאָליקע נאָוועלן מאָלט זי ניט קיין „גרויסע מענטשן", אָנגעזעענע טוער, היסטאָרישע פערזענלעכקײַטן, און אויך קיין היסטאָרישע געשעענישן. זי שילדערט, פארקערט, די „קליינע מענטשן", די קליינע געשעענישן, די קימאט אומבאמערקטע עפיזאָדן. אין דעם איז איר הומאניזם און דעמאָקראטיזם, אירע ווייטעקן און לײַדן פאר דער פאָשעטער פרוי, פאר די איבערלעבונגען פון דער מוטער, פאר די באציִונגען צווישן עלטערן און קינדער.

אזא איז שירע גאָרשמאנס סטיל, איר לאָשן און דער גאנצער אייגנארט פון איר שאפן. איר סטיל איז ניט בלויז רעאליסטיש, נאָר אונטערגעשטראָכן פראָסט.

דערמיט איז כאראקטעריסטיש אויך די נאָוועלע „דער האפן איז פרײַ" — א וואָכעדיקער שמועס פון א מוטער מיט א זון. עס הערן זיך אין דיִאלאָג די טאָגטעגלעכע געוויינלעכע דײַגעס, די מוטער איז ניט צופרידן, וואָס דער זון קומט צו איר, ווי איר דאכט, זעלטן. שולדיק איז, פארשטייט זיך, די שנור, און נאָך אנדערע טײַנעס. אָבער הינטער דעם אלעמען פילט זיך די גרויסע ליבע פון דער מוטער צו איר זון, עס פילט זיך דאָס קאָנקרעטע פונעם מענטשן, דעם געוויינלעכן מענטשן פון אונדזער צײַט.

ניט לאנג צוריק איז פריצײַטיק געשטאָרבן יעכִיעל פאליקמאן. זײַן לעצט ווערק איז געווען די נאָוועלע „די שטילסטע", וועלכע איז אָפגעדרוקט אין צענטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד".

פאליקמאן איז געווען א קינסטלער פון בוילעטע פארבן. ער האָט פריִער פאר אלץ געזען דאָס דערהויבענע אין לעבן. זײַענדיק אין טאָך א ראָמאנטיקער, איז ער אָבער ניט ארײַנגעפאלן אין אידיליע, אין סענטימענטאלער באנאליטעט פון די קאזיאָנע אָפטימיסטן, וועלכע פארמאכן די אויגן אף די ווידערשפרוכן און שוועריקײַטן פונעם לעבן. ווי אן עמעסער קינסטלער, איז ער ניט פעסימיסטיש און ניט אָפטימיסטיש, נאָר וואָרהאפטיק. אין זײַנע ווערק מאָלט ער מערסטנטייל געשעענישן און דערשײַנונגען, וואָס דראָען דעם מענטשן מיט קאטאסטראָפישע ניסיוינעס און אומגליקן. אין פײַערדיקן גלי פון די דאָזיקע אויספרוון פארהארטעוועט זיך דער מענטש און ווערט דערהויבן צום קאמף.

אין דער נאָוועלע „די שטילסטע" זײַנען פאראן אָט די אלע אייגנשאפטן פון פאליקמאנס שעפערישן אייגנארט. די העלדן פון דער נאָוועלע נעליא און זאכאר גייען דורך א ריי שווערע אויספרוון, ביז זיי זײַנען גיוווער די שוועריקײַטן און קעמפן אויס דורך אומדערמידלעכער ארבעט אן אָרט אינעם לעבן.

אין מאָזי קאָבריאנסקיס נאָוועלע „זײַ געזונט, מאמע!" איז ניט שווער צו באמערקן דעם אינהאלט און די אייגנארטיקײַטן, וועלכע זײַנען כאראקטעריסטיש פאר דעם שרײַבערס שאפן אינגאנצן גענומען. דער צענטראלער העלד פון קאָבריאנסקיס שאפן איז דער ארבעטס־מענטש, בא וועלכן דער זין פונעם לעבן איז די מי. דער אינסטינקט פון ארבעט, דער בארוף פון ארבעט איז בא קאָבריאנסקיס העלדן שטארקער, איידער אלע אנדערע געפילן, אפילע איידער די ליבע צו א פרוי, אפילע איידער די ליבע צו דער אייגענער מוטער. ארבעט איז דאָס גאנצע לעבן.

אָט די עטישע אידיי איז די צענטראלע אויך אין דער נײַער נאָוועלע קאָבריאנסקיס „זײַ געזונט, מאמע!". אנשעלע דער עקסקאוואטאָרשטשיק האָט זייער ליב זײַן געראָטענע מאמע אידי. אָבער די ארבעט ציט אים צו, ווי מיט א מאגניט. די ארבעט שלעפט אים ארום אין פארשיידענע שטעט און קאנטן. אָט איז ער אין מאגאדאן, אָט איז ער אין טאָמסק. און אָט האָט ער שוין אָנגעשריבן דער מאמען, אז אינגיכן וועט ער קומען צו איר אף שטענדיק. אָבער אין א קורצער צײַט ארום האָט די פאָטשט ווידער געבראכט אין שטוב דעם פופציקער, וואָס אנשעלע שיקט ארויס יעדן כוידעש, און דאָס איז א סימען, אז דאָס קומען אהיים צו דער מאמען לייגט זיך ווידער אָפ. און ווירקלעך, אנשעלע שרײַבט ווידער דער מאמען: „זײַ געזונט, מאמע!".

כאסקל טאבאטשניקאָווס נאָוועלע „די וועבערן" איז א פארקערפערונג פון א טיפישער דערשײַנונג אין אונדזער ווירקלעכקײַט. דער אווטאָר האָט געשאפן א בוילעט געשטאלט פון א וועבערן. זײַענדיק אן אגיטאטאָר אפן וואלבאצירק, גיט זי אָפ דער פליכט אלע אירע קויכעס און רופט ארויס בא די וויילער א ווארעמען געפיל און בא די, וועלכע נייטיקן זיך אין דעם, אן אופגעלעבטן אינטערעס צום ארום. דאָס איז באזונדערס צו זען אף די איבערלעבונגען פונעם מילכאָמע־אינוואליד אראמין. זי פירט צונויף אראמינען מיטן אינזשעניער פון דער פאבריק, דעם פארטאָרג אלעקסאנדער גריגאָריעוויטש בעליאיעוו, און עס ווײַזט זיך ארויס, אז ביידע זײַנען זיי גוטע פרײַנט נאָך פון די מילכאָמעיאָרן. וועגן אראמינען האָט בעליאיעוו געוווסט, אז ער איז אומגעקומען. און איצט איז אָט די אומגעריכטע באגעגעניש מיטן אלטן פרײַנט באזונדערס טײַער.

יויסעף בורג איז פאָרגעשטעלט אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" מיט דער נאָוועלע „די

קאַרדיאָגראַמע פון אַ וואָרעם האַרץ". ווי אין אַנדערע זײַנע ווערק, פילט זיך דאָ דער קויעך פון רעאַליסטיש געשילדערטע קאָליזיעס. מיר האָבן פאַר זיך עכטע נאָוועליסטישע פּראָזע, וואָס צייכנט זיך אויס באַזונדערס מיט אָנגעזעטיקטער עמאָציאָנעלער בילדערישקייט אין דער שפּראַך און אין דער גאַנצער דערציילערישער סיסטעם. אין דער נאָוועלע „די קאַרדיאָגראַמע פון אַ וואָרעם האַרץ" באַווירקט דעם לייענער דער סוזשעט, דער רירנדיקער פאַל, די מעסירעסנעפּעשדיקע האַנדלונג פון דעם יונגן כירורג, קאַפּיטאַן פון מעדיצינישער דינסט מירע איסאַקאָוונאַ שאַבקעוויטש, וועלכע ראַטעוועט דאָס ייִנגעלע אַנדרייקאַ. אָבער ניט בלויז דער אינהאַלט און דער סוזשעט רעגן אויף און רופן אַרויס טיפע איבערלעבונגען. וויכטיק איז דער אופן, וויאַזוי די געשעענישן ווערן געשילדערט, דער אייגנאַרטיקער סטיל, דער גאַנצער שפּראַכנוסעך פון בורגס פּראָזע.

האַגאַם יויסעף בורג איז אַן אויסגעשפּראָכענער רעאַליסט, פילט זיך אָבער אין זײַן אַרט דערציילן, אין זײַנע מיטלען פון שילדערן די טיפקייט, די סינטעטישקייט, איך וואָלט אַפילע געזאָגט די סימבאָלישקייט פון וואָרט און בילד.

וועגן בער האַלפּערנען האָט ניט לאַנג צוריק טרעפלעך געשריבן כאַיִם מעלאַמוד, וועלכער האָט, האַבנדיק אין זינען זײַן דערציילונג „דאָס גרויסע הויז", באַמערקט, אַז „דער שרײַבער האָט זייער געלונגען באַוויזן דעם גאַנג פון דורעס, דאָס פאַרשווינדן פונעם אַלטן, דעם געבורט פונעם נײַעם"[1]. אָט די אייגנשאַפטן פון האַלפּערנס שאַפן זײַנען כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר זײַן נאָוועלע „אַזאַ ליבע". האַלפּערן איז שטאַרק פאַרבונדן מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע.

„פון יאַנקל נעמזערן איז אַוועק דאָס ווײַב. אַוועק צום געזונטן רויטפּענעמדיקן לעב־יונג, וועמען אַלע האָבן גערופן יאָשקע שמײַסער, ווײַל זײַן פאָטער איז אַמאָל געווען אַ באַלעגאָלע. ער, יאָשקע, איז געווען אַ שאָפער פון אַ לאַסטמאַשין".

אַזוי הייבט אָן האַלפּערן זײַן נאָוועלע „אַזאַ ליבע". און שוין אין אָט דער עקספּאָזיציע, באַזונדערס אינעם גראָבלעך־פּלעבעיִשן שפּראַכנוסעך פילט זיך עפּעס פון איטשע־מייער ווײַסנבערגס ליטעראַרישן לאָשן. אָבער די פאַרבינדונג מיט דער טראַדיציע האָט ניט געשטערט בער האַלפּערנען צו שאַפן אַן אינטערעסאַנטע נאָוועלע פונעם הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן אַרבעטער־לעבן.

דער פּראָבלעם פון מענטשלעכער אויפירונג און טרײַהײַט דעם אינערלעכן געפיל פון מאָראַלישן כויוו איז געווידמעט אַלעקסאַנדער ליזענס נאָוועלע „אַ נאַכט אָן רו". אָט די פּראָבלעם פון עטישע און מאָראַלישע זוכונגען געפינען מיר אויך אין אַנדערע ווערק פונעם שרײַבער. אין דער נאָוועלע „אַ נאַכט אָן רו" איז די פּסיכאָלאָגישע קאָליזיע מער פאַרטיפט און פאַרשאַרפט.

דער נאָוועלע־נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" הייבט זיך אָן מיט אַן אַרײַנפיר — אַן עסעיִסטישער מיניאַטיור פונעם עלטסטן הײַנטצײַטיקן ייִדישן סאָוועטישן פּראָזאַיִקער, דעם אָנגעזעענעם פּראָזע־מײַסטער מוישע אַלטמאַן, און ער פאַרענדיקט זיך מיט אַן עסעיִסטישער נאָוועלע פון נאָטע לוריע „אַן אַקטועלע טעמע". מיט די אַרויסטרעטונגען פון אָט די צוויי באַוווּסטע פּראָזאַיִקער זײַנען ווי פאַרגאַנצט דער פאַרטראַכט און די פאַרווירקלעכונג פון דער געשטעלטער אויפגאַבע, וועלכע באַווײַזט איבערצײַגנדיק דעם אויפשטײַג פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער נאָוועלע.

---

[1] כאַיִם מעלאַמוד. די פּראָזע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1973 יאָר אין שײַן פון די פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקייט". „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 5, 1974, ז. 5.

אירמע דרוקער

איציק פעפער פון דער נאָענט

„אפן בוידעם שלאָפט דער דאך צוגעדעקט מיט שינדעלעך" — אזוי האָט דאָס פאָלקס־ליד פאָרגעשטעלט די שטעטלשע ארכיטעקטור.

א שטרויענער דאך איז געווען דער ערגסטער סימען — דאלעס...

און אָט אונטער אזא דאך, „אין א שטיבעלע, ווי אנדערע שטיבעלעך בא א שטויביקן שליאך", אין פארוואָרפענעם שטעטעלע „איז באם שטילן שפאָלער ייִדן", באם קאפצן־שעבעקאפצן — שאָלעם פעפער, וואָס האָט געקוקט אף דער וועלט דורך דורכזיכטיקע ברילן, געשריבן ליי־דער „און געלייענט זיי שעמעוודיק פאר יעדן", געבוירן געוואָרן „אין בעט אף א ציצענער ציך" א בעניאָכיד, וואָס האָט באקומען דעם בעניעכי־דיש־פארצויגענעם נאָמען איציק. מיט דעם נאָ־מען איז ער געוואקסן, געוואָרן א יאט צווישן יאטן, א סאָלדאט צווישן סאָלדאטן, א דיכטער צווישן דיכטער, וועלכער האָט פארנומען זײַן באזונדער אָרט אין דער אויסדערוויילטער מאכ־נע זינגער, וועגן וועלכע פערעץ מארקיש האָט זיך געהאט אויסגעדריקט, אז זי האָט „די וועלט פארטרונקען מיט געזאנג".

פעפערס גוטע, קלוגע אויגן דורך די דורכזיכ־טיקע ברילן־גלעזלעך זײַנען געווען „שטענדיק ווײַט געווענדט" און שטענדיק ארויסגעשטראלט מיט א באזונדער ווארעמקײַט. דער אָפּהילך פון פעפערס לאכן, באלאכן, אויסלאכן און מיטלאכן האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון זײַן פּאָנעם, קיינמאָל ניט אראָפּ פון זײַנע ליפּן.

— לאכן איז געזונט, — האָט געזאָגט שאָלעם־אלייכעם. „דער געלעכטער העלפט אין שלאכט", האָט צוגעגעבן פעפער.

פעפער האָט ליב געהאט מענטשן און איז שטענדיק געווען צווישן מענטשן. ער האָט דער־נעענטערט ווײַטע און נאָך נעענטער געמאכט נאָענטע. מיט א שמייכל, מיט א כאָכמע, מיט א וויץ האָט ער געקאָנט' פאנאנדערטרײַבן יעדע מין מאָרעשכוירע, לײַכטער מאכן אלץ, וואָס האָט אויסגעזען באזונדערס שווער.

אין איטאליע, אין דער קוראָרט־שטאָט נערווי, דערציילט מען, האָבן די קראנקע ניט געלאָזט צורו שאָלעם־אלייכעמען: מיט שאָלעם־אלייכע־מען איז פריילעכער צו קרענקען, שאָלעם־אליי־כעם איז די בעסטע רעפוע פון אלע רעפועס, די בעסטע פראָצעדור פון אלע פראָצעדורן.

אָט די מײַלע, ווי א סאך גרויסע מײַלעס, האָט פעפער געיארשנט בא שאָלעם־אלייכעמען. ניט אומזיסט האָט ער אים אָנגערופן „מײַן נאָענ־טער, מײַן טאטע".

א וואָכיקער טאָג מיט פעפערן איז געווען א יאָמטעוו, און א יאָמטעוודיקער טאָג — א צוויי־ענדיקער יאָמטעוו. מיט פעפערן איז פריילעכער געווען אפילע אומעטיק צו זײַן...

אין דער ליריש־עלעגישער ליד „אף דוירעס א דענקמאָל" — וועגן די ייִנגלעך פון די ייִדי־שע סאָוועטישע שרײַבער, וועלכע זײַנען אומ־געקומען אף די פראָנטן פון דער מילכאָמע — דערפילן מיר פעפערס היימישקײַט אין די שרײַ־בערשע היימען, דאָס ווייטעקן צוזאמען מיט די טאטעס און דאָס וויינען צוזאמען מיט די מא־מעס:

וועו ס'האָבן אײַך מאמעס געבוירן,
בין איך בא דעם יאָמטעוו געווען,
וועו ס'האָבן אײַך מאמעס פארלוירן,
האָב איך זייער אומגליק געזען...

איך האָב פאר אײַך נעמען געקליבן,
איך האָב אײַך אין וויגל געוויגט,
איך האָב מיט אײַך שפּאסן געטריבן,
געשפּילט זיך מיט אײַך און געקליגט.

דער וווקס פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטיאַ־בער־רעוואָליוציע איז געווען אזוי גרויס, אזוי פרוכטבאר, אז ער האָט גלײַך געגעבן א ווידער־וווקס. אונטער דעם נאָמען „ווידערוווקס" זײַנען טאקע דערשינען א ריי קליינע זאמלונגען און צווישן זיי איציק פעפערס „שפּענער" מיט דאָ־ווּיד האָפשטיינס אן ארײַנפיר־וואָרט. דאָס זײַ־נען געווען ניט די פליִענדיקע שפּענער פון אויסגעהאקטע ביימער, נאָר שפּענער־קערנער פאר א נײַעם פארזיי.

א שפּענדל צו א שפּענדל, און א בוים האָט זיך באוויזן, א בוים צו א בוים, און עס איז אויסגעוואקסן א היפּשער געדיכטער וואלד — א פעפער־וואלד.

אין 1924 איז דערשינען איציק פעפערס ראָ־מאנטיש־לירישע זאמלונג לידער „וועגן זיך און אזוינע, ווי איך". דאָס איז געווען דאָס וויזיט־קארטל, דער ארײַנגאנגס־בילעט אין איינע פון די ערשטע רייען, אף איינע פון די בעקאָוועד־דיקסטע ערטער אין מיזרעך־וואנט פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג.

די זאמלונג האָט געהאט גרויס דערפאָלג סײַ באם לייענער און סײַ בא דער קריטיק. אף די בינעס פון פארשיידענע קלובן, אין די שולן און לייענזאלן פון שטעט און שטעטלעך זײַנען ניט איין מאָל דורכגעלאָפן צוגן, וואגאָנען נאָך וואָ־גאָנען מיט פעפערס פאסאזשירן — די „בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס" און „הייסע יאטן", די „באָר־וועסע גרויע קינדער", ווען עס איז באשערט

געווען „דאָס נעכטיקע צעשיסן" און באַגעגענען דעם אופגאַנג פון א נײַער וועלט.

דער צוהערער האָט דערפילט דעם אומרו פון וועקן „די דרעמלדיקע טריט", פון טאָגן דאָרט, ווו ניט גענעכטיקט, און נעכטיקן דאָרט, ווו ניט געטאָגט, פון פאָרן, יאָגן, דעריאָגן, פון טעג אַזוינע הייסע און „טעג פון פראָסטן ווונדער".

פעפער האָט געהאַט א סאך צו זינגען, און ער האָט זײַנע לידער פאָרגעלייענט מיט אַן אײַליקן זיך טראַגנדיקן, יאָגנדיקן ריטם, גלײַך ווי ער זאָל ניט שטיין אף דער בינע, נאָר רײַטן אף א פערד, זיך וויגן און הוידען אין א וואַגאָן, לויפן מיט „די פיס, וואָס זײַנען גרינג און גיך", פארלויפן דעם וועג און האַלטן אין איין פארלירן „איין גרויסן שליאַך" נאָכן צווייטן.

פעפערס שטים איז געווען א שטילע, א ווייכע, מיט א לירישן טענאָר־טעמבר, מיט א מין באַזונדערס אייגנארטיקער, שפּאַסנדיק לאַכנדיקער קאָלאָראַטור. ס'איז גענוג געווען אירע ערשטע ארויסגעבראַכטע קלאַנגען, אַז ס'זאָל פארכאַפּן, צוציִען, פונקט ווי הערן א גוטע בסורע, א שיינעם ניגון, א פארכאַפּנדיקע ליד.

פעפערס א רעדע האָט שטענדיק פארכאַפּט דעם צוהערער ווי אַן אינטימער געשפּרעך, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט הויכער בילדערישקײַט, מיט וואַרעמע קלאַנגען, מיט פארבן און פארשיידנאַרטיקע אינטאָנאַציעס מיט מעשאָלים, נימשלס, מיט עקספּראָמטישע קאַלאַמבורן, מיט וויצן און שפּאַסערײַ, מיט שמייכלען און געלעכטער, און ווען און ווו עס איז נייטיק געווען, האָבן אין פעפערן א רעד געטאָן ווי אין זײַן שרײַבן, ביידע זיידעס צוזאַמען — דער זיידע מענדעלע און דער זיידע מאָריס ווינטשעווסקי, די סאַרקאַסטישע בײַסיקײַט פון היינע און פּושקין.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז ליטעראַטור און קונסט געוואָרן דאָס אייגנס פון די ברייטע פאָלקסמאַסן. יעדער שרײַבער — מיט זײַן באַזונדערער ריכטונג, און יעדער לייענער מיט זײַן „פּאַר", מיט זײַן „קעגן" — מאַיאַקאָווסקין איז קעגנגעשטעלט געוואָרן יעסענין, האָפּשטייניסטן האָבן ניט געהויזט מיט די מאַרקישיסטן און נאָך מער מיט די פעפעריסטן.

„איזמען" אף „איזמען!" — און גערעכט איז געווען איינער א דיכטער, וואָס האָט געזאָגט, אַז די צײַט האָט באַוויזן, אַז „איז מען, איז מען, האָסטו — ביסטו, ביסטו — גיסטו. האָסטו ניט — ביסטו ניט, גיסטו ניט..."

אָט אין דער צײַט, אין 1923, בין איך פון טשערנאָביל געקומען קיין קיִעוו. דער יעיצערהאָרע פון זינגדיקן מיט דער פּען, וואָס האָט זיך גענומען פּיקן אין מיר נאָך אין די ייִנגלשע יאָרן, האָט זיך אין דער גרויסער שטאָט געלאָזט פילן נאָך שטאַרקער, די טײַוועס צו פּאַפּיר איז געוואַקסן, און דער רייעך פון טינט האָט מאַמעש פארשיכּורט.

מײַן בכאָר (די גרעסטע פרייד און דער גרעסטער ווונדער פון דערזען צום ערשטן מאָל שוואַרץ אף ווײַס דײַן אייגענעם נאָמען אויבן איבער דײַנע אייגענע שורעס...) איז געווען געדרוקט אין קאָמיוגישן זשורנאַל „יונגוואַלד" און האָט געהייסן „דער ווונדער־פויגל". מײַן ווונדער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן ווונדער פון די אײַנוווינער אין א פארוואָרפענעם דערפל, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל דערזען דורכפליִען אַן עראָפּלאַן.

דעם בכאָר מײַנעם איז לאַנג ניט אויסגעקומען צו זײַן א בעניאָכיד, אף די שפּאַלטן פון פארשיידענע צײַטונגען האָט זיך אַלץ אָפטער גענומען ווײַזן מײַן נאָמען.

איך בין געוואָרן א מיטגליד פון דער קיִעווער ליטעראַרישער סטודיע, א וויקועכניק צווישן וויקועכניקעס, א שטרײַטנדיקער צווישן די שטרײַטנדיקע. אין מײַן האַרצן האָבן געלעבט בעשאָלעם מאַיאַקאָווסקי און יעסענין, איך האָב ברייט געטעמט מיט מאַרקישן, געקאָנט אף אויסוויינעניק האָפּשטיינען און הייס פארטיידיקט פעפערן.

דער ווידערוווּקסניק פעפער האָט ניט אופגעהערט ארויסקוקן אף א נײַעם צוווּקס, און קלאָר, אַז מײַן נאָמען איז אים שוין געווען באַקאַנט און פארעגיסטרירט אין צעטל פון די צוגעקומענע.

אף איינעם א ליטעראַרישן אָוונט, געווידמעט אָשער שוואַרצמאַנען, האָב איך גענומען א וואָרט. פעפערן איז געפעלן געוואָרן מײַן ארויסטרעטונג. ער האָט מיר געדריקט די האַנט און, גוטמוטיק שמייכלענדיק, מיך געקרוינט אַלס רעדנער — סאַרא געמבע איר פארמאָגט!

ווען פעפער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך לערן זיך זינגען, איז ער געוואָרן נאָך גוטמוטיקער און נאָך שמייכלענדיקער. אים האָט שטאַרק האַנאָע געטאָן, וואָס ער האָט גלײַך געלייגט אַכט אף מײַן געמבע, ער האָט זיך ניט אופגעהערט כאָכמענען און באַשפּילן דאָס וואָרט „גאָלאָס" — אַז מע פארמאָגט אַזאַ „גאָלאָס" איז מען שוין ניט קיין „לישענעץ", האָט מען „פּראַוואָ גאָלאָסאַ". מיט אַזאַ „גאָלאָס" איז מען שוין באַוואָרנט, אַז דער צונג וועט ניט זײַן אין „גאָלעס"...

אָט אַזוי, אַדאַנק אָשער שוואַרצמאַנען, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיט איציק פעפערן.

עס זײַנען דורך יאָרן, און מיר איז באַשערט געווען זיך א סאך מאָל באַגעגענען מיט פעפערן אין קיִעוו, כאַרקאָוו און אין אָדעס, דורכמאַכן מיט אים א ריי רײַזעס איבער פארשיידענע שטעט, ווו איך בין ארויסגעטראָטן מיט פאָרטראָגן וועגן זײַן שאַפן.

אומעטום און שטענדיק האָט פעפער פארהיט אין זיך די העלדישע מידע פון זײַנע „יאַטן" — „קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד", ער האָט געקענט „דערמונטערן דעם דרעמל", „דערוואַרעמען די קעלט", פאַנאַנדערבלאָזן דעם „שטענדיקן פונק אין האַרצן".

פעפער האָט זיך קיינמאָל ניט צעשיידט מיט זײַן יוגנט און שטענדיק פאַרלאַנגט פון איר:

יוגנט מײַנע, יוגנט,
לאָמיר לויפן ווײַטער.

לויפן „צום אייביק גרינעם וואַלד", וווּ דער מענטש ווערט ניט אַלט.

וועט מײַן האַרץ ניט ווערן גרוי,
וועט מײַן וואָרט ניט קילן,
וועט אין וועג דער קאַלטער טוי
מײַן געזאַנג ניט שטילן.
אויב כ'וועל מוזן אַלט שוין זײַן,
וויל איך אַלט זײַן ווי דער ווײַן.

פאַרהיטנדיק אין זיך די יוגנט, האָט פעפער מיט דעם פאַרהיט דעם אומופהערלעכן וווּנדער פון שטענדיק זיך געפינען אויף דער זוניקער זײַט, פון שטענדיק זײַן פאַרליבט און פון שטענדיק האַלטן אין אַראָפּנעמען איין דיכטערישע גערעטעניש נאָך דער צווייטער.

אין קיִעוו האָט זיך אין 1928 געגרייט דער אַלמאַנאַך „ווּסספּ" (דערשינען אין 1929). איך בין געקומען צו פעפערן, דעם רעדאַקטאָר פונעם אַלמאַנאַך, זיך דערוויסן וועגן גורל פון מײַן גרעסערער דערציילונג „אין סטעפּ", אין וועלכער עס איז געשילדערט געוואָרן די איבערוואַנדערונג פון די ייִדישע שטעטלשע מאַסן אויף די כערסאָנער סטעפּעס, בישכײנעס מיט די אַלטע ייִדישע קאָלאָניעס, מיט די אַלטע דאָר־דורותדיקע ייִדישע פויערים. ווי נאָר איך בין אַרײַן, איז פעפער מיר גלײַך געלאָפן אַנטקעגן מיט דער גוטער בסורע — ס'גייט! ס'גייט!

ער איז געווען שטאַרק מיד — ערשט געקומען פון אַ שרײַבער־פאַרזאַמלונג און געדאַרפט גיין אויף אַ זיצונג פון דער שרײַבער־פאַרוואַלטונג, אַזוי אַז ער האָט געמוזט אויף אַ ווײַלע זיך אָפּרוען, אָבער טאַקע בלויז אויף אַ ווײַלע, ווײַל גלײַך נאָך דעם האָט ער גענומען רעדן וועגן דער וויכטיקײַט פון דער ערד־טעמע אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, אין וועלכער ער, פעפער, האָט שפּעטער אויך אַרײַנגעטראָגן זײַן היפּשן כיילעק:

ס'איז אונדזער טראָט און אונדזער וואָרט
אויף ברעגן פון אמור.

ביראָבידזשאַן איז ווײַט, נאָר פאַר דעם, וואָס טראָגט די היים אין זיך, זײַנען ניטאָ קיין ווײַטקייטן. פעפער האָט באַזונגען די בירע, דעם ביראַקאַנער מירמל, דעם „לאַנדאָקער לאַנדיש", „אָפּגעשפּילט „אַ ביראָבידזשאַנער פריילעכס" און אָפּגעהוליעט „אַ כאַסענע אין ביראָבידזשאַן".

איציק פעפער איז געווען היימיש מיט דער ערד גלײַך באַם שטעלן זײַנע ערשטע „פּראָסטע טריט". און וואָס מער ער איז געגאַנגען און געטראָטן אויף דער ערד, אַלץ ליבער און נעענטער איז זי אים געוואָרן. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אָבער בעסער געזאָגט, אַזוי נאָענט, אַז פעפער האָט געבעטן די ערד, זי זאָל אים ניט אירצן — „זאָלסט זײַן מיט מיר אויף דו, און נאָר אויף דו".

דער ערדישער פעפער האָט געמאַכט אַרום מײַן ערדישער דערציילונג אַ היפּשן קרײַז און באַוויזן ווי ערדלאָז עס איז געווען די ייִדישע ליטעראַטור ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע... אַז עס איז ניטאָ קיין ערד, איז אויך ניטאָ קיין הימל; אַז עס איז ניטאָ פונוואַנען זיך אָפּצושטויסן און אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן, בלײַבט מען הענגען אינדערלופטן. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט דעם הימל אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, און די ערד דערהויבן צום הימל.

איציק פעפער איז געווען ניט בלויז דער רעדאַקטאָר פון מײַן דערציילונג „אין סטעפּ", נאָר אויך דער רעדאַקטאָר פון דער מערהײַט קריטישע אַרטיקלען מײַנע וועגן אונדזערע יונגע שרײַבער. פעפער האָט געהאַלטן, אַז שרײַבן וועגן אַ יונגן ליטעראַטאָר, וואָס האָט זיך נאָך ניט אויסגעפורעמט און אויסגעשטאַלטיקט, איז אָן אָן ערעך קאָמפּליצירטער און שווערער, ווי שרײַבן וועגן אַ באַוווּסטן, אָן אַרומגערעדטן און באַשריבענעם פון אַלע זײַטן.

שרײַבן וועגן אַ יונגן הייסט זאָגן דאָס ערשטע וואָרט, קיינעם ניט איבערכאַזערן.

פעפערס בריוו אַלס רעדאַקטאָר פון די זשורנאַלן „פּראָליט", „פאַרמעסט" און „סאָוועטישע ליטעראַטור" זײַנען קיינמאָל ניט געווען קיין אָפיציִעלע, קיין טרוקענע, רעדאַקטאָריש דיקטירנדיקע — אַזוי און אַזוי און ניט אַנדערש. שטענדיק האָט פון זײַנע בריוו געווייעט מיט כאַווערשאַפט, מיט פרײַנטשאַפט, מיט הומאָריסטישער באַהאַרצטקײַט.

פעפער האָט זאָרגזאַם נאָכגעשפּירט נאָך יעדן טראָט מײַנעם — סײַ אין דער קריטיק און סײַ אין דער פּראָזע. מיט זײַנעם אַ רעקאָמענדיר־בריוו בין איך אָנגעקומען צו ווינען אין אָדעס, וווּ עס האָט זיך אָנגעהויבן מײַן „רעדנער־קאַריערע". ווען נאָטע לוריע האָט זיך באַזעצט אין אָדעס, איז ער געוואָרן דער שטענדיקער פאָרזיצער פון די ביז גאָר אָפטע ליטעראַרישע אָוונטן אין פרעסע־הויז, אין קולטור־הויז, אין דער אַקאַדעם־ביבליאָטעק, אין די פּילצאָליקע קלובן. און ווי קאָן דאָס זײַן אַ פאָרזיצער, אויב קיינער זאָגט ניט דאָס אַרײַנפיר־וואָרט? האָט ער מיך טאַקע יאָרנלאַנג געהאַלטן אין איין „אַרײַנפירן".

איציק פעפער האָט אין איינעם אַ שמועס געקרוינט נאָטע לוריען אַלס באַלשאַכריס און מיך אַלס באַלמוסעף[1].

פון דער האַנאָע צו באַטיטלען מיט שפּאַסיקע טיטלען, צולייגן אַ נאָמען, אים איבערקערן אויף דער לינקער זײַט, באַשפּילן און באַגראַמען פאַר־

[1] באַלשאַכריס — דאָס איז דער, וואָס זינגט אויס באַם אָמעד די אינדערפרי־יקע שאַבעס־ און יאָמטעוו־טפילעס אַלס אַרײַנפיר צו די וויכטיקסטע און צוגאָב־טפילעס נאָכן לייענען די טוירע. אויף צו זײַן אַ באַלשאַכריס האָט מען ניט באַדאַרפט האָבן קיין שטים. אויף צו זײַן אַ באַלמוסעף האָט מען באַדאַרפט באַהערשן די מעלאָדיִעס פון פאַרשיידענע ליטורגישע קאָמפּאָזיטאָרן.

מיליעס, האָט זיך פּעפּער קיינמאָל ניט געקאָנט אָפּזאָגן, ער האָט עס גערן געטאָן אַפילו מיט זיך אַליין.

איינמאָל נאָך מיינער אַ שאַרפער אַרויסשטרעטונג קעגן אַ „כיריק־בען־כיריק״, וואָס האָט ניט געקאָנט מוחל זײַן פּעפּערן פאַר זײַן פּראָסטקייט און פאַרשטענדלעכקייט, האָט פּעפּער וויציק זיך אַ שפּיל געטאָן מיט זײַן אייגענער פאַמיליע — איר האָט פײַן אַרײַנגעפּעפּערט, היפּש צעקײַט דעם רויטן פּעפּער און באַוויזן, ווו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט...

פון לוסטדאָרף (איצטיקע טשאָרנאָמאָרקע) באַם סאַמע ברעג פון שוואַרצן יאַם, ווו פּעפּער פלעגט זומער אָפּרוען מיט זײַן הויזגעזינד, האָב איך אַלע טאָג באַקומען פון אים אַ לוסטיק, איר ציק־וויציק־שפּיציק בריוול.

די אָדעסער זון, דער שוואַרצער יאַם, די מורזע, וואָס האָט ניט גערוט אַפילו אין דער צײַט פון רו, האָבן געגנערט פּעפּערס פריידיקן הומאָר, זײַנע שפּאַסן און וואָרט־שפּילערײַען.

„ס'איז דאָך עפּעס אַן אונטערשייד פון אַן עפּל, וואָס איז נאָרוואָס מיט דײַנע אייגענע הענט אַראָפּגעריסן געוואָרן פון בוים, פון אַ רעטעכל און אוגערקעלע, נאָרוואָס אַרויסגעשלעפּט פון בייט, ווי עס קויפן אויפן מאַרק. ס'איז גאָר אַן אַנדער מאַרע, און אַן אַנדער טאַם, עס שמעקט ניט מיטן רייעך פון טאָפּנדיקע, צײַלנדיקע און צאָלנדיקע פינגער, נאָר מיטן רייעך פון אייץ האַכאַים, פון מאַסיי ברייִשיס״.

אין יעדן בריוו אַ גרוס פון זײַן שאָכן, דעם יאַם, און אַלע מאָל אַ נײַע מײַלע, אַ נײַער שוואָך מיט אַ נײַעם נאָמען.

„אַזוי פיל יאָרן, נעבעך, אַז ער ווערט פאַרשוואַרצט, פאַרוואָס קומט עס אים, אַז ער איז גאָר קיין שוואַרצער ניט? ער בײַט זײַנע פאַרבן און זײַנע קלאַנגען, ער האַלט זיך אין איין אויסטאָן און אָנטאָן אין די סאַמע פאַרביקסטע קליידער ווי אַ שיינע פרוי, וואָס וויל שטענדיק און אומעטום געפעלן ווערן״.

דער זינגעוודיקער און קלינגענדיקער פּעפּער, דער מײַסטער פון ליטעראַציעס־שפּיל האָט זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן פון דעם יאַמיקן רויש, פון דעם כוואַליע־אָרקעסטער. אַן אָרקעסטער פון וואַסער, אויף דער וואַסער און אין דער וואַסער, און זײַנע גערוישן און מעלאָדיעס זײַנען קיינמאָל ניט וואַסערדיק, אויף אונדזערע שרײַבער געזאָגט געוואָרן.

און האָט דער כוואַליע־אָרקעסטער איבערגעכאַפּט די מאָס און איבערגעפּיצקעט די צײַט, האָט פּעפּער זיך געקאַעסט אויפן גרויסן קײַסן — וואָס איז ער אַזוי מאָלע רעציכע! וואָס צאָרנט ער אַזוי, אַז די פּינע רינט פון אים?

ווער טשעפּעט אים? די זון וואַרעמט אים, די לעוואָנע באַסטעזשקעט אים מיט זילבערנע טעפּיכער און סטעזשקעס, און די הימלען הערן ניט אויף איבערלאָדן און אויסשיטן פון זיך אין אים זייערע שטערן. איז נאָך וואָס פעלט אים?

אין אַלעמענס צײַטן איז ער געווען און אין אַלעמענס צײַטן וועט ער זײַן. ווײַזט אויס, אַז מ'פאַרמאָגט שוין די אייביקייט, איז גלײַך ווי קיין אייביקייט איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

לאַנג אין קאַס זײַן אויף זײַן שאָכן האָט פּעפּער ניט געקאָנט. ס'איז גענוג געווען, דער יאַם זאָל שטיל ווערן און די שטילקייט זאָל נעמען פאַר אים שפּילן מיט אַלע שטילקײַטן, מיט אַלע טיפקײַטן, אַז פּעפּער זאָל ניט קאָנען געפינען קיין גענוג וווּנדער אויף אים צו באַוווּנדערן. דער יאַם האָט בײַ אים דאַן געהייסן דער „שווײַגנדיקסטער שווײַגער״, „דער סאָד פון אַלע סודעס״, „די שטילע טויב״, „דער דרעמליאַק״, וועלכער פאַרדרעמלט אַלע די, וואָס לאָזן זיך פאַרוויגן פון זײַן שטילקייט.

צווישן אַלע פאַרגלײַכן האָט אויך ניט אויסגעפעלט דעם זיידנס פאַרגלײַך — „דאָס טינטערל״. דער זיידע מענדעלע איז טאַקע געווען אַ כאָכעם, ווען ער האָט פאַרגליכן דעם יאַם צו אַ טינטערל. פאַר אַזאַ גרויס איז ניטאָ קיין גרויס, ווער רעדט שוין פון גרעסערס אויף צו פאַרגלײַכן מיט אים?

אַ טינטערל איז טאַקע די פּאַסיקסטע מאָס, מ'קאָן אין אים טינקען און טינקען און ניט דערגיין צו זײַנע גרונטן און טיפן. וויפל שעטעכן, וויפל יאַבאָשע און יאַמען קאָן מען אַרומכאַפּן מיט איין טינטערל?

אַ הייסער טאַמוזדיקער טאָג. פּעפּער גיט אָפּ דעם גערעכט ביאַליקן — אַלץ ברענט! אַפילו דער יאַם. איז ווו זשע נעמט מען וואַסער אויף צו לעשן אַזויפיל וואַסער? די צעהיצטע כוואַליעס און אָדעמס ווילן אָבער פון דעם ניט וויסן, גלײַך פון בריק אין וואַסער אַרײַן. אַ שווימערײַ, באַגלייט אונטער די קלאַנגען פון הילכיקע אויסגעשרייען, איבערופן און פּליעסקערײַען, אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף, אַ יאַם מיט הענט, וואָס לאָזן זיך פאָרויס, און אַ יאַם מיט פיס, וואָס דריגען און לויפן נאָך. ווי נאָכן בלויען פויגל אין דער הייך און ווי נאָכן פּערל אין דער טיף פון יאַם, יאָגט מען זיך נאָך און מ'זוכט דאָס טראָפּנדל קעלט. ווי, וואָס, ווער, ווען, אַז דער יאַם אַליין, נעבעך, וואָלט זיך מעכײַע געווען זיך אָפּפרישן אין אַ קיל ביטל, נאָר ווו נעמט מען אַזאַ ביטל, אַז דער יאַם זאָל זיך קאָנען אָטכײַען, זיך פּליעסקען און זיך קוויקן — אײַ גוט! טאַם־גאַניידן!

אַ בסורע, פול מיט אויסרופצייכנס! „— איך, איציק פון שפּאָלע, אין דער פישער־ראָליע! פון הײַנט אָן און ווײַטער געהער איך שוין צו די כעווורע פון צוויי פייען — פּעפּער אַ פישער! פיש האָט ליב פּעפּער און פּעפּער האָט ליב פיש. איז בעט איך אײַך, הײַעט ניט, קומט גלײַך צו פאָרן אויף דער דאַטשע פאַרזוכן די פריש־צאַפּלדיקע סקומבריעס, וואָס ראָכיל האָט געקויפט אויפן מאַרק בעזיל־האַזאָל. אַזאַ טעווע איז שוין בײַ איר — שטענדיק האַנדלט זי מעציִעס״...

בריוו, פול מיט געזאַנג וועגן לײַבער, וואָס „ווערן פול מיט שײַן, שטאַרק ווי ווײַן״. בריוו — קאַריקאַטורן וועגן גראָבלײַביקע, גראָבהויטיקע, שטענדיק זיך פּאַשענדיקע און שטענדיק מאַלעגיירעדיקע, וואָס פאַרשטעלן מיט

זייערע נימעסע גופים די זון, אַלע שיינקייטן פון דער וועלט.

בריוו אַף בריוו, און אין אַלע האָב איך געהייסן ווי איך הייס, ווי מ׳האָט מיר אַ נאָמען געגעבן. און אָט איך איינעם אַ שיינעם טאָג בין איך מעגולגל געוואָרן אין „יערעמיי״. אַ שטערנדל באַם „יערעמיי״ האָט מיר אין די אונטערשטע שורעס פונעם בריוו דערקלערט, פאַרוואָס עפּעס פּלוצעם אַ נײַער נאָמען. „אירמע האָט צוויי פײַנע און גוטע גראַמען — שירמע און פירמע מיט צוויי זייער גוטע מיינען — זײַן שטענדיק אָן אָפּענער זעקס און זעכציק, קיינמאָל ניט פאַרשטעלט, און שטענדיק האַלטן הויך די פירמע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. נאָר וואָס זײַנען צוויי גראַמען, ס׳איז דאָס זעלבע ווי צוויי ציגל, זיי מעגן זײַן די בעסטע און די שטאַרקסטע, וועט איר קיין הויז פון זיי ניט אויסבויען. און טאַקע דערפאַר וועט איר פון הײַנט אָן און ווײַטער הייסן „יערעמיי״. קומט וואָס גיכער צו פאָרן אין לוסטדאָרף, וועלן מיר ווי געהעריק אָפּמערקן דעם יערעמיי־יאָמטעוו״. אפן צווייטן טאָג באַקום איך פון פעפערן אַ בריוו מיט אַ צוגאָבנאָמען „יערעמיי יערעמייעוו״. אפן דריטן טאָג מיט אַ נײַעם פאָטער־נאָמען — „יערעמיי יערעמייעוו יערעמייעוויטש״. די אָדעסער כאַווײרים, פרײַנט און נאָענטע האָבן מיר שוין אַזוי און ניט אַנדערש גערופן. אַזוי און ניט אַנדערש פלעג איך אונטערשרײַבן מײַנע בריוו.

אין אונדזער אײַליק לויפנדיקער צײַט האָבן „יערעמייעוו״ און „יערעמייעוויטש״ ניט געהאַט קיין אריכאס־יאָמים, אָבער „יערעמיי״ איז פאַרבליבן. ביז צום הײַנטיקן טאָג זײַנען נאָך דאָ אייניקע פאַרבליבענע כאַווײרים און פרײַנט פון יענע גליקלעכע אָדעסער יוגנט־יאָרן, וואָס רופן מיך ניט אַנדערש ווי יערעמיי.

שטענדיק און אומעטום, פון אַלעמען און פון אַלץ, אַפילע פון עמעצנס אַ גרעסטער נאַרישקײַט האָט פעפער עפּעס וואָס אָפּגעשפּאָרט פאַר אַ נײַער כאָכמע, פאַר אַ נײַער שפּיל, פאַר אַ נײַעם געדאַנק, פאַר אַ נײַער ליד.

אַף איינעם אַ ליטעראַרישן אָוונט אין ניקאָלײַעוו האָט איינע אַ מאַדאַם פּירגעהאַלטן פעפערן, האַלעמײַ ער טראָגט צוויי פאַמיליעס — איר זײַט דאָך פּערעץ, איז צוליב וואָס האָט איר עס באַדאַרפט איבערזעצן אַף ייִדיש און אויך הייסן פעפער?

— איך צעבײַט זיך ניט, איך פאַרבײַט זיך ניט, — האָט פעפער דערקלערט דער מאַדאַם. — פעפער איז מײַן אָריגינעלע, עמעסע און ניט איבערגעזעצטע פאַמיליע. און פּערעץ, ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ, איז דער ריז און קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, דער אָדלער, באַ וועמען מיר, סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, לערנען זיך פליִען.

דאָס אָנהירן די פּערעץ־סטרונע האָט ניט געלאָזט צורו פעפערן, ער האָט ניט געקאָנט שלאָפן און מיך ניט געלאָזט שלאָפן, און מיר ביידע צוזאַמען האָבן אָפּגעריכט אין האָטעלצימער אַ „ליטעראַרישן פּערעץ־באַנאַכט״.

אין יענער שלאָפלאָזער נאַכט איז באַ פעפערן געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן „אַ ווענדונג צו פּערעצן״, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין 1948 יאָר. פעפער ווענדט זיך צו פּערעצן ניט ווי צו אַ מענטשן, „וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן פון דער שווינדלענדיקער ערד״, נאָר ווי צו אַ מענטשן „פון אונדזער דאָר, וועמענס כאָלעם ס׳איז געוואָרן זײַן וואָר״...

אין זײַן „ווענדונג צו פּערעצן״ פאַריכט פעפער דעם לינקאַטשיש־ראַפּפישן פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען בענעגייע ביאַליקן. ער דערזעט דעם גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער אין מיזרעך־וואַנט צווישן די אָוועס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ער דערזעט אים אַלס איינעם פון די וויכטיקסטע רינגען אין אונדזער גאָלדענער קייט:

ווען איך זאָל צו דיר ניט קומען,
ביסטו קיינמאָל ניט אַליין.
ס׳קוקט אַף דיר אווראָם גאָלדפאַדן
און פאַרשטייט דײַן טיפן מיין;
ס׳זיצט לעבן דיר שאָלעם־אַלייכעם,
כ׳זע אים פון דער רעכטער זײַט,
כ׳זע אויך מענדעלען דאָ זיצן,
כ׳זע דאָ ביאַליקן ניט ווײַט.

אָדעס האָט זיך געגרויסט און הערט זיך ניט אויף צו גרויסן מיט דעם, וואָס פּושקין האָט געטראָטן אַף איר ערד, וואָס זי איז געוואָרן דער פרוכטבאַרער באָדן, אַף וועלכן עס זײַנען אויסגעוואַקסן אַ ריי אָנגעזעענע סאָוועטיש־רוסישע שרײַבער.

אָדעס איז אויך אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי איינע פון אירע סאַמע וויכטיקסטע און באַדײַטנסטע צענטערס. אין אָט דער דאָרעם־שטאָט האָט העכער דרײַסיק יאָר געלעבט און געשאַפן דער זיידע פון דער ייִדישער ליטעראַטור מענדעלע מויכער־ספאָרים, האָט געשאַרפט זײַן סאַטיריש געווער און געוואָרפן זײַנע גיפטיקע פײַלן ייִצכאָק־יויעל לינעצקי, אַף קאַנאַטנאַיאַ, 36, האָט פון 1831 ביז מײַ 1833 געוווינט שאָלעם־אַלייכעם. דעם געטרײַען אייניקל האָט שטענדיק געצויגן קיין אָדעס צום זיידן. ער האָט זיך אַפילע געהאַט אויסגעדריקט, אַז ער גייט אויס נאָך אָדעס, אַז אָן אָדעס איז ער אַ מעס.

ניט ווייניקער פאַרליבט אין אָדעס איז אויך געוועזן כאַיִם־נאַכמען ביאַליק. אין 1906, ווען שאָלעם־אַלייכעם איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ביאַליק אין זײַן געזעגענונגס־בריוו צו אים געשריבן: „נישטאָ אַזאַ גוטע שטאָט ווי אָדעס! קער זיך אום וואָס גיכער קיין אָדעס! קיין אָדעס!״

דער צענטער פון די אַלטע, פון די גרונטלייגער, איז באַשערט געווען אין די דרײַסיקער יאָרן צו ווערן דער צענטער פונעם נײַעם ווידערוווּקס (בוזי אָליעווסקי, נאָטע לוריע, אײַזיק הובערמאַן, פײַוול סיטאָ, כאָנע ווײַנערמאַן, מאָטל גרוביאַן, אווראָם גאָנטאַר, שמועל העלמאַנד, ש. לאָפּאַטין אאַ.).

נאָכן גרויסן קלאַסישן סיום, אַ נײַער אָנהייב פון די סאָוועטישע אור־אורייניקלעך. און ווידער האָט זיך געלאָזט הערן פון אַלע זײַטן — קיין אָדעס! קיין אָדעס! איצט האָבן די אור־אורייניקלעך געצויגן צו זיך קיין אָדעס די עלטערע שעפער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. אַ גאַסט נאָך אַ גאַסט! עס האָט ניט איין מאָל געטראָפן, אַז אין איינעם און דעם זעלבן טאָג, ווען מ׳האָט באַגלייט איין שרײַבער, האָט מען באַגעגנט אַ צווייטן. אַן אָוונט נאָך אַן אָוונט, אַ באַגעגעניש נאָך אַ באַגעגעניש, אַ באַנקעט נאָך אַ באַנקעט. יוגנט האָט פײַנט מאַפסיק זײַן!

און וואָס מער ליטעראַרישע אָוונטן, אַלץ פול געפּאַקטער זײַנען געווען די זאַלן. איינער פון די סאַמע אָנגעלייגטסטע און אָפטע געסט אין אָדעס איז געווען איציק פעפער.

פעפער איז קיינמאָל ניט געקומען קיין אָדעס מיט ליידיקע הענט, ער האָט קיינמאָל ניט געלעבט אַף פּראָצענטן פון דעם שוין פון לאַנג געשאַפענעם, אַזוי אַז מ׳האָט קיינמאָל ניט באַדאַרפט איבערכאַזערן און זאָגן וועגן אים דאָס שוין לאַנג געזאָגטע.

עלטער מיט אַ יאָר — רײַכער מיט אַ ווערק, רײַכער מיט אַ נײַעם סאַכאַקל, מיט אַ נײַעם אָנהייב. פעפער איז שטענדיק געגאַנגען מיט דער צײַט. אַלע אירע ענדערונגען, נײַע ווענדונגען, אָנהייבן און עטאַפּן, האָבן געפונען זייער אָפּקלאַנג אין זײַנע לידער.

דער „יאַט פון די יאַטן" איז נאָכגעגאַנגען און מיטגעגאַנגען מיט „די וואַכיקע יונגען מיט האַמערס, מיט שטאָל און מיט גלויבן", קעדיי צו לייגן „אַ שטיין צו אַ שטיין", פאַנאַנדערבלאָזן די „געפונענע פונקען", זיך אַראָפּלאָזן אין די טיפן פון די שאַכטעס אַף אויסצוגעפינען נײַע „פּלאַסטן".

דעם דיכטער טוט ווײ פאַר מענאַכעם־מענדלס לעצטן פּרווו אין די יאָרן פון „נעפּ" אַ פּאַכע טאָן מיט זײַנע צעבראָכענע פליגלען, און דער דיכטער פרייט זיך מיט מענאַכעם־מענדלס אַראָפּלאָזן זיך אַף דער ערד און בלײַבן פעסט שטיין אַף איר.

אַ וועלט מיט סאָנים, און פעפער ווערט ניט מיד צו וואַרפן זײַנע „פײַלן אַף מײַלן", סײַ אין זײַן דיכטונג און סײַ אין זײַנע סאַטיריש פּאַמפלעטישע עסייען, קעגן די לאָשנהאָרעניקעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דער אָנלאָד פון טעמעס, דער איבערלאָד פון מאָטיוון האָבן זיך געניייטיקט אין אַ פאַרברייטערונג פון די זשאַנרען, אין דעם איבערגאַנג צו די עפּישע שילדערונגען, און פעפער פּרוּווט אינעם איינצלנעם יאַט פאַרקערפּערן די יאַטן, און אינעם איינצלנעם יונג די „וואַכיקע יונגען", די יאָמטעוודיקע בויער פון דער נײַער סאָציאַליסטישער וועלט.

„אין גרויסע גרענעצן" (1939) גיט זיך פעפערן אײַן בעשאָלעם איבערגיין די גרענעץ פון דער ליריק צו דער עפּיק. דורך די הויפּט־העלדן יוניק און דינע ווערט געוויזן די אופגעריכטקײַט פון די שטעטלדיקע ייִדישע מאַסן.

ביז דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע באַגלייט פעפערן אומעטום אין אַלע זײַנע זשאַנרען די ראָמאַנטיק און די העראָיִק פונעם בירגערקריג. בירגערקריג — דאָס איז אַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן, קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט ווערן, ווי עס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן און זיך ניט אויסשעפּן דאָס רומפולע העראָיִשע קאַפּיטל פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

יעדע ווענדונג צו אָט די צוויי מילכאָמע־פּעריאָדן איז ניט קיין אויסדרוק פון מאַנגל אין דער הײַנטצײַטיקער טעמע, נאָר פאַרקערט — איר פאַרברייטערונג, איר פאַרטיפערונג. סײַ דער בירגערקריג און סײַ די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע דינען ווי אַ שטויס־קראַפט, ווי אַ בײַשפּיל, ווי אַ רוף צו זײַן הײַנט ענלעך אַף די נעכטיקע און אייערנעכטיקע לעגענדאַרע העלדן.

ווער עס האָט גאָרניט, איז קיינעם און גאָרניט שולדיק. פעפער האָט פאַרמאָגט אַ סאַך, און ער איז שטענדיק געווען אַ באַלכויוו, וואָס האָט צו דער צײַט געצאָלט זײַנע כויוועס.

צווישן די אַנטלײַער און דעם באַצאָלער איז געווען אַ פעסטער און ענגער קאָנטאַקט. דאָס האָט דאָך ער, איציק פעפער, דערהויבן דעם „יאַט", ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט דערהויבן דעם „אַמכאָ"... „דער בראַווער יאַט", „דער יאַט מיט ביינער" האָט זיך אין שטעטל געפונען אַף דער „שוסטערשער און שנײַדערשער גאַס", צווישן שמידן, סטאָליערס, טרעגער און באַלעגאָלעס. בײַ די ייִכעס־לײַט, בײַ וועמען אַ שוסטער און אַ שנײַדער איז געווען אַ פלעק אין דער מישפּאָכע, האָט אַ קינד געהייסן — „אַ טאַטנס אַ קינד", „אַ באַלעבאַטיש קינד", „אַ סטאַטעטשנע ייִנגל". און נאָך דער כאַסענע איז יעדער איינער פון זיי געוואָרן „אַ זײַדענער יונגערמאַנטשיק".

„די סטאַטעטשנע און זײַדענע יונגעלײַטלעך" האָט פעפער געווידמעט זײַן סאַטירע, ער האָט אין זיי אײַנגעזען די כיריקס־ און בניי־כיריקס, וואָס זײַנען פול „מיט ליבע צו טויטע געזעצן":

זיי זיצן און זינגען אַליין זיך אַ לויב
מיט געלע אַרכיווישע בליקן,
עס זאָל זיי געלונגען מיט פּינטעלעך שטויב
דעם אָטעם דעם הייסן דערשטיקן.

„יאַט" איז געווען דער טאָך פון פעפערס „וועגן זיך און אַזוינע, ווי איך", דער שעמדאָווער פון די, וואָס זײַנען „האַנט צו האַנט און פּלייצע צו פּלייצע, פוס צו פוס און שינעל צו שינעל" אַף אַלע שלאַכטן געווען, דאָס נעכטיקע צעשאָסן און פאַרן הײַנט און פאַרן מאָרגן מיט געזאַנג אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס.

„יאַט" איז געוואָרן דער העכסטער ייִכעס, דאָס צאַרטסטע און באַליבטסטע וואָרט. „יאַט" האָט פאַרביטן דאָס וואָרט „געליבטער" און „יאַטעכע" — דאָס וואָרט „געליבטע". „מײַן יאַטעכע!"

די אָדעסער יאַטן און יאַטעכעס, די סטודענטן פון די ייִדישע טעכניקומס, פּראָפשולן, אַרבפאַקן

האָבן געקענט פּעפּערס א סאַך לידער אױף אויסווייניק, זיי געזונגען און דעקלאַמירט. איך פּלעג אױף טשיקאַוועס, באַם ציטירן אין מײַנעם א פֿאָרטראַג די אָדער יענע פּעפּערס ליד, איבעררײַסן מיט א פּאַוזע, ווי איך וואָלט פֿאַרגעסן — „אין צעריסענע רעקלעך און שיך, איך...״ — און גלײַך האָבן זיך פֿאַרשיידענע שטימען געטראָגן פֿון אַלע זײַטן:

„איך האָב אױף פּלויטן געשריבן מײַנע לידער
וועגן זיך און אַזוינע, ווי איך״.

איך שטעל זיך אָפּ באַם „הייסן בלוט און הייסן לײַב״, ווי איך זאָל זיך אָפּבריִען דעם צונג. און פֿון אומעטום:

„כ׳בין אומעטום
א הייסער קאַמסאָמאָלעץ
מיט יונגע
זינגעוודיקע טריט״.

און האָט פּעפּער גענומען לייענען זײַנע לידער האָבן זיך באַשטעלונגען געטראָגן פֿון אַלע זײַטן:

— „דאָרט באַם גרענעץ!״
— „באַם יאַם!״
— „צווישן בערג!״
— „עליעס טויט!״
— „האָט לענין געזאָגט!״ אאַוו. אדגל.

איציק פּעפּער האָט געהאַט א סאַך, זייער א סאַך פֿרײַנט, ער האָט אָבער אויך פֿאַרמאָגט א היפּש ביסל פֿײַנט פֿון פֿאַרשיידענע קאַליברען.

די געטראָפֿענע פֿון זײַנע „פֿײַלן אױף מײַלן״ זײַנען אָנגעפֿאַלן אױף זײַן פֿאַרטיישקײַט, אױף זײַן איִדיישער צילגעווענדטקײַט, אױף זײַנע פּאָשעטע רייד און פּראָסטע טריט. און מיט דעם איז צו דערקלערן, וואָס פּעפּער האָט ניט בלויז אין זײַנע עסייען און פּאָלעמישע אַרטיקלען, נאָר אויך אין זײַנע לידער, מער ווי ווער־עס־איז א צווייטער אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, אַטאַקירט, פּאָלעמיזירט, פּאַרטייִדיקט און פֿאָרמולירט זײַן שעפֿערישן מעטאָד, זײַן שעפֿערישן גאַנג.

איך האָב ליב, ווען לידער זײַנען פּראָסט.

און אויב „פּראָסטקײַט איז פֿאַר אײַך פּראָסט״, טאָ זאָל כאָטש קלאָרקײַט זײַן, ווײַל נאָר די, וואָס זײַנען אַליין פֿאַר זיך ניט קלאָר, קאָנען ניט ריידן קלאָר פֿאַר יענעם.

פּעפּערס פּראָסטקײַט איז ניט די פּראָסטקײַט פֿון קליינע האָסאַגעס, זי איז באַהויכט מיטן וווּנדער פֿון דעם נײַעם וועלט־באַשאַף, מיט לענינס וווּנדער, וואָס איז אַזוי פּאָשעט, קלאָר און דערהויבן:

ס׳איז דאָ אַזויפֿיל פּראָסטער לענינס וווּנדער.

פּראָסטע רייד, טויזנט מאָל גערעדטע און טויזנט מאָל געהערטע, דאָס איז אָפּגעריבענער מינץ. פּראָסטע רייד, וואָס זײַנען וואָכעדיק, פֿאַרמאָגן ניט די פֿליגלען פֿון שווּנג, זײַנען ניט קיין דיכטערישע רייד, ניט קיין רייד פֿון דער נײַער וועלט, פֿון דעם נײַעם מענטשן.

דערגרייכן די פּאָשעטקײַט, וואָס איז ענג צוזאַמענגעבונדן מיט לענינס וווּנדער, איז ניט אַזוי לײַכט, ס׳איז דער אויפֿשטײַג אױפֿן העכסטן באַרג.

עפּעס דאַכט זיך דיר אַוואַדע,
לידער וועגט מען אױפֿן פֿונט,
כ׳בין זיך מוידע־אומיסוואַדע,
אַז עס קומט מיר אָן מיט בלוט...

אָ, מײַן ברודער! ס׳קאָסט מיר טײַער,
וויפֿל ס׳קאָסט מיר — האָט די ווערט,
זײַן פֿאַרשטענדלעך, ווי דאָס פֿײַער,
ריַין, אומענדלעך, ווי די ערד.

פּעפּער האָט קיינמאָל ניט איבערגעקערט דאָס וואָרט קאַפּויר, קיינמאָל ניט געמאַכט, אַז דאָס וואָרט זאָל זיך אַליין ניט דערקענען. ער האָט קיינמאָל ניט באַנוצט קיין באַפֿליגלטע מעליצע. שטענדיק און אומעטום האָט ער דורכן פּאָשעטן און געוויינלעכן וואָרט אויסגעדריקט די געדאַנקען און געפֿילן פֿון זײַן צײַט.

די שוואַרצע ברילן־זעער האָבן ניט געקאָנט דולדן פּעפּערס אָפּטימיזם — סע הייסט: ניט נאָר זײַן וואָרט איז באַרוועס, נאָר אויך זײַן האַרץ... און פּעפּער האָט אױף דעם געענטפֿערט, אַז דער, וואָס איז באַרויגעז מיט זײַן צײַט, מיט זײַן דאָר, קאָן זײַן קידער־ווידער מיט זיך אַליין, אָבער דער געבוירענער, דער געקומענער, דער אַרויסגעוואַקסענער און אַרײַנגעוואַקסענער אין זײַן צײַט, אין זײַן דאָר, ווערט ניט אַרײַנגעכאַפּט אין די נעצן פֿון אַצוועס, פֿון אויסוועגלאָזן טרויער.

דאָס הייסט אין קיין פֿאַל ניט, אַז פּעפּערן איז פֿרעמד טרויער, צאַר און ווייטעק. באַם שטעלן זײַנע ערשטע פּראָסטע טריט האָט ער געמאָלדן:

ווער א יאָט איז — דאַרף זײַן גרייט
אי פֿאַר טרויער, אי פֿאַר פֿרייד.

דאַרף זײַן גרייט אומקומען פֿאַרן נײַעם לעבן. און ווי דער טויט זאָל ניט זײַן העראָיִש, באַשײַנט און פֿאַרבונדן אין איין קנופּ מיטן לעבן, איז טויט דאָך טויט, איז ער דאָך טראַגיש („עליעס טויט״).

פּעפּער דערפֿילט „דעם ערשטן פּריצײַטיקן וויי״ פֿון זײַן טעכטערל, ווען זי צעברעכט איר טינטער:

שווער איז דעם ווייטעק דעם ערשטן
באַנעמען,
ווערסט האָבן נאָך פֿריידן, ווערסט האָבן נאָך
קלעמען
א סאַך.

די טרערן פֿון די מאַמעס, וואָס האָבן פֿאַרלוירן זייערע קינדער, פֿינקלען אין זײַנע אויגן, דער צאָרן קעגן פֿאַשיסטישן סוינע גיסט זיך

בא אים צונויף מיטן טיפן צאַר פאַר די אומגעקומענע, און ער שרײַט אויס זײַן גרויזאַמען: „וויי מירן!”

פעפער האָט שטענדיק געוווּסט, וואָס ער וויל און וואָס אַנדערע ווילן פון אים, ער האָט קיינמאָל דעם דיכטערישן קאַמערטאָן ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, זיך ניט אַראָפּגעשלאָגן פון ריכטיקן טאָן, געזונגען מיט זײַן אייגענער, נאַטירלעכער שטים.

אָט דאָס אַלץ איז בא די פײַנשמעקער אויך פאַרעכנט געוואָרן צווישן פעפערס כעסרוינעס און דיכטערישע זינד, מ׳האָט אים ניט אויפגעהערט אויפצוואַרפן, אַז ער ווייסט איינדערפרי, וואָס ער וועט טאָן באַנאַכט, ער ווייסט מיט א שאָ פריִער, וואָס ער וועט רעדן מיט א שאָ שפעטער. אַלץ כעסרוינעס פון דעם מין, אַז די קאַלע איז צו שיין...

די כיריקס־ און בניי־כיריקס פון פאַרשיידענע זײַטן און פון פאַרשיידענע ריכטונגען האָבן אויך געפרוווט צונעמען בא פעפערן זײַן נאַציִאָנאַלן פאַספּאָרט — דאָס סאָציִאַלע, דאָס אינטערנאַציִאָנאַלע האָבן, הייסט עס, „אײַנגעשלונגען” בא אים דאָס נאַציִאָנאַלע.

פעפערס שאַפן האָט באַוויזן פונקט דאָס פאַרקערטע... בא זײַנע ערשטע דיכטערישע אַנטפלעקונגען רעדט ער מיט שטאָלץ וועגן זײַן שטאַם, וועגן זײַן שטעטלשער היים, וועגן זײַן שפאָלער ייִכעס. „די באָרוועסע גרויע קינדער”, די „הייסע יאַטן” און די „בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס”, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַף די גרויסע וועגן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, זײַנען אַלע באַצייכנט מיטן קליינשטעטלדיקן כיין. און ווען פעפער בעמט אויסטיילן די איינצלנע, וואָס פאַרקערפּערן אין זיך דעם קאָלעקטיוו, זײַנען עס די עליעס, די יאָסלס, די יוניקס און דינעס.

די ליבע צו פושקינען, צו טאַראַסן, צו טיטשינען, רילסקין און סאָסיורען פאַרשטאַרקן נאָך מער בא פעפערן די ליבע צו מענדעלען, צו פערעצן, צו שאָלעם־אַלייכעמען, צו די אָוועס פון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור, צו ייִדיש, וואָס איז „דורכגעגאַנגען אַלע נויטן, בײַגעקומען אַלע טויטן”.

פעפער שטאָלצירט, וואָס „ייִדיש איז א שפראַך, ווי אַלע”. זי וואַנדערט מער ניט „פון כיסלאַוויטש קיין ליובאַוויטש”. „ייִדיש כאַווערט זיך מיט סלאַוויש” און אָטעמט מיט אַלע ברייטקײַטן פון לאַנד. פעפער פרייט זיך מיט דער אויפגעריכטקײַט פון די ייִדישע מאַסן — „און ייִדן טאַנצן, זינגען הײַנט, ווי אָט די פויגלען פרײַ”.

מיטן טיפסטן ריס אין האַרצן באַוויינט פעפער דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, כאַסאַנים און קאַלעס, קינדער פון זײַן פאָלק. עס שרײַט אין אים דער דאָר־דוירעסדיקער טרויער, די ווירדע, דער שטאָלץ פון נעקאָמע:

מײַן אורזיידע וואָלט די מאַלבושים צעריסן,
מיט אַש זײַנע קרויזן באַקרוינט וואָלט מײַן זיידע,
און איך האָב געיאַרשנט דעם שטאָלצן געוויסן,
דעם אַש און דעם טרויער פון ביידע, פון ביידע.

מײַן אורזיידע וואָלט אַף די שײַטערס געצאָרנט,
א שווערד אין די הענט וואָלט גענומען מײַן זיידע,
און איך האָב געיאַרשנט דורך טויזנטער יאָרן
די שווערד און דעם צאָרן פון ביידע, פון ביידע.

סאָוועטישער בירגער, סאָוועטישער פאַטריאָט, מענטש און ייִד זײַנען בא פעפערן קיינמאָל ניט געווען אָפּגעטיילט, דאָס סאָציִאַלע און אינטערנאַציִאָנאַלע האָבן שטענדיק גענערט און געקרעפטיקט אין אים דאָס נאַציִאָנאַלע. אין זײַן „עפיטאַפיע” זאָגט אָן פעפער, אַז מ׳זאָל שטענדיק אים אַלס אַזאַ געדענקען, מ׳זאָל וועגן אים זאָגן:

„ער איז געווען א מענטש, ער האָט זײַן
פאָלק געדינט”.

דאָס לאַנד איז נאָך געלעגן אין רויִנעס, עס האָבן נאָך געשטיקט די רויכן פון סרייפעס, פון קרעמאַטאָריעס, פון פאַרניכטונג. דער ניצאָכן איבערן פאַשיזם, וואָס האָט געקאָסט אַזויפיל לעבנס, אַזויפיל בלוט און טרערן, האָט שוין געהאַלטן אין פאַנאַנדערצינדן נײַע, ליכטנדיקע וואַרעמע פײַערן און צעשיקט די פריידיקסטע בסורע, אַז דאָס לעבן קערט זיך אום:

ווען ס׳גייט א געזונטער, געלאַסענער רויך,—
א סימען: ס׳פאַרהיילן זיך וווּנדן.

דער סאָוועטישער לעכאַיִם האָט גויוער געווען דעם פאַשיסטישן לאַמאַוועס. אין „אַלע אומעטומען” האָט גענומען „שמעקן מיט גאַנצפרי, מיט פרישע ברעטער, מיט געשמאַקער ליים”.

אין נאָיאַבער 1945 האָב איך זיך אין מינסק דעמאָביליזירט פון דער סאָוועטישער אַרמיי, זיך פאַרהאַלטן א לענגערע צײַט אין מאָסקווע ביז מײַנע בנייבאַיִס וועלן זיך אומקערן פון דער עוואַקואַציע.

מיט פעפערן האָב איך זיך געטראָפן אין פאָיע פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.

— דרוקער! אוי, דרוקער! — האָט פעפער אויסגעשריגן און עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט מײַן נאָמען אין פאַרשיידענע וואַריִאַנטן — אירמע! אוי, אירמע! ייִרמעיאַהו! יערעמיי! יערעמייעוו! יערעמייעוויטש!

מיר האָבן זיך פעסט אַרומגענומען, און טרערן זײַנען גערינען פון די אויגן.

ס׳איז געווען אַזויפיל צו ריידן, אַזויפיל צו דערציילן, און מיר זײַנען ווי אָן לאָשן געבליבן, קיין וואָרט ניט. מיר זײַנען געשטאַנען איינער אַנטקעגן צווייטן און געשוויגן ווי אין

אַן ערן־קאַראַול. מיר האָבן באַערט די אומגע־ קומענע העלדן, די געטרײַע זין און טעכטער פון פאַרשיידענע פעלקער, וואָס האָבן מיט זייער טויט געראַטעוועט דאָס לעבן, די וועלט...

פאַר אונדזערע אויגן זײַנען דורכגעגאַנגען די מוירדים פון דער וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָבן פאַרן קאָוועד פונעם פאָלק ווי לייבן זיך געשלאָגן מיט די פאַשיסטישע מענוּוואָלים, זיך געשלאָגן ביזן לעצטן אָטעם, ניט האָבנדיק קיין שום אויסזיכט פאַר זיך, קיין שום אויסוועג.

זיי בלאָנקען אַרום ווי געקעפּטע נעוויִים,
מיט קרוינען פון רום אַף די קעפּ די
געקעפּטע —

אַף אויסצושרײַען און אַרײַנשרײַען אין די קו־ מענדיקע צײַטן פאַר די קומענדיקע דוירעס דעם שרעקלעכסטן וויי־געשריי וועגן די זעקס מיליאָן ברידער און שוועסטער פון אונדזער פאָלק, וועלכע זײַנען געטויט געוואָרן מיצאַד די ברוינע פאַשיסטישע כײַעס.

מיר האָבן שטיל אין זיך געזאָגט ייִזקער און געציילט די ליבע און טײַערע נעמען פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט אהיים צו זייערע שרײַבטישן, ניט דערלעבט דעם טאָג פון ניצאָכן.

און פלוצעם האָט א לויכט געטאָן פּעפּערס ליבער שמייכל, און עס האָט זיך דערהערט דאָס נאָכמר־נאָכמר־וואָרט „אַפּסנײַ!"

אין נאָכעס, וואָס קומט אונדז אַנטקעגן אַפּסנײַ,
אין פרײַנטשאַפט, וואָס וואַרט אַף די וועגן
אַפּסנײַ...

— אַפּסנײַ! — האָט פּעפּער באַטאַפּט מײַן שי־ נעל, מיך באַקוקט פון אַלע זײַטן און פאָרגע־ זעצט, — אָט מיט די ביגדיי קעהונע, מיט אָט די סאָלדאַטישע בגאָדים, ווידער צום שרײַב־ טיש, ווידער אַף דער בינע, ווידער א באַלמור־ סעף! און אויב עס וועט אויספעלן א באַלשאַכ־ ריס, איז מעג אײַך אָנשטיין א באַלשאַכריס זײַן. נאָר זאָל גאָט שוימער אומאַציל זײַן, מיט אָט די הייליקע בגאָדים, מיט אָט די ביגדיי קעהו־ נע־אויסשרײַען דעם איי־איי־געשריי פון נילע, פון נאָך אַלעמען. ניין, ניט נאָך אַלעמען, נאָר אַפּסנײַ! אַפּסנײַ!..

דאָס איז געווען די לעצטע באַגעגעניש מיט איציק פּעפּערן. מער האָב איך אים שוין ניט געזען.

בראָנק

געליינט אין דער צייטונג „פּראַוודאַ"

פאַר אײַערע ביכער

דער קינסטלער גערשן קראַווי־ צאָוו האָט פאַרענדיקט אַן אַרבעט איבער נײַע עקסליבריסן (ביכער־ צייכנס). אַף איינער פון די גראַ־ ווירן איז באַוויזן אַן עפּיזאָד פו־ נעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד דעם 25 אָקטיאַבער 1917 אין פּעט־ ראָגראַד, אַף א צווייטער גראַ־ וויור — א פּייזאַזש פון דער בײַ־ קאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. די דאָ־ זיקע צייכנס וועלן אויסגענוצט ווערן אינעם רעוואָליוציע־מוזיי פון פּססר און אין די ביבליאָטעקן פון „באַם" (בײַקאַל־אַמורער מאַ־ גיסטראַל).

„די בלעטלעך פון די עקסלי־ בריסן זײַנען גאַנץ קליינע, אָבער די וועלט, וועלכע זיי אַנטפּלעקן, איז קאָלאָסאַל" — אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט דער לעטלענדישער דיכטער יאַן סודראַבקאַלן. און בעמעס, די טויזנטער קינסטלע־

רישע ביכער־צייכנס (עקסליבריסן) זײַנען אַן אייגנאַרטיקע ענציקלאָ־ פּעדיִע, וועלכע באַווײַזט די אינ־ טערעסן און די געדאַנקען־וועלט פון די סאָוועטישע מענטשן. עקס־ ליבריסן האָבן געשאַפן אַזעלכע באַרימטע מײַסטערס, ווי יע. לאַנ־ סערע און ק. סאָמאָוו, וו. פאַוואָר־ סקי און א. קראַווטשענקאָ. דער מאָסקווער קינסטלער א. קאַלאַש־ ניקאָוו האָט אַף די צווישנפעל־ קערלעכע עקסליבריס־קאָנקורסן באַקומען עלף פּרעמיעס.

עס וואַקסט בא אונדז די צאָל קאָלעקציאָנערן פון קליינער גראַ־ פיק און ס'ווערן אָרגאַניזירט קלובן פון עקסליבריסן־זאַמלער. די קינסטלער שאַפן קסילאָגראַ־ פיעס און לינאָ־גראַווירן, סוזשע־ טישע אַפּאַרטן, געווידמעט יובי־ ליי־דאַטעס, וויכטיקע עפּאָכעס אין אונדזער לעבן.

יאַ. ביילינסאָן

אַף דער פאָטאָ: איינע פון ג. קראַווצאָווס גראַווירן.

■ ■ ■

קינסטלער טאנכום קאפלאן

לענינגראד

א רעגנדל (1928)

א יינגל (1933)



זשלאָבין (1949)



אפן טײַך (1940)

דער אָבאָז (1934)



באם אָפענעם פענצטער (1940)

דער גאָרטן (1949)





זאַיר אַזגור

דאָס, וואָס ס'געדענקט זיך

דער באַוווּסטער סאָוועטישער סקולפּטאָר, פֿאָלקס־קינסטלער פֿון פֿסס״ר, מיטגליד פֿון דער קונסט־אַקאַדעמיע פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד זאַיר אַזגור איז אַלט געוואָרן 70 יאָר. אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער דאַטע פֿאַרעפֿנטלעכן מיר פֿראַגמענטן פֿון זײַן בוך „דאָס, וואָס ס'געדענקט זיך".

אין וואַרשטאַט פֿון מײַן פֿרײַנט

פֿאַרוווּנדערט, טעפּער, נאָך די הענט דײַנע איך שפּיר:
די ליים זיי קנעטן, פֿורעמען, גלעטן אָן אַ שיר,
די פֿײַכטע מאַסע איז געווען אַמאָל אַ לעבעדיקער וועזן,
און איצטער ווידער לעבנס־פֿײַער הויכסט אַרײַן אין איר.

אַמאַר כאַיאַם

אין דער כאָרעווער שטאָט איז אַלפּי־נעס גאַנץ געבליבן די געבײַדע פֿון אונדזערע וואַרשטאַטן. אהער האָבן, ווי צו אַ וואַרעמער נעסט, זיך אַ צי געטאָן די קינסטלער. די מילכאָמע האָט אונדז צעשיידט, און ניט אַלע האָבן זיך דאָ איצט פֿאַרזאַמלט. מע האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט די לײַוונטן און אַרויסגענומען די פּענדזלען, פֿאַריכט די וואַרקשטאַטן. מיר האָבן גענומען אַרײַנגיין איינער צום אַנדערן, מע איז געזעסן און געריי־כערט און פֿײַנלעך געשוויגן. אויך איך האָב געשוויגן. ס'האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז מיר איז אויסגעטיילט געוואָרן דער וואַרשטאַט, אין וועלכן עס האָט פֿאַר דער מילכאָמע געאַרבעט דער פֿאַרדינסטפֿולער קונסט־טוער פֿון ווײַסרוס־לאַנד אַוורהאָם בראַזער. אין דער אַרומרינגלונג פֿון זײַנע שילער האָט ער שטענדיק אין מײַנע אויגן אויסגעזען, ווי אַ דאָרפֿישער לערער אָדער ווי אַ וואָזשאַק פֿון אַ כאָפּטע יונגעלײַט.

מיר האָט זיך פֿאַרגעדענקט איינער פֿון אָט דער כאָפּטע — זאַלמען זאַלצמאַן. עפּשער דערפֿאַר, וואָס זײַן לערער איז געווען באַגײַסטערט פֿון די געמעלן פֿון אָט דעם אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטפֿולן שילער, וועגן וועלכן ער האָט גערעדט אַזוי, ווי ער וואָלט אַנטדעקט עפּעס אַזוינס, וואָס ביז אַצינד האָט די וועלט ניט געזען. יאָ, קיינער האָט אַזוי זיך ניט געקענט פֿריי־ען מיט אַ „פֿרעמדן" דערפֿאָלג, ווי בראַזער. און ער פֿלעגט אויך אונדז אָנשטעקן מיט אָט דער פֿרייד. זאַלמען זאַלצמאַן האָט אין אַזעלכע פֿאַלן זיך געריוויטלט, געהאַלטן אין איין איבערבלע־טערן זײַנע געמעלן און עפּעס געמורמלט אונ־טער דער נאָז. פֿון בראַזערס ווערטער איז, דאַכט זיך, ליכטיקער געוואָרן ניט נאָר אין וואַרשטאַט, נאָר אויפֿן האַרצן — ער האָט געבענטשט דעם אופֿקום פֿון אַ נײַעם טאַלאַנט! און זאַלמען איז טאַקע געווען אַ גאָט געבענטשטער טאַלאַנט.

איצט בין איך געשטאַנען אינמיטן דעם וואַר־שטאַט און האָב קוים אײַנגעהאַלטן די טרערן. אָט דאָ, לעבן אָט די פֿענצטער, האָט געאַרבעט דער גרויסער קישעפֿמאַכער — בראַזער! אין אָט דעם צימער. פֿון אונטער זײַנע ווונדערלעכע הענט זײַנען אַרויסגעקומען צויבערדיקע קונסט־ווערק — אין יעדן פּאָרטרעט, וואָס ער האָט אויסגעקלעפּט, האָט ער אַרײַנגעהויכט אַ שטיק פֿון זײַן נעשאָמע. און אָט איז מער שוין ניטאָ אויף דער וועלט דער סקולפּטאָר בראַזער.

ניטאָ? איז ווער זשע שטייט עס אַלץ פֿאַר מײַנע אויגן — אַזאַ ליבער, אַזאַ האַרציקער, אַזאַ שמייכלענדיקער? נו יאָ, ס'איז ער, בראַזער! מיט אַ שמייכל פֿלעגט ער באַגעגענען יעדן איינעם,



וואָס האָט זיך געטראָפן אין זײַן וועג, און די אויגן זײַנע האָבן ארויסגעשטראלט אָן א שיר גוטסקײַט, אויב אפילע ס'איז אײַך שווער געווען אפן הארצן, האָט איר גלײַך פארגעסן אין אײַערע צאָרעס.

אווראָם בראזער איז געווען א סקולפּטאָר־מאָנומענטאליסט. ער האָט געוווּסט דעם סאָד, וויאַזוי צו באווײַזן א מענטשלעכן כאראקטער. בראזערס ווערק האָבן ניט איבעראַשט מיט זייער אויסערלעכער „ענלעכקײַט" אָדער מיט אן עפעקטפולן „פּאָטשערק". ניין, ער האָט געשטרעבט קוידעמקאָל איבערגעבן די אינערלעכע טיפקײַט פונעם געשטאלט, די דינאמיק פון געדאנק, און דאָס איז געווען א לעבעדיקער אויסדרוק פון הארמאָניע, אין וועלכער דער אינהאלט און די פאָרם גיסן זיך נאטירלעך צונויף אינײנעם.

ביז איצט געדענק איך זײַן סקולפּטור־פּאָרטרעט פון סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוון. בראזער האָט באוויזן די אינטעלעקטועלע רײַכקײַט פון אָט דעם מענטשן, וועלכער האָט בא אונדז אלע ארויסגערופן היספּײַלעס. קיראָוו — אזא, ווי אים האָט געשאפן בראזער — האָט באצויבערט מיט זײַן מענטשלעכקײַט.

בראזערן דעם סקולפּטאָר האָט געהאָלפן בראזער דער מאָלער. געמאָלט האָט ער מיט טינט. דעם טינט פלעגט ער צערײַבן מיטן פינגער און דערנאָך ערשט פאריכט מיט דער פען. אים האָט ווייניק געקימערט, צי דער געשטאלט האָט זיך באקומען מיט אלע אייגנטימלעכע שטריכן — דעריקער איז געווען אנטפּלעקן דעם אינהאלט פונעם מענטשן. און זוכנדיק אָט דעם אינהאלט, האָט ער אָפּגעוואָרפן איין פאפיר־בויגן נאָכן אנדערן, ביז ער האָט ניט געפונען עפּעס אזוינס, וואָס קיין שום אָפּטישער מאכשיר איז ניט בעקויעך צו באמערקן. אזוינס, וואָס נאָר דאָס באַגײַסטערטע אויג פונעם קינסטלער קאָן דערזען. בראזער האָט ליב געהאט די זעונג, וואָס שטאמט פון טאלאנט און מי, און פײַנט געהאט טאכלעססינע אומבאהאָלפנקײַט, וואָס דעקט זיך צו מיט פאלשער נאָוואטאָרישקײַט.

איינמאָל בין איך צו אים ארײַנגעקומען — טאקע אין אָט דעם צימער — און האָב אים געטראָפן א צערודערטן. ער האָט געשפּאנט אהין און צוריק, ניט אראָפּלאָזנדיק דעם בליק פונעם ווערקשטאט. „אויסגעצייכנט, אך ווי אויסגעצייכנט!" — האָט ער געהאלטן אין איין איבערכאזערן, קוקנדיק אפן מענטשן, וואָס ער האָט נאָרוואָס, אפּאָנעם, פארענדיקט צו קלעפּן. איך האָב אויך א קוק געטאָן און בין דערשטוינט געוואָרן: עפּעס איז אין אָט דעם פּאָרטרעט געווען אזוינס, וואָס האָט אים געמאכט ניט ענלעך אף קיינעם פון אונדז. א געדיכטע שעוועליורע, דורכדרינגלעכע אויגן און שטראלנדיקע צארטקײַט... „דאָס דארף זײַן א דיכטער!" — איז דורכגעלאָפן א געדאנק. און איך האָב ניט געהאט קיין טאָעס.

דאָס איז געווען איזי כאריקס פּאָרטרעט.

קלעפּן אזא דיכטער איז זייער ניט לײַכט. דאָס אויסדריקלעכע געזיכט זײַנס האָט אָפּגעשפּיגלט א יאם מיט שאטירונגען פון געפילן, אלע ענדערונגען פון דער שטימונג, וואָס איבערגעבן קאָן מען בלויז אין פּאָעטישע שורעס. און אזא איז טאקע געווען כאריק — אן אומגעצוימטער אין געפילן, פול מיט ברויזנדיקער לײַדנשאפט און באנאנד דערמיט — אָן א שיר צארטקײַט.

ס'איז יעדערן געגעבן פול און פיל,
און יעדערן נאָך קראפט פון אייגן גלויבן.
ווער עס קען — זאָל ווײנען אינדערשטיל.
ווער עס האָט א שווײַגנדיקן דיל,
און איך — א הארץ מיט זומערדיקע שויבן...

אָט די ליד כאריקס האָב איך ערשט שפּעטער געהערט — אף דעם דיכטערס אָן אָוונט. געלייענט האָט כאריק ווונדערלעך: ווי אויסגעטאָן זיך פון דעם גאנצן ארום, האָט ער שוין געזען ניט נאָר די אאודיטאָריע, נאָר אומענדלעכע ווײַטן, וועלכע האָבן זיך פלוצעם פאר אים צעעפנט. שײַן — בליקן אפן געזיכט האָבן צוגעגעבן אים באוועגלעכקײַט און סקולפּטורשליימעסדיקײַט. און די אויגן! זיי האָבן אזוי געברענט, ווי די פּאָעטישע שורעס וואָלטן צו אים געקומען אָט אצינד — ער זעט זיי, ער כאפּט זיי מיטן בליק און לייענט... ביז הײַנט קלינגען זײַנע געטאָקטע פערזן, באזונדערס זײַנע „קײַלעכדיקע וואָכן": כאריק לאכט, כאריק קוועלט, כאריק בייזערט זיך, און ווען ער מאכט אפילע א פּאוזע, דוכט זיך, אז עס קלינגט נאָך אלץ זײַן שטים...

נאָר דעמלט, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען דעם דיכטערס פּאָרטרעט בא בראזערן, האָט זיך בא מיר געשאפן אן אײַנדרוק, אז מיר זײַנען אין ווארשטאט אינדרײַען, — פונקט, ווי די ליים וואָלט פארהיט ניט נאָר כאריקס אויסערלעכע שטריכן, נאָר אויך זײַן שטים, זײַנע באוועגונגען. „ער האָט מיך אויסגעמוטשעט. אָ, ווי ער האָט מיך אויסגעמאטערט!" — האָט בראזער געזאָגט, און איך האָב פארשטאנען, אז

ווירקלעך — אזא „נאטור" איז פייניק צו צווינגען דעם קינסטלער לאנג זיך מוטשען, ביז ער וועט ניט אָפזוכן דעם איקער, דעם הויפטשטריך פונעם געזיכט. אפילע די ליפן כאריקס פלעגן ווערן אָט דיקלעכע, פריילעך־קאפריזע, אָט דינע און צאָרנדיקע — אלץ איז געווען אָפהענגיק פון דעם, וואָס פארא פאָעטישע שורעס האָבן אים אין דער דאָזיקער מינוט באהערשט. און אליין דאָס פאָנעם — אָט האָט זיך עס אויסגעצויגן, און אָט איז עס פארקײַלעכיקט געוואָרן. דער סקולפטאָר אָבער האָט געדארפט „פאקן" דעם סאמע נייטיקן שטריך אין דער שטימונג פונעם דיכטער — אזוי, אז דאָס זאָל זײַן טאקע כאריקס געזיכט.

ווען דער פאָרטרעט איז פארענדיקט געוואָרן, זײַנען מיר נאָכאמאָל זיך צונויפגעקומען אינעם ווארשטאט. און ווידעראמאָל האָבן געקלונגען לידער. ווען כאריק אליין וואָלט דאָ ניט בײַגעווען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז דאָס קלינגען זיי פונעם ווערקשטאט.

אווראָם בראזער האָט, פארשטייט זיך, געהאט זײַן אייגענעם מעטאָד אין דער ארבעט, א שטרענג־אינדיווידועלן. ער האָט שטענדיק געזוכט, שטענדיק געווען אין אומופהערלעכן אימפעט.

איך גלייב לאכלוטן ניט אינעם דערפאָלג פון יענע קינסטלער, וועלכע שטרעבן צו ארבעטן איבער זייערע פאָרטרעטן „א ליא פרימא". זאָל אין אזעלכע פאָרטרעטן זײַן א פולע ענלעכקײַט און אפילע ארטיסטישקײַט — שאפט עס בא מיר אן אײַנדרוק, אז אזא קינסטלער האָט זיך באנוגנט מיט א מאָמענט־שטימונג. קיין טיפקײַט און פארגאנצטקײַט פון כאראקטער קאָן מען אין אזעלכע פאלן ניט איבערגעבן. די מענטשלעכע פערזענלעכקײַט — דאָס איז א יאם פון עמאָציעס, געדאנקען, ווידערשפרעכלעכע פארלאנגען. און א מאָמענט, א רעגע שפיגלט אָפ בלויז דעם צופלוס פון איין כוואליע — אזוי בין איך איבערצײַגט, און קיינער קאָן מיר ניט אײַנרעדן, אז ס'איז אנדערש. בא א יאם דארף מען לאנג שטיין און פילבאר זיך צוהערן, קעדיי צו באנעמען די שיינקײַט און קראפט זײַנע. אזוי איז אויך די מענטשלעכע נאטור: מע דארף זי אופמערקזאם דערלערנען, ארײַנדרינגען אין איר, זי דערפילן מיט אלע כושים. אוואדע האָבן סײַ רעפין, סײַ צאָרן, סײַ וואן דייק, סײַ פראנץ כאלס געקענט פאר איין סעאנס שאפן וווּנדער. עמעס, אָפט פלעגט אָט דער איינציקער סעאנס זײַן נאָר אן ענדגילטיקע סטאדיע פון דער ארבעט איבערן פאָרטרעט: דער קינסטלער האָט באצײַטנס מיט זײַן אינערלעכן בליק „ארײַנגעדרונגען" אין קאָדשיי קאָדאָשים פון דעם, וואָס ער האָט זיך געקליבן צו מאָלן אָדער צו קלעפן, אין דער סאמע נעשאָמע פון דער „נאטור". דער אנאליטישער מעטאָד קאָן צומאָל ניט ברענגען קיין דערפאָלג, נאָר אין דער שאפונג פון דער מערהײַט קינסטלער שפילט ער א גרויסע ראָליע. און גלײַך, פונעם ערשטן בליק, „אָנטאפן" דעם איקער אין דער נאטור — אף אזוינס זײַנען פייניק בלויז געווינים.

איך אָבער און מײַנע כאוויירים קאָנען זיך ניט באנוגענען מיט איין סעאנס. מיר דארפן זוכן זייער לאנג, און די „נאטור" מאטערט טאקע אונדז ניט זעלטן, ביז מיר געפינען דאָס, וואָס מע דארף. אזוי האָט געארבעט בראזער. ווײַזט אויס, אז זײַן באשטענדיקער פארלאנג צו זאָגן דעם מענטשן, ווי שיין ער איז, האָט דערנענטערט בראזערן צו די זוואוון — געדונגענע זעלנער. דאָס איז אויך א כידעש — בראזער און די זוואוון! און געשען איז עס אָט אזוי.

פון זײַן היימשטאָט קעשענעוו איז דער קינסטלער געקומען קיין פאריז — צו בורדעלן. די לער האָט זיך איבערגעריסן אין צוזאמענהאנג מיט דער מילכאָמע אין 1914. די פראנצויזישע מאכט־אָרגאנען האָבן באשלאָסן, אפאָנעם לויטן אויסזען, אז בראזער דארף אומבאדינגט דינען אין דער מיליטער־טייל, וואָס פאָרמירט זיך אויסשליסלעך פון זוואוון. בראזער האָט ניט דערווידערט: זוואוון — זאָל זײַן זוואוון, פאר אים איז עס אלציינס.

און אָט דאָ איז צוניץ געקומען די קונסט פון א מאָלער. בראזער האָט געמאכט הונדערטער צייכענונגען פון זײַנע כאוויירים. זיי פאנאנדערגעטיילט און געייצעט אָפשיקן די קרויווים און די נאָענטע. די מאמעס און די געליבטע פון די זוואוון האָבן, מעגלעך, פארשטאנען אלץ לויט בראזערס געמעלן. קיין וויטעבסק איז בראזער געקומען שוין ניט ווי א זוואוו, נאָר ווי א גרייטער קינסטלער און סקולפטאָר. און באלד האָבן זיך צו אים א ציי געטאָן א סאך שילער.

איך געדענק א באגעגעניש מיטן מײַסטער אפן אוספענסקי־בערגל. ער האָט א געשריי געטאָן צו מיר:

— יונגערמאן! איר קלײַבט זיך ווערן א קינסטלער? איר ווייסט אָבער, וואָס פאר א שרעקלעכע מי דאָס איז? א גאנץ יאָר האָב איך געארבעט איבער א נאקעטער נאטור און האָב שוין געמיינט, אז דאָס וועט זײַן אזוינס ווי אזעלעכס. נאָר אָך־און־וויי אזא כילעל־האשעם! אזא שוידער! אָט ערשט, נאָרוואָס האָב איך געזען, ווי צוויי זשלאָבעס האָבן זי געשלעפט איבערן גובערנאטאָר־פלאץ, און זי איז געווען שיקערלאָט... זי האָט אלץ צעשטערט! זי האָט מיר מיט א מעסער געטראָפן גלײַך אין הארצן ארײַן...

אין עטלעכע טעג ארום האָבן מיר, סטודענטן, זיך דערוווּסט, אז בא אווראָם בראזערן אין ווארשטאט וואלגערט זיך אפן דיל א צעבראָכענע אף שטיק־שטיקלעך די פרייד פון זײַן לאנגדויערנדיקער מי.

בראזערס טעמפעראמענט האָט קיין גרענעץ ניט געהאט. די פלאסטישע שפראך איז אין זײַנע ווערק געווען דינאמיש און ברויזנדיק. אפילע זײַן צעשטרייטקײַט פלעגט אָנעמען הארמאָנישע פאָרמען...

וועגן דעם אלעמען האָב איך געטראכט, זײַענדיק אין בראזערס ווארשטאט — אינעם ווארשטאט, ווו עס וועט שוין קיינמאָל ניט הילכן זײַן געלעכטער, זײַן היספײַלעסדיקע שטים, ווען אים האָט זיך עפעס אײַנגעגעבן.



דער ווײַסרוסישער שרײַבער קוזמא טשאָרני

— דאָס ערשטע מאָל אין לעבן טרעף איך א שילער, וואָס הערט זיך צו צו דעם, וואָס איך זאָג אים, טוט אזוי, ווי איך אייצע אים, — האָט בראזער זיך געפרייט, רעדנדיק וועגן זאלצמאנען.

איך האָב זיך אײַנגעקוקט אינעם בויגן פּאַפּיר, אַף וועלכן עס זײַנען געווען אָנגעמאָלט א זאָקן מיט א זקיינע. אזעלכע זײַנען ניט ווייניק פאראן אַף דער וועלט. לויט די פּנעמער, דורכויס צעאקערטע מיט טיפע קנייטשן, לויט די עטוואָס פײַכטע אויגן קאָן מען לייענען די געשיכטע פון זייער לעבן — א לעבן, פול מיט צאָרעס און אומגליקן. אָט־אָט וועלן די אלטע לײַט זיך צערעדן — און איר וועט אויסהערן א גאנצע עפּאָפּיי וועגן זיי אליין, וועגן זייערע קינדער, וואָס איבער זיי קאָנען טאטע־מאמע ניט צומאכן קיין אויג, וועגן די אייניקלעך, וועלכע וועלן עפּשער מירצעשעם זײַן פאר די אלטיטשקע א שטיקל טרייסט אַף דער עלטער. נאָר מע דארף ניט באומרויִקן אָט די פּאָר זקיינים אַף זאלמען זאלצמאנס בילד — דער קינסטלער האָט זיי אָנגעמאָלט אזוי לעבעדיק און טיף, אז איר קאָנט אליין זיך פאָרשטעלן, וועגן וואָס זײַנע געשטאלטן וואָלטן אײַך דערציילט. אזא נוסעך איז בא אים געווען, בא זאלמען זאלצמאנען — אוראָם בראזערס שילער: א טאלאנט צו קענען מיט איין קליינעם שטריך אנטפּלעקן אינעם געשטאלט א גאנץ קאָמפּליצירטן כאראקטער.

פלוצעם טוט א קלינג בראזערס געלעכטער:

— זעט נאָר, וואָס אָט דער קאָלבויניק טוט מיט מיר אָפּ! נאָך אזעלכע שילער, ווי ער, איז פּאָשעט אומעגלעך צו זײַן א לערער.

זאלמען זאלצמאן הערט די לויב־ווערטער, פארויטלט זיך, אים איז ניט באקוועם, וואָס דער לערער הייבט אים אוף אזוי הויך.

ראבינדראנאט טאגאָר

איך האָב אָבער אויך געזען אָט דעם יונגן קינסטלער, ווען טרערן האָבן אים געשטיקט, ווײַל עפּעס א צייכענונג האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. זאלצמאן האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, עס האָט אים ארומגעכאפּט א יִיִעש, כאָטש אנדערע האָבן געהאלטן, אז די צייכענונג האָט זיך באקומען „ווי בא לײַטן".

אין די געמעלן האָט זיך דאָס טראגישע איבערגעפלאָכטן מיטן הומאָריסטישן, און דערמיט האָט אין זײַן שאפונג זיך געפילט דאָס שאָלעם־אלייכעמישע. וועגן די געשטאלטן, וואָס זאלצמאן האָט געשאפן, וואָלט איך געקאָנט דערציילן אָן א שיר, כאָטש ניט זעלטן האָט ער אָנגעצייכנט בלויז א פּלייצע, א טאָרס, אָדער קאָנטורן פון א פּאָנעם. לויט צוויי־דרײַ דעטאלן האָט מען שוין געקאָנט אורטיילן, וואָס פאר א מענטש דאָס איז און וואָס עס קימערט אים. וווּנדערלעך! איך האָב זיך שוין געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אָט דער מענטש איז געוואגט אין געראנגל, ווי ער האָט זיך געפרייט מיטן טאם פון ניצאָכן, אָבער דערנאָך האָט דאָס לעבן זיך בא אים א דריי געטאָן, און אונטער דער שווערער לאסט פון צאָרעס און ליידן איז ער צעבראָכן געוואָרן... דער בויגן פּאפּיר האָט דערציילט א פּײַנלעכע געשיכטע פון א מענטשן, וואָס זײַן גוירל איז מיט עפּעס ענלעך געווען אפן גוירל פונעם קיניג ליר.

ניין, דאָס איז ניט קיין גוזמע. ווײַזט אויס, אז די מאניר פון מאָלן, מיט וועלכער עס האָט אזוי אײדל און פאָרזיכטיק זיך באנוצט זאלמען זאלצמאן, האָט געדארפט ארויסרופן אזעלכע געפילן בא אלעמען, ווער עס האָט געהאט דאָס גליק צו זען זײַנע שאפונגען.

איך קלײַב איבער אין זיקאָרן זאלמען זאלצמאנס אקווארעלן און צייכענונגען, פון וועלכע

איך פלעג קומען אין היספּײַלעס — וואָס פאר א באגײַסטערטער קינסטלער פונעם לעבעדיקן לעבן וואָלט פון אים ארויסגעקומען!

און אויך ער איז שוין מער ניטאָ. ער איז געפאלן אפן שלאכטפעלד מיט א העלדישן טויט.

אָבער דאָס הערלעכע געשטאלט פונעם קינסטלער לעבט אין אונדזער זיקאָרן. מעגלעך, אז אן אומדערמידלעכער פאָרשער און זאמלער וועט נאָך אמאָל אָפּזוכן זאלמען זאלצמאנס צייכענונגען און געמעלן, און מיר וועלן זוכע זײַן ניט בלויז צו דערמאָנען, נאָר אויך פארהיטן פאר די קינפטיקע דורות דאָס אלץ, וואָס ער האָט באוויזן צו שאפן, און דעמלט וועט א בליץ טאָן דער ליכטיקער שטראל פונעם בויגן פאפיר, אף וועלכן עס האָט פארקערפּערט זײַנע ראַיוינעס און געפילן זאלמען זאלצמאן—דער טאלאנטפולער שילער פונעם טאלאנטפולן לערער!

איך דערמאָן זיי אלעמאָל, ווען איך טרעט אריבער די שוועל פונעם ווארשטאט, ווו עס האָט געארבעט דער סקולפּטאָר אווראָם בראזער. ניט איין מאָל האָב איך זיך איבערצײַגט, אז ליים — אָט די פײַכטע מאסע, וואָס אמאָל איז עס, ווער ווייסט, געווען אוואדע א מענטשלעך וועזן, — קאָן אין דער האנט פון א טאלאנטפולן סקולפּטאָר פארוואנדלט ווערן אין צאפּלדיקן לעבנספײַער. גערעכט, טויזנט מאָל גערעכט איז געווען אָמאר כאיאם. ווײַזט אויס, אָט דעם גרויסן סאָד, ווי־אזוי ארויסצושלאָגן פון א שטיק פײַכטער ליים פונקען פײַער, האָט גוט געוווּסט דער סקולפּטאָר בראזער. וועגן אים קלער איך אָפט אין אָט די טעג, קומענדיק אין ווארשטאט און

דער דיכטער נאחום קיסליק

צוגייענדיק צום ווערקשטעל, ווו עס ווארט אף מיר א נײַע ארבעט. אווראָם בראזער איז מיט מיר, ווען איך נעם אין דער האנט אָט די פײַכטע און קאלטע ליים — מע דארף, מע מוז פון איר ארויסשלאָגן דאָס פײַער, וואָס אין איר איז פארבאָרגן.

מאכשאָוועס אין ווארשטאט

פון מײַן דירע ביז צו מײַן ווארשטאט איז א מעהאלעך פון זיבן קילאָמעטער. ווינטער־צײַט מאך איך דורך אָט דעם וועג אלע אינדערפרי צופוס. דער שניי, א באלויכטענער פון די ערשטע זון־שטראלן, האָט דעמלט א ראָזלעכן קאָליר און איז ענלעך אף פאראָסער מארמאָר. פון אזא מארמאָר באקומט זיך בא דעם סקולפּטאָר זייער גוט אנטבלויזטע נאטור. די ווינטערדיקע ערד, א באלויכטענע פון דער זון און א באדעקטע מיט שניי, זעט קיינמאָל ניט אויס קאלט. אָבער די שאָטנס זײַנען טיף־בלויע, ווי די אויגן בא אונדזערע ווײַסרוסישע פרויען.

דאָס מאָל בין איך געגאנגען און האָב געטרוימט. קלעפּן איז ניט אויסגעקומען: די נאטורשטשיקעס האָבן געהאט אן אָפּרו־טאָג. און איך האָב רוען ניט געקאָנט. פאר מיר הייסט אָפּרוען — גיין אין ווארשטאט, זיך נעמען צו דער ארבעט, און ביפראט ווען די ארבעט געלינגט מיר, — דעמלט רו איך אָפּ.

אין ווארשטאט איז טונקל. עס דאכט זיך, אז דאָ איז צו ווינציק שײַן. אָבער דאָס איז נאָר לעכאטכילע, ווי נאָר דו קומסט אהער ארײַן. דערנאָך געוווינסטו זיך צו — דער קאָלאָסאלער שפּיגל פון דער אייבערשטער שײַן איז גאנץ געגנוג, איך זאָל זען אלץ, וואָס עס געפינט זיך ארום מיר. איך זעץ זיך צו. די טרוימערישע שטימונג, וואָס האָט מיך באהערשט נאָך אין דרויסן, איז ניט פארשוווּנדן. איך קוק אף מײַנע סקולפּטורן אזוי, ווי איך זאָל זיי זען צום ערשטן מאָל.

...בא דער צאָפּנדיקער וואנט שטייט די פיגור פון פעליקס עדמונדאָוויטש דזערזשינסקין. דער פאָלקס־קאָמיסאר האלט אף די הענט א קראנק קינד. דאָס איז איינס פון די פארוואָרלאָזטע קינדער, וועלכע האָבן געוואָגלט איבער די וועגן פון רוסלאנד בייסן בירגערקריג. איך זע פעליקס עדמונדאָוויטשס גוטע בלוילעכע פאָטערלעכע אויגן, זײַנע העלע האָר, די העלע וואָנצעס און דאָס בערדל. פון אָט דעם מענטשן שטראלט ארויס הארציקײַט און מילדקײַט. און דעם יאָסעמל איז גוט צו ליגן אף די הענט פון אזא מענטשן. דזערזשינסקיס פּאָנעם איז א מאָגערס, און זען זעט ער אויס ווי א ריטער פון א מײַסעלע. דאָס קינד איז קראנק, נאָר די ליפּן זײַנע שמייכלען, ווי עס וואָלט געלעגן אין די הענט פון זײַן לײַבלעכער מוטער...

באנאנד מיט דזערזשינסקין זע איך יעהודע בען האלייווי. פּעך־שווארצע אויגן און א ווײַ־

סע באָרד מיט גרויסע קוטשעראווע רינגען צעקעמטע אין ביידע זײַטן. גראָווע האָר. יעהודע האלייוויס אויגן זיצן טיף אין זייערע נעסטן, די נאָז איז ווי בא אן אָדלער, און אין די הענט, צונויפגעלייגטע אף דער ברוסט, האלט ער א בוקעט רויזן און זאנגען.

רויזן און זאנגען. דאָס זינגט דער גרויסער דיכטער א ליד וועגן מענטשלעך גליק און פרײַהײַט, וועגן מי און שיינקײַט. מיט מי כאָוועט מען זאנגען אין פעלד, זאנגען פון לעבן — מיט זיי נערט זיך דער מענטש. און רויזן דארף אויך דער מענטש האָבן — זיי באצירן זײַן לעבן...

עטוואָס ווײַטער שטייט קאסטוס קאלינאָווסקי, וואלערי וורובלעווסקיס א פרײַנט. ביידע האָבן זיי געטרוימט וועגן פרײַהײַט, גלײַכהײַט און ברידערלעכקײַט. דאָס האָבן זיי אין 1863 גערופן דאָס פאָלק צום אופשטאנד. א יונגער, ליריש־צארטער, הארציק־מילדער — אזא זע איך אים, דעם קלוגן און דרייסטן קאסטוס קאלינאָווסקי. אים טאָר מען ניט שילדערן אזוי, ווי מע שילדערט געוויינלעך פאָלקנפירער: אומבאדינגט מיט א שטרענג און ווילנפול פאָנעם. קאלינאָווסקיס נעשאָמע איז צארט, ווי די ערשטע בלעטלעך אף די ביימער אין פריִען פרילינג. און אויך וועגן פרײַהײַט האָט ער געטרוימט ווי וועגן א ליד.

מיר איז גרינג זיך פאָרשטעלן, ווי דער ווארשטאט מײַנער, אין וועלכן עס ווערט אלץ ענגער און ענגער פון די פארענדיקטע און ניט פארענדיקטע ווערק, הייבט זיך מיטאמאָל אָן צו צערוקן, און אלע אויסגעקלעפטע פיגורן גייען אראָפּ לויט דער ריי פון זייערע ערטער, קעדיי זיך א ביסל דורכשמועסן. אָט שמועסט יאקוב קאָלאס מיט דעם אמעריקאנער דיכטער וואָלט וויטמען. בא וויטמענען איז די באָרד א ברייטע, קוטשעראווע, שטעקט אף אראָפּ, ווי א לאָפּעטע, און אליין זעט ער אויס ווי אן אײַנוווינער פונעם ווײַטן און גרויזאמען צאָפן. און ווער הערט זיך דאָרט צו, ווי עס ריידן אויס זייערע הערצער דער ווײַסרוסישער און דער אמעריקאנער דיכטער? נו יאָ, ס׳איז לו־סין, דער גרויסער כינעזישער כאָכעם, היסטאָריקער און פילאָסאָף. די הענט האלט ער איבערגעקרייצט אפן כינעזישן אויפן און איז, אפּאָנעם, גרייט מיט זײַן באמבוק־שטעקעלע צו פארשרײַבן דעם שמועס פון זײַנע בארימטע שכיינים — וויטמענען, קאָלאסן און יעהודע בען האלייווין...

און אָט איז מיכאיִל פרונזע — דער רויטער קאָמאנדיר. ער שטייט אף דער וואך פון שאָלעם, שיינקײַט און פּאָעזיע. איך האָב אים אויסגעקלעפּט אין פולן וווקס. איין האנט האלט ער בא דעם רימען, אף וועלכן עס הענגט די שווערד. פרונזע קוקט פאָרויס, ווי ער וואָלט אונדז אלעמען פארזיכערט, אז מיר מעגן ארבעטן רויִק, טרוימען און שאפן: אונדזער ארמיי איז גרייט צו פארטיידיקן די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע.

...אָט איז איינער א סאָלדאט פון דער דאָזיקער ארמיי. א סאַפּער. א שיינער יאט. דער העלד פון סאָוועטנפארבאנד סמאָליאטשקאָוו. ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען די אכזאָריעסן פון די פאשיסטן און זיך געגעבן דאָס וואָרט — אָפּצאָלן דעם סוינע, זיך ניט בארויִקן, ביז עס וועט ניט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד די ברוינע פעסט.

דער העלדישער לעוו דאָוואטאָר. מײַן לאנדסמאן. צי דארף מען אים אויסקלעפּן לויטן אלטן שטייגער — אפן פערד? איך האָב געהאלטן, אז דאָס איז איבעריק. ס׳איז גענוג צו באווײַזן בלויז זײַן קאָפּ. ער דארף זײַן אויסדריקלעך און אָנגעשטרענגט־לעבעדיק. דער אויסדרוק — נאָר פאָרויס! און א טיפער גלויבן אין דער גערעכטיקײַט פון דער זאך, פאר וועלכער ער איז גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן. אָט אזא דארף ער, לויט מײַן מיינונג, זײַן, דאָוואטאָר, ניין, ס׳איז ניט נייטיק ארופזעצן אים אפן פערד.

...זמיטראָק ביאדוליא — שמועל פלאווניק. א שיינער מענטש און א הארציקער שרײַבער. אים האָט שטענדיק צוגעצויגן די ראָמאנטיק פון מענטשלעכע גויראָלעס. זײַן הארץ איז אָפן געווען פאר יעדערן, ווער עס האָט געטרוימט וועגן א בעסער לעבן. בא אים איז א גוט מילד פּאָנעם. די גרויסע אויגן זײַנע ווילן אײַנשלינגען אלץ, וואָס זיי זעען ארום זיך. ניין, ניט פון גיריקײַט — פון גרויסן, אומענדלעכן אינטערעס צו אלץ, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט. און מיר דאכט זיך, אז אָט וועט ער א זאָג טאָן: „זאיִרקע, לאָמיר זיך דורכשמועסן, וואָס זאָלן מיר ווײַטער טאָן”.

א ווארשטאט איז ניט קיין מוזיי. דאָ קאָן מען ניט אויסשטעלן די פאָרטרעטן לויט די עטאפּן, וויִאזוי עס האָט זיך אנטוויקלט די געשיכטע. און אלציינס איז דאָ די געשיכטע אָנוועזנד.

אינעם ווינקל פון רעכטס שטייט די ריזיקע — דרײַ מעטער די הייך — סקולפּטור פון וולאדימיר איליטש לענינען. זי איז העכער פון אלע פיגורן, וואָס געפינען זיך אין מײַן ווארשטאט. איך האָב געוואָלט, אז לענין זאָל זיך דערהייבן איבער אלץ, וואָס איך האָב געשאפן, און אין זײַן פיגור זאָלן פארקערפערט ווערן די בעסטע, די שענסטע טרוימען פון מײַנע היסטאָרישע געשטאלטן.

...א קלייניקער איבערײַס. איך רו זיך אָפּ. אף איין מינוט פארמאך איך די אויגן. אָבער סײַ־ווי־סײַ זע איך זיי ווידער, די געשטאלטן, איבער וועלכע איך האָב געארבעט.

אָט איז דער ווײַסרוסישער דעמאָקראט פראנטישעק באָגושעוויטש. זײַן געזיכט און ביכלאל דער גאנצער אויסזען דערמאָנען אין א פּאָלקיסט פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, און איינצײַטיק איז ער גאָר נאָענט צו אונדזער צײַט. דורכדרינגענדיקע אויגן און א שטערן פון א דענקער. וועגן וואָס טראכט ער? געוויס וועגן דעם גוירל פונעם פאָלק, וואָס ער האָט אזוי ליב געהאט און וועלכן ער איז געווען איבערגעגעבן מיט לײַב־און־לעבן.

באנאנד מיט אים — די האלב־פיגור פון מײַן פרײַנט גאלינע אזגור. זי איז זייער אן אָריגינעלער קינסטלער, פון אלע ביימער איז איר

מער צום הארצן די בערעזע. די בערעזע איז פאר איר די פארקערפערונג סײַ פון רוסלאנד, סײַ פון ווײַסרוסלאנד. ווען זי מאָלט, דערטראָגן זיך צו איר די הארציקע מאָטיוון, וועלכע זי האָט אײַנגעזאפט אין זיך נאָך אין דער פריִער קינדהײַט. דערפאר טאקע זײַנען אירע פייזאזשן אזעלכע לירישע און הארציקע. ווי פרעכטיק וואָלט געווען דאָס אלץ איבערגעבן אין גיפס!..

א גאלעריי פון פאָרטרעטן — דאָלאָרעס איבארורי, מאָריס טאָרעז, טאראס שעווטשענקאָ, יאנקא קופאלא, פאלמיראָ טאָליאטי... וויפל מאכשאָוועס רופט ארויס יעדערער פון זיי! איך געדענק, וויִאזוי איך האָב געארבעט איבער אָט די פאָרטרעטן און וואָס פאר א געשעענישן זײַנען פארבונדן מיט דער דאָזיקער ארבעט. מע קאָן דערציילן און דערציילן, נאָר אָט גייען שוין צו מיר אנטקעגן אנדערע געשטאלטן. פון די ווײַטע צײַטן, דורך יאָרהונדערטן, קומען צו אונדז ארויס סטאכאָר מיטקאָוויטש, דער אָנפירער פון דער פויערישער וואָלניצע, און דער פירשט וולאדימיר פאָלאָצקי, און עס לאָזן זיך הערן אונדזערע מיטצײַטלער — דער שרײַבער יאנקא בריל און דער פארטיזאן וויקטאָר ליווענצעוו, דער אָפערע־זינגער איסידאָר באלאָטין און דער קאָמפאָזיטאָר ניקאָלײַ אלאדאָוו...

אָבער אין ווארשטאט קום איך ארבעטן, און ניט באקוקן דאָס, וואָס איך האָב שוין געמאכט. עפשער האָט מיר אָפגעגליקט, ווײַל אלע, וועמען איך האָב געקלעפט, לאָזן מיך ביז איצט ניט צורו און פאָדערן פון מיר, איך זאָל זיך ניט בארויִקן: זייער לעבן און זייערע אופטועס רופן מיך צו זײַן אומדערמידלעך. און אָפט נעמט א פארדראָס, ווען איך זע, אז ערגעץ־ווו האָב איך דערלאָזט א פעלער, ניט געטאָן אזוי, ווי עס באדארף צו זײַן.

קונסט־ווערק, פונקט ווי א לעבעדיקער מענטש, פאָדערן, מע זאָל זיי פארשטיין און זײַן צו זיי אופמערקזאם. זיי ווילן לעבן אין די זעלבע באדינגונגען, בא וועלכע מע האָט זיי געשאפן. גלײַכגילטיק טאָר מען צו זיי ניט זײַן. עמעס, פון אָט דער גלײַכגילטיקײַט לײַדט אליין דער אווטאָר. דער קינסטלער בייזערט זיך, איז דערצאָרנט, און ניט זעלטן פאלט ער ארײַן אין ייִעש. און דאָס איז דאָס סאמע שרעקלעכע.

איך טראכט אמאָל: „ווען זשע וועט נעמען א סאָף צו שלעכטע מײַסים, נעגאטיווע דערשײַנונגען? אין וואָס שטעקט זייער קויעך? פונוואנען שפראָצן ארויס אף אונדזער באָדן געוויקסן, וואָס טראָגן אין זיך סאם — ערעגײַציקײַט און קינע, קריוודע און געמיינהײַטן? אין מעשעך פון טויזנטער יאָרן איז דאָס מענטשלעכע געשטאלט געוואָרן אלץ שענער, פײַנער און הארמאָנישער, נאָר אָט די ווילדע מיִעסקײַטן פארקריפלען עס נאָך אלץ... איך זע דיך, לײַטזעליקײַט, איך זע דיך אין קאָנקרעטע אופטועס און אין מענטשלעכע פראָפאָרצן. ווי פרעכטיק דו ביסט! דו ביסט ענלעך אף א מוטער. דײַן געזיכט פארקערפערט אין זיך יוישער. דו ביסט פייִק צו זײַן באגײַסטערט פון אלדאָס שיינע. און די שאפונג פון א באליביקן מענטשן נעמסטו אוף מיט ליבשאפט, אָפוואָרפנדיק קינע. דו האָסט זי פײַנט, די קינע. דו האָסט זי פײַנט ניט דערפאר, וואָס זי איז דײַן קאָנקורענט. ניין, זי איז ניט קיין קאָנקורענט — זי איז דער הייפעך: דו ביסט די פארקערפערונג פון ליבשאפט!"

מיט יעהודע פען

לויטן אויסזען אליין — א קלייניטשקער, גרויע דורכדרינגענדיקע אויגן, א שפיצעכדיק בערדל — האָט מען זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אז דאָס איז א שעפערישער מענטש, א קינסטלער. רוסיש האָט ער געקענט גוט, נאָר גערעדט מיט א לײַכטן ייִדישן אקצענט. דאָס אלץ האָט אים צוגעגעבן אייגנארטיקן קאָלאָריט און אים אויסגעטיילט צווישן אלע מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט און מיט וועלכע איך פלעג זיך אָפט באגעגענען.

צום ערשטן מאָל האָט מיך צו אים געבראכט דער קינסטלער איוואן ריאבושקין. בא יעהודע פען אין שטוב איז געווען א גאנצע כאליאסטרע קינדער, און איך געדענק זײַנע ווערטער:

— איך האָב זייער ליב מײַן וויטעבסק. און ווי קאָן מען ניט ליב האָבן אָט די שטאָט! אזא פראכטפולן טײַך מיט שטיילע ברעגן האָט איר דען ערגעץ־ווו געזען? און די קלויסטערס? וויטעבסקער קלויסטערס זײַנען מיט גאָרנישט ניט ענלעך, לאָמיר זאָגן, אף סמאָלענסקער... איך האָב ליב, ווען א שטאָט פארמאָגט איר אייגן פאָנעם. און אונדזער וויטעבסק טיילט זיך אויס צווישן א סאך אנדערע שטעט טאקע מיטן אייגנארטיקן פאָנעם. ערשטנס, איז מײַן שטאָט בעסער פון אלע אנדערע שטעט כאָטשבי דערפאר, וואָס איך וווין דאָ, — האָט ער געלאכט. — און, צווייטנס, לעבט דאָ דעם גובערנאטאָרס טאָכטער, א יעפאסטויער, וואָס איר שיינקײַט איז אף כידושים.

ער האָט געוואָרפן אף אונדז א כיטרע בליק און זיך נאָך מער צעהיצט:

— גייט זיך דורך איבער דער אומגעגנט פון וויטעבסק. נו, נעמען, לעמאָשל, מארקאָווושטשינע. ס'איז דאָך אזוינס ווי אזעלעכס! דאָ קאָן מען זיך אָנשמעקן מיט פרישער לופט, אָפפרישן דאָס בלוט אין די אָדערן, אזוי, אז גלײַך וועט זיך בא דיר באקומען א פריילעכער פייזאזש. אָט די לופט, גלייבט מיר בענעמאָנעס, וועט זיך אליין אויסלייגן אף אײַער לײַוונט. איז דאָס דען ניט קיין ווונדער? און נאָך האָב איך ליב מײַן וויטעבסק, ווייסט איר פאר וואָס? ווײַל איר לעבט דאָ, מײַנע פרײַנט! און אָט דאָרט, אין

יענעם ווינקל — טוט א קוק — שטייט א ייִנגעלע, א שנעקל נאָך, איר זעט? — פּען האָט אָנגעוויזן אַף מיר. — וועט ער גאָר איינגיכן אײַך אלעמען נעמען קלעפּן און מאָלן... עמעס, ער דאַרף נאָך דערווײַל גוט א קנעל טאָן, זיך אָנעמען מיט קויכעס און זײַן... אזוי שיין, ווי אונדזער וויטעבסק!

בייס די לימודים פלעג ער מיר באווײַזן, ווי־אזוי מע דאַרף מאָלן. דערבײַ האָט ער געהאלטן אין איין איבערכאזערן, אז קוידעמקאָל דאַרף איך זיך אויסלערנען צו זען אלץ פּינקטלעך, און ניט אָן ערעך. מע דאַרף אָבער איינצײַטיק קאָנטראָלירן דאָס אויג. מע דאַרף מעסטן און מאָלן אָן א מאָס, נאָכאמאָל מעסטן און ווידעראמאָל מאָלן — אזוי לאנג, ביז דאָס אויג וועט זיך ניט אויסלערנען פּינקטלעך „אראָפּנעמען” די מאָס און די פּראָפּאָרציעס.

— אָט נא דיר דעם צירקל, — האָט ער געזאָגט, און איך פלעג מעסטן, ווי־אזוי, לעמאָשל, די נאָז „לייגט זיך ארײַן” אינעם פּאָנעם, און וואָס איז לענגער — די נאָז צי דער אויער אאוו.

און ווען איך פלעג זיך מוידע זײַן, אז איך וואָלט געוואָלט איבערגעבן דעם אויסדרוק פונעם פּאָנעם, פלעגט ער ענטפערן:

— ווען איר וועט אלט ווערן א יאָר דרײַסיק, וועט איר פאַרשטיין, וואָס איז אזוינס אָן אויסדרוק.

איך האָב דערווידערט:

— און אז מיר ווילט זיך שוין איצטער באַווײַזן, ווי־אזוי א מענטש לאכט אָדער וויינט?

— כאַפּ ניט! — האָט ער געענטפערט. — דאָס אלץ וועסטו טאָן שפּעטער, ווען דו וועסט זיך אויסלערנען ריכטיק זען.

פּען איז געווען אן אײַנגעשפּאַרטער לערער. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פונעם שילער, ביזוואַנען יענער פלעגט ניט טאָן אזוי, ווי ער האָט געהייסן. דעריבער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז זיך אויסלערנען מאָלן בא פּענען איז זייער שווער. קיין שום דערווידערונגען האָט ער ניט אנערקענט: טו אזוי, ווי ער וויל — און שוין! איך האָב אָבער געזען, ווי ער פרייט זיך, אויב בא דעם שילער באקומט זיך די צייכענונג — פּונקט ווי ער אליין וואָלט זי געמאָלט. ער האָט דעמלט אונדז מעכאבעד געווען מיט צוקערקעס און מיט טיי, געפירט אַף א שפּאציר איבער דער „סאַמע בעסטער שטאָט אין דער וועלט” — איבער וויטעבסק. איין מאָל האָט ער מיך אפילע געפירט אין צירק — דערפאַר, וואָס איך האָב גוט אָנגעמאָלט דאָוויד האַמעלעכס מאַסקע.

יעהודע פּען פלעגט זיך פרייען, ווי א קינד, מיט אונדזערע דערפאָלגן. איך געדענק, ווי ער איז געקומען אין היספּײַלעס, ווען בא מיר האָט זיך געלונגען באקומען די צייכענונג פון א נאַטורשטשיצע, וועלכע ער האָט אוועקגעזעצט אין האַלב־פּראָפיל. ער האָט א קוק געטאָן אַפן געמעל, זיך א כאַפּ געטאָן פאַרן בערדל און אויסגעשריִען:

— איר זעט? ניין, איר זעט?.. ס׳האָט זיך באקומען! ס׳האָט זיך באקומען!

ער האָט ליב געהאט זיך אײַסעקן מיט באגאבטע שילער. דאָס האָט אים אפילע באגײַסטערט אַף אייגענער שאַפונג. די ווערק זײַנע פלעגט ער אָפט שרײַבן אָן נאַטורשטשיקעס, „גלאַט אזוי”. עמעס, די קינסטלערישע פאַליטרע זײַנע איז געווען זייער אן אקאַדעמישע און אפילע א ביסל אָבסערוואַטיוו אין פאַרגלײַך מיט דער נאָוואַטאָרישקײַט, וואָס עס האָבן אין דער קונסט ארײַנגעטראָגן די אימפּרעסיאָניסטן. אָבער די לערן־מעטאָדן און די פאָדערונגען זײַנע זײַנען געווען ריכטיקע.

ביז איצט שטייען פאַר מײַנע אויגן יעהודע פּענס פּאָרטרעטן: אן אלטער סאָלדאַט, א שוסטער, דער פּאָרטרעט פון קארל מארקס, א וווּנדערלעכע קאָפּיע פון עמעצנס א בילד — בעטהאָווען, א פּרעכטיקער פרויען־קאָפּ, וואָס ער האָט אָנגערופן „פאַרגעס־מיך־ניט”, און, געוויינלעך, זייער א סאך עטיודן און צייכענונגען פון וויטעבסק. דערמאָנענדיק די ארבעטן פון מײַן ליבן לערער, זע איך מאַמעש א ריזיקע גאַלעריי פון מענטשן, וועלכע האָבן ערשט ניט לאנג, דאכט זיך, געלעבט אין די שטעט און שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד. פּען האָט, אזוי ארום, איבערגעלאָזט א באַדײַטנדיקע יערושע, ניט נאָר זײַנע פּילצאָליקע שילער, נאָר אויך ווערק, וועלכע שפּיגלען אָפּ די לעבעדיקע געשיכטע פונעם פאָלק, פון אונדזער רעפּובליק.

א ו ק א ז

פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר
וועגן צווייגעגנען דעם טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי
דעם פאָלקס־קינסטלער פון פּססר א ז ג ו ר ן ז. א.

פאַר גרויסע פאַרדינסטן אין דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער מאָלערײַ־קונסט און אין צוזאַמענהאנג מיטן זיבעציקסטן געבורטסטאָג צווייגעגנען דעם פאָלקס־קינסטלער פון פּססר אזגורן זאַיִר איסאַקאָוויטש דעם טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי מיט איבערגעבן אים דעם לענין־אָרדען און די גאָלדענע מעדאַל „סערפּ און האַמער”.

פאָרזיצער פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר
ל. ב ר ע ז ש נ ע וו

סעקרעטאַר פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר
מ. ג ע אָ ר ג אַ ד ז ע.

מאָסקווע, קרעמל. 2 יאַנוואַר 1978

מײַנע באַגעגענישן מיט דמיטרי שאָסטאַקאָוויטשן

צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט שאָסטאַקאָוויטשעס מוזיק אין 1927. קעדיי מע זאָל פאַרשטיין דעם אײַנדרוק, וועלכן זי האָט אַף מיר געמאַכט, מוז איך כאָטש אינקורצן דערציילן וועגן דער אַטמאָספער, וואָס האָט אין יענע יאָרן געהערשט אין דער מוזיקאַלער וועלט.

די סאָוועטישע מוזיק האָט דעמלט ערשט גענומען שטעלן זיך אַף די פיס. די קאָמפּאָזיטאָרן פונעם עלטערן דאָר האָבן, אַזוי צו זאָגן, „געענדיקט שרײַבן" די מוזיק פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע. די יונגע קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע האָבן פאַרפולט די אַאודיטאָריעס פון דער קאָנסערוואַטאָריע, האָבן געשטעלט זייערע ערשטע, מערסטנס שילערישע טריט. פּראָקאָפיעוו איז נאָך געווען אין אויסלאַנד, כאָטש עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן זײַנע טריומף־גאַסטראָלן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. מיאַסקאָווסקי האָט שוין אָנגעשריבן זײַן זעקסטע סימפאָניע. עמעס, זי איז נאָך געווען פול מיט ווידערשפּרוכן, אָבער אין איר האָט זיך שוין געשפּירט דער אָטעם פונעם אָקטיאַבער. ביסלעכווײַז האָבן זיך פון דער עסטראַדע־בינע אַלץ מער גענומען הערן די טענער פון סאָוועטישע לידער, אין דעם זין, ווי מיר פאַרשטייען זיי איצט.

אומגעפער אין 1925 איז אין דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע אויפגעקומען אַ גרופּע סטודענטן פונעם קאָמפּאָזיטאָרישן פאַקולטעט, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל צו שאַפן לידער, געווידמעט וו. אי. לענינען. די גרופּע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „פּראָקאָל"[1]. שפּעטער איז זי געוואָרן דער גרונט־קערן פון דער אַזויגערופענער רוסלענדישער אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע מוזיקאַנטן — „ראַפּם" (РАПМ). שוין פונעם ערשטן טאָג פון איר טעטיקײַט האָט די גרופּע „פּראָקאָל" פאַרנומען אַ פּאָזיציע קעגן דער דעמלטיקער סימפאָנישער קאַמער־מוזיק, האַלטנדיק, אַז די קאַמער־מוזיק איז, אַלס קלאַל, אַן אויסדרוק פון דער בורזשואַזער וועלט־אָנשויונג. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן בלויז פאַר נ. יאַ. מיאַסקאָווסקין און נאָך פאַר געציילטע מוזיקער — זיי זײַנען פאַררעכנט געוואָרן ווי „מיטלויפער" פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער מוזיק. די „ראַפּם"־טעאָרעטיקער האָבן אין דער ערשטער צײַט זיך באַצויגן נעגאַטיוו אויך צו פּראָקאָפיעוון, אַשטייגער, צו זײַן באַלעט „דער שטאָלענער שפּרונג"[2], צו זײַן צווייטער און דריטער סימפאָניעס.

אין אָט דער סיטואַציע פון פאַרשאַרפטן קאַמף צווישן די אַזויגערופענע פּראָלעטאַרישע מוזיקאַנטן און דער „אַסאָציאַציע פון דער הײַנטצײַטיקער מוזיק", וועלכע איז, לויט דער מיינונג פונעם „ראַפּם", געשטאַנען אַף די פּאָזיציעס פון פאָרמאַליזם, האָט אין 1927 אָפּגעהילכט דמיטרי שאָסטאַקאָוויטשעס צווייטע סימפאָניע „אַ ווידמונג דעם אָקטיאַבער". נאָך ביז איצט זע איך, ווי מיר, סטודענטן פון דער קאָנסערוואַטאָריע, די „פּראָקאָלאָווצעס", לויפן אין קאָלאָנען־זאַל, וווּ עס איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן די צווייטע סימפאָניע. דער רושעם איז געווען אַ גוואַלדיקער. די גרויסע מוזיקאַלע מײַסטערשאַפט, די דינאַמיק, די קאָלאָסאַלקײַט פון די מאַסשטאַבן האָבן דעמלט אַרויסגערופן איבעראַשונג בײַ אַ סך מוזיקאַנטן. עס איז פּאַשעט ניט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די דאָזיקע סימפאָניע איז הײַנט שוין פאַרגעסן געוואָרן. אַפילו די סאַמע קאָנסעקווענטע „ראַפּמאָווצעס" האָבן לעכאַטכילע ניט געפונען כאָטש דעם קלענסטן כיסאָרן אין שאָסטאַקאָוויטשעס מוזיק. אָט פון דעמלט אָן איז דמיטרי דמיטריעוויטש שאָסטאַקאָוויטש געוואָרן פאַר מיר דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר, און אַזאַ איז ער פאַרבליבן אין מײַן באַוווּסטזײַן, ביז ער האָט אַף אייביק צוגעמאַכט די אויגן.

פּערזענלעך באַקאַנט זיך מיט ד. שאָסטאַקאָוויטשן האָב איך אין 1931. דאָס איז פאָרגעקומען בײַ פאָלגנדיקע אומשטענדן. מיר, אַ גרופּע „פּראָקאָלאָווצעס", זײַנען דעמלט געקומען קיין לענינגראַד, אין דער דאָרטיקער קאָנסערוואַטאָריע, קעדיי אַליין הערן און זען די שאַפונג פון די לענינגראַדער סטודענטן. אַף איינער אַ באַגעגעניש איז אַרויסגעטראָטן ד. שאָסטאַקאָוויטש. ער האָט זיך זייער שאַרף אָפּגערופן וועגן דער שאַפונג פון די מאָסקווער סטודענטן. מיט סאַרקאַסטישער איראָניע האָט ער גערעדט וועגן אַלעקסאַנדער דאַווידענקאָס אָפּערע „אויפגעהויבן אַ וואַגאָן", וווּ עס איז געווען אַ היפּש ביסל אַזויגערופענע „פּוסטע" קווינטן. עס דערמאָנט זיך שאָסטאַקאָוויטשעס כוויזעק־באַמערקונג: „אַך, סאַראַ ראַכוועס!" (לויט אַן אַסאָציאַציע מיט רעפּינס באַוווּסטן בילד). איך דאַרף דאָ צוגעבן, אַז שפּעטער האָט ד. שאָסטאַקאָוויטש געענדערט צום בעסערן זײַן באַציִונג צו דאַווידענקאָן.

דעמלט, אין 1931, איז ד. שאָסטאַקאָוויטש שוין געווען דער אָנערקענטער לענינגראַדער קאָמפּאָזיטאָר. איך באַטאָן לענינגראַדער, ווײַל אין יענער צײַט זײַנען אַפילו די מאָסקווער מוזיקאַנטן געווען קנאַפּ באַקאַנט מיט זײַנע מוזיקאַלע ווערק. זינט דעם אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן פלעגט שאָסטאַקאָוויטש אָפט קומען קיין מאָסקווע צוליב פאַרשיידענע אינייאָנים (אַשטייגער, וועגן דער טעאַטראַלער מוזיק, צי אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויספילן זײַנע ווערק, וועלכע האָבן אַלץ אָפטער גענומען הילכן פון דער טעאַטער־בינע און אין די קאָנצערט־זאַלן). אין 1933 האָב איך זיך מיט אים געטראָפן בײַ ניקאָלײַ זשילײַעוון, איינעם פון די סאַמע איינ־

[1] Прокол — אַ ראַשעטייווס פון די רוסישע ווערטער производственно-творческий коллектив.

[2] Стальной скок.

טערעסאַנטע מוזיקאַנטן פון דער אַלטער מאָסקווע און פון מאָסקווע פונעם אָנהייב דרײַסיקער יאָרן. צו יענער צײַט בין איך געווען אַן אָפטער גאַסט בא זשילײַעוון. בא אים האָט מען געקאָנט טרעפן ד. שאָסטאַקאָוויטשן, א. וועפּריקן, א. אַלעקסאַנדראָוון, א. קאַסיאַנאָוון (פון גאָרקי), אויך ב. מאָקראָוסאָוון, וועלכער האָט זיך געלערנט בא זשילײַעוון אין דער קאָנסערוואַטאָריע, און פיל אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן.

אין 1940 האָב איך זיך געטראָפן מיט שאָסטאַקאָוויטשן אין קרים, אין דער סאַנאַטאָריע „גאַספּראַ”. ער איז דעמלט געווען פאַרנומען מיט אָרקעסטרירן די שטעלונג „באָריס גאָדונאָוו”, האָבנדיק אָפּגענומען בעדייע צו אַרײַנפירן אין דער פּאַרטיטור רוסישע פאָלקס־אינסטרומענטן. איינמאָל האָט ער בא מיר עפּעס געפרעגט וועגן די מוזיקאַלע מאָס־מעגלעכקײַטן פון א דאָמברע אָדער פון א באַלאַלײַקע. אין דער סאַנאַטאָריע איז געשטאַנען א ראָיאַל מיט א פּעקל נאָטן, צווישן זיי — פון מענדעלסאָנס סימפאָניעס, וועלכע מע האָט געדאַרפט שפּילן אין פיר הענט. איך פלעג אָפט שפּילן די דאָזיקע סימפאָניעס מיט שאָסטאַקאָוויטשן, — ער האָט, ווי באַוווסט, ליב געהאַט צו שפּילן אין פיר הענט. איך בין זיך מוידע, אַז איך פלעג פילן אַן ערנסטן אומרו, ווען איך האָב באַדאַרפט זעצן זיך מיט אים צום ראָיאַל, באַזונדערס באַם שפּילן די סימפאָניע אַף מײַן ריטם. ער האָט צו מיר געזאָגט: „לאָמיר, ווי זאָגט מען עס, נעמען זיך ציילן”, פונקט ווי דער אויסדרוק „נעמען זיך ציילן” איז עפּעס א מין שפּריכוואָרט.

בעערעך אין 1946 (צי 1947), טיף ווינטער, האָט ד. שאָסטאַקאָוויטש געווינט מיט זײַן געזינד אינעם שעפערישן הויז פון קאָמפּאָזיטאָרן „איוואַנאָוואָ”. אין די אָוונטן פלעגן בא אים אין שטוב פאָרקומען ספּעקטאַקלען, דעריקער פאַר זײַנע קינדער, נאָר אין זיי האָבן מיט גרויס פאַרגעניגן אָנטיילגענומען אויך דערוואַקסענע. איינמאָל האָט מען אין גאַנג פון דער שפּיל באַדאַרפט ווײַזן, וויאַזוי עס פאַלט א געדיכטער שניי. איך האָב זיך געשטעלט אַף א שטול און א שפּרונג געטאָן צום דיל. ווען מע זאָל פאַרמאָגן אפילו די סאַמע הייסע קינדערשע פאַנטאַזיע, איז זייער שווער צו מאָלן מיט אַזא שפּרונג א פאַלנדיקן שניי. קעדיי „פאַרשטאַרקן דעם אײַנדרוק” פונעם בילד, וואָס איך האָב געוואָלט שאַפן מיטן שפּרונג, איז דמיטרי דמיטריעוויטש צוגעלאָפן צום ראָיאַל און אָפּגעשפּילט א גוטע העלפט פונעם וואַלס „פאַלנדיקע שניי־קוילן” פון „שטשעלקונטשיק”. איך בין געווען געפּלעפט פון זײַן מוזיקאַלן זיקאָרן און האָב אים געזאָגט: „אויב איר געדענקט אַף אויסווייניק אַזא וואַלס, האָט מינאַסטאַם בא אײַך אין זיקאָרן זיך פאַרהיט נאָך עפּעס”. ער: „דאָס, וואָס עס איז געבליבן שטעקן אין זיקאָרן אין די קינדער־יאָרן, געדענקט זיך”. „וואָס זשע איז געבליבן שטעקן אין זיקאָרן?” — האָב איך געפרעגט. דמיטרי דמיטריעוויטש האָט, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, אָפּגעטאָקט, ווי א ראַפּאָרט: „16 רוסישע אָפּערעס (וועגן אויסלענדישע געדענק איך ניט, וואָס ער האָט געזאָגט), אַלע טשײַקאָווסקיס, סקריאַבינס, בעטהאָווענס סימפאָניעס”. לאָמיר דערמאָנען, אַז שאָסטאַקאָוויטש איז געווען איינער פון די לאַורעאַטן פונעם שאָפּען־קאָנקורס. הייסט עס, אַז ער האָט געוויס געקענט אַף אויסווייניק גאַנץ שאָפּענען. דער כוש־האַשמיִע און דער זיקאָרן זײַנען, ווי מיר ווייסן, געווען בא ד. שאָסטאַקאָוויטשן אויסערגעוויינלעך שאַרף.

עס איז גוט באַקאַנט ד. שאָסטאַקאָוויטשעס פילבאַרקײַט צו מענטשלעכע נויטן. האָט ער עפּעס צוגעזאָגט, פלעגט ער דאָס אויספילן מיט פעדאַנטישער פינקטלעכקײַט. ליידער קאָן מען ניט זאָגן דאָס זעלבע וועגן דער אַקוראַטקײַט פון יענע, וועלכע פלעגן זיך ווענדן צו אים נאָך הילף. איינמאָל האָט א קאָמפּאָזיטאָר געבעטן שאָסטאַקאָוויטשן אַרויסהעלפן אים פון א שווערער לאַגע. דמיטרי דמיטריעוויטש האָט געשאַפן צוליב דעם א קליינע קאָמיסיע, אין וועלכער ער האָט אויך מיך אײַנגעלאַדן. איך בין געקומען אַף דער זיצונג מיט א מינוט צען ביז דער באַשטימטער צײַט. ד. שאָסטאַקאָוויטש האָט שוין אַף אונדז געוואַרט. די אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן פאַרשפּעטיקט אַף עטלעכע מינוט. און דער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס צוליב אים איז צונויפגערופן געוואָרן די זיצונג, האָט געלאָזט אַף זיך וואַרטן פערציק מינוט.

איך וויל דאָ דערציילן וועגן נאָך אַן עפּיזאָד, וואָס טראָגט עפּשער א צופעליקן כאַראַקטער. ער איז אָבער געווען פאַר דמיטרי שאָסטאַקאָוויטשן זייער נאַטירלעך. איך גיב איבער דעם עפּיזאָד אַזוי, ווי עס האָט מיר וועגן אים דערציילט אַליין דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר.

געשען איז דאָס אין 1947 צי מיט א יאָר שפּעטער. גייענדיק איינמאָל פאַרבײַ א צײַטונג־קיאָסק, האָט ער דערזען א בוך מיטן נאָמען «Еврейские народные песни». דאָס איז געווען אַן אויסגאַבע פונעם „עמעס”־פאַרלאַג. שאָסטאַקאָוויטש האָט געקויפט דאָס בוך, מיינענדיק, אַז ער וועט געפינען אין אים נאָטן פון ייִדישע מעלאָדיעס. נאָר אינעם בוך זײַנען געווען בלויז טעקסטן פון לידער, אָן נאָטן. דאָס האָט אים אָבער ניט געקימערט. נאָך זײַן באַקאַנען זיך מיט די טעקסטן איז געבוירן געוואָרן דער באַרימטער ציקל פון 11 לידער: „פון דער ייִדישער פאָלקס־פּאָעזיע”.

פאַרוואָס האַלטן מיר אָט דעם ציקל און דעם אינטערעס צו ייִדישע לידער אַלס אָרגאַניש פאַר ד. שאָסטאַקאָוויטשן? דאָס איז א קאָמפּליצירטע פראַגע, אַף וועלכער עס וועלן מיסטאַם ענטפערן די מוזיקאַנטן, וועלכע פאָרשן די פּסיכאָלאָגישע זײַט פון שאָסטאַקאָוויטשעס שאַפונג. דערווײַל אָבער וועלן מיר זאָגן, אַז די ייִדישע אינטאָנאַציע, זאָל זײַן ניט אין אַן אומיטלבאַרער פאָרם, האָט מען לאַנג געקאָנט באַמערקן בא שאָסטאַקאָוויטשן. א בײַשפּיל: אין זײַן געניאַלן ערשטן קאָנצערט פאַר פאָרטעפּיאַנע מיט א סטרונע־אָרקעסטער און א טרומייט קאָן מען לײַכט באַמערקן אַן עטוואָס פאַרוואַלירטע צי־

טאט פונעם באַרימטן לידל פון די נעפּ־צײַטן „שנייערזאָנס כאַסענע". ווי פֿײַן אָבער דאָס לידל איז „דערלאַנגט"! אינעם באַרימטן טריאָ פאַר פאָרטעפּיאַנע, פידל און וויאָלאָנטשעל קלינגט אַן עכטע „פריילעכס"־מוזיק.

מע קאָן זיך כידעשן, פונוואַנען קומט צו אַ מענטשן, וואָס איז לאַכלוטן ניט פאַרבונדן מיט דער ייִדישער סוויווע, אַ כוש פאַר ייִדישן מעלאָס, וועלכן ער האָט באַשײַנט מיט זײַן געניאַלן קאָמפּאָזיטאָרישן טאַלאַנט. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן דעם דערמאָנטן ציקל „פון דער ייִדישער פאָלקס־פּאָעזיע".

איך געדענק, ווי איצט, מײַן באַגעגעניש מיט שאָסטאַקאָוויטשן בעשײַכעס מיט זײַן אָנטייל אין דער ייִדישער לידער־זאַמלונג, וואָס האָט זיך געגרייט צום דרוק. איך, דער צונויפשטעלער, האָב באַדאַרפט באַהאַנדלען די פראַגע מיט שאָסטאַקאָוויטשן, באַקאַנען אים מיט די מאַטעריאַלן פון דער זאַמלונג, בעטן זײַן הילף אינעם אָפּקלײַבן די לידער און פאָרלייגן אים צו זײַן דער אוטאָר פונעם פאָרוואָרט. איך בין זיך מוידע, אַז איך האָב אים אונטערגעטראָגן אַ גאָר גרויסן פּאַק פאַרשיידענע לידער־זאַמלונגען, געדרוקטע און געשריבענע מיט דער האַנט.

שאָסטאַקאָוויטש האָט געוויסנהאַפטיק דורכגעקוקט דעם באַרג נאָטן און רעקאָמענדירט אַ רײ לידער. די פראַגע וועגן דעם פאָרוואָרט האָט אים, אַפּאָנעם, אויך באַאומרויִקט. איינמאָל האָט ער מיר טעלעפאָנירט אַהיים זיבן אַזייגער אין דערפרי און געבעטן זיך טרעפן אין אַ באַשטימטער שאָ, קעדיי אַ שמועס טאָן וועגן ייִדישער מוזיק.

ווי באַוווּסט, איז זײַן פאָרוואָרט צו דער לידער־זאַמלונג איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער גאַנצער ייִדישער פרעסע פון דער וועלט.

איך קאָן זיך ניט פאַרעכענען צווישן שאָסטאַקאָוויטשעס נאָענטע פרײַנט. ער איז באַקאַנט געווען מיט זייער אַ סאַך מענטשן, צווישן זיי — אויך מיט מיר. איך מיין, אַז ווען יעדער איינער, מיט וועמען ד. שאָסטאַקאָוויטש פלעגט זיך באַגעגענען, זאָל וועגן דעם דערציילן עפּעס וואָס, וואָלט ער דערמיט געהאָלפן די קינפטיקע פאָרשער צו מאָלן אַ פולן פאָרטרעט פונעם לעבן און שאפן פון דעם געניאַלן קאָמפּאָזיטאָר.

דינאָווי קאָמפּאַנייעץ

כראָניק

באַלוינט מיט אַ ליטעראַרישער פרעמיע

לויט די סאַכאַקלען פונעם קאָנקורס פאַר דער בעסטער דערציילונג, פאַרצייכענונג און אַרטיקל, וואָס די צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ" האָט געמאָלדן אין אָנהייב 1977, איז דער ייִדישער שרײַבער כאַיִם מעלאַמוד (טשערנאָוויץ) באַלוינט געוואָרן מיט דער דריטער פרעמיע פאַר זײַן אַרטיקל „מיר אַלע זײַנען געבוירן געוואָרן אין זיבעצנטן...", פאַרעפנטלעכט אין דער צײַטונג פאַרן 5 אויגוסט.

ליטעראַרישער אָוונט, געווידמעט לייב קוויטקאָ

אין מאָסקווער מעלוכישן ליטעראַרישן מוזיי איז לעצטנס פאָרגעקומען אַ גרויסער אָוונט, געווידמעט דעם לעבן און דער שאַפונג פון לייב קוויטקאָ. דער אָוונט, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט שרײַבער, אַרטיסטן, קאָמפּאָזיטאָרן, האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

מיט אַ וואָרט וועגן לייב קוויטקאָס שאַפונג איז אַרויסגעטראָטן די ייִדישע שרײַבערין ריווקע רובין.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן געקלונגען קוויטקאָס וווּנדערלעכע לידער אין דער איבערזעצונג פון מאַרגאַריטע אַליגער, אַגניִע באַרטאָ, יעלענע בלאַגינינע, יאַקאָוו כעלעמסקי, צ. ראַצקאַיאַ. יעדער פון זיי האָט זיך געטיילט מיט זיכרוינעס וועגן זייערע אומפאַרגעסלעכע באַגעגענישן מיטן גרויסן שעפער און האַרציקן מענטשן. דער רוסישער דיכטער לעוו אָזעראָוו האָט פאָרגעלייענט ל. קוויטקאָס לידער אין רוסיש און אויף ייִדיש.

אַ שטאַרקן אײַנדרוק האָבן געמאַכט די קינסטלערישע פאָרלעזונגען פונעם דיכטערס ווערק אין דער אויספירונג פון נאַטאַן עפּראָס און סאָפיע סײַטאַן (אַקאָמפּאַנירט פון אַנע כענאַך), און די אַרויסטרעטונג פון דער יונגער קאָמפּאָזיטאָרן מ. מילמאַן.

■ ■ ■

יעשוע ליובאָמירסקי

שונד=טעאַטער

מיר, דער עלטערער דאָר, וואָס מיר האָבן באַקומען די גײַסטיקע כאַיונע אין די צושויער־זאַלן פונעם אַלטן ייִדישן טעאַטער, ווייסן, אַז זײַן באַזוכער איז צומייַנסטן געווען דער אַזויגערופענער האַמוין: פאַרשיידענע באַלמעלאָכעס, אָרעמעלײַט, טכום־אינטעליגענטן, שטודירנדיקע יוגנט. קאָהאָל־באַלעבאַטים, קלייקוידעש און גלאַט ייִדן־מעיוכאָסים האָבן מיט ביטל און אַפילע מיט פאַראַכטונג זיך באַצויגן צו די טרופּעס, וועלכע האָבן געוואַנדערט און געשפּילט אין די שטעט און שטעטלעך. סײַ די פּיעסן, וואָס מע האָט דאָרט געשטעלט, סײַ די אַקטיאָרן און סײַ די, וועלכע האָבן דאָרט געדרייט דאָס רעדל (אייגנטלעך, די באַלעבאַטים, וואָס האָבן געוועלטיקט איבער אָט די טרופּעס), האָבן אָפּט באַלאַנגט לויט זייערע מאָראַלישע טענדענצן, לויט זייער קולטורעלן ניוואָ, צו די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. די אַנטרעפּרעניאָרן האָבן באַטראַכט די טרופּעס ווי אַ קוואַל פון פּאַרנאָסע. זייער צוגאַנג צו אַ טעאַטראַלער אונטערנעמונג איז געווען אַ קאָמערציעלער. אויב אַ ספּעקטאַקל מאַכט גוטע סבאָרן, אויב ער טראָגט אַרײַן האַכנאָסע, איז עס אַ סימען, אַז דער אַנטרעפּרעניאָר איז אַ פּייַקער אָרגאַניזאַטאָר פון דער טרופּע און אַז ער פאַרמאָגט טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן. אין די לעצטע יאָרצענדליקער פונעם פאָריקן יאָרהונדערט האָבן די אַדמיניסטראַטאָרן, אַנטרעפּרעניאָרן זיך געיאָגט ניט נאָך פּיעסן, וואָס דערציִען דעם עוילעם, נאָר נאָך אַזעלכע, וואָס פאַרווײַלן. דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן געהאַט מעלאָדראַמעס, היסטאָרישע אָפּערעטעס אָדער ביליקע קאָמעדיעס, וועלכע זײַנען אָנגעפּראָפּט מיט קאָמישע געגנג, מיט לעכערלעכע טריוקן. די נעמען פון די פּיעסן ריידן פאַר זיך: „מאַלקעלע סאָלדאַט“, „כינקע־פּינקע“, „שלוימע גאָרגל“, „דאָס פּינטעלע ייִד“, „געלט, ליבע און שאַנדע“, „דער יעשיוועבאָכער“, „דאָס זעקסטע ווײַב“, „ווּעלוול עסט קאָמפּאָט“, „שאַ, דער רעבע פאָרט“.

וואָס מערער קנאַקנדיקע סענסאַציע, וואָס מערער אויסגעצויגענע פון פינגער און פאַנטאַסטישע פּאַסירונגען, אַלץ זיכערער איז געווען דער אַנטרעפּרעניאָר, אַז די קאַסע וועט זײַן פול און אַז דער ספּעקטאַקל וועט גיין מיט אַן אָנשלאָג.

אָף דער בינע פון אָט די טעאַטערן האָבן אָפּט געשפּילט טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן, וואָס האָבן ניט פאַרמאָגט קיין טעאַטראַלע בילדונג. די נאַטור האָט זיי באַשאָנקען מיט באַגאַבונג, וואָס פלעגט סטיכייִש זיך אַנטוויקלען. יאָ, אַזעלכע אַרטיסטן זײַנען אָף דער בינע פונעם אַלטן ייִדישן טעאַטער געווען ניט ווייניק.

נאָר מער איז דער אַלטער טעאַטער געווען פאַרפּלייצט מיט טאַלאַנטלאָזע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וועלכע האָבן אים געבראַכט פיל שאָדן. זיי האָבן קאָמפּראָמעטירט די ייִדישע טעאַטער־קונסט אָף אַזויפיל, אַז געוויסע שיכטן — באַזונדערס אינטעליגענץ — האָבן געוויַכט פון דעם אַלטן ייִדישן טעאַטער.

ניט ווייניק שאָדן האָט געבראַכט די מינדערווערטיקע דראַמאַטורגיע. אין די יאָרן 1870—1900 האָבן אינעם רעפּערטואַר פונעם אַלטן ייִדישן טעאַטער פאַרכאַפּט פעסטע פּאָזיציעס אַזעלכע דראַמאַטורגן, ווי יאָזעף לאַטיינער, „פּראָפעסאָר“ הורוויטש (לאַטיינערס קאָנקורענט), שאָמער (נ. שײַקעוויטש), זאָלאָטאַרעווסקי און אַנד.

קעדיי באַווײַזן זייער נעגאַטיווע ראָליע, וועלן מיר באַטראַכטן איין פּיעסע פון יאָזעף לאַטיינערן — „דאָווידס דײַגע“, וועלכע איז געווען זייער פּאָפּולער באַם טעאַטראַלן האַמוין.

דאָס אַרטיקל האָט י. ליובאָמירסקי איבערגעגעבן דער רעדאַקציע עטלעכע טעג פאַר זײַן טויט (רעד.).

זי איז פול געווען מיט מעשונע־מאָדנע סענסאַציאָנעלע סיטואַציעס, וואָס זײַנען אויסגערעכנט אַף אַ פאַרדאָרבענעם געשמאַק. דאָס לאַקריצדיק־סענטימענטאַלע האָט זיך געפּאָרט מיט ברוטאַלע, וווּלגאַרע, ציניִשע גענג.

איינער פון די הויפּט־העלדן פון דער פּיעסע, דער גוויר טעוויע, באַציט זיך מיט גוואַלדיקן האַס צו זײַן ברודער דאָוויד (די וואָרצלען פון דער פאַרביטערונג איז שווער צו מאָטיווירן), וועלכן ער האָט אַרויסגעטריבן פון שטוב.

דאָוויד איז אַ קאַפּצן, אַ פידלער, וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער פרעמדע הויפן און שפּילט פאַר נײַגעריקע. פון דער העלער הויט ווערט אַנטפּלעקט פאַרן צושויער, אַז דאָוויד, לאָזט זיך אויס, איז גאָר קיין קאַפּצן ניט, פאַרקערט: זײַן שפּיל אַפן פידל אין די הויפן פון נגידים האָט אים רײַך געמאַכט, און ער איז גרייט מאַטעריעל צו שטיצן דעם ברודער, דעם פּלוצעם אָרעם געוואָרענעם טעוויע.

דאָס רעדעלע גיט זיך אָבער ווידער אַ דריי, און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז טעוויע האָט ניט פאַרלאָרן זײַן האָב־און־גוטס, ער איז דער זעלבער גוויר, ווי פריִער...

אָפּטמאָל קומט פאָר אין דער פאָרשטעלונג די האַנדלונג מעשונע־פאַנטאַסטיש. לײַבלעכנאָענטע מענטשן ווערן מיטנדרינען ווילד פרעמדע. עס געשעען זאַכן, וואָס פאַרדרייען מאַמעש באַם צושויער דעם קאָפּ, און ער קאָן פונעם פּלאָנטער זיך ניט אַרויסרײַסן. און אָט זײַנען עטלעכע בײַשפּילן, וועלכע באַווײַזן, מיט וועלכער שפּראַך עס האָבן גערעדט די פּערסאָנאַזשן.

סאָלאָמאָן טײַנעט מיט כאַוועלען:

„אָן דעם האַבע איך ניכט געדאַכט, וואַן איך עס געקויפט האַבע. איינס נור האַבע איך געוווּסט, דאָס וואַן איך ווערדע זעהען כאַוועלען טראַגען מײַן געשאַנק, ווערדע איך מיך גליקלעך פיהלען"...

און אָט איז דאָס מײַנע־לאָשן פון אַלטערוניו:

„ווײַל גייענדיק אַהער, האָב איך אײַנמיטן וועג אַרויסגעלאָזט אַ שלוקערץ אַזויווי אַ קאַנאָן, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז מע רעדט פון מיר"...

און אָט איז אַ מוסטער פון אַלטערוניוס געזאַנג: „אויף דעם פּריפּעטשיק ברענט אַ פײַער און פון דעם קוימענדל גייט אַ רויך. אַז איך זע ניט מײַן זיס לעבן, טוט מיר ווי דער בויך"...

דעם אַוטאָר ציט צו בילדער, ווו בלומען באַפּוצן דעם אָרום. אַ ייִנגל און אַ מיידל טרוימען וועגן זייער צוקונפט, אַ נאַכטיגאַל צעזינגט זיך אין דער שטילקײַט פון דער נאַכט. אָט איז אַ מוסטער פון אָט דער „פּאָעזיע":

א שיין ייִנגל שטייט באַם ברינען,
האַלט אַ בלום און שפּילט זיך שען.
א מיידל — זעהט ער — שעפּט פון דרינען
א קריגעלע וואַסער גאָר אַליין.

אָדער:

דאָס ייִנגעלע ווערט אַ מאַן מיט יאָהר,
און דאָס מיידעלע — אַ מאַדאַם.
פון דעם קריגעלע — אַ שטיבעלע גאָר,
און פון דער בלום — אַ ליבעס פּלאַם.

די פּיעסע איז, ווי מיר האָבן געזען, צוגעפּאַסט צו דער באַלעבאַטישער מאָראַל. איר מוסר־האַשקל באַפרידיקט די האַמוינישע פאָרשטעלונגען וועגן שאָלעם־באַיִס. אין דער זעלבער צײַט ציט זי צו דעם פּרימיטיוון צושויער מיט אירע אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען.

דער שונד־טעאַטער האָט פאַרמאָגט פּיעסן, וואָס האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט מיט די עפעקטן, וועלכע זײַנען געווען דאָפּלט מער איבעראַשנדיק, ווי די געשעענישן גופע. אין זייער אידייִשן אויסדרוק זײַנען דאָס געווען ווערק, וואָס האָבן געוועקט רעליגיִעזע און שאָוויניסטישע געפילן, מוסירנדיק לײַדנשאַפטן פונעם אָפּגעשטאַנענעם האַמוין: קאָלערליי געפּעפּערטע ווערסיִעס וועגן די באַציִונגען צווישן קריסט און ייִד, וועגן טרײַהײַט אָדער פאַראַט בענעגייע דער ייִדישער עמונע.

כאַראַקטעריסטיש איז אין אָט דעם פּראַט לאַטיינערס פּיעסע „כאַפּני און פּינכאָס". די הויפּט־העלדן זײַנען דאָ אַ ייִד אַ מעשומעד — אַ גוויר, וואָס האָט געשענקט אַ באַדײַטנדיקע סומע לעטויוועס דער קאַטוילישער קירכע, זײַן טאָכטער, וועלכע איז געבליבן אַ ייִדישקע, און דער קריסטלעכער לייטענאַנט, וואָס איז גרייט כאַסענע האָבן צוליב דעם גרויסן נאַדן.

אַזעלכע פּיעסן האָבן עס געמאַכט פּאָפּולער דעם שונד־טעאַטער! זיי האָבן צוגעגרייט דאָס באַווײַזן זיך פון די שוין ברייט באַוווּסטע „דאָס פּינטעלע ייִד", „דאָס ייִדישע האַרץ" און נאָך ענלעכע פּיעסן.

דעם פאַרגרעבטן האַמוין האָבן אויך פאַרשייקערט פאָרנאָגראַפישע אָפּערעטן — „מאַלקעלע סאָלדאַט", „ציפּקע פײַער".

מיר דאַרפן אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דער ייִדישער טעאַטער פון יענער צײַט האָט שוין געהאַט זײַנע געזונטע שעפערישע קויכעס. דער שטייגער פון אַ רוסישן, אוקראַיִנישן, ווײַסרוסישן פּראָווינציִעלן אַקטיאָר איז אין אייניקע מאָמענטן געווען אין אַ געוויסער קרויווישאַפט מיטן שטייגער פון אַ ייִדישן פּראָווינציִעלן אַקטיאָר. אויך אין דער ייִדישער סוויווע האָבן מיר באַגעגנט „אָן שולד שולדיקע". אויך דאָ פלעגט מען זיך אָנטרעפן אַף אַזעלכע טיפּן אַקטיאָרן, ווי סטשאַסטליווצעוו און ניעסטשאַסטליווצעוו, אָדער שמאַגאַ פון אָסטראָווסקיס פּיעסן. פאַרוואָס זײַנען סטשאַסטליווצעוו און ניעסטשאַסטליווצעוו געווען געצוווּנגען שפּאַנען צופוס פון קערטש קיין וואָלאָגדע אָדער פאַרקערט? פּאַשעט דערפאַר, וואָס עס האָט באַ זיי געפעלט אין טײַסטער אַף אָפּצאָלן פאַר אַן אײַזנבאַנבילעט. דאָס זעלבע פלעגט פּאַסירן מיט אַ היפּש ביסל פּראָווינציִעלע ייִדישע אַקטיאָרן.

געוועזן א ייִדישער אנטרעפּרעניאָר זשיטאָמירסקי. ער האָט צונויפגעשלעפּט א טרופּע פון נאוועגאדניקעס, לאַכלוטן ניט קיין איבערקלײַבערס. אָפּגעדונגען א לאָקאל ערגעץ אין וויניצע, אָדער סמארגאָן, אָפּגעשפּילט עטלעכע ספּעקטאקלען אינעם נוסעך „כינקע־פּינקע", „שלוימע גאָרגל", זעט זשיטאָמירסקי, אז די געשעפטן זײַנען קלאָגעדיקע: וואָס א טאָג ווערט שיטערער אין צושויער־זאַל און אין דער קאַסע. ער באַשליסט מאַכן פּלייטע פון דער שטאָט. בעסאָד־סוידעס, געהיים פון דער טרופּע. אַקטיאָרן־שלעפּערס וועט ער אומעטום געפינען... און די אַקטיאָרן פון דער טרופּע, וואָס ער לאָזט איבער ווי אַפן וואַסער? זיי וועלן זיך ווי־ניט־איז זיך געבן אן אייצע.

זשיטאָמירסקי האָט געוווּסט, אז ער וועט אַרויס א טרוקענער פון אַזא שווינדל. ער איז געוועזן ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, וועלכער האָט אַזוי געהאַנדלט.

שרעקלעך איז געוועזן די לאַגע פון פּראָווינציעלע אַקטיאָרן אין א טרופּע פון אן אנטרעפּרעניאָר, וואָס איז אַליין געוועזן אן אַקטיאָר אין דער זעלבער טרופּע. עס וועט זײַן ניט איבעריק צו שילדערן דעם פּאָרטרעט פון אַזא נעפעש און די אַטמאָספער, וועלכע האָט געהערשט אין זײַן טרופּע. די ווײַטערדיקע בילדלעך האָב איך אין פאַרשיידענע צײַטן פאַרצייכנט פון די רייד פון וועטעראַנען פונעם ייִדישן טעאַטער, און איך נעם זיי אַרויס פון מײַן אַרכיוו. מיר דערוויסן זיך פון זיי וועגן דער אויפירונג פון איינעם אן אַקטיאָר־אנטרעפּרעניאָר און וועגן אַנדערע זײַטן און באַזונדערקײַטן פונעם שונד־טעאַטער.

רובינטשיקס מאַמזערישע גענג

(זיכרוינעס פון אן אַלטן אַקטיאָר)

אָפּטמאָל איז פאַר מיר געוועזן ניט פאַרשטענדלעך, ווי עס קאָן א מענטש אין זיך קוילעל זײַן אַזעלכע קאָנטראַסטן. גופע זײַן הוילעך פלעגט גרײַלעך פאַרכידעשן: אָט אַזוי זאָל זיך פאַרשליירן א ייִדישער אנטרעפּרעניאָר? ער איז געוועזן אָנגעטאָן אין א פּאָדדיאָווקע פון בלויען שטאָף מיט פאַלדן, צונויפגעשנורעוועטע בא דער טאַליע. דער קאַרטוז — אויך פון בלויען שטאָף, מיט א גרויסן ברייטן שוואַרצן בלאַנקענדיקן דאַשעק. די שטיוול — הויכע, פלײַסיק אָפּגעוווּקסלטע, די כאָליעוועס פּאַסן דעם פוס אַרום קאָקעטיש, מײַסע האַרמאָשקע. אין דער רעכטער האַנט — עפּעס א מין בײַטשל, צי א קאַנטשיק, פון דינע געפלאָכטענע רימענדלעך. א זאָג געטאָן עפּעס און א שמײַס מיטן בײַטשל איבער דער לינקער כאָליעווע.

עמעץ האָט אים געזאָגט, אז די שענסטע שפּראַך איז די פראַנצויזישע און אז געוויינלעך לאָזן די פראַנצויזן אַרויס די קלאַנגען אונטער דער נאָז. אים איז אַזא מאַניר שטאַרק געפעלן געוואָרן. און טאַקע — וואָס טויג אים, אז מע זאָל פאַרשטיין, וואָס ער דאַבערט? א שטים פאַרמאָגט ער ביז גאָר א שיינע — א שטאַרקער דראַמאַטישער טענאָר. זינגענדיק, קאָן מען אַלע מאָל דערלאַנגען די ווערטער אַזוי, אז די צוהערער זאָלן זיך ניט קאָנען פאַנאַנדערקלײַבן, וועלכע, אייגנטלעך, שפּראַך דערלאַנגט ער.

אז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּדינגען א טעאַטער־געבײַדע אין א נײַער שטאָט, פלעגט רובינטשיק אַליין אַרויספאָרן. אָפּגעבנדיק א כעזשבן מיקויעך זײַנע רײַזע־הויצאָעס, האָט ער זיך ניט געשעמט צושטעלן מאַמעש פאַנטאַסטישע ציפערן. באַזונדערס פלעגט געשוואָלן ווערן דער כעזשבן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אַכילע (געצאָלט האָט ער אָפן כעזשבן פון דער האַכנאָסע, וואָס די טעאַטער־קאַסע האָט באַקומען פאַר די לעצטע ספּעקטאַקלען)...

וואָס איז שײַעך שפּילן די אָדער יענע ראָל אין א ספּעקטאַקל, האָט רובינטשיק קיין קאָנקורענץ ניט געהאַט. אויב ער האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ שפּילן די ראָל, האָט ער זײַנס אויסגעפירט. אין דער אָפּערעטע „דאָס מיידל פון באַגדאַד" האָט דער רעזשיסער באַשטימט, אז דעם פּאַיאַץ זאָל שפּילן בראַנדעסקאָ — א באַוווּסטער טאַלאַנטפולער אַקטיאָר. אף אים האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן, זײַן אויפטריט וועט זײַן דערפאָלגרײַך. אָבער רובינטשיק האָט בא זיך באַשלאָסן, אז ער טויג בעסער, און אַזוי איז טאַקע געוועזן, כאָטש ער האָט די ראָל דורכגעוואַלגערט.

ער פלעגט אָפּט א זאָג טאָן: „אן אַקטיאָר קאָסט פינף קאָפּעקעס". וואָס האָט עס באַטײַט? א פּאָסט־קאַרטל האָט געקאָסט 5 קאָפּעקעס, און אויב עמעצער האָט באַשלאָסן פאַרלאָזן די טרופּע, פלעגט רובינטשיק שיקן א קאַרטל, און אין צוויי־דרײַ טעג אַרום איז שוין דאָ אן אַנדער אַקטיאָר. דאָס איז איינע פון די סיבעס, פאַרוואָס אינעם אַלטן ייִדישן פּראָווינציעלן טעאַטער האָט מען זעלטן געקאָנט טרעפן א טרופּע, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן א פעסט צעמענטירטן קאָלעקטיוו.

רובינטשיק האָט געהאַט טאַלאַנט, נאָר מאַכמעס ער איז געוועזן רובינטשיק און קיינער איז איבער אים ניט באַלעבאָס, האָט עס אים און זײַן גאַנצער מישפּאָכע קאַליע געמאַכט אין פראַט פון אויפטאָן עפּעס אף דער סצענע: זיי האָבן איבער זיך קיין קאָנטראָל ניט געהאַט, געטאָן אַלץ, וואָס עס האָט זיך זיי פאַרוואָלט.

איינמאָל אף א קאָנצערט האָט רובינטשיק געמאָלדן, אז ער וועט זינגען עליִעזערס אַריִע פון האַלייוויס אָפּערע „זשידאָווקאַ", און ער האָט אָנגעהויבן זינגען קלוימערשט איטאַליעניש. אין טאָך גערעדט, זײַנען עס געווען אויסגעזויגענע פון פינגער ווערטער — ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. לעפּיערעך, האָט עס געקלונגען אַזוי:

מאַלענאָ טו לע סאַנאָ
פּולעם טאַקיסי אָ צעראָ
גראַפּיני טאַמצו לי סענאָ
מאַלי זאַכאַרטשוקאַנאָ.

דאָס האָט באַדאַרפט באַטײַטן (אין רוסיש):

Рахиль, ты мне дана небесным провиденьем,
Тебя на смерть я предаю.

די אַקטיאָרן הינטער די קוליסן זײַנען געבליבן אָן קישקעס לאַכנדיק. רובינטשיקס ווײַב האָט זיך געערגערט: טאָמער געפינען זיך אין צושויער־זאַל אַזעלכע, וואָס קאָנען די איטאַליענישע שפּראַך? וועט דאָך זײַן אַ סקאַנדאַל. אָפּגעזונגען, האָט רובינטשיק מיט אַן ערנסטן פּנים זיך פאַרנייגט פאַרן פּובליקום. יאָ, יאָ, מיט אַן ערנסט פּנים, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט. אַפּלאָדיסמענטן האָבן אַ דונערגעטאָן, אַט פּונקט ווי שאַליאַפּין וואָלט דורכגעזונגען איינע פון זײַנע אַריעס...

וואָס שײַעך די נאָרוואָס דורכגעזונגענע קופּלעטן, האָבן זיי געהאַט איין מײַלע: קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך אין זיי.

פיל קאָמישער איז געווען דער אײַנדרוק פון דער אָפּערעטע „דאָס מיידל פון באַגדאַד", ווו דעם צושויער האָט מען מעכאַבעד געווען מיט אַזעלכע שורעס: „צוויי קינדער דערהאַרגעט און געמאַכט זיי פאַר קנעכט". ווען די אַריִע האָט זיך געענדיקט, האָט מען זיך געכאַפּט: וויאַזוי קאָן מען צוויי קינדער דערהאַרגענען און דערנאָך זיי מאַכן פאַר קנעכט?

קופּלעטן, וואָס זיי פלעגן זינגען

(אַן אַלטער אַקטיאָר דערציילט)

אין איינער אַן אָפּערעטע פלעגט די אַקטריסע אַרויס אַף דער בינע און זינגען אַ לידל, ווו דער רעפרען איז געווען אַזאַ: „ייִדן, איך וויל אַ מאַן"... אין אַ צווייטער אָפּערעטע פלעגן פונעם צושויער־זאַל זיך אַ ווײַז טאָן עטלעכע באָכערים (יונגיטשקע אַקטיאָרן), בא יעדן פון זיי איז געהאַנגען אַ ברייטע לײַוונטענע לענטע מיט אַן אויפשריפט — „אַבראַמטשיק", און די אַקטריסע (ליוסי האָט מען זי גערופן) האָט אָנגעהויבן זינגען: „ווער עס הייסט פון אײַך אַבראַם, קום צו מיר, וועסט מײַנער זײַן". ווײַטער גייט די אַנטוויקלונג פון דער טעמע: „אוי, אוי, אַבראַם, איך קאָן אָן דיר ניט זײַן, איך אָן דיר און דו אָן מיר קאָנען מיר ביידע ניט זײַן".

העיויס אין צושויער־זאַל איז געווען אויך אַזאַ אוילעם, וואָס האָט קיין ייִדיש ניט פאַרשטאַנען, האָבן די אַקטריסעס גערעכנט פאַר זייער כוויוו אָפּקנאַקן די קופּלעטן אין רוסיש:

Ох, дружочек мой Абрам.
Тебе всю душу я отдам.

נאַטירלעך, עס האָט געהאַט אַ פּאָנעם פון כוויזק. פאַרבאָטן אַזוינס אַף דער בינע האָט געקאָנט בלויז אַ רעזשיסער, אָבער די לאַגע איז געווען אַזוי, אַז אויב עס פלעגט שוין יאָ אַרײַנפאַלן אין אַט די טרופּעס אַ רעזשיסער אַ פאַכמאַן, האָט אים זעלטן ווער פון די אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיך אונטערגעוואָרפן. געוויינלעך זײַנען די אַקטיאָרן און אַקטריסעס געווען קרויווים: טאַטעס, מאַמעס, זין, טעכטער, איידעמס, שניר, גאַנצע מישפּאָכעס. מע איז געווען זיכער, אַז דער באַלעבאָס וועט מאַכמעס רעזשי־אומצופרידנקײַט פון דער טרופּע ניט אויסשליסן...

שאָלעם־אַלייכעמס מאַטאָנע

דער אַנטרעפּרעניאָר אַבע קאָמפּאַניִעץ האָט אײַנגעלאַדן אין טעאַטער שאָלעם־אַלייכעמען, ווען יענער איז געווען אין בערדיטשעוו. ענטפערנדיק אַף קאָמפּאַניִעצעס פראַגע — וועלכן ספּעקטאַקל איז ער אַ באַלן זען צום אַלעם ערשטן, האָט שאָלעם־אַלייכעם באַוויליקט דורכצוקוקן „באַר־קאָכבאַ". דעם הויפּט־העלד פונעם ספּעקטאַקל האָט געשפּילט אַן אַקטיאָר, וואָס האָט פאַרמאָגט זייער אַ שטאַרקע שטים. ער האָט געזונגען מיט גרויס עקספּרעסיע, וואָס עס האָט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן אוילעם אין צושויער־זאַל. איבעראַשט איז געווען אויך שאָלעם־אַלייכעם. ווען דער פאָרהאַנג האָט צום לעצטן מאָל זיך אַראָפּגעלאָזט, האָט ער געבעטן דעם דירעקטאָר פון טעאַטער, יענער זאָל מיט אים אַרײַן הינטער די קוליסן צום אויספּילער פון דער ראָל פון באַר־קאָכבאַ. אַבע קאָמפּאַניִעץ האָט באַקאַנט דעם אַקטיאָר מיט שאָלעם־אַלייכעמען, וועלכער האָט אַרויסגעצויגן פון זײַן שניפּס אַ גאָלדענע שפּילקע און זי דערלאַנגט דעם אַקטיאָר און בעשאַסמײַסע אים געלויבט דערפאַר, וואָס ער האָט אַזויפיל פאַרגעניגן פאַרשאַפט די צושויער מיט זײַן געזאַנג.

דער אַקטיאָר האָט, נאַטירלעך, באַדאַנקט שאָלעם־אַלייכעמען פאַר דער מאַטאָנע, אָבער ער איז קענטלעך פון דעם באַזוך ניט ניספּאָעל געוואָרן. ווײַזט אויס, ער האָט קיין אָנונג ניט געהאַט, אַז דער גאַסט איז אַ ייִדישער שרײַבער, וואָס שרײַבט דראַמעס און מע רופט אים שאָלעם־אַלייכעם. אַ ליבלינג פונעם פּובליקום, איז דער אַקטיאָר שוין געוווינט געווען צו באַקומען מאַטאָנעס פון פאַרמעגלעכע צושויער. קיין ייִדישע ליטעראַטור האָט ער ניט געלייענט, דעריבער איז דער נאָמען שאָלעם־אַלייכעם אים ניט געווען באַקאַנט. און ס'איז געבליבן, אַז עפּעס אַ ייִד אַ נאָגיד האָט געשענקט דעם אויספּילער פון דער ראָל פון באַר־קאָכבאַ אַ גאָלדענע שפּילקע...

דער אַרטיסט אינעם שונד־טעאַטער

(עס דערציילט אַן אַלטער אַקטיאָר)

ביז איך בין אַרײַנגעטראָטן צו רובינטשיקן אין טרופּע, בין איך געווען אַן אַקטיאָר אין אַנדערע פּראָווינציִעלע טעאַטערן. און ווען איך

דערמאָן מיך, ווי אַזוי איך האָב מיך געמאַטערט, גייט מיר איבער א גרויל איבערן לײַב. ווי האָב איך דאָס אלץ איבערגעלעבט און בין ניט געשטאָרבן פון הונגער?

אין פּאָלטאַווע און דערנאָך אין זאַפּאָראָזשיע האָב איך כוץ שווארץ ברויט און א טרונק וואַסער גאנצע וואָכן אין מײַן מויל גאָרנישט ניט געהאט.

דער באַלעבאָס האָט מיך, ווײַזט אויס, באַטראַכט, ווי א פאַרשיווע הינטל. דאָס האָט מען געזען פון זײַן פולשטענדיקן גלײַכגילט צו מײַן מאַטעריעלער לאַגע. וואָס פלעגט ער טאָן, ווען מע האָט באַדאַרפט צעטיילן די סכירעס? אָנשטאָט צונויפזאַמלען די גרופּע אַקטיאָרן, וואָס מע האָט זיי באַדאַרפט צאָלן (לויט דער מאַרקעס־סיסטעם) אין דער טעאַטער־געבײַדע און דאָרט מיט זיי זיך צערעכענען, פלעגט ער אונדז צונויפזאַמלען אין א פּריוואַטער דירע און דאָ טיילן דאָס געלט. מיר, וועלכער האָט מיט אַט דער גרופּע צוזאַמען געשפּילט, פלעגט ער אויסטיילן קאַדאָכעס אין א קליין טעפּעלע. ווי מע זאָגט: איך זאָל די פיס ניט אויסציען פון הונגער.

וויפל ליבע צום ייִדישן טעאַטער האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן, קעדיי דאָך פון אים ניט אַנטלויפן אַהין, ווו דער שווארצער פעפער וואַקסט!

ליוסי דינאַראָווא טוט א שטויס צו אימפּראָוויזאַציע

(עס דערציילט אַן אַלטער אַקטיאָר)

מיר האָבן געשפּילט אין מאַריופּאָל די אָפּערעטע „בערעלע בעזבאָזשניק". די הויפּט־ראָל האָט געשפּילט דעם אַנטרעפּרעניאָרס טאָכטער ליוסי דינאַראָווא. העיויס לויטן אינהאַלט איז איר טאַטע א כאַזן, זײַנען מיר, מעשוירערים, געקומען צום כאַזן. ס׳איז יעדן צושויער באַוווּסט, אַז אין אַן אָפּערעטע דאַרף אלץ זײַן עלעגאַנט, פּיקאַנט, פלעגן מיר, די כאָריסטן און כאָריסטקעס, זײַן אויסגעפּוצט אין שיינע קאַפּאָטקעלעך, אין שיינע שליאַפּקעס. וועגן די פּענעמלעך איז שוין אָפּגערעדט, אַז זיי זײַנען געווען יאָמטעוודיק.

איך בין נאָך דעמלט געווען א כאָריסט. איינמאָל האָב איך שיר ניט פאַרשלאָפן דעם ספּעקטאַקל און שוין מוירע געהאַט אָפּרײַסן צײַט אַף אָפּראַזירן זיך. און ווײַל איך בין ניט קיין גראַזירטער, טראַכט איך מיר, איז ניט קיין אומגליק, אויב מײַן קאַפּאָטקעלע וועט ניט זײַן שיין ווי געהעריק. בין איך מיר מעיאַשעוו און טו אָן א קאַפּאָטקעלע ניט אַזוי אײַ־אײַ־אײַ. דערזעט מיך ליוסי, איך הער איר אויסגעשריי: „אָ, כאַיִם־יאַנקל דער מעשוגענער!" אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך אָנגעהויבן לעבן אַף דער בינע, ווי א מעשוגענער. ניט שאַרזשירט, נאָר געטאָן אַף דער בינע אַזויִנס, וואָס עס וועט ניט טאָן א מענטש באַם קלאָרן זינען.

דער אוילעם האָט אַפּלאָדירט. אַף מאָרגן האָט מען אין א צײַטונג אָפּגעדרוקט א רעצענזיע, וועלכע כ׳האָב פאַרהיט ביז הײַנטיקן טאָג. אין דער רעצענזיע האָט מען באַהאַנדלט בלויז אָט דעם כאַיִם־יאַנקל, וועלכן איך האָב געשפּילט. גלײַך נאָך דעם האָט דער באַלעבאָס פון דער טרופּע באַפוילן, אַז מע זאָל פאַרגרעסערן די צאָל פון מײַנע מאַרקעס אַף צוואַנציק. און אין די פּראָגראַמקעס, ווו עס זײַנען געווען אויסגערעכנט די אויספּילער פון דעם ספּעקטאַקל, איז מײַן נאָמען אוועקגעשטעלט געוואָרן אַף א בעקאָוועדיקן פּלאַץ.

נאָך א פּאָר ווערטער וועגן דעם שונד־טעאַטער

דאָס העפקיירעס, וואָס האָט, ווי א שוידערהאַפטער שאָטן, יאָרנלאַנג באַגלייט דעם פּראָווינציעלן ייִדישן טעאַטער, קאָן בעשום־אויפן ניט ארויסשטויסן פון אונדזער געדאַנק די פראַגע: מיט וואָס האָט אַזאַ אומדאַנקבאַרע פּאַרנאָסע — זיך נאַריש מאַכן אין א ייִדישן באַלאַגאַן — געקאָנט, ווי א מאַגניט, צוציען צו זיך יונגע, פרישע, לעבנסלוסטיקע באָכערים און מיידלעך? לײַדן הונגער און קעלט, זײַן אָרעם געקליידט, טראָגן צעריסענע שיך, און דאָך מיט אַלע קויכעס (מיט די נעגל, מיט די ציין) זיך אײַנקלאַמערן אין אַזאַ שלימאַזלדיקער פּאַרנאָסע! אום יעדן פּרײַז בלײַבן טרײַ דער בינע, און שטענדיק גלייבן, אַז דו ביסט באַרופן צו זײַן אַן אַרטיסט. און וויפל פון זיי זײַנען טאַקע געווען עמעסע קינסטלער, אָפּטער פון אלץ אויסלאַכער, וואָס פון זייער גיפטיק, קלוג וואָרט פלעגט דעם פּאַראַזיט, דעם ספּעקוליאַנט, דעם ביוראָקראַט א שטאָך טאָן אין דער זיבעטער ריפּ!

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

די ייִסראָעל־צײַטונג „דער וועג" האָט פאַרעפנטלעכט א סעריע קורצע פארצייכענונגען אונטערן אלגעמיינעם טיטל „פּאָרטרעטן אין הומאָריסטישע פארבן". דער אווטאָר פון די פּאמפלעטן ש. בוים באַווײַזט אין קאַרגע שטריכן דאָס גרויסשאפטלעכע און פערזענלעכע געשטאלט פון א גאַנצער ריי אָנפירנדיקע פיגורן אין די איצטיקע רעגירונגס־קרײַזן פון מעדינאַס־ייִסראָעל.

מענאכעם בעגין

אַן אלטע צעבראָכענע קיילע, א פאַרזעסענער פּאָליטיקער, האָט זיך מענאכעם בעגין, אַף די אלטע קראנקע יאָרן, ארופגעכאפט אפן זאָטל, און ער רײַט הײַנט... אַף דער מעדינע.

שווער איז געווען זײַן וועג צום קיסע הא־מאלכעס. 29 יאָר האָט ער געשריגן, אז ער, בעגין, איז דער אויסלייזער, ער וועט באפרײַען ייִדן פונעם ייִסראָעלדיקן גאָלעס. ווען ס'איז צו אים דערגאַנגען די בסורע, אז די מעלוכע איז זײַנע, איז אים באפאלן א היסטערישע פרייד און ער האָט אויסגעשריִען צו זײַן ווײַב: — אליס, איך בין שוין באָרעכהאשעם אויבן! און זי, די „ערשטע דאמע אין ייִסראָעל", האָט צו אים אזוי געזאָגט:

— מענאכעם, האלט זיך פעסט, מענאכעם. דער לייטער איז שוואך, און ס'איז ניטאָ, ווו אים אָנצושפארן. עס בלאָזן שטארקע ווינטן, און אזא שוואכע נעשאָמע, ווי דײַנע, קאָן זיך ניט האלטן א לאנגע צײַט אַף אזא הייך (בא דער מאכט). 29 יאָר ביסטו געקראָכן צו דײַן איצ־טיקער הויכקײַט, און אין איין רעגע קאָנסטו פאלן. דײַנע מיטהעלפער, דײַנע פרײַנט פון דער אזויגערופענער „אָפּאָזיציע", וועלכע האָבן אויס־געטראָטן א וועג צו דײַן איצטיקער הערשאפט, וועלן דיר אויך ניט קאָנען העלפן...

מעגלעך, אז ש. פערעס און זײַן גלײַכן וועלן אים ניט לאָזן פאלן. אזא מעציִע, ווי בעגין, טרעפט מען ניט יעדן טאָג. אזא הייליקע נעשאָ־מע, וואָס לאָזט ניט ארויס דעם הייליקן סייפער פון דער האנט, לויפט פון איין בעסמעדרעש צום אנדערן און קושט די מעזוזעס בא אלע טירן אין דער וועלט,— האָט נאָך מעדינאַס־ייִסראָעל ניט געהאט. קוקט מען זיך גוט צו צו אים, זעט מען, ווי זײַנע אויגן גלאנצן, דאָס מויל זאָגט לויטער טפילעס און די הענט שטרעקן זיך ווײַט־ווײַט, ביז צו די דערפער פון דאָרעם־ליוואַן.

אויבנוף דוכט זיך, אז ער איז א באשיידענער מענטש, א פרומע נעשאָמע, וואָס זאָרגט בלויז וועגן זײַן כיילעק אוילעמהאבע, און די וועלט איז בא אים קײַ־שפּײַ. אין טאָך אָבער איז ער א מענטש, וואָס האָט ליב ערד און בלוט, וואָס מער ערד.

די מעדינע ייִסראָעל איז צו קליין פאר זײַן הערשאפט. ער וויל, זאָגט ער, „באפרײַען" גאַנץ ערעץ־ייִסראָעל. בעשאס עס הערן זיך אזעלכע „קאָשערע" רייד, זאָגן די פּאָלקסמאסן אין ייִסראָעל, אז באפרײַען דארף מען זיך בעיִ־קער פון זײַן הערשאפט. דערווײַל שנײַדט ער שטיקער פון פרעמדער ערד און טיילט עס צו זײַנע כסידים: זאָלן זיי וויסן, אז בעגין איז בא דער מאכט, און זאָלן זיי זיצן ביז... מאָשיִעך וועט קומען.

ווען אָבער די עמעסע אויסלייזונג וועט קומען פאר די פּאָלקסמאסן, וועלן די בעגינס ציִען פיס...

מ. בעגין איז אָבער דערווײַל בא דער מאכט, און די וועלט דארף אויך געניסן פון זײַן „גרויס־קײַט".

פּאָרט ער קיין אמעריקע, רומעניע, פראנק־רײַך; ער קלײַבט ניט איבער, זאָל זײַן, ווו ס'זאָל ניט זײַן, אבי די וועלט זאָל אים זען. ער כאפט זײַן טאנאכל און פאָרט. און ווי נאָר ער קומט ערגעץ־ווו אין דער וועלט, זוכט ער א בעסמעד־

רעש, אַ שול, שטעלט זיך דאַווענען און בעט דעם ריבוינעשעלוילעם, ער זאָל אים העלפֿן אין זײַנע „שיינע" מײַסים.

קומט ער אין אַ שטאָט פֿון אַן אַנדער לאַנד, לויפֿן זיך צונויף ייִדן, באַפֿאַלן אים מיט פֿראַגעס, און ער, אַן אויסגעשעפּטער, בעט זיך, מ'זאָל אים לאָזן כאַפּן דעם אָטעם.

— וואָס ווילט איר פֿון מיר? — בעט זיך בעגין. — איר זעט ניט, ווי שוואַך איך בין, ווי שווער איך האַלט זיך אַפֿן בענקל? אַ וועלט האָט זיך אויף מיר אָנגעלייגט און שרײַט, איך זאָל געבן שעטאָכים, און איך וויל נעמען, וואָס מער נעמען. מע זאָגט, אַז איך דאַרף אָפּטרעטן פֿון די פֿאַרנומענע געביטן און מאַכן שאָלעם מי'ט די פּאַלעסטינער. וואָס טויג מיר אָבער אַזאַ שאָלעם, אַז מע וועט דאַרפֿן אָפּגעבן דאָס, וואָס מיר האָבן באַפֿרײַט. דערצו איז מײַן האָבי מילכאָמע. אָן מילכאָמע, אָן קאָנפֿראָנטאַציעס און אָן קאָנפֿראָנטאַציעס — וואָס פֿאַר אַ טאַם וועט האָבן דאָס לעבן?

מאָשע דאַיאַן

ס'דערציילט זיך, אַז אַ ייִד אין אַ שטעטל אין פּוילן האָט געהאַט די טעווע צו ריידן בלויז בעסאָד־סוידעס. בעשאַס ער האָט אָבער אַרײַנגערעדט יענעם אין אויער, האָט ער אַזוי געשריגן, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט געהערט. ער איז געווען טויב, און ער האָט געמיינט, אַז אויך די וועלט איז טויב.

מאָשע דאַיאַן, דער ייִסראָעלדיקער אויסערן־מיניסטער, ווי באַוווּסט, זעט בלויז אויף איין אויג, אָבער איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס האַלט ניט בעסער מיט זײַנע אויערן.

ער הערט בלויז אויף איין אויער. ער הערט, לעמאָשל, וואָס עס זאָגט בעגין, פּערעס, שאַראָן, און הערט ניט, וואָס עס זאָגן די פֿעלקער אויף דער וועלט און די פֿאָרשטייער פֿונעם פּאַלעסטינער פֿאָלק. קיינער צווייפֿלט ניט אין דעם, אַז אַן אויסערן־מיניסטער, וועלכער הערט ניט און וויל ניט הערן, וואָס די פֿעלקער אין דער וועלט זאָגן, קאָן ברענגען גרויס שאָדן זײַן לאַנד. אָבער אַ מענטש, ווי מאָשע דאַיאַן, וואָס שטייט הײַנט אויף אַזאַ הויכן פּלויט און דרייט זיך אַרום אין דער וועלט ווי באַ זיך אין גאָרטן, קאָן, זעט אויס, זיך דערלויבן ניט צו רעכענען זיך מיטן גוירל פֿון דער מעדינע. וואָס, אַשטייגער, האָט אַ ווערט דאָס לאַנד אַנטקעגן אַזאַ העלד, ווי מאָשע דאַיאַן, וועלכער האָט אין די בלוטיקע טעג פֿון אָקטיאַבער 1973 נאָך גערעדט וועגן אַ „זבענק", און וואָס עס באַטײַטן זײַנע רייד, ווייסן טויזנטער יעסוימים און אַלמאָנעס.

ווען די פֿאָלקסמאַסן אין ייִסראָעל האָבן דעמלט געהערט דאָס וואָרט „גאַמדאָנו", האָבן זיי געמיינט, אַז די מײַסע מיט מאָשע דאַיאַן, מיט זײַן „זבענקוועזן" האָט זיך געענדיקט. ס'איז טאַקע געווען אַ צײַט, ווען מ'האָט שוין אויף דער פּאָליטישער אַרענע ניט געהערט פֿון

זײַן נאָמען. בלויז אַלמאָנעס און יעסוימים האָבן ניט פֿאַרגעסן, אַז ס'איז אַמאָל געווען אַ מאָשע דאַיאַן, וועלכער האָט טויזנטער יונגע ייִנגלעך און מיידלעך געגעבן שעטאָכים אויף אייביק...

איז געקומען מ. בעגין, אים אַרויסגענומען פֿונעם נאַפֿטאַלין, אָנגעטאָן אים דיפּלאָמאַטישע בגאָדים און אים אַרויסגעשאָסן אין דער וועלט: זאָל זי אויך וויסן, וואָס מיר פֿאַרמאָגן.

איצט, אין סאַמע ברען פֿון פּאָליטישע קאָנפֿראָנטאַציעס, ווען אין די זאַלן פֿון זשענעווע וועט מען מוזן ריידן וועגן שאָלעם און זיך צוהערן צו דעם, וואָס פֿעלקער אין דער וועלט זאָגן, וועט מאָשע דאַיאַן דאָס מוזן אַראָפּשלינגען און שווײַגן. ער וויל אָבער ניט שווײַגן. זאָל זײַן וואָס ס'וועט זײַן, און ריידן וועט ער. דערווײַל, איידער וואָס־ווען, איז ער אַרויס מיט אַ „ניין".

ריידן וועגן ניט גיין קיין זשענעווע קאָן ער ניט. טוט ער אַלץ, אַז פֿון דעם זאָל גאָרניט אַרויס. ער זאָגט, מע זאָל דאַפֿקע גיין קיין זשענעווע. מע זאָל אָבער ריידן אַזוי, אַז איינער דעם צווייטן זאָל ניט פֿאַרשטיין.

דאָס וואָרט „זשענעווע" האָט אַזוי דערצאָרנט בעגינס אויסערן־מיניסטער, זײַנע באַלעבאַטים און זײַנע כסידים, אַז אין די לערנביכער פֿאַר געאָגראַפֿיע, וואָס דער בילדונגס־מיניסטער האַמער גרייט צו, וועט מען, אַ סוואָרע, אַרויסנעמען דאָס דאָזיקע וואָרט.

אונדזערע שפּאַרבערס קאָנען זיך באַגיין אָן זשענעווע. אָט די מײַסע זשענעווע און בעיִקער דאָס, וואָס מע וועט מוזן אײַנלאַדן די פֿאָרשטייער פֿון דער פּאַלעסטינער אָרגאַניזאַציע, פֿאַרשאַפֿט דאַיאַנען אַזעלכע נערוון, אַז ס'איז מאַמעש אַ ראַכמאָנעס אויף אים.

ער לויפֿט אַרום אין דער וועלט און שרײַט אומופּהערלעך: ניין!

1) ניט אײַנלאַדן די פּאַלעסטינער רעפּרעזענטאַנץ.

2) ניט ריידן מיט זיי.

3) ניט אָפּטרעטן פֿון יעהודע און שומראָן.

4) ניט אויפֿשטעלן קיין פּאַלעסטינער מעדינע.

אַט דאָס שרײַען „ניין" באַווײַזט אָבער, אַז אין דער וועלט איז דאָ א „יאָ".

פעלקער, מעלוכעס אין דער וועלט, שאָלעם־אָנהענגער און פּראָגרעסיווע פאָלקס־קויכעס וועלן, בעשאַס מע וועט זיצן באַם שאָלעם־טיש אין זשענעווע, זאָגן דאָס, וואָס מאַשע דאַיאַן וויל ניט הערן.

זיי וועלן זאָגן, אַז די ברייטע פאָלקסמאַסן אין יִסראָעל, די פעלקער אין נאָענטן מיזרעך ווילן א גערעכטן און דויערהאַפטן שאָלעם, און אין אַט דעם איניען מוז מען ניט טאָן אַזוי, ווי עס זאָגט דאַיאַן.

ער האָט זײַנס אָפּגעזאָגט.

סימכע ערליך

אונדזער יִדישער קאַלענדאַר טיילט אונדז צו אַן א שיר סימכעס. יִדן פרייען זיך פּורים, סימכאַס־טוירע און אין פיל אַנדערע יאָמטויווים. איצט האָט דער אייבערשטער געגעבן א נײַע סימכע, און ניט סטאַם א סימכע, נאָר אַן ערליך־סימכע. אָבער אַט די סימכע פאַרשאַפט גרויסע יעסורים.

די פאָלקסמאַסן אין יִסראָעל, די האַרעפּאַשניקעס זײַנען גרייט זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ סימכע; און וואָס שײַעך „ערליכקײַט", איז זי אונדז פאַרדעכטיק, ווײַל די סימכע קומט פון א יִדן, וואָס שאַרט אַלץ פון די אַרבעטנדיקע צו נעגידישע טישן.

א ייִד זאָל האָבן אַזאַ שיינעם נאָמען און אָפּטאָן אַזעלכע מיִעסע מײַסים!

ביז אין די ערשטע טעג פון זײַן הערשאַפט האָט ווייניק־וועמער פון אים געוווּסט און געהערט. זײַן מיטלמעסיקײַט איז געלעגן פאַרשטעקט אין א שפּאַלט פון דער שפּאַרבערישער יִסראָעל־פּאָליטיק. ער האָט געלעבט אין שאָטן פון א פּאָליטישן אַוואַנטוריסט און געוואַרט, ס'זאָל קומען דער טאָג פון זײַן אַנטפּלעקונג. צום באַדויערן, צום פאַרלוסט פונעם פאָלק, פון דער מעדינע, איז דער טאָג געקומען, און סימכע ערליך, דער מיניסטער... אָן פינאַנצן גיט אונדז טעג, כאַדאָשים פון הונגער און נויט. אַפילע קינדער אין די וויגן פילן שוין זײַן „ערליכקײַט". זיי ווייסן און פילן, אַז ס'איז דאָ א מיניסטער אין לאַנד, וועלכער רײַסט אַרויס דעם ביסן פון זייער מויל.

בעשאַס די נעגידים, די פאַבריקאַנטן און ספּעקולאַנטן געניסן אין א פולער מאָס פון זײַן „ערליכקײַט" און זיי זײַנען הײַנט מאַלע סימכע, זײַנען די פאָלקסמאַסן אויסגעשטעלט צו שווערע לעבנס־באַדינגונגען. סימכע ערליך וויל אָבער באַווײַזן ניסים. ער וויל היילן די קראַנקע פינאַנציעלע לאַגע אונדזערע מיט רעצעפּטן, וואָס פאַרשאַרפן נאָך מער די קרענק.

ס'איז געווען א צײַט, ווען דאָקטוירים האָבן געראַטן א טייל קראַנקע מענטשן, זיי זאָלן זיך לאָזן בלוט, שטעלן פּיאַווקעס.



צו אונדזער פינאַנציעלער קרענק דאַרף מען ניט קיין פּיאַווקעס. סימכע ערליך ווייסט, וויאַזוי צו צאַפּן בלוט און שווייס. ער שנײַדט סובסידיעס אָפּ כעזשבן פון די מאַסן אַרבעטער. די פאַבריקאַנטן גיט ער די פולע פרײַהײַט צו העכערן פרײַזן, צו ספּעקולירן, פאַרגרעסערן זייער פאַרמעגן; ווײַל ער, סימכע ערליך, איז מאַלע סימכע, ווען ער זעט, ווי עס וואַקסט זייער רײַכקײַט.

— איך, — זאָגט סימכע ערליך, — וועל פאַרשיטן די מעדינע מיט אַזעלכע פּאַפּירלעך, וואָס הייסן קלוימערשט געלט, אָבער פאַקטיש איז דאָס בלאָטע.

זאָלן די פאָלקסמאַסן זיך באָדן אין אַט דער בלאָטע, וואָס, אײַדל גערעדט, הייסט עס אינפליאַציע, און פאַקטיש איז עס אַן אינפלאַמאַציע (אָנצינדונג), אַזאַ מין פינאַנציעלע עקאָנאָמישע קרענק, וואָס קאָן דערפירן צו געפאַרפולע פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס, צו פולקומען עקאָנאָמישן באַנקראָט.

אויב עס שמעקט מיט אַזעלכע קאָמפּליקאַציעס, האָט מען אים געראַטן זיך ווענדן צו א דאָקטער, יענער זאָל אים זאָגן, אין וואָס עס באַשטייט די קרענק און וועלכע איז די סיבע און וואָס פאַר א רעפּועע איז דערצו פאַראַן.

דער רופא וואָלט אים באַלד געזאָגט, אַז די פינאַנציעלע „אינפלאַמאַציע" קומט פון צופיל מיליטערישע הוצאָעס און די איינציקע רעפּועע איז — שנײַדן. מע מוז אויסשנײַדן דאָס געשווירלעכץ, באַזײַטיקן די מיקראָבן, אויסרייניקן דעם פּאָליטישן אָרגאַניזם פון מיליטערישע אַוואַנטוריסטן, פון מילכאָמע־העצער.

— איר, אַדוינע ערליך, זײַט דער טרעגער פון אַזעלכע מיקראָבן, שעדלעכע פאַר דער מעדינע, פאַרן פאָלק; איר מוזט פאַרלאָזן אייער פינאַנציעלע אַקראָבאַטיק און לאָזן די מעדינע, די פאָלקסמאַסן, זיי זאָלן געניסן פון דער פּרוכט פון זייער אַרבעט.

אריק שאראָן

ווען איך האָב אין די טעג פון ערעוו די וואַלן צו דער קנעסעט דערזען אויף א פלאַקאַט אין טעל־אוויוו דאָס בילד פון אריק שאראָן, איז מיך באַפאַלן א שרעק. איך האָב געטראַכט, אַז אָט פאַלט ער אויף מיר אַרויף און מיימעסט מיך. א ייִד א דורכגייער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אונדזער נאַפּאַלעאָן. פראַנקרײַך האָט געהאַט דרײַ, מעגן מיר האָבן איינעם. אָט דער נאַפּאַלעאָן אונדזערער קאָן אין איין שמאַ־ייִש־ראָעל באַזעצן קאַיר, דאַמעסעק און ראַבאַט־אַמאָן; אָבער איצט, אין דער נײַער אויסגעוויילטער קנעסעט, איז ער מיניסטער פאַר לאַנד־ווירטשאַפט.

דאָס פאָלק האָט שוין דערפילט זײַן אַרבעט אין די אויפגעשרויפטע פרייַזן אויף פּאָמידאָרן, אוגערקעס א. אנד. איצט באַזעצט ער זײַן „אַרמיי" (גוש עמונים) אויף דער ערד פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין גאַליל און אויף די אָקופּירטע געביטן. ער זאָגט, אַז אויב ער זיצט אין דער ליקוד־רעגירונג, דאַרפן זיצן זײַנע „כּסידים" אין גאַליל, אויף פרעמדער ערד. אין דער ליקוד־רעגירונג פילט ער זיך, ווי אויף א טאַנק, אין מילכאָמע־גרייטקייט.

אין מוטנע וואַסער שווימען אַרום קאַלערליי באַשעפענישן. ווען א מעדינע ווערט באַהערשט פון א רעאַקציאָנערער פּאָליטיק, ווען זי פאַלט ארייַן אין די הענט פון אַוואַנטוריסטן און מי־ליטאַריסטן, טרעטן אַרויס אויף דער הערשנדי־קער אַרענע אויסטערלישע פּאָליטיקער.

די בלוטיקע טעג פון אָקטיאַבער 1973 האָבן אונדז גוירעם געווען פיל יונגע קאָרבאָנעס. זיי האָבן אָבער אונדז געגעבן א שפּאָגל־נײַעם מיל־כאָמע־פּאָליטיקער, א מענטש, וואָס לעבט אונ־טער דער ווירקונג פון ערד־פּסיכאָז.

אריק שאראָן, דער גענעראַל, פּאָליטיקער און איצטיקער לאַנדווירטשאַפט־(לייענט: קאָלאָני־זאַציע)־מיניסטער, לעבט איבער זינט יענע בלוטיקע טעג (1973) שווערע קאָמפּלעקסן. ער קאָן זיך ניט געפינען קיין אָרט. אין טאָג גע־רעדט, האָט ער ליב ערד און לעבט פון ערד. זײַן „אָרעם" שטיקל ערד פאַרזיכערט אים א זאָרגלאָזע מאַטעריעלע עקזיסטענץ. ער איז אַפן געביט פון ערד א גוטבאַזיצער, און ער וואָלט זיך געקענט אויסלעבן זײַנע יאָרן אין אוישער און אין „קאָוועד", ביז א שטיקל ערד וועט אים פאַרזיכערן די אייביקע רו. עס ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז ער האָט ניט געלייענט טאָלסטאָיס דערציילונג „וויפל ערד א מענטש דאַרף האָבן". ווען ס'רעדט זיך וועגן ערד, קלעקט אים ניט די ערד, וואָס די מעדינע פאַרמאָגט. ער זאָגט, אַז א גענעראַל, ווי ער, וועלכער האָט מיט איין שאָס געשפּאָלטן דעם סועץ־קאַנאַל, מוז האָבן וואָס מער ערד (קעדיי האָבן, ווו צו ברענגען צו קווורע די מילכאָמע־קאָרבאָנעס).

דער ווילן צו זײַן א גענעראַליסימוס איז די צווייטע קרענק זײַנע. אין ייִסראָעל איז יעדער

גענעראַל א פּאָליטישער מומכע, א זאָגער, מאַשין, וואָס מאָלט פּאָליטישע דערקלערונגען. אויך אריק שאראָן מוז זיך באָדן אין די מוטנע וואַסערן פון אונדזער הערשנדיקער ליקוד־פּאָ־ליטיק.

די צאָרע איז אָבער, וואָס א מענטש קאָן ניט זיצן אויף צוויי בענקלעך. און אריק שאראָן, אַדאַנק זײַנע צוויי קרענק, מוז נעבעך שטיין מיט איין פוס אין דער הערשנדיקער פּאָליטיק פונעם ליקוד און מיט דעם צווייטן וואָלט ער געוואָלט שטיין אין די העכסטע ספערן פונעם מיליטאַריזם.

איצט, בייס בעגינס הערשאַפט, פאַרנעמט זיך דער „נאַפּאָלעאָן" מיט ערד, אָבער ניט מיט זײַן „שטיקל" ערד, נאָר מיט פרעמדער ערד.

ווען זײַן פּאָליטישער באָס, מענאַכעם בעגין, האָט אים אײַנגעלאַדן צו זיך אין קאַבינעט, קעדיי אים צו קרוינען מיט א מיניסטערישער פונקציע, האָט ער אים געפרעגט, וועלכע איז זײַן עמעסע פּראָפעסיע און ווו פילט ער זיך בעסער — אויף א טאַנק אָדער אויף דער ערד (גע־מיינט זײַן פּערמע).

האָט שאראָן געענטפערט, אַז אין א ליקוד־רעגירונג איז דער איקער ניט קיין אַקער־אײַזן, נאָר טאַנקען. כאָטש ער איז דער מיניסטער פאַר לאַנדווירטשאַפט, דאַרף ער ניט קיין אַקער־אײַזנס. די ערד, וואָס ער פאַרנעמט און קאָלאָניזירט, וועט ער פאַראַקערן מיט טאַנקען, ביקסן און אַנדערע מילכאָמע־קליינײַען, ווי אויך מיט ביליקער אַרבעטס־קראַפט פון די אַראַבער.

— אויב אַזוי, — האָט געזאָגט בעגין, — ביסטו מײַנער א מענטש. גיי און קאָלאָניזיר וואָס מער באָדן; באַזעץ דאָרט דײַנע כעוורע און פאַר־ייִדיש דעם גאַליל. לעפאָנעם וועט דאָס הייסן, אַז דו ביסט מײַן לאַנדווירטשאַפט־מיניסטער.

דאַן האָט אריק שאראָן פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען צו דער אַרבעט, וואָס שמעקט מיט מילכאָמע.

אַזאַ אַנשיקעניש אויף א מענטשן: אַז ווו ער זאָל זיך ניט דרייען און וואָס ער זאָל ניט טאָן, רינט אַרום אים בלוט.

ייגאל האראָוויץ

דער האנדלס־ און אינדוסטריע־מיניסטער יי. האראָוויץ האָרעוועט נעבעך שטאַרק שווער. איינער אַליין קעגן הונדערטער טויזנטער אַר־בעטער! אַ מענטש זאָל האָבן אַף זײַן קאָפּ אַזויפיל אייגענע געשעפטן, פאַבריקן, און דער־צו זאָל ער נאָך זײַן מיניסטער פון האנדל און אינדוסטריע.

האנדל, זאָגט ער, איז זײַן געביט. ער קאָן קויפן און פאַרקויפן מענטשן, פּרינציפּן, אידייען, און צוליב זײַנע נעגידישע פּרײַנט פון אַמעריקע איז ער גרייט אַף אַלץ. איז וואָס שפּילט בא אים דאָן אַ ראָליע דאָס פאָלק און דאָס לאַנד!

ווען דער ליקוד האָט אים געקרוינט מיט אַ מיניסטערישער פונקציע, האָט ער צונויפגערופן זײַנע קינדער און זיי געמאָלדן, אַז ער מוז זיך אָפּלאָזן פון זײַנע פּריוואַטע געשעפטן.

— איר, קינדערלעך, — האָט ער געזאָגט, — וועט איבערנעמען מײַנע געשעפטן, ווײַל איר זײַנט מײַנע יאָרשים.

דערהערט, אַז זייער פאָטער האלט שוין באַם איבערגעבן די ירושה, האָבן זיך די קינדער מאַמעש צעוויינט.

— וויינט ניט, טײַערע, אײַער טאַטע לעבט נאָך. אין מײַנע פּריוואַטע געשעפטן האָב איך געהערשט איבער אַ טייל אַרבעטער, הײַנט וועל איך הערשן איבער זיי אַלעמען. איך וועל העלפן אונדזערע שיינע באַלעבאַטישע ייִדן אין זייער בויט. און העלפן מוז מען זיי. איך וועל ניט דערלאָזן, אַז קאָשערע פאַבריקאַנטן, קאַ־פּיטאַליסטן, ספּעקוליאַנטן זאָלן ווערן בעדיל־האַדאַל צוליב אייניקע הונדערטער טויזנטער אַרבעטער.

די מײַסע מיט די אַרבעטער, זייערע פּראָ־טעסטן און דעמאָנסטראַציעס גייען אים ניט אַרויס פון קאָפּ. ווער זײַנען זיי, אָט די אַרבע־טער, און וואָס טוען זיי, אָט די אַרבעטער? זיי אַרבעטן?! איז מאַ האַראַש? אַזוי פירט זיך אין דער גאַנצער אַזויגערופענער „פרײַער וועלט". די אַרבעטנדיקע מוזן אַרבעטן, קעדיי די פאַ־בריקאַנטן זאָלן מאַכן פאַרמעגן.

ער, ייִגאַל האראָוויץ, וועט זיך ניט רעכענען מיט דעם, וואָס אַרבעטער זאָגן. ער איז אינ־דוסטריע־מיניסטער אין דער ליקוד־רעגירונג, און ער וועט זאָרגן בלויז וועגן זײַן אינדוס־טריע.

אָבער שאַט! לאָמיר זען, וואָס איז אַזוינס אינ־דוסטריע. מענטשן זאָגן, אַז אינדוסטריע אָן אַרבעטער איז ווי אַ וואָגן אָן רעדער, און ווען אָט די רעדער האָבן ניט קיין שמירעכץ, סקריי־פּעט דער וואָגן און גייט שוואַך. ס'איז אַ קלאַל אין דער וועלט, אַז אַרבעטער דאַרפן עסן.

ייִגאַל האראָוויץ, דער פריש־געבאַקענער לי־קוד־מיניסטער, ווייסט, וויאַזוי מע האנדלט מיט קעז און מילך, ער ווייסט, וויאַזוי צו מאַכן פאַרמעגן. ער ווייסט אָבער ניט און וויל ניט וויסן, אַז די שעפער פון פּראָדוקטן דאַרפן גע־ניסן פון אַ לעבנס־ניוואָ.

ווען ער האָט דערזען, ווי אַרבעטער, אָנגע־שטעלטע, אינטעליגענץ און סטאַם פאָלקס־מענטשן זײַנען אַרויס אין די גאַסן מיט זייערע פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס קעגן דער נײַער כוואַליע פון פאַרטײַערונג, קעגן דער וואַקסנדיקער אינפליאַציע פון שטײַערן־לאַסט, איז אים באַפאַלן אַ שרעק. ער האָט דערזען פאַר זײַנע אויגן אַ קויעך, מיט וועלכן ער קאָן זיך ניט פאַרמעסטן.

זײַנע נעגידישע פרײַנט, די באַלעבאַטים פון דער אינדוסטריע, זײַנען ניט אימשטאַנד אים צו העלפן. זיי זוכן בלויז אַראָפּלאָזן אין זייערע קעשענעס וואָס מער רעוואָכים, אויסצאַפּן פון נעם פאָלק און פונעם לאַנד וואָס מער פאַר־דינסטן. די געשעפטן אין דער אינדוסטריע וועלן גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ...

מיט 10 יאָר צוריק — דער באַשלוס פֿונעם זיכערהייט־ראַט 242

צווישן די דאַטעס, וועלכע זײַנען לעצטנס אָפּגעמערקט געוואָרן, דאַרף מען אונטערשטרײַכן דעם 10־טן יאָרטאָג פֿונעם באַשלוס 242 פֿון דעם זיכערהייט־ראַט פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס.

די דאָזיקע רעזאָליוציע האָט געצילט צו ליקווידירן די רעזולטאַטן פֿון דער אַגרעסיווער מילכאָמע פֿון דער ייִסראָעל־רעגירונג און צום אײַנשטעלן א גערעכטן און סטאַבילן שאָלעם אין מיטעלן מיזרעך... אַלע ייִסראָעל־רעגירונגען, וואָס זײַנען זינט דאַן געווען בא דער מאַכט, האָבן זיך אָפּגעזאָגט דורכצופֿירן דעם דאָזיקן באַשלוס, סאַבאָטירנדיק די אינטערנאַציאָנאַלע אָנשטרענגונגען, וואָס זײַנען געווען באַשטימט צו העלפֿן די מעדינעס פֿונעם ראַיאָן פֿאַרווירקלעכן דעם באַשלוס. לאָמיר דערמאָנען די מיסיע פֿון דעם ספּעציִעלן אונאָ־שאָליִעך, ד״ר. גונאַר יאַרינג, דעם פֿאַרמיטלונגס־פּרוּוו פֿון די פּרעזידענטן פֿון פֿיר אַפֿריקאַנער מעדינעס אין 1971 און אַנדערע באַמיִונגען, וואָס זײַנען געשטרויכלט געוואָרן מיצאַד די ייִסראָעל־רעגירונגען, מיט דער הילף און צושטימונג פֿון די אַמעריקאַנער.

ס׳איז אַזוי געשען, אַז אָנשטאָט עס זאָל אײַנגעשטעלט ווערן שאָלעם, איז אין 1973 אויסגעבראָכן נאָך א מילכאָמע. אין רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער מילכאָמע האָט דער זיכערהייט־ראַט פֿון דער אונאָ אָנגענומען נאָך א באַשלוס — נום. 338 (22. 10. 73), וועלכער האָט צווישן אַנדערע אָנווײַזונגען אויך איבערגעכאַזערט און באַשטעטיקט אַפּסנײַ דעם באַשלוס 242. די ייִסראָעל־רעגירונג — סײַ פֿון מאַאַראַך, סײַ פֿון ליקוד — סאַבאָטירט ווײַטער דאָס אויספֿירן דעם דאָזיקן באַשלוס און דאָס צונויפֿרופֿן די זשענעווער קאָנפֿערענץ (אַלס רעזולטאַט פֿונעם באַשלוס 338), זי האָט צוגעשטימט בלויז צו רעגולירונגען אין סינײַ און גאָלאַן, וואָס האָבן ניט געלייזט די יעסוידעסדיקע פּראָבלעמען צום געוווּנטשטן שאָלעם.

לאָמיר דערמאָנען די הויפּט־פּונקטן פֿון דעם באַשלוס 242, וועלכער „שטרײַכט אונטער דעם פֿאַרבאָט צו דעראָבערן שטעטאָכים דורך מילכאָמע און די נויטווענדיקײַט צו זײַן אַקטיוו פֿאַר א גערעכטן און סטאַבילן שאָלעם, וואָס זאָל דערמעגלעכן אַלע מעדינעס פֿונעם ראַיאָן צו לעבן אין זיכערהײַט”.

די רעזאָליוציע האָט פֿעסטגעשטעלט די פֿאָלגנדיקע פּרינציפּן פֿאַר אײַנשטעלן א גערעכטן און סטאַבילן שאָלעם:

א) צוריקציִען די ייִסראָעלדיקע באַוואָפֿנטע קויכעס פֿון די שטעטאָכים, וואָס זײַנען אָקופּירט געוואָרן אין דעם לעצטן סיכסעך (געמיינט די מילכאָמע פֿון יוני 1967).

ב) פֿאַרענדיקן דעם קריגס־צושטאַנד, רעספּעקטירן און אָנערקענען די סוּווערעניטעט, טעריטאָריִעלע גאַנצקײַט און אומאָפּהענגיקײַט פֿון אַלע מעדינעס פֿונעם ראַיאָן און זייערע רעכט צו לעבן אין שאָלעם אין אָנערקענטע און אין זיכערע גרענעצן, פֿרײַ פֿון דראָונגען אָדער פֿון באַנוצן קויעך.

די רעזאָליוציע רופֿט גאַראַנטירן פֿרײַהײַט פֿון שיפֿס־פֿאַרקער אין די אינטערנאַציאָנאַלע וואַסערן פֿונעם ראַיאָן און דערגרייכן א גערעכטע לייזונג פֿון דער פּראָבלעם פֿון די אַראַבישע פּלייטים. דאָס איז פּאַקטיש די הויפּט־שוואַכקײַט פֿון דעם באַשלוס 242. אָנשטאָט אײַנצושליסן א קלאָרע פֿאָרמולירונג וועגן גאַראַנטירן די נאַציאָנאַלע און לעגיטימע רעכט פֿונעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פֿאָלק, איז אינעם באַשלוס אָנגענומען געוואָרן, אונטערן דרוק פֿון ייִסראָעל און פֿון די מײַרעוו־לענדער, די אויבנדערמאָנטע פֿאָרמולירונג וועגן דער „פּלייטים־פּראָבלעם” אַף א זייער אַלגעמיינעם אויפֿן.

אָבער די אַנטוויקלונגען אינעם ראַיאָן זינט דאַן און באַזונדערס נאָך דער מילכאָמע פֿון 1973 האָבן באַוויזן מיט דער גאַנצער שאַרפֿקײַט די נויטווענדיקײַט צו לייזן די פּאַלעסטינער פּראָבלעם. הײַנט איז פֿאַראַן אַן אײַנשטימיקײַט אין דער וועלט, אויסער דער ייִסראָעל־רעגירונג, אַז מע דאַרף גאַראַנטירן די רעכט פֿונעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פֿאָלק, אײַנשליסלעך זײַן רעכט אויפֿצושטעלן א זעלבשטענדיקע מעדינע בא דער זײַט פֿון ייִסראָעל.

דאָס איז די סיבע, פֿאַרוואָס די ייִסראָעל־רעגירונג שטימט לעצטנס אײַן, קלוימערשט, מיט דעם באַשלוס 242 (פֿאָרמעל האָט זי אָנגענומען דעם באַשלוס נאָך אין 1970), ווײַל עס איז ניט פֿאַראַן אין אים די קלאָרע באַצייכענונג פֿון די רעכט פֿונעם פּאַלעסטינער פֿאָלק. די צוויִעס פֿון דער דאָזיקער שטעלונג פֿון דער ייִסראָעל־רעגירונג איז דײַטלעך, ווײַל זי זאָגט זיך דאָך אָפּ פֿון דעם הויפּט־פּונקט פֿון דער רעזאָליוציע 242 — פֿון דער פֿאָדערונג צו באַפֿרײַען די אָקופּירטע שטעטאָכים.

י. אונגער („דער וועג”)

יאשע טשערניס

נאָך א שווערער לאנגדויערנדיקער קרענק איז געשטאָרבן דער מיטארבעטער פון אונדזער זשורנאל יאשע (יאקאָוו איליטש) טשערניס.

י. טשערניס איז געבוירן געוואָרן אין 1909 אין דער שטאָט וואָלאָדארסק־וואָלינסק, זשיטאָמירער געגנט. שוין אין עלטער פון צען יאָר הייבט ער אָן ארבעטן צוזאמען מיטן טאטן אין א בעקערײַ.

צו זעכצן יאָר קומט ער אָן אין א לאנדווירטשאפטלעכער קאָמונע, וועלכע אָרגאניזירט זיך אינעם דאָרף קסאווערָאווקע, און ארבעט דאָרט אלס בעקער. אין דער קאָמונע טרעט ער ארײַן אין קאָמיוג. אין 1930 שיקט זי אים אָפּ זיך לערנען אין ארבפאק באם אָדעסער אינסטיטוט פון פאָלקסבילדונג.

ווען אוקראַינע דערקלערט א מאָביליזאציע פון יוגנטלעכע פאר דער בויונג פונעם יידישן נאציאָנאלן ראיאָן אפן אמור, איז י. טשערניס צווישן די ערשטע 400 פרײַוויליקע, וועלכע פאָרן אוועק אין 1932 קיין ביראָבידזשאן. דאָ ארבעט ער אלס סעקרעטאר פון א ראיקאָם פון קאָמיוג, שפּעטער אין געגנטקאָם פון קאָמיוג, אין די אָרגאנען פון פאָלקסבילדונג. אין 1935 שיקט אים דער קאָמיוג אף ארבעט אינעם ביראָבידזשאנער געגנטלעכן מיליטער־קאָמיסאריאט, און פון דעמלט אָן דינט ער אין משך פון צוויי צענדליק יאָר אין ארמיי. בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע פילט י. טשערניס אויס א ריי פאראנטוואָרטלעכע אופטראָגן פון די מיליטער־אָרגאנען.

נאָך דער דעמאָביליזאציע לעבט יאקאָוו איליטש טשערניס אין מאָסקווע, ווו ער ארבעט אין משך פון א לענגערער צײַט אף פארשיידענע אונטערנעמונגען.

מיט ליטערארישער שאפונג פארנעמט ער זיך נאָך אין אָדעס, ווען ער האָט זיך געלערנט אין ארבפאק. נאָר באזונדערס צעבליט זיך זײַן טאלאנט אין די לעצטע יאָרן, ווען ער ווערט א מיטארבעטער פון דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד". דעביוטירט האָט ער מיט זיכרוינעס „א רײַזע מיט האלקינען און גאָדינערן", דערנאָך דרוקן זיך זײַנע אנדערע ווערק. א טיפן אײַנדרוק האָט געמאכט אפן לייענער די גרעסערע דערציילונג „דער וועג אף קורקאן".

יאשע טשערניס איז געווען א זויבערער מענטש און טרײַער כאווער, א גרויסער פאטריאָט פון אונדזער היימלאנד. ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן איז ער געווען דער שטעלפארטרעטער פונעם סעקרעטאר פון דער פארטיי־אָרגאניזאציע אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד". אלע זײַנע יאָרן האָט ער באוויזן א מוסטער פון ערלעכקײַט, גוטהארציקײַט, ליבשאפט צו מענטשן. אזא וועט ער פארבלײַבן אין זיקאָרן פון אלעמען, ווער עס האָט אים געקענט און וועמען עס איז אויסגעקומען זיך צו באגעגענען מיט אים אף די לעבנסוועגן.

ערע זײַן אָנדענק!

זאלמען זילבערבלאט

ס'איז געשטאָרבן דער וועטעראן פון דער יידישער בינע זאלמען זילבערבלאט.

אין מאָסקווער גאָסעט האָט ז. זילבערבלאט געארבעט פון זינט דער טעאטער איז געגרינדעט געוואָרן. ער האָט אָנטיילגענומען קימאט אין אלע זײַנע ספעקטאקלען, געשאפן א סאך געשטאלטן. באזונדערס האָט זיך פארגעדענקט די הויפּט־ראָל אין מ. גערשענזאָנס פיעסע „הערשעלע אָסטראָפּאָלער".

ז. זילבערבלאט איז געבוירן געוואָרן אין ביאליסטאָק אין 1897, האָט זיך געלערנט אין א גימנאזיע אין אנטווערפּען (בעלגיע). אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע (1914) פאָרט ער אריבער קיין לאָנדאָן, נאָר קערט זיך אום אין דעם זעלבן יאָר אהיים, וווינט אין פעטראָגראד, דערנאָך אין מאָסקווע, ווו ער פארנעמט זיך מיט מאָלערײַ און קונסטקענטעניש.

ז. זילבערבלאט איז געווען א הויכקולטורעלער מענטש, גוט באהאוונט אין דער יידישער, רוסישער און אייראָפּעישער ליטעראטורן. א געוויסע צײַט פארנעמט ער זיך מיט זשורנאליסטיק, איז א מיטארבעטער פונעם אויסלענדישן אָפּטייל אין דער צײַטונג „קאָמסאָמאָלסקאיא פראוודא".

ז. זילבערבלאט האָט אקטיוו זיך באטייליקט אין דער אָרגאניזאציע פון ליטעראריש־קינסטלערישע אָוונטן, געווידמעט די קלאסיקער פון דער יידישער ליטעראטור, אין דער אײַנאָרדענונג פון קאָנצערטן, מיט וועלכע עס איז ארויסגעטראָטן דער מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאטער.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

פאַרשיידנס

א ביבליאָטעק, וואָס רופט אַרויס א שמייכל

ווענן די, וואָס קויפן ביכער ניט אַף צו לייענען, האָט מען געשריבן נאָך אין זיבעצנטן יאָרהונדערט. ס'זײַנען באוווּסט פאלן, ווען פאָליאַנטן, וועלכע האָבן לויט זייער פאַרנעם ניט געקאָנט אַרײַן אין אַלמער, פלעגט מען אַרומשנײַדן און אײַנבינדן אין א באַזילבערטער רינדן־לעדער מיט מאָנאָגראַמעס. אָט אַזוי זײַנען געשטאַנען אַף געלעכטער די קריפּלען מיט רײַכע אײַנבונדן.

עס פלעגט אָבער טרעפן, אַז פאַלשע ביכער־סטעלאַזשן אָדער שאַפעס זײַנען געמאַכט געוואָרן ניט צוליב פוסטער גײַווע, נאָר אַף צו פאַרשטעלן געהיימע טירן אָדער באַהעלטעניש. אַזעלכע סטעלאַזשן האָט מען געמאַכט פון די רוקנס פון עמעסדיקע ביכער אָדער מײַסטעריש זיי אויסגעמאָלט. אָפט פלעגט מען, לעשעם געלעכטער, ספּעציעל באַווײַזן, אַז דאָס זײַנען ניט קיין עכטע, נאָר אויסגעדאַכטע ביכער, — מע האָט געשטעלט אַף די רוקנס פון די אײַנבונדן אויסגעטראַכטע נעמען: „די שלענג פון איסלאַנד" (אין איסלאַנד זײַנען ניט פאַראַן קיין שלענג), „פרידריך דעם גרויסנס רעליגיע" (ער איז געווען אַן אַטעיִסט) אאַוו. אָט זײַנען נאָך עטלעכע נעמען פון ביכער, וועלכע האָבן אינדערעמעסן קיינמאָל ניט עקזיסטירט און ווערן דערמאָנט אין דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור: „די נאַטור־געשיכטע פון ביקעס־טיגרען, מיט געמעלן", „די נאַטור־געשיכטע און מאָראַל פון שפּינען, אויך די באַשרײַבונג פון זייער ליבע, מיט געמעלן", „וועגן דער קונסט צו פאַרקאָמפּליצירן פּאָשעטע פראַגעס", „די טאָפּאָגראַפיע פון א פרויען־פּאָנעם, אָדער די קונסט פון ריכטיק אָוועקשטעלן אַף אים די צילבערעט", „אַן אינסטרוקציע אַף אַרופציִען די גלוּביקע מיט איין שלעפּ אַפן זיבעטן הימל".

(„ניעדיעליא")

העכער א האַלבן מיליאָן ביכער־נעמען א יאָר

ווי ס'האָט געמאָלדן די מײַרעוו־דײַטשישע אַגענטור ד. פּ. א., וואַקסט קעסיידער דער אַרויסלאָז פון ביכער אין דער וועלט: אויב אין די 50־ער יאָרן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן 269 טויזנט נײַע ביכער, אין די 60־ער — 426 טויזנט, איז, לויט די לעצטע מיטיילונגען, אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1974 יאָר — 571 טויזנט ביכער, דערין אין אייראָפּע — 270 טויזנט. דאָס צווייטע אָרט צווישן די קאָנטינענטן פאַרנעמט צאָפן־אַמעריקע, און דאָס דריטע — אַזיע.

(„זא רובעזשאָם")

א טײַערע אַרויסטרעטונג

בייס דעם וויזיט אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט דער מײַרעוו־דײַטשישער קאַנצלער העלמוט שמידט באַקומען אַן אײַנלאַדונג אַרויסצוטרעטן פאַר די זשורנאַליסטן אינעם נאַציאָנאַלן פּרעסע־קלוב אין וואַשינגטאָן. די אײַנלאַדונג איז אָנגענומען געוואָרן, נאָר שמידטן איז אויסגעקומען, ווי ס'באַמערקט די אַגענטור יונײַטעד פּרעס אינטערנעשנל, גאַנץ טײַער פאַר איר באַצאָלן. בייס דער אַרויסטרעטונג האָט דער קאַנצלער אַראָפּגענומען פון דער האַנט דעם גאָלדענעם זייגער און אים אַוועקגעלייגט פאַר זיך אַפן טיש, קעדיי ס'זאָל אים זײַן באַקוועמער נאָכשפּירן די צײַט. געענדיקט די רעדע, איז שמידט אַף עטלעכע מינוט אָפּגעגאַנגען פונעם טיש, קעדיי זיך צו באַגריסן מיט א ריי זשורנאַליסטן. ווען ער האָט זיך

דער דעמאָגראַפישער פּאָרטרעט פון אונדזער פּלאַנעטע

לויט די ידיעות פונעם דעמאָגראַפישן יאָרבוך פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס, האָט די באַפעלקערונג פונעם ערדקײַלעך איבערגעשטיגן 4 מיליאַרד מענטשן, און דערבײַ האַלט זי אין איין וואַקסן.

ס'איז קעדײַ צו מאַכן אַזא כעזשבן. קעדיי צו דערגרייכן צום אָנהייב פון אונדזער ערע א צאָל פון 250 מיליאָן, האָט די מענטשהײַט באַדאַרפט האָבן מיליאָנען יאָרן. צום 1850 האָט די באַפעלקערונג באַטראָפן א מיליאַרד מענטשן, אין 80 יאָר אַרום — 2 מיליאַרד, און שפּעטער מיט 30 יאָר — 3 מיליאַרד. און לויט די איצטיקע פּראָגנאָזן, וועט אין 2000־טן יאָר די באַפעלקערונג פון דער וועלט דערגרייכן 6,3 מיליאַרד מענטשן.

איינע פון די סיבעס פון אַזא שטורמישן וווּקס פון דער באַפעלקערונג איז צו דערקלערן מיט די דערגרייכונגען פון דער מעדיצין, אַדאַנק וועלכע דאָס לעבן פונעם מענטשן איז אַף א סאַך לענגער געוואָרן. אייננצײַטיק ווערט אין דער גאַנצער וועלט קלענער די שטערבלעכקײַט פון קינדער.

דער דורכשניטלעכער דויער פונעם לעבן וואַקלט זיך פון 72,1 יאָר בא מאַנצבלען אין שוועדן און 77,6 יאָר בא פרויען אין נאָרוועגיע ביז 41,9 יאָר בא מאַנצבלען און 40,6 יאָר בא פרויען אין אינדיע.

אינעם יאָרבוך ווערט אָנגעוויזן, אַז פונעם 1966 ביזן 1975 איז אין 15 אַמעריסטן באַפעלקערטע לענדער אויסגעוואַקסן די צאָל אײַנוווינער אַף 25 און מער פּראָצענט. דער גרעסטער צוּוווּקס — 40 פּראָצענט — איז אָפּגעמערקט געוואָרן אין מעקסיקע.

פאַרן פּעריאָד פונעם 1950 ביזן 1975 איז די באַפעלקערונג פון די אייראָפּעיִשע לענדער, אויסער פססר, אויסגעוואַקסן בלויז אַף 0,8 פּראָצענט, און די באַפעלקערונג פון פססר און פשא — אַף 1,4 פּראָצענט.

אָט זײַנען די סאַמע באַפעלקערטע לענדער (1975 יאָר): כינע — 838 803 000, אינדיע — 598 097 000, פססר — 245 382 000, פשא — 213 611 000, אינדאָנעזיע — 130 600 000, יאַפּאַניע — 110 953 0000, בראַזיליע — 107 145 000, באַנגלאַדעש — 76 815 000, פּאַקיסטאַן — 70 260 000, ניגעריע — 62 925 000, דײַטשישע פעדעראַטיווע רעפּובליק — 61 832 000, מעקסיקע — 60 145 000, גרויסבריטאַניע — 55 962 000, איטאַליע — 55 810 000, פראַנקרײַך — 52 913 000.

די גרעסטע שטעט פון דער וועלט (אָן די פאָרשטעט, 1975 יאָר): שאַנכײַ — 10 820 000, טאָקיאָ — 8 640 000, מעכיקאָ — 8 591 750, ניו־יאָרק — 7 646 818, פּעקין — 7 570 000, לאָנדאָן — 7 281 080, מאָסקווע — 6 941 961, באָמביי — 5 970 575, קאַיִר — 5 715 000, סעול — 5 433 198, סאַן־פּאַולו — 5 186 752, דזשאַקאַרטאַ — 4 576 900, טיאַנצזין — 4 280 000, ריאָ־דע־זשאַניירָאָ — 4 252 009, טעגעראַן — 4 002 000, מאַדריד — 3 520 320, לענינגראַד — 3 512 975, קאַראַטשי — 3 498 634, דעלי — 3 287 883, סאַנטיאַגאָ — 3 186 000, טשיקאַגאָ — 3 172 929, קאַלקוטע — 3 148 746, בוענאָס־אײַרעס — 2 976 000, רוים — 2 868 248, באָגאָטאַ — 2 855 065.

(„זא רובעזשאָם")

אומגעקערט נאָכן זייגער, האָט ער אים שוין אפֿן אָרט ניט געטראָפֿן. דער זייגער האָט געקאָסט 500 דאָלאַר.

(„זאַ רובעזשאָם")

באַ די שטילע באָלדינער בערעזעס

צווישן די טעמאַטישע עקסקורסיעס פֿרנעם גאָרקער געגנטלעכן טוריסטן־ראַט איז פֿאַראַן א מאַרשרוט, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער שאַפֿונג פֿון פֿיל אויסגעצייכנטע שרײַבער, וועלכע האָבן געאַרבעט אינעם ניזשעגאָראָדער קאַנט: וו. דאַל, נ. דאָבראָליובאָוו, וו. קאָראָלענקאָ, פּ. מעלניקאָוו־פּעטשערסקי, מ. גאָרקי, א. גײַדאַר.

דער מאַרשרוט הייבט זיך אָן אין גאָרקי, אַף א שטיל געסעלע, וואָס לאָזט זיך שטייל אַראָפּ צום ברעג פֿון דער אָקאַ, צו קאַשירינס הײַזל, ווו ס'זײַנען דורכגעגאַנגען אַליאָשע פּעשקאָווס קינדער־יאָרן. פֿונדאַנען לאָזט זיך דער אווטאָבוס קיין אַרזאַמאַס — אין א. גײַדאַרס יוגנט־שטאָט, ווו עס איז געשאַפֿן א מוזיי פֿונעם שרײַבער. אין אַרזאַמאַס הייבט זיך אָן דער וועג, וואָס דורך אים איז אין האַרבסט 1830 א. פּושקין געפֿאָרן אינעם דאָרף באָלדינאָ. דאָ איז אַלץ פֿאַרהיט, ווי ס'איז געווען אין פּושקינס צײַטן: דאָס געראַמע הויז, דער שטילער פּאַרק מיט סאַזשלקעס און דער ווײַנשל־סאָד, א בערעזע־וועלדל, געבערגלטע סטעפּעס — די ערטער, פֿון וועלכע דער גרויסער פּאָעט האָט געשעפּט היכע באַגײַסטערונג.

(„סאָוועטסקאַיאַ קולטוראַ")

ביכער אינעם אוראַלטן רוים

אין די אוראַלטע צײַטן איז דאָס אַרויסגעבן געשריבענע פֿון האַנט ביכער מעגלעך געווען דעריקערשט אַדאַנק דעם שקלאַפֿנטום, אַף וועלכן ס'האָט זיך דעמלט געהאַלטן, אייגנטלעך, די גאַנצע אינדוסטריע. הונדערטער און טויזנטער הענט האָבן געטאָן דאָס, וואָס איצט טוען עס די טיפּאָגראַפֿישע מאַשינעס. אין יעדן פֿאַרמעגלעכן הויז זײַנען שטענדיק געווען עטלעכע איבערשרײַבער און לייענער, אייניקע פֿון זיי האָבן אַפֿילע פֿאַרמאָגט ליטעראַרישע בילדונג און זײַנען געווען באַהאַוונט אין דער וויסנשאַפֿט.

שוין אין ציצעראָנס צײַטן האָט דער גוויר פּאָלעגאָני אַטיק אָנגעהויבן זיך פֿאַרנעמען מיט אַרויסגעבן ביכער. צווישן זײַנע שקלאַפֿן זײַנען געווען א סאַך אַרבעטער פֿאַר אַלע אָפּצווײַגן פֿון דער ביכער־פּראָדוקציע: אייניע האָבן געמאַכט פּאַפּיר און אַרופֿגעלייגט אַף דעם א שיכט קלייסטער, אַנדערע — קונציקע אײַנבונדן. אַטיק האָט פֿאַרמאָגט אייגענע קאָפּיִיסטן, סטענאָגראַפֿן, געניטע קאָרעקטאָרן. באַ די אַנטישע שרײַבער געפֿינען מיר די נעמען פֿון פֿיל פֿאַרלעגער, ס'איז אַפֿילע באַוווּסט, ווו זײַנען געווען זייערע קראָמען אינעם אוראַלטן רוים: לעמאָשל, די ברידער סאָזי, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן האָראַציס געדיכטן. די ביכער־קראָמען פֿלעגן זיך געפֿינען אונטער די פּאָרטיקעס, אמאָל — פֿאַר די הײַזער, ווײַל דער אונטערשטער שטאָק אין די רוימישע הײַזער האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין פֿענצטער, וואָס גייען אַרויס אַף דער גאַס. צו די סטויפּעס און קאָלאָנעס פֿון די קראָמען האָט מען צוגעקלעפּט מעלדונגען וועגן נײַע ביכער, און אין די קראָמען פֿלעגט מען זיך אָפֿט צונויפֿזאַמלען אַף כאַפּן א שמועס.

אינעם אַלטערטום איז געווען גאַנץ פֿאַרשפּרייט סטענאָגראַפֿיע. די סטענאָגראַפֿיסטן פֿלעגן, צום בײַשפּיל, פֿאַרשרײַבן אַלע רעדעס אַף די זיצונגען פֿונעם סענאַט. דאָס האָט געהאַט א באַדײַטנדיקע ווירקונג אַף דער שריפֿט ביכלאַל: מע האָט דערפֿונדן א סאַך פֿאַרקירצונגען, און דאָס האָט פֿאַרגיכערט דעם אַרויסלאָז פֿון ביכער, ווײַל מיט פֿולע ווערטער פֿלעגן אַרויסגעלאָזט ווערן בלויז פּראַכט־אויסגאַבעס.

(„ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִאַ")

קאָסמאָס און מוזיק

דער באַוווּסטער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר און פּיִאַניסט ס. אי. טאַנייעוו האָט אמאָל באַמערקט, אז אויב אַף אונדזער פּלאַנעטע וואָלטן זיך באַוויזן אײַנוווינער פֿון אַנדערע וועלטן, וואָלט בעסער פֿון אַלץ זיי געקאָנט געבן א פֿולע פֿאָרשטעלונג וועגן דער מענטשהײַט אַף אונדזער ערד בעטהאָווענס נײַנטע סימפֿאָניע, ווײַל מוזיק־קלאַנגען קאָנען איבערגעבן די גרויסקײַט פֿון דער אַלוועלט.

פֿיל מוזיקאַנטן האָבן אין זייער שאַפֿונג זיך געווענדט צו דער קאָסמאָס־טעמע. אייניקע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן ניט בלויז געשאַפֿן מוזיקאַלע ווערק אַף אָט דער טעמע, נאָר האָבן אַליין זיך ערנסט פֿאַרנומען מיט אַסטראָנאָמיע און געמאַכט וויכטיקע דערפֿינדונגען אין דעם דאָזיקן געביט. דער ענגלישער מוזיקאַנט, דיריזשאָר און קאָמפּאָזיטאָר פֿון XVIII יאָרהונדערט ווילהעלם גערשעל, לעמאָשל, איז געוואָרן א באַרימטער אַסטראָנאָם. צווישן די גרינדער פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿט פֿון אַסטראָנאָמיע־ליבהאָבער איז געווען דער דירעקטאָר פֿון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע א. ק. גלאַזונאָוו.

א מיטגליד פֿון דער מאָסקווער געזעלשאַפֿט פֿון אַסטראָנאָמיע־ליבהאָבער איז געווען דער פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון רספֿסר מ. מ. איפּאָליטאָוו־איוואַנאָוו. באַ אים אין דער היים זײַנען געשטאַנען עטלעכע טעלעסקאָפּן, שטערן־גלאָבוסן. פֿיל ביכער וועגן אַסטראָנאָמיע האָט אײַנגעשאַפֿן פֿאַר זײַן ביבליִאָטעק דער פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון פֿססר א. ב. גאָלדענווייזער.

דער באַרימטער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר איסאַק דונאַיעווסקי האָט געשריבן, אז אין דער אַסטראָנאָמיע „איז פֿאַראַן אַזאַ מוזיק, וואָס איבערגעבן זי אין קלאַנגען האָט זיך אײַנגעגעבן זייער ווייניק מענטשן...".

פֿון די יונגע יאָרן אָן האָט אָנגעהויבן קאָנסטרויִרן קליינע טעלעסקאָפּן מ. אי. טשולאַקי, דער איצט באַוווּסטער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר, פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון רספֿסר, פּראָפֿעסאָר פֿון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע. אין דער נײַער אָפּערע, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק פֿאַרענדיקט, גיט דער קאָמפּאָזיטאָר איבער מיט דער שפּראַך פֿון מוזיק די געפֿילן פֿון א מענטשן, וואָס פֿליט צו אַן אַנדער פּלאַנעטע.

קיין איין זיצונג פֿון דער אַסטראָנאָמיש־געאָדעזישער געזעלשאַפֿט לאָזט ניט דורך אויך אַן אַנדער מוזיקאַנט און באַוווּסטער דערפֿינדער־ביִאָפֿיזיקער ל. ס. טערמען. א מיטגליד פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט איז אויך דער דיריזשאָר, פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון פֿססר, לאַורעאַט פֿון דער מעלוכע־פּרעמיע פֿון פֿססר קאָנסטאַנטין איוואַנאָוו. זײַן „קאָסמישע סימפֿאָניע" איז געווידמעט יורי גאַגאַרינען.

באַוווּסט אַלס מוזיק־קענערס און גלענצנדע מוזיקאַנטן זײַנען געווען די סאָוועטישע געלערנטע־אַסטראָנאָמען ג. נעוימין און וו. אַלביצקי, וועלכע האָבן אַנטדעקט א גרויסע צאָל קליינע פּלאַנעטעס — אַסטעראָיִדן. אייניקע פֿון אָט די הימל־קערפּערס האָבן די געלערנטע אָנגערופֿן מיט די נעמען פֿון זייערע באַליבטע קאָמפּאָזיטאָרן: „מאָצאַרטיִאַ", „מוסאָרגסקיִאַ". אין עדוואַרד גריגס אָנדענק איז איינער פֿון די הימלקערפּערס אָנגערופֿן געוואָרן „סאָלווייג". און ניט לאַנג צוריק האָט מען א נײַ־אַנטדעקטן אַסטעראָיִד א נאָמען געגעבן „פּאַכמוטאָווא" — לעקאָוועד דעם באַוווּסטן סאָוועטישן קאָמפּאָזיטאָר.

(„איזוועסטיִאַ")

מיט 50 יאָר צוריק

דעם 28 מארט 1928 האָט דער פּרעזידיום פון צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט פונעם ראטנפארבאנד באשטימט פארפעסטיקן די טעריטאָריע צווישן די טײַכן בירא און בידזשאַן פאר אײַנאָרדענען אף ערד האָרעפּאשנע ייִדן.

אינעם פונקט 5 פון אָט דער באשטימונג איז געזאָגט: „בא גינסטיקע רעזולטאטן פון באזעצן דעם אָנגעוויזענעם ראיאָן מיט האָרעפּאשנע ייִדן — האָבן אין זינען די מעגלעכקײַט צו בילדן אף דער טעריטאָריע פון דעם ראיאָן א ייִדיש־נאציאָנאלע אדמיניסטראטיוו־טעריטאָריעלע אײנס".

דעם 12 יון 1928 האָט דער פּרעזידיום פונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאנט־אויספירקאָם באשטימט די גרענעצן פון ביראָבידזשאַן. אָבער נאָך פאר דעם, אין מעשעך פונעם כוידעש מײַ, האָבן קײן ביראָבידזשאַן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע איבערוואנדערער. דעם 7 יול 1928 איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער דאָרפסראט אין ביראָבידזשאַן — בירעפעלד.



3

1

1. א זיצונג פונעם אָדעסער געזערד

2. אף א פארזאמלונג פון בירעפעלדער דאָרפסראט

3. די טײַגע

4. די ערשטע גאס

2

4

מיט 50 יאָר צוריק

... היים און היימלעכקייט
און היימלאַנד איז איצט דאָ.

א. קושניראָוו

5

6

7

5. געקומען אַף אַן אָרט

6. מע קאָרטשעוועט די טײַגע

7. די גליקלעכע יוגנט אַף די פעלדער פון ביראָבידזשאַן

8. אַן ערשטע איבערוואַנדערער־מישפּאָכע אין איר נײַער היים

8

עס גייט, טײַגאַ, צו דיר איצט
יונג ווערן א פאָלק!

פּ. מאַרקיש

די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט הײַנט

די נײַע געבײַדע פון דער אמורזעטער מיטלשול

דאָס פינפשטאָקיק הויז פאַר די
אַרבעטער פון דער טריקאָטאַזש־
פאַבריק אפן ראָג פון דער פּוש־
קין־גאַס און קאָמסאָמאָלסקער גאַס

אפן קאָנצערט פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט אין ביראָביד־
זשאַנער קולטור־פּאַלאַץ טרעט אַרויס אין דער באַגלייטונג פונעם
אינסטרומענטאַל־אַנסאַמבל די אויספילערן פון ייִדישע לידער לענע
גערשקאָוויטש

פון רעכטס אף לינקס: גרייטע קאָמבײַנען פאַר דער פּאָלקסווירטשאַפט; אַ גרופּע פּאָרגעשריטענע
אַרבעטער פונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש"



די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט הײַנט

די מיטגלידער פון דער פאָרגעשריטענער לאָקאָמאָטיוו־בריגאַדע פון אָבלוטשיער דעפּאָ: וו. ליטווינאָוו, ס. גוטניק, וו. בעוס, ס. סוראָווצעוו



דער לערן־קאָרפּוס פון דער ביראָ־בידזשאַנער פּראָפטעכשול נומ. 21

די פּילאָטן פון ביראָבידזשאַנער אעראָפּאָרט וו. ליטשמאַן (פון רעכטס) און וו. קאָרפּענקאָ



ניט ווײַט פון דער טראַסע ביראָ־בידזשאַן — אַמורזעט געפינט זיך דאָס דאָרף סטעפּנאָיע — איינע פון די גרעסטע טוווּע־ווירטשאַפטן אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. אויפן פאָדערשטן פּלאַן — דאָס נײַע קולטור־הויז.

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַעס

אַן אָוונט פון קלאַסישער מוזיק

פיל מוזיק־ליבהאָבער פון ביראָבידזשאַן האָבן לעצטנס זיך פאַרזאמלט אינעם גרויסן לייען־זאַל פון דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אַף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען. דאָ איז פאָרגעקומען א ליטעראַריש־מוזיקאַלישער אָוונט פונעם ציקל „די אויצרעס פון דער אַלוועלטלעכער מוזיקאַלער קולטור“. אַפן אָוונט איז אײַנגעלאַדן געוואָרן א גרופּע אַרטיסטן פון „מאָסקאָנצערט“, וועלכע האָט זיך געפונען אַף גאַסטראָלן אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

די פאַרדינסטפולע אַרטיסטקע פון דער גרוזינישער סס״ר און פון דער אַבכאַזישער אַסס״ר איריגע מדיוואַני האָט דערציילט וועגן דעם לעבן און שעפערישן וועג פון די רוסישע קאָמפּאָזיטאָרס אַלעקסאַנדער סקריאַבין און סערגיי ראַכמאַנינאָוו.

א. סקריאַבינס און ס. ראַכמאַנינאָווס סימפאָניעס, פּיעסן און אַנדערע מוזיקאַלע ווערק האָבן אויסגעפילט דער פּיאַניסט, פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספס״ר אַלעקסאַנדער דעדיוכין און דער וויאָלאָנטשעליסט אַנאַטאָלי סאַפּירין, דער אַרטיסט לעוו קאָוואַלסקי האָט געזונגען סערגיי ראַכמאַנינאָווס ראָמאַנסן און לידער אַף די טעקסטן פון באַוווּסטע רוסישע דיכטער.

דערפאָלגן פון די ביראָבידזשאַנער שווער־אַטלעטן

אינעם שווער־אַטלעטישן טשעמפּיאָנאַט פון רספס״ר, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען אין דער שטאָט טולע, האָט זיך באַטייליקט א גרופּע ספּאָרטסמענער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, צווישן זיי דער שטאַנגיסט פון דער לײַכטער וואָג־קאַטעגאָריע וו. קוזנעצאָוו, וועלכער האָט פאַרנומען דאָס פינפטע אָרט. דער שטאַנגיסט פון דער האַלב־לײַכטער קאַטעגאָריע יו. קים, וועלכער איז געוואָרן דער בראָנזענער פּריזיאָר, איז אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער זאַמלקאָמאַנדע פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע, וועלכע וועט אָנטיילנעמען אינעם טשעמפּיאָנאַט פון פסס״ר.

רוט ליוביטש — דער נײַער קאָרעספּאָנדענט פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע אין ייִסראָעל

דער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמפּאַרטיי רוט ליוביטש איז געקומען אַף א לענגערער צײַט קיין סאָוועטנפאַרבאַנד אין שליכעס פון דער פּאַרטיי, ווו זי וועט אַלס קאָרעספּאָנדענט פאָרשטעלן די קאָמוניסטישע פּרעסע פון ייִסראָעל.

ר. ליוביטש האָט לעצטנס דורכגעמאַכט א רײַזע איבער א ריי שטעט פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועגן וועלכער זי האָט אָפּגעדרוקט אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן אין די ייִסראָעל־צײַטונגען „זו האַדערעך“ און „דער וועג“.

נײַעס פון אויסלאַנד

יובילײ־דאַטע פון א בולגאַריש־ייִדישן שרײַבער

אין סאָפיע איז פײַערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן דער 70־טער געבורטסטאָג פון דעם באַקאַנטן שרײַבער און געזעלשאַפטלעכן טוער, איינעם פון די ערשטע רעדאַקטאָרן פון דער צײַטונג „יעווריסקי וועסטי“ כאַיִם בענאַדאָוו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער דאַטע איז כ. בענאַדאָוו באַלוינט געוואָרן מיט א הויכער מעלוכע־אויסצייכענונג. ער האָט באַקומען א וואַרעמע באַגריסונג פונעם ערשטן סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דער בולגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק טאָדאָר זשיווקאָוו.

די בולגאַרישע ערד אָן אַנטיסעמיטיזם

אונטער אַזא נאָמען איז לעצטנס דערשינען אין דער שטאָט ערלאַנגען (מײַרעוו־דײַטשלאַנד) א בוך וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין בולגאַריע. דער אויטאָר פון דעם בוך וואָלף אַשלוס (מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פון צווישנפעלקערלעכע פאָרשונגען אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד) פירט אַרויס אין זײַן אַרבעט דעם גרונט־טעזיס, אַז די ייִדישע געמיינדע האָט שטענדיק געלעבט אין גוטשכיינעסדיקע באַציִונגען מיטן בולגאַרישן פאָלק און האָט בײַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע געמיינזאַם געליטן.

די סאָפיער צײַטונג „יעווריסקי וועסטי“ האָט געגעבן א פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג דעם דאָזיקן בוך, אונטערשטרײַכנדיק דערבײַ די פאַרדינסטן פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דערציִען די ברייטסטע פאָלקסמאַסן אין גײַסט פון קעגנזײַטיקער פרײַנטשאַפט.

ביבליאָגראַפישער קאַטאַלאָג פון פעריאָדישע אויסגאַבעס

באַם וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט פון „היברו יוניאָן קאָלעדזש“ (פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע) איז אָרגאַניזירט געוואָרן א צענטער, וואָס וועט צונויפשטעלן א ביבליאָגראַפישע רעשימע פון ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און פּובליקאַציעס, וועלכע זײַנען דערשינען אין אַמעריקע. ביז איצט איז געשאַפן געוואָרן א רעשימע און א פילמאָטעקע פון צײַטונגען און זשורנאַלן, וואָס זײַנען דערשינען אין די יאָרן 1823—1925.

אַנטאָלאָגיע פון ייִדישע וויגלידער

דער ניו־יאָרקער פאַרלאַג „שאָלעם“ האָט אַרויסגעגעבן אַן „אַנטאָלאָגיִע פון ייִדישע וויגלידער“, אין וועלכער עס גייען אַרײַן העכער 500 לידער, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן אין משך פון די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער. צווישן די 236 מעכאַברים איז פאַרגעשטעלט שאָלעם־אַלייכעמס באַקאַנטע וויגליד „שלאָף, אַלעקסע“.

צום אָנדענק פון וויליאַם גראָפּער

אין ניו־יאָרק איז געשטאָרבן דער באַוווּסטער ייִדישער מאָלער און קאַריקאַטוריסט וויליאַם גראָפּער, וועמענס מאָלערישע און גראַפישע ווערק זײַנען ענג פאַרבונדן מיט דער פּראָגרעסיווער פּרעסע און מיטן קולטור־לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין אַמעריקע.

אין 1968 איז וויליאַם גראָפּער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פונעם נאַציאָנאַלן אינסטיטוט פאַר קונסט און ליטעראַטור פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ער איז אויך געווען באַלוינט מיט דער זשיטלאָווסקי־פּרעמיע. די סאָוועטישע ייִדישע לייענער איז באַקאַנט די שעפערישע טעטיקײַט פון דעם קינסטלער לויט זײַנע קאַריקאַטורן און שאַרזשן, וועלכע זײַנען פאַר די לעצטע יאָרן געווען פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“.

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

אינעם הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" גיבן מיר ייִדיעס וועגן אייניקע ליטעראַטן, וועלכע זײַנען איבער פאַרשיידענע סיבעס דורכגעלאָזט געוואָרן אין די פריִערדיקע נומערן.

בורשטיין, בראָכע (1934)

— פראָזאיִקער. געבוירן אין טשערנאָוויץ אין א מישפּאָכע פון א בוי־אינזשעניער. פאַרענדיקט די מיטלשול אין טאָמסק (1953). נאָכן פאַרענדיקן דעם סווערדלאָווסקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט (1958) געאַרבעט אלס הויפּט־קאָנסטרוקטאָר פון אן עלעקטראָטעכנישן זאַוואָד, געלערנט אין דער הינטעראויגיקער אַספּיראַנטור. איצט אַרבעט זי אלס הויפּט־קאָנסטרוקטאָר אין דער פּערמער אָפּטיילונג פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. געדרוקט אין רוסיש אין די אָרטיקע אויסגאַבעס א ריי אַרטיקלען, פאַרצייכענונגען, נאָוועלן. אָנהייבנדיק פון 1976, דרוקט זי אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", צוזאַמען מיט איר מאַן אַרן בורשטיין, דערציילונגען און פאַרצייכענונגען אויף ייִדיש.

בורשטיין, אַרן (1934)

— פראָזאיִקער. געבוירן אין קיִעוו. דער פאָטער איז געווען אן אַגראָנאָם, די מוטער — א בוכהאַלטער. געענדיקט די מיטלשול אין בײַראָבידזשאַן. אין 1957 פאַרענדיקט דעם ראַדיאָ־פאַקולטעט פונעם טאָמסקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און אין משך פון 15 יאָר געאַרבעט אלס קאָנסטרוקטאָר, שעף פון א לאַבאָראַטאָריע, פון א צעך און פון א קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ אויפן פּערמער טעלעפאָן־זאַוואָד. איצט — עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אין א טעכנישן וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט. אָנהייבנדיק פון 1976, דרוקט ער אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", צוזאַמען מיט זײַן פרוי בראָכע בורשטיין, דערציילונגען און פאַרצייכענונגען.

ווערק: פונעם ציקל „ניט קיין אויסגעטראַכטע דערציילונגען": „אונדזער אַלעפבייס", „טשיזשיק", „מײַן געבורטסטאָג", „אונדזער קו", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 11, 1976; „ראַכמאָנעס", „סיערקאָ", דאָרטן, נום. 7, 1977; „שפּײַז פאַר א גאָלדן פּײשעלע", דאָרטן, נום. 10, 1977; „דער באַלעבאָס איבערן אופּרײַס", דאָרטן, נום. 11, 1977.

בעלאָוסאָוו, אַלעקסאַנדער (1948)

— דיכטער. לויט דער נאַציאָנאַליטעט — א רוס. געבוירן אין קווײבישעוו. געענדיקט דעם קויבישעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. גרינטלעך אויסגעלערנט ייִדיש און העברעיִש. אָנהייבנדיק פון 1969, פּובליקירט ער אין דער ייִדישער שפּראַך לידער־ציקלען אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

ווערק: „קדוישים", „ווו ביסטו?" („סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 9, 1969); „לירישע לידער" (דאָרטן, נום. 2, 1970); „לויטערקײַט", „א האַרבסטיקע ליד" (דאָרטן, נום. 1, 1971); א ציקל לידער „הימלשע וועגן": „א באַלאַדע וועגן א האַרץ", „א שטערן", „דער מאַלעכהאַמאָוועס האָט טײַנעס", „א באַפליגלטער לאַמטערן", „דעם דריטן שטערן כ׳זוך אין בלויען פענצטער" (דאָרטן, נום. 6, 1971); א ציקל לידער „ווי א טראָפּן טוי": „אָוונטיקע גוטסקײַט", „די זומערדיקע מענוירע", „א מײַסעלע ערעוו פרילינג", „אין אָנדענק פון שיקע דריז", „א באַלאַדע פון א לעוואָנע־שטעגל" (דאָרטן, נום. 1, 1972); „אין אָט דער רעגע פון געזאַנג" (דאָרטן, נום. 1, 1974); „צום אַנטלויפער" (דאָרטן, נום. 9, 1974); „נײַע לידער" (דאָרטן, נום. 3, 1975); „אין געציילטע ווערטער" (דאָרטן, נום. 6, 1976).

בראַגינסקי, יויסעף (1905)

— פילאָלאָג, ליטעראַטור־היסטאָריקער. געבוירן אין קיִעוו, געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין באַקו. געפירט א געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַרבעט צווישן דער טאַטישער (באַרג־ייִדישער) יוגנט. איבערגעזעצט אויף דער טאַטישער שפּראַך דעם „אינטערנאַציאָנאַל" (1920). געענדיקט דעם מאָסקווער אינסטיטוט פון מיזרעך־פאָרשונג (1931), אַרבעט אלס מיזרעך־פאָרשער איראַניסט. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, פּאָלקאָווניק. אין די יאָרן 1957—1976 — הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם מאָסקווער זשורנאַל „סאָוועטישע מיזרעך־פאָרשונג". לאַורעאַט פון דער מעלוכע־פּרעמיע פון דער טאַדזשיקישער רעפּובליק אויפן נאָמען פון איבן־סינע, פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, פאַרדינסטפולער וויסנשאַפט־טוער פון דער טאַדזשיקישער רעפּובליק, מיטגלידקאָרעספּאָנדענט פון דער טאַדזשיקישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

ווערק: „פון דער געשיכטע פון דער טאַדזשיקישער פאָלקס־פּאָעזיע", מאָסקווע, 1956; „עטיודן איבער דער געשיכטע פון דער טאַדזשיקישער ליטעראַטור", סטאַלינאַבאַד, 1956; „דאָס לעבן און שאַפן פון ס. אײַני", מאָסקווע,

1959; „פון דער געשיכטע פון דער טאַדזשיקישער און פּערסישער ליטעראַטור", מאָסקווע, 1972; „פּראָבלעמען פון מיזרעך־פאָרשונג", מאָסקווע, 1974; „פאָרשונגען איבער דער טאַדזשיקישער קולטור" (צו דער פּראָבלעם פון ליטעראַרישע פאַרבינדונגען בײַ די פעלקער פונעם סאָוועטישן מיזרעך), מאָסקווע, 1977; א רײ אַרבעטן זײַנען געווידמעט דער יידישער טעמאַטיק: „וועגן איראַנישע עלעמענטן אין די קומראַנער קסאָווים" (אין דער זאַמלונג „סעמיטישע שפּראַכן", נומ. 2, מאָסקווע, 1965); „נאָטיצן וועגן דער פּאָעטיק פון „שיר־השירים" („סעמיטישע שפּראַכן", נומ. 3, מאָסקווע, 1976); „דער קלאַסן־טאָך פונעם ציוניזם" (צײַטונג „פּראַוודאַ", 17 מאַרט 1970, זשורנאַל „קאָמוניסט", נומ. 9, 1970); „דער רעאַקציאָנערער אַנטיפאָלקישער טאָך פונעם ציוניזם", מאָסקווע, 1976; „די געשיכטע לערנט", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 3, 1972; „מיר זײַנען אינטערנאַציאָנאַליסטן", דאָרטן, נומ. 6, 1975; „דער אַלוועלטלעכער ליטעראַרישער פּראָצעס און די העברעישע ליטעראַטור", דאָרטן, 1977.

דראַגונסקי, דאַוויד (1910)

— גענעראַל־פּאָלקאָווניק פון טאַנקען־מיליטער, געזעלשאַפטלעכער טוער, פּובליציסט. געבוירן אין דאָרף סוויאַטסק, נאָוואָזיבקאָווער ראַיאָן, בריאַנסקער געגנט, אין א מישפּאָכע פון שנײַדער. פאַרענדיקט א מיטלשול אין 1929, שפּעטער (1936) — די סאַראַטאָווער מיליטערישע טאַנקען־שול. געלערנט אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע אף מ. וו. פרונזעס נאָמען. אין 1950 פאַרענדיקט די אַקאַדעמיע פונעם גענעראַל־שטאַב פון דער סאָוועטישער אַרמיי. אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן בײַ דער אָזערע כאַסאַן (1938) און אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. פאַר גרויסע פאַרדינסטן באַם פאַרטייִדיקן דאָס היימלאַנד איז ער צווייִ מאָל באַלוינט געוואָרן מיט דעם ערן־טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אין די יאָרן 1962 — 1967 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון דער אַרמענישער רעפּובליק און אין די יאָרן 1967 — 1971 — פון דער גרוזינישער רעפּובליק. געווען א דעלעגאַט פון XXII און XXV צוזאַמענפאָרן פון דער קפּסס. אָפּן XXIV און XXV צוזאַמענפאָרן פון דער קפּסס אויסגעוויילט געוואָרן אין באַשטאַנד פון דער רעווידיר־קאָמיסיע פון צק קפּסס.

די ליטעראַרישע טעטיקייט האָט דראַגונסקי אָנגעהויבן אין 1953 יאָר. געדרוקט אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען אף רוסיש אין „פּראַוודאַ", „איזוועסטיאַ", „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ", „נאָווי מיר", „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ", „נאָוואַיאַ וורעמיאַ", „וואָיענאָ־היסטאָרישעסקי זשורנאַל", „וואָיעני וועסטניק".

אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט דראַגונסקי געדרוקט דערציילונגען, אַרטיקלען, פאַרצייכענונגען: „דער וועג פון אונדזער רום" (נומ. 5 פון 1970), „זיבן הונדערט בריוו" (נומ. 7 פון 1970), „מענטשן אף דער מילכאָמע" (דאָקומענטאַלע דערציילונג, אין די נומערן 3, 4, 5, 6 פון 1971), „שעקער — דאָס געווער פון ציוניזם" (נומ. 9 פון 1972).

האַלפּערן, בער (1902)

— פּראָזאַיקער, פּובליציסט. געבוירן אין שטעטל דאַרסונישקיס (ליטע) אין א פאַמיליע פון א לערער, באַקומען הויכבילדונג און א דיפּלאָם פון א בוי־אינזשעניער. די ערשטע פּובליציסטישע אַרטיקלען געדרוקט אין א פּאַריזשער יידישער קאָמוניסטישער וואָכנבלאַט אין 1927. אין די יאָרן 1933—1936 — מיטרעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער צײַטונג „אונדזער פּרעסע". אין 1936 געקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד. אָנהייבנדיק פון 1965, דרוקט ער דערציילונגען און אַרטיקלען אין „סאָוועטיש היימלאַנד". וווינט אין ווילנע.

ווערק: „מײַן יִכוס", דערציילונגען, מאָסקווע, 1978.

ביבליאָגראַפיע: אווראָם טרעמבאָוועלסקי, „א וואָרט וועגן דעם דערציילער בער האַלפּערן", „פאָלקסשטימע", 1977.11.26.

הוטנער, יעשוע (1894)

— פּעדאַגאָג, מעטאָדיסט, זשורנאַליסט. געבוירן אין שטעטל לאָיעוו, מינסקער גובערניע. דער פאָטער איז געווען א דעסיאַטניק אף דער בויונג פון אײַזנבאַנען. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט י. הוטנער געענדיקט דעם היסטאָרישן פאַקולטעט פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט. געאַרבעט אַלס לערער פון שפּראַך און ליטעראַטור אין האָמלער יידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום, אין סמאָלענסקער לערער־אינסטיטוט און אַלס וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אין האָמלער אינסטיטוט פאַר העכערן די קוואַליפיקאַציע פון די לערער. הוטנער איז דער אויטאָר פון א רײ אַרטיקלען אף פּעדאַגאָגישע און מעטאָדישע טעמעס.

ווערק: „פּעדאַגאָגישע כרעסטאָמאַטיע" (צוזאַמען מיט י. רעזניק, ה. פּאָליאַק, ס. שאַצקי, ש. ריוועס, א. פראַנקפורט), קיִעוו, 1926.

העלער (קאַהאַן), ליפּע (1915)

— דיכטער. געבוירן אין שטעטל דוקאָר (מינסקער געגנט) אין א פאַמיליע פון א לערער. נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול באַקומען הויכבילדונג אפן ליטעראַרישן פאַקולטעט פונעם מינסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. געאַרבעט אַלס לערער פון שפּראַך און ליטעראַטור. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. אָנהייבנדיק פון 1952, וווינט אין סמאָלענסק.

דעביוטירט מיט לידער אין 1928 אין די צײַטונגען „יונגער לענינעץ" און „יונגער אַרבעטער". אין די דרײַסיקער יאָרן געדרוקט דיכטערישע שאַפונגען אין מינסקער זשורנאַל „שטערן" און אין דער צײַטונג „אָקטיאַבער". אין די לעצטע יאָרן, נאָך א געוויסן איבעררײַס, דרוקט ער לידער אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן".

ווערק: „געבורט", לידער, מינסק, 1934.

ביבליאָגראַפיע: איבערזיכטן איבער דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" פאַר די יאָרן 1975—1977.

האָפמאַן, הענריך (1922)

— פּראָזאַיִקער. געבוירן אין איר־קוטסק אין א פאמיליע פון אָנגעשטעלטע. געענדיקט די מיטלשול אין מאָסקווע (1940) און דעם קאָמאנדיר־פאקולטעט פון דער מיליטערישער לופט־אקאדעמיע אף גאַגארינס נאָמען (1950). אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אלס לופט־פליִער־שטורמאָוויק. פאר גרויסע פארדינסטן אין די שלאכטן פארן היימלאנד באלוינט געוואָרן מיטן ערן־טיטל העלד פון סאָוועטנפארבאנד.

ווערק (אף רוסיש): „דער אעראָפלאַן איז אראָפּגעקלאפּט איבערן ציל", דאָקומענטאלע דערציילונג, מאָסקווע, 1959; „וואָלאדימיר איליןשין", מאָסקווע, 1961; „א שפרונג פון דער זון", מאָסקווע, 1963; „די באפליגלטע מישפּאָכע", מאָסקווע, 1964; „די העלדן פון טאגאנראָג", מאָסקווע, 1966; „דער שווארצער גענעראל", מאָסקווע, 1966; „צוויי איבערן אָקעאַן", מאָסקווע, 1975; אף ייִדיש איז געווען געדרוקט האָפמאנס דערציילונג „דער איבערזעצער פון געסטאפּאָ", זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", נומ. 12, 1974, נומ. 1, 1975.

האָפּשטיין, וועלי (1971—1892)

— איבערזעצער, רעדאקטאָר. געבוירן אין קאָראָסטישעוו, קיִעווער געגנט, אין א פאמיליע פון א וואלד־אָנגעשטעלטן. לאנגע יאָרן געארבעט אלס רעדאקטאָר אין פארלאגן, זשורנאלן, צײַטונגען. באזונדערס געווען פּראָדוקטיוו אלס איבערזעצער פון דער רוסישער און אוקראַיִנישער ליטעראַטורן אף ייִדיש. איבערגעזעצט פּושקינס, לערמאָנטאָווס און נעקראַסאָווס לידער. פון דער סאָוועטישער פּאָעזיע — ניקאָלײַ טיכאָנאָווס, אלעקסאנדער סורקאָווס, אלעקסאנדער פּראָקאָפיעווס, ווערא אינבערס, מארגאריטא אליגערס, פּאוועל אנטאָקאָלסקיס פּאָעטישע ווערק. פון דער אוקראַיִנישער ליטעראטור איבערגעזעצט אף ייִדיש טאראס שעווטשענקאָס, פּאוולאָ טיטשינאס, מאקסים רילסקיס, לעאָניד פּערוואָמײַסקיס לידער. אויך איבערגעזעצט פון ייִדיש אף רוסיש די ווערק פון זײַן ברודער דאָוויד האָפשטיין.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

אײנטראָפּיקע צוגאָבן[1]

1. אומ־: אומגײן[2] אומלויפן, אומפאַלן[3], אומברענגען[4], אומקומען[5]. דאָס קינד גײט שוין[6] אום. עס וועט שוין באַלד[7] קאָנען אומלויפן. זעט, עס זאָל ניט אומפאַלן. די סאָנים האָבן געוואָלט אונדז אומברענגען, אָבער מיר האָבן זײ אומגעבראַכט. זײ האָבן ניט געקלערט, אַז זײ וועלן אַזוי גיך[8] אומקומען.

2. אויפֿ־: אויפֿגײן[9], אויפֿלײגן[10], אויפֿהערן[11], אויפֿקומען[12], אויפֿשטײן[13]. די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען. מע דאַרף אויפֿלײגן אַלץ אינײנעם[14] און אויפֿהערן שפּילן. עס איז דעמלט[15] אויפֿגעקומען אַ נײַע מאָדע. מיר זײַנען אויפֿגעשטאַנען און האָבן גענומען אַלץ פֿאַרשרײַבן.

3. אויס־: אויסגײן[16], אויסנײען[17], אויספּרעסן[18], אויסקומען[19], אויסשטײן[20]. איך בין אויסגעגאַנגען אַ האַלבע[21] שטאָט. די ליכט[22] איז אויסגעגאַנגען. איר וועט דאָס העמדל[23] אויסנײען און דערנאָך[24] אויספּרעסן. מע קאָן אָן דעם[25] אויך אויסקומען. מיר האָבן געמוזט אויסשטײן אַ גאַנצן טאָג אויף די פֿיס.

4. אײַנ־: אײַנהאַלטן[26], אײַנזײַערן[27], אײַנכאַזערן[28], אײַנלאַדן[29], אײַנשטײן[30]. ער קאָן ניט אײַנהאַלטן דעם עולם[31]. זי זײַערט אײַן עפּל און קרויט. די לידער[32] וועסטו אײַנכאַזערן, וועסטו געדענקען. מע האָט מיך אײַנגעלאַדן אויף דער חתונה[33]. איך וועל אײַנשטײן אין דעם נײַעם האָטעל[34].

5. אָנ־: אָנהײבן[35], אָנווערן[36], אָנצײלן[37], אָנרופֿן[38], אָנשמירן[39]. די פֿאָרשטעלונג[40] וועט מען באַלד אָנהײבן. מע האָט אָנגעהויבן טומלען[41]. דעם בילעט האָב איך באַקומען, אָבער אָנגעוואָרן אַ סך צײַט. אָנגעצײלט אַלע קרובֿים[42] און אַלעמען אָנגערופֿן באַם נאָמען[43]. אָנשמירן מיט אַלערלײ שמירעכצן[44].

6. אָפּ־: אָפּגײן[45], אָפּפֿירן[46], אָפּרופֿן[47], אָפּרײניקן[48], אָפּשטעלן[49]. דער צוג[50] גײט באַלד אָפּ. זײ לעבן גאַנץ גוט, עס גײט זײ גאָרנישט אָפּ[51]. מע האָט מיך אָפּגעפֿירט אַהײם[52]. אויב דער דעפּוטאַט וועט אַרבעטן שלעכט[53], וועט מען אים אָפּרופֿן. מע וועט אָפּשטעלן די באַוועגונג[54] און אָפּרײניקן די וועגן[55].

7. בײַ־: בײַזײַן[56], בײַזיצן[57], בײַלײגן[58], בײַקומען[59], בײַשטײן[60]. איך בין נעכטן בײַגעווען אויפֿן פּראָצעס און וועל אויך הײַנט בײַזײַן. די, וואָס זײַנען בײַגעזעסן, האָבן אונדז דערצײלט. מע וועט דאַרפֿן בײַלײגן אַלע דאָקומענטן. מיר זײַנען אַ סך שוועריקײטן[61] בײַגעקומען. מיר וועלן בײַשטײן דעם ניסיון[62] און וועלן אויסהאַלטן[63].

8. דורכ־: דורכטראָגן[64], דורכקאָנטראָלירן, דורכקוקן[65], דורכרײניקן[66], דורכשטודירן[67]. דורכטראָגן אַלע פּעקלעך[68]. דורכגעקאָנטראָלירט באַ אַלע בײַוועזנדע[69] די בילעטן. דורכקוקן און דורכרײניקן די קוימענס אין די הײַזער[70]. דורכגעשטודירט אַלע דירעקטיוון און באַפֿעלן[71].

9. מיט־: מיטאַרבעטן[72], מיטווירקן[73], מיטטײלן (מיט+טײלן)[74], מיטפֿילן[75], מיטשטימען[76]. די יוגנט[77] האָט גוט מיטגעאַרבעט. די נײַע אײַנשטעלונגען[78] וועלן מיטווירקן. זײ האָבן מיטגעטײלט, אַז זײ האָבן שוין אָנגעהויבן די אַרבעט. זײ האָבן מיטגעפֿילט און האָבן מיטגעשטימט, אָבער בײַזײַן האָבן זײ ניט געוואָלט.

10. נאָכ־: נאָכגעבן[79], נאָכיאָגן[80], נאָכמאַכן[81], נאָכקרימען[82], נאָכשפּילן[83]. מע האָט זײ נאָכגעגעבן און אַלץ אומגעקערט[84]. ער גײט צו גיך[85], און איך קאָן אים ניט נאָכיאָגן. נאָכמאַכן און נאָכקרימען האָט זי געקאָנט פֿון קינדווײַז אָן[86]. נאָך אים נאָכשפּילן איז זײער ניט גרינג[87].

11. פֿאַר־: פֿאַרזעצן[88], פֿאַרלײגן[89], פֿאַרקומען[90], פֿאַרשטײן[91], פֿאַרשטעלן[92]. נאָך וואָרמעס[93] האָט מען פֿאַרגעזעצט די דעבאַטן. דער פֿאָרטרעגער האָט פֿאַרגעלײגט אַ וויכטיקע[94] רעזאָליוציע. די קאָנפֿערענץ קומט פֿאָר אינעם פּיאָנערן־הויז[95]. עס איז מיר פֿאַרשטאַנען ניט קײן גרינגע[96] אַרבעט: פֿאַרשטעלן דעם נײַעם פּלאַן.

12. צו־: צובינדן[97], צוגוואַרטן[98], צוזאָגן[99], צופֿאָרן[100], צושטײן[101]. צובינדן די קו צום פּלויט[102]. לאָמיר צוגוואַרטן נאָך עטלעכע טעג[103]. צוזאָגן און ליב האָבן[104] קאָסט קײן געלט ניט[105]. עס וועט אויסקומען צופֿאָרן צום וואָקזאַל. דאָרט וועלן מיר צושטײן צו דער דעלעגאַציע.

באַ אײניקע שרײַבער[106] טרעפֿט מען נאָך אויך אַ צוגאָב „פֿיר־": פֿירזאָגן, פֿירנעמען, פֿירלײענען, פֿירגעבן (פֿאַרלײגן). ער באַטײַט דאָס זעלבע, וואָס דער צוגאָב „פֿאַר": מיר האָט מען פֿירגעזאָגט, און איך האָב געשריבן. בינימין האָט פֿירגענומען די נעסיע[107] אין די ווײַטע מעקוימעס[108].

Перевод: 1) односложные добавления; 2) ходить, расхаживать; 3) упасть; 4) погубить, уничтожить; 5) погибать; 6) уже; 7) скоро; 8) так скоро; 9) всходить; 10) сложить; 11) перестать, прекратить; 12) возникать, появляться; 13) вста(ва)ть, восста(ва)ть; 14) всё вместе; 15) тогда; 16) исходить, истекать; 17) выши(ва)ть; 18) выгладить; 19) обходиться, приходиться; 20) выстаивать, вытерпеть; 21) пол, половину; 22) свеча; 23) рубашку; 24) затем; 25) без этого; 26) удерж(ив)ать, сдерж(ив)ать; 27) заквашивать; 28) заучи(ва)ть; 29) приглашать; 30) устоять, квартировать; 31) народ, толпу, публику; 32) песни, стихи; 33) на свадьбу; 34) в новой гостинице; 35) нач(ин)ать; 36) утратить, проиграть; 37) насчит(ыв)ать; 38) наз(ы)вать; 39) намаз(ыв)ать; 40) представление; 41) шуметь; 42) всех родственников; 43) по имени; 44) всевозможными мазями; 45) отходить, недоставать; 46) отвозить, отводить; 47) отзывать; 48) очищать; 49) останавливать, оставлять; 50) поезд; 51) у них всё есть; 52) домой; 53) плохо; 54) движение; 55) пути, дороги; 56) присутствовать; 57) сидеть при...; 58) прикладывать; 59) преодолеть; 60) устоять; 61) трудности; 62) испытание, соблазн; 63) выдержим; 64) проносить; 65) просматривать; 66) прочищать; 67) проштудировать; 68) пачки; 69) у присутствующих; 70) дымоходы в домах; 71) приказы; 72) сотрудничать; 73) содействовать; 74) сообщать, уведомлять; 75) сочувствовать; 76) соглашаться; 77) молодежь; 78) установ-

ления; 79) уступать, потворствовать; 80) преследовать; 81) поддел(ыв)ать, подражать; 82) передразнивать; 83) играть (за кем-н.); 84) всё вернули; 85) слишком быстро; 86) с детства; 87) очень нелегко; 88) продолжать; 89) предлагать; 90) происходить, совершаться; 91) предстоять; 92) представлять; 93) после обеда; 94) докладчик... важную; 95) в доме пионеров; 96) нелёгкая; 97) привяз(ыв)ать; 98) подождать, обождать; 99) обещать; 100) подъезжать; 101) приста(ва)ть; 102) к забору; 103) подождемте еще несколько дней; 104) любить; 105) ничего не стоит (денег не стоит); 106) у некоторых писателей; 107) предпринял поездку; 108) в далёкие места.

פון שאַלעם־אַלייכעמס „שיר־השירים"

ווער בוזי איז — דאַרפט איר געדענקען. איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט. נאָר טאָמער האָט איר פאַרגעסן, כאַזער איך אײַך איבער נאָך אַ מאָל.

איך האָב געהאַט אַן עלטערן ברודער — בעני. איז ער דערטרונקען געוואָרן. נאָך אים איז געבליבן אַ וואַסערמיל, אַ יונגע אַלמאָנע, צוויי פערדלעך און איין קינד. האָט מען די מיל אָפּגעלאָזט, די פערדלעך פאַרקויפט. די אַלמאָנע האָט כאַסענע געהאַט ערגעץ ווײַט. און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונדז.

דאָס איז געווען בוזי.

כאַ־כאַ־כאַ! אַלע מיינען, אַז איך און בוזי זײַנען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. מײַן טאַטן רופט זי טאַטע. מײַן מאַמע רופט זי מאַמע. און מיר צווישן זיך לעבן, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, און האָבן זיך ליב, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער? פאַרוואָס זשע שעמט זיך פאַר מיר בוזי?

Кто такая Бузя — вы должны помнить. Я уже однажды рассказал. Но если вы забыли, я повторяю вам еще раз.

У меня был старший брат Беня. Он утонул. После него осталась водяная мельница, молодая вдова, две лошадки и ребенок. Мельницу оставили, лошадок продали. Вдова вышла замуж (и уехала) куда-то далеко. А ребенка забрали (привели) к нам.

Это и была Бузя.

Ха-ха-ха! Все думают, что я и Бузя брат и сестра. Моего отца она зовет отцом. Мою мать она зовет матерью. И мы живем, словно брат и сестра, и любим друг друга, как брат и сестра.

Как брат и сестра? Почему же Бузя меня стыдится?

* * *

שרײַבט אַרויס פונעם פראַגמענט: 1) די פּערזאָניקע ווערבן; 2) די אינפיניטיוון; 3) די פּאַרטיציפּן מיט זייערע הילפסווערבן.

שרײַבט אויך אַרויס אַלע סובסטאַנטיוון: 1) איינצאָל; 2) מערצאָל.

צווייטראַפּיקע און דרײַטראַפּיקע צוגאָבן[1]

1. אַהין: אַהינטאָן[2], אַהינקומען[3]. זיי ווייסן ניט, וווּ זיי האָבן אַהינגעטאָן דאָס געלט. מע האָט געפּרוווט דערגיין[4], וווּ זײַן געביין[5] איז אַהינגעקומען.

2. אַוועק־: אַוועקגיין[6], אַוועקפאָרן, אַוועקגעבן[7]. אַ טייל[8] איז אַוועקגעגאַנגען צופוס[9], און אַ טייל איז אַוועקגעפאָרן מיטן אויטאָבוס. זיי גיבן אַוועק אַלץ די קינדער.

3. אונטער־: אונטערבעטן[10], אונטערגיין[11], אונטערדריקן[12]. מע דאַרף איר אונטערבעטן אַ פּערענע[13]. די פּריצישע שיכטן[14] זײַנען שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. זיי האָבן אַלעמען אונטערגעדריקט.

4. איבער־: איבערבעטן[15], איבערזעצן[16], איבעררײַסן (איבער+רײַסן). מע דאַרף זיי איבערבעטן און איינלאַדן אַף דער כאַסענע. מע וועט מוזן איבערבעטן אַלע בעטן[17]. ער האָט גוט איבערגעזעצט דעם טעקסט. די בלומען וועט מען דאַרפן איבערזעצן. זיי האָבן איבערגעריסן דעם דיספּוט און זײַנען אַוועקגעפאָרן.

5. פאַנאַנדער־: פאַנאַנדערנעמען[18], פאַנאַנדערקלײַבן[19], פאַנאַנדערקלעפּן[20]. די אַלטע הײַזער[21] האָט מען פאַנאַנדערגענומען. מע האָט פאַנאַנדערגעקליבן אַלע נײַע פּראָיעקטן. מע האָט אין אַלע גאַסן[22] פאַנאַנדערגעקלעפּט מיטיילונגען[23] וועגן דעם נײַעם מאַרשרוט.

6. פאַרבײַ־: פאַרבײַגיין[24], פאַרבײַלויפן, פאַרבײַפאָרן. אַ טייל איז פאַרבײַגעגאַנגען צופוס, אַ טייל איז פאַרבײַגעלאָפן און אַ טייל איז פאַרבײַגעפאָרן אין די אויטאָבוסן.

7. פאָרויס־: פאָרויסזאָגן[25], פאָרויסזען[26]. זיי האָבן פאָרויסגעזען די געשעענישן[27], די אומגליקן[28] און האָבן פאָרויסגעזאָגט די פאָלגן[29] (רעזולטאַטן).

8. צוזאַמען־: צוזאַמענגיסן[30], צוזאַמענקלײַבן[31], צוזאַמענשמעלצן[32]. זיי האָבן געפּרוווט צוזאַמענגיסן די פליסיקײַטן[33]. מע האָט אַלעמען צוזאַמענגעקליבן אין דער פיזישער לאַבאָראַטאָריע, וווּ מע האָט צוזאַמענגעשמאָלצן די שטאָפן[34].

9. צונויפ־: צונויפגיסן[30], צונויפקלײַבן[31], צונויפשמעלצן[32]. די פליסיקײַטן[33] האָט מען צונויפגעגאָסן אין איין קיילע[35]. מע האָט אַלעמען צונויפגעקליבן אין איין לאַבאָראַטאָריע, וווּ[36] מע האָט די שטאָפן צונויפגעשמאָלצן.

10. צוריק: צוריקערן[37] (צוריק+קערן), צוריקציִען[38]. מיר האָבן זיי צוריקגעקערט פון מיטן וועג[39]. דער גאַסט האָט זײַן מיינונג[40] צוריקגעצויגן.

אייניקע ווערבן קומען אויך מיט די צוגאָבן „אַנטקעגנ־, אַנידער־, אַפּיר־, הינטער־". לעמאָשל: אַנטקעגנשטיין[14], אַנטקעגנשטעלן[42]; אַנידערוואַרפן[43], אַנידערשלײַדערן[44]; אַפּירנעמען[45], אַפּירשלעפּן[46]; הינטערלייגן[47], הינטערשטעלן[48].

Перевод: 1) двусложные и трехсложные «добавления»; 2) де(ва)ть; 3) де(ва)ться; 4) пытались разузнать; 5) прах, останки, скелет; 6) уходить; 7) отда(ва)ть; 8) часть; 9) пешком; 10) подстилать; 11) подходить; заходить (о солнце); погибать;

12) угнетать, притеснять; 13) перина; 14) помещичьи слои; 15) перестилать; просить прощения; 16) пересаживать; переводить; 17) кровати; 18) разбирать; 19) разнимать; 20) расклеивать; 21) старые дома; 22) улицах; 23) сообщения, извещения; 24) проходить мимо, обходить; 25) предсказывать; 26) предвидеть, предусматривать; 27) события; 28) несчастья; 29) результаты; 30) слить (вместе); 31) собрать (вместе); 32) сплавлять; 33) жидкости; 34) вещества, материалы; 35) сосуд, посуда; 36) где; 37) вернуть, возвращать; 38) брать назад (слово, предложение); 39) с середины пути; 40) мнение; 41) противостоять; 42) противопоставить; 43) кинуть, бросить вниз; 44) швырнуть (вниз); 45) вынимать из-под...; 46) тянуть, волочить из-под...; 47) положить сзади; 48) поставить сзади.

צוגאָבן מיטן פרעפיקס „אר־"

די איינטראַפיקע צוגאָבן „אומ־, אופ־, אויס־, אײַנ־, אָפ־" און די צווייטראַפיקע „אונטער־, איבער־" קומען אָפט מיטן פרעפיקס „אר־" (פונעם וואָרט „הער, אהער"[1]), וואָס גיט זיי צו[2] א מער קאָנקרעטן באַטײַט[3]: ווײַזט די ריכטונג פון דער טוונג[4]. לעמאָשל:

1. ארומ־ (אר+אומ־): ארומגיין[5], ארומלויפן[6], ארומנעמען[7]. מיר זײַנען א גאנצן טאָג[8] ארומגעגאנגען, ארומגעלאָפן, אומעטום אויסגעווען[9]. די באָבע[10] האָט אונדז אלעמען ארומגענומען און געקושט[11].

2. ארופ־ (אר+אופ־): ארופגיין[12], ארופלויפן[13], ארופנעמען[14]. מיר זײַנען גרינג[15] ארופגעגאנגען און אלץ[16] ארופגענומען. ארופלויפן מיט די פעקלעך[17] איז געווען גאנץ שווער[18].

3. ארויס־ (אר+אויס־): ארויסגיין[19], ארויסלויפן[20], ארויסנעמען. ארויסגעגאנגען פון שטוב, פון שטאָט[21], פון געדולד[22], פון די קיילים[23]. ארויסגענומען די הענט פון די קעשענעס[24], די קליידער (בגאָדים) פונעם אלמער (פון דער שאפע)[25]. ארויסגענומען דאָס געלט פון דער שפּאָרקאסע[26].

4. ארײַנ־ (אר+אײַנ־): ארײַנגיין[27], ארײַנוואָרפן[28], ארײַנשלעפן[29]. זיי זײַנען ארײַנגעגאנגען אין שטוב, אין שטאַל[30], אין קעלער[31]. אין ברונעם[32] האָבן זיי ארײַנגעוואָרפן שטיינער, צווײַגן און שמאטעס[33]. די פארוואונדעטע[34] האָבן זיי ארײַנגעשלעפט אין קעלער.

5. אראָפּ־ (אר+אָפּ־): אראָפּגיין[35], אראָפּוואַרפן[36], אראָפּנעמען. אראָפּגעגאנגען פון בארג[37], פון דאַך[38], פון לייטער[39], פון וועג[40], פון זינען[41]. אראָפּגעוואָרפן די שווערע מאַסע[42], די ווינטערדיקע בגאָדים[43], דעם קייסער[44], די מאכט[45]. אראָפּגענומען פון זיך אלע דאגות[46], אלע צאָרעס[47].

6. ארונטער־ (אר+אונטער): ארונטערוואַרפן[48], ארונטערפאלן[49], ארונטערשאצן[50]. ער איז ארונטערגעפאלן אונטער א פרעמדער ווירקונג[51]. מע האָט דעם אנשטאַלט[52] ארונטערגעוואָרפן אונטער זייער אָנפירונג[53]. זיי האָבן אונטערגעשאצט דעם דירעקטאָרס ראָליע[54], זײַנע פארדינסטן און זײַנע אופטוען[55].

7. אריבער־ (אר+איבער־): אריבערוואַרפן[56], אריבערפאָרן[57], אריבערשפאַנען[58]. אריבערגעוואָרפן די בלומען[59], די צײַטונג[60] אריבער דעם פּלויט[61]. אריבערגעפאָרן אין אן אנדער שטאָט[62]. מע האָט געדאַרפט אריבערשפאנען א סאך שוועלן[63], א סאך צוימען[64].

אין צווייטראַפיקע און דרײַטראַפיקע צוגאָבן איז דער אקצענט אפן צווייטן טראַף[65]. אָבער אין די צוגאָבן „אונטער־, איבער־, הינטער־" אקצענטירט מען דעם ערשטן טראַף[66].

צוגאָבן קומען טיילמאָל אָן די ווערבן[62]. לעמאָשל: 1) הײַנט זײַנען די קראָמען[68] צו (־צוגעמאַכט)[69]. 2) דער דאָקטער בייזערט זיך[70], פארוואָס מע האלט דאָס פענצטער צו[71]. 3) איינמאָל אין א שיינעם פרימאָרגן[72] זײַנען אלע זײַנע בעקערס[73] אופגעשטאַנען, צונויפגענומען די קלומקעס[74] און זײַנען אוועק[75] (־אוועקגעגאנגען). 4) ער איז ארײַן און ארויס (ארײַנגעגאנגען און ארויסגעגאנגען).

בא פערזאָניקע ווערבן (אין קעגנווארט) קומען די צוגאָבן נאָך[76] די ווערבן. צווישן[77] די פערזאָניקע ווערבן און די צוגאָבן קאָנען זײַן אלערליי זאצגלידער[78]. לעמאָשל:

1) מיר שטייען פרי אוף די לעצטע צײַט[79]. מיר שטייען די לעצטע צײַט פרי אוף.

2) זיי גיבן אוועק אלץ די קינדער. זיי גיבן אלץ אוועק די קינדער. זיי גיבן די קינדער אלץ אוועק.

דאָס וואָרט „ניט" בא א פערזאָניקן ווערב מיט א צוגאָב קומט פאר[80] דעם צוגאָב.

לעמאָשל: אָן[81] דעם בריגאַדיר הייבן מיר די ארבעט ניט אָן[82]. איך גיב אײַך די ביכער נאָך ניט אוועק[83]. איך דאַרף זיי.

Перевод: 1) сюда; 2) что придает им; 3) более конкретное значение; 4) показывает направление действия; 5) обходить, расхаживать; 6) бегать; 7) обнимать; объять; 8) целый день; 9) всюду побывали; 10) бабушка; 11) целовала; 12) всходить; 13) взбежать; 14) взять (наверх); 15) легко; 16) всё; 17) с пачками; 18) довольно тяжело; 19) выходить; 20) выбежать; 21) из дома, из города; 22) терпения; 23) из себя (дословно: из посуды, сосудов); 24) из карманов; 25) платья из шкафа; 26) деньги из сберкассы; 27) входить; 28) вбросить; 29) втащить, втянуть; 30) сарай, хлев; 31) погреб; 32) колодец; 33) камни, ветви, тряпки; 34) раненых; 35) сходить; 36) сбрасывать, низвергать; 37) с горы; 38) с крыши; 39) с лестницы; 40) с пути; 41) с ума; 42) тяжелую ношу; 43) зимнюю одежду; 44) царя; 45) власть; 46) все заботы; 47) невзгоды, несчастья; 48) скидывать, подбрасывать; 49) подпасть; 50) недооценивать; 51) под чужое влияние (воздействие); 52) учреждение; 53) руководство; 54) роль; 55) заслуги, затеи; 56) перебросить; 57) переехать; 58) перешагнуть; 59) цветы; 60) газеты; 61) через забор; 62) в другой город; 63) пороги; 64) преграды; 65) на втором слоге; 66) первый слог; 67) порой без глаголов; 68) лавки, магазины; 69) закрыты; 70) сердится; 71) почему держат окно закрытым; 72) однажды в прекрасное утро; 73) пекаря; 74) котомки; 75) ушли; 76) после; 77) между; 78) разные члены предложения; 79) рано встаем в последнее время; 80) перед; 81) без; 82) не начали работу; 83) я вам книг еще не отдаю.

ky's "Song of the Stormy Petrel". "Those Who Stand Far Away" (1922) is a pamphlet imbued with a spirit of hostility to cowardly apostasy and opportunism. In their time, Olgin's writings played a significant part in the consolidation, on an ideological basis, of the progressive forces in the Jewish communities of the capitalist countries. They have not lost their urgency even today.

Every issue of *Sovietish Heimland* contains documentary material under the heading, "People. The Times. Destinies". The article, "My Father's Stamp" by Zalman Kagane of Leningrad tells about the father of the first president of the Soviet Union, Yakov Mikhailovich Sverdlov, chairman of the All-Russian Central Executive Committee and a close colleague of Lenin. Another essay, by Naum Alpert of Vilnius, traces the life of Haim Khomsky, a rank-and-file fighter in the great army of proletarian revolutionaries, who carried on with his social work in free Lithuania for the benefit of the working people.

"Notes on the Contemporary Short Story", by Moscow's G. Remenik (D. Philol.), opens the literary critical section of our March number. The author analyses stories published in *Sovietish Heimland* No. 10, 1977, and uses the results as a basis for certain conclusions about contemporary Yiddish prose, its present state, and its prospects of further development. As the author puts it, notable successes have been achieved in the short story over the last ten years or more. This is shown, in particular, by the following books: *Years and Moments* by I. Shraibman, *Life and Light* by Sh. Gorshman, *Step Out* by M. Razumny, *The Road into the Distance* by T. Gen, and by other collections of short stories written by various hands and published in *Sovietish Heimland.* Alongside the prose writers, well-known poets D. Khaikine, M. Talalayevsky and A. Gontar have published short stories. New names have also appeared. G. Remenik mentions "Food for the Goldfish" by B. and A. Burshtein (already referred to in this résumé) as an example of creative success achieved by former readers of our journal who have since become writers themselves. "We have before us," he writes, "a mature work of art. Talent makes itself felt in everything: in the idea, in the architectonics of the story, in the development of the conflict and of the psychological and dramatic confrontation, in the precise delineation of character, in the reproduction of detail. . ."

Irme Druker of Odessa, the well-known prose writer and critic, is represented by an essay "Itsik Fefer in the Nearest", unusual in form and containing, apart from an analysis of the creative method of a poet who is one of the founders of Soviet Jewish literature, a reminiscence of meetings with him.

We are also publishing an article on boulevard drama by a theatre historian, the late I. Lyubomirsky.

Sculptor Zair Asgur of Minsk, a member of the USSR Academy of Arts, is now seventy years of age. To mark this occasion, we are publishing excerpts from his autobiography, *What I Remember.* The chapter "In My Friend's Studio" is about monumental sculptor Abraham Brazer, who executed the sculptural portrait of S. M. Kirov, and about his work on a portrait of the poet Izi Kharik.

As usual, our March issue includes a chronicle of cultural life, an editorial commentary, a miscellany, material for the Lexicon of Soviet Jewish Literature, and a Yiddish language lesson.

Translated by Alex Miller

"What are you drivelling about, wife? What d'you mean, a guest from the other world?"

"A poor Jew in a caftan this long. He brought us greetings from the other world. It was too good a chance to miss. What else could I do but send a little silver to my parents, and yours too?.."

"What Jew?" raged the merchant. "What the blazes was he?"

Seeing that his wife had been well and truly hoodwinked, the merchant dashed out of the house, jumped on his horse and galloped off in search of the visitor from the other world.

A long way out of town, at the very edge of the forest, he found our traveller resting in the shade of a tree.

"Excuse me, but have you noticed a poorly dressed Jew passing this way in a long caftan?"

The tailor instantly realised that this meant himself, so he craftily replied:

"Of course I have. He went this way."

The merchant decided to try flattery.

"I can see you're an honest man. Help me find that thief and I'll make it worth your while."

The tailor replied:

"With the greatest of pleasure... If I had a horse like yours, I could catch him in the twinkling of an eye."

"In that case," said the merchant, dismounting, "take my horse and gallop after the robber."

"Agreed," replied the tailor. "Only on one condition. Can you see my hat on the ground there? There's a bird underneath it. I'm taking it to the fair to sell it. It's a very valuable bird. A most unusual bird. It can talk like a human being... So do me a favour: look after it till I come back. Just so that it doesn't fly out from under the hat, which God forbid."

"You can rely on me!"

Our traveller mounted his horse and set off across the open plain.

On returning to his village, he went straight to the Rabbi.

"Rabbi, you were right, I found an even bigger fool than my wife. So there's no need for a divorce..."

The tailor and his wife are living in peace to this day.

But you probably want to know what became of the merchant. I can't rightly say myself. People say that he's still sitting hunched over the hat and minding the tailor's bird for him.

In our feature, "From Our Literary Heritage", the reader will find some unpublished verse by Ovsei Driz (1908-1971) from the cycle "For Big and Small". The roots of this fine poet's verses go deep into Jewish folklore. Driz understands the child's mind extremely well and this gives his poetry a particular appeal. Many collections were published during his lifetime, including translations into Russian (*The Merry Baker*, with a foreword by Lev Kassil, *The Height of Summer, A Mouthful of Water, The King's Ringlets, The Green Tailors* and others). Over a million copies of books by Driz have appeared in print. They are still being published posthumously (the collection *The Fourth String*, for example). The lyrical hero of his poems is the man who is experienced and resourceful, but is also a dreamer and a romantic–which brings him particularly close to the young reader.

"Memorable Literary Dates" is devoted to the centenary of Moisei Olgin's birthday. An active participant in the first Russian revolution, Olgin emigrated to America in 1921 and joined the Communist Party of the USA. Since the foundation of the Jewish Communist newspaper *Freiheit* (subsequently named *Morgn-Freiheit*–"Freedom Tomorrow"), he has been its chief editor.

Sovietish Heimland presents two works by this outstanding man of letters and public figure. "Yonder–To the Summit" is an inspired appeal to the proletariat to rise in the struggle for a happy future. Charged with historical optimism, this anthem to the glory of free labour is in tune with Gor-

ashamed to ask her husband for anything: God forbid, he would even burst out laughing at her! Whenever the children asked her for money to buy themselves something, she would reply:

"No, my dears, the money in that box is for Noitl..."

One day, it so happened that the conversation between the tailor's wife and her children was overheard through the open window by a certain merchant peddler who often came to the village. Now this man was a very sharp operator and he could size up a situation in no time. He went into the house and bowed to the tailor's wife:

"God be with you!"

The woman was dumbfounded on seeing a stranger in the house.

"Who are you? What d'you want here?"

"Don't be scared, Madam," replied the merchant gently. "My name is Noitl. You may have heard of me."

The housewife was so surprised that she lost her head.

"Noitl? Blessings on you, Noitl! It's a good thing you're here. It'll save us a journey."

And without hesitation she ran to the cupboard, took out the tin box and handed it to the visitor.

The wily merchant took the money-box and made off.

Soon after he had gone, her husband appeared in the doorway.

"What happened to you?" she said, rushing to greet him. "You'll never guess who was just here!"

The tailor shrugged his shoulders:

"Judging by your excitement, anyone would think we'd just been honoured by a visit from the Messiah."

"You silly man," said his wife happily. "Noitl was here! Noitl in person!"

"What d'you mean, Noitl?" asked the tailor in bewilderment. "Who the blazes is he?"

"Why, the Noitl you've been saving up the money for, of course! So I gave him the tin box..."

Realising that he had been well and truly hoodwinked, our tailor rushed off to the Rabbi to demand a divorce. After all, how could he go on living with a wife like that?

When the tailor had unburdened himself of his sorrows, the Rabbi said to him: "Listen, go on your travels, see a bit of the world, and if you don't find a bigger fool than your wife, I'll divorce the two of you."

There was nothing for it: the tailor had to do as he was told.

So he set off on his travels. He walked and he walked all day and all night. He went short of food and sleep. Finally, he came to a big city. He walked along the broad streets, admiring the tall, beautiful buildings and looking through the clean window-panes. Suddenly, as he was peering into an open window, he saw some children inside playing with a tin box. He went closer and froze on the spot: there were no two ways about it, it was his own box! The very one he had used to save up the coins in! The tailor immediately realised that this was the house of the rogue who had fooled his wife so neatly. "Right," he thought, "I'll get even with him this minute..." But before he even had time to take stock and figure out what to do, the housewife came to the window, all plastered with make-up and festooned with golden ornaments and jewellery. When she saw the poor Jew in the long caftan, she burst out laughing:

"Where are you from, my good man?"

"The other world," said the tailor without turning a hair.

"Indeed? You don't happen to have seen my mother and father up there, do you, and my grandfather and grandmother?"

"I'll say! I've seen them all. Not to mention your great-grandfather and your great-grandmother..."

"Really?" said the housewife, round-eyed. "Are they in need of anything?"

"Of course they are," replied the tailor solemnly. "They don't earn money in the other world, you know."

Without hesitating, the woman took the tin box from the children, filled it with silver coins and handed it to the visitor.

"Here you are, my good man! For all my relatives in the other world."

Our tailor went to a shop, bought a pile of presents for his family, fixed himself up with some smart clothes and set off back to his village.

In the meantime, the merchant returned home.

"Oh, what a pity you weren't here!" said his wife. "We had a visitor from the other world and he brought greetings from our relatives...."

---

* There is play on words here between *noitl* and the Jewish name Notele.

current issue of *Sovietish Heimland* gives some idea of this poet's wide-ranging interests, the richness of his palette, his trueness to the best traditions of classical and Soviet Jewish poetry, and his tireless creative searchings. Here is a translation of his poem, "Three Paths", included in our selection.

It is within me, from my heart, that they begin,
Three different trails, the pathways of my poetry.
Down one of them a weary man goes wandering;
The raging storms and many suns have browned his skin.
Leaving the fair, he seeks a night's rest at an inn:
The deals are done, the accounts all settled finally.

But down the second path a mischievous maiden dances,
Almost a child... The sun gleams in her hair,
The breeze runs after her, toys lightly with her tresses,
And she can hear his voice: it teases and caresses,
Whispering the magic of sweet nothings in her ear.

Tiring, she throws herself face down quite suddenly
Upon the drowsy grasses... The imp, she's laughing so!
But do not ask the girl at what she laughs, or why.
Her eyes are filled with merriment, as with wine,
Yet there are tears in them about to overflow.

And I?.. It's down the third path that I make my way.
The sun above me sinks into its slow decline,
I sit upon a stone, pluck grass and idly play
With it. I hear a song that comes from far away,
An air I learned to cherish once upon a time.
My homeland sings that song–
radiant, clear, sublime.
And I?...
I must keep going on. I cannot stay.

"By Our Readers" is a regular feature in *Sovietish Heimland,* which can always find space for readers making their first literary efforts in various forms. In our current issue, we are publishing verse contributed by writers in Leningrad, Kiev, Rostov, Gorky. Front-line veteran M. Rappoport writes on anti-war themes, and there are poetic miniatures from M. Minevich, I. Beker, M. Lemster and G. Baras.

To judge by his poems "The Riddles" and "The Pussy that Kept On Asking", Hershl Baraz has something to say to our youngest readers and can do so with facility, imagination and humour.

G. Gelibterman, a reader in Khmelnitsky has sent us a historical-literary essay on a visit to Proskurov in the Ukraine in the summer of 1914 on the eve of the First World War, by Solomon An-ski, the well-known playwright and folklorist. While living in Paris as an émigré, An-ski was secretary to Pyotr Lavrov, the Russian public figure, philosopher and literary critic. Our reader's letter gives facts throwing fresh light on An-ski as a democrat and educationist.

The same section includes a fairy-tale, "Need", taken down from his mother's narrative by Odessa reader Benjamin Brand.

Once upon a time, a Jewish tailor lived with his wife and children in a certain village. He was not a rich man, but he could sometimes put aside a few coppers out of his earnings for a rainy day.

"For Noitl",* the tailor used to joke as he dropped the coin into the tin box. This meant that the money was being saved up for hard times.

But the tailor's wife thought that "Noilt" was the name of a man to whom they had to give a handful of change when it had been accumulated.* She would have been

* Noitl (Yiddish): diminutive of *noitl*–need.

more than the sufferings endured by his fellow villagers. "Why only the sufferings?" he asks himself. "What about the joys? What about the full-blooded life of these people?.."

Other prose works in our March issue include "Reflections" by M. Altman of Chernovtsy, a senior Jewish writer, and a story from his series, "The Merry Club", by G. Kosoy of Vinnitsa. Gdale Kosoy, who celebrated his 75th birthday in February this year, returned to his home country at the beginning of the 1920s from overseas, where he lived for some time as an underprivileged immigrant. His "Merry Club" is original in form and in its characters, who have seen a thing or two in their time, conduct convincing discussions on subjects of "world and local importance" and exchange reminiscences...

Broche and Aron Burstein, a man-and-wife team from Perm, both of them engineers, recently made their appearance on the Jewish literary scene. They were first published in *Sovietish Heimland* No. 11 for 1976. They are now attracting considerable interest from editors and readers alike. Their story, "Food for the Goldfish", came out in our October number last year, and our November issue, dedicated to the 60th Anniversary of the Great October Socialist Revolution, featured their essay, "Master of Explosions". In the current issue, we are publishing two essays by these writers: "Boris Kris, Colonel of the Militia" and "A Visit to the Komi-Permyaks". There are interesting descriptions of the manners, customs and daily life of this small people living in the foothills of the Urals. Doomed to extinction before the Revolution, the Komi-Permyaks are living a full and happy life in Soviet times. B. and A. Burstein describe their meetings with representatives of the national creative intelligentsia and quote Yiddish translations of verse by Komi-Permyak poet Stepan Karavayev.

Riva Balyasnaya of Kiev is represented by three poems under the general title of "To Blaze Trails for All". New poems by Haim Beider of Moscow are grouped under the heading, "Carnations in the Snow". Here is one of them:

Little Bell Ringing

Now it booms in the sky
Like faraway thunder
While the breeze stirs the air all around;
Now it tinkles nearby
In sweet notes without number,
In a torrent of silvery sound.

I run after that voice,
Looking here, looking there,
Along forest ways devious and winding;
But I still cannot guess
Why it's hiding, or where,
Little bell in my ears ever chiming.

It rings out in the sun,
It grows faint in the dark,
It's like sunbeams on window-panes shining;
It's a song never done,
Oh, how long must I hark
To that bell in my ears ever chiming?

If I go, it still sings,
Now it plaintively falls,
Now it soars, to its zenith a-climbing;
Oh, it calls and it rings,
And it sings and it calls,
Little bell in my ears ever chiming.

Well-known Jewish poet Abraham Gontar was seventy years of age on 12th March. His first collection of verse came out in 1933. Since then, Gontar has published many books both in Yiddish and in Russian translations. He has met his birthday in the full flower of his creative talents, as is convincingly borne out by three collections published during the last two years: *Refrain* (Soviet Writer Publishers, in Yiddish), *Selected Verse* (Goslitizdat) and *Why the Moon Smiles* (Detgiz). The second and third books contain Russian translations of Gontar's poems. The selection being published in the

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" (The Soviet Homeland)
No. 3, March 1978

A few years ago, *Sovietish Heimland* began a new regular feature, "Extra-mural Conference on Theory". In our issue No. 5 for 1973, this feature dealt with problems of zionism in theory and practice. In our current number, our extra-mural conference discusses the new Constitution of the Union of Soviet Socialist Republics.

The selection begins with an article by P. Simush (Cand. Phil.), "The Social and Ideological Unity of Soviet Society". The author writes:

> "The socialist unity of society has been achieved for the first time in the history of world civilisation. This historic fact, recorded in the Constitution of the USSR, reveals with absolute clarity one of the most important tangible advantages of developed socialism in comparison with capitalism."

Impressive facts about the growing spiritual wealth of the Soviet people are quoted in their articles by philosophers N. Leizerov and N. Kiashchenko. The Soviet people read more books than any other nation in the world. More than the citizens of any other country, Soviet people go to cinemas, theatres, museums and concerts, not to mention the 25 million persons in the USSR, that is to say, one in every ten, who are engaged in creative work. There are 350 thousand libraries in the Soviet Union (not counting the millions of private libraries), 573 permanent professional theatres and over a thousand amateur companies. In 1976, there were 1,253,500 scientific workers in the Soviet Union–one quarter of all the scientific workers in the world.

Also of considerable interest is an article, "The Society of Emancipated Labour" by G. Provotorov (D. Econ.).

Our prose section includes the final part of Alexander Lizen's novel, *Nochemke Esreg.* This is the first major prose work by Lizen, a Jewish writer living in Lvov who has previously been noted for his short stories and essays.

The action unfolds during the Civil War years. The author tells us about the fate of the small Jewish village of Kopin and its inhabitants, who undergo the horrors of the Petlyura pogroms, the Denikin terror and the invasion of the White Poles. The young Nochemke Esreg performs the function of historian, as it were, of his native community. The plot is clearly imbued with the writer's own autobiographical reminiscences, and this gives the novel a special note of conviction. In spite of the tragic events described, the general impression is one of optimism, since faith in the immortality of the people emerges triumphant. Not for nothing does the young hero, realising that the implacable enemy intends to wipe Kopin from the face of the earth, come to the conclusion that posterity must preserve the memory of

о Буревестнике». «Те, кто стоят вдалеке» (1922) — памфлет, проникнутый духом непримиримости к трусливым отступникам и к оппортунистам. Сочинения М. Ольгина в свое время сыграли заметную роль в консолидации на принципиальной основе прогрессивных сил в еврейской среде капиталистических стран. Не потеряли они своей актуальности и по сей день.

«Люди. Время. Судьбы» — документальные материалы под таким общим заголовком можно найти в любом номере «Советиш геймланд». В очерке Залмана Кагана (Ленинград) «Отцовская печать» рассказывается об отце первого президента советской страны, председателе ВЦИК, ближайшем соратнике Ленина Якове Михайловиче Свердлове. Рядом с этим очерком — другой (автор Наум Альперт, Вильнюс), в котором прослеживается жизненный путь рядового бойца великой армии пролетарских революционеров Хаима Хомского, который в свободной Литве продолжал свою общественную деятельность на благо трудовому народу.

«Заметки о современной новелле» доктора филологических наук Г. Ременика (Москва) открывают литературно-критический раздел мартовской книжки журнала. В «Заметках», на основе анализа рассказов, опубликованных в «Советиш геймланд» № 10 за 1977 г., делаются некоторые выводы о современной прозе на идиш, её нынешнем состоянии и перспективах развития. По словам критика, за последние десять с лишним лет в жанре новеллы достигнуты заметные успехи. Об этом свидетельствуют, в частности, книги И. Шрайбмана («Годы и мгновения»), Ш. Горшман («Жизнь и свет»), М. Разумного («Шире шаг»), Т. Гена («Дорога в даль») и циклы новелл различных авторов, появившиеся на страницах «Советиш геймланд». Наряду с прозаиками, в качестве новеллистов выступают известные поэты — Д. Хайкина, М. Талалаевский, А. Гонтарь. Примечательно появление новых имен. В качестве примера творческого успеха вчерашних читателей журнала, ставших его авторами, Г. Ременик приводит рассказ упомянутых выше Б. и А. Бурштейн «Корм для золотой рыбки». «Мы имеем перед собой, — пишет он, — зрелое художественное произведение. Во всем чувствуется одаренность: в замысле, в архитектонике рассказа, в развертывании конфликта, психологической и драматической коллизии, в отчетливости изображения характеров, в воспроизведении деталей...»

Известный прозаик и литературный критик Ирмэ Друкер (Одесса) представлен в номере своеобразным по форме эссе «Ицик Фефер вблизи», содержащим, помимо анализа творческого метода поэта, являвшегося одним из основоположников советской еврейской поэзии, и воспитания о встречах с ним.

В номере напечатана статья недавно умершего театроведа И. Любомирского о нравах бульварного театра.

Члену Академии художеств СССР скульптору Заиру Азгуру (Минск) исполнилось 70 лет. В связи с этой датой журнал публикует фрагменты из автобиографической книги Азгура «То, что запомнилось». В главе «В мастерской моего друга» речь идет о скульпторе-монументалисте Абраме Бразере, авторе скульптурного портрета С. М. Кирова, о его работе над портретом поэта Изи Харика.

Как обычно, в мартовской книжке «Советиш геймланд» имеется разнообразная хроника культурной жизни, комментарии редакции, журнальная смесь, материалы для лексикона еврейской советской литературы, беседы о еврейском языке.

с того света. При такой оказии как было не послать немного серебра моим родителям, да и твоим тоже...

— Что за бедняк? — разбушевался купец. — Что за дьявол такой?

Видя, что жену недурно обманули, купец быстрехонько выбежал из дома, вскочил на коня и айда — искать пришельца с того света.

Далеко за городом у самой кромки леса настиг он нашего путешественника, который отдыхал в тени дерева.

— Скажите, прошу вас, здесь не проходил бедняк в длинном кафтане?

Портной сразу же сообразил, что имеют в виду его самого, и притворно ответил:

— Конечно, видел. Он проходил здесь.

Тогда купец обратился к нему с лестью:

— Я вижу, что вы честный человек. Помогите мне поймать этого вора. Я в долгу перед вами не останусь.

Портной ответил:

— С большой охотой... Кабы я имел такую лошадь, как у вас, я бы его поймал в мгновение ока.

— Коль так, — спрыгивает купец с лошади, — берите мою лошадь и скачите вдогонку за разбойником.

— Согласен, — отвечает портной, — только с одним условием. Видите, вот моя шляпа лежит на земле? Под ней сидит птица. Я везу её на ярмарку продавать. Очень дорогая птица. Необыкновенная птица. Умеет говорить человечьим голосом... Так что прошу вас: пока я не вернусь, постерегите мою птицу. Чтобы она, не дай бог, не вылетела из-под шляпы.

— Можете на меня положиться!

Наш путешественник сел на лошадь и пустился в чистое поле.

Возвратившись в свое местечко, он прямехонько отправился к раввину.

— Рэбэ, вы были правы, я отыскал бо́льшего глупца, чем моя жена. Так что развод не нужен...

Живут в мире и согласии портной со своей супругой по сей день.

Но вы, наверное, хотите знать, что же дальше произошло с купцом-коробейником? В точности я сам не знаю. Люди говорят, что он и поныне сидит, наклонившись над шляпой, и стережет птицу портного.

Перевод Л. Фрухтмана

В рубрике «Из литературного наследия» читатель найдет неопубликованные стихи Овсея Дриза (1908—1971) из цикла «Для маленьких и больших». Стихи этого большого мастера уходят своими корнями в еврейский фольклор. Особую прелесть поэзии О. Дриза придает отличное знание писателем психологии ребенка. При жизни поэта были изданы многие его сборники, в том числе в переводах на русский язык («Веселый пекарь» — с предисловием Льва Кассиля, «Вершина лета», «Глоток воды», «Косички короля», «Зеленые портные» и др.). Тираж книг Овсея Дриза перевалил за миллион экземпляров. Выходят они и после кончины автора (например, сборник «Четвертая струна»). Лирический герой поэзии О. Дриза — человек бывалый, изобретательный, но вместе с тем мечтатель и фантазер — особенно близок юному читателю.

Рубрика «Памятные литературные даты» посвящена столетию со дня рождения Моисея Ольгина. Активный участник первой русской революции, М. Ольгин эмигрировал в Америку и в 1921 году вступил в Коммунистическую партию США. Со дня основания коммунистической еврейской газеты «Фрайхайт» (впоследствии «Моргн-фрайхайт» — «Утро свободы») он становится её главным редактором.

«Советиш геймланд» знакомит читателя с двумя произведениями выдающегося литератора и общественного деятеля. «Туда — в высоту» (1906) — вдохновенный призыв к пролетариям подняться на борьбу за светлое будущее. Этот преисполненный исторического оптимизма гимн во славу свободного труда созвучен с горьковской «Песней

совестно: еще, не дай бог, смеяться над ней станет. Когда дети просили у неё денежку, чтобы купить себе что-либо, она отвечала:

— Нет, родненькие, эти денежки в коробке для Нойтл...

И случилось, что однажды разговор жены портного с её детьми подслушал через открытое окно некий купец-коробейник, не раз приезжавший в местечко. Купец этот был такой молодец, что палец ему в рот не клади — он быстро сообразил, что к чему и с кем имеет дело. Входит он в дом к портнихе и кланяется:

— Бог помощь вам!

Увидев в доме незнакомого человека, женщина оторопела:

— Кто вы? Что вам здесь нужно?

— Не пугайтесь, хозяйка, — ответил купец нежным голосом. — Меня зовут Нойтл. Может, слышали?

От неожиданности портниха растерялась.

— Нойтл? Благословен будь, Нойтл. Очень хорошо, что вы здесь. Нам не придется лишний раз ходить.

И недолго думая бежит к шкафу, достает жестяную коробку и протягивает гостю.

Хитрый купец взял коробку с деньгами, и был таков.

Вскоре как только коробейник исчез, на пороге дома появился муж.

— Где ж ты пропадал? — бросилась портниха ему навстречу. — А ну угадай, кто тут был у нас?

Пожимает портной плечами:

— Видя твой восторг, можно подумать, что сам Мессия почтил нас своим визитом.

— Эх ты, глупышка, — радуется жена, — Нойтл был у нас. Сам Нойтл!

— Какой еще такой Нойтл? — переспросил портной, не понимая её. — Что за чертовщина?

— Ну Нойтл, тот самый, для которого ты откладывал деньги. Вот я и отдала ему жестяную коробку...

Поняв, как здорово он влип, наш портняжка побежал к раввину требовать развода. Да и как он мог жить дальше с этакой женой?

Когда портной излил раввину свою печаль, тот ему сказал:

— Знаешь что, поезжай-ка, поброди по свету — и если не найдешь большего глупца, чем твоя жена, тогда я разведу тебя с ней.

Делать нечего, надо подчиняться.

Наш портной пустился в дорогу. Идет он, идет дни и ночи напролет. Недоедает, недосыпает. Пока наконец не приходит в большой город. Шагает по широким улицам, диву дается красивым высоким домам, заглядывает в чистые стекла окон. Вдруг, заглянув в одно открытое окно, видит, как дети в доме играют с жестяной коробкой. Подходит поближе и замирает на месте: это же его коробка, нет никакого сомнения! — та самая коробка, в которую он бросал отложенные монеты. Портной сразу же понял, что здесь-то и живет прощелыга, так ловко надувший его жену. «Ну, — думает, — сейчас я с ним посчитаюсь...» И не успел еще и оглянуться, сообразить, что предпринять, как к открытому окну подошла хозяйка дома — вся размалеванная, увешанная золотыми украшениями и драгоценными камнями. Увидав бедняка в длиннополом кафтане, дама громко рассмеялась:

— Откуда вы, добрый человек?

— С того света, — не растерявшись ответил портной.

— Вот как?! А, может, вы там и отца моего с матерью видели, и дедушку с бабушкой?

— А как же! Всех видел. Даже и прадедушку вашего и прабабушку...

— В самом деле? — хлопает дама глазами. — Может, они нуждаются в чем-нибудь?

— Конечно, нуждаются, — отвечает ремесленник всерьез, — ведь денег на том свете не зарабатывают...

Недолго думая, отняла женщина у детей жестяную коробку, наполнила её серебряными монетами и подала гостю:

— Вот вам, добрый человек! Для всех моих родственников на том свете.

Наш портной пошел в магазин, накупил подарков для своих домочадцев, сам принарядился и пустился в обратный путь к себе в местечко.

Тем временем купец-коробейник возвратился домой.

— Ах какая жалость, что тебя не было дома, — встретила его жена. — У нас тут гость был с того света, привет от наших передал...

— Что ты плетешь, жена? Какой такой гость с того света?

— Ну бедняк один, вот в таком длинном кафтане. Он и передал нам привет

Известному еврейскому поэту Абраму Гонтарю 12 марта исполняется 70 лет. Первый его сборник стихов вышел в свет в 1933 году. После этого А. Гонтарь опубликовал много книг — на еврейском языке и в переводе на русский. Свой юбилей поэт встречает в расцвете творческих сил, о чем убедительно свидетельствуют три его сборника, изданные за последние два года: «Напев» («Советский писатель», на идиш), «Избранное» («Гослитиздат) и «Почему луна улыбается» («Детгиз»); две последние книги включают переводы стихов Гонтаря на русский язык. Подборка стихов, печатающаяся в настоящем номере «Советиш геймланд», дает представление о широте интересов поэта, о богатстве его палитры, о верности лучшим традициям еврейской классической и советской поэзии, о неутомимых творческих поисках. Приводим перевод стихотворения «Три тропинки», которое вошло в эту подборку.

От сердца моего берут они разбег —
Тропинки строк моих, мои пути-дороги.
Одной из них идет усталый человек,
Он солнцем опален, и бури не избег,
Бредет он с ярмарки житейской на ночлег:
Закончены дела, подведены итоги...

А по другой тропе спешит почти дитя —
Девчурка резвая... Сверкает солнце в косах,
Их треплет ветерок, за нею вслед летя,
Он шепчет на ушко, ласкаясь и шутя,
Волшебные слова — турусы на колесах.

И, ослабев, она бросается ничком
В дурман прогретых трав... Хохочет озорница.
Над чем и почему — не спрашивай о том!
Глаза её полны весельем, как вином,
И все же — слезы в них, готовые пролиться.

А я?.. Я сам иду по третьему пути,
И солнце надо мной склоняется к закату.
На камень я присел, травинку сжал в горсти
И слушаю, как будто в забытьи
Простой напев, со мной сроднившийся когда-то.
Поет родной мой край — светло, прозрачно, свято.
А я?..
А мне — идти, все вдаль и вдаль идти.

Перевод Ю. Нейман

«Произведения наших читателей» — постоянная рубрика журнала, гостеприимно представляющего свои страницы тем читателям, которые пробуют перо в различных жанрах. В мартовской книжке «Советиш геймланд» опубликованы стихи, присланные читателями из Ленинграда, Киева, Ростова, Горького. Запоминаются антивоенные мотивы бывшего фронтовика Ш. Раппопорта, поэтические миниатюры М. Миневича, И. Бекера, М. Лемстера, Г. Бараза.

Читатель из Хмельницкого Г. Гелибтерман прислал в журнал историко-литературное эссе о пребывании летом 1914 года, накануне первой мировой войны, в Проскурове на Украине Ш. Ан-ского, известного драматурга и собирателя еврейского фольклора.

В том же разделе печатается, записанная одесским читателем журнала Вениамином Бранд со слов его матери, сказка «Нужда».

Жил да был в одном местечке еврей-портной со своей женой и детьми. Богачом он не был, однако мог иногда отложить от своего заработка несколько грошей про черный день.

— Для Нойтл[1], — любил пошутить портной, опуская грошик в жестяную коробку. Это значило, что деньги копятся на случай, когда нужда придет.

Но жена портного сочла, что «Нойтл» — это имя человека, которому они должны отдать собранную горсть мелочи[2]. Спрашивать о чем-либо мужа ей было

[1] Нойтл (евр.) — уменьшительное от слова «нойт» — нужда.

[2] В сказке очевидный намек на созвучие слова «нойтл» с еврейским именем Нотэле. (*Примеч. переводчика*).

оптимистическое, ибо в нем торжествует вера в бессмертие народа. Недаром молодой герой, размышляя о том, что неумолимый враг намеревается стереть Копин с лица земли, приходит к заключению, что потомки должны сохранить память не только о страданиях, перенесенных его земляками. «Почему только о страданиях? — Задается он вопросом. — А о радостях? А о полнокровной жизни этих людей?..»

Среди других прозаических произведений мартовского номера — «Раздумья» М. Альтмана (Черновцы), старейшего еврейского писателя, и рассказ из серии «Веселый клуб» Г. Косого (Винница). Гдале Косой, которому в феврале текущего года исполнилось 75 лет, в начале 20-х годов вернулся на родину из-за океана, где жил некоторое время на положении бесправного эмигранта. Его «Веселый клуб» — оригинальное в жанровом отношении произведение, персонажи которого, люди изрядно пожившие, ведут доверительные беседы на темы «глобального и местного значения», делятся своими воспоминаниями...

Два инженера из Перми, супруги Брохе и Арон Бурштейн, совсем недавно вошли в еврейскую литературную среду. Их дебют состоялся на страницах «Советиш геймланд» в № 11 за 1976 год. Сейчас они привлекают к себе пристальное внимание редакции и читателей. В октябрьской книжке журнала за прошлый год был напечатан их рассказ «Корм для золотой рыбки», в ноябрьской, посвященной 60-летию Великой Октябрьской социалистической революции, очерк «Хозяин взрыва». Ныне, в мартовском номере журнала, публикуются две очерковые зарисовки этих авторов — «Подполковник милиции Борис Крис» и «В гостях у коми-пермяков». Интересны описания нравов, обычаев, быта небольшой народности, обитающей в предгорьях Урала. Обреченные до революции на вымирание, коми-пермяки в советскую эпоху живут полнокровной счастливой жизнью. Б. и А. Бурштейн рассказывают о встречах с представителями национальной творческой интеллигенции, приводят в своем переводе на идиш стихотворение коми-пермяцкого поэта Степана Караваева.

Тремя стихотворениями, объединенными под общим заголовком «Для всех прокладывать пути», выступает Рива Балясная (Киев). Новые стихи Хаима Бейдера (Москва) носят общее название «Гвоздики на снегу». Вот одно из них:

Колокольчик звенит

То нагрянет раскатом
Вдали, как гроза,
В легком воздухе, ветром колеблемом,
То рассыплется рядом
На все голоса,
Заливаясь трезвоном серебряным.

То под солнцем звончей,
То погасший во мгле,
То на окнах, как зайчик, мелькающий —
Сколько дней и ночей
Всё он слышится мне,
Колокольчик, в ушах не смолкающий.

Я на голос бегу,
Озираясь вокруг,
По дорожкам, тропинкам, излучинам.
Я понять не могу,
Где он спрятался вдруг
Колокольчик, звоночек певучий мой?

Ухожу — он поет,
Он взлетает в зенит
Звонким эхом и голосом тающим,
И звенит и зовет,
И зовет и звенит
Колокольчик, в ушах не смолкающий.

Перевод Л. Беринского

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская Родина») № 3, март, 1978

Несколько лет тому назад журнал «Советиш геймланд» ввел рубрику «Заочная теоретическая конференция». В № 5 за 1973 г. рубрика была посвящена вопросам теории и практики сионизма. В настоящем номере темой заочной конференции является новая Конституция Союза Советских Социалистических Республик.

Подборка открывается статьей кандидата философских наук П. Симуша «Социальное и идейное единство советского общества». Автор пишет:

«Социальное единство общества достигнуто впервые в истории мировой цивилизации. Этот исторический факт, зафиксированный в Конституции СССР, со всей очевидностью раскрывает одно из важнейших реальных преимуществ развитого социализма по сравнению с капитализмом».

Впечатляющие данные о растущем духовном богатстве советского народа приводят в своей статье философы Н. Лейзеров и Н. Киященко. Советский народ — самый читающий народ в мире. Больше граждан любой другой страны советские люди посещают кинотеатры, театры, музеи, концерты, не говоря уже о том, что в СССР 25 миллионов человек, то есть каждый десятый, занимаются художественным творчеством. В стране 350 тысяч библиотек, не считая миллионов личных библиотек граждан, 573 профессиональных стационарных театра и более тысячи народных самодеятельных коллективов. В 1976 г. в Советском Союзе было 1.253.500 научных сотрудников — одна четвертая часть всех научных сотрудников мира.

Большой интерес вызывает также статья доктора экономических наук Г. Провоторова «Общество освобожденного труда».

В отделе прозы заканчивается печатание романа Александра Лизена «Нохемке Эсрег». Это первое крупное прозаическое произведение живущего во Львове еврейского литератора, ранее выступавшего преимущественно в жанре короткого рассказа и очерка.

Действие романа развертывается в годы гражданской войны. Автор рассказывает о судьбе небольшого еврейского местечка Копин и его обитателей, испытавших ужасы петлюровских погромов, деникинского террора, нашествия белополяков. Юный Нохемке Эсрег выступает в роли своеобразного летописца родного местечка. Очевидно, сюжет навеян автобиографическими воспоминаниями писателя, и это придает роману особую доверительную тональность. Несмотря на трагизм событий, описываемых в романе, он производит впечатление

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал
На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, С. Фрай,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 30.XII.1977 г. Подписано к печати 16.II.1978 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1981.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1978 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 3

1978

■

В НОМЕРЕ:

Теоретическая конференция по вопросам новой Конституции СССР. Г. Правоторов. Общество освобожденного труда. П. Симуш. Социальное и идейное единство советского общества. Н. Лейзеров, Н. Киященко. Советская Конституция и духовные богатства советского народа.

А. Лизен. Нохемке Эсрег (окончание романа).

Рассказы Г. Косого, М. Альтмана, А. Зайчика.

Стихи Р. Балясной, А. Гонтаря, Х. Бейдера, О. Дриза, С. Раппопорта, М. Миневича, Г. Бараза, И. Беккера.

Очерки Б. и А. Бурштейнов, Д. Файнштейна, Г. Гелибтермана, З. Кагана, Н. Альперта, М. Ольгина.

Современные русские песни в переводе А. Вергелиса.

Литературная критика. Вопросы искусства. Г. Ременик. О современной новелле. И. Друкер. И. Фефер, каким я его знал. О. Любомирский. Из истории театра. З. Азгур. То, что помнится. З. Компанеец. Встречи с Д. Шостаковичем.

Листая газеты и журналы. Хроника. Разное. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.